STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03139

YISROEL, GERANGL UN DERGREYKHUNGEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל

גערανגל און דערגרייכונגען

רעדאַקטאָר:

יהודה גאָטהעלף

פון עברית:

שלמה שנהוד

איחוד עולמי
פועלי־ציון (צ. ס.) — התאחדות

ישראל — געראַנגל און דערגרייכונגען

ISRAEL — STRUGGLE AND ACHIEVEMENTS

ביכער־פאַרלאַג „המנורה" רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" Publishing House
24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

אינהאַלט

פאָרוואָרט 9

מדינת ישראל אין איר פאָרמירונג

פון אַ נאַציאָנאַלער היים צו מדינת ישראל
— אריה טאַרטאַקאָווער 21
דער שלום אין מיטל־מזרח אין די אויגן פו ישראל
— אבא אבן 37
די פראָבלעמען פון מינדערהייטן אין ישראל — מ. אסף . 57
מדינת ישראל און דאָס יידנטום אין די תפוצות
— יצחק קאָרן 71

ווירטשאַפט און געזעלשאַפט

ישראלס עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט — ווי־אַזוי ?
— ד. האָראָוויץ 85
דער אייגנאַרט פון דער ישראל געזעלשאַפט
— יהודה גאָטהעלף 95
די מסכתא „קליטה" — ק. שבתאי 114
דעמאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען
— אלכסנדר מנור 125

דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן

קולטור און דערציאונג — ז. ארן 145
צווישן דער יידישער רעליגיע און דער יידישער מדינה
— ישראל ישעיהו 166
די וועגן פון אמונה אין דער ישראל געזעלשאַפט
— יצחק מאור 191
דאָס קולטורעלע לעבן און שאַפן אין ישראל — ישראל כהן 205
דער דרייפאַכיקער פאַדעם — בצלאל שחר 224
פאַר אַן איינהייטלעכער ישראל געזעלשאַפט — אליהו אגסי 232
א. געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט
ב. מקורות פאַר געזעלשאַפטלעכע רייבונגען
ג. דער כאַראַקטער פון היסטאָרישן תהום
ד. דער קולטורעלער און בילדונגס אונטערשיד
ה. עקאָנאָמישער תהום
ו. די פאַרשידענע דערוואַרטונגען
ז. פאָראורטיילן און געפאַנצערטע אינטערעסן
ח. די טעותדיקע צוגענג
ט. מאַנגל אין פינאַנס־מיטלען און אין מענטשן־מאַטעריאַל
פאָליטישע פאַרטייען אין ישראל — מ. קיטרון . . . 259
די ישראל בירגערין אין אונדזער צייט
— רבקה קאַצענעלסאָן 272

די אַרבעטער באַוועגונג

דער ישראלדיקער סאָציאַליזם — אהרן יאַדלין . . . 289
חברת העובדים און אירע פּראָבלעמען — משה א. גלבוע . 310
דער קיבוץ אין דער ישראל געזעלשאַפט — אריה אופיר . 316
דער מושב עובדים אונטערן פּרווו פון טעכנאָלאָגישע און
געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען — שמואל שורש . . . 329

די קאָאָפּעראַציע — אירע דערגרייכונגען און פּראָבלעמען
— ל. לוש 340
א. די פּראָדוציר־באַדינונג קאָאָפּעראַציע
ב. קאָנסום־קאָאָפּעראַציע

פּאָרויסגייער

פראַגמענט פון „רוים און ירושלים" — משה העס . . 365
אַ פאָלק אָן באָדן — ב. באָראָכאָוו 368
יסודות — א. ד. גאָרדאָן 371
די סאָציאַליסטישע יידישע מדינה — נ. סירקין . . 375
וואָס איז דער אונטערשיד צווישן סאָציאַליסטישן ציוניזם
און אַן אַנדערן ציוניזם? — בערל קאַצענעלסאָן . 397

פאַרוואָרט

די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף זיך שטעלן פון מאָל צו מאָל די פראַגע: פון ווו און וואוהין? וואָס איז דער קורצטער וועג פונעם אויסגאַנגס־פונקט צו אונדזער נאָענטן ציל און פון אים צום ווייטן היסטאָרישן ציל, וואָס איז באַלויכטן מיט ליכט פון וויזיע.

אונדזער אויסגאַנגס־פונקט איז: קיבוץ גלויות, דער ציל — עם סגולה. אמת, דער ציוניזם האָט אונדז טאַקע געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק „ככל הגויים". לויט מאַקס נאָרדוי איז דער איינציקער ציל פונעם ציוניזם די נאָרמאַליזאַציע פונעם פאָלק, וואָס לעבט און ליידט אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען. ממש ווי עס האָבן געפאָדערט די בני־ישראל פון שמואל הנביא אין דער פריסטער היסטאָריע פון אונדזער פאָלק: „שׂימו לנו מלך ככל הגויים" (קרוין אונדז אַ מלך ווי ביי אַלע גויים). אָבער די נביאים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס פאָלק וועט קיין קיום נישט האָבן אויב עס וועט נישט זיין, קיין אויסדערוויילט פאָלק, אַ באַזונדערס, אַן עם סגולה.

הערצלס אויפפאַסונג איז געווען אַן אַנדערע ווי נאָרדויס, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די יידישע געזעלשאַפט דאַרף נישט נאָר זיין אַ נייע, נאָר אויך אַ בעסערע. הערצל אַליין איז נישט געווען קיין סאָציאַליסט, זיין פאָרגעשלאָגענער פאָליטישער רעזשים איז דאָך אַ צווישן־פאָרם צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, וואָס ער רופט עס אָן מאַטואַליזם, אין וועלכן עס איז אין זיין פלאַן פאַרזיכערט דער מדינה דער באַזיץ אויף די שליסל־פּאָזיציעס פון די פינאַנסן, און צוזאַמען מיטן פּריוואַטן סעקטאָר זעט ער אַ פאַרצווייגטע קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט אין דער געזעלשאַפט.

די ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין פלוג געהאַט איר אייגענע אידייאישע ירושה, וואָס ציט זיך פון משה העס צו באָראָכאָוו און סירקינען. זי האָט למעשה נישט געקענט זיך פירן לויט די אידייאישע פאָרמען, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פון חוץ־לארץ — נישט לויט באָראָכאָווס ציוניסטיש־מאַרקסיסטישן נוסח, און נישט לויט סירקינס סאָציאַל־אָטאָפּישע

וויזיע, נאָר האָט אָנגענומען דעם וועג פון „נסיון און טאַט״; און קלאָמערנדיק זיך אין די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרונט־אידייען האָט זי אויסקריס־טאַליזירט די לערע פון טאַט, וואָס איז געווען ראַדיקאַל פון איין זייט און רעאַל אין די פאַרווירקלעכונגס־דרכים פון דער צווייטער זייט.

אין דער פאַר־מלוכהשער תקופה, און אין אַ שאַרפערער מאָס נאָכן אויפקום פון דער מדינה, איז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג געשטאַנען כביכול פאַר צוויי קעגנגעזעצטע אויפגאַבן. פון איין זייט האָט זי זיך פאַרפליכטעט, קלאָמערנדיק זיך אין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, צו שאַפן אין לאַנד אַן אַרבעטנדיקע געזעלשאַפט, אַן איבער־קלאַסן געזעלשאַפט, ס׳הייסט אַ סאָצ־יאַליסטישע. אין פלוג איז עס דער פּראָבלעם פון פאַרפירקאַנטיקן דעם קרייז. אָבער די לייזונג איז געקומען דורך דעם, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך באַגענוגנט מיטן שאַפן מדינת־ישראל ווי אַ סאָציאַלע מדינה (וואָס פאַר־אייניקט די אויפגאַבן פון אַן אַנטוויקלונגס־מדינה מיט די פאַרפליכטונגען פון אַ מדינה פון סאָציאַלער־שוץ און צוזאַמען מיט דעם האָט זי זיך באַמיט צו שאַפן אין דער סאָציאַלער מדינה אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט, ווי אַ באַזע פאַר אַ סאָציאַליסטישער מדינה.

אין קעגנזאַץ צו דעם אָנגענומענעם אין דער וועלט, האָט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג געטראָגן מיט ליבשאַפט דעם הויפּט־עול פון אויפנעמען עולים, אין וועלכע זי האָט נישט געזען קאָנקורענטן, וואָס קומען אַרונטער־דריקן דעם לעבנסטאַנדאַרט, נאָר געזען אין זיי שותפים צו שאַפן דאָס פאָלק און די קלאַס. נאָך מער, מיטן שאַפן אַ חלוציש־קאָלעקטיווע ווירטשאַפט האָט זי בייגעשטייערט אַ דאָמינירנדיקן בײשטייער אויף צו באַזעצן די וויסטעניש און אַנטוויקלען דאָס לאַנד.

אויסגלייכן די סתירה צווישן דער נאַציאָנאַלער אחריות און דער סאָציאַלער שליחות האָט זיך גענויטיקט אָפּצוטיילן די מדינה פון דער געזעלשאַפט. עס איז טאַקע נישט בלויז אַ ישראל פראַגע, אָבער די לייזונגען זענען פאַר־שידן אין איינקלאַנג מיט די היסטאָרישע און סאָציאַלע אומשטענדן פון די פעלקער. די אַנגלאָ־סאַקסישע פילאָזאָפיע, למשל, האָט פון תמיד אָן באַטאָנט דעם פּרט און אין דער מדינה האָט זי געזען אַמהעכסטנס דאָס שלעכטס אין זיין נויטווענדיקייט. וואָס ווייניקער די מדינה מישט זיך אַריין אין די ענינים פון ווירטשאַפט און געזעלשאַפט, אַלץ בעסער וועט זיין פאַרן פּרט און פאַרן כלל. דערקעגן, האָט די דייטשע פּאָליטישע פילאָזאָפיע געפּלעגט די פאַר־

געטערונג פון דער מדינה, אָן וועלכער דער פּרט האָט נישט קיין קיום. אין דער מדינה האָט זי געזען אַ ציל פאַר זיך, די העכסטע טענדענץ, דער פּוסק אחרון אין הלכות מוסר, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אין די רעאַקציאָנערע און טאָטאַליטאַרישע באַוועגונגען.

באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אויסגעקליבן פון אָנהייב אָן דעם צווישן־וועג — רעכט פון עקזיסטענץ פאַר מלוכהשער טעטיקייט און פאַר געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו, אַ קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן דער געזעלשאַפט, וואָס בויט די מדינה, און דער מדינה, וואָס העלפט פלעגן די געווינטשענע טענדענצן צווישן דער געזעלשאַפט. אין דעם ענין האָט זיך די ישראל אַרבעטער־באַוועגונג נישט געפירט לויט דער מאַרקסיס־טישער קאָנווענץ, וואָס האָט געזען אין דער עקזיסטירנדיקער מדינה אָן „אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער בורזשואַזיע", נאָר לויט לאַסאַלן, וואָס האָט געוואָלט מיט דער הילף פון דער מדינה שאַפן קאָאָפּעראַטיוון פאַר אַרבעטער. דאָס איז למעשה אַ מין פּאַטענט פונעם ישראל־סאָציאַליזם, וואָס האָט נישט אָפּגעלייגט דאָס אויפשטעלן די קעמערלעך פון דער זעלבשטענדיקער אַר־בעטער־ווירטשאַפט ביז נאָכן דעראָבערן די מאַכט — אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אָדער פאַרלאַמענטאַרישן אופן — פון דער בורזשואַזיע, נאָר גלייכצייטיק געבויט די סאָציאַלע מדינה און געפלעגט אין איר דעם אַרבעטער פון דער סאָציאַליסטישער מדינה. מאַרקסיסטן־לעניניסטן לאַכן פון אונדזער „אָטאָ־פּיזם" און אויך די מערב סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך נישט באַפרייט פון דער אַלטער אידייען־קאָנוועץ, לייקענען־אָפּ די שאַנסן פון אָן אַרבעטנ־דיקער געזעלשאַפט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער סביבה, אָבער די דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן באַרעכטיקט אירע הנחות.

דוכט זיך, אַז די ישראל אַרבעטער־באַוועגונג וועט לחלוטין גערעכט זיין אויב זי וועט פאַרזעצן איר וועג — אין ליכט פון דער ביטערער קאָמאָניסטישער פּראַקטיק אין סאָוויעטישן בלאָק, וואָס כאָטש זיי האָבן באַקומען די מאַכט איז זיי אַזוי שווער צו בויען אַן עכטע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט: אַנטקעגן דעם וועג פונעם מערב־סאָציאַליזם, וואָס האָט אַמהעכסטנס מצליח געווען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער אינערהאַלב דעם קאַפּיטאַליזם, אָבער זייער ווייניק פאַרגעגאַנגען ביים בויען אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט. אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט באַקעמפט דעם פעאָדאַליזם אויפן פּאָליטישן געביט נאָכדעם וואָס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט־קעמערלעך האָבן שוין געדייעט אין שויס פון פעאָדאַליזם, אַזוי דאַרף די אַרבעטער־באַוועגונג אָנ־

הייבן אויפבויען די קעמערלעך פון די אַרבעטער געזעלשאַפטן ביי דער זייט פון קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר, אַפילו ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך נאָכ־נישט פאַרוואַנדלט אין אַן אַרבעטנדיק פאָלק, אין אַן איבער־קלאַסן געזעל־שאַפט.

פון דאַנען שטאַמט דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דער הסתדרות. די קלאַסישע באַצייכענונג, ווי עס האָבן זי באַצייכנט אין זייער בוך סידני און ביאַטריס וועב איז: „אַ פּראָפ־פאַראיין אין אַ באַשטענדיקע פאַראייניקונג פון לוין־אַרבעטער אויסצובעסערן די אַרבעטס־באַציאונגען און די עקזיס־טענץ־באַדינגונגען פון אירע חברים״. אָבער די הסתדרות האָט פאַר זיך פעסטגעשטעלט פון אָנהייב אָן אַ דרייפאַכיקע אויפגאַבע: שאַפן אַן אַרבעטער־קלאַס (לוין־אַרבעטער און זעלבשטענדיקע), אויסבעסערן די לאַגע פון אַר־בעטער אין קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר, שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט. נישט בלויז שיצן די פּריווילעגיעס אין דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט, נאָר שאַפן אַ נייע ווירקלעכקייט. די הסתדרות שיצט נישט נאָר די קלאַסן־עגאָיסטישע אינטערעסן („טיילווייז״) פונעם אַרבעטער־ציבור, נאָר זי דריקט־אויס, לויט איר מהות, די היסטאָרישע שטרעבונג פונעם פאָלק צו זיין אַן „עם סגולה״.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט געקומען צו פאַרטיילן דאָס עקזיסטירנדיקע, נאָר עס פאַרטאָפּלען אַ פאַר פאַכיק און דערנאָך ערשט פאַר־טיילן דעם נאַציאָנאַלן פּראָדוקט לויט אַ גערעכטע פאַרטיילונג. כדי צו פאַר־שנעלערן דעם פּראָצעס פון דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, אויסשעפּנדיק אַלע מעגלעכקייטן און באַלאַנסירנדיק די פרייהייט פון פּרט און די אחריות פונעם כלל — וועט אָנגיין די אַרבעט פאַרצושטויסן די לאַנדווירטשאַפט און די אינדוסטריע און דעם ווירטשאַפטלעכן געזעל־שאַפטלעכן פּלוראַליזם, ס׳הייסט, קאָ־עקזיסטענץ פון פאַרשידענע ווירט־שאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע פאָרמען: פּריוואַטע, קאָאָפּעראַטיווע, מלוכהש־קאָלעקטיווע און אַנדערע.

אין אָנהייב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין דער יידישער עפנטלעכקייט אַ וויכוח וועגן דער פּראָפּאָרץ צווישן דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער לייזונג און איר סאָציאַלן אינהאַלט. געווען ווער ס׳האָט געהאַלטן, אַז קודם דאַרף מען שאַפן דעם נאַציאָנאַלן אויפקום (די מדינה), און דערנאָך וועט קומען די צייט צו זאָרגן פאַר דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער ישראל־

געזעלשאַפט. דער וויכוח איז באַזיגט געוואָרן דורך דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער באַטייליקונג פון די פּראָגרעסיווע ציוניסטן — קעגן דעם רעוויזיאַ־ניזם. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און איר יורשטע מדינת־ישראל, האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן דער פּאָליטישער אויפגאַבע און דער סאָציאַלער. אדרבא, אַ דאַנק דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון אונדזער מלוכה־שער־און התישבות־טעטיקייט איז מעגלעך געוועזן צו לייגן פונדאַמענטן פאַר אַן אַרבעטנדיקן פאָלק אין דאָרף און אין שטאָט. היינט־צו־טאָג לאָזט זיך פון מאָל צו מאָל באַמערקן אַ מין רעצידיוו פון יענעם וויכוח. ווען אַפילו ער האָט זיך באַנייט מצד אַנדערע קרייזן. ווידער אַמאָל פּרוווט מען אַוועקשטעלן די מדינה אַלס עיקר און די געזעלשאַפט ווי עפּעס איבעריקס. ווידער אַמאָל הערט זיך די טענה, אַז קודם־כל דאַרפן מיר פלעגן אַ מלוכהשן צוגאַנג, און דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך. אָבער די צוקונפט פון דער מדינה און איר אַנטוויקלונג זענען היינט־צו־טאָג, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, נישט ווייניק אָפּהענגיק אין ספּאָנטאַנישער טעטיקייט פון געזעלשאַפטלעכע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס ווערן געשטיצט דורך מלוכהשע פאַקטאָרן; אין סאָציאַלער־פאַרטשריטלעכער אויפפאַסונג, וואָס זאָל אַוועקגעלייגט ווערן אין יסוד פון דער זיך בויענדיקער מדינה. אָן פּלאַנירונג, אָן פאַרקלענערן די אונטערשידן (צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן די פאַרשידענע עדהס, צווישן פיזישער אַר־בעט און אינטעלעקטועלער) — וועט זיך נישט אויפבויען דאָס לאַנד, וועט זיך נישט שאַפן איין פאָלק, און אַפילו די זיכערהייט פון דער מדינה וועט איינגעבראָכן ווערן.

אגב, די תורה פון די שטאַפּלען אָדער פאַנאַנדערשיידונג צווישן דעם פונ־דאַמענט און אויבער־בנין — איז אויך דורכגעפאַלן אינעם וועלט־סאָציאַליזם. געווען ווער ס'האָט געהאַלטן: קודם וועט מען לייגן אַ פּראָדוקטיוון פאַר־שריטלעכן פונדאַמענט, אויף וועלכן עס וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אַ נייער סאָציאַלער רעזשים, און אין זייערע פאָלגן וועט קומען די מאָראַלישע ענדע־רונג. ס'זענען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן דעם דערהויבענעם ציל און צווישן דעם וועג, וואָס קאָנטראָלירט נישט די כשרע און פּסולע מיטלען.

די פאָלגן פון דער איינטיילונג אין די „סאָציאַליסטישע" לענדער אַנטווישן: די פּראָדוקציע הינקט־אונטער, די סאָציאַלע סטרוקטור איז אַ געפעלערטע און דער מאָראַל איז אַ געפאַלענער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ווער עס שטופּט־אָפּ דאָס שאַפן אַ מאָראַליש־סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט ביז נאָך דער איינ־

דוסטריע־רעוואָלוציע און ביז נאָך דער ליקווידאַציע פון די לעצטע רעשטלעך פון קאַפּיטאַליזם — דערגייט צו גאָרנישט. סאָציאַליזם קען מען בויען נאָר מיט סאָציאַליסטן, און מען קען נישט באַהערשן דאָס געיעג נאָך געלט און מאַכט פונעם קלאַסן־רעזשים, סיידן עס וועלן באַזייטיקט ווערן די נעגאַטיווע קלאַסן־פאַרמען, פלעגנדיק פּאָזיטיווע מאָראַלישע־סאָציאַלע אייגנשאַפטן.

די היסטאָריע פון דער מענטשהייט שעפּט זיך נישט אויס אין קלאַסן־קאַמף, און אויך דער סאָציאַליזם וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז מיט דעם וועג. אָבער זע סאַראַ וווּנדער: די לענדער פון סאָוויעטישן בלאָק גייען־אָן מיטן קלאַסן־קאַמף, כאָטש אין פלוג זענען דאָרט ליקווידירט געוואָרן די קלאַסן. נישט אַנדערש, דער כוח פון די קאָמוניסטן ביים קלאַסן־קאַמף איז שטאַרקער ווי ביי בויען אַ געזעלשאַפט אָן קלאַסן. פון דער צווייטער זייט, איז אין מערב אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קלאַסן־קאַמף (צוליבן סאָציאַלן־שוץ, פאַרבעסערן אַרבעט־באַדינגונגען, נאַציאָנאַליזירטע צווייגן), אָבער דאָס האָט ווידער גורם געווען עס זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן דער סאָציאַליסטישער־אַרבעטער שוווּנג און דאָס אינטעגרירן פון די אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט.

מיט דער אָפּשוואַכונג פון קלאַסן־קאַמף ווי אַ רעזולטאַט פון ענדערונגען אין דער מלוכהשער ווירטשאַפט אָדער אין דער לאַגע פון די אַרבעטער — קאָן די אַרבעטער־באַוועגונג נאָך מער באַטאָנען די שאַפונג פונעם קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם. עס איז נישט גענוג אָן אינטערעסאַנטישן קלאַסן־קאַמף, ווייל עס פירט נישט צו סאָציאַליזם, נאָר איינצושליסן דעם אַרבעטער־קלאַס אין די קרייזן פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט און קולטור. אָבער מיט דער אָפּ־שוואַכונג פון קלאַסן־קאַמף האָט זיך נאָכנישט פאַרענדיקט די ראָל פון סאָציאַ־ליזם. זי הייבט זיך ערשט אָן. מען דאַרף פאַרפירן אַ „קלאַסן־קאַמף" מיט די סימנים פון הערשאַפט אין אַרבעטער־קלאַס אַליין, און מיט דער קאַפּיטאַליס־טישער נשמה פונעם אַרבעטער אַליין. עס איז קלאָר, אַז מען דאַרף נישט באַפרייען די האָראָפּאַשניקעס פון שנאה און קנאה, נאָר נאָך דעם וואָס זיי וועלן באַפרייט ווערן פון מאַטעריעלער נויט. אָבער ווי נאָר די אַרבעטער־מחנה דערגייט צו מאַכט, שטעלט זיך אַרויס, אַז די סאָציאַלע אָנטשיידונג שעפּט זיך נישט אויס מיטן דעראָבערן די מאַכט. די מאַכט פאַרוואַנדלט זיך אָפּט פון אַ מיטל אין אַ ציל, און דעמאָלט דערשיינט דער „נייער קלאַס", דער הערשער אין אַ נייעם סאָציאַלן גילגול. דעריבער איז נישט גענוג די נאַציאָנאַליזירונג. עס איז נישט גענוג די געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט, אַ מלוכהשע אָדער אַ

הסתדרותישע, נאָר עס נויטיקט זיך אַ סאָציאַלע־אוןווירטשאַפטלעכע־דעמאָ־קראַטיע — סיי אין דער מדינה און סיי אין אַלע פאָרמען פון דער געזעל־שאַפט און פון דער ווירטשאַפט.

ספּעציעלע היסטאָרישע אומשטענדן האָבן צוגעהאָלפן דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג אויסצוקריסטאַליזירן אַ באַזונדערן אידייאישן וועג און אויך שאַפן דעם אינסטרומענט צו קאָנקרעטיזירן די דאָזיקע אידייען, די הסתדרות העובדים. די פאַראייניקטע דערשיינונג פון דער הסתדרות אַנטקעגן די פּראָפ.־פאַראייניען אין אַנדערע לענדער האָט איר אויך דערמעגלעכט צו לערנען פון די פעלערן, וואָס האָבן געמאַכט עלטערע אַרבעטער־באַוועגונגען ווי אַ שטייגער: א) דאָס באַשרענקען די סאָציאַלע טעמע ביז אינדוסטריע פּראָליטאַרישקייט אָן אייגענע פּראָדוציר־מיטלען; 2) דאָס פאַרלאָזן די זעלבשטענדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, אָדער אַרויפצווינגען די הערשאַפט פון שטאָטישן פּראָליטאַריאַט אויף די פּויערן; ג) אַ פולשטענדיקן אומצוטרוי צו דער „עקזיסטירנדיקער" מדינה, וואָס קומט באַדינען „בלויז" די בורזשואַזיע.

די הסתדרות האָט זיך צוגעאייגנט פון אָנהייב אָן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער און האָט אויפגעשטעלט אַלע סאָרטן אַרבעטער (איינשליסנדיק אַקאַדעמישע, בעלי־מלאכה און לאַנדווירטן, וואָס פאַרמאָגן אייגענע פּראָדוציר־מיטלען און אַנדערע; זי האָט געבויט אַ בריק צווישן די שטאָטישע־און דאָרף־אַרבעטער, און די קאָלעקטיווע אַרבעטער לאַנדווירטשאַפט האָט געדינט אַן אינספּיראַציע מקור פאַר דער באַוועגונג אין אַלגעמיין. די הסתדרות האָט קאָאָפּערירט מיט די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן פאַרן באַפרייאונגס־קריג און מיט דער רע־גירונג נאָכן אויפקום פון דער מדינה.

די הסתדרות האָט אַלזאָ נישט אָנגענומען אין דעם פּרט דעם נוסח פון די „רעוואָלוציאָנערע"־און „רעפאָרמיסטישע"־שטרעמונגען אין דער וועלט. די „רעוואָלוציאָנערן" האָבן געזען אין די פּראָפ.־פאַראייניען, אַ שול פאַר צוגרייטן די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט; די „רעפאָרמיסטן" האָבן אין זיי געזען אַן אינסטרומענט אויף צו פאַרגרעסערן, ווי ווייט מעגלעך, דעם חלק פון די אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער טאָרט. אָבער די דאָזיקע צוגענג האָבן מיט דער צייט געגעבן זייערע נעגאַטיווע פאָלגן. מיטן דעראָבערן די מאַכט דורך די באָלשעוויקן, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי ווייט ס׳איז נאָך דער אַרבעטער־קלאַס אין דאָרף און אין שטאָט פון פאַרוואַנדלען די פּאָליטישע מאַכט אין

אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פונעםווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעל־מאָראַלישן אַספּעקט. אין פלוג, איז עס געווען די מאַכט פון די פּראָפּ.־פאַראיינען. די פּראָפּ.־פאַראיינען האָט מען למעשה נישט באַטייליקט אינעם פורעמען דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט און זענען געוואָרן אַ געהאָרכזאַמער אינסטרומענט פון דעם רעזשים, וואָס איז ספק אַ פּראָליטאַרישע דיקטאַטור ספק אַ מלוכהשער קאַפּיטאַליזם. פון דער צווייטער זייט, זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די מערבדיקע פּראָפּ־פאַראיינען שטימונגען פון נייטראַליזאַציע און דעפּאָליטיזאַציע. און אַפילו יענע פּראָפּ.־באַוועגונגען, וואָס האָבן קאָאָפּערירט מיט די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן געזען זייער איינציקע אויפגאַבע אין אויסשעפּען די מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַראַן אין די ראַמען פונעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. די אַרבעטער פּאַרטייען האָבן זיך באַגענוגנט מיט דעראָבערטער פּאָליטישער השפּעה, און סיי אַלס אַרבעטער רעגירונגען און סיי אַלס שותפים צו קאָאַליציעס האָבן זיי זייער ווייניק געטאָן צו פאַרגרעסערן דעם ווירטשאַפטס־כוח פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַ פּאָליטישער־כוח, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין עקאָנאָמישן כוח, הענגט אויף גאָרנישט. און ס׳איז קיין ווונדער נישט, אַז אַרבעטער פּאַרטייען איז שווער אָנגעקומען צו דערגיין צו דער מאַכט, און ווען זיי זענען שוין דערגאַנגען, זענען זיי געווען אָפּהענגיק פון די קאַפּיטאַליסטישע כוחות. מ׳דאַרף נישט מזלזל זיין מיט די דערגרייכונגען פון די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָדער פון די פּראָפּ.־פאַראיינען. נאָר אָנשטאָט וואַקסן עוואָלוציאָנער צו אַן אַרבעטנדיקער איבער־קלאַסן געזעלשאַפט, האָט זיך אָפּט געשאַפן אַ פּראָצעס ביי די אַרבעטער פון איינגלידערן זיך אינעם עקזיסטירנדיקן רעזשים.

אַ דאַנק דער הסתדרות איז דערמעגלעכט געוואָרן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל צו פאַרוואַנדלען „אָטאָפּישע" און „וויסנשאַפטלעכע" עלעמענטן פונעם סאָציאַליזם אין אַ פּראַקטישער לערע. די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זוכה געווען צו אַ פּאָליטישע העגעמאָניע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דער אָנפירערשאַפט פון דער מדינה, איז נישט פאַרשלונגען געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער אָדער מלוכהשער אַלגעמיינקייט, נאָר אָפּגעהיט איר זעלבשטענדיק ווערק נישט אַרויפצווינגענדיק אַ טאָטאַלן רעזשים און נישט צופּאַסנדיק זיך צום בעלעבאַטישן קאַפּיטאַליסטישן סטאַטוס־קוואָ.

אין זיין רעדע „וועגן די אויפגאַבן פון מאָרגן" האָט דער פּרעמיער מיניסטער לוי אשכול געזאָגט: „די רעגירונגס פּאָליטיק איז צו דערמוטיקן און צו

צוהעלפן אין פאַסנדיקע באַדינגונגען אויפצושטעלן אַ זעלבשטענדיקע ווירט־שאַפט פון אַרבעטער מיט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען אין שטאָט און אין דאָרף, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע, אין דער קאָמוניקאַציע און אין בוי, אין דערציאונג און אין קולטור. די הסתדרות דאַרף זיך אַ לאָז געבן אין אַ באַנייטער אָפּענסיווע אויפצושטעלן נייע אַרבע־טער־אונטערנעמונגען איבער גאָר דעם לאַנד, און צו פלעגן דאָס געפיל פון באַדאַרף און חשיבות, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין די בעלי־בתים פון זייער זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט און טראָגן די אחריות פאַר איר. זי דאַרף זיך באַמיען אַריינצודרינגען דאָס געפיל פון דינען דער אַלגעמיינער באַדינונגס־קאָאָפּעראַציע, און פלעגן די קעגנזייטיקע אחריות פון די אַרבעטער אין דעם געראַנגל פאַר זייער פולן פלאַץ און חלק אין דער מדינה, אין דער ווירטשאַפט און אין איר פּראָדוקציע. ווירטשאַפט און עקאָנאָמיע אין די אייגענע הענט פון די אַרבעטער — איז דער יסוד און באַזע פאַר אַן אַרבעטנדיק פאָלק, פאַר אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־געזעלשאַפט — מיט איר גייסט, דערציאונג, קולטור און קעגנזייטיקע מענטשלעכע באַציאונגען".

י. נ.

מדינת ישראל אין איר פאָרמירונג

אריה טאַרטאַקאָווער

פון אַ נאַציאָנאַלער היים צו מדינת ישראל

א.

די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, וואָס אין איר קאָנסעקווענץ האָט זיך באַנייט די יידישע סוווערעניטעט אין לאַנד ישראל נאָך אַן איבעררייס פון קרוב צוויי טויזנט יאָר — האָט נישט אירס גלייכן אין דער היסטאָריע פון דער געזעלשאַפט, נישט אין איר וועזן, און אויך נישט אין טעמפּאָ מיט וועלכן זי איז מקויים געוואָרן. מען איז געוווינט זיך אָפּצושטעלן אַמייסטנס און בעיקר אויף דער צווייטער דערשיינונג באַטאָנענדיק דעם פּאַקט, אַז דער דאָזיקע גאַנצער פּראָצעס איז מקויים געוואָרן במשך אַ צייט־אָפּשניט פון נישט מער ווי צוויי דורות, פון אָנהייב יידישער קאָלאָניזאַציע אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ביז דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת־ישראל אין מאַי 1948. איז טאַקע אמת, אַז פון אַזאַ ענלעכע אַנטוויקלונג האָט קיין שום פאָלק אין די פריערדיקע דורות נישט געוווּסט. אָבער ס׳וועט אַ טעות זיין צו טראַכטן, אַז בלויז דער פּאַקט, און זאָל דער באַדייט זיינער זיין אַ וואָסערער ער זאָל נישט זיין — דער עיקר, וואָס עס שטייגן אים איבער אַ צאָל אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וועלכע האָבן דאָ זוכה געווען צו אַן אויסדרוק, און אָפּט ליגט אַ תהום צווישן זיי און צווישן די געוועונלעכע דערשיינונגען אין לעבן פון די אומות העולם.

אויף אַ סכעמאַטישן אופן, אין אַ געוויסער מאָס, און וועלכער קען דאָך קאָנקרעטיזירן די ענינים, קען מען אָנצייכענען דעם פּראָצעס פון די פּאַסירונגען אין דעם פאַל, ווי אַן איבערגאַנג פון אַן אָנהייב נאַציאָנאַלער היים צו אַן אויטאָנאָמיע, און פון דעם ווידער צו אַ סוווערענער מדינה; ס׳הייסט, אַז דער ציל איז פריער געווען אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע יידישע היים אין ארץ־ישראל, אָן וועלכע ס׳איז איבעריקע פּאָליטישע צילן, און אַז אויף די דאָזיקע יסודות איז נאָך אַ שטיקל צייט געקומען די אַנטוויקלונג פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע אין פאַרשידענע פאָרמען און פון דעם האָט אַרויסגעוואַקסן מדינת־ישראל אין דער איצטיקער פאָרם. אַזאַ איז באמת געווען די אַנטוויקלונג פון די ענינים; אָבער מען דאַרף וויסן, אַז די געוועונלעכע באַ־

גריפֿן פֿון נאַציאָנאַלער היים, פֿון אויטאָנאָמיע און פֿון מדינה, דינען נישט אויסצושעפּן די געזעלשאַפֿטלעכעווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך אין דעם פֿאַל אַנטפּלעקט.

וועלן דערפֿאַר דינען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט די אָנגענומענע באַגריפֿן־באַציי־כענונג אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעאָריע. אַ נאַציאָנאַלע היים באַצייכענען מיר אַ טעריטאָריע אויף וועלכער עס זיצן זין פֿון אַ באַשטימט פֿאָלק, וואָס פֿון זיי באַשטייט די גאַנצע אָדער דער רוב באַפֿעלקערונג, און וואָס פֿירן זייער אייגן לעבן אויף פֿאַרשידענע געביטן, און קודם כל אויפֿן נאַ־ציאָנאַלן־קולטורעלן געביט. אַ קאָמפּאַקט וווינען אויף אַ געוויסן שטח און אַ זעלבשטענדיק קולטור־לעבן — זענען די צוויי פֿונדאַמענטאַלע סימנים, וואָס אָן זיי קען נישט זיין די דאָזיקע דערשיינונג; קיין אַנדערע סימנים דאַרף מען נישט, און בעיקר קיין פּאָליטישע.

אין קעגנזאַץ צו דעם זענען דווקא די אַנדערע סימנים דער עיקר ביים באַגריף אויטאָנאָמיע. מיר באַצייכענען די דאָזיקע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונג ווי די רעכט פֿון אַ געוויסן ציבור איינצואָרדנען זיינע אינערלעכע ענינים לויט זיין ווילן, טאַקע אין אַ מער ברייטערער פּאָליטישער ראַם, על־פּי־רוב אין גרע־נעצן פֿון אַ מדינה, וואָס פֿאַרזיכטעט אויף איר רעכט (אָדער זי איז לכל הפּחות מסכים זי צו באַשרענקן) אַריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פֿון אַ געוויסן ציבור. דאָ איז אייגנטלעך די פּרעמדקייט דער עיקר, און נישט די קאָמפּאַקטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אָדער איר קולטורעלע טעטיקייט. מען קען זיך פֿאָרשטעלן אַן אויטאָנאָמיע אָן אַ קאָמפּאַקטער באַפֿעלקערונג (דאָס איז דער פֿאַל פֿון אַ פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, פֿון וועלכער עס געניסן זין פֿון אַ געוויסער אומה נישט נעמענדיק אין אַכט די ערטער ווו זיי וווינען), און מען קען זיך אייך פֿאָרשטעלן אַן אויטאָנאָמיע באַשרענקט בלויז פֿאַר געוויסע אויפֿגאַבן, ווי פֿאַך־ענינים, קונסט און נאָך; און ווידער קען געמאָלט זיין אַן אויטאָנאָמיע אין ברייטערע מאָסשטאַבן, וואָס נעמט אַרום עקאָנאָ־מישע־און קולטור־ענינים און אפֿילו געוויסע פּאָליטישע ענינים, טאַקע שטענדיק אין אַ ראַם פֿון אַ פּרעמדער מדינה, אָבער וואָס אין תוך גענומען דעצידירט זי.

אין פֿאַל פֿון אַ מדינה איז פֿאַר באַשרענקונגען פֿון אַזאַ מין סאָרט נישט פֿאַראַן קיין פּלאַץ. דאָ איז דער בולטער סימן די סוווערעניטעט, ס'הייסט דער אויבער־כוח, וואָס העכערס פֿון אים איז נישטאָ (היינט איז ליבער צו זאָגן:

כמעט נישטאָ). די מדינה באַשטימט אַלץ אין איר אייגענער ראָם, און מיטן כוח פון עקסקלוזיווער רעכט, וואָס קיין אַנדערער כוח פון דרויסן קען זיך נישט אַריינמישן. אמת, די באַצייכענונג וואָס מיר האָבן באַקומען פונעם מיטלאַלטער, האָט זיך געענדערט אין אַ געוויסער מאָס אויפֿן מאָראַלישן־און פּאָליטישן געביט אין די שפּעטערדיקע דורות, און מיר קענען מער נישט רעדן וועגן פולשטענדיקער סוווערעניטעט, וואָס לגבי איר איז נישטאָ קיין שום צוים; פונדעסטוועגן בלייבט דער באַגריף סוווערעניטעט אין זיין פונדאַמענטאַלן מהות אַ העכערער כוח.

יעדער איינער פון די דאָזיקע דריי באַגריפן האָט זיך זיין ווירקלעכקייט, און יעדער איינער פון זיי האָט משפּיע געווען אויף דער אויסקריסטאַליזירונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. בלויז אַ נאַציאָנאַלע היים אָן אַן אויטאָנאָמיע און אָן אַ מדינה, איז היינט זייער אַ זעלטענע דערשיינונג, אָבער נאָך מיט אייניקע דורות צוריק איז איר מעמד געווען איינער פון די בולטסטע אין דער געזעלשאַפט. מיר געדענקען נאָך גוט די צייטן פון די גרויסע אימפּעריעס: די שפּאַנישע, רוסישע, די אָטאָמאַנישע און אַנדערע, וואָס אין די גרענעצן זייערע זענען געזעסן אַ סך פעלקער, יעדעס פאָלק אויף זיין אייגענער טעריטאָריע, מיט אַן אייגן לעבן אָן ממשותדיקע פּאָליטישע רעכט; און נאָך געדענקען מיר, פון ערשט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, אייניקע קאָלאָניאַלע אימפּעריעס, בעיקר די ענגלישע און פראַנצויזישע, וואָס אויך זיי האָבן באַהערשט גרויסע שטחים אין אַזיע און אין אַפריקע נישט געבענדיק די איינוווינער קיין שום פּאָליטישע רעכט; וואָס ס'איז פאַרבליבן די פעלקער, איז דער פאַקט פון קאָמפּאַקטן וווינען, און עפּעס־וואָס אַ זעלבשטענדיק לעבן. אמת, אין צווישן זענען זיך פונאַנדערגעפאַלן די אַלטע אימפּעריעס, עס זענען נישט איבערגעבליבן קיין סך קאָלאָניאַלע אימפּעריעס, און די פעלקער אָדער די פאַרשידענע שבטים זענען על־פּי־רוב באַפרייט געוואָרן אָדער באַקומען אויטאָנאָמיע אין אַ ברייטער מאָס.

אויך דער סאָרט מאַכט האָט אָנגעוווירן אַ סך פון זיין פאַרנעם אין דער לעצטער צייט, ווען אַפילו נישט אין אַן ענלעכע מאָס ווי דער באַטייט בלויז פון נאַציאָנאַלער היים. אַ לאַנגע איז די היסטאָריע פון אויטאָנאָמיע, כמעט אַזוי לאַנג ווי די היסטאָריע פון דער מדינה. ווייל שוין אין די אורצייטן שטויסן מיר זיך אָן אין איר, ווי איינע פון די פּאָפּולערע דערשיינונגען. ספּעציעל איז באַקאַנט די אויטאָנאָמיע פון די פעלקער אין די גרענעצן פון דער רוימישער אימפּעריע, און ענלעכע דערשיינונגען האָבן נישט געפעלט אויך

אין אַנדערע גרויסע מדינות; זיי באַגלייטן פון יענער צייט אָן עד היום די מענטשהייט אויף איר היסטאָרישן וועג. נישט שטענדיק איז גערעדט געוואָרן דווקא וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. עס זענען געווען און עד היום זענען פאַרבליבן אַנדערע פאָרמען פון אויטאָנאָמיע, צווישן זיי די גאָר אַנגענומענע, ווי פאַך־אויטאָנאָמיע (סוחרים־פאַרבאַנד, בעלי־מלאכה, אַרבעטער און אַנדערע), וואָס האָט אָפט זוכה געווען צו אַ גרויסער פּאָליטישער ווירקלעכקייט, ווי סוחרים־פאַרבאַנד אָדער בעלי־מלאכה אין מיטלאַלטער, אָדער אויטאָנאָמיע פון רעליגיעזע גרופּן, טעריטאָריאַלע איינהייטן (נישט דווקא נאַציאָנאַלע) און אַנדערע. פונדעסטוועגן איז דער עיקר, ספּעציעל אין די לעצטע דורות, געווען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. דער גראַנגעל פון פעלקער פאַר זייער באַפרייאונג, וואָס זיין עיקר תקופה איז געווען דער פאַרגאַנגענער און קעגנוואַרטיקער יאָרהונדערט, האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ גראַנגעל פאַר אויטאָנאָמיע. אין די דאָזיקע דורות האָט די טעאָריע פון אויטאָנאָמיע מיט אירע פאַרשידענע פאָרמען זוכה געווען צו אַ חשובער אַנטוויקלונג; זי האָט אויך זוכה געווען אין מדינות פון אַ סך פעלקער, בעיקר פון צאַרישן רוסלאַנד, און אין דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע, צו אַ ספּעציעלער אַנטוויקלונג. אמת, אויך און דעם פאַל איז געקומען אַ דעגענעראַציע אין די לעצטע דורות, היינט זענען די פעלקער על־פּי־רוב נישט גרייט צו באַגנוגענען זיך בלויז מיט אויטאָנאָמיע; זייער שטרעבונג איז צו נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט. שוין פון לאַנג איז אויך געפאַלן דער פּאָליטישער באַטייט פון דער פאַך אָדער רעליגיעזער אויטאָנאָמיע, פונדעסטוועגן איז אויך אין אַנדערע צייטן נישט וויניק פאַרבליבן פון דער דאָזיקער דערשיינונג. דער בולטסטערביישפּיל איז ראַטנפאַרבאַנד, ווו דער רוב פון די פעלקער וואָס זיצן אין אירע גרענעצן, געניסט פון אויטאָנאָמיע אין גענוג ברייטע מאָסשטאַבן; און ס׳איז נאָך פאַראַן ביישפּילן פון דעם סאָרט אין כמה וכמה אַנדערע לענדער.

און אחרון, אחרון: די מדינה. אויך זי איז איינע פון די אַלטע דערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט, קען זיין אַפילו איינע די גאָר עלסטע, ווייל ווען מיר ווילן בלויז פּרווון גיין אַ ביסל צוריק מיט הונדערטער און אַפילו טויזנטער יאָרן, שטויסן מיר זיך שוין אָן אין איר; אַפילו ביי די גאָר פּרימיטיווסטע שבטים איז פאַראַן געוויסע יסודות פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. אויך דער כאַראַקטער פון דער מדינה ווי אַן אויבער־כוח איז איינע פון די עלסטע. אַזאַ אייגנטלעך איז די מדינה געווען מלכתחילה אין באַצוג צו אירע בירגער, און אַזוי אויך אין די באַציאונגען מיט דער דרויסן וועלט; און אין לויף

פון דער צייט איז אויך צוגעקומען די געדאַנקלעכע באַזע, וואָס האָט דער־גרייכט איר הויכפּונקט, ווי געזאָגט, אין מיטלאַלטער אין דער טעאָריע פון סוווערעניטעט, ווי ס׳פאָרמולירט עס בעיקר דער פראַנצויזישער פילאָזאָף זשאַן בודען, און אין די ווייטערדיקע דורות איז ווייט אַוועק אין די דאָזיקע פאָרמולירונגען, בעיקר די דייטשע פילאָזאָפיע (דאָס פאַרגעטערן די מדינה אין דער העגעליאַנישער טעאָריע). אין די לעצטע דורות איז טאַקע אין אַ געוויסער מאָס איינגעשרומפּן דער באַגריף פון אַבסאָלוטער סוווערעניטעט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז מיט אַ סך גרעסער געוואָרן דער פאַרנעם פון שטאַטלעכער אָרגאַניזירונג. די מדינה גייט און דעראָבערט אַלץ מער און מער דעם פּלאַץ אין אַלע קאָנטינענטן, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַני־זירונגס־פאָרם אויפן חשבון פון סתם נאַציאָנאַלע היים, און אויפן חשבון פון אויטאָנאָמיע. דער פּראָצעס פון פעלקער־באַפרייאונג אויפן אַמעריקאַנישן־און אייראָפּעאישן־קאָנטינעט אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אין אָנפאַנג פונעם קעגנוואַרטיקן יאָרהונדערט, און דער דעקאָלאָניזאַטאָרישער־פּראָצעס אין אונדזערע צייטן, —ביידע האָבן באַקומען דעם כאַראַקטער פון אויפשטעלן זעלבשטענדיקע מדינות.

ב.

אַזוי ווייט די ווירקלעכקייט און די עקאָנאָמישע־געזעלשאַפטלעכע באַגריפן. און אויב מיר גייען פון זיי אַריבער צום יידישן לעבן, ווי עס האָט זיך אויס־געפורעמט אין דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַטאָרישער אונטערנעמונג, שטויסן מיר זיך באַלד אָן אָן די ספּעציעלע סימנים, וועלכע אונטערשיידן צווישן זיי און צייישן די געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמישע באַגריפן.

לאָמיר אָנהייבן מיט נאַציאָנאַלער היים. דאָס איז געווען די פאָרם, וועלכע איז אויפגעקומען אין די מוחות פון די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, אָנהייבנ־דיק אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, און אַזאַ איז זי פאַרבליבן אויף אַ משך פון צענדליקער יאָרן. דער עיקר איז געווען פאַר זיי די אידייע פון אַ נאַציאָנאַלער היים, וואָס מען באַדאַרף אויפשטעלן פאַרן יידישן פאָלק אויפן באָדן פון ארץ־ישראל; וועגן ווייטגייענדיקע פאָליטישע פּלענער האָט מען אין יענע יאָרן כמעט ווי נישט געקלערט, אויב מיר ווילן נישט לייגן קיין אַכט אויף איינצלנע פאַלן, טאַקע חשובע פאַר זיך (ווי דאָס היסטאָרישע בוך פונעם גרינדער פון דעם מאָדערנעם ציוניזם, ווו עס רעדט זיך וועגן אַ יידישער מדינה), און האָבן פונדעסטוועגן נישט באַוויזן צו קאָנצענ־

טרירן אַרום זיך די עפנטלעכע מיינונג, און ספּעציעל די מיינונג פון די קאָלאָניסטן. אָבער די דאָזיקע נאַציאָנאַלע היים, וועגן וועלכער ס׳איז דעמאָלט גערעדט געוואָרן, איז נישט לייכט אַריינצונעמען אין דער געוועלנלעכער ראַם פון געזעלשאַפטלעכע באַגריפן. קודם כל איז דאָ גערעדט געוואָרן נישט וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים, וואָס עקזיסטירט אין אַ געוויסן פּלאַץ, נאָר וועגן אַ היים, וואָס מען דאַרף צי ערשט אויפבויען. די מענטשן פון דער ערשטער עליה, אויך פון דער צווייטער און דריטער, האָבן נישט געקלערט צו באַגענוגענען זיך מיט דעם וואָס איז פאַראַן, ווייל די דעמאָלטדיקע ווירקלעכקייט, וואָס האָט געהערשט, האָט מען נישט געקענט באַצייכענען ווי אַ נאַציאָנאַלע היים. מען האָט באַדאַרפט אויפשטעלן אַלץ פונדאָסניי אָדער פאַרברייטערן פילפאַכיק די פאַראַנענע נעבעכדיקע ווירקלעכקייט. תוך כדי כך איז די כוונה פון אָנהייב אָן געווען נישט סתם אַ נאַציאָנאַלע היים, נאָר אַ היים מיט אַ געוויסן כאַראַקטער. די מענטשן פון דער ערשטער עליה, די בילויים, האָבן געמיינט אַ נאַציאָנאַלע היים באַזירט אויף לאַנדווירטשאַפט; דאָס דאַרף איז פאַר זיי געווען דער גרויסער עיקר. אויך די מענטשן פון דער צווייטער עליה האָבן געפּרעדיקט די דאָזיקע אידייע, אָבער זיי האָבן צוגעגעבן אַ צווייטע אידייע, נישט ווייניקער וויכטיק פאַר זיי, די יידישע אַרבעט אַלס דער יסוד פון דער נאַציאָנאַלער היים: און ווידער איז צוגעקומען ביי די מענטשן פון דער דריטער עליה די אידייע פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן תוך כדי בויען די נאַציאָנאַלע היים. אַזוי אַרום האָט זיך שטאַפּל נאָך שטאַפּל אויסקריסטאַליזירט אַ נייער באַגריף פון נאַציאָנאַלער היים אין אַ ווירקלעכקייט פון אַ געוויסן כאַראַקטער, וואָס מען דאַרף שאַפן. און דער דאָזיקער באַגריף האָט זוכה געווען פאַרווירקלעכט צו ווערן אין גענוג חשובע מאָסשטאַבן נאָך אַ סך יאָר איידער עס זענען צוגעקומען מער ווייניקער קלאָרע פּאָליטישע שטרעבונגען.

נישט ווייניקער איז בולט דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון אויטאָנאָמיע ווי ער האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן. די אויטאָנאָמיע פאַר זיך איז אַוודאי נישט קיין נייע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק; זי איז געווען גוט באַקאַנט אין משך פון הונדערטער און אַפילו טויזנטער יאָרן, פונעם חורבן בית שני און ווייטער. אויך די דאָזיקע מאַכט האָט זיך אויסגעצייכנט אין משך פון צענדליקער דורות מיט איר ספּעציעלן פּרצוף. זי איז אויפגעשטאַנען בלויז מיטן ווילן פונעם פאָלק, און מיטן ווילן פונעם פאָלק איז זי אָנגעגאַנגען, צי זי האָט יאָ זוכה געווען צו דער אָנערקענונג פון די פעלקער צווישן וועלכע די יידן זענען געזיצן, צי

נישט; זי איז געווען אַ סך מער נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט, ווי סתם אויטאָ־נאָמיע, ווייל אין תוך גענומען האָבן די יידן געפירט די גאַנצע מערכה פון זייער לעבן לויט אייגענע געזעצן, נישט אָנקומענדיק צו די גוייאישע געזעצן, און רעגירן אויף דעם דאָזיקן לעבן האָבן שטענדיק רעגירט די ראשי העם, ווידער פון דער בולטער כוונה צו פאַרמיידן פרעמדע אינטערווענץ פון דרויסן אין אַלץ וואָס טוט זיך ביי זיי; דער כאַראַקטער פון דער מאַכט איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן רעליגיעזער, באַזירט אויף אמונת ישראל און אויף דער טראַדיציע לויטן פּרינציפּ, וואָס האָט געדינט ווי אַ פונדאַמענט אויך פאַר דער מדינה פון פאָלק אין די אורצייטן, אַז גאָט איז דער מלך אין ישראל, און לויט זיינע אָנווייזונגען אָרדנט זיך דאָס לעבן מיט אַלע זיינע דערשיינונגען (עם ישראל ווי אַ ממלכת כוהנים און אַ גוי קדוש); און טראָץ זיין אויסגעקריסטאַליזירטער כאַראַקטער און אינערלעכע שטאַרקע דיסציפּלין, האָט מען די מאַכט נישט געפילט ווי אַ סטאַבילע דערשיינונג, נאָר ווי אַן איבערגאַנג, ביז גאָט וועט זיך אומקערן קיין ציון מיט רחמים, און וועט באַנייען די סוווערעניטעט פון זיין פאָלק אין זיין לאַנד. דער דאָזיקער כאַראַקטער פון אויטאָנאָמיע, וואָס האָט זיך געצויגן דור איין דור אויס, און ווי איר אויסערלעכע פאַרווירקלעכונג איז על־פּי־רוב געווען די יידישע קהילה, האָט זיך זייער געענדערט אין די לעצטע דורות. עס האָט געטראָפן, אַז ס'איז אַפילו קאָנטיק געווען ביי איר אַ שפּרונג פון איין עק צום צווייטן אין דער מאָדערנער אָטאָנאָמיסטישער אויפפאַסונג (דער בולטס־טער ביישפּיל: די פילאָסאָפישע שיטה פון שמעון דובנאָוו).

אָבער מיר זענען נישט פאַראינטערעסירט דאָ אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג צווישן די יידן אין גלות, נאָר אין דעם, וואָס האָט פּאַסירט אין ארץ־ישראל, און אויך דאָ האָט זיך איר כאַראַקטער זייער געענדערט לויטן געווענלעכן כאַראַקטער פון אויטאָנאָמיע ביי די אומות העולם. מען דאַרף דאָ אונטער־שיידן צווישן דריי תקופות אין איר אַנטוויקלונג, יעדע איינע מיט אַ ספּעצי־ציעלן אייגענעם פּרצוף. אויך דאָס וואָס עס האָט עקזיסטירט פאַר דער פריערדיקער מלחמה, קען מען אין אַ געוויסער מאָס, אין אַ זייער באַשרענק־טער מאָס, באַצייכענען ווי אַן אויטאָנאָמיע, וואָס האָט אַרויסגעוואַקסן פון זייער קלאָרע פּראַקטישע באַדערפעניש. די קאָלאָניזאַציע אונטערנעמונג איז געווען דעמאָלט אין לאַנד אַ פאַרנאַכלעסיקטע מיט אַ רעזשים, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומפעאיק און פאַרדאָרבן. דער טערקישער רעזשים, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען די לענדער פונעם נאָענטן מזרח אין אַ מידבר אין משך פון אַ פּאָר הונדערט יאָר רעגירן, האָט אין תוך גענומען

פאַר גאָרנישט געזאָרגט, נישט פאַר אַ מער־ווייניקער געאָרדנטע אָנפירונג, נישט פאַר דער זיכערהייט, נישט פאַר דער געזונטהייט פון די איינוווינער און נישט פאַר זייער אויסבילדונג. דער יידישער ישוב האָט באַדאַרפט מיט אייגענע כוחות צושטעלן די דאָזיקע באַדערפעניש, ער זאָל נישט פאַלן אַ קרבן דער אַלגעמיינער פאַרנאַכלעסיקונג. אַזוי איז אויפגעשטאַנען די קאָ־לאָניע־אָרגאַניזאַציע, אַזוי האָט דערוועקט זיך די זאָרג פון זיכערהייט פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר איר געזונטהייט מיט זייערע אייגענע כוחות, עס זענען געבויט געוואָרן די ערשטע שאָסייען אין לאַנד א.ד.ג. אַפילו אין די פרווון צו שאַפן אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פאַרן יידישן כלל, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין יענער צייט, זענען מער בולט געווען די פּראַקטישע צילן ווי די פּאָליטישע, כאָטש זיי האָבן אָן ספק געהאַט אין זיך אַ טאָן פון פּאָליטישער טעטיקייט, און דער טאָן, אָדער בעסער געזאָגט די מורא פאַר אים, האָט גורם געווען הערצלס קעגנערשאַפט, טאָמער וועט עס ברענגען אַ פרישע קאָמפּלי־קאַציע אין די באַציאונגען צווישן דער טערקישער רעגירונג און צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע תקופה איז שווער צו באַצייכענען ווי אַן אויטאָנאָמיע אין געווענלעכן זין פון וואָרט, און דעריבער רופן מיר זי ליבער אָן די תקופה פון נאַציאָנאַלער היים, אָדער בלויז דער אָנהייב פון אַ נאַציאָנאַלער היים.

גאָר אַנדערש איז געווען דער כאַראַקטער פון דער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין די אָנהייב פון די בריטישע מאַנדאַט־צייטן און האָט עק־זיסטירט בערך ביז אין דער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן, די גאַנצע צייט איז אָנגעגאַנגען די קאָאָפּעראַציע צווישן דער מאַנדאַט־רעגירונג און צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די פּראַקטישע באַדערפענישן, וואָס צוליב זיי האָט זיך דער יידישער כלל אָרגאַניזירט אין די צייטן פון טערקישן רעזשים, האָבן אייגנטלעך נישט אויפגעהערט (זיי זענען געקומען צום אויסדרוק בעיקר אויף די געביטן פון בילדונג, סאָציאַלער הילף און שיצן דעם אַרבעטנדיקן מענטש, וואָס איז זייער פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אויך דורך דער מאַנדאַטאָ־רישער מאַכט), אָבער זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט אין פאַרגלייך מיט די פּאָליטישע ענינים. די אָרגאַניזאַציע פונעם יידישן כלל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אָנפאַנג דעם נייעם רעזשים אין פאָרם פון אַסיפת הנבחרים, ווי אַ געזעצגעבערישער אַנשטאַלט, און דער וועד הלאומי פון די ארץ־ישראל יידן, ווי אַן אויספירונגס־אַנשטאַלט, האָט געהאַט די אויפגאַבע אין ערשטער ריי צו מאַניפעסטירן פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז דער יידישער יישוב איז אַ פולע קערפּערשאַפט מיט אייגענע רעכט, און מיט איי־

גענער פּאָליטיק, און אַז ער דאַרף געבן זיין טייל צו פאַרווירקלעכן דעם מאַנדאַט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז נישט געווען — אין קעגנזאַץ צו דער לאַגע פון די ענינים אין דער וויטערדיקער תקופה — געווענדעט קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט, נאָר פאַרקערט, געוואָלט ווירקן, תוך כדי קאָאָפּערירן מיט זיי, צו פאַרווירקלעכן דעם בשותפותדיקן ציל, ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעזען; דעריבער כאָטש דאָס פאָרמעלע אָנערקענען די אָרגאַניזאַציע פון דער יידי־שער באַפעלקערונג איז בלויז געקומען מיטן געזעץ פון 1927, וואָס רעדט וועגן אָרדנען די כנסת ישראל (Regulations of the Jewish Community), האָט למעשה די מאַכט זי אָנערקענט באַלד ביים גרינדן זי, און האָט מיט איר געפירט פאַרהאַנדלונגען אויף פאַרשידענע ענינים; און אויך נאָך דער אָפּי־ציעלער אָנערקענונג, וואָס איר פאַרנעם איז געווען גענוג קליין (בעיקר רע־ליגיע־ענינים, דערציאונג און סאָציאַלע הילף), האָט זיך די טעטיקייט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע געפירט אין אַ סך אַ ברייטערער ראַם, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך קודם כל די פּאָליטישע ענינים, און ווידער אָן דער קעגנערשאַפט מצד דער מאַנדאַט־רעגירונג. דאָס איז אייגנטלעך געווען אין קעגנזאַץ צו דער לאַגע פון די ענינים ביי די אומות־העולם, און אויך אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס האָט זיך געטאָן ביי דעם יידנטום אין גלות, נישט אָן אויטאָנאָמיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער הערשענדיקער מאַכט אָדער ווי אַ רעזולטאַט פון אַ קאַמף מיט איר, נאָר אָן אינסטרומענט פונעם יידישן ציבור פאַר קאָאָפּערירן מיט איר, כדי צו פאַרווירקלעכן די אידייע פונעם מאַנדאַט, אַ דערשיינונג, וואָס אַ סך אַ זעלכע טרעפן מיר נישט אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט.

און אַזוי־ווי דער דאָזיקער אָנשטאַלט איז געווען אַ „יוצא דופן" אין נאָרמאַלן פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, איז ער אויך אַזוי געווען, אין נישט קיין קליינער מאָס, אין זיין נייעם גילגול, ווען עס האָט זיך אַרויס־געשטעלט אין די דרייסיקער יאָרן (געוויסע סימנים אויף דעם האָבן זיך שוין באַוויזן אין סוף פון די צוואָנציקער יאָרן), אַז די בריטישע רעגירונג איז נישט גרייט צו טאָן דאָס, וואָס איז איר חוב לויטן מאַנדאַט. פאַרקערט, זיי פּרוּוון למעשה אויפהאַלטן דאָס פאַרווירקלעכן די אידייע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים באַשרענקנדיק די עליה און שאַפנדיק געזעצן, וואָס זייער ציל איז צו פאַרמיידן אָדער באַשרענקען צו קויפן באָדן, וואָס נויטיקט זיך פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. זאָלן זיין די סיבות פאַר די דאָזיקע ענ־דערונגען אין דער בריטישער פּאָליטיק וואָסערע זיי זאָלן נישט זיין, די יידישע עפנטלעכקייט האָט שנעל אַרויסגעצויגן די קאָנסעקווענצן פון דעם,

און אָנשטאָט דאָס קאָאָפּערירן, וואָס האָט באַשטימט דעם פּראָצעס פון די ענינים אין די ערשטע יאָרן פונעם מאַנדאַט, איז געקומען דער קאַמף קעגן דער מאַכט אויף פאַרשידענע אופנים, און, וואָס ס'איז אַוודאי נישט ווייניקער וויכטיק, עס איז געקומען די אַלץ מער קלאָרע אויסקריסטאַליזירונג פון דער יידישער סוווערעניטעט אָנשטאָט די סוווערעניטעט פון דעם מאַנדאַטאָרישן רעזשים. אמת, די דערשיינונג גופא פון אַן אויטאָנאָמיע, וואָס רעוואָלטירט אין דער אָדער אין יענער פאָרם קעגן דער רעגירונג, וואָס האָט זי געשאַפן אָדער איז דורך איר באַשטעטיקט געוואָרן, איז נישט קיין נייעס אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט; מען קען זי שוין גוט אינעם אַכצטן יאָר־הונדערט (דער בולטסטער ביישפּיל: די געשיכטע פון די באַציאונגען צווישן די ענגלישע קאָלאָניעס אין צפון אַמעריקע און צווישן דער מוטער מדינה, און אויך אין דרום־אַמעריקע האָבן זיך באַוויזן ענלעכע דערשיינונגען אין די באַציאונגען פון שפּאַניע און אירע קאָלאָניעס), בעת אין נײַנצטן און אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער שווערפּונקט איבערגעגאַנגען אין ערשטער ריי צו די אייראָפּעישע לענדער (דער קאַמף פון די פעלקער אין דער ראַם פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע און פון דער זיך פונאַנדערפאַלנדיקער אָטאָמאַנישער אימפּעריע), און דערנאָך צו דעם אַזיאַטישן און אַפריקאַנישן קאָנטינענט, וואָס אויך דאָרט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין תוך געוואָרן די אויטאָנאָמיע פון די פעלקער, אין דער ראַם פון די קאָלאָניזאַטאָרישע אימ־פּעריעס, אין אַן אינסטרומענט צו באַפרייען זיך פון דער פרעמדער אַפּו־טרופּסות, צי מיטן ווילן פון דער „מוטער־מדינה" אָדער — און אַמאָל אַ סך מער אָפטער — קעגן איר ווילן און תוך כדי קאַמף מיט איר.

פונדעסטוועגן האָט די אַנטוויקלונג פון די ענינים אין ארץ־ישראל געהאַט איר ספּעציפישן כאַראַקטער. דאָס ספּעציפישע איז געליגן אין עצם איבער־גאַנג פון דער קאָאָפּערירער־פּאָליטיק מיט דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט צו אַ פאַר־קערטער פּאָליטיק; דאָס צווייטע ספּעציפישע אין די אימפּולסן פאַר דעם דאָזיקן איבערגאַנג: דער באַוווּסטזיין, אַז די מאַכט האָט געפעלשט אין איר שליחות, און דעריבער איז זי נישט ראוי צום צוטרוי פון דעם יידישן ציבור, ביז עס איז מעגלעך געוואָרן צו קעמפן און מען האָט אויך געדאַרפט קעמפן קעגן איר פּאָליטיק; און דאָס דריטע ספּעציפישע איז, ווי געזאָגט, דאָס אויסקריסטאַליזירן זיך פון דער יידישער סוווערעניטעט, וואָס האָט למעשה פאַרנומען אַלץ מער דעם פּלאַץ פון דער מאַדאַטאָרישער סוווערעניטעט.

מען קען אפשר טאַקע טענהן, אַז אויך אין דעם איז נישט פאַראַן קיין

הידוש. ווייל דיווירקלעכקייט, אויב נישט דער באַגריף פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקער סוווערעניטעט, איז אַזוי אַלט ווי דער גלות; און ס׳איז פאַראַן אָן שום ספק נישט קיין קליינער אמת אין דער דאָזיקער פעסטשטעלונג. פונדעסטוועגן איז די ענלעכקייט צווישן דעם, וואָס ס׳איז געווען אין די פריערדיקע דורות, און צווישן דער יידישער סוווערעניטעט, וואָס איז אויפֿגעקומען אין ארץ־ישראל, ווייט פון צו זיין אַ פולע. דאָרט רעדט זיך וועגן אַן אויטאָנאָמיע באַזירט אינגאַנצן אויף דער טראַדיציע, און פון אַן אויסגעשפּראָכענעם רעליגיעזן כאַראַקטער; בעת דאָ איז געשאַפן געוואָרן, אַן אויטאָנאָמיע אויף מאָדערנע יסודות, כאָטש זי האָט נישט ווייניק באַקומען פון דער דורות־פאַרגאַנגענער טראַדיציע, איר כאַראַקטער אָבער איז ווייט געווען פון צי זיין בלויז אַ רעליגיעזער, כאָטש זי האָט אַכט געלייגט, נישט אין קיין קליינער מאָס, אויף די הייליקטימער פון פאָלק, ווי זיי ווערן אויסגעדריקט אין איר גלויבן. און עס האָט נאָך איבערגעשטיגן זי אין באַדייט דער צווייטער אונטערשייד, ווייל דאָרט רעדט זיך וועגן אַן אויטאָנאָמיע פון די יידן אין גלות, נישט פאַרבונדן צו דער אָדער יענער טעריטאָריע, בעת דאָ איז די מאַכט געשאַפן געוואָרן אין היסטאָרישן פאָטערלאַנד פונעם פאָלק ווי אַ סטאַבילע דערשיינונג אין זין פון אָרט און צייט צוזאַמען. בלויז אין ענדערונג איז מעגלעך אין דעם פאַל, דער איבערגאַנג פון דער למעשה עקזיסטירנדיקער סוווערעניטעט צו אַן אָפיציעלער געזעצלעכער אָנערקענטער סוווערניטעט נישט נאָר דורכן יידישן פאָלק, נאָר אויך דורך די אומות העולם. און טאַקע דער דאָזיקער איבערגאַנג איז געשען אין תוך גענומען נאָכן קאַמף צווישן דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט און צווישן פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן ניצחון פון פאָלק.

ג.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן מדינת־ישראל ווען ס׳איז פאַריבער פינף און צוואַנציק יאָר בערך זייט דעם פרווו אויפצושטעלן בלויז אַ נאַציאָנאַלע היים, און נאָך עפּעס מער ווי אַ האַלבן יובל פון אַן אויטאָנאָמיע אין די גרעניצן פונעם מאַנדאַטאָרן־רעזשים.

אויך די דאָזיקע מדינה איז נישט לייכט אַריינצונעמען אין דער געוועגלעכער ראַם פון סוווערעניטעט אין דער וועלט. לאַנג איז די שורה פון פרווון צו באַצייכענען די מדינה אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, אָנהייבנדיק פון אַריסטאָטעלעס און פּלאַטאָ אין אַלטערטום, ביז היינטצייטיקע מאָדערנע

טעאָריעס. און קיין איין־און־איינציקע פון זיי, און זאָל זיין די ווערט אירע אַ וואָסערע זי זאָל נישט זיין, פּאַסט זיך נישט צום כאַראַקטער פון מדינת־ישראל. מען קען זי נישט באַצייכענען אַלס אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך (די טעאָריע פון אַ מדינה אַלס אַ הסכם, ווי עס האָט זי באַצייכנט זייער קלאָר דער פראַנצויזישער פילאָזאָף, זשאַן זשאַק רוסאָ אין אַכצנטן יאָרהונדערט), ווייל מדינת־ישראל — ווי מען האָט עס נישט איינמאָל פּראָקלאַמירט — איז נישט בלויז די מדינה פון די יידן, וואָס זיצן אין איר, נאָר די מדינה פון גאַנצן אָדער פונעם רוב פאָלק, וואָס דאַרף זיך ערשט אין איר קאָנצענטרירן; און דעמאָלט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר דער טעאָריע, אַז די מדינה האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין לויף פון מלחמה, אָדער כדי צו צוימען דעם יצר פון מלחמה, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער נשמה פון מענטש (די מדינה ווי אַ פאַקטאָר, וואָס דאַרף פאַרמיידן מלחמה לויט דער טעאָריע פונעם עסטרייכן סאָציאָלאָג, לודוויק גאָפּלאָוויץ), אָדער כדי צו קאָריגירן אַ לאַגע, וואָס האָט זיך געמאַכט צוליב דער מלחמה (די מדינה ווי אַ רעזולטאַט פון אויסקריסטאַליזירן זיך כוחות אין דער מלחמה, לויט דער טעאָריע פון דייטשישן סאָציאָלאָג, פראַנץ אָפּנהיימער), ווייל ס׳איז נישט געווען ווייזט־אויס קיין צווייטער פאַל אין דער היסטאָריע, ווו אַ קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנעמונג, דער יסוד פאַר דער מדינה, איז אינגאַנצן געשאַפן געוואָרן דורך דער שעפערישער אַרבעט פון מענטש אָן צו באַנוצן כוח סיי דורך די קאָלאָניסטן סיי דורך דער מדינה, וואָס שטייט הינטער זיי; ס׳איז נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר דער טעאָריע וועגן פולשטענדיקער סוווערעניטעט לויט וועלכער די מדינה, ווי דער אויבער־כוח, נויטיקט זיך נישט אין קיין באַרעכטיקונג (די טעאָריע וועגן דער מדינה אַלס סוווערניטעט לויט זשאַן בודענס פאָרמולירונג וועגן וועלכער עס איז שוין אויבן גערעדט געוואָרן), ווייל זאָל די ווערט פון דער סוווערניטעט זיין וואָסערע זי זאָל נישט זיין, איז זי אין דעם פאַל נישט דער עיקר, נאָר דער ציל צו וועלכן מען שטרעבט מיט איר הילף; ס׳איז נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר דער טעאָריע, וואָס בויט היינט דעם וועג אין דער לערע פון מדינה, לויט וועלכע די מדינה איז דאָס געזעץ, ביז נישט פונאַנדערצוטיילן זיי (די טעאָריע וועגן דער מדינה אַלס געזעץ, ווי עס האָט עס פאָרמולירט איינער פון די גרעסטע שטאַט־טעאָרעטיקער פון אונדזער צייט, האַנס קעלסן), ווייל אין אַלער ערשט פאַרמאָגט נישט מדינת־ישראל קיין איינהייטלעך געזעץ פון דעם מין, און אַוודאי איז אַזאַ נישט געווען אין אָנפאַנג פון איר עקזיסטענץ. און צווייטנס, נישט דאָס געזעץ ווערט דאָ באַטאָנט אַלס עיקר, נאָר אינגאַנצן אַנדערע זאַכן, און נאָך:

דער כאַראַקטער פון מדינת־ישראל איז באַצייכנט געוואָרן אין דער קלאָר־סטער פאָרעם אין איר גרינדונגס־דאָקומענט, ווו עס רעדט זיך וועגן דער אויפגאַבע פון דער מדינה אומצוקערן דאָס פאָלק צו זיין פאָטערלאַנד, און וועגן אַ צווייטער אויפגאַבע — פאַרווירקלעכן די לאָזונגען פון גערעכטיקייט און פון פעלקער־ברודערשאַפט לויט דער וויזיע פון די נביאים. עס איז נישט פאַראַן קיין צווייטע מדינה אין דער וועלט, וואָס האָט אַזוי באַצייכנט אירע אויפגאַבן, און נאָך מער, וואָס האָט געזאָרגט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער מיסיע, וואָס די דאָזיקע באַצייכענונג אַנטהאַלט אין זיך, ווייל בלויז די באַצייכענונג, אין אַזאַ מין פאַל, איז אַוודאי נישט גענוג; דער עיקר איז דער ענין פון פאַרווירקלעכונג, וואָס קומט נאָך דער באַצייכענונג, און אָפט־מאָל אַפילו פריער. די ריזיקע התישבות־אונטערנעמונג בכלל, און די קאָ־לעקטיוויסטישע התישבות בפרט; די וועלט פונעם אַרבעטנדיקן מענטש, וואָס איז אויפגעקומען אויפן באָדן פון ישראל, און זי איז אַן איינציקע פון דעם מין אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט; אַן עליה, וואָס האָט דרייפאַכיק פאַרגרעסערט די באַפעלקערונג פון לאַנד אין אַ תקופה פון בלויז אַ האַלבן דור, און האָט ווייטער געבאַנט צום ציל איינצוזאַמלען דאָס פאָלק ביי זיך אין לאַנד; פאַרבינדונגען צווישן מדינת־ישראל און דעם פאָלק אין גלות, וואָס באַשטימען אַלץ מער און מער דעם כאַראַקטער פון פאָלק, און זיי זענען דער הויפט־פונדאַמענט פאַר זיין נאַציאָנאַלער־און מאָראַלישער־עקזיסטענץ; די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, וואָס קומט צום אויסדרוק אויפן יעדן שריט און טריט אין די טאַטן (און נישט בלויז אין אירע פראָקלאַמאַציעס) פון מדינת־ישראל, און בעיקר אין דער וויכטיקער הילף, וואָס ווערט דער־לאַנגט אַנדערע מדינות, אין אַזיע און אין אַפריקע — דאָס אַלץ איז זיך מצטרף צו דער דערשיינונג, וואָס דאַרף ווייזט־אויס שאַפן נייע וועגן אין דער לערע פון דער געזעלשאַפט, און באַזונדער אין דער לערע פון מדינה. דאָ באַווייזט זיך די מדינה אין אַ נייער פאָרם, וואָס מען האָט נישט געקענט אין אונדזער דור און נישט אין די פריערדיקע דורות: די מדינה אַלס אינ־סטרומענט צו פאַרווירקלעכן די אידייע.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט איר אייגענעם באַדייט, בלי ספק דעם גרעסטן אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט. דער געראַנגל וועגן רעכט פון עקזיסטענץ פאַר דער מדינה פונעם מאָראַלישן אַספּעקט, גייט שוין אַן דורות לאַנג. עס זענען געווען, בעיקר אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אויך היינט זענען פאַראַן נישט ווייניק, אַזעלכע וואָס נעגירן די דאָזיקע רעכט; פון דאַנען שטאַמט דאָך דער אַנאַרכיזם מיט זיינע פאַרשידענע פאָרמען, און

אויך צווישן די גרינדער פון דעם סאָציאַליזם זענען געווען נישט ווייניק וואָס האָבן געחלומט וועגן דער מינוט, ווען מען וועט קענען אַריינשטעלן די מדינה אין אַ מוזיעאום פאַר אַנטיקן צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ ווערט, אָבער אין אונדזער צייט, האָבן זיי קיין משמעות נישט. און ווידער, עס זענען געווען און עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס זעען דאָס שלעכטס נישט אין עצם באַגריף מדינה, נאָר אין דער סוווע־רעניטעט, וואָס דינט איר אַלס פונדאַמענט, און זי אַלס אַזאַ קאָן אָנרייצן דעם יצר הרע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער נשמה פון מענטש, ווייל עס זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע וואָס פעלשן זי, און זיי האַלטן זיך אַפילו נישט אָפּ פון פאַרברעכנס כדי צו צושטעלן כאילו די באַדערפענישן פון דער מדינה, ווי עס האָט נישט איינמאָל פּאַסירט אין די פאַרגאַנגענע דורות, און אין דער שרעקלעכסטער פאָרם דווקא אין אונדזער יאָרהונדערט. לויט דער מיינונג פון די יעניקע דאַרף מען פונאַנדערטיילן צווישן מדינה און סוווערעניטעט. ס'הייסט, מבטל זיין די סוווערעניטעט, אָדער לכל הפחות באַשרענקען דאָס שלעכטס, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, דורך שאַפן נייע פאָרמען פון אינ־טערנאַציאָנאַלער סוווערעניטעט, היינט בעיקר די פאַראייניקטע פעלקער: זאָל זיין דער באַדייט פון די עקספּערימענטן אַ וואָסערער ער זאָל נישט זיין, נישט ווייניקער וויכטיקער פון זיי און אַוודאי נישט ווייניקער פון די אומ־פּראַקטישע פאָרשלאָגן מבטל צו זיין די סוווערעניטעט, זענען די עקספּערי־מענטן צו שטאַרקן אירע מאָראַלישע יסודות. דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן מדינת־ישראל פעדערט זיך, און אַוודאי איז ער אַ זייער וויכטיקער וועג. אַ מדינה, וואָס וויל זיך באַניצן מיט איר סוווערעניטעט כדי צו דערנענטערן די גאולה פון פאָלק אָדער פאַרווירקלעכן די אידייע פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָאָפּערירן — איז זיכער, אַז זי וועט נישט פעלשן די סוווערעניטעט; אַזאַ סוווערניטעט איז אַוודאי באַרעכטיקט אויף פונעם מאָראַלישן אַספּעקט.

לאָמיר פון דעם אַלעמען נישט קומען צום אויספיר, אַז דער דאָזיקער טלית פון מדינה, וואָס איז אויפגעקומען דאָ אויפן ישראל באָדן און וואָס איר כאַראַקטער איז דאָ געשילדערט געוואָרן אין אַ פּאָר זאַצן, איז כולה תכלת, און ווי זי וואָלט זיך נישט געראַנגלט מיט כמה וכמה פּראָבלעמען, וואָס ס'איז באַכנישט געפינען געוואָרן קיין לייזונג פאַר זיי. ס'האָט זיך דאָך אויך די וויזיע פון אַ געטלעכן קיניגרייך, וואָס מיר האָבן גערעכנט אויפצושטעלן אין די אורצייטן, אָנגעטראָפן אין אומגעהויערע שוועריקייטן אויפן וועג פון פאַרווירקלעכונג, ביז עס האָט זיך צוויי מאָל אויסגעלאָזט מיטן חורבן פון דער מדינה; נישט נאָר אין שולד פון די יעניקע, וואָס זענען נישט גרייט

געוועזן אָדער זענען נישט מסוגל געווען צו לעבן אין איינקלאַנג מיט די אַנווייזונגען, וואָס זיי האָבן באַקומען ביים מעמד הר סיני, אָדער אין די רייד פון די נביאים, נאָר צוליב די אינערלעכע סתירות, וואָס האָבן זיך געשאַפן בשעת עס האָט זיך אַנטוויקלט די דאָזיקע מדינה.

אויך די היינטיקע מדינת־ישראל ראַנגלט זיך דעריבער מיט כמה וכמה שווע־ריקייטן אינעם פאַרווירקלעכן איר שליחות, און אַפילו אין די פּראָצעסן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דער שווערער פּראָבלעם פון מיזוג גלויות האָט נאָך נישט זיין ענטגילטיקע לייזונג, כאָטש מען לייגט אַזויפיל אַכט אויף דעם; די ישראל דעמאָקראַטיע האָט נאָך ביז איצט נישט געפונען דעם געווונטשענעם וועג פאַר דער פאַרשטייערשאַפט פון דער באַפעלקערונג און די געזעצגע־בערישע אַנשטאַלטן; דער פּראָבלעם פון דער אַראַבישער מינדערהייט צווישן דער באַפעלקערונג שטייט נאָך אַלץ פאַר דער מדינה זייער שאַרף, און ס׳האָט נישט געפעלט קיין טעותים און אויך אַנטוישונגען אויף דעם געביט; דער מעמד פון דער אמונה אין מדינת־ישראל, וואָס איז אָן ספק איינער פון די גרעסטע אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, פונדעסטוועגן — און אפשר צוליב דעם — שטויסט ער זיך אָן אויף נישט ווייניק שוועריקייטן, וואָס שטאַמען נישט פון שלעכטן ווילן צי פון דער עקשנות פון דעם אָדער יענעם טייל באַפעלקערונג, נאָר פון דער סאַמע פּראָבלעמאַטיק פון מדינה־און אמונה־באַציאונגען אין דעם פאַל, וואָס איז נישט קיין געווענלעכער הייט, ווי ער איז נישט געווען געווענלעך אין דער אַלטער וועלט; און נאָך, נישט רעדנדיק שוין וועגן די אומגעהויערע אָביעקטיווע שוועריקייטן אין וועלכע די מדינה שטויסט זיך אָן צוליב די פאַרהעלטענישן מיט די מדינות וואָס ווילן זי אונ־טערברענגען. אָבער דאָס אַלץ, זאָל עס זיין ווי וויכטיק, קען נישט מבטל זיין אָדער אַפילו מצמצם זיין דעם ספּעציפישן באַדייט פון דער מדינה ווי זי דערשיינט אין דעם פאַל. דער פאַקט אַליין, אַז ברייטע שיכטן פון דער גע־זעלשאַפט קענען די שוועריקייטן און פּרוּוון זיי בייקומען, נישט פאַרנאַכלעסנ־דיק די פונדאַמענטאַלע אויפגאַבן פון דער מדינה, וועגן וועלכע עס איז שוין אויבן גערעדט געוואָרן, פאַרמאָגט זיין אייגענעם באַדייט, וואָס וועט אַוודאי בויען דעם וועג פאַר די קומענדיקע טעג.

אָט האָט זיך דאָך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן דער היסטאָרישער פּראָ־צעס, וואָס האָט געפירט פון דער יידישער ווידעראויפלעבונג אין איר הויפט־אויספורעמען זיך אין פאַרלויף פון די דורות, קודם צו די ערשטע פּרוּוון פון גרינדן אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, און פון דעם צו אַ נאַציאָ־

נאַלער אויטאָנאָמיע אויפן באָדן פון פאָטערלאַנד, און דערנאָך צו דער מדינה פון פאָלק; און ס'האָט זיך אויך פאַר אונדז אַנטפּלעקט דער באַזונדערער כאַראַקטער פון די דאָזיקע דריי שטאַפּלען: אַ נאַציאָנאַלע היים, וואָס איז פונדאַסניי אויפגעשטאַנען אין איר ספּעציפישער פאָרם: אַ זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע הערשאַפט צו באַנען דעם וועג פאַר דעראָבערן דאָס פאָטערלאַנד דורך אַ קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונג און לויטן ווילן פון דער גאַנצער אָדער פונעם רוב אָרגאַניזירטער מענטשהייט; און אַ מדינה אַלס אַ הויפּט־אינסטרומענט אינעם אָנשטרענג פאַר גאולת האומה און צי פאַרווירקלעכן איר אַלגעמיין־מענטשלעכע מיסיע.

עס איז פאַראַן אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָס איז דאָ פאַר סך־הכלט געוואָרן, אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע, און אָן ספק איינע פון די גרויסע און גורלדיקע קאַפּיטלען; און אויך אַ קאַפּיטל געשיכטע פון דער גאַנצער געזעל־שאַפט, און ווידער, אַ פיל באַדייטנדיק קאַפּיטל. דעם פאַקט, אַז דאָס יידישע פאָלק, אויפן וועג צו זיין גאולה, האָט געוווסט צו דענקען און טאָן מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע שווערוואָגיקע קאַטעגאָריעס, וואָס טראָגן מיט זיך מעגלעכקייטן, איז ווערט באַזונדער באַטאָנט צו ווערן. אַזאַ, אין נישט קיין קליינער מאָס, איז שוין געווען זיין וועג אין די אורצייטן; און מיט דעם וועט ער געפרוווט ווערן אויב ער וועט אָנגיין אין איינקלאַנג מיט דער דאָ־זיקער שליחות, מיט דער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער שליחות.

אבא אבן / אויסער מיניסטער

דער שלום אין מיטל־מזרח — אין די אויגן פון ישראל

פון זייט אָנהייב מערץ שטייט די אַראַבישע וועלט אונטער אַן אויפטרייסלונג צוליב די שאַרפע חילוקי־דעות וועגן אירע באַציאונגען מיט ישראל. די טענדענץ פון די אַראַבער וועגן דעם דאָזיקן ענין ווערט פון לאַנג שוין דיקטירט דורך „איינגעשלאָפענע אידייען", אַזוי־ווי וויטעהעד האָט עס אַמאָל באַצייכנט, — ס'הייסט, אידייען, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין קאָפּ, נישט אויסנוצנדיק זיי, אָדער שטעלן אונטער אַ פּרוּוו, אָדער איינרייען זיי אין פרישע קאָמבינאַציעס. אָט די איינשלאָפעניש איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן דורך צוויי געשעענישן, וואָס זענען פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער. די פעדעראַלע רעפּובליק פון דייטשלאַנד האָט געוואָלט איינשטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל, נישט מאַכנדיק זיך וויסן באַוווּסטזיניק פון אַראַבישן דרוק; און דער טוניסער פּרעזידענט איז אַרויס קעגן דעם אָפיציעלן האַרטנעקיגן אַראַבישן צוגאַנג לגבי דעם פּלאַץ פון ישראל אינעם מיטל־מזרח. אין זיינע פּראָקלעמאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן אָפּקלאַנגען אין דער גאַרער וועלט, האָט בורגיבא באַטאָנט, אַז ישראל איז אַן אויסקריסטאַליזירטע פאַרפעסטיקטע רעאַלקייט, און אַז די אַראַבישע מדינות דאַרפן קומען צו אַ הסכם מיט איר. דער חלום פון אָפּמעקן ישראל און פאַרטיליקן זי אין געברויז פון שנאה־אַקטן און געוואַלדטאַטן, איז נישט מער, לויט זיין מיינונג, ווי סתם אַ פאַלשע וויזיע.

די דייטשע איניציאַטיוו און די פּראָקלאַמאַציעס פון טוניסער פּרעזידענט זענען, פאַרשטייט זיך, וויכטיקע געשעענישן. אָבער, אַזוי־ווי זיי זענען, טראָגן זיי נישט אין זיך דעם כוח איינצוהאַלטן דעם געפיל־אויפברויז, וואָס שטאַמט פון קאַהיר און האָט זיך פונאַנדערגעשפרייט אין דער גאַרער אַראַבישער וועלט. נאָך אַלעמען, איז דייטשלאַנד נישט די ערשטע רעגירונג, נאָר די פינף־און־ניינציקסטע, וואָס האָט איינגעשטעלט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל. אַפילו נישט איין מאָל פון די פריערדיקע פיר־און־ניינציק מאָל האָבן די אַראַבישע רעגירונגען אַריבערגעשריטן ווייט איבער דעם סטעראָטיפּישן צער־אויסדרוק; און בורגיבא, וועלכער זעט ישראל קאַלטבלוטיק, ווען אַפילו אומווילליק, ווי „אַ רעאַלקייט", איז וויניקער אַפּיקורוס ווי עס שטעלט אים

פֿאַר דער ספּיקער פֿון קאַהיר. אין תּוך גענומען, איז דאָס דאָך דער פּרעזידענט נאַצער אַליין דער, וואָס דערוועקט ביי אַ טייל פֿון זיינע געהויבענע געסט דעם רושם, אַז דער גלויבן זיינער אין דער פּאַרטיליקונג פֿון ישראל איז נישט איבעריק שלימותדיק. חאַסנין חייקל, דער באַרימטער מצרישער פּובליציסט, האָט לעצטנס דערציילט זיינע לייענער, אַז די מאָדערנע וועלט איז מער נישט פּאַסיק פֿאַר לאָקאַלע פֿאַרפֿעסטנדיקע מלחמות. אַן אַראַביש־ישראלדיקער סיכסוך קאָן, לויט זיין מיינונג, אַרויסרופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינטערווענץ; און די כּוחות וואָס זענען קעגן דער ליקווידאַציע פֿון ישראל זענען נישט באַגרענעצט בלויז פֿאַר ישראל. אָט די דאָזיקע ניכטערע רייד זענען געשריבן געוואָרן צוריק מיט העכער אַ יאָר. אין אַ רעדע אויף אַ פּאַלעסטינאַ פּליטים־קאָנפֿערענץ, האָט נאַצער אויסגערעכנט אַ סך באַגרינדונגען קעגן אַ נאָענטן פֿאַרמעסטן זיך מיט ישראל. איז וואָס פֿאַר אַ זין, אייגנטלעך, האָט איצט דאָס רעאַגירן פֿון נאַצער און חייקל אויף סאָלידע פּראָקלאַמאַציעס וועגן דער אויסדויערנדיקער ישראל אַ שטייגער ווי די טעאָלאָגן פֿון מיטלאַלטער, ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן צום ערשטן מאָל אין דער סברה, אַז די וועלט, אין תּוך גענומען, קאָן נאָך, צום גרויסן באַדויערן, זיין אַ רונדע...

ב. די לאָגיק פֿון דער אַראַבישער שׂנאה

אויב ס'איז שווער דער עפֿנטלעכער מיינונג פֿון דער וועלט זיך צו דערגרונטעווען צום סאַמע קערן פֿון די דאָזיקע דערשיינונגען, איז עס צוליב דעם אָפֿיציעלן אַראַבישן צוגאַנג צו ישראל, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין די איבעריקע אינטערנאַציאָנאַלע סיכסוכים. אין אַלע איבעריקע פּאָליטישע שפּאַנונגס־ברענפּונקטן שטייען די קעגנער איינער אַנטקעגן אַנדערן אויף דער באַזע פֿון קעגנזייטיקער אָנערקענונג. בלויז די אינדאָנעזישע פֿאָדערונג צו ליקווידירן מאַלעזיע איז אפֿשר בבחינת אויסנאַם. איז טאַקע דער פֿאַל אַ באַלערנדיקער, ווייל אינדאָנעזיע האָט פֿאַר זיך נישט געזען קיין מעגלעכקייט צו פֿאָדערן די ליקווידאַציע פֿון אַ זעלבשטענדיקער מדינה, בעת זי אַליין וועט בלייבן אין דער פּאָליטישער און אין דער באַגריפֿלעכער־ראַם פֿון דעם אונ״אָ־צוזאַמענשטעל. האָט זי זיך פֿון דער דאָזיקער ראַם באַפֿרייט.

מען איז זיך נוהג צו באַצייכענען דעם געדאַנק וועגן ליקווידירן ישראל ווי אַ יוצא־דופֿנדיקע דערשיינונג אין רעזולטאַט פֿון אַראַבישער פּילבאַרקייט. קיין איינציקער, און ווייניקער פֿון אַלעמען ישראל, טאָר נישט פֿאַרזען די

שטאַרקע שנאה אויף וועלכער דער אַראַבישער גייסט איז דערצויגן געוואָרן צו באַציען זיך צום עצם קיום פון ישראל. אָבער עס איז בלויז אַן ענין פון געפיל. דער טרוים פון פאַרניכטן ישראל ווערט געפלעגט דורך אַ געוויסע שטימונג, וואָס לאָזט זיך לאָגיש אַנאַליזירן. עס איז וויכטיק מיר זאָלן פאַרשטיין די דאָזיקע לאָגיק. דאָס איז שוין מער נישט אַ סתם שטודיע־איבונג, נאָר אַ דרינגענדיקע מעדיצינישע באַדערפעניש. אויב מיר וועלן קענען דערקלערן און פאָרמולירן די סיבה פאַר וואָס די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז ישראל קאָן פאַרשווינדן, און פאַרוואָס זעען זיי נישט, נאָך זיבעצן יאָר, דעם אָנהייב אַפילו פון אַזאַ מין פּראָצעס, וועט זיך דעמאָלט עפענען דער וועג פאַר אַ נייע אַראַבישע פאַרשטענדעניש פאַרן כוחות־בילאַנס אין מיטל־מזרח, אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט.

ג. דער געאָפּאָליטישער בילאַנס — אויף דער אַראַבישער זייט

דער אַראַבישער אָפּזאָג פון אָנערקענען די עקזיסטענץ פון ישראל, געפינט אַן אָנהאַלט אין דער באַשטענדיקער באַדערפעניש אָנצוקומען צו דער וועלט מאַפּע. דוכט זיך, אַז די כוחות־פאַרהעלטעניש צווישןביידע צדדים צייכנט זיך דאָ אויס מיט אַ ריזיקער דיפערענץ. די אַראַבישע זעלבשטענדיקייט ציט זיך איבער דרייצן זעלבשטענדיקע מדינות און איבער 4 מיליאָן קוואַדראַט מייל, וואָס פאַרמאָגן אַ באַפעלקערונג פון 100 מיליאָן נפשות. ישראל איז אַן איין־איינציקע זעלבשטענדיקע מדינה, וואָס איר שטח איז אַ קליינער, 8 טויזנט קוואַדראַט מייל און די באַפעלקערונג אירע ציילט בלויז $2\frac{1}{2}$ מיליאָן. די איבערוואָג פון די אַראַבער שפּיגלט זיך אָפּ, אייגנטלעך, אין שטח, אין דער באַפעלקערונג, אין דער רייכקייט פון אירע שאַכטן, אין דער סטראַטעגישער חשיבות און אין דער ריזיקער יכולת פון דיפּלאָמאַטישן מאַנעווורירן, ספּעציעל אין די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן, ווו די צאָל האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. פון דעם פאַרשידנאַרטיקן איבערוואָג דרינגען אַרויס אַ סך פון די אַראַבישע פירער די פּשוטע לאָגישע מסקנה, אַז די עקזיסטענץ פון ישראל איז אָפּהענגיק אין דער אַראַבישער צושטימונג, בעת דאָס אַראַבישע פאָלק נויטיקט זיך נישט אין אַזאַ ענלעכער באַדערפעניש כדי שלום צו מאַכן מיט ישראל. ד״ר שאַרל מאַליק האַלט, אַז „די היסטאָריע ווייסט נישט פון קיין צווייטןביישפּיל ביי אַ פאָלק וואָס שטייט אונטער אַ באַשטענדיקער שנאה פון אַ וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום... איך ווייס נישט פון נאָך איין פאַל אין דער וועלט, ווו ס׳איז פאַראַן אַ וועזנטלעכע און אַזאַ

עקסטרעמע אומאינטעגראַציע איבער נאַציאָנאַלע גרענעצן״. דאָ נישט לאַנג האָט די אַראַבישע עקסטרעמקייט געשעפּט דערמוטיקונג פון אירע הצלחות אויף אַנדערע געביטן. „ערשט נעכטן״, שרייבט מוחמד ג׳אַמיל באייהום, „האָבן מיר געהאַלטן, אַז ס׳איז שווער אַרויסצוטרייבן פראַנקרייך מיט כוח פון מאַראָקאָ, טוניס און אַלזשיר... אָדער אַרויסצוטרייבן ענגלאַנד פון מצרים... אָבער דאָס וואָס עס איז געווען שווער איז געוואָרן לייכט ווען מיר האָבן דעם ווילן באַקומען און ס׳איז אונטערגעקומען די רעכטע צייט״.

דער דאָזיקער טאָן חזרט זיך שטענדיק איבער אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אין דער זעלבסט־איבערצייגונג פון דעם אַראַבישן שאָוויניזם. ער איז זיכער אַז די כוואַליעס פון דער היסטאָריע וועלן אָפּשווענקען און אָפּרייניקן אַלע נישט־אַראַבישע עלעמענטן אין מיטל־מזרח, און וועלן צוריקברענגען דעם דאָזיקן ראַיאָן צו זיין „וועזנטלעכער המשכדיקייט״.

אין האַרצן פון די יעניקע, וואָס זעען די געאָגראַפישע־און היסטאָרישע־וואָגשאָלן אין אַזעלכע באַגריפן, קאָן די פּראַקטיק פון די זיבעצן יאָר, וואָס זענען פאַרלאָפן, געבערן נישט מער ווי פאַרווונדערונג און אַנטוישונג. דער פּשוטער אמת איז, אַז דער אַראַבישער שאָוויניזם גייט אַרויס פון בערך אַ צוויי צענדליק יאָרן פון אַנטי־ישראל קאַמף אַ נישט באַכגעביקער, אין אַ פולשטענדיקער סטראַטעגישער נידערלאַגע. די מאַפּע מיטן „זעלבסטפאַר־שטענדלעכן״ בילד פון דער ישראלדיקער אָפּהענטיקייט האָט עפּעס נישט מצליח געווען פעסטצושטעלן די פאַקטן. די אַראַבישע פּאָליטיק, אינספּירירט פון קאַהיר, האָט געשטעלט פאַר אַ ציל אַ ריי קלאָר־באַצייכנטע אויפגאַבן: פאַרמיידן דעם פיזישן קיום פון מדינת־ישראל; באַשרענקען איר שטח; פאַרפלייצן זי מיט אַ כוואַליע פיינטלעכע פליטים; אַרויסשטויסן זי פון אינ־טערנאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן; שטערן איר זיך צו פאַרשטאַרקן אַלס אַ האַנדלס־איינהייט מיט אַ צוגאַנג צו וועלט־מערק; שטערן אירע באַוואָסערונגס אונ־טערנעמונגען; פאַרמיאוסן זי אין די אויגן פון דער וועלט, און אין ערשטער ריי, אָפּהאַקן זי פון יעדער פּאָזיטיווער באַרירונג מיט דער נייער וועלט פון די באַפרייטע אַפריקע און אַזיע.

קיין איינע פון די אַלע צילן איז נישט דערגרייכט געוואָרן. קיין איינע פון זיי ווייזט זיך נאָכנישט אויפן האָריזאָנט. ישראל עקזיסטירט און פאַרמערט אירע סוקצעסן. איר שטח, ווי ער איז פאַרצייכנט געוואָרן אין די אָפּמאַכן פון 1949 צווישן ישראל און די אַראַבער, איז געבליבן גאַנץ, זי איז נישט

פאַרפּלייצט געוואָרן דורך אַראַבישע פּליטים, ירושלים איז אַ אומצעטייל־באַרער חלק פון איר נאַציאָנאַלער ראַם, זי האַלט־אָן אַ נעץ פון דיפּלאָמאַ־טישע באַציאונגען, אַ ברייטערע ווי געוועגלעך פאַר אַזאַ קליינער מדינה. איר פּאַן פלאַטערט איבער די אַנטשטאַלטן, וואָס זאָגן־אָן די אַנטוויקלונג פון אַ וועלטלעכע פעלקער־משפחה. דער אַראַבישער חרם האָט געהאַט אייניקע טאַקטישע נצחונות, אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען צו שטערן ישראל איינצושטעלן האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט הונדערטע מדינות אָדער צו פאַר־גרעסערן איר עקספּאָרט מיט איבער טויזנט פּראָצענט אין די פאַרלאָפענע זיבעצן יאָר. די חולה־זומפּן האָט מען אויסגעטרוקנט און דאָס וואַסער פון כינרת באַוואַסערט די פעלדער פון דרום. די עפנטלעכע וועלט־מיינונג אין איר מערהייט אונטערשטיצט די ישראל רעכט פאַר זעלבשטענדיקייט און פאַר אירע פולע גרענעצן, וואָס באַקומט, פאַקטיש, אַ טאָפּלטע קראַפט אין פעלקער־געזעץ און אין די ספּעציעלע התחייבותן פון פריינטלעכע מלוכות. און דער רוב פון די זיך אַנטוויקלנדיקע מדינות האַלט־אָן מיט אונדזער מדינה שטאַרקע און ענגע קאָנטאַקטן. די דאָזיקע קאָנטאַקטן גייען אַרויס פון די ראַמען פון דיפּלאָמאַטישע העפלעכקייט־זשעסטן און נעמען אַרום די צענ־טראַלע ענינים פון די דערוואַכנדיקע לענדער אין זייער שטרעבן צו אַ פאַרשנעלערטער אַנטוויקלונג.

ד. דער אָפּהאַלט־בילאַנס אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט

דוכט זיך אַז עפּעס וואָס אינעם אויבערפלעכלעכן עדות־זאָגן פון דער מאַפּע איז געווען נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. זאָל קיינער נישט אין ישראל דענקען, אַז אַ הצלחה אין דער פאַרגאַנגענהייט איז די גאַראַנטיע פאַר אַ נצחון אין דער צוקונפט. אָבער די אַראַבישע מנהיגים וועלן נישט דערגיין צו אַ זעלבסט־פאַרשטענדעניש איידער זיי וועלן זיך נישט שטעלן פּנים אל פּנים מיט דער לערע פון די דאָזיקע יאָרן. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז עס געפינען זיך כוחות, וואָס ווירקן אין אונדזער היינטצייטיקער היסטאָריע און אין לעבן פון אונדזער ראַיאָן, וואָס גלייכן־אויס און אַפילו וועגן־איבער די פאַקטאָרן אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער אַראַבישער שאָוויניזם אין טרוים וועגן ישראלס פונאַנדערפאַל. אויב וועלן טאַקע קענען די כוחות, וואָס האָבן צוגע־האָלפן צו באַפעסטיקן ישראל אין די פאַרלאָפענע זיבעצן יאָר, ווייטער עק־זיסטירן אין די קומנדיקע זיבעצן יאָר — און אַפילו ווייט אַריבער נאָך זיי, וועלן דאָך די אַראַבישע פירער זיך נישט קענען נישט ווויסנדיק מאַכן פון

דער אינטעלעקטועלער ווערטן־ענדערונג, וואָס גיט טאַקע איצט אירע סימנים. ט.ס. עליאָט האָט אַמאָל געשריבן אַז „דער מענטשלעכער מין קאָן נישט פאַרנעמען צו אַ גרויסע מאָס פון רעאַלקייט״. אָבער ס׳איז אויך קלאָר, אַז עס איז פאַראַן אַ גרעניץ צום צוטרוי, וואָס מענטשן קאָנען באַקומען צו אומרעאַלע פעסטשטעלונגען, וואָס פאַלן־דורך, וואָס פאַרווירקלעכן זיך נישט אַפילו אין דער קלענסטער מאָס.

איצט קום איך אויסרעכענען די גורמים, וואָס מאַכן צו נישט די לעגענדע וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן נצחון פון די אַראַבער. דער ערשטער גורם איז די פעאיקייט פון ישׂראל צו פאַרמיידן און באַשרענקען די שׂנאה־סימפּטאָמען פונעם אַרום, דורך אָנהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון מיליטערישן־כוח. די באַדערפעניש פון די צוויי מיליאָן ישׂראלים צו זעלבשוץ איז פיל שטאַרקער און ענטגילטיקער ווי די באַדערפעניש פון הונדערט מיליאָן אַראַבער צו פאַרניכטן ישׂראל. עקזיסטענץ איז אַ לעבנס־פראַגע פאַר ישׂראל. אָבער לגבי די אַראַבער, וואָס זייער עקזיסטענץ איז געזיכערט כמעט אין אַ מלכותדיקער מאָס, איז די ליקווידאַציע פון ישׂראל אַמהעכסטן, אַ צווייטראַנגיקער ענין. אויסער דער דאָמינירנדיקער פראַגע פון אויסהאַלטעוודיקייט און קאַמף־ווילן, דאַרפן מיר לייגן אַכט אויף דער איבערוואָג פון דער טעכנאָלאָגיע. די ווערט פון ציפערן אין דער מאָדערנער סטראַטעגיק איז נוטה קלענער צו ווערן אין פאַרגלייך צום ווערט פון די וויסנשאַפטלעכע טעכניקס. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מיליטערישער טעכנאָלאָגיע פאַרלירט דער יסוד פון קוואַנטיטעט די דאָמינירנדיקע חשיבות. די מעגלעכקייט פון אַ קלײנער מדינה, וואָס האַלט איר שטח אַנטקעגן אַ שווערן דעמאָגראַפישן איבערוואָג, ווערט אַלץ מער און מער קאָנקרעטער. דאָס הייסט נישט, אַז ס׳איז ליבער צו זיין קליין. אָבער ס׳איז לכל הפּחות, נישט קיין שלעכטע באַשערטקייט. אינעם נאַציאָנאַלן זכרון פון יידישן פאָלק, ווערט נישט אויסגעטייטשט דוד׳ס ניצחון איבער גוליתן ווי אַ רעזולטאַט פון זיין קליינער וווקס, נאָר פון זיין רירעוודיקייט און פון זיין אימפּראָוויזאַציע־פעאיקייט, וועלכע זענען געווען די קאָמפּענסאַציע פאַר זיין קליינקייט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַלץ וואָס האָט ישׂראל דערמעגלעכט עס זאָל איר געלונגען אָפּצוהאַלטן אירע שׂונאים און זיי צוימען אינעם פאַרגאַנגענעם לעצטן צענדלינג, איז אויך גילטיק פאַרן קומענדיקן צענדלינג און אַפילו פאַר ווייטער.

אויסער דעם, דאָס וואָס איז פאַראַן אַ זיכערהייט־גלייכגעוויכט אין מיטל־מזרח פאַלט זיך צוזאַמען מיט אינטערנאַציאָנאַלע ברייטע אינטערעסן. די

הייнטיקע קריזיסן אַנטפּלעקן זיך בדרך כלל ביי קליינע פעלקער, וואָס ליידן פון מאַנגל אין אינערלעכע סטאַביליזאַציע אין אָרטיקן גלייכגעוויכט פון כוחות. וויעטנאַם, קאָנגאָ, קאַפּריסין, תימן און די דאָמיניקאַנישע רעפּובליק זענען ביישפּילן פאַר דעם דאָזיקן אמת. אין יעדן איינעם פון די דאָזיקע פאַלן אַנטפּלעקט זיך אַ בלויז אין דער זיכערהייט אָדער אַ מאַנגל אין זיכערהייט־גלייכגעוויכט, וואָס שלעפּט אַריין די פעלקער אין שווערע סכנהדיקע קאָמפּליקאַציעס. אַן אָרטיקע שפּאַנונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ אינטערנאַציאָנאַלע סכנה. לויט דערפאַרונג לאָזט זיך דערקלערן דעם זין פון געבן עפּעטער הייнט־צו־טאָג, מער ווי פריער, אַ נוצלעכע אונטערשטיצונג פאַרן אויסהאַלטן אַ פאַרזיכטיקן זיכערהייט־גלייכגעוויכט אויפן אַראַביש־ישראל געביט. איז ווידער נישט אויסגעשלאָסן, אַז חסנין חייקל איז גערעכט אין זיין פעסטשטעלונג, אַז אַ גרויסער אַראַביש־ישראל סיכסוך קאָן מיט זיך מיטשלעפּן אַ באַלדיקע אינטערווענץ פון אויסערלעכע פאַקטאָרן. די מאַפּע, וואָס ווייזט אַ ריזיקן אַראַבישן געביט און אַ קליין ישראל, זאָגט אַלס אַ זעלבע גאָרנישט. זי איז דאָך אַ טייל פון אַ סך ברייטערער וועלט־מאַפּע, אויף וועלכער עס פאַרצייכנט זיך אַ גאָר אַנדערער בילאַנס.

אמת, אַז די אַראַבישע שפּיץ־קאָנפערענצן האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מאָס פון מיליטערישער דערפינדונגס־פעאיקייט אויפן טאַקטישן געביט. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ „בשותפותדיקע מיליטערישע אָנפירונג" און דעם „פאַרבאַנד פאַר באַפרייען פּאַלעסטינאַ". די צוויי צוזאַמען מיט דער דראָונג אויף צו צעשטערן די רעכט פון ישראל אויף וואַסער, ווי זי איז באַצייכנט געוואָרן אינעם פאַראייניקטן פשרה־פּלאַן אין 1955, שטעלן מיט זיך פאַר אַ קאָנקרעטע פאַרשטאַרקונג פון שפּאַנונג און סכנה. אָבער דאָס ווייזט נישט אָן אויף אַן ערנסטן געדאַנק וועגן דער נוצלעכקייט פון דער פּלאַנירטער מלחמה. צי קען טאַקע אַזאַ מלחמה ענדערן די מאַפּע? קיינער קאָן נישט צווייפלען אינעם חורבן און אין די קרבנות, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ מלחמה. אָבער ווען זי וועט זיך פאַרענדיקן — און ווי עס לאָזט זיך דענקען, אין אַ קורצער צייט — וועלן די קרבנות און די צעשטערונג און די מיליטערישע אינוואַזיעס אויסערהאַלב די הייнטיקע גרעניצן, נישט זיין בלויז דער גורל פון איין צד. עס איז נישט קיין פאַלשע וויזיע פאַרצושטעלן זיך אַראַבישע פירער, וואָס וועלן דאַן פאָדערן „צוריקגיין צו די גרעניצן פון 1966 אָדער 1967", ממש ווי זיי פאָדערן איצט די גרעניצן פון 1947, וועלכע זיי האָבן אַליין אָפּגעמעקט מיט כוח. אַכזריותדיקע מלחמות זענען שטענדיק געווען. פון איצט אָן ברענגען זיי לחלוטין נישט קיין נוצן. דער געדאַנק, אַז אַ וואָסערע ס'איז מלחמה

אין מיטל־מזרח קאָן ענדערן אויף אַ ממשותדיקן אופן די פּאָליטישע אָדער טעריטאָריאַלע סטרוקטור, איז ווערט מער געניער באַטראַכט צו ווערן, ווי ער האָט צו דעם זוכה געווען ביז איצט אין די אַראַבישע מיינונגס־קרייזן.

ה. די עקזיסטענץ פון ישראל אין די אויגן פון דער וועלט

דער פּאָליטישער פאַקטאָר, וואָס דעצידירט ישראלס סטאַביליזאַציע, איז־בערצייגט נישט וויניקער ווי די מיליטערישע אויסזיכט. די אינטערנאַציאָנאַלע אָרענע איז היינט מכבד די עקזיסטירנדיקע טעריטאָריאַלע סטרוקטור. די אונ״אָ־מגילה באַזירט אויף פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט און טעריטאָריאַלער גאַנצקייט פון די מדינות וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין איר. די גרויס־מאַכטן זענען דערגאַנגען צום פּרינציפּ פון טעריטאָריאַלער ליבעראַליזאַציע פון דער דערפאַרנוג וואָס דאָס אַטאָם געוויער האָט געבראַכט. אַפילו טערי־טאָריאַלע אָפּמאַכן, וואָס זענען אין אָנפאַנג גערעכנט געוואָרן ווי צייטווייליקע אויסוועגן, זעען איצט אויס וויכטיקער ווי יעדער פּרווו צו ענדערן זיי אָן אַ הסכם. די בריוו־אויסטוישן צווישן מאָסקווע און וואַשינגטאָן אין אָנהייב 1964, האָבן באַוויזן אַ גרויסע איינשטימונג אָפּצוהיטן די עקזיסטירנדיקע גרעניצן, און די קליינע מדינות, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם גרעסטן טייל פון דער פעלקער־משפּחה, ווייזן אַרויס אַ קלאָרן אינטערעס אינעם פּרינציפּ פון זעלבשטענדיקייט און שלמותדיקייט פון עקזיסטירנדיקע טע־ריטאָריאַלע אָפּמאַכן. איצט ווען ביי אַ 98 פּראָצענט פונעם מענטשלעכן מין לעבן אונטער זעלבשטענדיקע פאָנען, האָבן די פּרינציפּן פון דער טעריטאָר־יאַלער אירעדענטע אָנגעוואָרן זייער צויבער.

אויסער דעם אָרטיקן מיליטערישן אָפּהאַלט־כוח און די אינטערנאַציאָנאַלע כבוד־באַציאונג צו עקזיסטירנדיקע טעריטאָריאַלע סטרוקטורן, איז פאַראַן אַ פּראָבלעם פון אַ עפנטלעכע וועלט־מיינונג, וואָס מאַכט די פאָדערונג פון ליקווידירן ישראל אומדערטרעגלעך. עס איז נישט די צייט פון די קרייץ־צוגן. צוזאַמען מיט דער פאַרמערונג פון די פעלקער, פאַרשפּרייט זיך אַ נייער שותפות־גייסט, וואָס ציט זיין יניקה פון דעם ווידערווילן צו מלחמה. פון איצט אָן דאַרפן די פעלקער פירן זייער לעבן אויף צוויי פלאַכן: אויפן נאָענטן פלאַך פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און אויפן מער ברייטערן פלאַך פון אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענאַרבעט. צילן, וואָס מען קאָן נישט דערגרייכן נאָר דורך מלחמה, נעמען זיך נישט אָן ביי דער עפנטלעכער

וועלט־מיינונג. דער רוב מענטשן און רעגירונגען ציען־פאָר די „געגנוואַר־טיקע אומאינטעגראַציע אין מיטל־מזרח" פאַר אַן אויסבעסערונג דורך מל־חמה. די אַראַבישע עפנטלעכע־מיינונג וועט אויך בעסער מאַכן אויב זי וועט אַ מערער געוויכט לייגן אויף דעם אידייען־צוזאַמענפאַל, וואָס ישראל וועקט ביים וועלט־געוויסן, ווי אַ רעזולטאַט פון דער נאַצישער קאַטאַסטראָפע. היסטאָריע איז נישט קיין קאַנווע, וואָס ווערט געשפּינט מיט ריינע הענט. לאָמיר זיך נישט איילן צו זאָגן נביאות וועגן דעם סוף פון דער אָרגאַניזירטער אַכזריות, אָבער אין דער צייט ווען די וועלט, וואָס האָט געזען אַריינ־וואַרפן זעקס מיליאָן יידן אין די קערמאַטאָריעס, ווערט גערופן צוצוקוקן ווי מען וואַרפט־אַריין דעם צענטראַלן שוץ־פּונקט פונעם יידישן קיום „אין ים אַריין" — גייט דורך אַ ציטער אין הארץ... ביי יעדן וואָס פאַרמאָגט אָדער ס'איז נאָך פאַרבליבן אים אַ פונק פון היסטאָרישער אָנשטענדיקייט. דער ענין איז אַזאַ: די אַראַבישע קריגס־געשרייען פאַרלעצן דאָס געוויסן און די העכסט דערהויבענע אינטערעסן פון דער היינטצייטיקער מענטשהייט.

דער געדאַנק צו ליקווידירן ישראל דורך איזאָלירן זי איז נאָך אַ גרעסער אומזין ווי ליקווידירן זי דורך מלחמה. די השפּעות, וואָס טראָגט מיט זיך דאָס איזאָלירן ישראל פון איר אַראַבישער סביבה, זענען באַדויערנדיק און זייער שווערע. אָבער זיי טרעפן מער אין דער אַטמאָספער פון איר לעבן, ווי אין דעם שאַנס פון איר קיום. אין דער נייער תקופה פון שנעלער פאַר־בינדונג זענען די פעלקער ווייניקער, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָפּהענגיק פון דער פאַרבינדונג מיט זייער סביבהדיקן געביט. ישראלס מערק, אירע פריינטלעכע פאַרבינדונגען, אירע וויסנשאַפטלעכע קאָנטאַקטן, אירע גייסטיקע פאַרבינדונגען און איר אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבע קאָנען, אויב ס'איז נאָר פאַראַן אַ באַדערפעניש דערצו, זיך געפינען אין אייראָפּע, ווי אַן אַטלאַנטישע פעלקער־משפחה, און צווישן די זיך אַנטוויקלנדיקע מדינות, וואָס אין דער צווייטער זייט פון די אַראַבישע גרעניצן. דער נייער עולה באַקומט דעם כאַראַקטער פון אַ שטאָטישער קאָמפּאַקטער געזעלשאַפט, וואָס אירע פאַר־שידענע טיילן זענען קעגנזייטיק אויפגעשפּאַנט. אַ גייסטיקע באַציאונג איז היינט וויכטיקער פון שכנות, אינעם טרייב־כוח ביי אינטערנאַציאָנאַלע באַ־ציאונגען. נאָך מער, פון זייט דעם היסטאָרישן פּרימאָרגן האָט ישראל באַקומען השפּעה און אויך אָנגעווענדעט איר גרויסע השפּעה אויף דער וועלט פון מיטללענדישן־ים, ווו זי איז כלל נישט איזאָלירט. דאָס גילט נישט בלויז פאַר ישראל. אין זיין בוך „די קולטור צוקונפט אין מצרים" שרייבט מאהא חוסין: „דאָס מצרישע יידנטום האָט אָנגעהאַלטן איינגעאָרדנטע,

רואיקע באַציאונגען מיטן נאָענטן־מזרח און מיט גריכנלאַנד, צו זייער קעגנזייטיקן נוצן. דער מצרישער גייסט האָט נישט אָנגעהאַלטן קיין שום ערנסטן קאָנטאַקט מיטן גייסט פון וויטן־מזרח... פון די אורצייטן אָן איז זי באַווירקט געוועז דורך דעם מיטללענדישן־ים און פון די פאַרשידענע פעלקער, וואָס באַווינען זיינע ברעגעס״.

ו. דער בילאַנס לטובת ישראל

מיר קאָנען פאַרסך־הכלען די פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אויף דער סטאַביליזאַציע פון ישראל און וואָס מאַכן צו נישט די פיזישע מאַפּע־באַווייזן פון אונדזער געביט: אַן אויסגעפּרוווטע פעאיקייט פאַר אָפּשרעק און צוימונג; טעכנישע־און מאָראַלישע פאַקטאָרן, וואָס גלייכן־אויס די הינטערשטעליקייט פון ציפערן; די אינטערנאַציאָנאַלע שעצונג פאַר דער עקזיסטירנדיקער טעריטאָריאַלער־סטרוקטור פון מדינות; אויסגעשפּראָכענע התחייבותן מצד פריינטלעכע מאַכטן לגבי ישראלס סוווערעניטעט און גאַנצקייט; די קעגנערשאַפט פון דער עפנטלעכער וועלט־מיינונג צו די לייזונגען דורך מלחמה; דער באַזונדערער ווידערווילן פונעם וועלט־געוויסן פאַר ווען אַ צווייט־מאָל אונטערברענגען דעם קיום פון יידישן פאָלק; די אוממעגלעכקייטן פון אַן איינזייטיקן אַראַבישן אָנפאַל, וואָס קאָן ענדערן די פּאָליטישע מאַפּע; ישראלס באַזונדערער פּלאַץ אין אַספּעקט פון בטחון און גלויבן פון דעם־אָ טייל וועלט, וואָס האָלט זיך אין אַנטוויקלען, און איר אויסגעפּרוווטע פעאיקייט אַ שפּאַר צו טאָן וייט איבער דער איזאָלירטער סביבה דורכן פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין און אָננעמען אַן אַלוועלטלעכע דיפּלאָמאַטישע־און עקאָנאָמישע איניציאַטיוו.

נישט אַלע פאַקטאָרן לאָזן זיך גראַפיש אָנצייכענען אויף דער מאַפּע. אָבער זיי האָבן זייערע צייכנס געגעבן מיט ביישפּיל און מיט טאַט פון די זיבעצן פאַרלאָפענע יאָר. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז די גילטיקייט זייערע וועט אַזוי שנעל פאַרשווינדן.

ז. אַ „קאָלאָניאַל״ אָדער אַ נאַציאָנאַל ישראל

די פראַגע איז, אויב און ווי־אַזוי לאָזט זיך פאַרוואַנדלען די דאָזיקע סטאַביליזאַציע אין אַ פּאָזיטיווער באַציאונג. דער ענטפער ליגט אין דער פעאיקייט

פון די אַראַבישע דענקער תופס צו זיין דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט אין נאָענטן־מזרח, ווי אַ ראַיאָן, וואָס לאָזט זיך נישט זען בלויז מיט אַראַבישע באַגריפן. די באַשטימונג פון דעם ראַיאָן ליגט נישט אין אַן אייגנאַרטיקער אַראַבישער אַחדות, נאָר אין אַ שעפערישער פילפאַרביקייט. דריי צענטראַלע פּראָבלעמען דאַרפן געפונען זייער לייזונג אין דעם קנויל פון אַראַביש־ישראל פינסטערניש איידער ס׳וועט קאָנען אויפגיין דער פרימאָרגן פון אַ נייער תקופה. ערשטנס, די געשטאַלט אין וועלכער די אַראַבישע וועלט און ישראל שפּיגלען זיך אָפּ קעגנזייטיק אין זייערע אויגן. צווייטנס, די שפּאַנונג צווישן דער אַראַבישער אַחדות־אידייע און צווישן דער מער וויכטיקער אידייע פון מיטללענדיש־ימישער צוזאַמענאַרבעט. דריטנס, די שלום־אידייע ווי אַ קעגנזייטיקע נויטבאַדערפטיקייט פאַרביידע פעלקער און נישט ווי אַ חסד־געשאַנק, וואָס ווערט געגעבן ישראל מצד די אַראַבער.

דער דיבוק פון ישראלס „באַדראָאונג״, וואָס איז אַריין אין די אַראַבער, שטייט אין קעגנזאַץ צו יעדער לאָגישער אויפפאַסונג. וואָלט די אַראַבישע אומה דערלערנט דעם אמת פון איר געשיכטע, וואָלט זי זיך אַ ריס געטאָן פאַרויס מיט אַן אינטענסיוון פאַרנעם פול מיט האָפענונג. זי האָט באַקומען איר זעלבשטענדיקייט, וואָס ציט זיך איבער 4,463,000 קוואַדראַט מייל. עס איז נישט צו דענקען, אַז זי וועט זיך נישט קאָנען ווייטער אַנטוויקלען אָן די איבעריקע 8,000 מייל. די אַראַבישע פרייהייט אויפן סובקאָנטינענט איז איינגעשרומפּט געוואָרן מיט אַ נישטיקן שטח, צוליב דעם באַפרייען זיך פון אַן אַנדער פאָלק, הינטער וועלכן עס שטייען הונדערטער מיטל־מזרח היסטאָרישע יאָרן, נאָך איידער דאָס אַראַבישע לשון אָדער די מוסלמענישע אמונה האָט דערזען ס׳ליכט פון טאָג. די עפנטלעכע וועלט־מיינונג האָט קיין מאָל נישט אָנגענומען די סברה, אַז ס׳איז באמת ריכטיק וואָס די אַראַבער האַלטן אַזאַ ריזיקן סווערענעם שטח און אַז ישראל האָט קיין באַרעכטיקונג אויף צו האַלטן אין פרידן איר היים, וואָס איז קליין, אָבער טייער איר פון אַלץ.

ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערער ליגן ווי זען אין ישראל אַ „קאָלאָניאַליסטישע דערשיינונג״. קיין איין מדינה אין דער וועלט דריקט מיט זיך נישט אויס דעם באַגריף פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט אויף אַ שטאַרקערן אופן ווי ישראל. דאָס איז די איינציקע מדינה, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, וואָס רעדט דעם זעלבן לשון, וואָס האַלט זיך ביי דער זעלבער אמונה און וואָס געפינט זיך אין דעם זעלבן לאַנד, ווי זי האָט עס געטאָן צוריק מיט דריי

טויזנט יאָר. צוריק מיט אַ פּאָר חדשים האָט אַ גרופּע ייִנגע ישׂראליים זיך אָנגעשטויסן אין געגנט פון ים־המלח אָן געוויסע פּאַרמעט־מגילות פון צוריק מיט 1900 יאָר, און זיי זענען פולשטענדיק קלאָר פאַר יעדן יונגן בירגער אין הײַנטיקן ישׂראל. ישׂראל איז נישט פרעמד דעם מיטל־מזרח, זי איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זײַן קאַנווע און זײַן זיכרון. דער לאַנגער גלות האָט משפּיע געווען אויף דער געשיכטע פון פאָלק, ווייניקער ווי די אָריגינעלע געבורט און די הײַנטצײַטיקע באַנייאונג. נעמט אַרויס ישׂראל, און אַלץ וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, פון דער מיטל־מזרחדיקער היסטאָריע וועט איר אויסליידיקן די היסטאָריע פון אירע צענטראַלע איבערלעבונגען. די אַראַבישע פּאָליטישע־און גייסטיקע־פירער האָבן זיך קיינמאָל נישט אָנגעטאָן קיין ערנסטע באַמיאונג צו פאַרשטיין, אַפילו מיט צער, די עקשנות, די טיפקייט און די אמתעווירקלעכקייט פון ישׂראל, ווי אַ פעסטע נאַציאָנאַלע רעאַלקייט, מיט טיפע וואָרצלען אין מיטל־מזרח. זיי וואָלטן גוט געטאָן ווען זיי וואָלטן זיך פאַרטראַכט איבער דער פאָרמולירונג פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, ווי עס האָט עס פאָרמולירט ערנסט רענאַן: אַ פאָלק איז אַ נשמה, אַ גייסטיקער פּרינציפּ מיט אַ בשותּפותדיקער פּראַכט אין דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אַ בשותּפותדיקן ווילן אין דער קעגנוואַרט; זײַן זכרון איז גרויסע טאַטן, וואָס זענען צוזאַמען געמאַכט געוואָרן; דער ווילן זיי גוט צו מאַכן — דאָס זענען די הויפּט־באַדינגונגען פאַרן קיום פון אַן אומה".

די בשותּפותדיקע שטריכן פאַר דער אַראַבישער־און ישׂראלדיקער־נאַציאָנאַליטעט, וואָס ביידע זענען געפאַנגען פון דער שפּאַנונג צווישן זכרון פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער האָפענונג פאַר דער צוקונפט, זענען אַזוי פיל, אַז די קעגנזײַטיקע פאַרפרעמדונג הײַנט־צו־טאָג טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַן אמתער טראַגעדיע. ס'איז נישט גענוג וואָס די אַראַבישע פירער וועלן זען ישׂראל ווי אַן אָנהיימלעכן „פאַקט". זיי וועלן אויף לאַנגער צײַט מער נישט קאָנען זיך אויסדרייען פון צו פרעגן זיך אַליין, וואָס איז דער זין, וואָס ישׂראלס באַנייאונג זעט־אויס ביי דער רוב מענטשהייט, ווי אַ ליכטיקע דער־שיינונג. על כל פּנים, דאָס פאַרשטעלן ישׂראל דורך די אַראַבער, ווי אַ וויסטע קאָנספּיראַציע אָדער ווי אַ רויבערישע קאָלאָניאַליסטישע אַוואַנטורע, זעט אויס אין די אויגן פון דער מענטשהייט לעכערלעך און אומזיניק. ס'וועט נאָך קומען די צײַט, ווען די אַראַבישע דענקער וועלן זיך פאַרטראַכטן איבער דער ישׂראלדיקער נאַציאָנאַליטעט מיט אַ זאַכלעכן צוגאַנג.

מיר איז קלאָר, אַז דער אַראַביש־ישראל דיאַלאָג פאַרקריפּלט זיך נישט בלויז ביי איין צד. שנאה דערוועקט בדרך כלל אַן ענלעכע באַציאונג. טראָץ דעם סיכסוך, דאַרף ישראל זען די שכנים, אַזוי־ווי זי אַליין איז געווען אין אירע גרויסע שעהען — די ירשנטע און שאַפערן פון אַ רייכע קולטור און אַ פּלע־גערין פון דער שפּראַך, וואָס איר אָפּקלאַנג, זאָל שטענדיק צעקלינגען זיך אין אונדזער ראַיאָן, און וואָס אָן איר איז דער מענטש נישט מסוגל טיף צו פאַרשטיין דעם מיטל־מזרח.

ח. די אויפגאַבע פונעם מיטל־מזרח

די פראַגע צי וועלן טאַקע קענען די אַראַבישע פעלקער און ישראל קומען צו אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש איז אָפּהענגיק אין דער פראַגע, ווי־אַזוי באַטראַכטן זיי דעם כאַראַקטער און די אויפגאַבע, וואָס דער מיטל־מזרח פאַרמאָגט. די עיקר אויפגאַבע פון דעם ראַיאָן, לגבי נאַצער און לגבי דעם מערהייט מנין און בנין פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַליטעט, איז די אַראַבישע אחדות. אַ גרויסער טייל פון דער אַראַבישער היסטאָריע באַרירט די שפּאַ־נונג, וואָס איז פאַראַן צווישן זייער אחדות און ראַיאָן־פּראָבלעמען. די אחדות איז געווען אַ יוצא־דופנדיקע דערשיינונג, נישט קיין זעלבפאַרשטענדלעכקייט. ס'איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אין דער אַראַבישער וועלט אַ פאַראייניקונג־כוח, וואָס נעמט צונויף אַלע אַראַביש ריידנדיקע צוזאַמען אין אַ בשותפותדיקן קענצייכן. אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ שטאַרקע נטיה פון אַראַבישע לענדער אויפצוהאַלטן זייער באַזונדערע סוווערעניטעט אַנשטאָט די פאָדערונג פון אַ קאָנצענטרירטער העגעמאָניע, וואָס קומט פון קאַהיר. באַגדאַד, ביירוט, דמשק און די צפון־אַפריקאַנישע מדינות האָבן קיין מאָל נישט אָנערקענט, פון פרייען ווילן, די פּאָליטישע הערשאַפט פונעם נילוס־טאָל.

די נאַצעריסטישע אָנשטרענגונגען, אין פאַרלויף פון צוועלף יאָר, אַרויפצו־צווינגען איין אויפזיכט אויפן ברויזנדיקן און פיל־ענדערנדיקן זיך שטראָם פונעם אַראַבישן לעבן, האָט געשאַפן אָנאויפהערנדיקע קריזיסן. קיין שום זאַך האָט אַזוי נישט צעשפּאַלטן די אַראַבישע וועלט, ווי דאָס שטרעבן צו פאַראייניקן זי. סיריע, לבנון, איראַק, ירדן, סודאַן, סאוד־אַראַביע, טוניס און איצט תימן האָבן געדינט, איינע נאָך דער אַנדערער, אַרענעס אויף וועלכע דער נאַצעריזם איז אַריין אין אַ געראַנגל מיט דעם שטרעבן פון די אַראַבישע מדינות צו דערהאַלטן זייער זעלבשטענדיקייט — נישט לגבי אַ פרעמדער

מאַכט, נאָר איינע לגבי דער אַנדערער. דער פּילקאָליריזם און דאָס מערן זיך פון פּאָליצענטריזם מאַכן היינט אומעטום צו נישט די אַמביציעס פון מאָנאָ־ליטישע בלאָקן — פון דער אַטלאַנטישער וועלט ביזן קאָמוניסטישן בלאָק און דאָס זעלבע אין אַפריקע און אין לאַטיין־אַמעריקע. ס׳איז אַ ספק צי די אַראַבישע וועלט, מיט איר טיף־וואָרצלדיקער פילקאָלירישקייט, וועט משלים זיין מיט אַ צענטראַלער אויפזיכט. נאַצער, וואָס זיין מיליטערישער צוואַנג־געוואַלט ווערט אָפּגעשטויסן אין תימן, און זיין גייסטיקע איבערמאַכט האָט זיך איינגעבראָכן אין טוניס, קאָן צוריקגעשליידערט ווערן צו דער מצרישער מיסיע, וואָס פּאַסט מער זיין פּאָליטיק איידער דעם פּאַן־אַראַבישן שטרעבן, דעם עקספּאַנסיע־חלום און די אינוואַזיעס וואָס זענען פאַרבונדן מיט איר.

אַ מיטל־מזרח, אין וועלכן עס קאָנען באַזונדערע אַראַבישע מדינות אָנהאַלטן זייער באַזונדערע מיסיע, אויף אַ פילפאַרביקן אופן, קאָנען זיך לייכטער צו־איינגבען אַן אַראַביש־ישראל פאַרשטענדעניש, ווי איידער אַ האָמאָגענישן מיטל־מזרח, וואָס ווערט באַשטימט פון אַ מיצרישער פאָדערונג אַרויפצו־צווינגען אויף אים אַ צענטראַלע הערשאַפט. דער מיטל־מזרח איז נישט קיין עקסקלוזיווער אַראַבישער געביט. זיין מיסיע ליגט אין דער פילפּנימדיקער קעגנזייטיקער באַציאונג פון אַזיע, אייראָפּע און אַפריקע. די צאָל פון נישט־אַראַבער אין מיטל־מזרח איז כמעט נישט קלענער פון דער צאָל אַראַבער, און דער טרוים וועגן אַ פאַראייניקטן אַראַבישן־שטח פון אַטלאַנטישן אָקיאַנוס ביז דער פערסישער בוכטע איז אין קעגנזאַץ צו דעם פילפאַרביקן וועזן פונעם ראַיאָן. דער אַלגעמיינער ציפער פון דער באַפעלקערונג אין ישראל, איראַן, אַביסיניע, סומאַליע, טערקיי און ציפערן איז 80 מיליאָן.

מען דאַרף לערנען די פּראַקטיק פון אַ ראַיאָן־צוזאַמענאַרבעט אין די איבע־ריקע קאָנטינענטן. די אייניקונג־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע האָט זיך אָנ־געהויבן פון בשותפותדיקע אינטערעסן, זי האָט זיך אָנגעהויבן פון קוילן און שטאָל און דערגאַנגען צו אַ מער ברייטערן ווירטשאַפטלעכן צוזאַמענשמעלץ און צו פרייע מערק. די עקזיסטירנדיקע זעלבשטענדיקע געביטן געניסן פון כבוד־באַציאונג און דער פילבאַרער פּראָבלעם פון פּאָליטישן צופּאַסן זיך פאַרצעגערט זיך ביז די ווירטשאַפטלעכע קעגנזייטיקייט וועט באַווייזן זיך טיפער איינצוואָרצלען.

די קאָנטינענט־אָרגאַניזאַציע, אין די אַמעריקאַנישע רעפּובליקן, דערלאָזט נישט צו ראַסיסטישע אָדער שפּראַכלעכע באַזונדערקייטן. זי נעמט־אַרום

אַלע זעלבשטענדיקע מדינות אינעם אָפּגעשלאָסענעם ראַיאָן. אויף אַזאַ זעלבן אופן, דערלאָזט נישט די נייע אָרגאַניזאַציע פון דער אַפריקאַנישער־אייניקונג צו קיין קאָנצענטראַציע און העגעמאָניע. ביז איצט האָט דער פעדעראַלער פּרינציפּ נישט אָפּגעהאַלטן קיין שום נצחון, וואָס איז ווערט צו פאַרצייכענען, נישט אין אייראָפּע, נישט אין לאַטיין־אַמעריקע און אויך נישט אין אַפריקע. די אָנגענומענע פאָרמולע איז אַלץ מער אַ וואַקסנדיקער צוזאַמענשמעלץ און האַרמאָניע אין די באַציאונגע צווישן פאַרשידענע זעלבשטענדיקע מדינות.

דוכט זיך, אַז די אַראַבישע אייניקונג־באַוועגונג, וואָס באַקומט איר אינספּי־ראַציע פון קאַהיר, פאַרמאָגט אַלע שטרויכלונגען, וואָס אַנדערע אייניקונג־באַוועגונגען מיידן אויס. זי שטרייכט־אונטער פּאָליטישע פאָרמען, ווי פעּ־דעראַציעס און ליגעס, נאָך איידער ס'איז איר געזיכערט דער ווירטשאַפט־לעכער אינטערעס. פונעם עטנישן און שפּראַכלעכן אַספּעקט איז זי באַזונ־דעריש, און ווערט דיקטירט דורך רעאַגירן אויף די „שונאים” מער ווי דורך אַ וויטאַלן אימפּולס פאַר זעלבסט־פאַרווירקלעכונג, און עפנטלעך גראָבט זי אונטער די עקזיסטירנדיקע זעלבשטענדיקייטן און אַנקערט אין באַגריף פון צענטראַלער העגעמאָניע.

דער אַממיינסטנס פּרוכפּערדיקער און נאַטירלעכער ראַיאָן־באַגריף איז דער פון מיטל־מזרחישע צוזאַמענאַרבעט. דער מיטל־מזרחישער גייסט, מיט די מחשבה־און טאַטן־שטראָמען, וואָס ער האָט געשאַפן אָדער אויפגעוועקט, אַנקערט אין אויסגאַנג־פּונקט פון דער טעכנישער־און קולטורעלער־רעוואָ־לוציע, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט די קולטורעלע געשיכטע פון דער מענטשהייט. מצרים, ישראל, לבנון, סיריע, לוב, טוניס, אַלזשיריע און מאַראָקאָ זיינען מיטל־מזרחישע פעלקער, בעת ירדן איז בלויז געווענ־דעט לויט איר האַנדל און געשיכטע, צו דער מיטל־מזרחישער וועלט.

די ברעגעס פון דער העלעניסטישער־און גריכישער־וועלט, טערקיי און די רעפּובליקעס פון די ציפּערן־און מאַלטאַ־אינזלען, שווענקען איינע און די זעלבע וואַסערן. יעדער פּונקט אויף דעם דאָזיקן ברעג איז אָפן פאַר אַ לייכטן און שנעלן צוגאַנג פון אַן אַנדערן פּונקט. דריי קאָנטינענטן, אייראָפּע, אַפריקע און אַסיע קוקן צו איר מיט זייער גאַנצן פילפאַרביקן־גורל. פינף גרויסע קולטורן זיינען דאָ אויפגעשטאַנען — יידנטום, קריסטנטום, העלעניזם, רוים און דער איסלאַם. דאָס איז אַ צענטראַלע אויסקריסטאַליזירטע וועלט,

באַקוועם פאַר פרייער קעגנזייטיקער־אַרבעט פון מסחר און אידייען, אָבער פרעמד פאַרן יידנטום. עס איז נישטאָ נאָך אַן אַנדער טייל אויפֿן ערד־קיילעך, ווו עס איז פאַראַן אַן ענלעכע דיפערענץ פון באַדינגונגען אין אַזאַ נאָענטער קירבהשאַפט, אָדער אין אַזאַ גרויסער פּאָטענץ פון קעגנזייטיקער השפּעה. דאָס איז דער פּלאַץ, ווו דער מענטש האָט זיך געזען צום ערשטן מאָל אין ליכט פון נצח. דאָס איז דאָס אָרט ווו די וויסנשאַפט האָט זיך אַרויסגעריסן פון די אַמפּיריזמדיקע קייטן זוכנדיק פאַראייגענדיקע און אַרומנעמענדיקע אויפקלערונגען פאַר דער נאַטירלעכער אָרדענונג. און דאָס איז דאָס אָרט ווו מיר שטויסן זיך אָן, טראָץ אַלע באַדינגונגען פאַר דעם נייעם אויפבלי פון מענטשלעכער וויטאַליטעט, אָן דער פּאָליטיזאַציע, וואָס זינקט אין אַ תהום פון סיכסוך און זוכט נישט קיין נקמה.

די פראַגע איז: אויב די אַראַבער און ישראל, וואָס האָבן געדינט ווי ערשט־ראַנגיקע פאַקטאָרן אין דער מיטל־מיזרחישער עקזיסטענץ, זענען פעאיק אויפצוהייבן זיך איבער דעם סיכסוך, וואָס, גייט אָן צווישן זיי, ווידמענדיק זיך אַ נייער מיטל־מרזחישער צוקונפט, צוזאַמען מיט אייראָפּע, וואָס מאַכט דורך אַ ווידערגעבורט, און מיט אַפריקע, וואָס רייסט זיך צו אויפשוווּנג. אַ נייע מחשבה־דערוואַכונג, ענלעך צו דער, וואָס האָט אויפגעשטעלט די אייראָפּאישע קהילה צוריק מיט פופצן יאָר, קאָן פעדערן די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן שאַנס.

ט. „דער אָפענער ראַיאָן"

ישראל ווערט אָפט געפרעגט, וואָס קאָן זי ביישטייערן אויף צו לייזן די פּראָבלעמען פונעם מיטל־מזרח פאַרן פּרייז וואָס זי קאָן געווינען פונעם אַרונטערנעמען די בלאָקאַדע אַרום איר. כאָטש דער שלום דינט נישט אַלס באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ פון ישראל, איז קיין ספק נישט, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם עיקר פון אירע צילן. ישראל באַגענוגנט זיך מיט זייער אַ קליינעם שטח, איז זי נישט אונטערלעגען קיין שום געזעץ־חוב נאָך צו פאַרקלענערן דעם מיזערנעם שטח אירן, אַרונטערנעמען פון די 8000 קוואַ־דראַט מייל, וואָס זענען פאַראַן אונטער איר הערשאַפט לויטן וואָפן־שטיל־שטאַנד הסכם פון יאָר 1949, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון אונ"אָ און וואָס לאָזט זיך נישט ענדערן אָן דער הסכמה פון די אונטערגעשריבענע רעגירונגען. צום ערשטן מאָל, פון זייט ס'האָט

אויפגעשפּראָצט דער פּרימאָרגן פון דער היסטאָריע, זענען מער קיין גרויסע יידישע קהילות נישט פאַראַן אין די טאָלן פון ניל און פּרת, אין אַראַבישן האַלב־אינזל און אין פאַרשידענע טיילן פון צפון־אַפריקע. אַ האַלבן מיליאָן פּליטים האָט ישראל אויפגענומען און זיי זענען נישט אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די צדקה־פאָנדן פון דער פעלקער־משפּחה, ווי עס איז געטאָן געוואָרן מיט די אַראַבער פון ארץ־ישראל, וואָס זענען געפּרוּווט געוואָרן מיט קור־צערע און ווייניקער שווערע עמיגראַציע־ווייען, און על פּי רוב פון איין טייל ארץ־ישראל צום צווייטן טייל, פון וועלכן עס איז היינט דער שטח פון ישראל, צום ארץ־ישראלדיקן שטח, וואָס איז איינגעשלאָסן אין די אַראַבישע מדינות פון ירדן און מצרים. די טובה פונעם ראַיאָן איז מחייב, אַז די יידישע באַפעלקערונג און די אַראַבישע זאָלן זיך אויפקלייבן אין סביבות, וועלכע זענען נאָענט צו זיי אין לשון, אין עטנישער באַציאונג און אין נאַציאָנאַלן געפיל. אַלע פּליטים־פּראָבלעמען, פון זייט דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין אַזיע און אין אַפריקע, זענען געלייזט געוואָרן לויט דעם פּרינציפּ פון באַזעצן זיך אין אַ סביבה וואָס פאַרמאָגט אַ נאָענטקייט.

ישראל האַלט, אַז די סיבה, וואָס לויט וועלכער מען דאַרף אָנצייכענען אַ שלום־פּאַקט, שטעקט נישט אינעם ענדערן פון כאַראַקטער אָדער סטרוקטור פון די עקזיסטירנדיקע מדינות, נאָר אין שאַפן אַ דראַמאַטישע און רעוואָ־לוציאָנערע ענדערונג אין די באַציאונגען פון די מדינות צווישן זיך.

די רעוואָלוציע וועגן וועלכער איך רעד קאָן געפינען איר בעסטן אויסדרוק אין די באַגריפן פון „אָפענעם ראַיאָן". דער שטח פון ישראל איז קליין, דער־פאַר איז ער אָבער אַ ווונדערלעכער צענטער. ער איז אַ קרייצוועג און אַ ברענפּונקט פון פאַרבינדונג. אין שלום באַדינגונגען קאָנען מיר זיך פאָר־שטעלן וועגן־פאַרבינדונגען און באַן־ליניעס, וואָס ציען זיך פון חיפה ביז ביירוט, דמשק און קושטאַ אין צפון; רבת־עמון און נאָך ווייטער אין מזרח; און צו קאַהיר אין דרום. עפענען די דאָזיקע פאַרמאַכטע ליניעס קאָן אויפלעבן דאָס לעבן, די מחשבה און מסחר פונעם ראַיאָן מער ווי עס לאָזט זיך קלערן דורך וועלכן ס'איז אַנדערן וועג.

אַזוי־אַרום קאָן מען באַנייען די פאַרבינדונגס־וועגן איבערן דרומדיקן נגב צווישן ניל־טאָל און דער „פּרוכטבאַר האַלב־לבנה", אָן קיין שום ענדערונג פון פּאָליטישער מאַכט. דאָס וואָס ווערט איצט אָפּט געשילדערט אַלס קלין צווישן די אַראַבישע לענדער, קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בריק.

די ירדן־מלוכה, וואָס איז איצט אָפּגעשניטן פון איר נאַטירלעכן אויסגאַנג צום ים, וועט קענען פראַנק און פריי עקספּאָרטירן און אימפּאָרטירן אירע סחורותביים ישראלדיקן ברעג. די צוזאַמענאַרבעט ביים ים־סוף קען פאַר־שנעלערן די אַנטוויקלונג פון אילת־און עקבה־פּאָרטן, וואָס דערמעגלעכן ישראל און ירדן זייער קאָנטאַקט מיט דער זיך באַנייענדיקער מזרח־אַפריקע און זיך אַנטוויקלענדיקער אַזיע.

דער מיטל־מזרח, וואָס ליגט ביי די ברעגעס פון דריי קאָנטינענטן קען פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ ברוויזנדיקן צענטער פון לופט פאַרבינדונגס־ליניעס, וואָס זענען איצט אָפּגעהאַקט דורך אַ חרם און דורך צוואַנג צו מאַכן אומוועג.

די ראַדיאָ פאַרבינדונגען, און טעלעפאָן און פּאָסט, וואָס זענען איצט איבער־געריסן, וועלן פאַרבינדן אַ צעשפּאָלטענעם ראַיאָן. דער מיטל־מזרח מיט זיינע היסטאָרישע מצבות און וווּנדערלעכע לאַנדשאַפטן וועט קענען אינספּערירן אַ ריזיקע באַוועגונג פון טוריסטן און עולי־רגל, ווען ס׳וועלן אַרונטערגענומען ווערן די אַלע איצטיקע מכשולים.

נאַטור־אוצרות, וואָס האַקן־איבער די גרענעצן פון מדינות, ווי די ים־המלח שאַכטן און די נגב־און מידבר־פּאָספּאַטן, לאָזן זיך אַנטוויקלען תוך כדי קעגנ־זייטיקן־אויסטויש פון טעכנישער דערפאַרונג.

ווירטשאַפטלעכע צוזאַמענאַרבעט ביי דער אַגראַר־און אינדוסטריע־אַנטוויקלונג קען געבערן איבער־פעלקישע אָפּמאַכן, ענלעך צו די וואָס קומען פאַר אין דער אייראָפּעאישער קהילה. די פאַראייניקטע פעלקער־ליגע קען גרינדן איר ווירטשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַרן מיטל־מזרח, ענלעך צו די קאָמיטעטן, וואָס ווירקן איצט אין אייראָפּע, לאַטיין־אַמעריקע און אין וויטן מזרח. די ספּעצ־ציעלע פיליאַלן וועלן קענען פאַרגרעסערן זייער שטיצע אויף צו אַנטוויקלען די געזונטהייט־און דערציאונגס־וועזנס מיט אַ סך מערערן טאַלק, אויב ס׳וועט טאַקע הערשן דאָ אַ ראַיאָן־אחדות. אַנטוויקלען פוסטע שטחים, זיס מאַכן דאָס ים־וואַסער און בייקומען די טראָפּישע קרענק זענען דער בשותפות־דיקער אינטערעס פונעם גאַנצן ראַיאָן, און זענען באַקוועם פאַר קאָאָפּערירן אויפן געביט פון דערפאַרונג און וויסן.

די פלענער פאַר טעכנישן קאָאָפּערירן, וואָס איז אָנגעפירט דורך ישראל אין פופציק לענדער אין אַמעריקע, אַפריקע און אַזיע, און דאָס קומען פון 1500

יינגע סטודענטן פון די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער קיין ישראל, איז אַ גוטער אָנזאָג־סימן פאַר דעם, וואָס לאָזט זיך דערגרייכן דורך אַן אויסטויש פון טעכנישע אינפאָרמאַציע צווישן די אַראַבישע מדינות און ישראל.

ישראל וועט קענען ביישטייערן צו דער לייזונג פון די פליטים פּראָבלעמען, הויפּטזעכלעך דורך אינטערנאַציאָנאַלע הלוואות צו פינאַנסירן אירע פאַר־פליכטונגען צו געבן פאַרגיטיקונג. די דאָזיקע פאַרגיטיקונג קען צוהעלפן אויפסניי צו באַזעצן די פליטים אויף די שטחים פון דער אַראַבישער וועלט, ווו זיי וועלן קענען פירן אַ נאַציאָנאַל פול לעבן.

די אַנטוויקלונג פונעם וואַסער אין ראַיאָן וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ברענפּונקט פון צוזאַמענאַרבעט, אַנשטאָט צו דינען אַ מקור פון שנאה און שפּאַנונג. אַ גענויער איבערזיכט פון דער לאַגע ביי די גרעניצן, מיט אַ טענ־דענץ אַריינצובריינגען לייכטע און קעגנזייטיקע באַשטעטיקטע ענדערונגען, קען אָפּשאַפן די אַלע פאַרקרומענישן און ספקות, וואָס די שפּאַנונג געבערט. וואָס נוגע די אַנשטאַלטן פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און העכערער בילדונג פוןביידע זייטן גרעניץ — דאָ וועלן יינגע ישראלים און אַראַבער קענען צוזאַמענאַרבעטן אין אַן אַטמאָספער פון חכמה און וויסן. די אַלטע פאָראורטיילן וועלן מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייער פאַרשטענדעניש און כבוד, ווי אַ דערפאָלג פון אַ קעגנזייטיקן דיאַלאָג אויפן געביט פון גייסט.

איז זיכער, אַז אין אַזאַ מיטל־מזרח, וועלן די מיליטערישע בודזשעטן געפינען פון זיך אַליין דעם וואָס וויניקער פאָדערנדיקן גלייכוואָג־פונקט. געשוואָלענע סומען, וואָס ווערן פאַרווענדעט אויף זיכערהייט צוועקן, קענען געלענקט ווערן, ווען אפילו טיילווייז, פאַר אַנטוויקלונגס אונטערנעמונגען.

און אַזוי אַרום, מיט פולן דרך־ארץ צו דער עקזיסטירנדיקער סוווערעניטעט און דער שעפערישער פּילקאָליריקייט פונעם ראַיאָן, קען זי עפענען גאָר אַ נייער קאַפּיטל, וואָס מ'האָט נישט געקאָנט און ס'איז נישט דערציילט געוואָרן דעם פאָלק, אויפן גאָרן מיטל־מזרח. צום ערשטן מאָל אין דער היסטאָריע, איז נישט פאַראַן איין מיטל־מזרחישע מדינה, וואָס געפינט זיך אונטער דעם עול פון פאַרקנעכטונג. אַלע זענען געבענטשט מיט סוווערענער פרייהייט. דער פּראָבלעם איז, ווי אַזוי פאַרטייטשן פרייהייט אויף אַ שעפערישער אַנט־וויקלונג.

אַזאַ וויזיע אין 1965 קען אויסזען ווי אַן אַטאָפּיע, אין דער צייט, וואָס די פּראַגע, וואָס איז אַקטועל, איז נאָך אַלץ צו פאַרשטאַרקן דעם אָפּשרעק־כוח ווי אַ מיטל צו פאַרמיידן אַ באַוואָפנטן סיכסוך און אַ בכיוונדיקע צעשטערונג פון די וואָסער־רעכט. אָבער אין דער פיזיק איז פאַראַן אַ זאַך, וואָס רופט זיך צעשמעלצונג אין הויכע טעמפּעראַטורן. אַ גליענדיקע סכנה קאָן שאַפן צע־שמעלצונג אין פאַרגליווערטע לאַגעס.

אין לויף פון דער צייט וועלן פעלקער נישט קענען עקזיסטירן נאָר דורך אָנערקענען די זאַכן, וואָס בעטן זיך פון זייערע אייגענע בשותפותדיקע אינ־טערעסן. „גרויסע אידייען", האָט אַלבערט קאַמי געשריבן, „קומען אויף דער וועלט, ווי טויבן־וואָרקעריי. קען זיין דעמאָלט, אַז מיר וועלן צוליינן אַן אויער, וועלן מיר דערהערן אין געַרויש פון מלוכות און פעלקער, אַ לייכטן פליגל־גערויש, אַ שטילע דערוואַכונג פון לעבן און האָפענונג".

מ. אסף

די פּראָבלעמען פון די מינדערהייטן אין ישראל

די ישראל באַפעלקערונג [1] איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין 1964 אויף צוויי און אַ האַלבן מיליאָן נפשות. פון זיי קרוב צו 300,000 נישט־יידן (די גרעסטע מערהייט אַראַביש רעדנדיקע), וואָס באַטרעפט ביי אַ 11%. די פּאַרטיילונג לויט פּראָצענטער איז בערך אַזאַ: מוסלמענער 69, קריסטן 22, דרוזן 9.

ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז דער פּראָצענט פון קינדער אַ הויכער. אַ העלפט פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג איז געווען אין סוף 1963 אונטער 15 יאָר און דריי פערטל פון דער דאָזיקער כלל באַפעלקערונג — אונטער 30 יאָר; ס׳הייסט, אין די יאָרגענג 0—4 דערגייט די אַראַבישע באַפעל־קערונג צו 20%. העכער פון אַ האַלבער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ישראל איז געבוירן געוואָרן נאָכן אויפקום פון דער מדינה.[2] אין די יאָרגענג 45—64, אַנטקעגן 19.2 פּראָצענט ביי יידן, ציילן די אַראַבער: 8.2 פּראָצענט די מוסל־מענער, 12.5 פּראָצענט די קריסטן, 9.2 פּראָצענט די דרוזן.

75—77 פּראָצענט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג וווינען אין די דערפער (צווישן זיי 6 דערפער, וואָס ציילן אַ באַפעלקערונג פון העכער 5000 נפשות, ס׳הייסט: כמעט שטעטלעך) און אין בעדואינישע געצעלטן. דאָס רעשט — אין די שטעט. די גרעסטע קאָנצענטראַציע איז אין נצרת (27000), וואָס איז אַ ריין אַראַבישע שטאָט, און אויך אין שטעטל שפרעם (8000). די רעשט שטאָטישע אַראַבער זענען קאָנצענטרירט אין פינף געמישטע שטעט, וואָס פאַרמאָגן אַן אַבסאָלוטן יידישן רוב: תל־אביב—יפו 5900; חיפה 10,700; עכו 7,250; רמלה 2,500; לוד 1,850.

אויפן פאָן פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג וועלן מיר זיך באַשרענקען און זיך בלויז אָפּגעבן מיט די הויפּט־פּראָבלעמען, נישט אָנרירנדיק די באַזונדערע פּראָבלעמען ביי יעדער איינער פון די דריי עדהס.

דער ערשטער־און הויפּט־פּראָבלעם איז, ווי אַזוי וועט זיך אין דער נאָענטער צוקונפט פאַרהאַלטן די אַראַבישע מינדערהייט, וואָס איז אַ חלק פון אַ

גרעסערער און גאַנצערער געזעלשאַפט,[3] וואָס איז פאַרשווינדן אין 1947/8 פון ישראל צוליב דעם בהלהדיקן אַנטלויפן. ווייל דאָס אַנטלויפן „האָט אַרונטערגעהאַקט דעם קאָפּ" פון זייער עליטע, ס'הייסט: דעם רוב אַראַבישן שטאָטישן ישוב מיט זייערע פירער, אינטעליגענץ, סוחרים, אונטערנעמער און בכלל די מענטשן פון דער אַנטוויקלטערווירטשאַפט, וואָס האָבן גע־ווירקט אין דער אַראַבישער ווירטשאַפט, וואָס איז כמעט געווען סעפּערירט. עס איז טאַקע, ווי עס איז, איבערגעבליבן כמעט די פריערדיקע פּראָפּאָרץ צווישן די שטאָטישע און די דערפישע ביי דער דאָזיקער באַפעלקערונג, אָבער דער איצטיקער שטאָטישער צוזאַמענשטעל האָט זיך אין מערסטן טייל געשאַפן פון די נישט פאַרגעשריטענע שיכטן אויף יעדן געביט. די גרעסטע אַראַבישע „שטאָט", נצרת, מיט אַ באַפעלקערונג פון 27,000 נפשות, איז דערגאַנגען צו דער דאָזיקער צאָל דורך אַ שטראָם פליטים, וואָס זענען אַנ־טלאָפן פון פאַרשידענע דערפער (אַ טייל פון טבריה און פון אַנדערע פלע־צער), ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמת העצמאות. פאַרן אויפקום פון דער מדינה איז נצרת געווען זייער אַ קליין שטעטאַלע, וואָס איר ווערט איז באַ־שטאַנען בלויז אין דער קריסטלעכער רעליגיע. יעדנפאַלס האָט זי נישט געדינט אַלס אַן אַראַבישער צענטער, ווי חיפה, ווי יפו א.א.וו.

אָבער דער פּראָבלעם פון דאָרף, אַן אַנטוויקלטער אָדער נישט קיין אַנט־וויקלטער, אין פאַרגלייך צו דער שטאָט איז אַ פּראָבלעם פון ערשטן ראַנג, אין דער גאַנצער וועלט און ספּעציעל אין ישראל, ווייל דאָ איז ער דירעקט פאַרבונדן מיטן איינגלידערונגס־פּראָבלעם פון דעם רוב אַראַבישער באַפעלקערונג אין מדינת־ישראל. דאָס אַראַבישע דאָרף אין ישראל און אויך די שטאָטישע אַראַבישע־ישובים זענען אַ רעזערוואַר פון אַרבעטס־כוח, וואָס דרינגט אַריין אין געגנטן פון דער ווירטשאַפט, אין די נאָענטע יידישע שטעט־טלעך און אין זייערע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, און צום סוף אין חיפהער און אין תל־אביב—יפוער צענטער און אין זייערע סביבות. צום אַראַבישן אַרבעטס־כוח געהערן בערך 60 טויזנט מענער און 9 טויזנט פרויען[4] און „ביי אַ העלפט אַראַבישע באַשעפטיקטע אַרבעטן מחוץ זייערע וווינ־פּלעצער. פון זיי 77 פּראָצענט ביי בוי־אַרבעט און 60 פּראָצענט אין דער אינדוסטריע, בעת 38 פּראָצענט ביי ווירטשאַפט און 35 פּראָצענט ביי די באַדינונגען".[5]

און אין אַראַבישן ישוב, אין די דערפער און שטעטלעך, האַלט זיך אין איין אָנזאַמלען אַן איבעריקער דרוק, דאָס איז דער אינטעליגענטער אַרבעטס־כוח. די זייער גוטע ווירטשאַפטלעכע לאַגע אין די לעצטע יאָרן, און די שטאַרקע

שטרעבונג נישט היטערשטעליק צו זיין דעם כסדרדיקן אויפשוווּנג פון לעבנסטאַנדאַרט, פאַרברייטערן דעם דערציאונג־וועזן פון מיטל־שול אין די גרעסערע אַראַבישע שטעטלעך און דערפער. די פאַרברייטערונג ווערט גע־מאַכט אין נישט גענוגנדיקע באַדינגונגען פון צוגרייטן לערער, לערן־ביכער א.א.וו. די פאָלגן זענען, אַ ריזיקער דורפאַל ביי די מאַטורע עקזאַמינס. אָבער די וואָס האָבן געלערנט אין אַ מיטלשול זענען, צוליב דעם שטענדיקן וווּקס, אַ פּראָבלעם, וואָס וועט אַלץ שאַרפער ווערן, ווייל בעת דער אָנבאָט פון פיזישן אַרבעטס־כוח ווערט אין גאַנצן פאַרברויכט אין פּריוואַטן יידישן סעקטאָר, אין הסתדרותישן און אין מלוכהשן, — איז דער אַראַבישער אַר־בעטס־כוח, וואָס שטרעבט צו נישט־פיזישער אַרבעט, נישט אַזוי. דאָס איז שווער סיי פאַר די וואָס זענען דורכגעגאַנגען די מאַטורע־עקזאַמינס, סיי פאַר יענע, וואָס באַזוכן די הויך־שול,[7] אָבער איבעריק שווער איז עס פאַר יענע וואָס לערנען אין די מיטל־שולן און ענדיקן נישט, און זייער צאָל איז אַ גרויסע.

דאָ זענען מיר צוגעקומען צו איינעם פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון די אַראַ־בישע מינדערהייטן אין לאַנד, און ספּעציעל פון מוסלמענער און קריסטן (דער פּראָבלעם איז אויך פאַראַנען ביי דער דרוזישער עדה, נאָר אין אַ קלענערער מאָס) און נעמלעך — ווי עס רופט עס אָן דער אַראַבישער־ישראלדיקער אינטעליגענט (אינזשיניער) ראָסטום באַסטאָני — „די צע־שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט". דאָס מיינט די פּאָליטישע פּערזענלעכ־קייט, ס'הייסט: די בירגער לאָיאַליטעט איז באַשרענקט בלויז לגבי ווירט־שאַפטלעכע אָדער געזעצלעכע אויפגאַבן, וואָס באַלאַנגען בלויז צום אויבנ־אויפיקן ממשותדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן. אַלץ וואָס איז אויסער דעם — איז אין ספק, אָבער ציט לטובת דער לאָיאַליטעט צו נאַצערן, צו דער אַראַ־בישער ליגע אָדער צום שאָוויניסטישן קאָמוניזם. אין דער צייט ווען די יוגנט איז געפאַנגען אין קרייז פון די נייע שטרעמונגען, די אַנטי־ישראלדיקע, זענען די דערוואַקסענע נאָך אַלץ אַריינגעטאָן אין קרייז פון די אַלטע שינאה שטרעמונגען. סיי די און סיי יענע שטייען אין קאָנטאַקט, טאָג־טאָג, מיט די אַראַבישע שכנותדיקע לענדער און מיט די פּליטים דורך ראַדיאָ און טעלע־וויזיע, וואָס זענען זייער פאַרשפּרייט צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ישראל.

די הסתדרותישע טאָג־צייטונג אויף אַראַביש, „אַל־יום", האָט צוריק מיט אַ קורצער צייט (יוני 1965) איינגעאָרדנט אין זיין אָפּטייל פאַר יוגנט אַן

אַנקעטע (אונטער דער רעדאַקציע פון אַן אַראַבישן יונגן שרייבער־זשור־נאַליסט פון נצרת, אַטאַללאַ מאַנצור) וועגן די שטרעבונגען פון דער יוגנט. עס האָבן אויף איר געענטפערט 107. פון זיי האָבן 63 פעסטגעשטעלט אַלס זייער ערשטע שטרעבונג דעם שלום. 27 — דעם שלום ווי זייער צווייטע שטרעבונג, דאָס רעשט — דעם שלום אויף דער דריטער און פערטער ריי. 10 האָבן בכלל נישט באַרירט דאָס שטרעבן נאָך שלום, דערקעגן האָבן זיי אונטערגעשטראָכן ווי זייער הויפּט־שטרעבונג די „טובה פון די אַראַבער און דעם חורבן פון ישראל״, און פון זיי האָבן אפילו 2 עפנטלעך אָנגעגעבן זייערע נעמען און „געפאָדערט זיי צו פאַרעפנטלעכן אויפן יסוד פון פרייער פּאַבליקאַציע״. 39 אַנדערע האָבן אָנגעגעבן אַלס זייער שטרעבן דעם ניצחון פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער אידייע, פון זיי האָבן 31 פאַרבונדן מיט מצרים דאָס פאַרווירקלעכן דאָס דאָזיקע שטרעבן.

וואָלטן מיר געקענט זען אין דער אַנקעטע און אין אירע רעזולטאַטן אַן אמתן אַראַבישן קווערשניט, און וואָלטן מיר צו דעם צוגעגעבן די רעזולטאַטן פון די וואַלן צו דער הסתדרות און כנסת צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג,[8] וואָלטן די סטאַטיסטישע סך־הכלען געווען גענוג פּאָזיטיוו. אָבער אָ ספק, צי די אַנקעטע שפּיגלט־אָפּ די אמתע לאַגע, צוליב דער באַציאונג צו דער צייטונג „אַל־יום״, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַן אויסדרוק־אָרגאַן, רעדאַק־טירט דורך יידן און דורך דער רעגירונג פון מדינת־ישראל.[9]

די איינגלידערונג פון די ישראל אַראַבער אין דער מדינה איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן צוליב דער שנאה און העץ־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס קומט אין אַ שפע פון די אַראַבישע ראַדיאָ־און טעלעוויזיע־זענדערס. און בדרך הטבע רעאַגירט אויף דעם דער ישראל־ייד מיט פאַרדאַכט, כאָטש די פאַראַנטוואָרטלעכע אַנשטאַלטן, די רעגירונג, די געמיינדעס, די הסתדרות קרייזן און איינצלנע פערזאָנען, מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען כדי צו פאַר־מינדערן די שפּאַנונג דורך אַ שטענדיקער אויפקלערונג און דורך פּאָזיטיווע, קאָנסטרוקטיווע טאַטן.

דאָ איז ווערט צו באַצייכנען דעם פאַקט, אַז אין מדינת־ישראל איז כמעט נישט אויסגעוואַקסן קיין אַראַבישע לאַנד־פּירערשאַפט (און ספּעציעל צווישן דעם מוסלמענישן ציבור), וואָס זאָל זיך פּאָזיטיוו באַציען צו דער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל פאַרטיידיקנדיק די אָרטיקע אַראַבישע שטעלונג.[10] אָבער פאַרשידענע אָרטיקע ראשי־משפחות און בעלי־השפעה צווישן די עדהס,

העלפן־צו אָדער באַמיען זיך צו צוהעלפן באַלאַנסירן די באַציאונגען סיי אַלס מייערס פון די שטעט סיי אַלס געווײלטע צו דער כנסת דורך דער צוזאַמענ־אַרבעט מיט מפא״י (ביי די לעצטע וואַלן — מיטן מערך). און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז מפ״ם ווירקט אין דער ריכטונג אין די ראַמען, פאַרשטייט זיך, פון איר באַשרענקטער השפעה.[11] נאָך מער: מיט דער גאַנצער אינדיפּע־רענטער שטעלונג פון ראַטן־פאַרבאַנד, אין די אַראַבישע אויגן, לגבי מדינת־ישראל, אויך די אַראַבישע קאָמוניסטישע פירער (דער רוב קריסטן), מיט זייער גאַנצן אַראַבישן שאָוויניזם ווירקן צייטנווייז, און מיט גרויס קווענק־לעניש, אויך עפּעס־וואָס לטובת דער דאָזיקער באַלאַנסירונג.

בדרך כלל איז פאַראַן אַ ווייניקע התקרבות צווישן דעם רוב און דער מינ־דערהייט, און נישט ווייניק, ווי אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכע פאַקטאָרן: די קאַלטע קריג אויף דער וועלט, נאַצערס שטרעבן צו באַהערשן די אַראַבישע וועלט מיט דער הילף פון דריי לאָזונגען: די פאַראייניקונג פון דער אַראַבי־שער וועלט, אַראַבישער סאָציאַליזם און באַפרייען פאַלעסטין פון די ציוניס־טישע הענט.

אין דער לעצטער צייט איז צוגעקומען אַ נעגאַטיווער פאַקטאָר: די כינעזישע באַמיאונג אַרויסצושטויסן אַמעריקע מיט ראַטן־פאַרבאַנד צוזאַמען פונעם מיטל־מזרח (צווישן די גרויסע כינעזישע צילן — דער פאַרצוג פון רעכט אויפן אַראַבישן נאַפט). מיט דעם העצט כינע נאָך מער אונטער די אַראַבישע שנאה צו מדינת־ישראל און אונטערשטיצט בפועל ממש שוקייריס „ליגע פאַר באַפרייען פאַלעסטין". דינט במילא די דאָזיקע כינעזישע שטעלונג אַ פאַר־שטאַרקערונג פאַר פונאַנדערצובלאָזן די שנאה מצד דער אַראַבישער וועלט קעגן ישראל. פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז כינע האָט אַ השפעה אויף דער נייער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן.

ב.

צי דאַרף מען נישט זוכן די שולד אויך אין אינערלעכע פאַקטאָרן אין דער ישראל פּאָליטיק? בדרך כלל האָבן זיך די אַלע ישראל רעגירונגען נישט אויסגעצייכנט, אין פאַרלויף כמעט פון די אַלע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ, מיט אַן ערנסטן אינטערעס און מיט אַ יסודותדיקן, שטענדיקן וויסנשאַפט־לעכן און גלייכצייטיק פּראַקטישן, נאָכפאָלגן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון די אַראַבישע בירגער אין ישראל. דער הויפּט־דעצידירער איז געווען דוד

בן־גוריון, וואָס איז פון תמיד אָן פאַרנומען מיט גרויסע פּראָבלעמען (ווי שלום מיט די אַראַבער) און נישט מיט די אַזוי גערופענע קליינע פּראָבלעמען, וואָס זיי זענען עס דער עיקר אין לעבן. דעריבער איז נישט געלייזט געוואָרן פאַר זיין צייט דאָס פּראָבלעם פון מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן זייט העכער צען יאָר אין אַ שטערגייסט פאַר די אַראַבער אָן קיין שום נוצן פאַר ישראל.[12] אָבער דער דאָזיקער שטערגייסט, וואָס האָט כמעט אָנגעווירן זיין באַדייט איז אויסגענוצט געוואָרן אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן דורך די שונאים פון מדינת־ישראל. אשכולס רעגירונג האָט לעצטנס דערקלערט, אַז זי האַלט ביי אָפּשאַפן דעם דאָזיקן פאַקטאָר פאַר שינאת ישראל, און גוט וואָס דער ראש הממשלה האָט עס אָנגעזאָגט דוקא נאָך די וואַלן.

עס איז קלאָר, אַז מען טאָר נישט מוותר זיין אויף באַזונדערע שוץ־מיטלען. אין אָנבליק פון דער שינאה און טאַטן פון אַראַבישע רעגירונגען, קען די ישראל רעגירונג נישט מאַכן קיין דרייסטע שריט איבער דער מאָס. אָבער דווקא די אַנטוויקלונג אין דער אַראַבישער וועלט אין די לעצטע צוויי יאָר, באַרעכטיקט — לויט מיין מיינונג — אַ געוויסע געוואַגטקייט. ס'איז דאָך נישט ריכטיק, אַז ישראל דענקט נאָך פּטור צו ווערן פון אירע אַראַבישע בירגער, און אויב די זאַך איז אַזוי — און איך בין איצט אין דעם איבערצייגט — דאַרף מען זיך מער נישט צוריקהאַלטן, נאָר טאָן פאַרשטייט זיך פאָרזיכטיקע זאַכן, וואָס וועלן באַרואיקן די דאָזיקע בירגער, דערנענטערן זיי צו דער מדינה, און נישט בלויז אויפן מאַטעריעלן געביט, אויף וועלכן די מדינה האָט פיל אויפגעטאָן.

פאַראַן אַז ס'געלונגט אונדז נישט אויסצומיידן איבעריקע קאָמפּליקאַציעס, ווי צום ביישפּיל: איינע פון די שווערע פּראָבלעמען איז דאָס באַשרענקען דעם אַראַבישן אַגראַר־באָדן. דאָ ווירקט אַ גרויסער חשד, וואָס ווערט אויסגענוצט דורך מק"י און אַנדערע העצערס. גענוג צו דערמאָנען די גרינדונג פון שטעטל כרמיאל אין גליל. די קאָמוניסטן האָבן אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש און אויפגעהעצט די באַזיצער פונעם באָדן. און ס'איז דאָך קיין ספק נישט, אַז למעשה האָבן און וועלן האָבן די אַרומיקע אַראַבער גרויס נוצן פון דער נייער שטאָט וואָס בויעט זיך אויף, בעיקר אויף שטייניקער און דאַרנדיקער ערד. אָבער ס'האָבן געווירקט צוויי פאַקטאָרן, וואָס האָבן נאָך מער פאַרעקשנט די שטעלונג פון די ערד־באַזיצער: א) די פּראָפּאַגאַנדע קעגן „פאַריידישן דעם גליל"; 2) די פּרייזן פאַר דעם באָדן (און פאַר די שאַכטן) זיינען

נישט געווען — לויט דער מיינונג פון אַ סך ביי אונדז — גענוג גרויסצוגיק ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין אין אַזאַ פאַל.

ג.

ביז אַהער זענען דאָ באַהאַנדלט געוואָרן פּראָבלעמען, וואָס מען קען זיי אָנרופן אויסרעלעכע. איצט וויל איך מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען לגבי אינערלעכע פּראָבלעמען. דער שווערסטער פון זיי איז דער פּראָבלעם פון דער אַראַבישער פּאַטריאַרכאַלישער משפּחה, וואָס האַלט ביי צעשטערט ווערן. באַזונדער איז עס בולט צוליבן פּאַקט, וואָס דער דאָמינירנדיקער רוב פון די אַראַבער אין דער מדינה לעבט נאָך אין דאָרף אין טראַדיציאָנעלע פּאָרמען, בעת די אַנטוויקלונג פון דער שטאָט האָט פון לאַנג שוין צעטרייסלט דעם דאָזיקן רעזשים.

כל זמן דאָס דאָרף איז געווען מער ווייניקער אַן אָטאַרקישער ווירטשאַפט־קערפּער איז אָנגעגאַנגען דער פּאַטריאַרכאַלער רעזשים. די פּראָבלעמען פון עלטערן און קינדער, אַלטע און יונגע, שוויגער און שניר, מוטער און טאָכטער, בשותפותדיקע קאַסע און עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט, עמארצים און אינטעליגענטן, בשותפותדיק וווינען און באַזונדער, אונטערטעניקייט און פרייהייט, צוגעבונדנקייט צום אָרט און אויסוואַנדערונגען — דאָס אַלץ האָט זיי נישט באַאומרואיקט. די קאָלאָסאַלע נאַטירלעכע פאַרמערונג — פון איין זייט, דאָס באַשרענקן די באָדן שטחים פון די דערפער — פון דער צווייטער זייט, די גאַלאָפּירנדיקע און מיטרייסנדיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון מדינת־ישראל — פון דער דריטער זייט, — האָבן פולשטענדיק איבערגעקערט דאָס אַראַבישע דאָרף. אמת, כלפּי חוץ איז עס נאָך אַלץ נישט אונטערגעגראָבן געוואָרן. די קאָנסערוואַטיווע כוחות ראַנגלען זיך און קעמפן כדי אָנצוהאַלטן וואָס עס לאָזט זיך אָנהאַלטן, אָדער — לכל הפּחות — פאַרלאַנגזאַמערן די איבערקערעניש. אָבער אַלע אָנשטרענגונגען זענען אומזיסטע.

אגב, דער דאָזיקער פּראָצעס גייט־אָן מן־הסתם אויך אין די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, ווייל די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג הענגט־אָפּ קודם־כל אין דעם עקאָנאָמישן רעזשים, וואָס האַלט זיך גאַלאָפּירנדיק אין איין ענדערן אויך אין די אַראַבישע לענדער און איבערהויפּט אין סאַודיע! אין דעם דינאַמישן ישראל, וואָס איר יסוד איז בכלל נישט קיין אָריענטאַלישער, איז טאַקע דער טעמפּאָ פון ענדערונג זייער אַ פאַרשנעלערטער. על אחת כמה

וכמה ווען אַ גרויסער טייל (העכער די העלפט) פונעם אַראַבישן אַרבעטס־כוח איז באַשעפטיקט און ווערט באַשעפטיקט דורכן יידישן ישוב, וואָס ליידט פון מאַנגל אין אַרבעטס־הענט. די לעבנס־געוווינהייטן און די יידישע מיי־נונגען זענען כסדר משפיע אויף די דאָזיקע אַראַבישע אַרבעטער.

אין דעם פּראָצעס וואָס מיר באַהאַנדלען איז פאַרגעקומען אַ געוויסע שלאַב־ריקייט צוליב איין פאַקט: דער גרעסטער טייל פון די דערפער, וואָס אַרבעט אין יידישן אָדער אין רעגירונגס־סעקטאָר, איז ביז היינט געבליבן וווינען אין אירע דערפער. צי זיי קערן זיך אום אַהיים טאָג־טאָג, צי איינמאָל אין וואָך, צי איינמאָל אין צוויי וואָכן, דערוויל וואַלגערן זיי זיך אין פּראָווי־זאָרישע און געמיינע וווין־באַדינגונגען, און האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט מצליח געווען זיך צו באַזעצן צווישן יידן. דער דאָזיקער פאַקט פאַרקלע־נערט, פאַרשטייט זיך, דעם טעמפּאָ פון דער דאָרפישע משפחה־צעפאַלונג, ווייל ווי ס׳זאָל נישט זיין, דער וואָס קומט אַ היים איז אָנגעזאַפּט מיט אַנדערע אידייען פון די איבעריקע משפחה־מיטגלידער, וואָס האַלטן־אָן זייער שטייגער־לעבן און זייער אַרבעט אין דאָרף. אָבער אַ סך פון די אַרבעטנדיקע אין דרויסן, און ווען אַפילו מיטגלידער פון דער הסתדרות און אָטעמען אָן אַנדער אַטמאָספער, זענען קאָנסערוואַטיוו בנוגע דעם שטייגער־לעבן פון דער פרוי און נויטיקן זיך, דעריבער, אין דער אפּוטרופּסות פון דער משפחה. במילא קענען זיי נישט ווידערשפעניקן דער אָרדענונג פון דער טראַדיציאָנעלער משפחה. און טראָץ דעם גייט און ס׳פאַלט זיך פונאַנדער די פּאַטריאַרכאַלע משפחה. אין דער ערשטער וואָך — דערציילן מענטשן וואָס וויסן — קערט זיך אום דער זון אַהיים און גיט איבער זיין טאַטן דעם גאַנצן פאַרדינסט. אין די ווייטערדיקע וואָכן און חדשים גייען און ס׳ענדערן זיך די ענינים: יעדעס מאָל ברענגט ער ווייניקער דעם פאָטער־קאַסירער. ס׳טרעפט, אַז ער האַלט אין איין אויסגעבן מער און מער אין דער פרעמדער שטאָט, ס׳טרעפט, אַז ער הייבט־אָן שפּאָרן אויף פאַרשידענע פּערזענלעכע צוועקן, כדי צו פאַרווירקלעכן וואָס שנעלער זיין זעלבשטענדיקייט.

ס׳איז אַ ביסל מאָדנע די נייע אויסוואַנדערונג פונעם יינגן ישראל פלח, וואָס באַזעצט זיך נישט, פון פאַרשידענע טעמים[13] אין דער יידישער שטאָט, ווו ער אַרבעט אַמאָל במשך יאָרן. די קאָנטאַקטן מיט זיין דאָרף און מיט זיין משפחה זענען נאָך זייער שטאַרק. דוכט זיך, אַז אויסער די פאַרשידענע פאַקטאָרן ווירקט נאָך דאָ אויך דאָס געפיל פון פּאָליטישע אומסטאַבילקייט, און אויך מאַנגל אין דער זיכערקייט, וואָס ס׳וועט פאַסירן מיטן אַראַבישן אַרבעטער

בעת אַן אַרבעטסלאָזיקייט אין יידישן אַרבעט־סעקטאָר. דאָס דאָרף, טראָץ זיינע באַשרענקטע שטחים און די טראַדיציאָנעלע משפּחה — דינט אַ מין פאַרזיכערונג קעגן אַרבעטסלאָזיקייט. אָבער ס׳איז אַ ספק אויב ס׳וועט אָנ־האַלטן די דאָזיקע לאַגע, ווייל דער עודף פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג וועט סוף כל סוף זיך באַזעצן אין שטאָט.

די וואָס קערן זיך אום אויף שבת אין זייערע דערפער ווערן געשטויסן מער און מער, ווען אַפילו פאַמעלעך, אונטער דער השפּעה פון דער הסתדרות און פון פאַרשידענע אַרבעטער־פּאַרטייען, אַריינצומישן זיך אין דעם וואָס פּאַסירט אין דאָרף. און די איינוווינער פון דאָרף ווערן אויך אַליין אַריינגעצויגן אין דעם. אַלץ וואָס קומט־פאָר אין מדינת־ישראל מיט אירע פּאַרטייען, וואַלן און ראַנגלעניש, שלאָגט זיך אָפּ און שפּיגלט זיך אָפּ אין אַראַבישן דאָרף, אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדערער פאָרם, באַלד אָדער שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט. די קאָנסערוואַטיווקייט ווערט אַטאַקירט אויף יעדן שריט און טריט. אַמאָל איז די אַטאַקע מער עקסטרעם ווי אין דער יידישער סביבה, ווייל דאָס נייע, וואָס ווערט געבראַכט אין דאָרף אַריין, קומט פון אַ שטייגער לעבן, וואָס איז אינגאַנצן אַ ווידערשפּרוך צו דער טראַדיציע, וואָס הערשט נאָך אין אַראַבישן דאָרף.

אָט, וואָס ס׳שרייבט איינער „אַל־יום״, אין דער אָפּטיילונג פאַר יוגנט, אַ דאָרפישער אינטעליגענטער לערער: „...און עס איז פאַראַן (אין דאָרף בפרט און אין דער אַראַבישער געזעלשאַפט בכלל) אַ נייער פּראָבלעם, אַ מאָדנער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוריק מיט אַ פּאָר יאָר און דאָס איז דאָס בלינדע נאָכמאַכן (דעם שטייגער לעבן) פון דער מערב־געזעלשאַפט, און מען דאַרף צוגעבן — פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. און דאָס נאָכמאַכן בלינד ליגט דאָך בעיקר, ווי געוועהנלעך, אין מינדערווערטיקייטס קאָמפּלעקס און אין מאַנגל פון זעלבזיכערקייט.. און די דאָזיקע צוויי קרענק געפינען זיך נישט — אַ לויב אַללאַ — אין אונדזער געזעלשאַפט. ווי־זשע האָט פּאַסירט וואָס ס׳האָט פּאַסירט? די סיבה פון אונדזער גרויסן טעות ליגט אין אונדזער דענקען, אַז די מערב־געזעלשאַפט איז דער הויכפּונקט און ס׳איז נישטאָ קיין העכערס פון איר. און ערגער פון אַלץ, וואָס מיר מאַכן־נאָך דער מערב־געזעלשאַפט בלויז איר נעגאַטיווע זייט, וואָס די מענטשן פון מערב אַליין באַקלאָגן זיך אויף דעם, ס׳הייסט: נאָכמאַכן ס׳אויסערליכע, די שאָלעכץ (און נישט דעם תוך). און פאַרוואָס זאָלן מיר נישט נאָכמאַכן פונעם מערב די פּאָזיטיווע זייטן, ווי אָפּגעבן זיך דער וויסנשאַפט... און אַנטוויקלען אונדזער אינדוסטריע און

אַגראַר, די דערציאונג פון אונדזערע קינדער, כדי מיר זאָלן דערגרייכן דאָס וואָס דער מערב האָט דערגרייכט? אונדזערע עלטערן האָבן דאָך, צוריק מיט אַ סך דורות, דערגאַנגען צו אַ הויכער שטופע פון קולטור...״

קאָן זיין, אַז דער עלטערער דור, אויסער עסקנים, וואָס געניסן, באַשולדיקט אין דער גאַנצער איבערקערעניש די מדינת־ישראל און איר השפעה אויפן יינגן אַראַבישן דור. די עלטערע, וואָס היטן־אָפּ די טראַדיציע, האָבן נישט קיין כוח ווי געהעריק זיך אַנטקעגן צו שטעלן, אָבער פון דאַנען שטאַמט מן־הסתם נאָך איין שנאה אין האַרץ צו דער רעוואָלוציאָנערער מדינת־ישראל אין וועלעכער זיי לעבן.

ד.

צום סוף וועל איך אין קורצן דערמאָנען נאָך צוויי־דריי פּראָבלעמען: בשותּפותדיקע שולן, אַראַביש־יידישע, אָדער — ווי ס׳איז איצט איינגעפירט — באַזונדערע שולן, אויסער איינצלנע פאַלן, וואָס זענען יוצא־מן־הכלל. צום ביישפּיל: די געשיכטע מיטן חיפהער שטאָט־ראַט, וואָס האָט געשאַפן אונטער איין דאַך יידישע קלאַסן באַזונדער, און אַראַבישע קלאַסן באַזונדער. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳מיינט בעיקר מיטלשולן: צי דאַרפן זיי זיין געמישטע אָדער נישט־געמישטע. דער פּראָבלעם איז אַ דרינגענדיקער בלויז אין די געמישטע שטעט פאַר די אַלגעמיינע שולן, אָבער לגבי די פאַך־שולן איז עס אַ לאַנד־פּראָבלעם. ראָסטום באַסטאַני [14] שרייבט: „דער ספּעראַטסיטישער סיסטעם דאַרף בטל ווערן — אויסער אין די פאַלקסשולן. מען דאַרף גרינדן מיטלשולן און פאַך־שולן אַפילו אין די דערפישע געגנטן, אין אַזאַ סביבה, וואָס זאָלן דינען גלייכצייטיק די יידישע און אַראַבישע ישובים. די דערציאונג דאַרף מען פאַרשטיין אין איר פולן זין פון וואָרט, נישט בלויז ווי אַן אונטעריכט פאַר געוויסע טעמעס, נאָר ווי אויסקריסטאַליזירן דעם גייסט פון סטודענט, פונעם קינדער־גאָרטן אָן ביז דער אוניווערסיטעט״. („המזרח החדש״).

ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דאָס איז אַ נישט רעאַלע געוואַגטע פאָדערונג: סיי די ישראל אַראַבישע געזעלשאַפט, סיי די יידישע געזעלשאַפט זענען נישט מסוגל זי אָנצונעמען, על־כל־פנים נישט אין דער קעגנוואַרט. באַסטאַני איז צו ווייט פאַרגאַנגען מיט זיין פאָדערונג, אַריבער אונדזער נאַציאָנאַלער תקופה און אַריבער מדינת־ישראל, וואָס שאַפט זיך און זאַמלט זיך פון דער אַלוועלטלעכער יידישער צעשפּרייטקייט.

ערנסט איז אויך דער פראָבלעם פון אָרטיקער זעלבסטאָנפירונג. דער אינער־מיניסטעריום פון מדינת־ישראל דערוועקט און שטופט ס׳זאָל זיך שאַפן אַן אַראַבישע זעלבסטאָנפירונג, אַן אָרטיקע פאַרשטייט זיך. די דאָזיקע איניציאַטיוו ווערט נישט אויפגענומען מיט אַן איבעריקן ווילן אין די דערפער, ווייל דער יסוד פון ראשי־משפחות (כאַמולעס) איז נאָך שטאַרק אין די דערפער, און דעמאָקראַטישע וואַלן צעטרייסלען דעם דאָזיקן יסוד. די זעלבסט־אָנפירונג ברענגט מיט זיך שטייערן, צו וועלכע דעם אַראַבישן ציבור איז שווער זיך צו צוגעוווינען. און שטענדיק קומט־אויף אַ חשד: אויב אַ רעגירונגס אַמט דריקנט צו דעם, הייסט עס, אַז דער ענין איז לטובת דער יידישער מדינת־ישראל! ס׳הייסט: נאָך אַ פאַקטאָר פאַר צוריקהאַלט און אומווילן.

אין אַלגעמיין איז פאַראַן אין אַראַבישן ישוב אין ישראל (אַן אָריענט דערשיינונג) אַ פראָבלעם פון מאַנגל אין איניציאַטיוו פאַר זעלבסטאונטערנעמונג לגבי יעדער זאַך, וואָס איז אויסער דעם טאָג־טעגלעכן געברויך. אויסער דעם פראָפיט און פאַרלוסט אויף אַ קורצער מעטע. ס׳איז בולט דער מאַנגל פון איניציאַטיוו פאַר אַן אייגענע עקאָנאָמישע אונטערנעמונג אין אַ ברייטן מאָס־שטאַב. די רעגירונג און די הסתדרות ווירקן און באַווירקן אין די לעצטע יאָרן אויף דעם געביט. ביז איצט איז די הצלחה געווען אַ קליינע אין אייניקע באַוועסערונג אונטערנעמונגען אין בשותפותדיקע דערפער (מיט דער דער־מוטיקונג פון הסתדרות) און אין אַן אַראַביש־יידישער באַנק. אינדוסטריע־פרוון זענען דורכגעפאַלן. און ס׳איז דאָך פאַראַן געלט אָפּשפּאָרונג, ווען אַפילו נישט אין הענט פון איינצלנע און נישט אין ריזן סומעס, אין די אַראַבישע דערפער. אַ סך אָפּשפּאָרונגען ווערן טאַקע אָנגעווענדעט פאַר אַ גרויסער בוי־באַוועגונג, פאַר ווױנונגען,[15] שטוב־כלים, מעכאַנישע און מאָ־דערנע, פאַר טעלעוויזיע־און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און אויך פאַר טראַקטאָרן א.ד.ג. די געלט־פּלאָטקייט האָט אויך געלייזט דעם פראָבלעם פון נדן, וואָס איז געווען אַ שווערער ביים אָנפאַנג פון דער מדינה, אין דער צייט פון צנע, בעת אין די לעצטע יאָרן רופט נישט דער פראָבלעם אַרויס קיין גרויסע אויפמערקזאַמקייט.

אָבער דער מאַנגל אין עקאָנאָמישער איניציאַטיוו, בי די אַראַבער שטויסט אַלץ מער און מער דעם אַרבעטס־כוח צום איניציאַטיוו־און אַרבעט־מאַרק פון די יידן. דער רעזולטאַט האָט באַדאַרפט פאַרשנעלערן דעם איינגלידערונגס־פּראָצעס, נישט נאָר דעם עקאָנאָמישן־מאַטעריעלן, אין מדינת־ישראל. אָבער די דאָזיקע זאַכן וואָס מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט, ווייזן־אָן, אַז די איינ־

גלידערונג ווערט אייגעהאַלטן צוליב געפיל־זאַכן אָדער צוליב אומזעבאַרע פּעדעס, וואָס פאַרבינדן די ישראל־אַראַבער מיט דער אַראַבער־וועלט, וואָס דריקט־אויס איר פיינטלעכקייט צו ישראל אויפן שטאַרקסטן קול.

און אחרון־אחרון: אפשר איז שוין צייט, אַז מפלגת פועלי א״י זאָל באַהאַנד־לען די פראַגע פון אָרגאַניזירן די אַראַבישע יוגנט אין די ראַמען פון אַ פּאָליטיש סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי? אַ דאַנק דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי (נאָך אין צייט ווען ס'האָבן רעגירט בן־גוריון און לבון...) זענען געעפנט געוואָרן די טויערן פון הסתדרות פאַר די אַראַבישע אַרבעטער. אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט. איצט דאַרף באַהאַנדלט ווערן און אויסגעקלאָרט ווערן דער צווייטער שריט נאָך דער פּאַך־אָרגאַניזירונג. דאָ זענען פאַראַנען אַ סך שטרויכלונגען, אָבער די אַנטוויקלונג און די פּאַסירונגען אויף דער אַראַבישער וועלט, קאָנען פאַר־לייכטערן און צוהעלפן. יעדנפאַלס קאָנען מיר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אַנטקעגן דער נייער אָפענסיווע אויף דער ישראלדיקער אַראַבישער יוגנט, וואָס מאַכט די נייע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

---

1 לויט דעם איבערבליק פון אליהו בן־עמרם, אין „המזרח החדש״, 1965, העפט 2־1,

2 8 פּראָצענט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, היינט־צו־טאָג, איז דערלויבט געוואָרן זיך אומצוקערן פון די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. לויט דער בראַזשור פונעם יוגנט ריכטער רייפן: „פּאַרמען און אימפּולסן פון יוגנט־פאַרברעכנס צווישן די אַראַבער אין ישראל״, ז׳ 5.

3 די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז שוין געוואָרן סטערעאָטיפּיש אויך צווישן דער ישראל אַראַבישער אינטעליגענץ, נוצט דעם באַגריף: „אַראַביש פאָלק מיט קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע און חיסנשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים״ — ראָסטום באַסטאַני, „המזרח החדש״ וו.א.ד.

4 צוזאַמען 47 פּראָצענט פון צווישן די 144,000 אַראַבער אין אַלטער פון 14 און העכער.

5 „המזרח החדש״, אליהו בן־עמרם, ז׳ 23.

6 אין לעצטן יאָר האָבן דורכגעמאַכט די עקזאַמינס בלויז 10.3 פּראָצענט, פון די כלל אַראַ־בישע אַביטוריענטן. צוריק מיט אַ יאָר — 12.2 פּראָצענט.

7 דער פּראָצענט פון די וואָס ענדיקן איז נישט קיין הויכער, אין פאַרגלייך צום צאָל וואָס פאַרשרייבן זיך אין העכערע שולן. היי־יאָר לערנען ביי אַ 200 אַראַבישע סטו־דענטן.

8 ביי די וואַלן צו דער הסתדרות האָבן זיך באַטייליקט 30,200, וואָס באַטרעפן ביי אַ 90 פּראָצענט פון די וואַל־באַרעכטיקטע. ביי אַ 60 פּראָצענט האָבן געשטימט פאַרן מערך, 13.4 פּראָצענט פאַר מפ״ם און בלויז ביי אַ 20 פּראָצענט פאַר די ווילנער־טובי קאָמו־ניסטן, מק״י 0.5 פּראָצענט א.א.וו.

ביי די וואַלן צו דער כנסת האָבן זיך באַטייליקט 85 פּראָצענט פון די וואַל־באַרעכטיקטע, פון זיי האָבן געשטימט פאַרן מערך און פאַר די אַראַבישע ליסטעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אים — 50.5 פּראָצענט און די צווייטע העלפט האָט זיך צעטיילט צווישן צען ליסטעס: מפ״ם 9.2 פּראָצענט (צו דער פינפטער כנסת 10.7), רפ״י 7.6 פּראָצענט, די קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן 23 פּראָצענט, און מק״י האָט בלויז גע־קרוגן 491 שטימען ביי די אַראַבער. חרות און ליבעראַלע 1,967 שטימען, די זעלב־שטענדיקע ליבעראַלע 1,031, „העולם הזה״ (אורי אבנרי) 1,728 שטימען.

9 די צייטונג ווערט געשטיצט ווי עס איז באַקאַנט דורך דער הסתדרות און דער רעגירונג.

10 אַן אויסנאַם איז דער גריכיש־קאַטאָלישער בישוף, דזשאָרדזש אַל־חכים, וואָס זיין צענ־טראַלע געפינט זיך אין חיפה, און האָט אַ דאָמינירנדיקע השפעה ביי זיין קריסטלעכער עדה, וואָס איז די גרעסטע צווישן די קריסטן אין דער מדינה. ער שטיצט מדינת ישראל (אַגב: ער האָט זיך באַטייליקט אין דער עקומענישער קאָנפערענץ אין רוים, און אָן ספק האָט ער אונטערגעשטיצט דעם יידישן דאָקומענט), אָבער אין זיין אָרגאַן „אַ־ראַביטאַ״ פּלעגט ער קריטיקירן, און צייטנווייז שווער, די באַציאונג פון דער רעגירונג צו די פאָדערונגען פון די ישראל אַראַבער. די אַראַבישע קאָמוניסטן האָבן געשטרעבט צו אַ לאַנד־אָנפירערשאַפט, אָבער זענען פריער געווען באַשרענקט דורך זייערע יידישע שותפים. מיט דער שפּאַלטונג פון מק״י שאַפט זיך אַ קאָמוניסטיש אַראַבישע לאַנד־פּאַרטיי, אָדער אַ פּאַרטיי מיט אַן אַראַבישער אַבסאָלוטער מערהייט.

11 אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה, איז עס געווען נישט־דערלאָזבאַר.

12 אַלע אירע אָנשטרענגונגען, פּראַקטישע און אידייאישע, פאַר אַ יידיש־אַראַבישע דער־נענטערונג (אָדער אַן אַראַביש־יידישע) ווערן צעשפּליטערט אינעם פעלז פון איר ציוניס־טישקייט. כאַראַקטעריסטיש איז די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן ביי די וואַלן צו דעם שטאָט־ראַט פון נצרת: דער מערך האָט באַקומען 7 מאַנדאַטן, די אָפּגעטיילטע קאָמו־ניסטן 7, בעת מפ״ם 1. די קאָמוניסטן שלאָגן פאָר אַ מפ״ם מאַנדאַט פאַר פּרעזידענט פון שטאָט, מפ״ם פאָדערט אַ קאָאַליציע פון וואַנט צו וואַנט.

13 טראָץ די יידישע פאָרשלאָגן אין דעם פאַל.

14 אינזשיניער, וואָס האָט געלערנט אין חיפהער טעכניקום, אַ מוסלמענער, וואָס איז געווען אַ סך יאָר טעטיק אין מפ״ם און איז אויך געווען אַ מיטגליד אין כנסת פון דער דאָזיקער פאַרטיי. צולעצט האָט ער זי פאַרלאָזט.

15 דער אַרבעט־מיניסטעריום און די הסתדרות העלפן־צו אַ סך.

יצחק קאָרן

מדינת ישראל און דאָס יידנטום אין די תפוצות

די ווירקלעכקייט פון די 60־קער יאָרן

דער פּראָבלעם פון די עקזיסטירנדיקע באַציאונגען צווישן מדינת־ישראל און דעם יידנטום אין גלות איז אַזוי פאַרצוויגט, אַז אויב מיר ווילן זיך נישט באַשרענקען בלויז צו די עיקר זאַכן ווילן מיר קיין גוטס דער טעמע נישט ברענגען. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז די כוונה פון דעם־אָ מאמר איז נישט אָפּצושטעלן זיך אויף אַלע פאַרבייגייענדיקע און זיך ענדערנדיקע לאַגעס ביים יידנטום פון גלות אין די לעצטע צען יאָר, און אויך נישט אויסצורעכענען די הויפּט־פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט דעם אויפקום פון דער מדינה. איך וויל זיך אָפּשטעלן בלויז אויפן צייטאָפּשניט פון מדינת־ישראל און איר דאָמינירנדיקער השפּעה אויפן קיום פון גאַנצן פאָלק; און פון דער צווייטער זייט, באַלויכטן און צעגלידערן די ווירקלעכקייט אין וועלכער עס געפינט זיך דער גלות, וואָס איז צעשפּרייט איבער צענדליקער לענדער, זייט דעם אומ־קום ביז הייגט, באַצייכנדיק די באַציאונגען צווישן דער מדינה און דער צעשפּרייטקייט.

מיט דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון פאָלק און די מיטלען, וואָס נויטיקן זיך צו שטאַרקן דאָס אחדות, האָבן זיך פאַרמאָסטן די בעסטע דענקער פונעם פריערדיקן דור און פון אונדזער דור. אויב מיר ווילן בלויז דערמאָנען אחד־העם און יעקב קלצקין און די אויפפאַסונג פון דענקער אין די לעצטע יאָרן, ווי נתן רוטנשטרייך און שלום באַראָן און אַ סך אַנדערע. די אַלע גייען זיך פונאַנדער אין זייערע מסקנות, ווייל נישט אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַ בשותפותדיקן אויסגאַנגס־פּונקט, און זיי זענען אויך נישט געווען איינ־שטימיק, אַז דער עצם קיום אָדער די באַדינגונגען פאַר המשך פונעם קיום פון פאָלק, ווי אַ גאַנצע איינהייט, איז אַ לעבנסוויכטיקייט.

דער פּראָצעס פון עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט זיך געשטאַרקט אין אָנהויב 20־סטן יאָרהונדערט, האָט געשאַפן אַ רעוואָלוציע אין אַלע קולטור־און לעבנס־פאָרמען, וואָס זענען אָנגענומען געווען ביים פאָלק. זיי זענען פול־

שטענדיק איינגעבראָכן געוואָרן, ווייל די מויערן פון געטאָ האָבן געדינט ווי איינע פון די אויסגעפּרוווטע מיטלען פאַר זעלבסט־שוץ און פאַר פלעגן דעם רעליגיעזן־און נאַציאָנאַלן־אייגנאַרט פונעם יידנטום. פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה האָבן זיך פאַרצייכנט אין דער עמאַנציפּאַציע צוויי עקסטרעמע אַנטוויקלונגס־שטרעמונגען, כאָטש זייער אויסגאַנגס־פונקט איז געווען אַ בשותפותדיקער: פון איין זייט אַ שטרעמונג פון דערווייטערן זיך פון פאָלק, אַ שטרעמונג, וואָס האָט געזוכט זיך צו אַסימילירן אין דער פרעמדער קולטור און אין דער אָרטיקער געזעלשאַפט: און אַ צווייטע שטרעמונג, וואָס האָט זיך אַדאָפּטירט דעם געדאַנק, אַז ס'איז נישט גענוג איינצוגלידערן זיך אין דער נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון אַנדערע פעלקער, נאָר מען דאַרף שאַפן די דערוואַכונגס־באַוועגונג פונעם יידישן פאָלק.

פון דעם אַספּעקט איז געווען הערצלס דערשיינען, וואָס האָט פונאַנדערגעוויקלט די פאָן פונעם פּאָליטישן ציוניזם און אָנגעזאָגט דעם אויפקום פון אַ מלוכהשן צענטער פאַרן צעזייטן פאָלק. אַ מין לייזונג נישט נאָר פאַר יענע טיילן פון פאָלק, וואָס האָבן זיך געפונען אין נויט, נאָר אומדירעקט איז עס אויך געווען אַ מין תשובה פאַר יענע טיילן פון פאָלק, וואָס זענען נישט געגאַנגען אַזוי ווייט ביז פּערזענלעכער קאָנפּראָנטאַציע, וואָס פאַרווירקלעכט הערצלס תורה בפועל ממש. אָבער דורך איר האָבן זיי זוכה געווען צו פילן זיך ווי שותפים צום כלל פאָלק. דער אויפקום פון דער מדינה האָט געווירקט אין צוויי ריכטונגען: פון איין זייט האָט זי פאַרמיטן די פולשטענדיקע אחדות־צעשפּליטערונג פון פאָלק דורך געבן דעם שטויס אויפצושטעלן יידישע צענטערס אין צפון אַמעריקע, און מערב אייראָפּע, אָדער אין לאַטיין אַמעריקע; און פון דער צווייטער זייט, אויסער דער אַלגעמיינער פאַרטרעטערשאַפט פון פאָלק צווישן די פעלקער, האָט די מדינה געגעבן דאָס געפיל פון באַפרידיקונג יענע, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פונעם פאָלק, כאָטש זיי געפינען זיך אין דער פרעמד. איצט נאָך 18 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל, פרעגט זיך די פראַגע: אויף סאַראַ מאָס האָט מדינת־ישראל מצליח געווען מיט אירע צוויי יסודותדיקע מיסיעס, — צו קאָנצענטרירן אַן אָנזעעוודיקן חלק פון פאָלק אין דער מדינה גופא און צוזאַמען מיט דעם דינען אַלס אַ פאַרטרעטערשאַפט פונעם גאַנצן פאָלק, און ווי אַ מקור פון אינספּעראַציע פאַר דער יידישער צעשפּרייטקייט אין דער גאָרער וועלט.

עס וועט אין דעם נישט זיין קיין חידוש, אויב מיר וועלן באַצייכנען, אַז עס

זענען אויפגעקומען אַ סך אָפּפרעגער פון דער מיינונג, אַז מדינת ישראל איז אַ מין רעטונגס־אַנקער פאַר דער שלימות פון פאָלק אין דער נאָענטסטער צוקונפט. ווייל, עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פרעגן: צי דען האָט דאָס גאַנצע גלות־יידנטום זיך אַדאָפּטירט דעם געדאַנק פון צענטריזם פון דער מדינה און לעבן אין איר ליכט? אמת, די וואָס צוליב באַקוועמלעכקייט איז זיי ליבער דער אויבערפלעכלעכער צוגאַנג צו די ענינים, באַגענוגענען זיך מיט אַ מליצה, אָדער ס'איז גענוג פאַר זיי דער עצם מעמד פון פאַרטרעטער־שאַפט, וואָס די מדינה האָט. אָבער יענע, וואָס דענקען טיפער וועגן די פראָ־צעסן, וואָס גייען אָן אין לעבן פון די גרויסע קהילות אין גלות אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, זענען גוט באַזאָרגט פון די צענטראַפּוגאַלע פּראָצעסן, וואָס קענען דערברענגען די תפוצות צו דערווייטערן זיך פון דער מדינה, פונעם קולטורעלן־און גייסטיקן־שטאַנדפּונקט, דערפירן צו אַ מין פונאַנדערשיידונג צווישן „ירושלים" און „בבל", און אפשר אויך אין ווייט־גייענדיקע פאָרמען, ווי מיר זעען זיי אין די דאָזיקע טעג. דעריבער וועט עס זיין אַ שווערער טעות אויב מיר וועלן נישט אָנטבלויזן די שוואַכקייט באַלד אין אָנפאַנג און מיר וועלן נישט אָננעמען ממשותדיקע שריט פאַר ענדערונגען; ווייל די באַציאונגען צווישן מדינת־ישראל און די תפוצות קענען אין דער צוקונפט באַשטימען דעם גורל פון פאָלק און זיין אחדות אַהער אָדער אַהין.

די אונטערשיד פאַקטאָרן וואָס קאָנען פאַראייניקן

לעצטנס גייט אָן אין דער מדינה אַ טיפער וויכוח, כאָטש ער איז ווייט פון סך־הכל, וועגן דעם כאַראַקטער פונעם פאָלק אין ישראל און אין גלות און וועגן די באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו שטאַרקן דעם קאָנטאַקט צווישן דעם צענטער און דער פּערעפעריע און זאָלן העלפן פלעגן דאָס געפיל פון אחדות. פאַראַן אַזעלכע וואָס זען, ווי אַ באַדינג פאַר דער אַחדות פון פאָלק, דאָס צואייגענען זיך די ווערטן פונעם מיזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. פאַראַן ווידער אַנדערע, וואָס טענהען, אַז מען קען זיך נישט אָפּזאָגן פון די גרויסע ווערטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע צענטערן אויסער מזרח־אייראָפּע, ווי למשל אין דער אַנגלאָ־סאַקסישער וועלט, בעיקר אין אַמעריקע, און אויך ביים ספּאַרדישן יידנטום און ביי די מיזרח עדהס. די באַציאונג צו די ווערטן פון מיזרח־אייראָפּעאישן יידנטום קען נישט דינען ווי אַן אייג־ציקער מאָסשטאַב פאַר געטרייהייט צו כלל ישראל, ווייל אויב מיר וועלן אַרויפצווינגען אויפן גאַנצן פאָלק די פאָרמען און די ווערטן פון מיזרח־

אייראָפּעאישן יידנטום, וועלן מיר גאָר אין גיכן שטיין פאַר אַ צעשפּליטערונס־פּראָצעס, אַ פּראָצעס פון אַ גרופּן־צוגאַנג, און מיר וועלן אַרויסרופן ביי פאַר־שידענע טיילן פון פאָלק אַן אומצופרידנקייט פון דיסקרימינאַציע און נישט קיין ווילן פאַר אינטעגראַציע.

די פּילפּאַרביקייט, וואָס ס׳האָט זיך געשאַפן אין יידישן נוסח, ווי אַ רעזולטאַט פון דער צעשפּליטערונג פון פאָלק אין גלות אין משך פון טויזנטער יאָרן, פאַרפליכטעט צו זען דעם גייסטיקן־און קולטורעלן־פּלוראַליזם, וואָס האָט זיך געשאַפן ביים פאָלק, און אויב ווילן מיר זיין אַ ביישפּיל און אַ מקור פון אינ־ספּיראַציע פאַרן גאַנצן פאָלק, דאַרף דער גייסטיקער־און קולטורעלער־פּלוראַליזם זיין די האָפענונג פאַרן פּאָליטישן־און קולטורעלן־צענטער אין ישראל. אמת, דאָס מיזרח־אייראָפּעאישע יידנטום האָט מיט זיך געבראַכט ווי אַ ירושה אַ גייסטיק־און קולטורעל־עשירות פון אַ סך דורות, אַ טראַדיציע פון אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו. אָבער די פאַרשטייער פון דעם דאָזיקן יידנטום, וואָס דאָס אַחדות פון גאַנצן פאָלק איז זיי טייער, דאַרפן משלים זיין מיטן פאַקט, אַז שאַפן די דאָזיקע אַחדות קען נאָר מעגלעך זיין דורך אינטעגראַציע פון אַלע וויכטיקע יידישע ווערטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין די פאַרשידענע צענטרען, אין איין ווערטן־קאָמפּלעט, וואָס וועט געבן דאָס געפיל פון גלייכהייט פאַר אַלע קרייזן און עדהס. אָבער מען קען נישט דרינגען פון דעם, אַז מען דאַרף נישט מאַכן אַ פּריציעזן איבערקלייב. אדרבא, מען דאַרף שטרענגס איבערקלייבן, כדי נישט אַריינצונעמען דאָס פּסולת אינעם ווערטן־קאָמפּלעט, וואָס וועט זיין דער יסוד פאַרן אַחדות פון פאָלק. דער אינספּיראַציע־כוח פון מדינת־ישראל וועט זיך פאַרשטאַרקערן, אויב ס׳וועט אונדז געלונגען צו שאַפן אין איר די באַדינגונגען איינצופאַסן און איינצוגלידערן די פילקאָליריטקייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט מיט אירע אָן אַ שיעור ווערטן און פאָרמען.

מדינת־ישראל — נישט ככל הגויים

מיט דעם אויפקום פון דער מדינה זענען מיר מחויב טאָפּלטער געוואָרנט צו זיין פון צו פלעגן ביי אונדז דאָס געפיל פון אויבערקייט און פאַלשן פּאַטריאָ־טיזם. זאָלן מיר פאַר זיך נישט פאָדערן איבעריקע רעכט דערפאַר ווייל מיר זענען אָן „אתה בחרתנו״, כל זמן ס׳איז נישט פאַראַן פאַר דעם קיין באַרעכ־טיקונג. פון דער צווייטער זייט וועט עס זיין אַ טעות צו פאַרגלייכן דעם מהות

און מעמד פון מדינת־ישראל, קודם כל און בעיקר לגבי דעם גלות־יידנטום, מיט יעדער אַנדערער מדינה, וואָס איז אויפגעקומען אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר. קיין שום באַפרייאונגס־באַוועגונג פון אַן אַנדער פאָלק איז נישט געשטאַנען פאַר אַזעלכע נסיונות, וואָס זאָלן ענלעך זיין צו די מיט וועלכע מדינת־ישראל איז געפּרוווט געוואָרן. איידער זי וועט זיך איבער־געבן אויף אויסצופילן איר צענטראַלע אויפגאַבעביים גאַנצן פאָלק, דאַרף ישראל קודם כל זאָרגן פאַר קאָנצענטרירן אַ גרויסן טייל פון דעם צעשפּרייטן פאָלק ביי זיך אין די גרענעצן, געפינען וועגן צו צוציען צו זיך לכל הפחות יינגע יידן פון אַלע טיילן פון פאָלק און לייגן דעם יסוד פאַר ווירטשאַפט און געזעלשאַפט. אויב מיר זענען דערגאַנגען צו צוויי און אַ האַלבן מיליאָן אין 18־טן יאָר פון דער מדינה עקזיסטענץ, דאַרפן מיר דאָך געדענקען, אַז דער דאָמינירנדיקער רוב פון דער באַפעלקערונג איז געקומען קיין ישראל פון די נויט־לענדער. די לאַגע פון די יידן אין גלות, ווי עס איז געשילדערט געוואָרן דורך ליאון פינסקער אין זיין „אָטאָעמאַנציפּאַציע״, און אין דער שפּעטערער תקופה, אַריינרעכנדיק די יאָרן פון אומקום, איז געווען די וואָס האָט באַוויגן די מאַסן עולים צו קומען און זיך באַזעצן אין ישראל.

אָבער איצט, אין די זעכציקער יאָרן, נאָכדעם וואָס עס זענען פאָרגעקומען ריזיקע ענדערונגען אויף דער דעמאָגראַפישער מאַפּע פון גלות, דאַרף מען מיט מוט מודה זיין, אַז מיר מוזן אויפסניי קאָנטראָלירן, און אויף אַ יסודות־דיקן אופן, די מיטלען און די דערקלערונגס־שיטות לגבי די רואיקע יידישע קיבוצים, וואָס על־פּי־רוב לעבן זיי אין באַדינגונגען פון שפע און וווילזיין; און ווי אַזוי צו באַוועגן זיי, אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַטעריעלער נויט, זאָלן קומען צו דער פערזענלעכער מסקנה, אַז אַ סכנה הענגט איבער דער גייסטיקער און נאַציאָנאַלער צוקונפט פונעם יידנטום אין גלות און זיך אָנ־שליסן אין די בויער פון דער מדינה. און די פראַגע איז, ווי־אַזוי צו צופּאַסן די מדינה, אַז זי זאָל דערפילן איר מיסיע נישט נאָר ווי אַ גייסטיקער און רעפּרעזענטאַטיווער צענטער פאַרן גאַנצן פאָלק, נאָר זאָל אויך פאַרמאָגן אין זיך דעם כוח צו שאַפן די געהעריקע באַדינגונגען אויפצונעמען אַ טייל פון די יידן פון די שפע לענדער, אַזוי־ווי זי האָט אויפגענומען און נעמט היינט אויף די מאַסן יידן.

אויב מיר ווילן מאַכן אַן איבערבליק איבער דעם וואָס איז געטאָן געוואָרן אין מדינת־ישראל אין לעצטן צענדליק, וועט אונדז שווער אָנקומען צו זאָגן, אַז אין קאָמפּלעט באַציאונגען צווישן מדינת־ישראל און די תפוצות איז

אונדז געלונגען צו געפינען דעם ריכטיקן וועג, כדי צו פאַרוואַנדלען די מדינה נישט נאָר פאַר אַ רעפּרעזענטאַנטן־גורם פון יידישן פאָלק, נאָר אויך פאַר אַ מאַגנעט, וואָס זאָל צוציען דעם יחיד, ער זאָל פאַרווירקלעכן זיין ציוניסטישן אידעאַל און לעבן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס קאָן פאַרזיכערן די עולים פון די שפע לענדער אַ פול לעבן, פונעם מאַטעריעלן־און גייסטיקן־שטאַנדפּונקט, ווי יענע שטעלן זיך עס פאָר.

ווער איז שולדיק אין די קאַלטע באַציאונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן מדינת־ישראל און דעם יידנטום פון רואיקן גלות? איך וואָלט נישט אַרויפגעלייגט די גאַנצע שולד בלויז אויפן גלות־יידנטום, און כ׳וואָלט נישט געזאָגט, אַז די סיבה צו דעם איז די נישט־גרייטקייט פון די זאַטע און רואיקע צו פאַרווירקלעכן זייערע נאַציאָנאַלע בענקענישן, זייער אָנגעהעריקייט צום פאָלק — דורך איבערפירן זייער וווינאָרט אין די טעריטאָריאַלע גרענעצן אַריין פון מדינת־ישראל. דער אמת איז, אַז ס׳זענען פאַראַן פאַקטאָרן, כאָטש זייער דערשיינען געפינט זיך נאָך אין עמבריאָנאַלן צושטאַנד און מען קען זיי נאָך באַהערשן, פאַקטאָרן וואָס שטרעבן צו מאַכן מדינת־ישראל „ככל הגויים”, אָן דעם ספּעציפישן פּראָשיק, וואָס קען זיין דער כוח המשיכה פאַרן ייד פון דעם ווילשטאַנד ראַיאָן. די נעגאַטיווע פּראָצעסן שטאַמען אפשר פון דעם עצם פאַקט פון איבערגיין צו דער פּראַקטישער וועלט פון דער וועלט פון וויזיע, ווייל דער גלאַנץ פון די אידייען איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ס׳איז שוואַך געוואָרן דאָס געפיל פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ־שליחות, וואָס האָט געשטרעבט צו בויען אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט מיט רייכע ווערטן, וואָס זאָל זיין אַ מין לייכט־טורעם פאַרן וועלט יידנטום.

אין אָנהייב פון אונדזער וועג צו גרינדן די מדינה אין ארץ־ישראל האָט זיך אַרויסגעהויבן דער אייגנאַרט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אַנטקעגן אַנדערע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען, וואָס זענען אויך געקומען בויען סוווערענע מדינות. אונדזערע שטרעבונגען זענען געווען אין קעגנזאַץ צום אָנגענומענעם שטראָם, ווייל מיר האָבן געוואָלט זיין נישט ככל הגויים. און דווקא די דאָזיקע שאַפונג, אַנטקעגן שטראָם, זי האָט דאָס געדינט אַלס אינספּיראַציע און איבערצייגונגס־קוואַל פאַר פאַרשידענע יידישע קרייזן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ספּעציפישער אויפגאַבע צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט אין מדינת־ישראל. אָבער וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פונעם אויסגאַנג־פּונקט, און וואָס מער דער פּראָצעס פון „נאָרמאַליזאַציע” פאַר־שטאַרקט זיך, ס׳הייסט דאָס פאַרוואַנדלען די מדינה אין אַ מדינה ווי אַלע

מדינות, ווערט אַלץ שטאַרקער די רעזערוואַציע מצד פאַרשידענע קרייזן פון דער יידישער עפנטלעכקייט אין די לענדער פון שפע. אויב ככל הגויים ישראל, צוליב וואָס פאַרלאָזן די באַקוועמע היים אין וועלכער איך לעב אין דעם לאַנד ווו איך וווין? אפשר איז גענוג אָנצוהאַלטן אַ פּלאַטאָנישן קאָנ־טאַקט אין אַלגעמיין מיטן יידישן פאָלק פון דער ווייטן? הייסט עס, דער שׂר האומה, וואָס האָט אויף אונדז גוזר געווען צו שטרעבן אויפצושטעלן פונסניי די יידישע מלוכהשאַפט, האָט אויך גוזר געווען אויף אונדז מוותר צו זיין פאַר אַ לאַנגער צייט אויפן „גאָרמאַלן" לעבן. מיר דאַרפן ווייטער פלעגן דאָס ספּעציפישע אין אונדז, מיט די חלוצישע־און געזעלשאַפטלעכע־ווערטן, און מיר טאָרן חלילה נישט פאַרקלענערן דעם אידייאישן ווערט און אָפּשוואַכן דעם צוציאונגס־כוח פון ישראל לגבי דעם וועלט־יידנטום.

דער מדינת־ישראל איז נישט גענוג די פּאָליטישע־און ווירטשאַפטלעכע־פאַרמעגן. אמת, זי דאַרף ווייטער פלעגן די מאַטעריעלע באַזע פאַר איר קיום, אויב זי וויל לעבן און עקזיסטירן; אָבער צוזאַמען מיט דעם דאַרף זי אויך לייגן אַכט אויף די מאָראַליש־סאָציאַלע יסודות, וואָס זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן פון אָנהייב אָן און פון וועלכע זי האָט געשעפּט די גייסטיקע־און קולטורעלע־כוחות משפיע צו זיין אויפן גאַנצן צעשפּרייטן פאָלק.

פון דאַנען שטאַמט די נויטווענדיקייט, אַז אין ישראל זאָלן זיך שאַפן די באַדינגונגען און עס זאָלן זיך אויסקריסטאַליזירן די כוחות, וואָס זענען מסוגל צו שטיין קעגן די נעגאַטיווע פּראָצעסן, וואָס פאַרקרומען דעם כאַראַקטער פון דער ישראל־געזעלשאַפט און צוימען איר צוציאונגס־כוח לגבי דעם גלות־יידנטום. עס איז שוין געקומען די צייט אַרויסצוציען די פּשוטע און קלאָרע מסקנה, אַז באַנייען דאָס חשיבות פונעם אַרבעטנדיקן ציוניזם אין מדינת־ישראל איז אַ לעבנסנויטווענדיקייט פאַר דער מדינה און פאַרן צע־שפּרייטן פאָלק צוזאַמען. מיטן איינהאַלטן די נעגאַטיווע־פּראָצעסן, וואָס שע־דיקן איר קולטורעל־און געזעלשאַפטלעכן־כאַראַקטער, וועט מדינת־ישראל זיין מער גרייט און מער מסוגל צו פאַרמעסטן זיך מיטן האַרבן צענטראַלן פּראָבלעם, וואָס די זעכציקער יאָרן האָבן פאַר איר אַוועקגעשטעלט — צו דערבערענגען אַ טייל פון דעם שפע־יידנטום עולה צו זיין און זיך איינצו־וואָרצלען אין ישראל.

אַ שוואַכע מדינת־ישראל, וואָס איר גייסטיק־און געזעלשאַפטלעכער־ניוואָ וועט פאַלן, וועט חלילה אויך גורם זיין עס זאָל זיך איינשרומפּן דאָס געפיל

פון פאָלק־אַחדות און עס זאָל קומען אַ ירידה אין דער שפּאַנונג ביי די יידישע צענטערן אין די תפוצות.

שטרעמונגען ביים גלות־יידנטום היינט־צו־טאָג

ווער עס קומט פאַרגלייכן דעם כאַראַקטער פונעם גלות־יידנטום נאָכן אומקום צו דעם פון פאַרן אומקום, קומט צו אַן אומפאַרמיידלעכער מסקנה, אַז מיטן אויסרייסן דעם הויפּט־פּאַרמענטירנדיקן טייל פונעם מיזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, זענען מיר אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער ווירקלעכקייט, וואָס פאַרפליכטעט צו ווייטגייענדיקע מסקנות.

האַרט ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געהערשט אַ געפיל, אַז איצט וועט זיך שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און קאָנטיקע טיילן פון די תפוצות וועלן מאַכן אַ שטאַרקן אָנשטרענג צו שאַפן אַ טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע אין מדינת־ישראל. צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס פאָרויסזען איז נישט מקוים געוואָרן. עס האָבן זיך טאַקע געצויגן מאַסן קיין ישראל פון די נויט־געביטן, אָבער דערקעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט אין די יידישע קהילות אין די לענדער פון וווּילזיין די נטייה אויסצוניצן אויף אַ מאַקסימאַלן אופן די פרייהייט, וואָס די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע האָט זיי געגעבן. דער רוב יידן אין די דאָזיקע קהילות האָט נישט געזען זיין ציל אין איבעריקן קלאַמערן זיך אין פאָלק, נאָר האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף אינטעגראַציע מיט די לענדער ווו זיי זיצן. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז די בילאַנסן פון די גרויסע יידישע קהילות אין פרייען גלות קענען אויך אָנווייזן דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישן לעבן, אָבער אַ פאַקט איז, אַז דער פּראָצעס פון אָפּפרעמדונג, אַסימילאַציע און אויסמישונג איז דער־גאַנגען — טראָץ דעם אויפקום פון דער מדינה — צו אַזעלכע הויכפּונקטן, וועלכע מיר האָבן נישט געאַנט פאַרן חורבן, נישט אין אייראָפּע, און נישט מעבר לים.

עס איז נישט אָנצונעמען, אַז דער פּראָצעס פון דערווייטערן זיך פונעם יידנ־טום, שטאַמט ביודעים פונעם קאָנפראָנטירן זיך מיט יעקב קלצקין׳ס שוואַר־צער פילאָזאָפיע וועגן דער צוקונפט פון גלות. עס איז נישט אָנצונעמען, אַז צוליב זייער נישט קענען, אָדער נישט וועלן, אָנשליסן זיך אין דער מדינה האָבן זיי אויסגעקליבן באַוווּסטזיניק דעם עקסטרעמען וועג פון אַסימילאַציע

און פון אָפּרייסן זיך פונעם יידישן כלל. אַזוי צי אַזוי, זענען מיר עדות צו דער אָפּשוואַכונג פון די גייסטיקע קאָנטאַקטן און קאָמוניקאַציע אינסטרו־מענטן, וואָס מיט זייער הילף האָבן די קהילות אין גלות צוגעשמידט דעם יחיד צום יידישן פאָלק אין די לעצטע יאָרן, און זיי זענען נישט מסוגל צו פאַרזיכערן אונדזער נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אחדות.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין רעוואָלוציאָנערן איבערגאַנג פונעם אָפּגע־שלאָסענעם תחום אין געטאָ צום עמאַנציפּאַציע־לעבן אין גלות, זענען פאַר־טושט געוואָרן די ספּעציפישע יידישע פאָרמען. עס האָט זיך אויסגעליידיקט דער אינהאַלט פון דער יידישער משפחה מיט אירע טראַדיציאָנעלע ווערטן, און ס׳איז נישט ווייניק קלענער געוואָרן די ראָל, וואָס די היסטאָריש־נאַציאָ־נאַלע רעליגיע און טראַדיציע האָבן געשפּילט ביים צעמענטירן די יידישע עפנטלעכקייט אין גלות. עס איז קלאָר, אַז קיין צוריקוועג אין געטאָ און פאַרציכטן אויף דער עמאַנציפּאַציע איז נישטאָ. נישט אויף דעם וועט די באַפרייאונג פון פאָלק, די אַנטוויקלונג פון מדינת־ישראל און די פאַרזיכערונג פון המשכקייט פון יידישן פאָלק אין דער פרייער וועלט זיך באַזירן. אָבער צוזאַמען מיט דעם זאָלן מיר נישט פאַרזען דעם מצב פון די יידישע קהילות, און נישט בלויז די גאָר גרויסע קהילות, נאָר אויך די מיטעלע. דאָס געפיל פון פאָלקס־אחדות האַלט אין אויסוועפן און אויך אונדזער מעגלעכקייט צו פאַרמעסטן זיך מיט דער אַסימילאַציע, וואָס איז אַ סך קלענער ווי זי איז געווען צוריק מיט פערציק־פופציק יאָר. נישט איינמאָל נאַרט זיך אָפּ די יידישע נאַציאָנאַלע מחנה אין גלות, דורך דעם, וואָס זי באַשרענקט זיך צו זען דאָס וואָס עס פּאַסירט אין בלויז אַ קליינעם קרייז פון אַ יידישער עדה אין גלות, יענער קרייז, וואָס איז געבליבן טריי דער נאַציאָנאַלער און רע־ליגיעזער טראַדיציע. אָבער מען קען נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל, און אפשר דער רוב פון די יידישע קיבוצים אין גלות, האַלט אין איין דערווייטערן זיך, און נישט ווייניק פון זיי זענען שוין אינגאַנצן אָפּגעפאַלן פון פאָלק.

די סטאַטיסטיק רעדט וועגן צען און אַ האַלבן מיליאָן יידן אין גלות, און פון זיי ביי אַ זיבן און אַ האַלבן מיליאָן לעבן אין דער פרייער וועלט. אָבער לא לעולם חוסן. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די פאַקטאָרן, וואָס צעטרייסלען די יידישעווירקלעכקייט, זענען אין אויפשוואונג. אין פלוג דערמעגלעכן די קאָמוניקאַציע און פאַרבינדונגס־מיטלען, נאָך דער טעכנאָלאָגישער רעוואָ־לוציע, דעם שנעלן קאָנטאַקט צווישן די עקן פון וועלט און דינען אויך אַ

מקור פון אינפאָרמאַציע וועגן דעם וואָס טוט זיך אין דער מדינה און אין אַלע תפוצות פון גלות; דאָס אַלץ העלפֿט־צו יענע, וואָס ווילן זיך נישט אָפּרייסן פונעם פאָלק. אָבער דער אמת איז, אַז קיינמאָל זענען נישט געווען די סטאַטיסטישע ציפֿערן וועגן די טרייע צו דער יידישער משפּחה אין גלות אַזוי נישט סטאַביל, ווי זיי זענען אין די־אָ יאָרן. אויך היינט־צו־טאָג דאַרף מען נאָך אונטערשיידן צווישן די יידישע צענטערן לויט זייער מאָס טעטיקייט און באַציאונג צום יידישן פאָלק; אָבער אין סך־הכל איז פאַראַן פּלאַץ צו דענקען, אַז די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין גלות פון זייט דעם חורבן, פאַרשטאַרקערן דעם פּראָצעס פון אָפּפרעמדונג און אַסימילאַציע.

איך בין נישט קיין שוואַרץ־זעער און האַלט נישט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ברכה אין דער נביאות וועגן מתיאש צו זיין זיך פון די גרויסע צענטערן אין גלותדיקן יידנטום. אָבער עס איז נויטיק צו באַטאָנען, אַז אויב עס וועט זיך נישט פאַרטיפן דער באַוווסטזיין צווישן די יידן אין גלות, אַז זייער צוקונפט און זייער יידיש־נאַציאָנאַלע זיכערהייט הענגען־אָפּ אין דער מאָס פון זייער געטרייען קלאַמערן זיך אין צענטער פון פאָלק, אין מדינת־ישראל — דראָט אַ סכנה דעם עצם קיום פון פאָלק. מדינת־ישראל, ווי אַ לייכט־טורעם פון אָריענטאַציע פאַר די צעוואָרפענע אין גלות, האָט געגעבן דעם יידישן יחיד אין דער קהילה אין די תפוצות דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט צום פאָלק. אָבער, אין צווייטן צענדליק פון דער מדינה האָט די דאָזיקע באַציאונג נישט געהאַלטן ביים שטייגן. ביסלעכווייז ווערט זי אָפּגערוקט דורך פּראָצעסן, וואָס גרובן־אונטער דעם מעמד פון מדינת־ישראל און פּרווון צעשפּליטערן די נאַציאָנאַלע־און גייסטיקע־שליחות צווישן פאַראַלעלע צענטערן אין לאַנד און אין גלות. עס האָט זיך ווידער ביי אונדז באַנייט דער ביטערער וויכוח צווישן „ירושלים״ און „בבל״.

די וואָס אונטערשטיצן די דאָזיקע ליניע פון פונאַנדערטיילונג דאַרפן וויסן, אַז עס איז טאַקע פאַראַן אַ פּרעסטיזש־באַפרידיקונג פון טראָגן די פאָן פון גלות־יידנטום, אָבער אויף אַ לאַנגער מעטע וועט אַ צעשפּליטערונג נישט ברענגען דעם פאָלק קיין שלימות, קיין בליען פון קולטור און קיין פאַרטיפונג פונעם אָנגעהעריקייטס־געפיל צום פאָלק, נאָר פאַרקערט. ווער עס פאָלגט־נאָך דער יידישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק, וואָס דערשיינט אין גלות אין די פאַרשידענע שפּראַכן, איז נישט מעגלעך ער זאָל נישט אויפּציטערן אַנטקעגן דער קורצזיכטיקייט און רואיקייט פון כמה וכמה דענ־קנדיקע מענטשן, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן לאַגער, און

האַלטן פון דעם רעגיאָנאַלן פאַרשטאַרקונגס־פּראָצעס פון די גלותדיקע צענ־טערן און זאָגן־אָפּ מיטן גאַנצן כוח אַריינצוהאַקן אין יידישן חינוך דעם געדאַנק, אַז מדינת־ישראל איז דער צענטער, ווי אַ טייל פון דער נאַציאָ־נאַלער־יידישער אויפפאַסונג אין אונדזער דור.

דאָס גלות־יידנטום שטייט צווישן צוויי שווערע פּראָצעסן. פון איין זייט, די אָפּגעשוואַכטע מעגלעכקייט צו פאַרמעסטן זיך מיטן פּראָצעס פון אויסמישונג און אַסימילאַציע, און דאָס נישט וועלן אָנערקענען דעם פאַרנעם פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. און פון דער צווייטער זייט, דאָס דערמוטיקן דעם פּראָצעס אָפּצוזינדערן זיך פון דער נאַציאָנאַלער אַלגעמיינער ראַם פון פאָלק, וואָס זיין צענטער איז מדינת ישראל. פונדאַנען שטאַמט די דרינגענדיקע נויטווענ־דיקייט צום ערנסטן דיאַלאָג, כדי צו קאָנטראָלירן די קעגנזייטיקע קאָנטאַקטן צווישןביידע טיילן פון פאָלק, צווישן מדינת־ישראל און צווישן די תפוצות, אויפצוהאַלטן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס אין גלות, פאַרשטאַרקערן די מדינה און פאַרטיפערן די ווערטן, וואָס זאָלן פאַרשטאַרקערן דאָס שותפות־און אחדות־געפיל פון פאָלק. דער מאַנגל פון צוזאַמענריידן זיך צווישן ביידע אַסקאָלעס קען דערברענגען צו אַ מסוכנדיקן אַרונטערקייקלען זיך.

מען טאָר נישט ממשיך זיין די מאַנאָלאָגן און די תביעות געווענדעטע צום צווייטן צד. עס פעלט דער דיאַלאָג. און דיאַלאָג באַדייט אויך משתף צו זיין מדינת־ישראל אין אַלע פּראָבלעמען פון גלות־יידנטום, דערקענען דעם גלות מיט זיינע ליכטער און שאָטנס און זיין אַ שותף צו די אָנשטרענגונגען אויף געזונט צו מאַכן די לאַגע; פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען משתף זיין דאָס גלות־יידנטום אין די גרונט־פּראָבלעמען פון דער מדינה, אין די גאָר שווערע פראַגן אַרום וועלכע די מדינה מאַטערט זיך. נאָר דעמאָלט ווען מיר וועלן זיין מסוגל צו פאַרטיפן דאָס וויסן וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פון גלות, און מיר וועלן פון נאָענט קענען די אינערלעכע פּראָצעסן, וואָס גייען דאָרט אָן, און אין דער מאָס וואָס דאָס גלות־יידנטום וועט זיך פילן ווי אַ שותף צו לייזן די יסוד־פּראָבלעמען פון דער מדינה — וועלן מיר זוכה זיין צו אַ פּראָצעס פון געזונטמאַכן די התקרבות צווישן דער מדינה און גלות. אַ פּראָ־צעס, וואָס וועט ברענגען די דערגרייכונגען פון די צילן, וואָס זענען אַזוי לעבנסוויכטיק פאַר דער צוקונפט פון פאָלק.

ווירטשאַפט און געזעלשאַפט

ד. האַראָוויץ

ישראלס עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט — ווי־אַזוי?

פאַר אַלץ דאַרף מען פרעגן, פאַרוואָס איז נויטיק צו דערגיין צו עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט. דריי הויפּט באַגרינדונגען וועלן עס דערקלערן. די ערשטע איז לחלוטין אַ פּראַקטישע: קאָן זיין אַז עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט וועט קומען פון זיך אַליין. דורכן באַשרענקען דעם אימפּאָרט צוליב מאַנגל פון פינאַנסן. דאָס וועט קומען אויפן חשבון פון פּראָדוקציע, לעבנסטאַנדאַרט און זיכערקייט פון דער מדינה — וואָס איז כלל נישט געווינטשן. דערקעגן, האָבן מיר נישט קיין מעגלעכקייט צו באַשליסן עס זאָלן אָנגיין אַזעלכע סטאַנ־דאַרטן אָן עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. אָפּשטעלן דעם איינזייטיקן געלט־צופלוס אָדער אים שיטער מאַכן קען אונדז צווינגען צו לעבן בלויז פון איי־גענער פראַצע. די ווירטשאַפט באַלאַנסירט זיך שטענדיק, נאָר די פראַגע איז אויף אַ וואָסער סטאַנדאַרט און פאַר אַ וואָסער פּרייז. אַ גאָר נידעריקער סטאַנ־דאַרט פון לעבן און אַ פיזישער מאַנגל קענען גורם זיין שווערע געזעלשאַפט־לעכע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און זיכערהייטס צעטרייסלונגען.

ווייל ס׳איז אַזוי, איז ליבער אָנצונעמען דעם וועג פון הדרגהדיק אינערלעך צופּאַסן זיך, כדי צו פאַרשטאַרקערן די גורמים פון דער עקאָנאָמישער זעלב־שטענדיקייט, איידער וואַרטן אויפן ביטערן מוז פון פּלעצלעכן צופּאַסן זיך, וואָס איז נישט דערטרעגלעך.

די צווייטע באַגרינדונג: עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט מוז ברענגען מיט זיך אין אַ געוויסע מאָס פּאָליטישע אָפּהענגיקייט, און אַן אמתע פּאָליטישע אומ־אָפּהענגיקייט איז מחייב אויך צו דערגרייכן עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט. מיט דעם, הייסט נישט עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט אַן איבעררייס מיט דער דרויסן וועלט, נאָר פאַרקערט, זיך איינגלידערן אין איר.

די דריטע באַגרינדונג, אַ גייסטיק־קולטורעל־נאַציאָנאַלע. מיר שעפּן באַ־פרידיקונג פונעם שנעלן וווקס פון דער פּראָדוקציע, פון דער שנעלער אַנטוויקלונג און פונעם פאַרגרעסערטן עקספּאָרט. אָבער, די אַנטוויקלונג און דער עקספּאָרט זענען נישט קיין ציל פאַר זיך. זיי זענען באַשטימט

קודם־כל צו דינען דעם ציל פון אונדזער עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט. אונדזערע עלטערן האָבן שוין אין אָנפאַנג פון אונדזער באַזעצן זיך אין לאַנד פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז אַזוי וויכטיק עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט. אין די ש״ס בויגן פון ר׳ יוסף ענגעל פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט איז פאַראַנען אַזאַ זאַץ: „און איך האָב געהערט פון אַ גדול, וואָס האָט געזאָגט, אַז דער עיקר פון באַזעצן זיך אין א״י ליגט אינעם הסתפקות פון א״י, ס׳הייסט עס זאָל פון דאָרט קומען די פרנסה, אָבער די יעניק, וואָס וווינען דאָרט און זענען זיך מפרנס פון דעם, וואָס די מענטשן פון חוץ־לאַרץ געבן זיי, הייסט נישט קיין זיצן אין א״י״. אין דער נאַאיווער פאָרמולירונג איז פאַראַן מער עקאָנאָמישע און אידייאישע חכמה ווי ביי אַ סך אַנדערע.

אין אַן איבערגאַנג־צייט, אַ צייט פון אויפנעמען אַ גרויסע עליה, איז טאַקע באַרעכטיקט אויסלענדישע הילף, כדי צו דערמעגלעכן דרינגענדיקע יסוד אינוועסטיציעס צו פאַרברייטערן מיט זיי די פעאיקייט פון פראָדוצירן. אָבער דאָס אַלץ, תוך כדי שטרעבן צו באַלאַנסירן דיווירטשאַפט פון לאַנד און אירע באַציאונגען מיט דער וועלט, און אין לויף פון דער צייט אַוועקשטעלן זי אויף יסודות פון נאָרמאַלן סחורות אויסטויש. עס איז נישט געמאָלט צו זען אין שטראָם פון די איינזייטיקע איינקונפטן, אַ פעסטן יסוד פאַר דער ווירטשאַפט אויף אייביק, נאָר בלויז אַן אָנשפּאַר פאַר דער תקופה פון שאַפן זיך אַן אייגענע עקאָנאָמיע.

אין ליכט פון די דאָזיקע באַטראַכטונגען, דאַרף מען זיך אומקערן און קאָנטראָלירן די פראַגע פון דערנענטערן זיך צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט.

לויטן אַספּעקט פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם איז די אָנגעגעבענע טאַבעלע אַ באַלערנדיקע:

דער רויער נאַציאָנאַלער פּראָדוקט און דער א י ב ע ר פ ל ו ס פון עקספּאָרט

(סטאַבילע פּרייזן)

(1950 = 100)

1950	100	100
1951	130	127
1952	138	105
1953	135	84
1954	162	76
1955	184	93
1956	201	101
1957	218	110
1958	235	106
1959	263	95
1960	283	107
1961	306	130
1962	343	134
1963	385	122
1964	430	171

די טאַבעלע איז זייער באַלערנדיק. נישט נאָר וואָס די פּראָדוקציע שטייגט אויף אַ באַפרידיקנטן אופן, נאָר זי שטייגט־איבער דעם וווּקס פון אַנדערע לענדער. אָבער דער מאַנקאָ אינעם לויפנדיקן בילאַנס איז נישט געבליבן, ענטגילטיק, אַפילו אין דער דאָזיקער הויך, נאָר אויך ער איז געשטיגן, כאָטש אין אַ סך אַ קלענערער מאָס ווי די פּראָדוקציע. ס׳הייסט, דער צו־וווּקס פון דער יערלעכער פּראָדוקציע דינט נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס צו פאַרקלענערן אונדזער אָפּהענגיקייט אין אויסן־פאַקטאָרן.

אין די יאָרן 1955—63 האָט געוואַקסן די ריינע פּראָדוקציע יעדעס יאָר מיט 290 מיליאָן ל״י בערך, אין די פּרייזן פון 1955, און ס׳איז נישט קאָנטיק דער דאָזיקער צוגאָב פון פּראָדוקציע אין אַ גענוגנדיקער מאָס ביי דער

פאַרקלענערונג פון דעם מאַנקאָ אין לויפנדיקן בילאַנס. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום אונטערשיד צי די הכנסה פון אַ געוויסער מדינה אין אויסלענדישער וואַלוטע קומט פון פּראָדוקטן עקספּאָרט צי פון אַ פאַר־מאַסקירטן עקספּאָרט, ווי שיף־וועזן, טוריסטיק, אָדער רווחים פון דרויסנדיקע אינוועסטיציעס. נאָרוועגיע באַלאַנסירט איר צאָל־בילאַנס אין אַ גרויסער מאָס דורך שיף־וועזן, אויך ענגלאַנד באַלאַנסירט איר בילאַנס דורך פאַרמאַסקירטן עקספּאָרט, און ס׳איז ריכטיק די טענה, אַז די באַלאַנסירונג דורך פאַרמאַס־קירטן עקספּאָרט איז נישט קיין פּגם.

די צוקונפט פון דעם איינזייטיקן געלט־צופלוס

אויב דער איינזייטיקער געלט־צופלוס — ווי שילומים, פּערזענלעכע אַנט־שעדיקונגען — שאַפן אַזאַ חשובן פּאַראַגראַף ביים באַלאַנסירן דעם צאָלונג־בילאַנס און זענען אַזאַ וויכטיקער מקור פאַר אינוועסטיציעס, פרעגט זיך די פראַגע, וואָס וועט זיין ווען די דאָזיקע מקורות וועלן זיך אויסשעפּן און פון דער צווייטער זייט וועט מען מוזן אָפּצאָלן די חובות. ווי געזאָגט, איז דער טעכ־נישער ענטפער אויב ס׳וועלן באַשרענקט ווערן די הכנסות, וועלן במילא זיך באַשרענקן די הוצאות און אַלץ וועט זיך ווי געהעריק איינאָרדענען.

אָבער, דאָס איז צו אַן איינפאַכער ענטפער. אויפן יסוד פון איינזייטיקע געלט־צופלוסן קריסטאַליזירן זיך אויס סטאַנדאַרט פון לעבן, באַשעפטיקונג און אינוועסטיציעס און עס שאַפט זיך אַ האַרטע סטרוקטור פון באַדערפעניש, און ס׳איז נישטאָ קיין שווערערע זאַך אין גאַנצן לאַנד הײנט צו טאָג ווי ענדערן די דאָזיקע האַרטע סטרוקטור. אַזאַ דערפאַרונג קאָן ברענגען צו שווערע געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צעטרייסלונגען.

ס׳איז טאַקע אמת, אַז ס׳איז איצט נישט פאַראויסגעזען קיין באַלדיקע סכנה פאַר דער ווירטשאַפט צוליב נאָך נישט דערגאַנגענער עקאָנאָמישער זעלב־שטענדיקייט, ווייל די מקורות פון די איינזייטיקע געלט־צופלוסן קאָנען נאָך דינען דעם לאַנד אַ לאַנגע צייט, אָבער, די טאַטזאַכן, וואָס זענען פאַראַן ווייזן דייטלעך אָן אויף צוויי יסודותדיקע פאַקטן:

א. די אָפּהענגיקייט פון דער מדינה אין אויסן־פאַקטאָרן באַשרענקט זיך נישט אין אַ גענײגנדיקער מאָס.

ב. מען האָט זיך געקענט באַפרייען פון דער דאָזיקער אָפּהענגיקייט אַנטקעגן דעם ריזיקן צוגאָב אין דער פּראָדוקציע.

אמת, אַז דער מאַנקאָ אין סוחרישן בילאַנס פאַר אַ פּערזאָן איז אַביסל אַרונטער — און דער דאָזיקער פאַקט פאַרמאָגט אַן עקאָנאָמישע באַדייטונג און נישט נאָר אַ סטאַטיסטישע. אָבער, צוזאַמען מיט דעם באַזאָרגט דער וווּקס פונעם אַלגעמיינעם מאַנקאָ אין אַבסאָלוטע ציפערן, ווייל ער שפּיגלט־אָפּ דעם שטייגנדיקן באַדאַרף צו קריגן איינזייטיקע געלט־צופלוסן.

דאָס וואָס ס׳האָט זיך נישט פאַרבעסערט דער אויסערן מסחר־בילאַנס אין משך פון דער תקופה ווערט נישט אויפגעקלערט מיטן אויפשטייג פון עקס־פּאָרט פאַר אינוועסטיציע פאַרמעגנס. אינעם פּראָצענט פון דעם עקספּאָרט פון אינוועסטיציע־פאַרמעגנס איז נישט פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן קיין גרויסע ענדערונגען.

אימפּאָרט פאָרמען און עקספּאָרט שאַנסן

נאָך יאָרן פון מאַנגל אין באַלאַנסירונג און פון פאַרשטאַרקטע אינפלאַציע־דרוקן, האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן אַ פאַרבעסערונג אין דער סטאַביליזאַציע פון דער ווירטשאַפט אין די יאָרן 1958 און 1959 — עס זאָל זיך כלל נישט פאַרקלענערן דער טעמפּאָ פון עקאָנאָמישער וווּקס. די פאַרבעסערונג האָט זיך אויסגעדרוקט אינעם באַשרענקן פונעם איבעריקן עקספּאָרט, אין דעם סאָלידן אויפשטייג פון די פּרייזן און אין נאַציאָנאַל פּאָזיטיוון אָפּשפּאָר. נישט צו־פעליק זענען פאָרגעקומען די דאָזיקע פאַרבעסערונגען אין דער צייט פון פאַרלאַנגזאַמערן דעם טעמפּאָ, פון דער מאָניטאַרער אויסברייטונג; נאָך מער, מען קען דערפון לערנען וואָס עס לאָזט זיך דערגרייכן דורך אַ געהעריקער באַלאַנסירונג צווישן דער מאָניטאַרישער אויסברייטונג און צווישן דער רעאַלער פּראָדוקציע.

אָבער אין די יאָרן 1961—1960, ביז דער פאַרמינערונג פון דער וואַלוטע און ביז איינפירן אַ נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, האָט זיך פאַרצייכנט אַ קענטיקע פאַרערגערונג אין האַנדלס בילאַנס. מען קען, פאַרשטייט זיך, אַרונטערציען פונעם בילאַנס דאָס וואָס רופט זיך „פּראָדוקציע אָפּשאַצונגען״. אָבער די דאָזיקע „פּראָדוקציע אָפּשאַצונגען״, זענען נישט מער ווי רוישטאָף, וואָס דינט פאַר אויסאַרבייטונגען פאַרן אינערלעכן באַדאַרף, און אין דער מאָס וואָס

זיי האָבן געדינט דער פּראָדוקציע, וואָס גייט אויף עקספּאָרט, זענען זיי גע־נומען געוואָרן אין חשבון אין דער ראַם פון עקספּאָרט, וואָס איז אינגאַנצן אַרונטערגעצויגן געוואָרן ביים באַרעכענען דעם מאַנקאָ אין לויפנדיקן בילאַנס. נאָך מער, דער פּראָפּאָרציאָנעלער קאָנטאַקט צווישן דעם וווקס פון דער פּראָ־דוקציע און אימפּאָרט פון רוי־מאַטעריאַלן ווייזט אָן אויף אַ באַזאָרגנדיקער דערשיינונג פון מאַנגל אין אַן איבעריקן אימפּאָרט פאַרבייט אין די לעצטע יאָר.

די אַלע אַספּעקטן ווייזן אָן אויף דער חשיבות פון פאַרגרעסערן דעם עקס־פּאָרט. די אילוזיעס, אַז ס׳איז מעגלעך צו פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט דורך צוויי־זייטיקע אָפּמאַכן ווערן צו נישט. דער טייל פון עקספּאָרט, וואָס באַזירט אויף אַזעלכע אָפּמאַכן, ווערט אַלץ ווייניקער אין האַנדלס בילאַנס פון לאַנד, ווי עס לאָזט זיך זען אין דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

דער טייל פון עקספּאָרט, וואָס באַזירט אויף צוויי־זייטיקע אָפּמאַכן אין די יאָרן 1950, 1957 און 1962

	1950	1957	1962	1964
סה״כ עקספּאָרט פון סחורות (מיליאָנען דולער)	35.1	140.8	271.4	349.6
עקספּאָרט פון סחורות אין די לענדער פון צוויי־זייטיקע אָפּמאַכן (מיליאָנען דאָלער)	5.1	39.5	30.0	38.4
דער פּראָצענט פון עקספּאָרט אין די לענדער פון צוויי־זייטיקע אָפּמאַכן	14.6	28.0	11.0	9.8

דער צוויי־זייטיקער מסחר־סיסטעם ווערט געפּסלט אין דער וועלט, און אויך אין לאַנד איז עס, אָן ספק, נישט קיין פּאָזיטיווע דערשיינונג.

אין אַ קליין לאַנד ווי ישראל איז, טאָר מען נישט דערמעגלעכן דעם עקס־פּאָרט דורך פּרייזן פּערקרומונג אין לאַנד. אויך דער אינערלעכער מאַרק און אויך די באַזע פון די שטייערן צאָלער זענען צי שמאָל, כדי צו דערמעגלעכן אַ געקינצלטן עקספּאָרט.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז דער הויפּט־פּראָבלעם פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד, אין דעם היינט־צו־טאָגעדיקן מצב, צו דערגרייכן קאָנקורענץ־פעאיקייט און איר דערלייזונג פאַר דער פיזישער אויסברייטונג־אויפגאַבע פון דער פּראָדוקציע־פעאיקייט.

געוויסע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן ווירקן פאַר דער מעגלעכקייט פון אויסברייטן דעם עקספּאָרט. דער ערשטער פון זיי איז דער קליינער טייל פון ישראל עקספּאָרט אינעם צאָל פון אַלגעמיינעם וועלט עקספּאָרט. דער ישראל עקס־פּאָרט דערגייט בערך צו 2 צענטל פּראָצענט פונעם וועלט עקספּאָרט, און פון דעם איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז דאָס אַריינדרינגען מיט ספּעציפישע סחו־רות אין קלענערע ווינקלען פון וועלט־מאַרק קען דערמעגלעכן זייער אַ קאָנ־טיקע פאַרברייטערונג פונעם עקספּאָרט.

די פּראָפּאָרץ צווישן דעם עקספּאָרט און דער רויער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע אין ישראל איז אַ נידעריקע אין פאַרגלייך צו אַנדערע לענדער (האָלאַנד, ניו־זילאַנד, שווייץ), ס׳הייסט, אַז דאָ שטעקן נאָך אַ סך פאַרגרעסערונג־מעג־לעכקייטן.

און נאָך אַ פאַקטאָר — די פאַך־אַרבעט, וואָס איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר דווקא ביי ספּעציפישע אויסאַרבייטונגען, און מיט זיי האָט ישראל אַ שאַנס צו פאַר־נעמען אַ פּלאַץ אויפן וועלט־מאַרק, איז פּראָפּאָרציאָנעל ביליגער אין ישראל צוליב דעם קליינעם אונטערשיד אין לוין צווישן פאַכמענישע אַרבעט און נישט פאַכמענישע.

נאָך מער, מיט דער וווּקס פון דער ווירטשאַפט פאַרברייטערט זיך די באַזע פון דער פּראָדוקציע און ס׳פאַרקלענערט זיך די לאַסט פון די אַלגעמיינע אויסגאַבן אויף יעדן שטיקל פּראָדוקציע. דורך דעם שטייגט די קאָנקורענץ־פעאיקייט אויף די וועלט־מערק.

דאָ שטעלט זיך אַוועק די פראַגע, ווער זענען עס די מערק, וואָס זענען מער צוזאָגעוודיק פאַר ישראל — די מערק פון די אַנטוויקלטע לענדער אָדער פון די נישט אַנטוויקלטע ?

די אָנגעגעבענע טאַבעלע ווייזט־אָן די פּונקטן פונעם ישראל־עקספּאָרט פון 1954 ביז 1963, און די פּראָפּאָרץ צווישן דעם עקספּאָרט אונעם אימפּאָרט פון פינף קאָנטינענטן.

דער סטאַטיסטישער אַנאַליז לגבי דער פאַרגאַנגענהייט דערלויבט נישט אַזוי־אַרום קיין גרויסע האָפענונגען לגבי דעם עקספּאָרט פאַר אַנטוויקלטע לענ־דער, וויניקער ווי מען קאָן זען פון דער־אָ טאַבעלע :

ישראל־עקספּאָרט (אויסאַרבייטונגען) אין 1963 פאַר פאַרשידענע לענדער

	מיליאָנען דאָלער	פּראָצענט
אַנטוויקלטע לענדער *	236.2	82.4
פון דעם : מעריב אייראָפּע	182.0	60.3
איבעריקע לענדער	99.8	17.6
סך־הכל	336.0	100.0

מער אין איינצל ווערן געגבן די לענדער פאַר ישראל־עקספּאָרט אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע :

עקספּאָרט פאַר אויסאַרבייטונגען לויט די עיקרדיקע לענדער 1958, 1961, 1962, און 1963

(אין מיליאָנען דאָלער)

	1958	1961	1962	1963
פאַראייניקטע־שטאַטן	19.5	33.8	42.3	46.6
ענגלאַנד	29.6	35.0	37.1	47.3
מעריב־דייטשלאַנד	10.9	23.9	26.8	40.1
שווייץ	7.9	12.6	16.4	24.2
האָלאַנד	4.9	10.8	13.2	22.1
בעלגיע	7.4	13.0	12.7	19.8
איטאַליע	2.4	11.4	9.3	7.9
יוגאָסלאַוויע	5.5	5.5	8.8	5.5
האָנג־קאָנג	3.4	7.2	7.2	12.4
טערקיי	3.6	7.5	8.6	8.7
פראַנקרייך	5.6	4.4	6.9	12.7
אַנדערע לענדער	39.1	73.4	82.1	88.7
סך־הכל	139.8	238.5	271.4	336.0

* אַריינרעכנדיק אייראָפּעאישע לענדער, אַמעריקע און יאַפּאַן.

מען קען נישט צושרייבן דעם דאָזיקן מצב בלויז צו דער פאַרגאַנגענהייט; אויף אַ פּאָטענציאַלן אופן ווייזט זיך אַרויס, אַז די גרויסע מעגלעכקייטן פאַר פאַרברייטערן דעם עקספּאָרט זענען דווקא אין די אַנטוויקלטע לענדער וואָס נעמען־אויף אויך היינט דעם דאָמינירנדיקן רוב — ביי אַ 85 פּראָצענט פון דער ישראל־פּראָדוקציע, וואָס ווערט עקספּאָרטירט. די סיבות זענען קלאָר. די אַגראַר־פּראָדוקציע פון ישראל, וואָס וואַקסט אין אַ סובטראָפּישן קלימאַט, קאָן נישט זיין געווענדט צו די מערק פון יענע לענדער אין וועלכע דער קלימאַט און די נאַטור־באַדינגונגען זענען ענלעך צו אונדזער לאַנד. דער אַגראַר־עקספּאָרט פון לאַנד איז געווענדעט צו מערק פון יענע לענדער, וואָס זייער קלימאַט איז אַן אַנדערער, מער אַ קעלטערער; דאָס זענען בעיקר די אייראָפּעאישע לענדער, דאָרט ווערן די פּירות פון ישראל אויפגענומען, דער עיקר ציטרוסן, און פאַרשידענע גרינצייג אין דעם סעזאָן אין וועלכן ס׳איז נישט מעגלעך זיי אויפצוהאָדעווען אין אייראָפּעאישן קלימאַט.

און נאָך, דאָס לאַנד פּראָדוצירט נישט קיין שפּייז פאַר עקספּאָרט, וואָס איז אַן „ענערגיע מקור" (ווי קערנער), נאָר בעיקר „שוץ שפּייז" — פּרוכט, גרינצייג און אייער, וואָס זענען אַזאַ סאָרט שפּייז, וואָס פאַרמאָגן וויטאַמינען אָדער פּראָטאַאינען. די אַלע זענען פּראָדוקטן, וואָס זייער פאַרברויך שטייגט מיטן וווקס פון דער הכנסה פּער פּערזאָן. הייסט עס, אַז ס׳איז כאַראַקטע־ריסטיש דווקאַ פאַר אַנטוויקלטע לענדער.

בנוגע דער אינדוסטריע־פּראָדוקציע, האָט דאָס לאַנד נישט קיין סך אַרטיקע רוי־שטאָפן, אויסער, אפשר, די ים־המלח אוצרות, פאָספאַטן, און געוויסע סאָרטן שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס גייען־דורך אַן אינדוסטריע־אויסאַרבייטונג. דעריבער קען די אינדוסטריע פון לאַנד זיך אַנטוויקלען בעיקר ווי אַן אויס־אַרבייטונג־אינדוסטריע, וואָס באַנוצט זיך מיט אימפּאָרטירטע רוי־שטאָפן פון חוץ־לארץ און עקספּאָרטירט די פאַרטיקע פּראָדוקציע פאַרלאָזנדיק זיך אויפן וויסן, פאַכמענישער קענטעניש און אַרבעט און קאַפּיטאַל אינוועס־טירונגען (ווי שווייץ און האָלאַנד). ספּעציעל זענען גוט פאַבריקן, וואָס באַזירן זיך אויף אימפּאָרטירטן רוי־שטאָף, מיטן באַדינג פון אַ קליינער וואָג, אַזוי, אַז דער פאַקטאָר פון איבערפירן האָט נישט קיין גרויסע ווערט ביי דער ענד־פּרייז. דער בולטער ביישפּיל פאַר דעם איז די בריליאַנטן־אינדוסטריע, ווי אויך: מכשירים פון פיינעם שטאָל, עלעקטרישע מכשירים א.ד.ג. עס זענען אויך מעגלעך אויסאַרבייטונגען, וואָס דער רוי־שטאָף, וואָס דינט צו פּראָדוצירן זיי, איז טאַקע אַ שווערער, אָבער ער באַשטייט פון אַ כמעט

נישטיקן טייל אין ווערט פונעם פּראָדוקט, ווי פּערפעקטע מאַשינען און דאָס גלייכן. אויך אויף דעם געביט קומען נישט אין חשבון אַנטוויקלטע לענדער, וואָס זייער נאַציאָנאַלע הכנסה פּער פּערזאָן איז אַ קליינע, נאָר לענדער מיט אַ הכנסה פּער פּערזאָן, וואָס האַלט אין איין שטייגן, און מיט אַ פעאיקייט אויפצונעמען אַזעלכע אינדוסטריע־אויסאַרבייטונגען. אין קעגנזאַץ צו דעם, נויטיקן זיך די נישט־אַנטוויקלטע לענדער דווקא אין אַ סטאַנדאַרטישע פּראָדוקציע, אַ פּשוטע און אַ ביליגע, ווי למשל די, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין וויַיטן מזרח.

דער עקספּאָרט פון סחורות לויט סאָרטן: 1954—63

(אין מיליאָנען דאָלער)

יאָר	סה״כ עקספּאָרט	אינדוסטריע	בריליאַנטן	אַגראַר אויסער ציטרוסן	ציטרוסן	פאַרשידן
1954	87.8	32.6	15.6	1.9	33.7	4.0
1955	88.9	32.8	20.6	2.4	31.7	1.4
1956	109.7	36.7	24.7	3.5	40.8	4.0
1957	140.8	47.6	35.5	5.9	48.5	3.3
1958	139.8	47.1	34.3	8.2	48.6	1.6
1959	176.5	70.7	45.2	12.0	46.1	2.5
1960	210.3	89.0	56.4	16.6	46.6	1.7
1961	238.5	104.1	65.3	21.4	40.5	7.2
1962	271.4	117.6	85.9	19.2	49.2	1.5
1963	336.0	139.6	104.0	14.3	74.9	3.2

פון דעם אויבן געזאָגטן בעט זיך די מסקנה, אַז ישראל דאַרף זיך איצט צוגרייטן איינצוגלידערן זיך אין די וועלט־מערק. דאָס אַלץ נעמענדיק אין אַכט די פאַרבינדונג־פּראָצעסן אין אונדזער ראַיאָן, וואָס קומען איצט פאָר, און די רענטאַבילקייט און דאָס דערגרייכן קאָנקורענץ־פעאיקייט פון דער ישראל־פּראָדוקציע.

יהודה גאָטהעלף

דער אייגנאַרט פון דער ישראל געזעלשאַפט

א. אונדזער נאָענטער און ווייטערער ציל

דעם כאַראַקטער פון דער ישראל געזעלשאַפט דאַרף מען פורעמען לויט דעם נאָענטן און ווייטערן ציל, צו וועלכן די ישראלדיקע אַרבעטער באַוועגונג שטרעבט.

אונדזער נאָענטער ציל איז: אויפנעמען דעם דריטן און פערטן מיליאָן אין די קומענדיקע צען יאָר; פאַרברייטערן די באַזעצונג־באַזע אין גליל און אין נגב און אויפן ים; פאַרוואָרצלען די מאַסן עולים אין פּראָדוקטיווער אַרבעט אין שטאָט און דאָרף; אַנטוויקלען די שאַכטן פון לאַנד; עפעקטיוויזירן די באַדינגונגען; אַנטוויקלען די אינדוסטריע און פאַרמערן דעם אינדוסטריעלן־און לאַנדווירטשאַפטלעכן־עקספּאָרט, כדי צו באַלאַנסירן דעם אויסערן האַנדל און דערגרייכן עקאָנאָמישע סוווערעניטעט; פאַרשטאַרקערן די זיכערהייט פון דער מדינה תוך אָנאויפהערנדיקע אָנשטרענגונגען צו פלעגן שלום און פריינדשאַפט־באַציאונגען מיט די נאָענטע און ווייטע שכנים; פאַרזיכערן פולע באַשעפטיקונג, וווינונג, געזונטהיים און דערציאונג פאַר אַלע איינוווי־נער פון לאַנד; פאַרקלענערן די סאָציאַלע קעגנזאַצן און אָנטערשידן און אויך די פון עדהס; הייבן דעם קולטורעלן, מאָראַלישן און גייסטיקן ניוואָ, אַריינ־ברענגענדיק טענדענצן פון פאָרשריט אין דער אינטעגראַלער יידישער טראַ־דיציע.

אונדזער ווייטער ציל איז: קאָנצענטרירן דעם רוב מנין און בנין פונעם פאָלק אין ארץ־ישראל; פאַרוואַנדלען אַלע איינוווינער פון ישראל אין אַן אַרבעטנ־דיק פאָלק, וואָס איז זיך מפרנס פון פיזישער און גייסטיקער אַרבעט; אָפּשאַפן די עדהס־און קלאַסן־אונטערשידן און שאַפן אַן איבער־קלאַסן געזעלשאַפט באַזירט אויף פילאַרן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט.

ב. אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און צו וואָס עס איז מחייב:

אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט ווערט באַשטימט דורך די אָביעקטיווע באַדינגונגען מיט וועלכע עס ווערט פאַרווירקלעכט דער אויפקום פון ישראל, דורך די סוביעקטיווע אייגנשאַפטן פון די ישראל מאַסן, און דורך זייער היסטאָרישער־טראַדיציאָנעלער שטרעבונג צו זיין אַן עם סגולה.

מדינת־ישראל איז נישט געשאַפן געוואָרן לויטן מוסטער פון אַנדערע מדינות, דורך אַן איינגעוואָרצלט פאָלק פון דורי דורות אין זיין פאָטערלאַנד, נאָר תוך כדי קיבוץ גלויות; ס׳הייסט, קאָנצענטרירנדיק יידישע מאַסן אויסגעוואָרצלטע פון זייערע וווין־לענדער, וואָס דער רוב פון זיי איז נישט געוווינט געווען צו אַרבעט, וואָס כמעט אַלע זענען דערצויגן געוואָרן אויף פאַרשידענע קולטורן און שפּראַכן.

כדי צו שאַפן אַ שטאַרקע זיכערהייט און אַן עקאָנאָמישע באַזע פאַר דער מדינה דאַרף מען פאַרברייטערן דעם קאָלאָניזאַטאָריש־טעריטאָריאַלן יסוד דורך פונאַנדערשפּרייטן די באַפעלקערונג מחוץ דעם ברעג־ראַיאָן, פלעגן לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און אַנטוויקלונגס־שטעט און צוזאַמענשמעלצן לאַנדווירטשאַפט מיט אינדוסטריע.

מיר ווילן מער נישט „זוכה״ זיין, אַז אונדזער אַרבעט זאָל געמאַכט ווערן דורך אַנדערע, און פון דאַנען שטאַמט דער אָביעקטיווער הכרח אין פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס וועט די יידן אַריינברענגען אין אַלע צווייגן פון פּראָדוקציאָנעלער אַרבעט און אין די לעבנסוויכטיקע באַדינונגען.

אונדזער זיכערהייטס־לאַגע פאַרפליכטעט אונדז צו לייגן אויפמערקזאַמקייט אויף גרענעץ־ישובים און אויף אַנטוויקלען די שוץ־כוחות פון דער מדינה. די רעלאַטיווע אָרעמקייט פון לאַנד, און אונדזערע נידעריקע קוואַנטיטעט־פּראָפּאָרץ אַנטקעגן דער צאָל פון אונדזערע פּאָטענציעלע פיינט, פאַרפליכט אונדז צו אַנטוויקלען די מאָראַלישע קולטורעלע וויסנשאַפטלעכע קוואַליטעט אונדזערע.

אויסער די דאָזיקע אָבעקטיווע באַדינגונגען דאַרף מען נעמען אין חשבון דעם מהות פון די מאַסן יידן, וואָס זאַמלען זיך איין דאָ אין לאַנד. ווי אַ

רעזולטאַט פון די גלותדיקע פרנסות איז פאַראַן צווישן די יידן די נטיה מזלזל צו זיין מיט אַרבעט בכלל און מיט פיזישער אַרבעט בפרט.

דערקעגן געפינען מיר צווישן זיי די נטיה צו בילדונג (לשמה און לא לשמה), און דער דינאַמיזם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן, שטויסט אַ סך פון זיי צו קלעטערן און שטייגן פון „נידעריקע" שטאַפּלען צו „העכערע" אויף דער געזעלשאַפט־לייטער.

די יידן, וואָס האָבן געליטן אין גלות פון פאַרשקלאַפונג און פון אָפּהענגיקייט, טראָגן אין האַרצן אַ שטאַרקן ווילן צו פרייהייט און אָנאָפּהענגיקייט, צו עקאָנאָמישער־און גייסטיקער־סוווערעניטעט, און ווילן מער נישט משלים זיין מיט עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע און געזעלשאַפטלעכע אונטערדריקונג.

די יידן טראָגן מיט זיך פון זייט דעם אָנהייב פון זייער געשיכטע די ירושה פונעם געבאָט צו זיין אַן „עם סגולה". אָבער פון דער היסטאָרישער פּראַקטיק האָבן מיר געלערנט, אַז די יידישע מאָראַלישע פילבאַרקייט איז נישט קיין אַבסאָלוטע גאַראַנטיע אויף נישט צו צעברעכן די לוחות הברית און אויף נישט אַריינצופאַלן אין פאַרדאָרבנקייט, אויף נישט פּורק עול צו זיין און אויף נישט צו דינען דעם „עגל הזהב".

אין יידישן כאַראַקטער איז איינגעוואָרצלט די טענדענץ פאַר עקסטרעמקייט („דאָס דאָזיקע פאָלק איז געגליכן צו שטויב און איז געגליכן צו שטערן: פאַלן זיי אַרונטער — פאַלן זיי עד לעפר, שטייגן זיי אַרויף — שטייגן זיי ביז די שטערן"). און די דאָזיקע נטיה צו פּאָלאַריזאַציע פאַרשטאַרקט דעם באַדאַרף פון אַ חלוצישער עליטע און פון אַ גרויס־וואָגיקער אָנפירערשאַפט, וואָס פאַרמאָגט מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, כדי צו פאַרזיכערן דעם פאָרצוג פון די פּאָזיטיווע כוחות, פון די קאָנסטרוקטיווע שטרעבונגען, אהבת־ישראל, חלוציזם, גלייכהייט פון אַרבעט־ווערט, אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, פּאָליטישע־און געזעלשאַפטלעכע־דעמאָקראַטיע.

ג. די וועלט אַלס פּאָן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן אויפקום

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן צום סוף פון דער „אידיליִשער" תקופה פונעם אייראָפּעאישן קאַפּיטאַליזם. אָבער מדינת־ישראל איז

אויפגעקומען אין דער שטורעמדיקסטער איבערגאַנגס־תקופה פון דער איי־ראָפּעאישער פּאָליטישער־און סאָציאַלער־סוווערעניטעט צו אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע רעזשימען אין דער גאָרער וועלט.

דער ניינצענטער יאָרהונדערט איז געשטאַנען אונטער דעם סימן פון דער מערבדיקער פּאָליטישער העגעמאָניע, בשעת דער עקאָנאָמישער ליבעראַליזם האָט געשפּאַנט בראש דעם געזעלשאַפטלעכן פּאָרשריט. אין אָנהייב האָט דער ליבעראַליזם צוגעזאָגט עקאָנאָמישן פונאַנדערבלי מיטן ברעכן די קייטן פונעם פעאָדאַליזם און מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּריוואַט־איניציאַטיוו פונעם „דריטן קלאַס״, וואָס איז געשטאַנען אין דער אָנפירערשאַפט פון דער גרויס־און קליין־בורזשואַזיע. אַזאַ עקאָנאָמישער פונאַנדערבלי האָט זיך גע־פּאַסט פאַר אַ תקופה פון אַ מער־וויניקן לאַנגדויערנדיקן שלום אין אייראָפּע — פון זייט סוף נאַפּאָלעאָנס שלאַכטן ביז דעם אויסברוך פון דעם ערשטן קריג.

אָבער דער עקאָנאָמישער ליבעראַליזם האָט נישט פּאַרמיטן דאָס שאַפן זיך פון מאָנאָפּאָלן, און די אַלץ שטאַרקערע קאָנקורענצן צווישן די גרויסמעכטער און עקאָנאָמישע קריזיסן, וואָס זענען דערגאַנגען צו זייער הויכפּונקט אינעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן חורבן אין די יאָרן פון 29—1933. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער עקאָנאָמישער פּראָספּעריטי האָבן די מאַסן אַרבעטער קיין חלק נישט געהאַט, און אַוודאי האָט מען זיי נישט משתּף געווען אין דעם רוב פעלקער פון דער וועלט (ביי אַ פיר פינפטל פון דער מענטשהייט), וואָס זענען פאַראַן מחוץ די גרויסמעכט פון רייכטימער און קאָלאָניעס.

פון דאַנען שטאַמען די רעוואָלוציאָנערע ברוּיזונגען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין אייראָפּע, און די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פרייהייט־באַוועגונגען, וואָס האָבן אַרומגענומען די אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע און לאַטיין אַמעריקאַנישע לענדער.

איין בלאָק פון דער וועלט, דער סאָוויעטישער בלאָק, שטייט אין סאַמע עקסטרעמער סאָציאַלער ענדערונג מיט אירע אַלע שוידערלעכע ראַנגלענישן און קרבנות. אַ צווייטער בלאָק, דער אַפראָ־אַזיאַטישער בלאָק, וואָס האָט פון זיך אַרונטערגעוואָרפן דעם עול פונעם קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם, איילט זיך נישט אָנצונעמען דעם עול פונעם סאָוויעטישן אימפּעריאַליזם, און ער זוכט פאַר זיך אַן אייגענעם וועג. און אויך דער מערב בלאָק האָט במשך פון

די לעצטע צענדליקער יאָר געשאַפן נייע פאָרמען פון געזעלשאַפט (מדינה פון סאָציאַלער שוץ), וואָס האָבן געענדערט דעם כאַראַקטער פונעם אַלטן רעזשים, און ער שטייט נאָך פאַר גרויסע ענדערונגען, וואָס וועלן קומען נאָך דער גרויסער אינדוסטריע־רעוואָלוציע מיט אירע אַלע סאָציאַלע מס־קנות, וואָס שטאַמען־אַרויס פון דעם.

מדינת־ישראל, וואָס איז אויפגעקומען אויפן פאָן פון די דאָזיקע ענדערונגען, קען לערנען פון די דערגרייכונגען, דורכפאַלן און אויסזיכטן פון די לענדער לויט די פאַרשידענע פאָליטישע בלאָקן, און פורעמען לויט דעם אירע גע־זעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פאָרמען.

אַן אַלגעמיינער איבערבליק וועט ווייזן, אַז די אַלטע מדינות אין אייראָפּע, און אַוודאי די נייע מדינות אין אַזיע און אין אַפריקע, קענען מער זיך נישט אויפבויען בלויז פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער. זיי נויטיקן זיך אין וואָס אַ מער גרעסערער אינטערווענץ פון דער רעגירונג אין די ענינים פון דערווירטשאַפט און לענקן זי דורך אַן עקאָנאָ־מישן פּלאַן, דורך אינוועסטיציעס, קרעדיט, פינאַנסן, פּרייזקאָראַנטן א.א.וו.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ גרויסע פּראַקטיק פון די רעזולטאַטן, וואָס האָט געגעבן די טיילווייזע נאַציאָנאַליזירונג אין מערב און די טאָטאַלע נאַציאָנאַליזירונג אין סאָוויעטישן־בלאָק, און מען האָט אויך געלערנט און זיך גוט קאָנצענטרירט אויף עקאָנאָמישע און אַנדערע ענינים. דאָס אַליין האָט באַוויזן, אַז די נאַציאָנאַליזירונג פאַר זיך פאַרזיכערט נישט קיין ענדערונג צום גוטן אינעם מעמד און געפיל פונעם אַרבעטער, און אַ מערערע קאָנצענטרירונג אויף די עניינים פונעם פאָלק דורך אַ מלוכהשן אַפּאַראַט קען דערוועקן די שעפערישע־און פאַראַנטוואָרטלעכע־איניציאַטיוו פון דער מאַסן באַפעלקערונג.

די היסטאָרישע פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז די פאָליטישע דעמאָקראַטיע איז דורכגעפאַלן, ווייל זי האָט משתף געווען די מאַסן אין פּאָליטישע אַנטשיי־דונגען נישט צוגרייטנדיק זיי אידייאיש און דערציעריש צו דעם; און ווידער איז די דעמאָקראַטיע דורכגעפאַלן, ווייל זי האָט זיך באַגענוגנט מיט דעם, וואָס זי האָט געגעבן פּאָליטישע רעכט נישט פאַרזיכערנדיק אַ געהעריקע עקאָנאָמישע־און געזעלשאַפטלעכע־עקזיסטענץ פאַר די מאַסן.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דיקטאַטור, וואָס פֿאַר־זיכערט צו פֿאַרקירצן דעם וועג צו סאָציאַליסטישער לייזונג, קען נישט האַלטן קיין וואָרט און פֿאַרלענגערט נאָך מער דעם אונטערדריקונגס־און ליידן־וועג; ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פֿאַרטייל פֿון עפֿעק־טיווקייט, וואָס כלומרשט די דיקטאַטור פֿאַרמאָגט, און נישט די דעמאָקראַטיע, שאַפֿט זיך אויפֿן חשבון פֿון אונטערדריקן דעם פּרט און פּאַראַליזשירן זיין וואַכזאַמקייט, זיין איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט צו די ענינים פֿון כלל.

די הסיטאָרישע פּראַקטיק לערנט אונדז, אַז ס'זענען פֿאַראַן צייטן, און בעיקר תקופות פֿון אָרעמקייט, ווען די מאַסן פֿאָדערן הויפּטזעכלעך צו פֿאַרווירק־לעכן די גלייכהייט, בעת אין אַנדערע צייטן, אין צייטן פֿון רעלאַטיוון וווּיל־שטאַנד ווערט געלייגט דער טראָפּ אויף פֿרייהייט. אָבער די פֿרייהייט און גלייכהייט זענען צוויי זייטן פֿון איין־און־דערזעלבער מטבע. די קאַפּיטאַליס־טישע רעזשימען, וואָס האָבן צוגעזאָגט פֿרייהייט אויפֿן חשבון פֿון גלייכהייט, אָדער די סאָוויעטישע רעזשימען, וואָס האָבן צוגעזאָגט גלייכהייט אויפֿן חשבון פֿון פֿרייהייט — האָבן נישט צוגעהאַלטן קיין וואָרט, ווייל ס'איז נישט געמאָלט פֿרייהייט אָן מאַקסימאַלער גלייכהייט ביים קאָנקרעטיזירן די פֿריי־הייט פֿון יעדן פּרט, און „גלייכהייט" ווידער אָן פֿרייהייט פֿון וואָרט, אָן קריטיק א.ד.ג. איז גורם צו שאַפֿן זיך נייע קלאַסן און אַ נייער סאָציאַלער תהום אָנשטאָט די אַלטע סאָציאַלע קלאַסן, וואָס זענען ליקווידירט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע.

און נאָך האָט די פּראַקטיק באַוויזן, אַז אַ נידעריקער לעבנסטאַנדאַרט ברענגט על פּי רוב צו אַ שווידערלעך נידריק לעבן, צו מאָראַלישע פֿאַרברעכנס און פֿאַרדאָרבנקייט, און דערמעגלעכט נישט די מאַסן צו באַטייליקן זיך אינעם קולטור־לעבן. פֿון דער צווייטער זייט איז באַוויזן געוואָרן, אַז הייבן דעם מאַ־טעריעלן לעבנסטאַנדאַרט פֿאַר זיך איז נישט קיין סגולה פֿאַר הייבן דאָס קולטור־און גייסטיק־לעבן, ווייל עס טרעפֿט נישט איין מאָל, אַז וווילשטאַנד ברענגט גייסטיקע טעמפּקייט און ברענגט אַ געלאַף נאָך איבעריקע מאַטער־יעלע פֿאַרגעניגנס.

דאָס וואָס מיר לערנען פֿון די אומות העולם אין סאָוויעטישן־בלאָק, אין מערב־בלאָק און אין אַפֿראָ־אַזיאַטישן בלאָק, דאַרף אונדז צוהעלפֿן אויסצו־מיידן זייערע פֿעלערן און פֿורעמען אַן אייגענעם ריכטיקן וועג:

מיר וועלן נישט גיין אויפן וועג פון דיקטאַטור, אָבער אויך נישט באַגענו־גענען זיך מיט דער „פאַרמעלער" פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, וואָס איז אויס־געליידיקט פון עקאָנאָמישע־און סאָציאַלע־פאַרפליכטונגען.

מיר וועלן זיך נישט פאַרלאָזן בלויז אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו, און מיר וועלן נישט לייגן אונדזער גאַנצע האָפענונג אויף טאָטאַלער נאַציאָנאַליזירונג און אויף איבערגעטריבענער קאָנצענטרירונגביים פירן די ענינים פון דער מדינה — נאָר מיר וועלן פלעגן פאַרשידענע ווירטשאַפט־פאָרמען.

מיר וועלן זאָרגן פאַרן מעמד, פאַרן געפיל און פאַר דער באַטייליקונג פון אַרבעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע־און אינדוס־טריע־אונטערנעמונגען.

מיר וועלן נישט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן דער רעכט פון פּרט פאַר פרייהייט און זיין רעכט פאַר גלייכהייט, נאָר מיר וועלן שטרעבן פרייהייט טריע־אונטערנעמונגען.

מיר וועלן שטיין אויף דער וואַך צו פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן לעבנ־סטאַנדאַרט, דערביי נישט פאַרמינערן די חשיבות צו פלעגן אַ גייסטיק־קולטורעל לעבן — צו דערהייבן דעם מענטש.

ד. די פאַרשידענע רעזשימען אין דער וועלט

זאָל זיין דער מקור פון דער מדינה אַ וואָסערער ער זאָל נישט זיין — אַ פּועל יוצא פון רעליגיעזע געבאָטן, אַ ראַם פאַר דעראָבערונגען אָדער זעלבשוץ, אַ רעזולטאַט פון „געזעלשאַפטלעכער קאָנוועַנץ" א.א.וו. — איז נאָך ביז היינט נישט באַקאַנט דער אינסטרומענט, וואָס זאָל זיך מער פּאַסן, אַ בעסערע פאָרם, ווי אַ מדינה פאַר עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע ענינים פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און ס'איז אַ ספק אויב מען וועט אויך פאַר דער נאָענטער צוקונפט טרעפן אַן עקוויוואַלענט פאַר דער מדינה, ווי עס נעמט אויף זיך די באַפעלקערונג, גוטוויליק אָדער דורך צוואַנג, אַ בשות־פותדיקן לעבנסשטייגער.

די אייגנשאַפט פון דער מדינה און אירע עקזיסטענץ־אויסזיכטן אויף אַ

ווייטער מעטע זענען אָפּהענגיק נישט נאָר אין די אויסערלעכע און אָביעקטיווע באַדינגונגען, נאָר אין דער מאָס, וואָס זי שטעלט־צו די באַדערפֿענישן און די ווונטשן פון דער באַפעלקערונג.

די רעכט און די טעטיקייטן פון דער מדינה זענען נישט געגעבן געוואָרן אויף שטענדיק, זיי ענדערן זיך און אַנטוויקלען זיך לויט די באַדערפעגישן און פאַרלאַנגען פונעם ציבור. ווי צום ביישפיל, צוריק מיט 100—150 יאָר איז אַפילו נישט מעגלעך געווען צו אַנען, אַז די מדינה וועט זיין באַפול־מעכטיקט אַרויפצולייגן שטייערן, כדי צו פאַרזיכערן פאַר יעדן בירגער דער־ציאונג, געזונטהייט, באַשעפטיקונג א.א.וו. איצט ווידער קען מען זיך גאָר־נישט פאָרשטעלן אַ פאָרשריטלעכע מדינה, וואָס שטעלט נישט צו די דאָזיקע באַדערפענישן.

די מדינה איז בדרך כלל אַ פונקציע פונעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן רעזשים, וואָס איז פאַראַן אין איר. פון דער צווייטער זייט ווידער, קען די מדינה אונטערדריקן, אָדער דערמוטיקן די אַנטוויקלונג פון עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע כוחות און פורעמען אויף אַ טעטיקן אופן דעם געזעל־שאַפטלעכן־און עקאָנאָמישן־רעזשים.

אַמאָל איז די מדינה גערעכנט געוואָרן אַלס אַן אויסדרוק אָדער אינסטרומענט פון דעם קלאַס, וואָס הערשט אין איר; און דעריבער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג נעגירט דאָס באַטייליקן זיך אין דער עקזיסטירנדיקער אָנפירערשאַפט פון דער מדינה, וועלכע מען האָט געהאַלטן ווי אַן „אַקציאָנס קאָמיטעט פון דער בורזשואַזיע". זי האָט גע־שטרעבט אַרונטערצוזעצן די עקזיסטירנדיקע מאַכט און זי אויסטוישן אויף אַן אַנדערער — ביז די מדינה וועט אין גאַנצן אונטערגיין, און אַנשטאָט איר וועט זיין בלויז אַ געזעלשאַפט אין וועלכער די עניינים וועלן זיך פירן אָן דעם הערשן פון מענטש איבער מענטש.

למעשה, קען אפילו נישט די אַמיינסטנס קלאַסן־מדינה זאָרגן אין אַ געוויסער מאָס פאַר אַלע בירגער; און דאָס אויסטוישן די בורזשואַזנע מאַכט אויף אַ „פּראָ־ליטאַרישע דיקטאַטור" האָט נישט דערפירט צום אונטערגאַנג פון דער מדינה.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס געענדערט דער כאַראַקטער פון דער מדינה, וואָס עקזיסטירט אין די מערב־לענדער, אַ

דאַנק דער דעמאָקראַטיזאַציע פונעם רעזשים, און אַזוי אַרום האָט זיך אויך געענדערט די באַציאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צו דער מדינה. די אַרבעטער־באַוועגונג זעט נישט מער אין דער עקזיסטירנדיקער מדינה אַן אַקציאָנס קאָמיטעט פון איין קלאַס. קריטיקירנדיק און ראַנגלענדיק זיך מיט דער בורזשואַזיע, שטרעבט די אַרבעטער פּאַרטיי אויסצובררייטערן די רעכט און טעטיקייט פון דער מדינה, אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, אויף אַ סך עקאָנאָמישע און סאָציאַלע געביטן — לטובת אַלע בירגער, און אויף אַן אופן פון אַ מער גערעכטלעכער פּאַרטיילונג פונעם פאַרמעגן, פון די שטייערן, פון אַדמיניסטראַטיווע באַדינונגען א.א.וו.

פיל און פאַרשידן זענען די רעזשימען אויף דער וועלט, אָבער די מערהייט פון זיי פּאַסן נישט פאַר אונדז — צוליבן כאַראַקטער פון לאַנד, צוליב די אייגנשאַפטן פונעם יידישן פאָלק און צוליב די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעבונגען פונעם אַרבעטנדיקן ציוניזם.

אַ פעאָדאַליש־טיראַנישער רעזשים, אָדער אַ פעאָדאַליש־בורזשואַזנער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר צוריקגעשטאַנענע פעלקער, קומט נישט אין באַ־טראַכט פאַר אונדז, ווייל אונדזער לאַנד, וואָס איז אָרעם אין נאַטור־אוצרות און קען נישט מפרנס זיין זיינע איינוווינער, סיידן עס וועט אויסגענוצט ווערן אין אַ פולער מאָס דער הויפּט־„נאַטירלעכער אוצר" אונדזערער, דער יידי־שער מענטש. אַן וואָלונטאַרישן און בשותפותדיקן אָנשטרענג פון אַרבעטנ־דיקע יידן וואָלטן מיר נישט דערגאַנגען ביז אַהער. און אויך ווייטער וועלן מיר נישט קענען מאַכן קיין פאָרשריט מיט אַן אויסניצעריש־דערדריקנדיקן רעזשים, נאָר מיט אַ רעזשים פון מאַקסימאַלער פרייהייט און גלייכהייט.

אַ רעזשים פון מיליטערישער טיקטאַטור — לויטן מוסטער פון דער אַפּיצירן־מאַכט אין די אַראַבישע לענדער און אין אַנדערע מדינות — פאַרזיכערט כאילו אַן אַדמיניסטראַציע עפעקטיווקייט, אַ שנעלערע מאָביליזאַציע פונעם מיליטער, ליקווידאַציע פון אָפּאָזיציאָנעלע צעשטערערישע כוחות, אָבער דער שכר פון די דאָזיקע צווייפלהאַפטע „פאָרטיילן" איז אַ זיכערער פאַרלוסט. די מיליטערישע איינזייטיקע מאַכט, קען נישט אַנטוויקלען אַלע פאַראַנט־וואָרטלעכע שאַפונגס־כוחות אין פאָלק. צוזאַמען מיטן אויסוואָרצלען די אָפּאָ־זיציע אונטערדריקט אַזאַ מין מאַכט יעדע ספּאָנטאַנישע און שעפערישע מח־שבה, וואָס איז דער באַדינג פאַר אַנטוויקלען קולטור, וויסנשאַפט און טעכנאָ־לאָגיע, און איז דער עיקר פאַקטאָר פאַר דער פאָרשריט פון דער מדינה. אַז

ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין דעמאָקראַטיע דערשיינט פֿאַרשווּענדעריי און פֿאַר־דאָרבנקייט צווישן דעם אָפּיצירערטום און זיינע מקורבים אין די פֿאַרשידענע פֿאָלקשיכטן. צוליב אַ ר׳עזשים פֿון בלינדן נאָכגיין און וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין גלייכהייט פֿאַרטיפֿט זיך דער תהום צווישן די אָפֿיצירן און צווישן די פּשוטע סאָלדאַטן מאַסן, וואָס האָבן נישט קיין אינטערעס צו באַשיצן אַ פֿאָטערלאַנד, וואָס באַציט זיך צו זיי ווי אַ שטיף־פֿאָטער.

טראָץ דער דאָמינירנדיקער און וויכטיקער חשיבות פֿונעם זיכערהייט־פֿאַק־טאָר לגבי דעם גורל פֿון מדינת־ישראל, קען ביי אונדז אַ מיליטעריש־דיקטאַטאָרישער רעזשים נישט געמאָלט זיין. כמעט אין אַלע עלעמענטן, וואָס שליסן זיך אָן אין מיליטערישן פּאָטענציאַל פֿון אַ מדינה (די צאָל באַ־פֿעלקערונג, דער שטח, סטראַטעגישע טיפֿקייט, נאַטור אוצרות א.ד.ג.), זענען מיר צוריקשטעליק, און די הויפּט־כּוחות אונדזערע ליגן אין אונדזער קול־טורעלן, סאָציאַלן און מאָראַלישן פּאָרטייל, וואָס דאַרף נישט פֿאַרשווענדעט ווערן דורכן אויסטוישן דעמאָקראַטיע אויף דיקטאַטור.

דער שוץ־כּוח העגנט נישט אָפּ בלויז אין דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט צו די קאָמאַנדירן, נאָר אויך אין דער גרייטקייט און וואַכקייט צו באַשיצן און אין דער קרבנות־גרייטקייט פֿון יעדן בירגער אין יעדן ישוב און אין יעדן פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל. אונדזער פֿאָלק וועט נישט מסכּים זיין מיט אַ מאַכט פֿון מיוחסים, זאָלן זיין זייערע פֿאַרדינסטן אַ וואָסערע זיי זאָלן נישט זיין.

למעשה איז דער פֿאָלקסטימלעכער אַרבעטער־שטאַם פֿונעם רוב אָפֿיצירן אין צה״ל און צווישן אונדזערע בעסטע זעלנער אין די פֿאַרשידענע דינסטן, די גאַראַנטיע אַז אונדזער אַרמיי וועט געטריי בלייבן דער ישראלדיקער דעמאָקראַטיע.

סאָוויעטישער רעזשים, אָדער „פֿאָלקס דעמאָקראַטיע״ קומט בשום אופֿן נישט אין באַטראַכט פֿאַר אונדז, ווייל דער הויפּט־פּראָבלעם פֿון ישראל, ווי דער פּראָבלעם פֿון אַנדערע אַנטוויקלונג־לענדער, ליגט נישט אין אַרונטערזעצן דעם עקאָנאָמישן־געזעלשאַפֿטלעכן עקזיסטירנדיקן רעזשים, און אויך נישט בלויז אין פֿאַרטיילן דאָס פֿאַרמעג, נאָר אינעם אַנטוויקלען ס׳לאַנד מיט זיין לאַנדווירטשאַפֿט, אינדוסטריע און פֿאַרבאָרגענע אוצרות; אינעם בו פֿון פֿאָלק און געזעלשאַפֿט; אין שאַפֿן אַ נייע קולטור, וואָס זאָל וואָרצלען אינעם המשך פֿון דער טראַדיציע.

די בלוטיקע פּראַקטיק און דאָס ליידן פון די פעלקער, וואָס זענען אונטער־טעניק דער מאַכט, איז כלל נישט דערמוטנדיק. מדינת־ישראל, וואָס אירע טויערן זענען אָפן אויף אַריין און אַרויס; וואָס איר עקזיסטענץ און איר צו־קונפט איז אָפּהענגיק אין אַ באַשטענדיקער עליה פון אַלע שיכטן יידן און פון אַלעווירטשאַפט־סעקטאָרן — קען על אחת כמה וכמה נישט אַרויפ־צווינגען אויף דער באַפעלקערונג אַ „פאָלקס" דיקטאַטור, אָדער אַ סאָוויע־טישע, וואָס אונטערדריקט די רעליגיע, די פרייהייט פון וואָרט, די פרייהייט צו וויילן די פאָרעם פאַרן לעבן א.ד.ג. און פאַרשוועכט די מענטשלעכע מאָ־ראַלישע יסודותדיקע ווערטן.

די אַמעריקאַנער פּראָספּעריטי געזעלשאַפט רופט אַרויס קנאה ביי אַ סך. די מאַטעריעלע גרויסע פּראָספּעריטי, די אויסזיכטן פון „פעדערן" זיך אויף דער געזעלשאַפט־לייטער, פרייהייט פון בירגער א.ד.ג. — זעען אויס ווי סימנים פון אַ געגאַרטן רעזשים, וואָס איז ווערט מען זאָל אים נאָכמאַכן אומעטום.

אָבער, עס איז נישט צו געפינען אויף אַנדערע קאָנטינענטן ענלעכע באַדינ־גונגען צו די, וואָס האָבן געשאַפן דעם אַמעריקאַנער לעבנסשטייגער, ווי: אַ גרויסן קאָנטינענט, וואָס די באַפעלקערונג דאָרט זאָל זיין אַ שיטערע; גרויסע מעגלעכקייטן צו זאַמלען פולע הויפנס פון די ריזן אוצרות אין דעם קאָנטינענט; אַ מדינה, וואָס אין משך פון דורות איז געשיצט דורך צוויי אָקיאַנוסן, וואָס האָט באַפרייט די באַפעלקערונג פון זיכערהייטס קאָסטן און האָט זיי געלאָזט אַנטוויקלען לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע; אַ ברייטן מאַרק פאַר דער פּראָדוקציע נאָענט צו די מקורות פונעם רוישטאָף; אַ געזעל־שאַפט, וואָס איר אַנטוויקלונג איז נישט אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך די פעאָ־דאַליזם־קייטן און דאָס גלייכן.

פונדעסטוועגן געפינען מיר אַ סך גייסט־מענטשן צווישן אַמעריקאַנער פאָלק, וועלכע זענען נישט בלויז ליכט נאָר אויך געגנוג שאָטנס אין דער „געזעלשאַפט פון וווילשטאַנד". די דאָזיקע רייכע געזעלשאַפט איז נישט אימוניזירט פאַר עקאָנאָמישע קריזיסן, וואָס קענען זיך נאָך פאַרשאַרפערן אין דער אַטאָמאַציע־תקופה. געאָפּאָליטישע פאָרטיילן פון דער פאַרגאַנגענהייט גייען און ווערן פאַרשווינדן אין דער נייער ווירקלעכקייט (באַוואָפנונג־הוצאות א.ד.ג.); די פאַרשוועגדערישע באַדאַרפערישקייט איז באַגלייט פון זאָרגלאָזיקייט פאַר די עניינים פונעם כלל; אין דער צייט ווען די עפנטלעכע מיינונג איז פאַרטאָן מיט דער הצלחה פון די בר־מזלים איז נישט פאַראַן אַ גענוגנדיקע אויפ־

מערקזאַמקייט צו דעם מערן זיך פון די וואָס פאַלן דורך און פאַלן אַרויס פונעם צעווילדעוועטן קאָנקורענץ־געלאַף.

זאָל זיין וואָס ס׳זאָל נישט זיין די אָפּשאַצונג פון דער אַמעריקאַנער פּראָס־פּעריטי געזעלשאַפט, קומט זי נישט אין באַטראַכט אין אונדזער אָרעם לאַנד, וואָס זיין זיכערהייט און די אַנטוויקלונג פון זיין רייכטום איז אָפּהענגיק אין דער אַרבעט און סאָלידאַרישקייט פון דער אַרבעטערשאַפט.

די מדינה פון סאָציאַלער שוץ, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, שטייט אַמנאָענטסטן צו אונדזערע באַדערפענישן. אָבער אויך זי שעפּט נישט אויס אונדזערע פולע מעגלעכקייטן און שטרעבונגען. די מדינה פון סאָציאַלער שוץ האָט אויף זיך גענומען צו פאַרמינדערן וויפיל ס׳איז מעגלעך די קלאַסן אונטערשיידן דורך אַ פּראָגרעסיווער באַשטייערונג, וואָס פירט איבער פונעם עודף הכנסות ביי די רייכע פאַר אַנטוויקלען די סאָציאַלע באַדינונגען לטובת די אָרעמעלייט: געזונטהייט אַנשטאַלטן, דערציאונג, שי־כון, עלטער פּענסיע, און לוין פאַר אַרבעטסלאָזע, א.ד.ג. אין אַ מדינה פון סאָציאַלער שוץ גייט דורך אַ היבשער טייל פון די נאַציאָנאַלע איינקונפטן (צווישן אַ פירטל און אַ דריטל) דורך די מלוכהשע רערן. עס זענען פאַראַן מדינות פון סאָציאַלער שוץ, וואָס אַ טייל פון די אינדוסטריע־צווייגן און זייערע לעבנסוויכטיקע באַדינגונגען זענען נאַציאָנאַליזירט.

מדינת־ישראל פאַרווירקלעכט דעם רוב פון פּאַראַגראַפן פון אַ מדינה פאַר סאָציאַלער שוץ. פונדעסטוועגן קען זי זיך נישט זען בלויז ווי אַ מדינה פון אונטערשטיצונג.

די מערב־אייראָפּעאישע מדינות פון סאָציאַלער שוץ, האָבן איבערגעלאָזט די מערהייט פון דער ווירטשאַפט אין די הענט פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, אין דער קאַפּיטאַליסטישער. אָבער האָט טאַקע דער קאַפּיטאַליזם געלערנט — אַ דאַנק די לערע פון לאָרד קיינס און אַנדערע — צו רעגולירן איצט אויף אַ מער טעטיקן אופן די ווירטשאַפט־פּראָצעסן דורך עקאָנאָמישע פּלאַנירונג און פינאַנסיעלע מאַניפּולאַציעס, דורך אַ פּאָליטיק פון אינוועסטיציעס, עפנ־טלעכע־אַרבעט (און אַרבעטסלאָזיקייט) א.ד.ג. אָבער דאָס נוצן זיך מיט די עצות פון לאָרד קיינס ווערט נישט פאַרווירקלעכט דורך פולשטענדיקע אָביעקטיווע מומחים, און עס שטייט אונטערן דרוק פון פאַרשידענע אינטע־רעסן פון אינעווייניק און פון דרויסן.

אין דער מדינה פון סאָציאַלער שוץ זענען פאַראַן גרויסע אונטערשידן צווישן די קלאַסן און אין אַרבעטער־קלאַס גופא; און אין די אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען גייען־אָן נישט דעמאָקראַטישע אַרבעט־באַציאונגען. די מאַכט איבער די שליסלען פון דער עקאָנאָמיע, ליגט אין די הענט פון אַ הייפל פינאַנסן־אייגנטימער, און דער קאַפּיטאַליזם איז נישט מסוגל טעטיק צו מאַכן אַלע פּראָדוקטיווע און שעפערישע כוחות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין פאָלק. אין דער מאָס, וואָס ס׳איז פאַראַן אַ פּלאַנירונג, איז זי נישט געווענדעט צו־צושטעלן די באַדערפענישן פונעם גאַנצן פאָלק, ווייל זי רעכנט זיך זייער שטאַרק מיט די רווחים פון די פינאַנסן־אייגנטימער. די אַטאָמאַציע־תקופה קען פאַרשטאַרקערן די קריזיס־סכנה און די „סטרוקטוראַלע אַרבעטלאָזי־קייט״, און מיטן פאַרשאַרפערן זיך פונעם עקאָנאָמישן קריזיס וועט באַ־שרענקט ווערן די סאָציאַלע טעטיקייט פון דער מדינה פון סאָציאַלער שוץ.

אַזאַ מדינה איז כלל נישט די אידיאַלע מדינה, וואָס צו איר שטרעבט די אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר מען דאַרף זי זען ווי אַן אַוואַנס אויפן חשבון פון סאָציאַליזם. פאַר ישראל איז זי נישט גענוג, און נישט צוליב דעם, וואָס די ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג שטרעבט צו אַ העכערן שטאַפּל פון סאָ־ציאַלער אַנטוויקלונג, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס מיר קענען זיך נישט צו פיל שטיצן אויף דער פּריוואַט־איניציאַטיוו, און מיר דאַרפן אַנטוויקלען אין לאַנד אַ מלוכהשע הסתדרותישע און געמיינזאַמע ווירטשאַפט־איניציאַטיוו.

ה. דער געווונטשענער רעזשים פאַר ישראל

די מערהייט אַרבעטער־פּאַרטייען אין לאַנד שטרעבט צו אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ס׳מיינט אַן איבער־קלאַסן געזעלשאַפט, באַזירט אויף די פּילאַרן פון פרייהייט גלייכהייט און ברידערלעכקייט. אָבער צו פאַרווירקלעכן אונ־דזערע צילן אין דער נאָענטער צוקונפט (צען־צוואַנציק יאָר) וועלן מיר זיך באַגענוגענען מיט אַ רעזשים פון אַ דעמאָקראַטישער־און סאָציאַלער מדינה.

אַ דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע מדינה הייסט, אַז מיר וועלן נישט געפאַנגען ווערן פון דיקטאַטאָרישע פאַרלאָקונגען און מירן אָפּהיטן די פאָרמען פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. זיי זענען די גאַראַנטיע אויף אָפּצוהיטן די פריי־הייטן פונעם פּרט און אויך אויפצווועקן די פאַרבאָרגענע כוחות ביים פאָלק, און אויך ביי די מאַסן יידן, וואָס קומען צו אונדז פון די אייראָפּעאישע

לענדער, פון אַזיע און אַפריקע, וואָס זענען נישט געוווינט געווען צו אַ גע־העריק דעמאָקראַטיש לעבן.

אַ דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע מדינה הייסט, אַן אַנטוויקלונגס־מדינה, וואָס באַגענוגנט זיך נישט מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַטער איניציאַטיוו, נאָר באַווירקט אַ מלוכהשע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו פּאָרויסצושטופּן די לאַנדווירטשאַפט און די אינדוסטריע; אַ מדינה, וואָס נעמט אַרום אַלע עלעמענטן וואָס פאַרמאָגט אַ מדינה פון סאָציאַלער שוץ (דערציאונג, געזונט־הייט, באַשעפטיקונג א.ד.ג.); און אַז אויסער דעם האַלט זי אויס און דערמו־טיקט אַנטוויקלונג פון אַן אַנדערער־געזעלשאַפט. ס׳הייסט, אַ זעלבסשטענ־דיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט, — ווי אַן איבערגאַנג צו אַ צוקונפטיקע סוציאַ־ליסטישע געזעלשאַפט.

מדינת־ישראל איז נישט ככל הגויים; און נישט נאָר ווייל זי גלייבט אין איר באַזונדערע שליחות, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס ס׳איז נישט פאַראַן קיין רעזשים פון די שוין עקזיסטירנדיקע רעזשימען אין די לענדער פון דער וועלט, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו איר אָביעקטיווער ווירקלעכקייט און צו אירע סוביעקטיווע באַדערפעניש. און וואָלט זי נאָכגעמאַכט דעם שטייגער פון די גויים, וואָלט זי בכלל נישט געקענט עקזיסטירן ווי אַ מדינה וואָס זאַמלט־איין גלויותן און בויט־אויף אַן אַרבעטנדיק פאָלק.

דער אייגנאַרט פון מדינת־ישראל דריקט זיך אויך אויס אין ספּעציפישן צוזאַמענפלעכט פון דער מדינה און דער געזעלשאַפט.

די אָנזאָגער פון דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם אויף דער שוועל פון די נייע צייטן האָבן אויף אַ געוויסן אויפן געמיינט, אַז די בעסטע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן געפונען זיך אין דער געזעלשאַפט און נישט אין דער מדינה. למשל, דער אַמעריקאַנער טאָמפּסאָן, האָט געהאַלטן, אַז „די געזעלשאַפט איז די פרוכט פון אונדזערע באַדערפעניש, און די רעגירונג ווידער איז אַ רעזול־טאַט פון אונדזער רשעות. די געזעלשאַפט פירט צו אונדזער גליק מיט דעם פּאָזיטיוו פון אונדזער בשותפותדיקער התלהבות, און די מדינה ווידער אויף אַ נעגאַטיוון אויפן, דורך צוימען אונדזער יצר־הרעות". דאָס איז אויך געווען די שטעלונג פון אדם סמית, דער ענגלענדער, וואָס איז געווען קעגן דעם קאָנצענטרירן די געזעלשאַפטלעכע הכנסה אין די „נישט־פּראָדוקטיווע" הענט פון דער רעגירונג.

דערקעגן אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע, ווו ס׳האָט עקזיסטירט אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג נאָך איידער עס זענען אויפגעקומען די פּאַראייניקטע מדינות אין די דאָזיקע לענדער (אין דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָר־הונדערט), האָט די פּאָליטישע פילאָזאָפיע געפלעגט די פּאַרגעטערונג פון דער מדינה און געזען אין איר די פּאַרקערפּערונג פון די בעסטע ווערטן און דעם פּוסק עליון אין הלכות אדם, געזעלשאַפט און מאָראַל. אין דער צייט, וואָס די לעניניסטישע מאַרקסיסטן זענען אַריבער פון עקסטרעמער נעגאַציע פון דער מדינה צו דער עקסטרעמקייט פון זייער אַלץ־קענענדיקער־מדינה — נעמען היינט אָן די ליבעראַלן און סאָציאַליסטן אין מערב אַ באַלאַנסירנדיקע שטעלונג לגבי מדינה און געזעלשאַפט. זיי זעען נישט מער אין דער מדינה דעם פיינט פון דער געזעלשאַפט, אויך נישט קיין אינסטרומענט פון אונ־טערדריקונג אין דער האַנט פונעם רעגירער. אַדרבא, זיי טיילן־צו דער פּער־פעקטער מדינה אַן אויפגאַבע פון אַ זעלבספאַרשטענדלעכן אַריינמישן זיך אין ענינים פון עקאָנאָמיע, געזעלשאַפט, דערציאונג און קולטור און זיי ווילן זי זען ווי אַ טעטיקן און ווירקנדיקן פאַקטאָר פאַרן פּאָרשריט פון פּאָלק. צוזאַמען מיט דעם באַטאָנען זיי, אַז די בעסטע מדינה איז יענע מדינה, וואָס פאַרמאָגט דעם מינימום מלוכהשן־צוואַנג און זי דערמעגלעכט אויך אַ ספּאָנטאַנישע שעפערישע טעטיקייט, פון וואָלונטאַרישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער מדינה. לויט זייער מיינונג איז וואָס מער די מדינה מיידט אויס אַריינצומישן זיך אינעם אינערלעכן לעבן פון די דאָזיקע וואָ־לונטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, איז עס לטובת ביידע צדדים. זיי האַלטן אַז דאָס באַטייליקן זיך פון די וואָלונטאַרישע אָרגאַניזאַציעס מיט עצות און אין פורעמען די פּאָליטיק פאַרמאָגט אַ גרויסע חשיבות. זאָל אַפילו דער וויכוח נישט ברענגען אַ פולשטענדיקע איינהייטלעכע מיינונג, און די אויבער רעכט זאָל זיין אין די הענט פון דער מדינה, קען מען נישט מזלזל זיין מיטן געפיל פון די בירגער, אַז זיי זענען נישט קיין אָביעקט פאַר פאַסיווער דיסציפּלין, נאָר שותפים אין די אַנטשיידונגען אַ גאַנץ יאָר און נישט בלויז אין צייט פון וואַלן.

אַ פולשטענדיקע דיסציפּלין אין אַ קאָנצענטרירנדיקער מדינה איז נישט קיין שעפערישער באַפרוכפּערנדיקער פאַקטאָר, נאָר ווערט אַ מעכאַנישער ענין אָן אחריות און אָן גרייטקייט צו מיטאַרבעטן. אַן איבערטריבענע קאָנצענטרי־רונג איז היינט אַ סך מער געפערלעכער ווי אין די פריערדיקע יאָרהונדערטן, ווען די מדינה האָט אויסגעפירט ווייניקער פונקציעס. אַ טרוקענע קאָנצענ־טרירונג קאָן געבן אירע שווערע צייכנס אין צייטן פון אויסנאַם־צושטאַנד,

ווען די בירגער ווערן אויפגעפאָדערט צו מאַקסימאַלער מאָביליזאַציע פון אָנשטרענגונג און מסירות־נפש.

ישראל האָט זיך צוגעאייגנט ביי איר פורעמען דעם געזעלשאַפטלעכן־פּאָליטישן רעזשים דעם מערב דעמאָקראַטישן־צוגאַנג און נישט דעם טאָטאַליטאַרן־צוגאַנג מיט אַלע זיינע רעכטע און לינקע דערשיינונגען.

ישראל איז אַן אויסגעשפּראָכענע דעמאָקראַטישע מדינה און ס'איז אין איר קאָנטיק אַלע אויסגעשפּראָכענע דעמאָקראַטישע סימנים (פרייהייט פון וואָרט און אָרגאַניזאַציע, אַ פאַרשידנאַרטיקע פרייע פּרעסע, אַ פרייען אויסוואַל פון פאַרשידענע לעבנס־פאָרמען א.א.וו.).

ביים מלוכהשן אַפּאַראַט זענען פאַראַן מוניציפּאַליטעטן מיט איניציאַטיוו און רעכט, און ס'איז נאָך פאַראַן וואָלונטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווייזן אַרויס ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן א.ד.ג.

דער עיקר אייגנאַרט פון ישראל — דער גרויסער פּלאַץ, וואָס די הסתדרות העובדים פאַרנעמט, וואָס זי איז אַן אויסגעשפּראָכענע וואָלונטאַרישע אָרגאַניזאַציע פון מאַסן אַרבעטער אין דאָרף און אין שטאָט. ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט איז דער עקאָנאָמישער־און פּאָליטישער־כוח קאָנצענטרירט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס מאַכן נישט איינמאָל צו ניש די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. די פּראָפ־פאַראיינען אין יענע לענדער האָבן בלויז די אויפגאַבע פון פאַרטיידיקן דעם אַרבעטס־לוין און די סאָציאַלע באַדינגונגען. אַנדערש איז די הסתדרות, זי האָט אויף זיך גענומען נאָך אַן אויפגאַבע — צו פאַרוואַנדלען די אַרבעטער אָן אייגנטום פאַר אַן עקאָנאָמישן גרויסוואָגיקן־כוח.

פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה שטייט־אין די קאָאַליציע־רעגירונג מיט אַן איבערוואָגיקן רוב אין די הענט פון די פאַרשטייער פון די אַרבעטער־פּאַרטייען. אָבער די אייגנשאַפט פון דער מדינה און אירע צילן פאַרפּליכטן צו געבן איר אַ מער אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, כדי עס זאָלן נישט דיסקרימינירט ווערן די וווקס־און ווירטשאַפט־טעטיקייט פון די פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן, וואָס זענען שותפים אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די הסתדרות העובדים העלפט־צו פאַרזיכערן די סאָציאַלע באַלאַנסירונג אין

דער עקזיסטירנדיקער מדינה און צוזאַמען מיט דעם דערמעגלעכט זי צו שאַפן די אַרבעטער־געזעלשאַפט אַלס אַ באַזע פאַר דער צוקונפטיקער איבער־קלאַסן געזעלשאַפט.

פון דאַנען שטאַמט די געטרייע מיטאַרבעט צווישן דער הסתדרות און דער מדינה. די הסתדרות, נישט בלויז וואָס זי שטייט באַזאַמען מיט דער רעגירונג און אירע באַמיאונגען אָפּצוהיטן דעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער מדינה, כדי זי זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו צוואַנג ביי דערלעדיקן אַרבעט עניינים און קאָלאָניזאַציע עניינים ביי די גרעניצן א.ד.ג. זי פאַרלייכטערט אויך דער מדינה מיט דעם. וואָס זי דאַרף זיך נישט געבן אַן איינזייטיקן אַרבעטער־קלאַס כאַראַקטער, ווייל אַ ריי סאָציאַלע צילן, וואָס זענען ספּע־ציפיש פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג, ווערט אויסגעפירט דורך דער הסתד־רות. די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער הסתדרות און דער מדינה האָט דערמעגלעכט דער מדינה צו זיין אַ מין דעמאָקראַטיש אינזל אין צעשטורמטן אָקעאַן פון דיקטאַטאָרישע רעזשימען, און צוזאַמען מיט דעם דערמעגלעכט דעם וווקס פון אַ סאָציאַלער מדינה, וואָס איז סיי אַן אַנטוויקלטע־מדינה, סיי אַ מדינה פון סאָציאַלער שוץ און סיי אַ הינטערגרונט פאַרן שאַפן זיך אַן אַרבעטער געזעלשאַפט.

ו. דערגרייכונגען, טענדענצן און פּראָבלעמען

דער דעמאָקראַטיש־סאָציאַלער רעזשים אין מדינת־ישראל, האָט אין משך פון זיין פיר יעריקער עקזיסטענץ, דערגרייכט אַזעלכע דערגרייכונגען, וואָס דערוועקן די התפּעלות פון דער וועלט, כאָטש אָפּטמאָל שעמען זיך נישט מיט זיי אויך די ישראל־איינוווינער. מיר ווען דערמאָנען בלויז אַ פּאָר פאַקטן: דער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט מער ווי דרייפאַכיק; פון 320 ישובים, וואָס מ׳האָט געגרינדעט אין זיבעציק יאָר ציוניזם פאַרן אויפקום פון דער מדינה, זענען מיר דערגאַנגען צו 750; די מעברות זענען כמעט ליקווידירט געוואָרן; פון אַרבעטלאָזיקייט זענען מיר דערגאַנגען צו אַ כמעט פולער באַשעפטיקונג; די פּראָדוקטיוויקייט איז גרעסער געוואָרן; עס איז אויפגעקומען אַ גרויסע האַנדלס־פלאָט און ס׳איז קלענער געוואָרן דער דעפי־ציט פונעם האַנדלס־בילאַנס; די צאָל שילער אין דעם דערציאונגס־וועזן האָט זיך פאַרגרעסערט פירפאַכיק; אויפן געביט פון געזונטהייט און אריכות־ימים פאַרנעמט ישראל אַ פּלאַץ צווישן די אַמיינסטנס אַנטוויקלטע לענדער.

פון באַשרענקונג אין לעבנסטאַנדאַרט זענען מיר דערגאַנגען צו שפע; און צוזאַמען מיט דעם אַלעמען גייט אָן די עליה. אַ סך מדינות, וואָס נויטיקן זיך אין אנטוויקלונג, שלאָגן זיך מיט דער דעה, וואָס איז וויכטיקער: אַנטוויקלען דיווירטשאַפט אָדער סאָציאַלע פאַרזיכערונג. ישראל האַלט דעם שטעקן אין ביידע עקן, און זי אַנטוויקלט דאָס לאַנד תוך כדי שטענדיקע זאָרג פאַרן לעבנס־ניוואָ פון פרט.

עס זענען טאַקע אויך קאַנטיק געוויסע שאָטן זייטן: מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו אַ זעלבשטענדיקע עקאָנאָמיע צוליב דעם פאַרשווענדערישן פאַרברויך און דעם קליינעם נאַציאָנאַלן אָפּשפּאָר; אונדזער עקספּאָרט דעקט בלויז אַ העלפט פונעם אימפּאָרט; דער מענטשן פּאָטענציאַל אין דער ווירטשאַפט ווערט נישט ווי געהעריק אויסגענוצט, ווייל בלויז 35 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג געהערן צום ציווילן אַרבעט־כוח (אין פאַרגלייך צו 40—50 פּראָצענט אין די אייראָפּעאישע מדינות); און אין דעם אַרבעט־כוח זענען פאַראַן אַ סך, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די באַדינונגען אין פאַרגלייך מיטן טייל פון די פּראָדוצענטן.

פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה האָט געוואַקסן די געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט אין פאַרגלייך מיט דער פּריוואַטער (אַנשטאָט 40:60 פּראָצענט זענען מיר דערגאַנגען בערך צו 60:40 פּראָצענט). אָבער די ווירטשאַפטלעכע ענדערונגען זענען נישט געווען באַגלייט מיט אַ פּאַסיקן סאָציאַלן גייסט; און צולעצט שטייגט אַפילו די קאַפּיטאַליסטישע סטיכיע און עס שטאַרקט זיך די טענדענץ פון בורזשוואַזירן זיך צווישן קאַנטיקע שיכטן פון אַרבעטער. עס האָבן געוואַקסן די אונטערשידן צווישן די קלאַסן און אין אַרבעטער־קלאַס גופא, עס האָבן זיך געשאַפן געזעלשאַפטלעכע קעגנזאַצן, וואָס טראָגן נישט איינמאָל אַ חותם פון עדהס קעגנזאַצן. אין לעבן פון געזעלשאַפט און קולטור איז בולט די דערשיינונג צו אַנטלויפן פון ווערטן און אידייאָלאָגיע (סאָציאַליסטישער־ציוניזם); עס איז קאַנטיק אַן איבעריקע שטרעבונג צו מאַטעריאַליזם אויפן חשבון פון גייסטיקן לעבן.

דער דעמאָקראַטיש׳ער סאָציאַלער רעזשים פון ישראל גיט אונדז אַ סך מעגלעכקייטן צו פורעמען אויף אַ טעטיקן אופן דעם געזעשלאַפטלעכן־און קולטורעלן־כאַראַקטער פון דער מדינה און זיך נישט אונטערגעבן דער קאַפּיטאַליסטישער מאַטעריעלער סטיכיע. מיר זענען באַרופן צו פאַרמיידן די „נאָרמאַליזאַציע״, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו די אָביעקטיווע באַדערפענישן

פון דעם לאַנד, אין קעגנזאַץ צו דער היסטאָרישער טענדענץ פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג.

די אומות בעולם לײַדן פון דרײַערלײ סאָרטן דיפערענצן: די דיפערענץ צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג און דער שטאָטישער, וואָס איז גורם די באַרײַכערונג פון די שטאָט אײַנוווינער אויפן חשבון פון די דאָרף מענטשן, און די באַרײַכערונג פון אינדוסטריע־לענדער אויפן חשבון פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע לענדער; די דיפערענץ צווישן פיזישע אַרבעט און גײַס־טיקע, וואָס איז גורם צו דער צוריקגעשטאַנענקייט פון די פאָלקס־מאַסן און צו קלאַסן־אָפּגרונטן מיט דער סאָציאַלער־און זיכערהייט־סכנה, וואָס קען פון דעם אַרויסוואַקסן; די דיפערענץ צווישן מיוחסדיקע פעלקער און עדהס און די צוריקגעשטאַנענע פעלקער און עדהס, וואָס האָט דערגרייכט דעם הויכ־פונקט אין דער באַקאַנטער פאַרשאָלטענער ראַסן־טעאָריע.

אונדזער נאַציאָנאַלער גורל און דער סאָציאַלער פאָרשריט וועלן באַשטימט ווערן דורך די אָנשטרענגונגען, וואָס וועלן דורך אונדז געמאַכט ווערן, כדי צו באַשרענקען און מבטל צו מאַכן די דאָזיקע דרײַ דיפערענצן.

אַ געטרײַע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער מדינה און דער הסתדרות העובדים איז די הויפּט גאַראַנטיע אַז מיר וועלן עס טאַקע בײַקומען.

ק. שבתאי

די מסכתא „קליטה״

כען קען דרייסט זאָגען, אַז דער פּראָבלעם „קליטה״, וואָס באַדייט אויף יידיש „אָבסאָרבירן״, „אויפנעמען״, „אינטעגרירן״, און וועלכער הערט נישט אויף צו זיין אַ וויכטיקע פראַגע אין מדינת־ישראל, איז איינער פון די פּראָבלעמען, וואָס זיינען אייגנאַרטיק פאַר דער יידישער מדינה. אַנדערע לענדער, אַפילו לענדער וואָס האָבן, צוליב די אָדער אַנדערע היסטאָריש־פּאָליטישע סיבות, געמוזט אויפנעמען נייע בירגער, האָבן זיך קיינמאָל נישט געבראָכן דעם קאָפּ מיט פּראָבלעמען פון „אָבסאָרבירן״, „אויפנעמען״, „אינטעגרירן״ די נייע בירגער. אַלס אַן אילוסטראַציע אויף ווי וויט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז וויכטיק אין ישראל, קען דינען אַ וויץ, וואָס האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ נייער עולה. דער עולה, אַליין אַ מענטש פון אַלטן דור, וואָס האָט נאָך געלערנט אין די ישיבות, האָט געמאַכט אַ פּאַראַפראַזע פון דער ערשטער משנה אין דער מסכתא חולין, וואָס זאָגט „הכל שוחטים״: אַלע מעגען שחטן, און די פּאַראַפראַזע איז אויסגעקומען „הכל קולטים״: אַלע זיינען עוסק אין מצוות קליטה.

און עס איז גאָר קיין וויץ נישט. אַז די סוכנות, די יידישע אַגענץ, האָט אַ ספּעציעלן אָפּטייל, און גאָר־גאָר אַ גרויסן, וואָס באַשעפטיקט זיך איינציק און אַליין אין הלכות קליטה, — איז קיין וווּנדער נישט און קיין נייעס נישט. אָבער אויך אַלע פּאַרטייען אין ישראל, אָדער פּאָרזיכטיקער געזאָגט: כמעט אַלע פּאַרטייען, האָבן זיך זייערע אייגענע קליטה־אָפּטיילונגען. זיי באַשעפטיקן זיך מיט דער אַבסאָרבירונג פון זייערע אייגענע פּאַרטיי־חברים. און די הסתדרות האָט, פאַרשטייט זיך, אַן אייגענע מחלקת הקליטה. זי פּאַרנעמט זיך מיט דער קליטה פון די חברי ההסתדרות. למען האמת, און כדי דאָס בילד זאָל זיין אינגאַנצן קלאָר, דאַרף געזאָגט ווערן: די הסתדרות האָט דעם ענין קליטה געמאַכט פאַר אַ יסוד פון איר טעטיקייט נאָך מיט אַ סך צענדליקער יאָרן צוריק. בקיצור: מען וואָלט אפשר געדאַרפט זוכן אין דער יידישער מדינה אַ ייד, וואָס פּאַרנעמט זיך נישט מיט קליטה.

צוויי סאָרטן קליטה, וואָס זיינען דריי סאָרטן

אין גרונט גענומען זיינען פאַרהאַנען צוויי סאָרטן קליטה: איינע אַ מאַטער־יעלע און די צווייטע אַ גייסטיקע. אָבער די מאַטעריעלע קליטה טיילט זיך אַליין אין צוויי טיילן: אַן עולה מוז אַבסאָרבירט ווערן אין אַ דירה, מוז באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ און ער מוז אַבסאָרבירט ווערן אין דער ווירטשאַפט, אין אַרבעט, אין פּרנסה. די גייסטיקע קליטה באַציט זיך אויף דער געזעלשאַפט, אויף דער קולטור, אויף דעם אַלעם וואָס איז נישט קיין מאַטעריע און דער מענטש קען זיך אָן דעם נישט באַגיין. מירן זיך צוקוקן קודם צום פּראָבלעם: „אַ דאַך איבערן קאָפּ".

ס'איז כמעט אומעגלעך צו פאַרשטיין דאָס וואָס קומט פאָר אין ישראל היינט־צו־טאָג אויף דעם געביט פון דירות פאַר עולים, אויב מען גיט נישט אַ קוק אויף צוריק, אויב מען דערמאָנט נישט די ערשטע יאָרן פון דער מדינה.

דאָס לאַנד, מדינת־ישראל איז לחלוטין נישט געווען גרייט פאַר קיין פאָלקס־עליה, צו קיין אַבסאָרבירונג פון הונדערטער טויזנטער יידן. די ענגלענדער און די אַראַבער האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעגרייט קיין מעגליכקייטן, אַז די יידישע מדינה זאָל קענען אויפנעמען מאַסן יידן. אויך מיר, מיר אַליין, די יידישע אַגענץ, די „יידישע רעגירונג אין וועג", האָט ניט געהאַט דעם קאָפּ, פאַר דעם 15 מאַי 1948, זיך צו פאַרנעמען מיט אָנגרייטן דירות פאַר מאַסן נייע עולים. עס זיינען דעמאָלס געווען זייער פיל וויכטיקערע דאגות, הויפּטזעכלעך דאגות ווי אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון די זעקס אַראַבישע מדינות, וואָס האָבן זיך געגרייט צו וואַרפן אויף דער נייער שוואַכער יידישער מדינה. און מען דאַרף זיין ניכטער און אָביעקטיוו. אויך יענע פירער וואָס האָבן געחלומט און גערעדט וועגן „שבית־ציון", האָבן זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז זייער חלום וועט מקוים ווערן היינט־מאָרגען, און אין אַזאַ פאָרם און אין אַזעלכע מאָסן. די הונדערטער טויזנטער נייע עולים האָבן זיך „געוואָרפן" אויף דער מדינה, וואָס איז געווען לחלוטין נישט־צוגעגרייט זיי אויפצונעמען.

וואָס די נייע מדינה האָט געקאָנט אָנביטן אירע נייע בירגער, אין הינזיכט פון אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז געווען: אַראַבישע פאַרלאָזענע הייזער אין די שטעדט און — דער עיקר — אין די דערפער, און אַ ביסל קאַזאַרמעס פון דער אַרמיי פון „זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט דער ענגלישער קעניג". יפו,

רמלה, לוד — זענען באַזעצט געוואָרן אין געציילטע וואָכן. און די פראַגע איז ווייטער געבליבן שטיין אין איר גאַנצער טראַגישקייט הן פאַר די עולים און הן פאַר דער רעגירונג און פאַר דער סוכנות. אויך די פאַרלאָזענע אַראַבישע דערפער זיינען, ווילענדיק נישט־ווילענדיק, באַזעצט געוואָרן דורך די נייע יידן, און נייע הונדערטער טויזענטער יידן האָבן זיך געריסן אין לאַנד אַריין פון אַלע עקן וועלט.

די ערשטע צען יאָר פון דער יידישער מדינה האָבן באַרייכערט די העברעאישע שפּראַך מיט אַ גאַנצע ריי נייע באַגריפן, אָבער די דאָזיקע באַגריפן זיינען געווען דאָס האַרץ־קלעמעניש פון די נייע עולים. „מחנה־עולים", „בית עולים", „מושב־עולים", „כפר־עולים", „כפר־עבודה", „צריפונים", „בדונים", „פחונים", „אזבסטונים" — זענען געווען די נייע באַגריפן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן פון דער ישראלדיקער פרעסע. די אַלע באַגריפן האָבן געוואָלט באַצייכענען איין און די זעלבע זאַך: די מיזערנע, בידנע, צייטווייליקע וווינונגען, וואָס מען האָט געגעבן די עולים. דאָס זענען געווען צעלטן, הייזקעס פון ברעזענט, פון בלעך — הילצערנע, ענגע הייזקעס — און צום סוף — צייטווייליקע הייזקעס פון אַזבעסט. עס איז געווען ביטער פאַר ביידע צדדים. יידן האָבן געמוזט אַריין אין יעדן לאָך וואָס מען האָט זיי נאָר געגעבן, און מען האָט געמוזט גאָר שנעל, איינס־צוויי אָנגרייטן די דאָזיקע „לעכער", אַבי די מענטשן זאָלן נישט בלייבן אויף דער גאַס. און דעמאָלט, אייגנטלעך שוין פון סאַמע אָנהויב מדינה, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע, ממש ריזיקע — לויט אונדזערע באַדינגונגען — בוי־באַוועגונג, די פרשה „שיכונים". די סוכנות — שפּעטער־צו די רעגירונג פון דער מדינה — האָט אָנגעהויבן בויען דירות, שיכונים אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער מדינה — פון דער סירישער גרעניץ אין צפון ביז אילת אין ווייטן דרום. און זייט אַ ריי יאָרן, צו מינדעסטענס זייט זעקס־זיבן יאָר, האָט זיך דאָס לאַנד אָפּגעזעגנט מיט דעם אַלעם וואָס איז פריער געשילדערט געוואָרן. פון די זייטן פון דער ישראלדיקער פרעסע זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן די באַגריפן און נעמען, וואָס זענען געווען שטענדיקע געסט דאָרט. היינט־צו־טאָג דאַרף מען זוכן מיט ליכט אין אונדזערע ציי־טונגען די נעמען „בדונים", „צריפונים", „מעברות", און ווי זיי האָבן דאָרט אַלע געהייסן, די פאַרשידענע צייטווייליקע וווין־פלעצער. דער איצטיקער מצב אויפ'ן געביט פון דירות פאַר עולים, פון שיכונים, קען כאַראַקטעריזירט ווערן מיט קורצע ווערטער: אַ ייד וואָס קומט היינט אין דער מדינה אַריין, איז זיין דירה פאַרזיכערט נאָך איידער ער קומט־אָן אין דעם פּאָרט חיפה.

אָדער אויף דעם לופט־פּלאַץ אין לוד. נאָך אויף דער שיף אָדער אין אַעראָ־פּלאַן ווערט ער דורך די מענטשן פון דער אַגענץ געשיקט אין אַ געוויסן פּלאַץ, איינער דאָ, דער אַנדערער דאָרט, ווו עס וואַרט שוין אויף אים אַ שיכון, אַ דירה.

און נאָך איינס. די דירה וואָס דער נייער עולה באַקומט היינט־צו־טאָג איז נישט אַזאַ וואָס מען קען זיך אויף איר באַקלאָגן. די עפּאָכע ווען עולים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די שיכונים וואָס זיי האָבן באַקומען טויגען נישט, אַז זייער בוי איז נישט קיין צופרידנשטעלנדיקער, און אַז די דירות זיינען ענג, קליין — איז שוין פאַרביי. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז דער היינטיקער עולה באַקומט, טיילמאָל, אַ דירה פון 80 קוואַדראַט מעטער, און אַפילו פון 120 קוואַדראַט מעטער, אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז אָפּהענגיק אין דער גרייס פון דער משפחה. און עס איז איינגעפירט געוואָרן, גאָר לעצטענס, נאָך אַ נייעס: די יידישע אַגענץ פאַרדינגט עולים דירות בלויז אויף דירה־געלד, אַזוי, אַז דער עולה דאַרף גאָרנישט זוכן קיין הלוואות, כדי צו קויפן דאָס הויז. דער־ווײַלע איז די דאָזיקע נייאיקייט — וואָס איז גאָר אַ גרויסע שוועריקייט פאַר דער אַגענץ — איינגעפירט געוואָרן נאָר בנוגע ספּעציאַליסטן, וואָס די ווירטשאַפט נויטיקט זיך ספּעציעל אין זיי.

דאָך איז אַ טעות צו טראַכטן, אַז דער גאַנצער פּראָבלעם פון שיכונים פאַר עולים איז געלייזט געוואָרן. אויסער דעם פּשוטן פּראָבלעם פון אַ דאַך איבערן קאָפּ איז פון תמיד און שטענדיק אָן צוגעקומען די פראַגע ווו? — ווו זאָל זיך דער דאָזיקער דאַך געפינען? מען מוז זיך נענטער באַקענען מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם, וואָס פאַרביטערט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג דאָס לעבן פון פיל עולים און פון פיל מיטאַרבעטער פון דער קליטה־אָפּטיילונג פון דער סוכנות.

אַפילו אין די ערשטע מדינה־יאָרן, ווען אַ דירה איז געווען מיט ברילאַנטן גלייך, און יידן זענען גרייט געווען צו פאָרן אין אַלע העקן, אין ווייטע דערפער, האָבן פיל יידן נישט געוואָלט וווינען ווייט פון די צענטערן. אַז יידן זיינען אַ שטאָטישער עלעמענט, געוווינט צו אַ שטאָטיש לעבן, דאַרף מען קיינעם נישט דערקלערן. איז אָבער די מדינה פאַרפליכטעט צו פירן אַ פּאָליטיק פון פיזור־האוכלוסיה, פון פונאַנדערטיילן די באַפעלקערונג איבער דעם גאַנצן לאַנד, האָט זיך ממילא געשאַפן אַן אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן די עולים, — ביי אַ קליינעם טייל פון זיי, אין די ערשטע מדינה־יאָרן, און ביי

אַ גרעסערן טייל מיטן אָנקומען פון נייע עולים, נאָך מער שטאָטישע ווי די ערשטע — און צווישן דער מדינה. די עולים האָבן געוואָלט — און ווילן ביז אין היינטיקן טאָג — קאָנצענטרירן זיך אין תל־אביב, חיפה, ירושלים, און דער אינטערעס פון דער מדינה, און אין לעצטן סך־הכל פון די עולים אַליין, איז געווען זיי זאָלן גיין אין די ערי־הפיתוח, אין די אַנטוויקלונגס־צענטרען אין צפון און בעיקר אין דרום. אַפילו היינט, ווען דימונה — און שוין גאָר נישט ריידנדיק וועגן באר־שבע — איז געוואָרן אַ צוציענדיקער צענטער, זיינען פאַראַנען גאָר־פיל עולים וואָס האַלטן פאַר אַן אומגליק אַז זיי דאַרפן גיין אין אַביסל ווייטערע מקומות. דערצו, דאַרף מען וויסן, זיינען זייער און זייער אָפט פאַרהאַנען סיטואַציעס, אַז די עולים זענען גערעכט. אויף די פלעצער וווּ מען שיקט זיי, ווו עס זיינען פאַראַנען פאַר זיי דירות, איז נישטאָ קיין באַשעפטיקונג פאַר זיי, אין דער צייט וואָס אין תל־אביב, אָדער חיפה, קענען זיי זיך לייכט איינאָרדענען. הקיצור — דער פּראָבלעם פון „ווו?" איז נאָך ביז איצט נישט געלעזט געוואָרן. אָבער עס איז געפינען געוואָרן אַ פאָרמולע, אַ מאָדוס, ווי אַזוי די זאַך צו לעזן: אַן עולה וואָס ברענגט באַווייזן, אַז ער האָט נישט קיין מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדנען אין דעם פלאַץ ווו ער איז געשיקט געוואָרן און ער האָט אָבער באַקומען באַשעפטיקונג אין תל־אביב, אָדער חיפה, ירושלים, ווערט ער, טראָץ אַלעם, אַריבערגעפירט פון די אַנטוויקלונגס־שטעטלעך אין די גרעסערע שטעט.

פאַר דער שלמותדיקייט פון דער אינפאָרמאַציע דאַרף מען וויסן מכוח אַ געוויסן פּאַראַדאָקס, וואָס הערשט ביי אונדז אויף דעם געביט. אין דער צייט וואָס די נייע עולים האָבן נישט קיין צרות־שיכון, זענען דאָ אין דאָרטן פאַראַנען אַלטע עולים, געקומענע אין די פריערדיקע יאָרן, וואָס זייערע שיכון־פּראָבלעמען זענען נאָך נישט געלעזט געוואָרן. דאָס מיינט: עס זיינען נאָך דאָ און דאָרטן פאַראַנען עולים, וואָס האָבן נאָך נישט, צוליב די פאַרשידענסטע סיבות, באַקומען קיין שיכונים, און עס זענען פאַראַנען עולים, וואָס האָבן אין זייער צייט, און דאָס בעיקר אין די דערפער, אין די מושבים, באַקומען נישט־אַנטשפּרעכנדיקע שיכונים, ענגע און דאָסגלייכן. אַ „סקר", אַן איבערזיכט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער התישבות מיט דריי יאָר צוריק האָט באַוויזן, אַז עס זיינען פאַראַנען ביי 30,000 דירות וואָס מען מוז פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן. דערוויל האָט מען דאָס אַדורכגעפירט בנוגע 3,000 דירות, ווייטערדיקע 4,000 געפינען זיך אין איצטיקן מאָמענט אין דער סטאַדיע פון פאַרברייטערט ווערן.

דער פירטער נס

געשען הײַנט אויך נאָך נסים, אין אנודזער אַנטי־נסים גענעראַציע? פּראָפ׳ חיים װײצמאַן האָט זיך געװויצלט און געזאָגט: אַז אויך הײַנט געשען נסים, נאָר מען מוז שווער האָרעווען, אַז זיי זאָלן טאַקע געשען... איך ווייס נישט, צי קען מען װײצמאַנס זאָג אָנווענדן בנוגע אַלע נסים פון מדינת־ישׂראל, נאָר וואָס נוגע דעם פירטן נס פון דער מדינה, דעם נס פון פולער באַשעפטי־קונג, איז דער זאָג זיכער גערעכט. (די אַנדערע דריי נסים זײַנען: ישׂראל׳ס באַזיגן אירע שונאים, דער „קיבוץ־גלויות" און דאָס וואָס דאָס קליינע לאַנד האָט זיך אין אַ קורצער צײַט פאַרוואַנדלט פון אַ הונגעריקע מדינה אין אַן ארץ זבת חלב ודבש, וואָס מוז האָבן אַן עקספּאָרט פאַר אירע לאַנדווירט־שאַפטליכע פּראָדוקטן).

אין די יאָרן 1882—1948 האָט ארץ־ישׂראל אויפגענומען אַ האַלבן מיליאָן ייִדן (אַ ריזן־חלק פון זיי האָט שפּעטער רעעמיגרירט, יורד געווען); אין די יאָרן 1948—1965 האָט די מדינת־ישׂראל אַבסאָרבירט ביי אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט ייִדן. די ערשטע כוואַליע פון עולים, 1882—1948 זענען באַשטאַנען 90% פון אייראָפּעאישע ייִדן און בלויז 10% פון אַפראָ־אַזיאַטישע ייִדן. די ייִדן פון יענע יאָרן זענען געווען בעיקר יונגע מענטשן, פון לענדער מיט אַ הויכן קולטור־און דערציאונגס־ניוואָ. די עליה פון די אַפראָ־אַזיאַטישע לענדער איז, ווי באַוווּסט פון אַ פאַרקערטן כאַראַקטער — אין אַלגעמיין.

פון 1948 און ווײַטער האָבן מיר באַקומען אין לאַנד אַריין ביי 2/3 ייִדן פון אַפראָ־אַזיאַטישע לענדער מיט אַ נידריקן דערציאונגס־און פאַך־ניוואָ. אויך פון אייראָפּע האָבן מיר אין לאַנד באַקומען — און באַזונדער אין די ערשטע מדינה־יאָרן — עלטערע מענטשן און פאַכלאָזע, אָדער מענטשן מיט פאַכן, וואָס האָבן זיך נישט געפּאַסט פאַרן לאַנד.

די ערשטע מדינה־יאָרן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפן אַרבעטס־קריזיס. מאַניפעסטאַציעס מיט לאָזונגען „לחם ועבודה" זענען געווען דאָס טעגלעכע ברויט פון דער מדינה. פאַר מיר ליגט איצט דער „דבר" פון 31 דעצעמבער 1956, ס׳הייסט קאַלענדאַריש גענומען פון צוריק מיט 10 יאָר, אין אמתן פון צוריק מיט עלף יאָר. לאָמיר ציטירן איניקע „קעפּלעך" פון דעם דאָזיקן נומער: „אַרבעטסלאָזע האָבן מאַניפעסטירט און אַרויסגערופן אומרוען אין חיפה"; 2150 אַרבעטסלאָזע אין חיפה; אַ דעלעגאַציע פון

אַרבעטסלאָזע פון חיפה וועט פאָדערן זאָרגן פאַר באַשעפטיקונג"; „דער צענטראַלער אַרבעטס־אַמט פאָדערט פאַרזיכערן אַרבעט פאַר טויזנטער אַר־בעטסלאָזע" „דער אַרבעטס־אַמט אין רמלה ווידער אָפן" (נאָך פינף טעג, וואָס ער איז געווען פאַרמאַכט צוליב די אומרועז, וואָס די אַרבעטסלאָזע האָבן פריער געמאַכט), און צום סוף — אַ נאָטיץ פון אַ זיצונג אין דער צענטראַלע פון אַרבעטס־אַמט: „דאָס געשריי פון די אַרבעטסלאָזע".

וואָס איז געשען? קודם כל אַ ביסל סטאַטיסטיק. אין פאַרלויף פון די יאָרן 1949—1965 האָבן 99279 עולים אַדורכגעמאַכט די פאַרשידענסטע פאַכ־קורסן, וואָס די רעגירונג האָט פאַר זיי געעפנט. נאָך 73140 יידן האָבן אַדורכגעמאַכט פאַך־פאַרפאָלקאָמונגס־קורסן. עס רעדט זיך וועגן פאַכן, וואָס הויבן זיך אָן ביי די פּרימיטיווסטע און ענדיקן זיך ביי עלעקטראָניקע. און מען דאַרף צוגעבן, אַז אין דער צייט פון לערנען זיך האָבן די עולים באַקומען באַצאָלט פון דער רעגירונג. מען האָט דאָך די מענטשן נישט געקענט לאָזן אָן פּרנסה. אַזוי האָבן זיך די יידן פון אַפּראָ־אַזיאַטישע לענדער פאַרוואַנדעלט פון פאַכלאָזע מענטשן אין פאַכמענער. דער דאָמינירנדיקסטער טייל פון די עולים, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די קורסן, זענען געמלעך געווען יידן פון אַפריקע און אַזיע.

צו דעם איז צוגעקומען דער צווייטער שינוי, די גרויסע ענדערונג פון אינ־דוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. און צו דעם איז צוגעקומען דאָס וואָס די רעגירונג האָט געשאַפן דעם אַמט פון „המשקם", וואָס גיט עפנטלעכע אַרבעטן פאַר די נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער. דער קורצער סך־הכל פון די אַלע רייד לאָזט זיך צוזאַמענפאַסן אין די רייד. וואָס עודד מעסער, דער לייטער פון אַרבעטס־מיניסטעריום, האָט מיר געזאָגט אין אַ געשפּרעך מיט אייניקע טעג צוריק: דער מאַרק איז בכוח צו אָבסאָרבירן פיל טויזנטער נייע אַר־בעטס־קרעפטן. וויפל, לאָזט זיך נישט זאָגן, מחמת עס זענען פאַראַנען פיל אַרבעטס־געבער, וואָס רעגיסטרירן נישט אין די אַרבעטס־אַמטן זייער געברויך אין אַרבעטס־הענט, ווייל זיי ווייסן, אַז עס איז אָן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. די אַרבעטס־אַמטן האָבן נישט קיין מענטשן צו שיקן צו דער אַרבעט. עס רעדט זיך בעיקר אין קוואַליפיצירטע אַרבעטס־הענט. אָבער עס איז אויך פאַראַנען אַ מאַנגל אין נישט־קוואַליפיצירטע כוחות. (טראָצדעם וואָס אין געוויסע אַנטוויקלונגס־צענטרן איז, דאָ און דאָרט, פאַראַנען אַן איבערפלוס פון נישט קוואַליפיצירטע כוחות, בעיקר — באַגרענעצטע אין זייערע אַר־בעטס־מעגלעכקייטן). אויסער דעם, פיל אינטערנעמונגען פאַרציכטן אויף

דער אידייע אויסצובורייטערן זייער פּראָדוקציע צוליב מאַנגל אין אַרבעטס־כוחות.

בקיצור: יידן־עולים, וואָס קומען היינט־צו־טאָג אין לאַנד אַריין, אויף וויפל זיי זענען שטיקלעך פּאַכמענער, האָבן זיי נישט קיין זאָרג פון אַרבעט און פּרנסה. פון פּערזענלעכער דערפאַרונג וויים איך, אַז גאָר פיל עולים האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זיי וועלן היינט אַראָפּ פון שיף און מאָרגן שוין גיין צו דער אַרבעט, אַזוי ווי עס קומט היינט־צו־טאָג פאַר מיט אַ סך, גאָר אַ סך, עולים.

די שווערסטע פון אַלע „קליטות" און גלייכצייטיק די לייכטסטע

ווער עס קוקט זיך צו צו דעם וואָס קומט פאָר אין לאַנד אויפן געביט פון גייסטיקער קליטה, פון אַבסאָרבירן די עולים אין דער קולטור און אין דער געזעלשאַפט, קען זיך נישט באַפרייען פון געפיל און פון געדאַנק, אַז עס איז דאָ פאַראַנען, אויף דעם געביט, פון איין זייט אַ ריזיקע מיספאַרשטענדעניש און פון דער אַנדערער זייט אַ קאָלאָסאַל שולד־באַוווסטזיין. לאָמיר באַטראַכטן צו ערשט דאָס שולד־באַוווסטזיין.

דער ענין פון „מקרב" זיין, פאַרנעמען זיך מיט ניי־אָנגעקומענע יידן אין לאַנד, איז דער אַלף פון דער לעבנס־פילאָזאָפיע ביי יעדן ייד אין מדינת־ישראל. יעדער ארץ־ישראל ייד, אומאָפּהענגיק פון דעם ווען ער אַליין איז געקומען אין לאַנד — אחוץ די סאַבּרעס, פאַרשטייט זיך, געדענקט די צייטן ווען ער איז געווען אַן עולה חדש און האָט זיך דאָ געפילט פאַרלוירן, הילפלאָז, האָט געוואַרט אויף אַ וואַרעם וואָרט, אויף אַ ברידערליכע האַנט און אויף אַן עצה ווי אַזוי זיך דאָ, אין נייעם אַרום, אַדורכצושלאָגן אַ שטעג. ממילא, פילט יעדער ייד אַלס זיין פּערזענלעכע פליכט צו העלפן אַן עולה חדש, אַ נייעם ייד אין לאַנד.

אויסער דעם פּערזענלעכן פליכט־געפיל פאַר דעם נייעם עולה איז פאַראַנען אַ קאָלעקטיוו געפיל פון קליטה־פאַראַנטוואָרטלעכקייט. „קיבוץ־גלויות", „מיזוג־גלויות", „מיזוג־עדהס", „קליטה חברתית" זענען באַגריפן, וואָס גייען נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון אונדזערע צייטונגען אין די לעצטע 17 יאָר. בכל אופן, איך פּערזענלעך מוז זאָגן, אַז די רייד וואָס איך הער איצט אין

דער מדינה אויף דער דאָזיקער טעמע האָב איך געהערט געגוי מיט בערך 18 יאָר צוריק, ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין.

די סיבה פון דעם וואָס מען הערט נישט אויף צו ריידן וועגן דער גייסטיקער קליטה ליגט אין דעם, וואָס קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי מען מאַכט דאָס, ווי אַזוי פאַרבינדט מען עדהס, עולים פון פאַרשידענע לענדער, ווי אַזוי אינטעגרירט מען קולטורעל, געזעלשאַפטלעך. און היות מען ווייס נישט ווי אַזוי מען מאַכט דאָס, טראָגט מען זיך אַרום מיט אַ שולד־באַוווסטזיין פון וועלכן מען קען זיך נישט באַפרייען.

אין אמתן, בין איך פּערזענלעך, נאָך פיל יאָרן פון צוקוקן זיך צו דעם וואָס קומט ביי אונדז פאָר אויף דעם געביט, געקומען צום באַשלוס, אַז די קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינטעגראַציע וויקלט זיך ביי אונדז אָפּ אויף זייער אַ גוטן אופן. עס זענען אפשר אויף דעם געביט געווען שוועריקייטן אין אָנפאַנגס נאָכן אויפקומען פון דער מדינה, אָבער די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן זיך אין פאַרלויף פון די יאָרן ליקווידירט פון זיך אַליין. און דאָס ריידן וועגן דעם, אַז מ׳טוט נישט גענוג איז אַ מיספאַרשטענדעניש.

אין 1948־1949־1950 זענען אפשר אין לאַנד געקומען עולים, וואָס האָבן דאָ נישט געהאַט קיין קרובים און פריינט, מיט וועלכע זיי האָבן זיך ערשט נישט לאַנג, מיט אייניקע יאָר צוריק, געשיידט אין די גלות לענדער. איך זאָג „אפשר״, מחמת אין אמתן האָט זיך דאַך דער שטראָם פון עולים קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. די דאָזיקע נייע עולים האָבן טאַקע נישט געהאַט זיך צו ווענדן צו ווענדן. אָבער וואָס ווייטער מיר האָבן זיך אָפּגעריקט פון דער אויפקום־תקופה פון דער מדינה, וואָס גרעסער עס זענען געוואָרן די שטראָמען פון עליה, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן דער פּראָבלעם פון געזעלשאַפטלעכער קליטה, פון איינזאַמקייט, פון נישט קענען זיך אַן עצה געבן אין דער נייערווירקלעכקייט. יעדער נייער עולה וואָס קומט אין לאַנד זייט 13־14־15 יאָר טרעפט דאָ זיין ברודער, שוועסטער, פעטער, קוזין, פריינד, חבר, וואָס איז עולה געווען מיט אַ יאָר, צוויי, פינף, צען, פופצן, פאַר אים. יעדער נייער עולה געפינט דאָ אין משך פון מינוטן זיין סביבה. דער „רומענער״ האָט זיך זיינע „רומענער״, דער „פּאָליאַק״ זיינע „פּאָליאַקן״, דער „מאַראָקאַנער״ זיינע „מאַראָקאַנער״ און אַזוי ווייטער. די לאַנדסמאַנשאַפטן און די צייטונגען אין די פאַרשידענסטע שפּראַכן, וואָס דערשיינען אין לאַנד, פירן נישט־באַוווסטזיניק, נישט צום אָפּטיילן זיך פון דער אַלגעמיינער גע־

זעלשאַפט, נאָר פאַרקערט — איינצוגלידערן זיך אין איר. דורך דער אייגענער געזעלשאַפט און דורך דער אייגענער (פרעמדער) שפּראַך.

צו די אַלע זאַכן קומען צו די דרוקן, די ממילאדיקע, פון דער מדינה. דאָס קינד הויבט אָן צו גיין אין דער שול, אין ספּאָרט־קלוב, אין די „גדודי־נוער", די יוגענט־אָרגאַניזאַציעס, און גלידערט איין די עלטערן אין לעבן פון לאַנד. ווער עס האָט עלטערע קינדער גלידערט זיך נאָך שנעלער איין אין דער געזעלשאַפט: דאָס קינד גייט אין מיליטער. ממילא ווערן די עלטערן אַ טייל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. געזעלשאַפט און קולטור זענען כמעט סינאָנימען.

מען האָט דאָ פיל אויף דעם געביט אויפגעטאָן. אַזויפיל, אַז עס איז ממש אומגלויבלעך. די הסתדרות האָט אָרגאַניזירט קליטה־קאָמיטעטן ביי זייער פיל מועצות־פועלים. חברים און חברות מאַכן קבלת־פּנים אויפנאַמען פאַר נייע עולים, מ׳באַקענט זיך, מ׳באַמיט זיך אָנצוקניפּן פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען, דאָס זעלבע טוען די קליטה־אָפּטיילונגען ביי די פּאַרטייען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. דאָס טוען אויך יידן פּערזענלעך.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וועט זיין באַלערנדיק צו ציטירן אייניקע ווערטער פון דעם בוך „אין לאַנד ישראל" פון דער באַקאַנטער שרייבערין רחל אויערבאַך. זי שרייבט: זי פאַרנעמט זיך נישט מיט מאַכן פּראָפּאַגאַנדע, זי וויל זיך בלויז טיילן מיטן לייענער מיט דעם ביסל „טרייסט, היילונג און באַרואיקונג", וואָס דאָס לאַנד האָט ציגעטראָגן מיט אַזויפיל ליבע און פאַרשטענדעניש „די ניי־געקומענע עולים אין לאַנד ישראל".

עס איז גוט וואָס אונדזערע ישראל יידן פאָרן נישט צו פיל קיין אויסלאַנד. און אויב זיי פאָרן, פאַרנעמען זיי זיך נישט אין אויסלאַנד מיט די פּראָבלעמען פון אינטעגראַציע אין יענע לענדער. איך פּערזענלעך האָב מיך אַמאָל נישט־ווילענדיק באַשעפטיקט מיט דער פראַגע: ווי אַזוי ווערן נייע יידישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע אינטעגרירט אין דער אַלטער אַמעריקאַנישער יידישער געזעלשאַפט. און איך מוז זאָגן, אַז איך בין געוואָרן זייער אומאַנגענעם איבעראַשט. איך האָב געהאַט אַ רעפעראַט ביים „פאַרבאַנד" אין אַ שטעטל ביי ניו־יאָרק, און איך האָב אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגעטראָפן אַ שטאַרק פייערלעכע שטימונג. צו מיין פאַרוווּנדערונג האָט מען מיר דערקלערט, אַז די שמחה שטאַמט דערפון... וואָס די „ניו־קאַמערס", די „נייע עולים" האָבן

באַוויליקט צו קומען צום ערשטן מאָל אויף אַ פֿאַראַנשטאַלטונג מיט די אַלטע חברים פֿון „פֿאַרבאַנד״. ביז יעצט האָבן זיי זיך געהאַלטן פֿון דערווייטענס, געווען פֿול מיט טענות צו די „אָלד־טײמערס״, די ותיקים... ביי אונדז איז אַזאַ מין זאַך גאַנץ אוממעגלעך.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן אַ פּאַראַדאָקס, וואָס האָט זיך איצט, אין די גאָר לעצטע צייטן, אַרויסגעוויזן אין לאַנד בנוגע דער גייסטיקער קליטה. רוסישע יידן זענען געווען די גרונטלייגער פֿון אונדזער מדינה, פֿון דעם מאָדערנעם ישוב. אָבער די יידן פֿון רוסלאַנד, — די גע־ציילטע בלויז — וואָס קומען דאַך אָן אין לאַנד, פֿילן זיך דאָ מער פֿאַרלאָזן ווי אַלע אַנדערע עולים. זיי זענען דאָס די איינציקע עולים, וואָס פֿילן זיך עלנד, איינזאַם, אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל. מחמת דער עליה איבעררייס פֿון דאָרט איז געווען אַ צו לאַנגער. די יידן וואָס קומען פֿון דאָרט האָבן כמעט נישט קיין געמיינזאַמס מיט די יידן וואָס האָבן זיך דאָ אַהערבאַקומען מיט 60־50־40 יאָר צוריק. ווען מען הערט זיך צו צו די רייד פֿון די נייע עולים, וואָס קומען דאָ אַהער אין די לעצטע צייטן פֿון דאָרט, קען מען זיך נישט באַפֿרייען פֿון געפֿיל, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט מענטשן פֿון אַן אַנדערער פּלאַנעטע. עס איז זייער שווער פֿאַר זיי זיך צוזאַמענצורײדן און צוזאַמענ־צולעבן מיט די אַמאָליקע רוסישע יידן, און פֿאַר די לעצטע איז זיך זייער שווער צוזאַמענצוריידן מיט די נייע יידן פֿון דאָרט.

זיכער מאַכט דער פֿאַראיין פֿון די רוסישע עולים אין לאַנד קאָלאָסאַלע אָנ־שטרענגונגען צו אָבסאָרבירן דאָס קליינינקע ביסל עולים פֿון רוסלאַנד. די האָפֿנונג איז, אַז אויב מיר וועלן זוכה זיין צו אַן אמתער עליה פֿון דאָרט, וועלן די נייע עולים, וואָס וועלן קומען געפֿינען דאָ ברידער, שוועסטער, חברים, פֿריינט, וואָס זענען געקומען פֿאַר זיי; צווישן די עלטערע עולים און די נייע וועט יאָ זיין אַ געמיינזאַמע שפּראַך פֿאַר אַ לייכטערער גייסטיקער קליטה.

באַמערקונג פֿון רעדאַקציע:

דער מאמר איז געשריבן געוואָרן אין סאַמע גאַנג פֿון דער עליה און מיר האָפֿן, אַז ס'איז נישט ווייט דער טאָג ווען ער וועט ווידער זיין אַקטועל.

אלכסנדר מנור

דעמאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען

מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ היפּש שטיק וועג פון אַכצן יאָר עקזיסטענץ, וווקס און אַנטוויקלונג פון מדינת־ישראל. איז רעכט צו קאָנטראָלירן און אונטערזוכן די רעזולטאַטן פון דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער פּאָליטיק אין דער דאָזיקער תקופה און מאַכן אַ צווישן־בילאַנס.

א. די דעמאָגראַפישע פּראָבלעמען

לאָמיר זיך קודם אָפּשטעלן אויף די דעמאָגראַפישע פּראָבלעמען.

די הויפּט־שטרעבונג פון דער דעמאָגראַפישער פּאָליטיק אין ישראל איז: די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג, צי דורך אַ מאַסן עליה צי דורך נאַטירלעכער פאַרמערונג. דער וועג צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּאָליטיק איז פול מיט שטרויכלונגען. מיר לעבן אין אַ תקופה אין וועלכער עס גיסט זיך צענויף דער פּראָבלעם פון אַנטוויקלונג און וווקס פון דער באַפעלקערונג מיט די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און סאָציאַלער פּאָליטיק, דאָס פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע איז פאַרבונדן מיט דעם געזונט פון די מאַסן, און די זיכערהייט פון פאָלק איז אָפּהענגיק אין דער געזונטהייט פון דער יוגנט און פונעם גאַנצן ציבור.

די פּראָבלעמען פון אונדזער באַפעלקערונג און אונדזער דעמאָגראַפישע לאַגע זענען גאָר אַנדערש פון די פּראָבלעמען ביי די אַנטוויקלטע לענדער, וואָס פאַרעלטערן זיך דעמאָגראַפיש און צייכענען זיך אויס מיט זייער אַ נידעריקער נאַטירלעכער פאַרמערונג, און אויך פון די צוריקגעשטאַנענע לענדער, וואָס האַלטן זיך ערשט ביי אַנטוויקלען און פאַרמאָגן אַ הויכע געבורט פּרעקפּע־רענץ, קראַנקהייטן, און אַ גרויסע שטערבלעכקייט.

דער פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר אונדז, איז דער: צי וועלן מיר גיין מיטן וועג פון די זיך „עלטערנדיקע" פעלקער? צי אפשר זיך אַרונטערקייקלען צו

דער לאַגע פון די באַרויבטע און דיסקרימינירטע פעלקער, אָדער מיר וועלן מצליח זיין צו באַנעמען זיך אַן אייגענעם וועג, אַ וועג פון אַ יונגער מדינה, וואָס זאָל אונדז דערווייטערן פון דעמאָגראַפישן אונטערגאַנג, פון דחקות און פון קולטורעלער ירידה.

כדי צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן וועלן מיר זיך קודם אָפּשטעלן אויף דער לענג פון לעבן אין ישראל אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער און אויף דער צאָל געבורטן, שטערבלעכקייט און נאַטירלעכער פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די לענג פון לעבן (פון זייט געבורט) אין יידישן ישוב האָט געוואַקסן במשך פון איין דור אין פאָלגנדיקע מאָסן:

יאָר	מענער	פרויען
1927	54.1	54.7
1957	68.0	71.4
1958	69.5	72.5
1959	70.2	72.3
1960	70.7	73.5
1961	70.5	73.6
1962	70.8	72.8
1963	70.8	72.9
1964	70.2	72.9

אין די עקזיסטענץ יאָרן פון דער מדינה איז הדרגהדיק געוואַקסן די לענג פון לעבן. אויף דעם געביט שטייען מיר גלייך מיט ענגלאַנד און די פאַר־אייניקטע שטאַטן, און מיר דערנענטערן זיך צו די סקאַנדינאַווישע לענדער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ הויכן אריכות־ימים.

די הייך פון געבורטן, שטערבלעכקייט און נאַטירלעכער פאַרהמערונג (אויף יעדן 1000) ביי דער יידישער באַפעלקערונג:

יאָר	געבורטן	שטערבלעכקייט	נאַטירלעכע פֿאַרמערונג
1948	26.3	6.7	19.6
1950	32.9	6.4	25.5
1955	27.2	5.8	21.4
1960	23.9	5.5	18.6
1962	21.8	5.9	16.6
1963	22.0	6.0	15.9
1964	22.4	6.2	16.2

מיר דאַרפֿן נאָך אַמאָל באַטאָנען, אַז דער גרונט־פּראָבלעם פֿון מדינת־ישראל איז — די וווּקס פֿון דער באַפֿעלקערונג. ס׳הייסט, פֿאַרמערן די צאָל יידן אין איר. אָבער דאָס איז נישט בלויז אַ דעמאָגראַפֿישער פּראָבלעם, נאָר אויך אַ האַרבער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער, זיכערהייט־און עקאָנאָמישער־פּראָבלעם. דעריבער איז דער פּלאַץ פֿון נאַטירלעכער פֿאַרמערונג פֿון ישראל צווישן דער גרופּע לענדער פֿון הויכער נאַטירלעכער פֿאַרמערונג.

צום באַדויערן, איז אַרונטער אין די לעצטע יאָרן די דאָזיקע נאַטירלעכע פֿאַרמערונג (ווי עס ווייזט אונדז די טאַבעלע וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט) פֿון 26.5 אויף טויזנט אין יאָר 1950, ביז 16.2 אויף טויזנט אין 1964.

אין דער צייט, וואָס אונדזערע ברידער וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין די אייראָפּעאישע לענדער, בילדן קהילות מיט אַ זייער קליינעם צאָל קינדער און יוגנט; אין דער צייט, וואָס די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס פֿלעגן זיך אויסצייכענען מיט אַ הויכער צאָל געבורטן, שטייען פֿאַר אַ נישט קלאָרער דעמאָגראַפֿישער צוקונפֿט — איז דער וווּקס פֿון דער ישראל באַפֿעלקערונג, סיי דורך דער מאַסן־עליה און סיי דורך נאַטירלעכער פֿאַרמערונג, אַ גורל פֿראַגע פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַר מדינת־ישראל צוזאַמען.

חתונות און גטן

די צאָל חתונות און גטן צווישן די יידן אויף טויזנט נפשות :

יאָר	חתונות	גטן
1935	13.6	5.4
1936—1940	12.0	5.3
1941—1945	11.1	2.7
1946	13.0	2.6
1947	13.0	2.2
1948	10.9	1.4
1949	13.4	1.7
1950	14.5	2.1
1951	11.8	1.8
1952	11.3	1.7
1953	9.6	1.6
1954	8.8	1.4
1955	8.7	1.3
1956	8.4	1.2
1957	8.4	1.2
1958	8.3	1.2
1959	7.9	1.1
1960	7.7	1.1
1961	7.2	1.0
1962	7.3	1.0
1963	7.3	1.0
1964	7.8	1.0

אין יאָר 1963 האָבן אין לאַנד חתונה געהאַט 16,035 יידן. בעת די צאָל גטן איז דערגאַנגען צו 2,118, הייסט עס, חתונה געהאַט האָבן 7,6 פּאָרלעך אויף יעדע טויזנט נפשות ביי יידן, און גטן זענען פאָרגעקומען 1,0 אויף יעדע 1000 נפשות. אַן ענלעכע לאַגע איז אויך געווען אין 1965.

אין יאָר 1962 האָבן זיך געגט אין יידישן ישוב ביי אַ צען פּראָצענט, איידער ס'איז אַוועק אַ יאָר נאָך דער חתונה. און נאָך ביי אַ צען פּראָצענט, נאָכן יאָר. הייסט עס, אַז צוואַנציק פּראָצענט פון די געגטע, זענען זיך פונאַנדערגע־גאַנגען אין ערשטן יאָר נאָך זייער חתונה.

דערנאָך פאַלט מיטן וווקס פון דער חתונה־תקופה דער פּראָצענט פון גטן — אָבער ער שטייגט שאַרף אַרויף (און דערגייט צו מער פון פופצן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל) אין דער תקופה פון נאָך 10—14 יאָר צוזאַמענ־לעבן, און ער איז נוטה ווידער אַרונטערצופאַלן נאָך 15 יאָר הייראַט.

ווי איז די לאַגע אין דער וועלט אין פאַרגלייך מיט ישראל?

לויטן אונ"אָ־יאָרבוך זענען רעגיסטרירט 8 הייראַטן אין אַ יאָר אויף יעדע טויזנט איינוווינער אין טשעכיע און אין איטאַליע. אין אַמעריקע זענען פאַררעגיסטרירט 9, אין טשילי — 9.9; אין אויסטראַליע — 7.4 און אין ניו־זילאַנד — 8 אויף יעדע טויזנט איינוווינער.

די צאָל פון גטן אין רוב אייראָפּעאישע לענדער איז צווישן 2 ביז 10 אין אַ יאָר, אויף יעדע 5,000 איינוווינער. אין אַמעריקע זענען רעגיסטרירט 11 גטן אַ יאָר, אויף יעדע פינף טויזנט איינוווינער. אין דרום־אַמעריקע איז די צאָל גטן 1 אָדער 2 אויף יעדע פינף טויזנט איינוווינער.

די עליה און דער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג

די ישראל באַפעלקערונג (יידן) לויט איר קאָנטינענט און אָפּשטאַם*

1964—1948

יאָר	סה"כ	געבוירענע אין ישראל	אין אַזיע	אין אַפריקע	אין אייראָפּע, אַמעריקע
1948**	716,678	253,661	57,768	12,236	393,013
1950	1,202,993	311,100	188,578	80,542	622,773
1952	1,450,217	393,873	292,603	106,965	656,776

* דאָס אָנגעגעבענע איז פון סוף יעדן יאָר.

** 8.11.1948

1953	1,483,641	433,298	292,017	109,725	648,601
1954	1,526,009	470,811	292,860	121,033	641,305
1955	1,590,519	509,979	292,349	152,859	635,332
1956	1,667,455	548,273	293,474	196,207	629,501
1958	1,810,148	625,969	302,372	220,980	660,827
1959	1,858,841	666,446	303,736	224,058	664,581
1960	1,911,189	708,140	303,480	228,141	671,428
1961	1,981,702	754,847	301,042	235,121	690,692
1962	2,068,882	795,861	304,331	274,997	693,693
1963	2,155,551	836,171	— 625,579 —		693,801
1964	2,239,177	881,490	— 643,120 —		714,567

האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז אין סוף דעצעמבער 1964 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ישראל געציילט 2,239,177 נפשות, פון זיי: 881,490 געבוירן אין לאַנד; 643,120 געבוירן אין אַזיע און אַפריקע און 714,567 — געבוירן אין אייראָפּע — אַמעריקע.

אויב מיר וועלן צוגעבן צו די געבוירענע אין אַזיע—אַפריקע די געבוירענע אין ישראל, וואָס זייערע עלטערן זענען געבוירן אין די אַזיע־אַפריקאַנער לענדער, וועט זיך באַקומען, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין ישראל פון די אַזיע־אַפריקאַנער לענדער איז דערגאַנגען אין סוף 1964 צו 1,024,444 נפשות (45.2%).

אַזאַ ענלעכע רעכענונג לגבי די געבוירענע אין אייראָפּע—אַמעריקע ווייזט, אַז זייער צאָל אין דער דערמאָנטער תקופה איז דערגאַנגען צו 1,080,932 (48.0%). די איבעריקע זענען די עלטערן זייערע געבוירן געוואָרן אין ישראל (132,901 — 6.2%). פון 377,487 אייראָפּעאישע עולים, פון 1919 ביז מאַי 1948, קרוב צו דריי הונדערט טויזנט, אָדער העכער פון אַכציק פּראָצענט, זענען געקומען פון מזרח־אייראָפּע און זיי זענען די וואָס האָבן די דאָמינירנדיקע השפעה אויפן עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויסזען פון ישוב.

אָבער אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה־כוואַליע, נאָכן אויפקום פון דער מדינה (1948—1962), זענען די עולים פון אַזיע און אַפריקע געווען דער רוב צווישן די עולים — 56.6%.

די יורדים פון ישראל (יידן)

1962 — 1948

יאָר	אַלע יורדים (אָפּשאַץ)	דעקלערירטע יורדים
15 מאַי 1948 ביז 31.12.48	1,040	—
1949	7,207	3,187
1950	9,463	3,944
1951	10,057	—
1952	13,000	10,698
1953	12,500	8,275
1954	7,000	5,297
1955	6,000	3,540
1956	11,000	5,925
1957	11,000	6,039
1958	11,500	7,541
1959	9,500	6,877
1960	8,500	6,922
1961 *	—	3,935
1962 *	—	3,459
1963 *	—	2,417
1964 *	—	2,037

בדרך כלל איז קליין, פאַרהעלטנסמעסיק, די צאָל פון די יורדים, — ביי אַ צען פּראָצענט פון דער צאָל עולים, וואָס זענען געקומען קיין ישראל פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה. אָבער די צאָל יורדים ווערט הדרגהדיק אַלץ קלענער ווי עס ווייזט די אויבנגעבראַכטע טאַבעלע.

דער קולטורעלער קאָנטראַסט

לויט ציפערן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן צענטראַל־אַמט פאַר סטאַטיסטיק, ווייזט זיך אַרויס, אַז 20% פון דער דערוואַקסענער יידישער

* נאָך נישט פאַראַן קיין ציפערן.

באַפעלקערונג אין לאַנד זענען אַנאַלפאַבעטן. דער פּראָצענט פון די וואָס קענען לייענען און שרייבן צווישן די יידן איז געווען לויט דער ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין 1961 — 87,9%. דער פּראָצענט פון די וואָס קענען לייענען און שרייבן צווישן די מענער איז אַ גרעסערער (92,8%) און אַ קלע־נערער צווישן די פרויען (82,9%). ד.ה. 12% צווישן די מענער און 17% צווישן די פרויען קענען נישט לייענען און שרייבן אין קיין שום שפּראַך.

וואָס אַמבאַלאַנגט לייענען און שרייבן אין עברית איז די לאַגע אַ סך האַרבער. קרוב צו אַ העלפט פון די אַרבעטער אין לאַנד קענען נאָכנישט לייענען און שרייבן אין דער שפּראַך פון דער מדינה; פון צווישן אַלע יידישע אַרבעטער אין לאַנד זענען פאַראַן 43 פּראָצענט וואָס קענען נישט לייענען און שרייבן אויף עברית. אויף דעם געביט איז כמעט נישט פאַראַן קיין אונטערשיד צווישן די וואָס קומען פון איראָפּע און די וואָס קומען פון אַפריקע און אַזיע. די ציילונג פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם צענ־טראַל־אַמט פאַר סטאַטיסטיק אין 1961 האָט אַרויסגעוויזן, אַז פון צווישן 656,000 באַשעפטיקטע יידן אין לאַנד זענען געווען זיבן פּראָצענט אינגאַנצן אומגעבילדעט. אין 1963 האָבן ווען ס'איז באַזוכט אַ שול 37% פון דער יידישער באַפעלקערונג און 48,4% פון דער נישט־יידישער. ד.ה. אַז אַ העלפט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג האָט נישט קיין מינימאַלסטע פאָרמעלע בילדונג.

דער פּראָצענט פון די יידישע מענער, וואָס האָבן אַמאָל באַזוכט אַ שול, דערגייט צו 92,0%, און דער פּראָצענט פון פרויען צו 81,9%. ס'הייסט 18% פון צווישן די פרויען האָבן נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון אַ שול.

די פאַרטיילונג פון דער אַרבעטס־קראַפט לויטן בילדונגס־ניוואָ איז צווישן די יידן אַ פאָלגנדיקע: 8% בילדונגלאָז; 7% האָבן געלערנט 1—4 יאָר; 37% האָבן געלערנט 5—8 יאָר; 35% האָבן געלערנט 9—12 יאָר; 13% האָבן געלערנט מער פון 13 יאָר.

די איינטיילונג פון דער באַפעלקערונג לויט קאָנטינענט פון געבורט און בילדונגס־ניוואָ

(אין פראָצענט)

געבורט־קאָנטינענט	סך־הכל	נישט געלערנט	געלערנט אין פאָלק־שול	געלערנט אין מיטל־שול	געלערנט אין הויך־שול
אַלגעמיינע באַפעלקערונג	100	10	40	36	14
געבוירענע אין לאַנד	100	3	39	37	21
געבוירענע אין אייראָפּע און אַמעריקע	100	3	40	41	16
געבוירענע אין אזיע־אפריקע	100	33	44	18	4

די אָרעמקייט אין ישראל

ביי אַ 250 טויזנט מענטשן וווינען נאָך אין אָרעמע קוואַרטאַלן.

לויט די ציפערן פון מיניסטעריום פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סוף 1962/3, האָבן זיך געוואָנדן 106,300 משפחות צום אונטערשטיצונג־אַמט, פון וועלכע עס האָבן באַקומען מאַטעריעלע הילף 58,500 משפחות, וואָס ציילן בערך פופציק טויזנט נפשות, און באַטרעפן 10% פון דער באַפעלקערונג. מיט די איבעריקע משפחות האָבן די אַמטן מטפל געווען איינצואָרדענען קינדער אין אַנשטאַלטן, איינצואָרדענען רעכט אין קופת־חולים און אין די שטאָטישע הייל־אַנשטאַלטן, געגעבן אָנווייזונגען און באַראַטונגען און געהאָלפן באַפרייען פון שטייערן א.ד.ג.

היינט דערנענטערט זיך די צאָל נפשות, וואָס געניסן פון געלט אונטערשטיצונג, דירעקט פון אונטערשטיצונג־אַמטן, צו דריי הונדערט טויזנט. ביי צוואַנציק פראָצענט פון די נייע עולים קומען־אָן צו די אונטערשטיצונג־אַמטן באַלד ווי זיי קומען אין לאַנד אַריין. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז די לייזונג פונעם אָרימקייט־פּראָבלעם אין ישראל טרעפט זיך אָן אָן שוועריקייטן, וואָס שטאַמען פונעם כאַראַקטער פון לאַנד, אַ לאַנד פון עליה, און מען וועט זיך נאָך נויטיקן אין שטאַרקע אָנשטרענגונגען צו ליקווידירן די אָרעמע קוואַרטאַלן, וועלכע געפינען זיך צווישן אַ באַפעלקערונג וואָס געניסט פון אַ רעלאַטיוון וווילשטאַנד.

די הכנסה קאַטעגאָריעס פון לוין־אַרבעטער

דער דורכשניטלעכער מאָנאַט־פאַרדינסט פון אַ לוין־אַרבעטער, לויטן צווייג,

1964—1963 (אין פונטן)

די צווייג	1963	1964	פּראָצענט פון עליה
לאַנדווירטשאַפט	225	250	12.3
אינדוסטריע און מלאכה	365	410	11.5
בוי און עפנטלעכע אַרבעטן	440	480	8.7
עלעקטריציטעט און וואַסער	495	545	9.8
האַנדל און פינאַנסן	365	395	9.3
קומוניקאַציע און איינלאַגערונג	450	485	8.1
עפנטלעכע באַדינונגען	450	515	14.0
פּערזענלעכע באַדינונגען	240	270	12.0
אַלע צווייגן	385	430	11.5

דער דורכשניטלעכער מאָנאַט־פאַרדינסט פאַר אַ משפחה און פער פערזאָן לויטן קאָנטינענט פון אָפּשטאַם פונעם ראש־המשפחה

1964—1963

(אין פונטן)

קאָנטינענט פון אָפּשטאַם	דער דורכשניט נפשות אין דער משפחה	הכנסה פאַר אַ משפחה	הכנסה פער פערזאָן
אַזיע און אַפריקע	5.0	477.3	95.5
אייראָפּע און אַמעריקע	3.4	674.8	198.5
געבוירענע אין לאַנד	3.5	719.0	205.4
אַלע משפחות	3.9	616.4	158.1

ווייזט זיך אַרויס, אַז די דורכשניטלעכע הכנסה פּער פּערזאָן פֿון די וואָס קומען פֿון אייראָפּע און אַמעריקע און פֿון די געבוירענע אין לאַנד, איז געווען העכער טאָפּלט ווי פֿון די, וואָס זענען געקומען פֿון אַזיע און אַפֿריקע. די סיבות ליגן אינעם אונטערשיד פֿון בילדונג־ניוואָ און פֿאַך־אויסבילדונג, וואָס זענען משפּיע אויף דער דורכשניטלעכער הכנסה פֿונעם אַרבעטער און אויף דער דורכשניטלעכער צאָל נפשות פֿון דער משפּחה.

דער סאָציאַלער קאָנטראַסט

אָפֿט הערט מען די מיינונג, אַז מדינת־ישראל האָט שוין כביכול געמאַכט אַ דאָמינירנדיקן שריט צו זיין אַ וואָילשטאַנד־מדינה, און הויפּטזעכלעך פֿון זייט עס איז אָנגענומען געוואָרן דאָס געזעץ פֿאַר ביטוח לאומי * אין דער כנסת (נאָוועמבער 1953). אָבער מיט דער גאַנצער וויכטיקייט פֿון אַנשטאַלט פֿאַר ביטוח לאומי, איז ער נאָך נישט דער אויסדרוק פֿון אַ שלמותדיקע סאָציאַלע פּאָליטיק. די סאָציאַלע געזעצגעבונג אין מדינת־ישראל, אין איר היינטיקער פֿאָרם, פֿאַרזיכערט נישט מער ווי אַ געוויסן מינימום. דאָס זענען בלויז ערשטע שפּראָצונגען פֿון סאָציאַלער פּאָליטיק אין פֿאָרם פֿון אַ געזעץ.

קענען מיר דען זען אין דער סאָציאַלער הילף און אין די קליינע פּענסיעס, וואָס ווערן אויסגעצאָלט אין ביטוח לאומי, אַ געהעריקע לייזונג און זיך מיט דעם באַגעניגענען? אָן אַן אָנשטרענג און זאָרג פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג, וואָלטן מיר נישט געלייזט די עקזיסטענץ־פֿראַגע פֿונעם אַרבעטער אויף דער עלטער. אַ דאַנק די דערגרייכונגען פֿון דער הסתדרות און דער אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַרזיכערונג־און פּענסיע־פֿאָנדן, האָבן אַכציק פּראָצענט פֿון די אַרבעטער און ספּעציעל לוין־אַרבעטער — רעכט אויף אַ צופֿרידנשטעלנדיקער פּענסיע אויף דער עלטער.

די אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד איז די, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין דער געזעלשאַפֿט דעם געדאַנק פֿון סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג. און נאָך מער, זי האָט עס אָנגעהויבן פֿאַרווירקלעכן מיט אייגענע כוחות, נאָך איידער עס איז

---

* נאַציאָנאַלע פֿאַרזיכערונג.

פאַרווירקלעכט געוואָרן דאָס געזעץ פון ביטוח לאומי. די קעגנזייטיקע הילף־אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות, און אין דער שפּיץ קופּת־חולים, זענען געווען די, וואָס האָבן די ערשטע אַנטוויקלט דעם געדאַנק און געבויט דעם וועג פאַר אַ סאָציאַלער פאַרשריטלעכער געזעצגעבונג אין ישראל. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער געזעלשאַפט אין איר באַשטענדיקן קאַמף אויסצובעסערן די אַרבעט־און לוין־באַדינגונגען, האָט דערגרייכט וויכטיקע און ערנסטע דער־גרייכונגען אויף די געביטן פון פּענסיע, געזונטהייט פאַרזיכערונג,ברייטע סאָציאַלע רעכט — דערגרייכונגען, וואָס שטייגן מיט אַ סך אַריבער די גרעניצן, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אין געזעץ פון ביטוח לאומי.

פּאַקטיש זענען די פאַרזיכערהייט־געלטער פאַר ביטוח לאומי אַ מין שטייער־פאָרם, וואָס פאַלט הויפּטזעכלעך אויף די לוין־אַרבעטער. בלויז די דער־ציאונג, און אירע ערשטע און רעאַלע שטאַפּלען, ווערט אויסגעהאַלטן פון דער מדינה. די הויפּט אויסגאַבן פאַר געזונטהייט און סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַלט אויף די פּלייצעס פון די פאַרזיכערטע אַליין און זענען אַ לאַסט פאַר די אָרימע שיכטן און פאַר די אַרבעטער, און פאַרגרעסערן דעם סאָציאַלן תהום, דעם סאָציאַלן קאָנטראַסט. און צו אונדזער באַדויערן פאַרגרעסערט זיך דער סאָציאַלער־און עקאָנאָמישער־קאָנטראַסט אין די לעצטע יאָרן, נישט ער פאַרקלענערט זיך.

אין דער ישראל ווירטשאַפט

דער וווּקס פון דער פּראָדוקציע אין ישראל דערגייט יעדעס יאָר צו 10—11 פּראָצענט. פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ קאָנטיקער דעפיציט אין האַנדלס־בילאַנס. בעת אין יאָר 1963 איז דער דעפיציט — דער אונטערשיד צווישן אימפּאָרט און עקספּאָרט — דערגאַנגען צו 404 מיליאָן דאָלאַר, איז אין יאָר 1964 געשטיגן דער דעפיציט ביז 528 מיליאָן. דער אונטערשיד צווישן אימפּאָרט און עקספּאָרט איז געשטיגן מיט 124 מיליאָן דאָלער, וואָס באַ־טרעפט 31 פּראָצענט. דער רוב אימפּאָרט־סחורות פון די לענדער פון בשות־פותדיקן מאַרק — 29 פּראָצענט; פון אַמעריקע — 25 פּראָצענט; פון ענ־גלאַנד — 19 פּראָצענט.

אינדוסטריע־עקספּאָרט, לויט צווייג, 1964

(טויזנטער דאָלער, אין לויפנדיקע פּרייזן)

די צווייג	1964	פּראָצענט פון שטייגן אָדער פאַלן (—) אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן יאָר
בריליאַנטן	118,205	13.5
טעקסטיל, אויסער קליידונג	30,373	28.2
מינען און שאַכטן	18,725	63.9
ציטרוס אַרטיקלען	18,087	38.4
כימיקאַלן	17,293	15.5
מעטאַל אַרטיקלען	10,558	(—) 43.6
ברענשטאָף ראַפינאַציע	9,570	21.8
קליידונג	9,396	11.2
פּאַפּיר, דורק־און פאַרלאַג־וועזן	9,145	11.2
גומי רעדער	8,430	(—) 4.1
אַנדערע צווייגן	31,304	1.0
סך־הכל	281,086	13.5

אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטריע

די אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטריע זענען געשטיגן אין 1964 מיט 8 פּראָצענט און זענען דערגאַנגען צו 470 מיליאָן ל״י. 18 פּראָצענט פון דעם דאָזיקן סכום זענען אינוועסטירט געוואָרן אין מינען און אין שאַכטן; 17 פּראָצענט אין דער שפּייז אינדוסטריע; 16 פּראָצענט — אין טעקסטיל און אין קליידונג און 12 פּראָצענט — אין כעמיקאַלן און אין רעפענירן ברענשטאָף. די איבעריקע 37 פּראָצענט האָבן זיך צעוואָרפן צווישן די אַנדערע אינדוסטריע צווייגן.

צווישן די אינטערנעמונגען, וואָס האָבן באַקומען הלוואות, זענען קאָנטיקיענע אונטערנעמונגען, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין די אַנטוויקלונג־

ראַיאָנען. דאָס באַטרעפט 47 פּראָצענט פון זייערע אינוועסטיציעס, בעת די אונטערנעמונגען, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין אַנדערע ראַיאָנען, האָבן באַקומען הלוואות, וואָס באַטרעפן 32 פּראָצענט פון די אינוועסטיציעס.

קאַפּיטאַל אינוועסטיציעס פון אויסלאַנד

קאַפּיטאַל אינוועסטיציעס פון אויסלאַנד זענען דערגאַנגען אין 1964 צו 174 מיליאָן דאָלער, ווי אין פריערדיקן יאָר. נאָכדעם וואָס אין 1962 און אין 1963 זענען זיי שנעל געשטיגן. אין 1961 איז זייער באַנעם געווען 63 מיליאָן דאָלער, און די אַנטוויקלונג האָט געבראַכט צו אַ שנעלן וווקס — 96 מיליאָן אין 1962 און 173 מיליאָן אין 1963.

אַרבעטס־קראַפט, אין דער באַשעפטיקונג און אין דער אַרבעטסלאָזיקייט

די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון אַרבעטס־מאַרק אין ישראל היינט־צו־טאָג איז נישט די אַרבעטסלאָזיקייט, נאָר דער מאַנגל אין אַרבעטס הענט.

די צאָל באַשעפטיקטע איז געשטיגן אין 1964 מיט 4.6 פּראָצענט און איז דערגאַנגען צו 855 טויזנט אין דורכשניט. די באַפעלקערונג איז געוואַקסן בלויז מיט 4% און איז דערגאַנגען אין סוף 1964 צו צוויי מיליאָן 476 טויזנט נפשות. די צאָל באַשעפטיקטע און די וואָס זוכן אַרבעט (דער ציווילער אַרבעט־כוח) איז דערגאַנגען צו 884 טויזנט; דער פּראָצענט פון אַרבעטס־לאָזיקייט איז געווען נידעריקער ווי אין יאָר 1963 און איז דערגאַנגען צו 3.3 פּראָצענט.

די צאָל אַרבעטסלאָזע צוזאַמען מיט די וואָס זענען באַשעפטיקט ביי איניציאַ־טיוו־אַרבעט מיט פולער פיזישער פעאיקייט, איז געווען אין דורכשניט 5701, אַנשטאָט 6700 אין יאָר 1963. אַזוי אַרום איז די דורכשניט־צאָל אַרונטער.

באַשעפטיקטע לויטן עקאָנאָמישן צווייג (אין טויזנטער)

1964—1963

ענטגילטיקע ציפערן און פּראָצענטער

די צווייג	1963	1964	שטייגונג פּראָצענט
לאַנדווירטשאַפט	117.4	118.8	1.2
אינדוסטריע	210.4	221.6	5.3
בויאַרבעט	79.7	82.8	3.9
קאָמוניקאַציע און עקספּעדיציע	16.5	17.0	3.0
האַנדל און פינאַנסן	100.9	105.8	4.9
קאָמוניקאַציע און עקספּידיציע	50.3	54.0	7.4
עפנטלעכע באַדינונגען	178.9	188.0	5.1
פּערזענלעכע באַדינונגען	62.9	66.5	5.7
סך־הכל	817.0	854.3	4.6

אַרבעטס באַציאונגען

ווי אַ רעזולטאַט פון די שטרייקן זענען אין יאָר 1960 פאַרלוירן געגאַנגען אין ישראל 36,000 אַרבעטס־טעג און 124,000 אַרבעטס־טעג אין יאָר 1963. 70 פּראָצענט פונעם סך־הכל שטרייק־טעג זענען פאָרגעקומען אין די עפנ־טלעכע באַדינונגען, וואָס באַשעפטיקן בלויז 30 פּראָצענט פון דער אַלגע־מיינער צאָל לוין־אַרבעטער. 90 פּראָצענט פון די שטרייק־טעג אין די יאָרן 1962 און 1963 זענען נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך קיין שום עפנטלעכן אַנשטאַלט, וואָס איז באַפולמעכטיקט צו דערלויבן שטרייקן (זע דעם פּראָ־טאָקאָל פון באַנק ישראל פאַרן יאָר 1963).

קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט און אַרבעטער ווירטשאַפט

די פאַרשנעלערטע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליסטיש־פּריוואַטן סעקטאָר אין ישראל שטייגט לעצטנס איבער דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּאָ פון אַרבעטער ווירטשאַפט אין לאַנד, כאָטש אין סך־הכל האָט — זייט דעם אויפקום פון

דער מדינה — דער מלוכהשער און הסתדרותישער סעקטאָר אַריבערגעוואַקסן דעם וווקס פון פּריוואַטן סעקטאָר.

לויט דער סטאַטיסטיק פונעם „אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמישע פאָרשונג אין ישראל אויפן נאָמען פון פאַלק" פאַר דער תקופה 1933—1960, האָט געשטיגן דער חלק פון גענעלשאַפטלעכן סעקטאָר אין דער ריינער פּראָדוקציע, וואָס האַלט אין איין שטייגן פון זייט 1953. דער חלק פון הסתדרותישן סעקטאָר האָט געוואַקסן אין אַ שנעלן טעמפּאָ אין ערשטן טייל פון דער דאָזיקער תקופה, אָבער דער דאָזיקער וווקס איז דע־פאַקטאָ איבערגעריסן געוואָרן. אין 1957 איז דער פּריוואַטער סעקטאָר אַרונטער אין אַ געווויסער מאָס. אין יאָר 1964 האָט דער פּריוואַטער סעקטאָר פּראָדוצירט ביי זעכציק פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע, בעת דער געזעלשאַפטלעכער־און הסתד־רות־סעקטאָר האָבן פּראָדוצירט יעדער איינער בלויז ביי צוואַנציק פּראָצענט פון דער דאָזיקער פּראָדוקציע. מען דאַרף אויך באַטאָנען, אַז לעצטנס האָבן זיך געגרינדעט פינאַנס־געזעלשאַפטן, וואָס ברייטערן אויס די געביטן פון זייער טעטיקייט.

אָבער מען קען ניש'ט שילדערן די אַנטוויקלונג פון לאַנד און דעם אויפקום פון דער מדינה אָן דער ווירטשאַפט־און אַגראַר־באַזע, וואָס איז אויפגע־שטעלט געוואָרן דורכן יידישן אַרבעטער.

די הסתדרות האָט אויסגעפירט אַ חלוצישע אויפגאַבע ביים אינדוסטרירן דאָס לאַנד, ווי זי האָט זי אויסגעפירט פריער ביי דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנד־ווירטשאַפט און אַגראַר־ווירטשאַפט. עס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער הסתדרות ישובים און שטעט, וואָס דער עיקר פּרנסה זייערע איז באַ־שטאַנען אויף דער הסתדרות־אינדוסטריע (באר־שבע, אשקלון, עכו, רמלה, לוד א.א.וו.). דאָס איז געווען ווי אַ רוקנביין אין זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ.

אויף דעם אַנטוויקלונגס־פּאַרנעם פון דער הסתדרות־אינדוסטריע וועט עדות זאָגן דער פאַקט, אַז אין משך פון די ערשטע זעקס יאָר פון דער מדינה (1949—1954) האָט זי געשטיגן מיט 250 פּראָצענט. אין 1964 האָט די אַרבע־טער ווירטשאַפט באַשעפטיקט 210 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן באַטראָפן ביי פערציק פּראָצענט פונעם כלל פּרנסה־געבער, וואָס זענען חברים פון הס־תדרות, און ביי פינף־און צוואַנציק פּראָצענט פונעם כלל יידישע פּרנסה־געבער אין לאַנד.

די אַרבעטער־ווירטשאַפֿט איז די, וואָס האָט געדינט ווי אַ באַזע פֿאַר דער העגעמאָניע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דערנאָך אין מדינת־ישראל. עס איז קיין וווּנדער נישט, אַז די קעגנער פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ווילן אַרונטעררייסן אירע דערגרייכונגען, זענען פֿאַראינטערעסירט קודם־כּל צו שלאָגן דעם עקאָנאָמישן־כּוח אירן, די אַרבעטער־ווירטשאַפֿט אין לאַנד.

די אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַרגינט דעם אימפּאָרט פֿון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין לאַנד אַריין, און מיר זענען נישט פֿאַראינטערעסירט צו לייגן שטרויכלונגען אויפֿן וועג פֿון דער פּריוואַטער ווירטשאַפֿטלעכער איניציאַטיוו אין ישראל. מיר ווילן אַן ערלעכן קאָ־עקזיסטענץ, וואָס זאָל פֿאַרזיכערן דעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פֿון דער ישראל דעמאָקראַטיע.

דאָס געזעלשאַפטלעכע
און קולטורעלע לעבן

ז. ארן

קולטור און דערציאונג

די דערציאונג איז דער הויפּט־פאַקטאָר צו רעאַליזירן די שליחות פון מיזוג גלויות, פון עקאָנאָמישער פאַרשטאַרקערונג, פון זיכערהייט־פּאַרפּעסטיקונג, און אויך פון מעגלעכקייט, אַז „דאָס פּנים פון ישראל געווענדעט צום גלות" זאָל נישט אויסזען פאַרקרומט, נאָר ליכטנדיק. כדי צו דערנענטערן זיך צו רעאַליזירן די דאָזיקע שטרעבונגען נויטיקט מען זיך אין ריזיקע געלטער, אין אַ גרויסע מחנה פון לערער־דערציער און אין אַ דערציערישע דערוואַקסענע געזעלשאַפט.

אַ פּאָר ציפערן

דער געוועגלעכער בודזשעט פונעם מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור פאַרן יאָר 1964/65 איז דערגאַנגען צו 255,210,000 ל״י, און פאַרן יאָר 1965/66 וועט דער געוועגלעכער בודזשעט דערגיין ביז 321,000,000 ל״י, ס'הייסט, אַ צוגאָב פון 65,790,000 ל״י, אָדער אַ וווּקס פון 25.8%.

חוץ דעם קומט־צו דער אַנטוויקלונגס־בודזשעט פאַרן יאָר 1965/66, וואָס דערגייט צו 51,103,000 ל״י, פון דעם 14,000,000 ל״י פונעם בודזשעט פון מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור, 19,753,000 ל״י פונעם מפעל הפיס, 11,850,000 ל״י פון שיכון־אַמט, פונעם אשדוד־פאָנט און פון בענק — 5,500,000 ל״י.

זומער 1964 איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאָנט צו ליקווידירן שלעכטע בנינים פון קלאַסן און צו ליקווידירן די צווייטע לערן־שיכט אין די עלעמענטאַרע שולן. דער פאָנט האָט אויף זיך גענומען אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע אין צוויי שטאַפּלען במשך פון צוויי־דריי יאָר. אין ערשטן יאָר האָט ער פאַרעצויגן די עולים־שטעט און די קליינע ישובים און האָט פאַר זיי באַשטימט אַ פולן בודזשעט, און פאַר די גרויסע שטעט האָט ער באַשטימט ביי אַ דריטל פון זייערע באַדערפענישן.

ביים סוף פון 17־טע יאָר פון מדינת־ישראל איז פאַראַן אַן אינטערעס צו מאַכן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבערן חינוך־וועזן אין ישראל; איבער די תלמידים אין אַלע דערציאונג־ראַמען, וואָס שטייען אונטער דער השגחה פונעם דערציאונג־און קולטור־מיניסטעריום, צוזאַמען מיט די וואָס לערנען אין די דערציאונגס־ראַמען אויסער זיין השגחה.

די פאָלגנדיקע ציפערן זענען פאַרן יאָר תשכ״ה און זיי באַזירן אויף אַ ציילונג און אויף איבערבליקן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך דעם צענטראַלן אַמט פאַר סטאַטיסטיק מיט דער מיטבאַטיילונג פונעם דערציאונג־און קול־טור־־מיניסטעריום. לויט די סך־הכלען פון דער ציילונג און אויך לויט די ציפערן מחוץ דער ציילונג, לערנען אין ישראל 701,000 (700,874) תלמידים. פון זיי: אין יידישן חינוך 633,000 (633,307); אין אַראַבישן חינוך 67,000 (67,567). אין קינדער־גערטנער — (92,255). פון זיי: אין יידישן חינוך — 82,000 (82,032); אין אַראַבישן חינוך — 10,000 (10,223). אין דער עלעמענ־טאַרער בילדונג מיט אירע אַלע ריכטונגען — 470,000 (470,500). פון זיי: אין יידישן חינוך — 416,000 (416,389); אין אַראַבישן חינוך — 54,000 (54,111). אין דעם איבער־עלעמענטאַרן חינוך — 112,000 (111,990). פון זיי: אין יידישן חינוך — 109,000 (108,875); אין אַראַבישן חינוך — 3,000 (3,115). אין די חינוך־אַנשטאַלטן פון אַלגעמיינע מיטלשולן לערנען 64,000 (64,120) תלמידים. פון זיי: אין יידישן חינוך — 61,000 (61,321); אין אַראַבישן חינוך — 3,000 (2,799). אין די אַלגעמיינע מיטלשולן לערנען 52,000 (51,861 תלמידים. (פון זיי: 1,405 אַראַבישע תלמידים); אין די אָוונט־מיטלשולן — 2,851 תלמידים; אין טיילווייזן מיטלושל־חינוך — 1,476; אין די ישיבות — 6,538; אין אומאָפּיציעלע אַראַבישע חינוך־אַנשטאַלטן — 1,394 תלמידים. אין לאַנדווירטשאַפט־שולן 7,722 תלמידים; אין המשך־קלאַסן — 9,480; אין פאַך־שולן — 29,068 (אין דעם איז אַריינגערעכנט 3,051 אין אַן אינטענסיווער און פלאַנירטער דערציערשאַפט און אין אינדוס־טריע־שולן אונטער דער השגחה פון אַרבעטס־מיניסטעריום; 858 אין די קורסן פאַר פּראַקטישע קראַנקנשוועסטער).

העכערע בילדונג באַקומען 1,600 תלמידים. די דאָזיקע צאָל שליסט אין זיך איין די שילערינס פון דער שול פאַר קראַנקנשוועסטערס, די תלמידים פון „בצלאל״־שול, די אַקאַדעמיעס פאַר מוזיק אין ירושלים און אין תל־אביב, און אַנדערע. אין אַלע אַנשטאַלטן פאַר צוגרייטן לערער און לערערקעס פאַר קינדער־גערטנער, האָבן געלערנט אין תשכ״ה 5,361 תלמידים. אין אַלע

אַנשטאַלטן פאַר הויכער בילדונג אין ישראל האָבן געלערנט 19,400 תלמידים (אויסער זיי לערנען אין חוץ־לארץ לכל הפחות ביי אַ 3,000 סטודענטן פון ישראל).

די יאָרגענג 14—17 אין דער ידישער באַפעלקערונג ציילן 116,000. פון זיי לערנען אין לערנס־ראַמען אונטער דער השגחה פון דערציאונג־און קולטור־מיניסטעריום און אָן זיין השגחה — 122,963 תלמידים אָדער 26.7%, 28.1% (העכער 2% לויט פאַריאָרן) פון אַלע ידישע תלמידים אין דעם מיטלשול־חינוך (27,049) באַשטייט פון די קינדער ביי עולים, וואָס קומען פון די איסלאַם לענדער. אין די קלאַסן ט׳ — 36.3% (12,565); אין די קלאַסן י״ב — 16.6% (2,464). קינדער ביי די עולים פון די איסלאַם לענדער באַטרעפן 21.5% (10,310) פון דער אַלגעמיינער צאָל תלמידים אין די אינדערפריי־מיטלשולן; 54.6% (1,562) אין די אָוונט־מיטלשולן; 17.3% (1,578) אין המשך־קלאַסן; 41.6% (3,130) אין לאַנדווירטשאַפט־שולן; 38.8% (9,690) אין פאַך־שולן; 50% (743) אין אַגראַר־מיטלשול חינוך. 30% (1,435) — אין סעמינאַרן פאַר לערער און לערערקעס פאַר קינדער־גאָרטנס מיט זייערע אַלע ריכטונגען. 13.4% (1,803) — לערנען אויפן טיטל ב.א. אין די הויכשול־אַנשטאַלטן.

די ציפערן, וואָס כ׳האָב געבראַכט וועגן אונדזער חינוך־וועזן, ווייזן אונדז, צווישן אַנדערן, אַז אונדזערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון חינוך קענען שטיין אונטערן פאַרגלייך־פּרווו מיט די חינוך־דערגרייכונגען פון אייניקע אַלטע אייראָפּעאישע לענדער. די דאָזיקע פעסטשטעלונג, האַלטן מיר, וועט זיך באַשטעטיקן אויב ס׳וועלן ווי געהעריק קאָנטראָלירט ווערן אויך די ציפערן וועגן דעם חינוך אין יעדן אייראָפּעאישן לאַנד, וואָס ווערט געבראַכט אָפט ביי אונדז ווי אַ ביישפּיל און באַווייז פאַר דער צוריקגעשטאַנענקייט, וואָס הערשט כלומרשט אין דעם דערציאונג־וועזן פון ישראל.

אויף אַ האַלבער בריק

דער חינוך־וועזן אין מדינת־ישראל איז באַלד אין אָנפאַנג אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַנטקעגן אַ קאָמפּליצירטע דערשיינונג פון צוויי פאַרמאַציעס תלמי־דים: איינע — וואָס זייערע עלטערן שטאַמען פון אייראָפּע; און די צווייטע — וואָס זייערע עלטערן שטאַמען פון אַזיע און אַפריקע. דער גרויסער אונטער־

שיד ביי די לערן־דערגרייכונגען פון די תלמידים אין די דאָזיקע צוויי פּאָר־מאַציעס געפינט זיך אין די פאַקטאָרן, וואָס זענען פאַראַן אויסער דער שול: דער בילדונגס־ניוואָ פון די עלטערן, די צאָל פון דער משפּחה, די וווין־לאַגע און דער הכנסה־ניוואָ. דער צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע פאַקטאָרן האָט געווירקט לטובת די תלמידים פון דער ערשטער פאָרמאַציע און לרעת די תלמידים פון דער צווייטער פאָרמאַציע. דאָס זוכן לייזונגען פאַר דעם דאָזיקן שווערן פּראָבלעם איז דער שול גופא איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די אַלטע אויספּראַקטיצירטע לערער, און הויפּטזעכלעך אויף אַ שיכטע יונגע לערערס, וואָס בעיקר זענען זיי לערערקעס געבוירענע אין לאַנד. און עס זאָל באַטאָנט ווערן, אַז זיי זענען די, וואָס האָבן געראַטעוועט דעם חינוך־וועזן אין דער מדינה פון פונאַנדערפאַל. און אַזוי־ווי אַ האַלבע בריק איז נישט קיין גאַנצע, אַזוי איז נישט קיין האַלבע צוקונפט אַ פולע צוקונפט. און שוין העכער אַכט יאָר, וואָס דער חינוך־וועזן אין ישראל פאַרמעסט זיך מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם, אין דער ראָם פון גאַנצן חינוך־פּראָבלעם.

דאָס פאַרמעסטן זיך איז עקשנותדיק, טאָג־טעגלעך, אומאויפהערלעך, אָבער מער אַרומנעמענדיק און טיפער. עס ווערן באַשטימט פאָרמען, דרכים און שיטות אין ליכט פון דריי הויפּט־הנחות: א) עס לאָזט זיך צוריקגעבן יעדן קינד, יינגל און מיידל, דעם פאַרלוסט, וואָס ער האָט געהאַט אין די לערן־דערגרייכונגען; 2) אין דער חינוך־אַרבעט צווישן קינדער דאַרף מען זוכן דרכים פאַר אינדיווידואַליזאַציע פון חינוך; ג) דער טעמפּאָ פון דערפאָלג איז אָפּהענגיק אין ניוואָ פון לערער און אין שטעלן דעם ניוואָ אין דינסט פון דער שול אין יעדן ישוב — און היינט איז נישט פאַראַן אין לאַנד קיין ישוב, אַפילו דער קלענסטער, וואָס זאָל נישט האָבן קיין שול.

די שטערונגען, וואָס זענען פאַראַן לגבי די לערן־לעקציעס אין איבער־עלעמענטאַרן חינוך און ספּעציעל אין באַציאונג צו דער גרופּע תלמידים ביי די עלטערן פון די איסלאַם־לענדער, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, געפינען זיך אין אַ גרויסער מאָס אין פאַקט, אַז צוליב אַ ריי סיבות האָבן מיר נישט מצליח געווען אויסצושעפּן אַלץ, וואָס פאַרלאַנגט זיך פונעם לערן־יאָר אין קלאַס ט׳ פון איבער־עלעמענטאַרן חינוך. דער שכר־לימוד פאַר נישט־פאַרמעגלעכע איז כמעט אַ סימבאָלישער בלויז. אָנהייבנדיק פון יאָר תשכ״ה האָבן מיר אינגאַנצן באַפרייט פון שכר־לימוד אַ דריטל פון אַלע תלמידים, קינדער פון נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן, אין די איבער־עלעמענ־טאַרע אַנשטאַלטן. די דערמעסיקונגען וועלן מיר אוודאי פאַרברייטערן אַלץ

מער און מער. מען דאַרף נישט זען דעם שכר־לימוד ווי די סיבה, וואָס אַ גרעסערע טייל פון די יאָרגענג 14—17 גענויסטן נישט פון איבער־עלעמענ־טאַרן חינוך. ס׳איז אַ פאַקט, אַז העכער 80%, וואָס ענדיקן די קלאַסן ח׳ גייען אַריבער צו ט׳ פון זייער אייגענעם ווילן און מיטן ווילן פון זייערע עלטערן, כאָטש עס פעלט דאָס געזעץ פאַר צוואַנג־חינוך ביז אין עלטער פון 15 יאָר.

דער מקור פון דער דאָזיקער צרה איז, וואָס אַ גרויסער טייל פון יענע 15% וואָס פאַרענדיקן די קלאַסן ח׳ און בלייבן מחוץ דעם אי־בער־עלעמענטאַרן חינוך, פּאַסן זיך נישט פאַר די קלאַסן ט׳ צוליב זייערע שוואַכע לערן־דער־גרייכונגען אין די עלעמנטאַרע שולן. אַ קאָנטיקער טייל תלמידים פון קלאַסן ט׳ קען נישט נאָכגיין אין די קלאַסן י׳; אַ קאָנטיקער טייל תלמידים פון קלאַסן י׳ קען זיך נישט פאַרמעסטן מיט די לימודים, וואָס ווערן געפאָדערט אין די קלאַסן י״א — און י״ב. די לאַגע פילט זיך באַזונדער צווישן די תלמי־דים ביי עלטערן עולים פון די איסלאַם־לענדער, און זאָל ביי דער געלעגנהייט געזאָגט ווערן: מען קען פעסטשטעלן, בדרך כלל, אַז די פעלערן פון ישראל־חינוך האָבן זייערע „עלטערע״ ברידער אין אַלטע אַנטוויקלטע לענדער. יעדע מאָדערנע מדינה קען די דערשיינונג פון אָפּפאַל אין די מיטלשולן אין גרויסע מאָסן. אין אַמעריקע, צום ביישפּיל, פאַלן־אָפּ 35%—40% פון די יאָרגענג 14—17 אין מיטלשול־חינוך, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין מאָ־דערנע מדינה אין מערב, ווו עס זאָל איצט נישט שטיין אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון חינוך־בוי. באַהאַנדלונגען און זוכן לייזונגען פירן זיך אין אויסלאַנד אויפן פאָן פון די באַזונדערע גורמים פאַר יעדן פאַלק אין זיין לאַנד. אָבער אַלע האָבן אַ בשותפותדיקן פונקט — די טענדענץ קאַלירפול צו מאַכן חינוך־ראַמען און אינהאַלטן, כדי צו צופּאַסן זיי צו די פעאיקייטן פון די תלמידים און צו זייערע נטיות, סיי די פעאיקייטן און נטיות, וואָס זענען בעין און סיי יענע, וואָס אַנטפּלעקן זיך און ווערן געלענקט תוך כדי לערנען.

אין רוב מדינות האַלט מען פון דער שיטה אויפצושטעלן צווישן־פּאָרמאַציעס פאַר לערנען און דערציאונג פאַר די יאָרגענג 12—15, די איבערגאַנג־יאָרן פון קינדער־וועלט צו דער וועלט פון דערוואַקסענע. די צווישן־פאָרמאַציעס דאַרפן זיך גרופירן אויף אַזאַ אויפן, אַז דער תלמיד זאָל דאָרט געפונען לערן־און דערציאונג־פאַקטאָרן, וואָס זאָלן אים צוהעלפן זיך אַליין צו דער־קענען, צו אַנטפּלעקן זיינע פעאיקייטן, אַנטוויקלען זיינע נייגונגען תוך כדי

שטייגן אויף די שטאַפּלען פון די קלאַסן אין דער אַלגעמיינער לערן־און פּראַצע־ראַם, וואָס שטייט פאַר אים אָפן.

מיר האַלטן, אַז ס׳איז מעגלעך צו דערגיין צו אַ שנעלערער און אַלגעמיינערער אויסבעסערונג פון דעם לערן־פּראָגראַם אין די קלאַסן ז׳—ח׳—ט׳ דורך איינשליסן זיי אין אַ באַזונדערער פאָרמאַציע, ווי אַ צווישן־פאָרמאַציע, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די פּרינציפּן פון אַן אַרומנעמענדיקער שול, אָפן פאַר אַלע תלמידים, אָן אַ גזעלשאַפטלעכער אָדער לערן־סעלעקציע, וואָס שלאָגן־פאָר די תלמידים פאַרשידנאַרטיקע לערן־מעגלעכקייטן, און די לערער — מעגלעכקייטן פון סיסטעמאַטישן אָבסערווירן דעם כאַראַקטער פון זייערע תלמידים, אין זייערע פעאיקייטן און נייגונגען כדי זיי בהדרגהדיק מכוון צו זיין צום צווייטן שטאַפּל פון איבער־עלעמענטאַרן חינוך אין די קלאַסן י׳, י״א, י״ב.

דער דערציאונג־און קולטור־מיניסטעריום האַלט ביי איינאָרדענען ווייטער־דיקע, פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע אויסקריסטאַליזירונגען, וועגן די פּראָב־לעמען, וואָס שטאַמען פון דער ענדערונג אין חינוך־בוי. אין די דאָזיקע אויסקריסטאַליזירונגען וועלן זיך באַטייליקן אַלע פאַקטאָרן, וואָס זענען אַ נוגע בדבר, און ספּעציעל דער מרכז הסתדרות המורים, איידער דאָס מיניס־טעריום וועט אויסקריסטאַליזירן אַן אַנטגילטיקן פאָרשלאַג, ווען די צייט וועט קומען, וואָס וועט דורך אים פאָרגעלייגט ווערן דער רעגירונג און דער כנסת.

לערער אויסבילדונג

אין אָנהויב לערניאָר פון תשכ״ה איז געווען אין אָפיציעלן עלעמענטאַרן־חינוך (דער מלוכהשער און דער רעליגיעז־מלוכהשער) קרוב צו 4,000 נישט קיין דיפּלאָמירטע אונטעריכט־אַרבעטער: אַלגעמיינע־און פאַך־לערער און קינדער־גערטנערינס. ביי אַ 1,500 פון זיי, האָבן זיך פאַרעכנט צו די נישט־דיפּלאָמירטע לערער פונעם צווייטן שטאַפּל — דער מער נידעריקער. ביי אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון די נישט־דיפּלאָמירטע לערער און קינדער־גערטנערינס זענען באַשעפטיקט אין מלוכהשן חינוך, וואָס נעמט־אַרום ביי אַ צוויי דריטל פונעם עלעמענטאַרן־חינוך. די צווייטע העלפט פון די לערער און קינדער־גערטנערינס, די נישט־דיפּלאָמירטע, זענען באַשעפ־

טיקט ביים רעליגיעז־מלוכהשן חינוך, וואָס נעמט־אַרום ביי אַ דריטל פונעם עלעמענטאַרן־חינוך. טראָץ דעם יאָר־יערלעכן וווּקס פון דער צאָל תלמידים אין די אַנטשטאַלטן פאַר אויסבילדן די פאַרשידנסאָרטיקע לערער, גייען אַריין אינעם וועזן פון עלעמענטאַרן־חינוך יאָר־יערלעך ביי אַ 1,000 נישט דיפּלאָ־מירטע לערער. דערקעגן איז באַוויזן געוואָרן אין די לעצטע דריי יאָר, אַז יעדעס יאָר דערגייען צום דיפּלאָם ביי אַ 450 נישט־דיפּלאָמירטע לערער און עס פאַלט־אָפּ יעדעס יאָר פונעם אונטעריכט ביי אַ 300 נישט־דיפּלאָמירטע לערער.

צום פאַקט, אַז עס עקזיסטירן 4,000 נישט־דיפּלאָמירטע לערערס און קינ־דער־גערטנערינס אין עלעמענטאַרן־חינוך, דאַרף מען צוגעבן, אַז יעדעס יאָר גייען אַרויס אויף נישט־באַצאָלטן אורלויב ביי אַ 1,500 לערער. דערקעגן קערט זיך אום יעדעס יאָר פון נישט־באַצאָלטן אורלויב צום שול־דינסט אַן ענלעכע צאָל לערער.

העכסטוואָרשיינדלעך וועלן מיר זיך נויטיקן יעדעס יאָר, פון די קומענדיקע דריי יאָר, אין אַ צוגאָב פון העכער 3,000 נייע אונטעריכט־אַרבעטער, און פאַר אַלע דריי יאָר — צווישן 9,500—10,000 נייע לערער און אונטעריכט־אַרבעטער. די אַנשטאַלטן פאַר אויסבילדן לערער און קינדער־גערטנערינס זענען מסוגל צו צושטעלן, לויט זייער היינטיקן מצב, העכער אַ העלפט פונעם פאַרלאַנגטן מענטשן־מאַטעריאַל, דעם וועזן פון עלעמענטאַרן־חינוך. אויב מירן צוגעבן צו דעם די צאָל דיפּלאָמירטע לערער, וואָס קערן זיך אום יאָר־יערלעך צום אונטעריכט, וועלן זיי צוזאַמען מיט די גראַדואירטע פון די סעמינאַרן פאַר לערער צושטעלן דעם וועזן פון עלעמענטאַרן־חינוך בלויז צוויי דריטל פונעם פאַרלאַנגטן.

פון די ציפערן וועלכע איך האָב אויבן געבראַכט קומט מען צו דער מסקנה, אַז דער ענטפער אויפן מאַנגל אין אַזאַ לעבנסוויכטיקן געביט פון צושטעלן לערער פאַר עלעמענטאַרן־חינוך, איז שאַפן אַ קאַדער גראַדואירטע פון סע־מינאַרן פאַר לערער און קינדער־גערטנערינס, וואָס זיין פאַרנעם וועט ענט־פערן אויף די אָפּעגשאַצטע באַדערפענישן פאַר די נאָענטע דריי יאָר. לויט דעם ליגט די לייזונג פאַרן קוואַנטיטעט־פּראָבלעם פון צושטעלן לערער אין דעם, וואָס אין די אויסבילדונגס־אַנשטאַלטן פאַר לערער און קינדער־גערט־נערינס וועלן לערנען העכער 9,000 תלמידים, אַנשטאָט ביי אַ 5,000, וואָס לערנען דאָרט היי־יאָר.

אַ העלפט פון דער צאָל לערער פונעם איבער־עלעמענטאַרן חינוך זענען נישט דיפּלאָמירט. די נעץ פון אַנשטאַלטן פאַרן איבער־עלעמענטאַרן חינוך נויטיקט זיך אין אַ יערלעכן צוגאָב פון 700—800 לערער, בעת די חינוך־אָפּטיילונגען ביי די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן שטעלן־צו ביי אַ 300 ביז 350 לערער אַ יאָר.

אַקעגן דעם גרויסן מאַנגל אין לערער, וואָס איז פאָרויסגעזען אין תשכ״ו, ווערט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צווישן 2,400 תלמידים פון סעמינאַרן פאַר לערער, וואָס האָבן פאַרענדיקט אין תשכ״ה, אַז אַלע זאָלן זיי גיין צו אונ־טעריכט אין תשכ״ו. אַ ספּעציעלע איינהייט, וואָס ציילט זעקס אינספּעקטאָרן, איינער פון יעדן באַצירק, איז שוין זייט אַ פּאָר חדשים טעטיק ביים מאָביליזירן נייע אונטעריכט־כוחות צום נייעם שול־יאָר. די טעטיקייט פירט זיך צווישן לערער און קינדער־גערטנערינס, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם אונטעריכט; צווישן לערער פּענסיאָנערן, וואָס זענען פעאיק און גרייט זיך אומצוקערן צום אונטעריכט; וועגן אפילו בלויז צו אַ טיילווייזע אַרבעט, צווישן די לערער, וואָס האַלטן ביים אַרויסגיין אויף פּענסיע און וואָס ווערן געבעטן ממשיך צו זיין אַ יאָר און מער; צווישן די עלטערן פון די תלמידים, וואָס פאַרמאָגן אַ געהעריקע בילדונג און זענען גרייט איבערצוגיין צו אונטעריכט נאָך אַ געוויסער צוגרייטונג.

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ דריי־יעריקער פּלאַן צו צוגרייטן סטודענטן פאַר אונטעריכט אין די חינוך־אַנשטאַלטן פאַר איבער־עלעמענטאַרע שולן. אין תשכ״ה האָבן געלערנט אין אַלע אַנשטאַלטן פאַר הויכער בילדונג 1,200 סטו־דענטן, וואָס האָבן זיך צוגעגרייט צום אונטעריכט אין די אַנשטאַלטן פאַר איבער־עלעמענטאַרן חינוך. דער מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור האַלט ביי אויספירן, אָנהייבנדיק אין תשכ״ו, אַ פּלאַן, וואָס דאַרף פאַרטאָפּלען אין די נאָענטע דריי יאָר (ביז תשכ״ח) די צאָל סטודענטן, וואָס גרייטן זיך צו אונטעריכט, און זייער צאָל וועט דערגיין ביז 2,400—2,500. דער ציל איז, אַז אין אָנהייב תשכ״ו וועלן אַריינגיין יאָר־יערלעך אינעם וועזן פונעם איבער־עלעמענטאַרן חינוך ביי אַ 600—700 אַקאַדעמישע לערער.

פאַר אויסבעסערן דעם חינוך

אין יאָר תשכ״ה איז איינגעפירט געוואָרן אַ לאַנגער־טאָג־אונטעריכט אין נאָך 761 קלאַסן צווישן 160 שולן. לויט דעם, נעמט־אַרום דער לאַנגער־טאָג־אונטעריכט, ביז איצט, ביי אַ 57,000 תלמידים, וואָס לערנען אין 1,759

קלאַסן. אין שול־יאָר פון תשכ״ו זענען צוגעקומען 500 קלאַסן, און זייער אַלגעמיינע צאָל וועט דעריבער דערגיין צו 2,260 קלאַסן בערך. די דאָזיקע טעטיקייט איז באַגלייט מיט אָנווייזונגען אין שריפט און מינדלעך, מיט שטודיר־טעג פאַר לערער, מיט צושטעלן איינריכטונגען פאַר די חינוך־אַנשטאַלטן אויף צו מאַכן די טעטיקייטן פאַרשידנאַרטיק. מען קען פעסט־שטעלן, אַז יענע שול, אין וועלכער עס גייט־אָן דער לאַנגער־טאָג־אונטעריכט איז מער פאַרזאָרגט ווי אַ געווענלעכע שול, מיט דידאַקטישע אינסטרומענטן, מיט כלים פאַר מוסיקאַלישער אַנטוויקלונג, מיט איינריכטונגען פאַר קער־פערלעכן חינוך און נאָך. דער הויפּט־פּראָבלעם איז — דער מאַנגל אין נאָך אונטעריכט־כוחות.

אין תשכ״ה זענען אַריינגענומען געוואָרן אין קרייז פון דער גרופּירונג־שיטה ביי נאָך אַ טויזנט קלאַסן. ביז איצט איז איינגעפירט געוואָרן די גרו־פּירונג־שיטה אין 1,425 קלאַסן, אין וועלכע עס לערנען ביי אַ 42,000 תלמי־דים. אין קומענדיקן יאָר וועלן צוקומען 700 קלאַסן און בסך־הכל וועלן לערנען 1,125 קלאַסן לויט דער גרופּירונג־־שיטה. מיטן אויספירן דעם פּלאַן פאַרנעמט זיך אַ פּאַרמאַציע, וואָס אירע אויפגאַבן זענען: אָרגאַניזאַציע; שריפטלעכע און מינדלעכע אינסטרוקציעס פאַר לערער און דירעקטאָרן; אָנגרייטן געהילף מאַטעריאַל פאַרן לערער ביי דער אַרבעט אין די לערן־גרופּן מיט די פאַרשידענע ניוואָס. פאַר די שולן איז צוגעשטעלט געוואָרן בראָשורן וועגן דער גרופּירונג, וואָס דינט פאַר אונטערצוציען די פּרינ־ציפּן פון דער שיטה, פאַר אָנווייזונגען צו אָרגאַניזירן די גרופּירונג, פאַר אַן אינסטרוקציע רעוויזיע אויף די רעזולטאַטן פון די גרופּירונגס־פּריפונגען און פאַר פאָרשלאַגן פון אַרבעטס־פּראָגראַמען. די ליניע פון פּראָגראַמען איז צו צופּאַסן דעם מאַטעריאַל צום לערן־ניוואָ.

14—12 פּראָגראַמען אַ וואָך ווערן געזענדעט פאַר די יידישע שולן. אין תשכ״ה זענען געגעבן געוואָרן פיר פּראָגראַמען אַ וואָך ספּעציעל פאַר די אַראַבישע שולן. עס איז כדאי צו באַטאָנען, אַז מדינת־ישראל איז די איינציקע אין ראַיאָן, ווו עס ווערן געזענדעט אַראַבישע פּראָגראַמען פאַר די שולן. אַן איבערזיכט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין תשכ״ד דורך דעם סאָלד־אַנשטאַלט ווייזט אָן, אַז די צאָל תלמידים, וואָס הערן זיך צו, האַלט צווישן זעכציק און אַכציק טויזנט. צו די דאָזיקע זענדונגען הערט זיך אויך צו אַ קאָנטיקער טייל פון די עלטערן. די טעטיקייט ווערט אויסגעפירט מיט דער צוזאַמענ־אַרבעט פון „קול־ישראל״.

דער עקספּערימענט פֿון אַ לערן־טעלעוויזיע אין לאַנד וועט אַרומנעמען 30 שולן, פֿון זיי 20 עלעמענטאַרע שולן (18 רעליגיעז־מלוכהשע און 2 אַראַבי־שע), ביי אַ 10 איבער־עלעמענטאַרע שולן (אין זיי 4 אַלגעמיינע־מיטלשולן, 2 פֿאַך־מיטלשולן, 2 לאַנדווירטשאַפֿט־מיטלשולן און 2 סעמינאַרן פֿאַר לע־רער). אינעם רוב פֿון די שולן וועלן זיך באַטייליקן אין עקספּערימענט צוויי פּאַראַלעלע קלאַסן, און די צאָל קלאַסן וועט דערגריין צו 60. דער רוב פֿון די שולן געפֿינט זיך אין ראַיאָן פֿון רמלה—לוד און אַ טייל אין פּרוזדור פֿון ירושלים און אין צפֿון נגב.

עס איז פֿאַרברייטערט געוואָרן די אינסטרוקציע צווישן דער יוגנט מחוץ די פֿאָרמעלע ראַמען פֿון דער שול. עס רעדט זיך וועגן חינוך, וואָס ווערט גע־געבען תלמידים און יוגנטלעכע נאָך די אונטעריכט־שעהן אָדער נאָכן טאָג־אַרבעט, דורך געזעלשאַפֿטלעכע, לערן־און קולטורעלע־טעטיקייטן, ספּאָרט־און אָפּרו־טעטיקייטן. אַ ספּעציעלן פּלאַץ פֿאַרנעמען אויף דעם דאָזיקן געביט די יוגנט־באַוועגונגען. די הילף פֿונעם מיניסטעריום ווערט געגעבן אין צוויי פֿאָרמען: אונטערשטיצונג פֿאַר יוגנט־באַוועגונגען; מיטבאַטייליקן זיך אין די אויסגאַבן פֿונעם דערגענצונגס־חינוך דורך די שטאָט־פֿאַרוואַל־טונגען, אָדער אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווירקן צווישן דער יוגנט. אַ יוגנט־אָפּטייל פֿון מייסטעריום פֿאַר דערציאונג און קולטור פֿירט־אָן מיט דער טעטיקייט פֿונעם דערגענצונגס־חינוך דורך אָרטיקע יוגנט־אַמטן אין 39 שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען און דורך אינספּעקטאָרן פֿונעם דערגענצונגס־חינוך און נאָך 60 אָרטיקע פֿאַרוואַלטונגען. די שיטה פֿון אויפֿ־שטעלן יוגנט־אַמטן אין די אָרטיקע פֿאַרוואַלטונגען האָט באַוויזן איר עפֿעק־טיווקייט, ווייל די אָרטיקע פֿאַרוואַלטונג שטויסט זיך אָן דירעקט אָן די פּראָבלעמען פֿון דער אָרטיקער יוגנט און איז געצוווּנגען צו מאָביליזירן איר גאַנצע פֿעאיקייט פֿאָרויסצושטויסן די דערציאונג פֿון דער יוגנט.

די טעטיקייט פֿאַר דערמוטיקן יוגנט־באַוועגונגען פֿירט זיך ווי געהעריק מיט דער איניציאַטיוו און אין דער אויפֿזיכט פֿון דעם ראַט פֿאַר ענינים פֿון די יוגנט־באַוועגונגען, וואָס ווירקט ביים מיניסטעריום פֿאַר דערציאונג און קול־טור. עס איז באַשטימט געוואָרן דער סדר פֿון די טעטיקייטן אין יוגנט־באַ־וועגונגען ביי די עלעמענטאַרע שולן. עס זענען געגרינדעט געוואָרן סטאַבילע אונטערנעמונגען, וואָס באַדינען אַלע יוגנט־באַוועגונגען.

שולן פֿאַר יוגנטלעכע אַרבעטער פֿאַר יענע יוגנטלעכע, וואָס האָבן נישט

פאַרענדיקט זייערע לימודים אין אַן עלעמענטאַרער שול, די לערן־ראַמען פון טײלווייזע איבער־עלעמענטאַרע שולן פאַר יענע יוגנטלעכע, וואָס זעצן נישט פאָר די לימודים אין אַ פולער איבער־עלעמענטאַרער שול, די פּראַקטישע קלאַסן פאַר יענע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געענדיקט די עלעמענטאַרע שול און נויטיקן זיך נאָך איבערצוגיין דאָס מאַטעריאַל פון די אַלגעמיינע לימו־דים — אויך די דאָזיקע ראַמען און זייער פאַרנעם און אין זייערע אינהאַלטן זענען נאָך נישט די טרעגער פאַר דער בשורה־תשובה אויף צו לייזן דעם פּראָבלעם וואָס מיר האָבן באַרירט. דער דאָזיקער פּראָבלעם גייט נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג אין אַמת, זוכנדיק נייע לייזונגס־דרכים.

דער אַראַבישער חינוך

אין לערניאָר תשכ״ד און אין אָנהייב תשכ״ה זענען דערשינען אין דרוק 34 לערנביכער פאַר די עלעמענטאַרע־און מיטלשולן. ביזן סוף פון דעם לערניאָר וועלן דערשיינען נאָך 14 לערנביכער. כאָטש דער פּראָצענט פון דיפּלאָמירטע לערער אין די אַראַבישע שולן שטייגט פון יאָר צו יאָר, איז נאָך אַלץ באַ־שעפטיקט אין זיי בײַ אַ 53% נישט־דיפּלאָמירטע לערער. דער מלוכהשער סעמינאַר פאַר אַראַבישע לערער און קינדער־גערטנערינס איז פאַריאָרן אי־בערגעגאַנגען פון יפו אין זיין נייעם בנין אין חיפה. דער דאָזיקער אַנשטאַלט קען אויפנעמען 140 תלמידים. היי־יאָר לערנען דאָרט 112 תלמידים אין פיר גרופן געפירט דורך 25 לערער. די תלמידים באַקומען הלוואות פון 200—500 ל״י אַ יאָר, יעדער לויט זיין עקאָנאָמישע לאַגע.

דער פּראָצענט פון אַראַבישע תלמידים, וואָס באַקומען מאַטורע־צייגענישן, איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל וואָס טרעט־צו צו די עקזאַמינעס פיל גע־שטיגן. אין תשכ״ד האָבן באַקומען מאַטורע־צייגענישן 40.2% פון די, וואָס זענען צוגעטרעטן צו די עקזאַמינעס אין די אַראַבישע מוניציפּאַלע מיטלשולן.

240 נייע קלאַסן וועלן אויפגעשטעלט ווערן מיט דער הילף פון 2 מיליאָן ל״י, וואָס וועט צוגעטיילט ווערן פונעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט די אָרטיקע מו־ניציפּאַליטעטן.

אין תשכ״ו וועט די אָפּטיילונג פאַר אַראַבישער דערציאונג זיך פאַרנעמען מיטן פאַרענדיקן בויען דעם סעמינאַר פאַר לערער אין חיפה; מיטן אויפ־

שטעלן בנינים פאַר קלאַסן; מיטן אַנטוויקלען פאַכשולן; מיטן עפענען נייע ריכטונגען אין פאַכשולן; מיטן איינפירן די גרופּירונג־שיטה אין די קלאַסן ו׳—ח׳; מיטן אַרויסגעבן לייענביכער אויף אַראַביש פאַר קינדער און מיטן פאַרגרעסערן די טעטיקייט פאַר אויסצובילדן די נישט־דיפּלאָמירטע לערער.

אין איבער־עלעמענטאַרן־און פאַך־חינוך

פון צווישן 100,000 תלמידים בערך, אין די איבער־עלעמענטאַרע שולן, האָבן געלערנט אין תשכ״ה בערך 83,000 תלמידים (וואָס באַטרעפן ביי אַ 84%) פון דער מיטבאַטייליקונג פון מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור אין זייער שכר־לימוד. פון זיי: ביי אַ 45,000 תלמידים אין אַלגעמיינעם מיטלשול־חינוך; ביי אַ 22,000 תלמידים אין פאַך־חינוך; ביי אַ 16,000 תלמידים אין אַגראַר־חינוך (צוגעבנדיק די המשך־קלאַסן). 30,000 תלמידים זענען פול־שטענדיק באַפרייט געוואָרן פון שכר־לימוד. אויסער די, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן, געניסן ביי אַ 50,000 תלמידים, וואָס באַטרעפן ביי אַ 50% פון אַלע תלמידים אין די איבער־עלעמענטאַרע שולן, פון הנחות אויף שכר־לימוד, פון 55% ביז 10%. בשותפות מיטן פינאַנס־מיניסטעריום איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, לויט וועלכן ס׳וועט פאַרברייטערט ווערן, אָנהייבנדיק פון תשכ״ו, הדרגהדיק אַ באַפרייאונגס־קרייז פון שכר־לימוד אין די אַנ־שטאַלטן פון די איבער־עלעמענטאַרע שולן. אין תשכ״ה זענען, ווי געזאָגט, באַפרייט געוואָרן פון שכר־לימוד 33% פון די תלמידים, אין תשכ״ו וועלן באַפרייט ווערן 40%; אין תשכ״ז — 45%; אין תשכ״ח — 50%.

אָנהייבנדיק פון תשכ״ה וועלן אויך פאַרגרעסערט ווערן די הנחות פאַר תל־מידים פון יענע שיכטן, וואָס געניסן פון אַ קאַטעגאָריזירטן שכר־לימוד.

אַנטקעגן די אַלץ גרעסערע באַדערפענישן פון פאַכלייט אין דער אינדוסטריע און אין די באַדינונגען, האָט דער מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור איניציאירט אַ פינף־יאָר־פּלאַן צו פאַרטאָפּלען די צאָל תלמידים אין די פאַכ־שולן. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גרונט־פּראָיעקט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, און ס׳זענען געמאַכט געוואָרן אָפּמאַכן מיט דער פאַרוואַלטונג פון „אָרט״ און „עמל״, וואָס האָבן זיך פאַרפליכטעט אויסצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן דורך פאַרברייטערן די מעגלעכקייט פון אויפנעם אין די פאַכשולן. דער מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור האָט זיך דערקעגן פאַרפליכ־

טעט צו פֿאַרגרעסערן זייַן סובסידיע אויסצוהאַלטן און באַטייליקן זיך אין אײַנשאַפֿן נייע אייַנריכטונגען.

אין תשכ״ה געפֿינען זיך אין איין־און־דרייסיק אַנטוויקלונגס־ישובים און שטעטלעך, וואָס נעמען אויף עליה, 84 אַנשטאַלטן פֿאַר איבער־עלעמענטאַרן חינוך, אין וועלכע עס לערנען 10,845 תּלמידים. פֿון זיי 5,216 אין 32 אַל־געמיינע שולן און 5,629 אין 52 פֿאַך־און אַגראַר־שולן. לויטן איבערבליק פֿון דער תּלמידים־באַפֿעלקערונג פֿאַרן יאָר 1970 וועלן זיך געפֿונען אין די דערמאָנטע 31 ישובים בײַ אַ 41,000 תּלמידים. דעריבער וועט זיך פֿאַרלאַנגען אַ צוגאָב פֿון 39 אַנשטאַלטן פֿאַר איבער־עלעמענטאַרן חינוך.

דאָס מיניסטעריום פֿאַר דערציאונג און קולטור, מיט דער טעטיקער הילף פֿון פֿינאַנס־מיניסטעריום, און אויסער דער רעגירונג־סובסידיע, איז טעטיק צו קאָנצענטרירן גרויסע געלט מיטלען פֿון יידישע נדבנים אין חוץ־לארץ, אויסצובויען אין די נאָענטע פֿיר יאָר, אין איינקלאַנג מיט דעם דאָזיקן פּלאַן, אַ נעץ פֿון איבער־עלעמענטאַרע שולן, אין אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען און אין די שטעטלעך, וואָס נעמען־אויף עליה. און דערלויבט מיר אויסצודריקן אונדזער אָנערקענונג די מענטשן פֿון פֿאַראייניקטן יידישן מגבית אין אַמע־ריקע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף אונדזער ביטע און האָבן געגרינדעט אַ ספּעציעלן פֿאָנד צו פֿלעגן איבער־עלעמענטאַרן שול־חינוך אין די אַנט־וויקלונגס־ראַיאָנען און אין די ישובים, וואָס נעמען־אויף עליה אין ישראל. זאָלן זיי און די ביישטייער געבענטשט זייַן פֿאַר דעם. די טעטיקייט אין דער ריכטונג איז אַ שטענדיקע. עס איז פֿאַראַן אַ גרונד צו דענקען, אַז די דאָזיקע אָנשטרענגונגען וועלן האָבן אַ גרויסע הצלחה.

אַגראַר־און ים־חינוך

ווי עס איז באַקאַנט, זענען אין די לעצטע יאָרן פֿאָרגעקומען ענדערונגען אין דער ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד, אין דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפֿט — אויפֿן מאַטעריזאַציע געביט, ביים מאַכן פֿאַרשידנאַרטיק אירע צווייגן און אין די אַגראַטעכנישע סיסטעמען. עס האָבן זיך אויך פֿאַרברייטערט די באַשעפֿ־טיקונגס־צווייגן אין דאָרף אויף די געביטן פֿון האַנטווערקעריי, אינדוסטריע, פֿאַרקויף פֿון דער אַגראַר־פּראָדוקציע און איינלאַגערונג. פֿון דאַנען שטאַמען די מסקנות לגבי די שולן אין דאָרף. עס איז אויך פֿאַראַן אַ באַדערפֿעניש

צוזאַמענצוגיסן פאַך־אויסבילדונג מיט אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אויף דער התיישבות. דער אָפּטייל פאַר אַגראַר־חינוך פּאַסט זיך צו צו די דאָזיקע ענדערונגען. אין די לעצטע יאָרן פאַרצייכנט זיך אַ פּאַמעלעכער וווּקס פונעם אַגראַר־חינוך. אין אַלע ראַמען פון אַגראַר־חינוך האָבן זיך געפונען אין תשכ״ה 25,495 תלמידים.

דע אָפּטייל פאַר אַגראַר־חינוך האָט בדעה זיך אָפּצוגעבן אין לערניאָר פון תשכ״ו מיטן פאַרגרעסערן די מעגלעכקייט פון אויפנעם אין די אינטערנאַטן פון די אַגראַר־שולן (מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע); מיטן אַנטוויקלען די ריכטונגען פאַר אַגראָטעכניק און הויז־שפּייזונג אין אַלע ראַיאָן אַגראַר־שולן און אין די המשך־קלאַסן; מיטן פאַרברייטערן די ריכטונגען פאַר טעכניק אין די איבעריקע אַגראַר־שולן און מיטן אויסבויען וווינונגען פאַר לערער.

די אַנטוויקלונג פון די ים־ווירטשאַפט צווייגן, און אין ערשטער ריי די אַנט־וויקלונג פונעם האַנדלס־פלאָט אין ישראל, האָבן פאַרשאַרפט דעם פּראָבלעם פון יידישן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס זאָל זיי באַדינען. די צאָל פון פרעמדע אַרבעטער אין האַנדלס־פלאָט דערגייט צו 30%, און די צאָל פרעמדע אָפּי־צירן שטייגט אַריבער 40% פונעם גאַנצן אָפּיצירן־שטאַנד, מיט אַלע קאָמ־פּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס שטאַמען פון דעם דאָזיקן פאַקט. דער ים־חינוך ווערט אויפגעפאָדערט צו צושטעלן יאָר־יאָר דער ים־באַשעפטיקונג 8%–10% פון צאָל באַשעפטיקטע ביי די ים־צווייגן, ס׳הייסט: ביי אַ 1,200 נייע אַרבע־טער, וואָס קלייבן זיך פונאַנדער אין די ים־צווייגן. די פאַראַנענע צוויי ים־שולן, אַ שול פאַר פישפאַנג און מאַטראָזן־שול אין מבואות־ים ביי מכמורת, די ימישע שטרעמונג אין די שולן פון די קיבוצים שדות־ים און מעגן־מיכאל, די שטרעמונג פון ים־מאַשינעריע אין דער ים־שולע „זבולון״, די שטרעמונג פאַר מאַטראָזן אין כפר הנוער ניצנים, שטרעמונגען פאַר ים־ווירטשאַפט און ים־מאַשינעריע אין דער שול פון „אָרט״ אין נתניה, און צולעצט — דער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס קומט דורך די אַרבעט־אַמטן — דאָס אַלץ צוזאַמען שטעלן נישט צו מער פון 300 אַרבעטער אַ יאָר פאַר אַלע ים־פאַכן.

די באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר ים־חינוך ביים מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור, האָט אויסגעאַרבעט אַן אַנטוויקלונגס־פּלאַן אויף די נאָענטע פינף יאָר מיטן שטרעבן צו פאַרגרעסערן דרייפאַכיק דעם פאַרנעם פונעם ים־חינוך. די הצלחה פון דעם דאָזיקן פּלאַן הענגט אָפּ פון דריי זאַכן: פון אַריינ־ציען די ישראל־יוגנט אין ימישער אויסבילדונג, פון אויסבילדן לערער און

אינסטרוקטאָרן פאַר ים־חינוך, און פון גרויסע געלט־מיטלען. דער ים־חינוך איז אויפגעשווומען אין אַ גרויסן פאַרנעם און פאָדערט פאַר זיין אַנטוויקלונג אַ נישט־קאָנווענציאָנעלן צוגאַנג פון דער יוגנט, פונעם ציבור און פון דער מדינה.

אינעם הויכשול־חינוך

צו מיינע רייד וועגן הויכשול־חינוך וויל איך פריער צוגעבן אַ פּאָר ציפערן: אין יאָר תשי״ט ביז תשכ״ד, ס׳הייסט אין משך פון פינף יאָר, איז געוואַקסן די צאָל תלמידים, וואָס זענען צוגעגאַנגען צו מאַטורע עקזאַמינס מיט 140% (פון 3,900 בערך אין תשי״ט צו 8,100 בערך אין תשכ״ד); די צאָל, וואָס איז באַרעכטיקט צו באַקומען מאַטורע־צייגענישן (איינשליסנדיק יענע, וואָס נויטיקן זיך אין אַ צוגאָב־עקזאַמען פון איין קעגנשטאַנד), איז געשטיגן אין די פינף יאָר, פון תשי״ט ביז תשכ״ד, מיט 184% (פון 2,450 אין תשי״ט ביז 7,000 אין תשכ״ד); די צאָל פון די, וואָס האָבן באַקומען מאַטורע־צייגענישן פּראָפּאָרציאָנעל מיט די, וואָס זענען צוגעגאַנגען צו די מאַטורע־עקזאַמינס, איז געשטיגן פון 75% אין תשי״ט אויף 88% אין תשכ״ד.

אין תשכ״ו האָבן געלערנט אין אַלע אַנשטאַלטן פאַר הויכער בילדונג 19,400 סטודענטן (צייישן זיי אַ פּאָר הונדערט סטודענטן פון חוץ־לארץ). 10,400 לערנען אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט (איינשליסנדיק דעם תל־אביבער צווייג); 3,700 — אין טעכניקום; 180 — אין וויצמאַן־אינסטיטוט (גרייטן זיך צום טיטל דאָקטאָר); ביי אַ 2,700 — אין דער תל־אביבער אוני־ווערסיטעט; ביי אַ 1,500 — אין בר־אילן אוניווערסיטעט; און ביי אַ 750 — אין אוניווערסיטעט־אינסטיטוט אין חיפה.

11,200 סטודענטן, וואָס באַטרעפן 57.7%, לערנען הומאַניסטישע וויסנשאַפט, געזעלשאַפט־און געזעץ־וויסנשאַפט; 3,700 — 19% — טעכנאָלאָגישע פאַכן; 2,900 — 14.9% — נאַטור־וויסנשאַפט; 800 — 4.2% — מעדיצין; 400 — 2.1% — לאַנדווירטשאַפט.

דער וווקס (אַבסאָלוטער און פּראָפּאָרציאָנעלער) אין צאָל פון די מאַטורזשיסטן שפּיגלט זיך אָפּ אין אַן אַלץ אַ מער וואַקסנדיקער צאָל יעדעס יאָר צווישן די סטודענטן אין די אַנשטאַלטן פאַר הויכער בילדונג. אויב אין תשכ״ה זענען

נישט אָנגענומען געוואָרן ביי אַ 500 פון די רעגיסטרירטע אויף נאַטור־וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגישע פאַכן, צוליב נישט קענען אויפנעמען זיי, איז אַוודאי זיכער, אַז אין תשכ״ו וועט די לאַגע שאַרפער ווערן אין די פאַקולטעטן פאַר הומאַניסטישער וויסנשאַפט; אַזאַ סכנה דראָט, על־כל־פּנים, אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט. ווייל אין תשכ״ו וועלן די אַנשטאַלטן אויפפאָדערן די הויך־בילדונג אויפצונעמען אַ בערך אָפּגעשאַצטע צאָל סטודענטן, וואָס איז גרעסער מיט 20% פון דער צאָל, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין תשכ״ה (7,300). די לאַגע וועט נאָך מער זיך פאַרשאַרפן אין יאָר תשכ״ז, ווען ס׳איז צו דערוואַרטן, צוליב די דינסט־חדשים אין צה״ל, אַ גרויסער וווקס פון דער צאָל קאַנדידאַטן פאַר הויך־בילדונג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, מיט אַ פאַרדריסלעכער פאַרשפּעטיקונג, אַז די אַנשטאַלטן פאַר הויך־בילדונג זענען בדרך כלל נישט צוגעגרייט, טאַקע נישט פון זייער שולד, אויפצונעמען אַלע קאַנדידאַטן פאַרן הויכן חינוך, וואָס די צאָל זייערע פאַרגרעסערט זיך יעדעס יאָר. דאָס פעלן אופנאַם־מעגלעכקייטן וועט זיך פילן בעיקר אין תשכ״ז. ס׳איז איבעריק צו דערקלערן, אַז אַנטקעגן דער אויפנאַם־מעגלעכקייט, וואָס איז פאַראַן, איז נישטאָ קיין אויסזיכט פאַרן פּלאַן צו פאַרטאָפּלען די צאָל סטודענטן אין די קומענדיקע פינף יאָר. דאָס אויספירן דעם דאָזיקן פּלאַן פאַרפליכטעט אַ גרויסע אַנטוויקלונג און צוגרייטונג פון לערער פון אונטעריכט און פאָרשונג פאַר די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן. דאָס פאַרלאַנגט עפעקטיווע פּלאַנירונג פאַר אַ פּאָר יאָר אין פאָרויס. עס פאַרפליכטעט אין פאָרויס אויסצוקריסטאַליזירן, דורך דער רעגירונג און כנסת, די מיטלען, וואָס וועלן שטיין אין רשות פון די דאָזיקע באַדערפענישן, און די מיטלען פאָדערן זיך אין מאָסן, וואָס גייען־אַרויס פון יעדער קאָנוועניץ לגבי דעם הויכן חינוך ביז איצט.

די פּלאַנירונג פונעם הויך־חינוך און דאָס פעסטשטעלן די פאָרצוגן ביים אויסבילדן אַקאַדעמישן מענטשן־מאַטעריאַל, קאָנען מער נישט בלייבן דער עקסקלוזיווער באַזיץ פון יעדן אַקאַדעמישן אַנשטאַלט, ווי די זאָרג פאַר דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פונעם אַקאַדעמישן אַנשטאַלט אין ישראל דאַרף נישט זיין בלויז זיין זאָרג. עס דאַרף אויפקומען אַ מלוכהשע פאַרוואַלטונג מיט רעכט אויפן געביט פון הויכן־חינוך. די רעכט פון דער דאָזיקער מלוכהשער פאַרוואַלטונג דאַרפן זיין פעסטגעשטעלט און באַגרעניצט דורכן געזעץ, וואָס זאָל פאַרזיכערן צוזאַמען מיט דעם די אינערלעכע אָטאָנאָמיע פון די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן.

די קולטורעלע טעטיקייט אין ישראל

די קולטורעלע טעטיקייט צווישן דער געזעלשאַפט אין ישראל דעקט למעשה די חינוך־בילדונג, די ליטעראַטור־און קונסט־טעטיקייטן צווישן דער געזעל־שאַפט. די הויפּט־געזעלשאַפטלעכע־און מלוכהשע־פאַקטאָרן, וואָס פלעגן קול־טורעלע טעטיקייטן, זענען: די אָרטיקע מוניציפּאַליטעטן, וואָס סובסידירן די קולטורעלע טעטיקייטן מיט ביי אַ 20 מיליאָן ל״י אַ יאָר; פּרויען אָרגאַ־ניזאַציעס אין ישראל; די מושב־און קיבוץ־באַוועגונג, וואָס פינאַנסירט אין אירע ישובים אַ סיסטעמאַטישע שטענדיקע קולטור־טעטיקייט; די רעליגיעזע טעטיקייט, וואָס פירט זיך אין די בתי־כנסת; דער צענטער פאַר אינפאָר־מאַציע, וואָס זיין הויפּט־טעטיקייט פירט זיך אין די ישובים פון די עולים; „קול ישראל״, וואָס זיינע זענדונגען דערגייען צו יעדער שטוב; צבא־הגנה לישראל, וואָס האַלט־אויס בילדונג־און קולטור טעטיקייטן פאַר די מאַבי־ליזירטע; דער געזעלשאַפטלעכער־ראַט פאַר קולטור־און קונסט, און צום לעצט — דער מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור.

עס איז באַזונדער כדאי צו באַטאָנען די טעטיקייט פאַר דערווערבן די שפּראַך, וואָס נעמט אַרום העכער 20,000, וואָס לערנען אין די פאַרשידענע אולפּנים, אין וועלכע עס זענען פאַראַן ביי אַ 11,000 אין האַלב־יאָריקע און צוויי־יאָריקע קורסן — מיט דער באַטייליקונג פון דער דירעקציע פון דער יידישער אַגענץ; די טעטיקייט אויסצוואָרצלען דאָס עמארצות, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן אין 1964, און גייט ווייטער אָן מיט הצלחה און פירט זיך אין העכער הונדערט ישובים און צווישן העכער 10,000 מענער און פרויען. די טעטיקייט ווערט אויסגעפירט דורך 700 לערער, 200 זעלנערקעס און זעלנער, וואָס האָבן פרייוויליק זיך געמאָלדן צו דעם, און דורך הונדערטער פרייוויליקע בירגער. עס האָט געוואַקסן די באַשטייערונג פונעם מיניסטעריום פאַר דער אונטערנעמונג אויסצובילדן דערוואַקסענע, וואָס ווערט אויסגעפירט מיט דער באַטייליקונג פון פאַרשידענע גורמים, אָרטיקע און צענטראַלע, וואָס נעמט אַרום אין לאַנד ביי אַ 50,000 לערנער.

דער בודזשעט פאַר קולטור פונעם מיניסטעריום איז געווענדעט צו אונטער־שטיצן הונדערטער טעטיקייטן און אונטערנעמונגען, וואָס טיילווייז זענען זיי איניציאירט דורך אונדז און אין גרויסן טייל זענען זיי די פּרוכט פון אַ פאַרשידנאַרטיקע און צעצווייגטע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו, וואָס מיר אונטערשטיצן מער־וויניקער, אין איינקלאַנג מיט די מיטלען, וואָס שטייען

צו אונדזער רשות און אין איינקלאַנג מיטן פאַרנעם פונעם ענין און זיין ווערט. אָן שום חשד פון איבערטרייבונג קען מען פעסטשטעלן, אַז דער מי־ניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור דינט ווי אַ מין צענטער פאַר יעדער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו, וואָס איז געווענדעט פאַר קולטורעלער טע־טיקייט. אָבער די דירעקטע אויפגאַבע זיינע וועט דער מיניסטעריום זען אין אַנטוויקלונג פון קולטורעלער טעטיקייט צווישן די מאַסן, געבנדיק פאַרצוג די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען און די ישובים פון עולים. אין דער ריכטונג וועט קאָנצענטרירט ווערן די אויפמערקזאַמקייט פון אונדזער מיניסטעריום צו פאַרמערן סטאַבילע פלעצער פאַר קולטורעלע טעטיקייטן אין די ישובים — אין פאָלקס־הייזער און אין קלובן.

צום סך־הכל

די יידישע קולטור אין גלות האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דורך דער טראַ־דיציע, וואָס איז געשטאַנען איר צו דיספאָזיציע, דורך דעם לעבן פון יידן אין האָמאָגענישע קיבוצים, און דאָס לעבן האָט זיך געפירט אין די אייראָ־פעאישע לענדער, אין אַמעריקע און אין די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, איינזאַפנדיק קולטור־ווערטן פון די פעלקער צווישן וועלכע די יידישע קיבו־צים זענען געזעסן. אָבער דער כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור אין גלות איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם וואָס איז נישט געשטאַנען צו איר דיס־פאָזיציע; און ס'איז נישט געשטאַנען צו איר דיספאָזיציע נישט קיין פאָטער־לאַנד, נישט דאָס געפיל פאַר נאַטור, נישט קיין אַטריבוטן פון אַ סוווערענער מדינה, נישט קיין אינטעגראַציע פון שעפערישער אַרבעט, און פרייהייט באַ־דינגונגען צוליבן דרוק פון דער פרעמדער, און נישט קיין לעבן אין אַן אַרומ־נעמענדיקע אייגענע קולטור — די שאַפונגס־כוחות פון פאָלק זענען גע־ווענדעט געווען בעיקר כלפי פנים.

דאָס יערטייג פון דער ישראל־קולטור ליגט אין דעם, וואָס אין ישראל זענען אונדז איפגעקומען די יסודות, וואָס האָבן אונדז געפעלט אין גלות; פאַר אַן איבערגאַנג־עפּאָכע זענען מיר אַן עטראָגענישער קיבוץ פון יידן אין וועלכן עס ווירקן אָפּשטאַמיקע פון די אייראָפּעאישע לענדער, אָפּשטאַמיקע פון אַזיע־און אַפריקאַנער־לענדער, און צום ערשטן מאָל — דער יינגער דור, וואָס וואַקסט אין ישראל; פאַר אַ תקופה, וואָס מען זעט נאָך נישט איר סוף, טראָגט זיך אויף צו אונדז דער רייך־שאַל פון מאַסן קולטור, וואָס קומט פון

דרויסן, און באַזיצט אַ ריזן כוח; פֿאַר אַ לאַנגער תקופֿה איז ישׂראל פֿאַר־משפּט צו די ווייען פֿון איינלעבן זיך מיט דער רעליגיעזער קולטור און מיט דער וועלטלעכער קולטור צוזאַמען.

דער ווייל שאַפֿט זיך אַ ווירקלעכקייט, וואָס לויט איר לערנען העכער זיבעציק טויזנט תּלמידים אין די חינוך־שטאַפּלען און אין אירע פֿאַרשידענע ראַמען, ביז צו די אַנשטאַלטן פֿאַר העכער בילדונג; נאָכדעם וואָס ס'זענען געקומען קיין ישׂראל העכער אַ מיליאָן יידן פֿון פֿאַרשידענע לענדער, מיט דעם גאַנצן ערב־רב פֿון שפּראַכן, וועלן מיר אויסגעפֿונען, אַז דער פּראָצענט פֿון עבֿרית־ריידנדיקע צווישן דער באַפֿעלקערונג פֿאַלט נישט אַראָפּ פֿון דעם פּראָצענט, וואָס איז געווען אין לאַנד אין יאָר 1948, ווען מיר זענען געווען אַ סעלעק־טיווער קליינער ציבור; עס גייט־אָן אין דער מדינה אַן אָנאויפֿהערנדיקער פּראָצעס פֿון קולטורעלער שאַפֿונג, פֿון קולטורעלע טואונגען און פֿון קולטו־רעלע טעטיקייטן אויף די געביטן פֿון דיכטונג און פּראָזע, טעאַטער, מאָלעריי, סקולפּטור, מוזיק, פֿילאָזאָפֿיע און וויסנשאַפֿט, איבערזעצונגען פֿון פֿרעמדע שפּראַכן, די כינוס־טעטיקייט פֿון אונדזער קולטורעלער ירושה, סיי די וועלט־לעכע און סיי די רעליגיעזע; ערנסטע סטאַבילע פֿאַרלאַגן; טאָג־פּרעסע, וואָס ווי אַ כּלל צייכנט זי זיך אפֿשר אויס לטובֿה פֿון דער אַלגעמיינער פּרעסע אין אַנדערע מדינות; אַן ערנסטע פֿעריאָדיק פֿאַר מחשבֿה און קונסט; דאָס פּראַווען די טראַדיציאָנעלע און נאַציאָנאַלע יום־טובֿים; די לאַנד־קאָנפֿערענצן פֿאַר וויסנשאַפֿט און קולטור — ישׂראלדיקע און אינטערנאַציאָנאַלע — קול־טורעלע טעטיקייט פֿון די אַלע גורמים, וואָס נעמען אַרום אין לויף פֿון יאָר זעלבשטענדיקע געזעלשאַפֿטן. ווער עס ליינט די טאַבעלע פֿון ערנסטע ענינים, וואָס דערלאַנגט אונדז דער זענדער; ווער עס פֿאָלגט־נאָך, און ווען אַפֿילו בלויז די מודעות אין דער פּרעסע, די צוזאַמענקונפֿטן, די קרייזן, די פֿאַר־שידענע לערן־קורסן, ווער עס קען דאָס אַלץ — איז נישט מעגלעך ער זאָל זיך נישט איבערצייגן, אַז ס'איז פֿאַר אים פֿאַראַן דאָ אַ קולטורעלער בינען־שטאָק מיט וועלכן מען קען זיך רימען.

און אויב וועט אַ גוט אויג מאַכן דעם איבערבליק איבער דעם, וואָס עס טוט זיך אין ישׂראל, וועט עס אַנטפּלעקן אָן אַ שיעור קולטור דערשיינונגען אין דעם דאָזיקן ישׂראל, וואָס מיר אַלע קריטיקירן עס און ווערן קריטיקירט: די פֿולע פֿרייהייט פֿון בירגער; די שטאַרקע יסודות פֿון פּאָליטישער און סאָציאַלער דעמאָקראַטיע; דער הומאַניסטישער מהות פֿון דער מלוכהשער געזעצגעבונג, די באַדינונגען פֿאַרן פֿאָלק; די געטרייהייט פֿונעם כּלל צו דער

קליטה און עליה, צו איר איינוואָרצלען זיך, און צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס שיטות מטפּל צו זיין מיט דעם; די קיבוצישע־און מושב־התיישבות, וואָס איז אַן אָרגינעל ישׂראל פאַרמעג; די גרענעץ־ישובים; דער פאַקט, אַז דער רוב פון פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרבעטנדיקן פאָלק; דער אינערלעכער כאַראַקטער פון צבא־הגנה לישׂראל און אַן אַ שיעור אַנדערע דערשיינונגען.

כדי דאָס אַלץ צו זאָגן, דאַרף מען כּלל נישט פאַרזען די נעגאַטיווע דערשיינונגען, אָדער די נעגאַטיווע פאַקטן, מיט וועלכע אונדזער געזעלשאַפט־לעבן איז דורכגעוועבט. אָבער אַ קולטור פון אַ געזעלשאַפט איז קיין־מאָל נישט סטאַטיש. אין יעדער צייט ווירקן אין איר כּוחות, פאַקטאָרן און השפּעות צו ענדערן זי. די פראַגע וואָס דאַרף אונדז באַשעפטיקן איז: וואָס איז די טענדענץ פון דער ישׂראל קולטור־אַנטוויקלונג, און ווי צו העלפן דער געוווּנטשטער אַנטוויקלונג; און ס'איז נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג שוין איצט צו פרעגן מיט אַ פּעסעמיסטישן טאָן, למשל: ישׂראל־קולטור — וואוהין?" אָדער „וואָס וועט ווערן פון דער ישׂראל־קולטור?"

מיר זענען געווען זעכציק דורות מחוץ אַ יידישער מדינה און בלויז אַ האַלבן דור אין איר. און ס'איז אין דער מדינה פאַראַן סיי שאַפונג, סיי נאָכמאַכונג און אַפילו דערשיינונגען פון פאַרקרומונג.

דעם הויפּט־גורם צו לענקן די פּראָצעסן פון אונדזער קולטור־שאַפונג דאַרף מען זען אין דער דערציאונג פון פאָלק, פון קינדער און פון יוגנט צו אַ קולטור, וואָס אַ מענטש צו אַ מענטש איז ביי איר — אַ מענטש. און אויף די פילאַרן פון אַזאַ קולטור דאַרפן מיר בויען אַ לאַנד, פלעגן אַ געזעלשאַפט, אויפשטעלן אַ מדינה פאַר יידן פון דער גאַנצער וועלט.

עס פעלט אונדז אַ גוטער אַרומנעמענדיקער חינוך פאַרן יונגען דור, ווי אַ גאַראַנטיע פאַרן עצם עקזיסטענץ אונדזערן. עס פעלט אונדז אַן אַרומנעמענדיקער גוטער חינוך פאַרן ייִנגן דור, כדי ער זאָל אויפבויען אַ בעסערע ישׂראל, אַ בעסערע געזעלשאַפט, ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט; ווייל חינוך איז אַ מאָנאָלאָג פון עלטערן דור צום ייִנגערן דור, וואָס פירט צו אַ דיאַלאָג אויפן געביט פון מחשבה און טאַט. און מיר נויטיקן זיך אין אַן אַרומנעמענדיקן און גוטן חינוך כדי עס זאָל זיך בויען אַ געזעלשאַפט באַזירט אויף פרייהייט און גערעכטיקייט, אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַרמאָגט צוציאונגס־קראַפט פאַר

יוגנטלעכע פון די תפוצות, אַ ישראל־געזעלשאַפט, וואָס זאָל באַזייטיקן די יידישע מידעקייט און זאָל אַרויסברענגען כוחות פאַרן המשך־געראַנגל פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. און מיר נויטיקן זיך אין אַן אַרומנעמענדיקן גוטן חינוך פאַר אונדזער יינגן דור, כדי ער זאָל בויען אַ מדינה, וואָס זאָל דערוועקן האָפענונג און גלויבן אין די הערצער פון מיליאָנען יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס ראַנגלען זיך צו ראַטעווען זייער נשמה — עד יעבור זעם.

אָבער עס פאַסירט, אַז געדאַנקען אויף אַן אַנדער געביט פאַרכאַפּן דיך. מיר האָבן נעגירט אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי מיר נעגירן איצט, די אַפּאָלאָגע־טישע אויפפאַסונג וועגן יידישן פאָלק אַלס טרעגער פון אַ מיסיע פאַר די גוים; אָבער מיר האָבן דאָס נישט אָפּגעלייקנט, אַז די יידישע היסטאָריע האָט געהאַט אַ באַשטימונג, וואָס האָט פיל בייגעשטייערט צו דער וועלט־קולטור. פון ווייטן און פון טיפן, ביודעים ובלא יודעים, אַמאָל צוליב פרייהייט און אַ מאָל צוליב אונטערדריקונג, האָט דאָס יידישע פאָלק צעברויזט פיל־באַדייטנדיקע פּראָצעסן אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור און געזעלשאַפט.

דערווייל זענען מיר אינגאַנצן פאַרכאַפּט פונעם ענין אויפצושטעלן אַ באַזע פון חינוך פאַרן פאָלק, וועגן וועלכע כ'האָב דערציילט מיט גראָע און פראָ־זאַישע זאַצן, ווי עס פאַסט זיך צו שילדערן יעדע באַזע.

ישראל ישעיהו

צווישן דער יידישער רעליגיע און דער יידישער מדינה

אַ גוטע צייט פאַרן רעליגיעזן לעבן אין ישראל

אין דער דעקלאַראַציע וועגן אויפקום פון מדינת־ישראל איז פאַרשריבן און געחתמעט געוואָרן, אַז זי „וועט פאַרזיכערן פרייהייט פון רעליגיע, געוויסן, שפּראַך, דערציאונג און קולטור", בעת אין נייַנצענטן יאָר פון איר עקזיסטענץ שטייען פּראָבלעמען פון אַן אויסגעשפּראָכענעם רעליגיעזן כאַראַקטער אין צענטער פון איר אינערלעכן לעבן, און שאַפן אַ מחלוקת און ברויזן־אויף אָנאויפהער די געמיטער.

זאָגט דאָס עדות, אַז די פרייהייט פון רעליגיע איז נישט פאַרזיכערט? ניין און נאָכאַמאָל ניין. ווייל דער בירגער אין מדינת־ישראל קען זיין אַ ייד, אַ קריסט, אַ מוסלמענער, אָדער אַן אָנהענגער פון יעדער רעליגיע אויסער זיי, און קען אַפילו איבערגיין פון רעליגיע צו רעליגיע ווי עס גלוסט זיך אים. ער איז פריי צו לעבן פול זיין רעליגיעז לעבן און מקיים זיין אַלע מצוות מעשיות פון זיין רעליגיע נישט געשטערט פון קיינעם.

נאָכמער, די מדינה האָט אויף זיך גענומען צו העלפן אירע בירגער צו באַקומען רעליגיעזע באַדינונגען און אויפצושטעלן רעליגיעזע אינסטאַנצן, סיי אַדמיניסטראַטיווע, סיי יורידישע, און האָט אַפילו פאַר דעם צוועק געשאַפן געהעריקע געזעצן.

און פונדעסטוועגן הערשט אַ שפּאַנונג צווישן די מנהיגים פון די רעליגיעזע אַנשטאַלטן און צווישן דער מדינה, און די דאָזיקע שטימונג וואַקסט און ווערט אַלץ גרעסער. און זע: די דאָזיקע שפּאַנונג קומט נישט פאַר צווישן די רעליגיעס — ווי למשל די מוסלמענישע, קריסטלעכע, אָדער דרוזישע, — און צווישן דער מדינה, נאָר דווקא צווישן דער יידישער רעליגיע און דער יידישער מדינה.

עס וועט קיין גוזמא נישט זיין, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז ס'איז נאָך קיינמאָל

נישט געווען אַזאַ גוטע צייט פאַרן רעליגיעזן לעבן אין ישראל, ווי די צייט פון מדינת־ישראל.

עס זענען טאַקע געווען צייטן, אַז יידישע קהילות סיי אין מזרח־אייראָפּע סיי אין מערב, און סיי אין אַזיע און אין אַפריקע, — האָבן געלעבט אַ פול און שלמותדיק רעליגיעז לעבן, און דאָס רעליגיעזע לעבן האָט אויסגעפילט זייער גאַנצן וועזן, אַז ס׳איז נישט איבערגעבליבן קיין אונטערשיד צווישן לעבן און צווישן דער רעליגיעזער חזקה. די גאַנצע רעליגיע איז געווען לעבן און דאָס גאַנצע לעבן איז געווען רעליגיע.

אָבער, אין קעגנזאַץ צו יענע טעג, געניסט דאָס רעליגיעזע לעבן אין מדינת־ישראל פון צוויי זאַכן:

א. יעדן רעליגיעזן מענטש איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט, און למעשה זייער אַ סך רעליגיעזע יידן, צו לעבן דאָס רעליגיעזע לעבן נישט נאָר ווי אַ גזירה פון הימל און לויט גאָטס געבאָט, נאָר אויך ווי אַ לעבן, וואָס איז כדאי, ווי אַ מעמד, אַ לעבן פון פרנסה, ווי אַ שליחות און אַפילו ווי אַ פּאָסטן, און דווקא ברווח און בכבודיק. צענדליקער טויזנטער בירגער זענען דיינים — וואָס זייער מעמד איז ווי דער מעמד פון אַ באַצירק־שופט און אויך זייער געהאַלט איז אַזאַ; זיי זענען קהילישע רבנים, רבנים אין די שכונות און ביי די עדהס; שוחטים און משגיחים אויף כשרות אין שעכט־הייזער, אין רעס־טאָראַנען און אין האָטעלן, אין דער אינדוסטריע פון פּראָדוקטן, אין שיפן און אין מיליטערישע קעמפן; לערער, דערציער און אינספּעקטאָרן אין די אַנשטאַלטן פאַר רעליגיעזן־חינוך — און נישט בלויז אין זיי! — אָנהייבנדיק פון די קינדער־גערטנער, דורך דעם עלעמענטאַרן־חינוך, מיטלשול, ישיבות און מדרשות, ביז דער רעליגיעזער אוניווערסיטעט; ישיבה־תלמידים און אַנשטאַלטן פאַר לימוד און פאָרשונג, וואָס די תורה איז זייער פאַך און זי איז זיי מפרנס בכבוד; באַאַמטער פון רעליגיעזע אַנשטאַלטן, ווי למשל דאָס רעליגיע־מיניסטעריום און זיינע צווייגן, די רעליגיעזע־ראַטן און חברה־קדישא, און אויך ווי באַאַמטער, עסקנים און טעטיקע אין רעליגיעזע פאַר־טייען, וואָס זייער רעליגיעזע טעטיקייט איז זייער פאַך און זייער פרנסה צוזאַמען. אַפילו אין די רייכסטע און פאַרפונדעוועטסטע קהילות זענען קיינמאָל נישט געווען אַזעלכע מעגלעכקייטן, וואָס געבן אַזעלכע גרויסע שאַנסן אַ סך רעליגיעזע יידן צו קאָנפראָנטירן זיך מיט דער רעליגיע און קאָנפראָנטירן זי מיט זייער לעבן און מעמד און זיין איינס מיט איר. דאָס איז אַן אידילישע

פון משיחס צייטן, וועגן וועלכער עס האָט געחלומט יעדער, וואָס האָט גע־וואָלט לערנען תורה און מקיים זיין מצוות בשלווה וברווחה.

ב. דער רעליגיעזער געריכט, די אַנשטאַלטן, וואָס געבן רעליגיעזע באַדי־נונגען, און באַזונדער דער רעליגיעזער חינוך, ווירקן און עקזיסטירן מיטן מלוכהשן סטעמפּל. עס זענען טאַקע געווען קהילות, אין וועלכע רעליגיעזע אַנשטאַלטן און די יידישע קהילה, האָבן געניאָסן פון רעגירונגס־אַנערקענונג און אַמאָל אויך אונטערשטיצט געוואָרן פון דער גויישער מאַכט. אָבער קיינ־מאָל האָבן זיי נישט געהאַט מלוכהשע רעכט, און נאָך דערצו איז עס אַ יידישע, ווי נישט אָפּצוטיילן פון דער גאַנצער סוווערענער מאַכט, סיי בירגערלעכע און סיי מיליטערישע.

אויך אין אונדזערע צייטן עקזיסטירן אין פאַרשידענע לענדער גרויסע און רייכע יידישע קהילות, אָבער אין קיין איינציקער פון זיי בליט נישט דאָס רעליגיעזע לעבן אַזוי ווי אין מדינת־ישראל.

אויב אַזוי, וואָזשע זענען אייגנטלעך די סיבות פון דער שפּאַנונג צווישן דת־ישראל און מדינת־ישראל ?

צווישן כאַראַקטער און מאַכט

עס איז באַקאַנט און אָנגענומען, אַז דער קאָנפראָנטירונגס־שליסל פון מדינת־ישראל איז די יידישקייט אירע. די רעכט פון איר אויפקום און די חזקה פון איר עקזיסטענץ איז נישט קיין טעריטאָריאַלע אָדער ראַיאָנישע, נאָר דווקא די רעכט ווי אַ יידישע מדינה, פאַר אַלע יידן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפונען, מיט בלויז איין באַשרענקונג, אַז איר בירגערשאַפט ווערט געגעבן נאָר יענע יידן וועלכע קומען אַהער זיך באַזעצן, און זי ווערט זיי געגעבן באַלד מיטן אָנקומען אַהער. מיט דעם איז זי אַנדערש פון יעדער מדינה אין דער וועלט.

ערשט נישט לאַנג האָבן זיך צעפלאַקערט שאַרפע ויכוחים אַרום דער פראַגע: „ווער איז אַ ייד?", ויכוחים, וואָס זייער ברענפּונקט איז געווען בעיקר גע־מישטע חתונות און זייערע קינדער. אָבער עס איז אָנצונעמען, אַז ערגעץ־ווו, אין די הערצער (און נישט שטענדיק ברענגט מען עס אויף די ליפּן), גייט־אָן אַ שאַרפער און האַרבער ויכוח אַרום אַ מער צענטראַלערער און אַרומנעמענ־

דיקער פראַגע: וואָס איז יידישקייט? צי איז זי בלויז נאַציאָנאַליזם, צי בלויז רעליגיע, אָדער ביידע צוזאַמען?

אויב איז יידישקייט נאַציאָנאַליזם, מיט וואָס וועט זיך אויסדריקן די נאַציאָ־נאַלע קאָנפראָנטאַציע צווישן יידן בירגער פון ישראל און צווישן מינדער־הייטן, וואָס זענען נישט קיין יידן און זענען ישראל־בירגער און געהערן צום „ישראלדיקן פאָלק״, און צווישן יידן בירגער פון מדינת־ישראל און צווישן יידן בירגער פון אַנדערע מדינות, וואָס קלאַמערן זיך פיזיש און גייסטיק אין דער פרעמדער בירגערעכט.

און אויב איז יידישקייט רעליגיע — וואָס וועט זיין איר פּראַקטישער באַדייט פאַר אַ היינטצייטיקן מענטש, וואָס די אַנטוויקלונג האָט אים אויס־געניכטערט און אַריינגעבראַכט אין אים אַ ספק, וואָס אַפילו ווען ער „זוכט גאָט״, מבחינת „צמאה נפשי לאלוקים לאל חי״ (תהילים מ״ב ד.), האָט דאָך פאַר אים דאָס מקיים זיין מצוות מעשיות קיין באַדייט; און דאָס אַלץ אין דער צייט ווען די יידישע רעליגיע, — נישט אין איר תנ״כיש־וויזיאָנעריש עטישער באַדייטונג, — נאָר אין איר הלכה באַדייטונג, וואָס פאָדערט פון אירע טרעגער דווקא מקיים צו זיין די מצוות מעשיות, און באַגענוגנט זיך נישט בלויז מיט רעליגיעזן גלויבן אָדער מיט רעליגיעזער איבערלעבונג.

און אויב איז יידישקייט נאַציאָנאַליזם און אויך רעליגיע, — ווי וועט אָנגיין איר איינהייטלעכער באַדייט אַנטקעגן דער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל פון איין זייט און דער יידישער צעשפּרייטקייט, וואָס זיצט סטאַביל אויסער איר, אין די גלות לענדער, גלייך דאָרט וואָלט אייביק געווען איר היים, — פון דער צווייטער זייט; און באַזונדער אַנטקעגן דער עקזיסטענץ פון צוויי יידישע מחנות, רעליגיעזע און נישט רעליגיעזע, סיי אין דער מדינה און סיי אין די תפוצות, און גרופּירן זיך איינע לעבן דער צווייטער און אַמאָל איינע קעגן דער צווייטער, און הויפּטזאַכלעך איז די רעליגיעזע מחנה גרופּירט און אויס־קריסטאַליזירט.

אין דעם קאָמפּליצירטן און צעפירטן ויכוח פאַרנעמט אַ גרויסן טייל דער געראַנגל וועגן דער געשטאַלט און כאַראַקטער פון מדינת־ישראל ווי אַ יידישע מדינה. דער דאָמינירנדיקער רוב פון די רעליגיעזע האַלטן, אַז זי דאַרף זיין אַ תורה מדינה, זאָג אַ רעליגיעזע מדינה, אַ טעאָקראַטישע. און אויב זי איז נישט איצט אַזאַ, דאַרף מען שטרעבן, אַז זי זאָל זיין אַזאַ, און בעסער איין שעה

פריער. און די נישט רעליגיעזע האַלטן, אַז זי דאַרף זיין אַ מדינה פאַר יידן אַזוי־ווי זיי זענען, דעמאָקראַטיש, וואָס פירט זיך לויטן ווילן פון סוווערענעם פאָלק. און ס׳זענען פאַראַן אויך עקסטרעמע פון דער זייט און פון יענער.

פון איין זייט די אגודה מענטשן, וואָס זעען נישט אין דער מדינה אפילו קיין אתחלתא דגואלה, נאָר אַ מדינה, ווי אַלע מדינות (פון גויים!), אין וועל־כער עס וווינען יידן; און אַז ס׳האָט זיך פאַרזאַמלט, ערשט נישט לאַנג, אין ירושלים, די כנסת הגדולה פון אגודת־ישראל, האָט מען אַרויפגעצויגן די פאָן פון מדינת־ישראל, ווי איינע צווישן אַנדערע פענער פון מדינות, פון וועלכע עס זענען געקומען דעליגאַטן צו דער כנסת, און נישט ווי אַ באַזונ־דער חשובערע פון זיי. די רעדנער האָבן זיך באַמיט נישט אַרויסצוברענגען פונעם מויל דעם שם המפורש פון מדינת־ישראל און האָבן זיך באַנוצט בלויז מיט „ארץ הקודש״, ווי דער פויפסט — להבדיל אלף הבדלות — האָט עס געטאָן בעת זיין באַזוך אין ירושלים. און אין דער צייט, וואָס אגודת־ישראל אָנערקענט מדינת־ישראל „דע־פאַקטאָ״ און נישט „דע־יורע״, אָנערקענען נישט די נטורי קרתא מדינת־ישראל אַפילו אין קיין שום פאָרם און מאָס.

און פון דער צווייטער זייט, די וועלטלעכע, די וואָס וועלטישקייט איז ביי זיי פאַרהייליקט, די וואָס ווילן זען מדינת־ישראל ווי אַלע גויישע מדינות און נישט דווקא ווי די טראַדיציאָנעלע צווישן זיי, נאָר ווי די וועלטלעכע און רעוואָלוציאָנערע צווישן זיי.

עס איז אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן געבן דער מדינה אַ מין ספּעציעלן עטישן און אידייאישן כאַראַקטער, וואָס זאָל זיין אַן אור לגויים און ווי זעלבסט־פאַרשטענדליך אור פאַר יידן ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען. און זיי באַמיען זיך דעם אידעאַל זייערן צו פאַראַנקערן ביים תנ״כיש נביאיש־עטישן ברעג און אין דער חלוצישער ציוניסטישער סאָציאַליסטישער שאַפונג אין לאַנד.

דער דאָזיקער געראַנגל אויף צו פורעמען דעם כאַראַקטער פון מדינת־ישראל איז טאָקע לעגיטים, כל זמן ער גייט נישט אַרויס פונעם תחום אָנשטרענ־גונגען צו דעראָבערן השפּעה־געביטן, אין דער ישראל־געזעלשאַפט, מיט איבערצייגונג און אויפקלערונגס־מיטלען, מיט דער אָנגעמבאַרער הנחה, אַז דאָס אויסזען פון דער מדינה וועט זיין ווי דאָס אויסזען פון דער ישראל געזעלשאַפט, און ווער עס פורעמט דעם כאַראַקטער פון דער ישראל־געזעל־שאַפט, איז ווי ער וואָלט געפורעמט דעם כאַראַקטער פון דער מדינה.

ווען איז דער גערא̈נגל אַריין אין תחום פון סכנה אויף ברידער קריג ? ווען ער האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ צוואַנג אָדער אַ פּרווו פון צוואַנג, מיט רעגירונגס־מיטלען, סיי געזעצלעכע און סיי אַדמיניסטראַטיווע, און ספּעציעל, אַז מען באַנוצט זיך מיט די פּרעס־מיטלען וואָס זען אויס נישט אָנשטענדיק, למשל אויסנוצן די קאָאַליציע־פּאַרבינדונגען, כדי צו דיקטירן געזעצן אָדער טאַטן, וואָס דער רוב ציבור וואָלט גוטווילי̇ג נישט אָנגענומען, ווען מען וואָלט אים געפרעגט. דער ברענפּונקט פון דער דאָזיקער סכנה איז נישט דער אידייאישער וויכוח, וואָס באַגרעניצט זיך אין דער ראָם פון דברים שבכתב און שבעל־פּה, און זאָל די סכנה שאַרף זיין ווי זי זאָל נישט זיין ; איר ברענ־פּונקט איז אָן שום ספק דער פּרווו אָנצווענדן, דירעקט אָדער אומדירעקט, דעם רעגירונגס־כוח פון דער מדינה, כדי אַרויפצוצווינגען אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַ לעבנשטייגער, וואָס בלויז אַ טייל פון איר גאַרט נאָך אים.

נישט קיין רעליגיעזער און נישט קיין אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג

אין די גרונט־ליניעס פון אַלע רעגירונגען, וואָס האָבן רעגירט אין מדינת־ישראל, פון זייט איר אויפקום ביז היינט, איז באַשטימט געוואָרן, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין רעליגיעזער און נישט קיין אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג. דאָס איז די צווייטע זייט פון פאַרזיכערן די פרייהייט פון רעליגיע אין דער דעקלאַ־ראַציע פאַר זעלבשטענדיקייט, נאָר וואָס דאָ איז באַטאָנט געוואָרן די נעגאַ־טיווע זייט : דער נישט־צוואַנג. דאָס איז די רעאַגירונג אויף די טענות וועגן צוואַנג, וואָס האַלטן אין איין מערן זיך, אַז ער הערשט כאילו אויפן געביט פון רעליגיע. די טענות קומען, סיי מצד די רעליגיעזע און סיי מצד די נישט רעליגיעזע, נאָר וואָס די רעליגיעזע טענהען מער, און לגבי זייערע טענות איז פאַראַן אַ מער פּילבאַרקייט, ווייל דער באַדייט פון יעדן אַנטי־רעליגיעזן צוואַנג איז פיל האַרבער ווי דער באַדייט פון רעליגיעזן צוואַנג.

אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג ?

וואָס איז ער דער אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג קעגן וועלכן די רעליגיעזע טענהען ?

במשך דער גאַנצער תקופה פון דער ציוניסטישער שותפות־עקזיסטענץ צווישן

די וועלטלעכע־נאַציאָנאַלע און דער „מזרחי״, און שפּעטער אויך דער „הפּועל המזרחי״, האָט מען נישט געהערט די אַנטי־רעליגיעזע טענה, נאָר עס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן רעליגיעזע פאָדערונגען. די טענה פון צוואַנג האָט זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן, אַזוי דוכט מיר, ווען עס זענען געקומען אין לאַנד אַריין די „טעהעראַן קינדער״, ביים סוף צווייטן וועלט־קריג. די רעליגיעזע האָבן אויפגעהויבן די טענה, אַז ברענגען קינדער אין די נישט רעליגיעזע ווירטשאַפטן איז אַן אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג, ווייל זייער טויטע און לעבעדיקע עלטערן זענען געווען יידן, און סתם יידן פאַרשטייט זיך זענען רעליגיעז, אויב אַזוי איז קיין ספק נישט, אַז זיי וואָלטן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין ווי זיי, און ווער עס ברענגט זיי אין נישט־רעליגיעזע פלעצער אַריין פירט זיי איבער פון זייער רעליגיע און קעגן דעם ווילן פון זייערע עלטערן.

די מחלוקת האָט זיך געענדיקט מיט אַ פשרה: פאַרטיילן די קינדער לויט געוויסע כללים. דער דאָזיקער אויסוועג האָט געשטימט מיט דער דעמאָלט־דיקער ווירקלעכקייט, פון „פאַרטיילן״ די עולים צווישן פאַרשידענע געזעל־שאַפטלעכע פאַקטאָרן, און אַזוי אַרום האָבן די אַנשטאַלטן און די רעליגיעזע ווירטשאַפטן באַקומען אַ קאָנטיקן טייל פון די דאָזיקע קינדער.

זיי האָבן דערוואַכט און נאָך מער זיך דערמוטיקט, ווען ס'האָט גענומען אַ פלייץ טאָן די תימנישע עליה און צענדליקער טויזנטער גלייך אין די „לאַ־גערן״ פון לאַנד. דאָסמאָל האָבן זיי שטאַרקער נאָך געטענהט: כולו שלי. די עולי תימן זענען אַלע רעליגיעז און דער פּלאַץ, פון די עלטערן מיט די קינדער צוזאַמען, איז בלויז די ראַם פון רעליגיעזע פאַרטייען און אַנשטאַלטן, און אַנדערע האָבן אין זיי קיין שום חלק, אַפילו ווען זיי וואָלטן געווען זייערע אייגענע ברודער פון תימן אַליין, וואָס זענען פריער געקומען און וואָס האָבן זיי באַוויגן און צוגעהאָלפן זאָלן קומען פון תימן מאַסנווייז אין לאַנד אַריין. די דאָזיקע טענות זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מחלוקת, וואָס צוליב איר איז נאָמינירט געוואָרן דורך דער רעגירונג אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם גאָטזעליקן ריכטער, גד פרומקין, און צווישן אירע מיטגלידער איז אויך געווען דער גאָטזעליקער יצחק בן־צבי, זייענדיק דאַן נאָך בלויז אַ כנסת מיטגליד. אויך דאָסמאָל האָט זיך די מחלוקת פאַרענדיקט מיט צעטיילן די עולים צווישן די רעליגיעזע פאַרטייען און צווישן דער הסתדרות און דער מושבים־באַוועגונג. אינצווישן האָבן פאַסירט אייניקע זאַכן, וואָס זייער שטעמפּל איז קאָנטיק ביז היינט:

א. עס האָט זיך צום ערשטן מאָל געשאַפן אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן „מזרחי" און „הפועל־מזרחי", וואָס דאָס איז דער פּראָדוקט פון ציוניזם, און צווישן אגודת ישראל און די עקסטרעמע ישיבה־קרייזן, וואָס האָבן אין זיין צייט נעגירט דעם ציוניזם און זענען נישט באַגייסטערט געווען פון דעם אויפקום פון דער מדינה. די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט האָט געפירט אויך צום שאַפן אַ „רעליגיעזן פראָנט" ביי די וואַלן צו דער כנסת. און ווען אַפילו דער פראָנט איז בטל געוואָרן — איז אָבער די צוזאַמענאַרבעט נישט בטל געוואָרן. און אויב איז די דירעקטע צוזאַמענאַרבעט יאָ בטל געוואָרן — איז נישט בטל געוואָרן די אומדירעקטע צוזאַמענאַרבעט ביז היינט־צו־טאָג.

ב. פון דעמאָלט אָן און ווייטער האָבן זיך נישט אויפגעהערט די טענות וועגן רעליגיעזן צוואַנג און וועגן רעליגיעזער דיסקרימינאַציע, ספּעציעל אויפן חינוך־געביט, וואָס שרייענדיק וועגן דער דיסקרימינאַציע האַלט ער אין איין וואַקסן און דעקט שוין ביי אַ 40 פּראָצענט פון די יידישע תלמידים אין ישראל. די טענות קעגן דעם צוואַנג און דער דיסקרימינאַציע חזרן זיך איבער אָן אויפהער עד כדי כך, אַז די בעלי־טענות האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין דעם אויף אָן אמת, און אויך אַנדערע טיילן פון דער געזעלשאַפט מיינען שוין, אַז אויב די רעליגיעזע שרייען, איז אַ סימן אַז ס׳טוט זיי עפּעס־וואָס ווי... אָבער קיינמאָל האָט קיינער נישט געפּרוווט באַשיינפּערלעך באַווייזן: וואָס און ווער איז דער אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג אין מדינת־ישראל, און ווו געפינט זיך די דיסקרימינאַציע.

די פירזאָגער און די אויסטייטשער האָבן אַנטוויקלט אַ זייער אינטערעסאַנטע טעאָריע. לויט דער דאָזיקער טעאָריע דאַרף שבת אָפּגעהיט ווערן איבעראַל ווו ס׳איז רשות הרבים. אָדער ווי זיי זאָגן: בפרהסיה. און די פרייהייט נישט אָפּצוהיטן שבת איז דער ענין פון יעדן פרט און ער קען זיך מאַכן אין זיין רשות היחיד, בחדרי חדרים, וואָס ער וויל. ווייל יידן וואָס פאָרן שבת איבער די וועגן פון לאַנד, צווינגען מיט דעם אַרויף אַ חילול שבת אויף די רעליג־יעזע יידן און פאַרלעצן זייערע געפילן.

און דאָס זעלבע איז געזאָגט געוואָרן לגבי כשרות. אַלע רעסטאָראַנען און האָטעלן און יעדע שפּייז־פּראָדוקציע דאַרף לכתחילה זיין כשר, ווייל עס נויטיקן זיך אין זיי און פאַרברויכן זיי סתם יידן, און יעדער סתם ייד איז אַוודאי רעליגיעז, און יעדער רעליגיעזער ייד איז מנסתם פרום. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער סתם ייד וויל גיכער כשר ווי „טרף". כדי שטאַרקער צו מאַכן

די דאָזיקע טענה פאַרופן זיי זיך אויף דער צײַלונג פון פלייש־פאַרברויכער פון דער „צנע״־תקופה, ווען מען איז געפרעגט געוואָרן ווער עס וויל כשר און ווער עס וויל נישט קיין כשר פלייש, און ביי אַ 90 פּראָצענט האָבן גע־ענטפערט: כשר.

מען גיט צו אויך צו דער דאָזיקער טענה די טוריסטיק: דער רוב טוריסטן, וואָס קומען קיין ישראל זענען יידן. און כמעט אַלע קומען נישט סתם זען ישראל און פאַרברענגען אין די „נאַכט קלובן״, וואָס זי פאַרמאָגט נישט, נאָר דווקא זיך אָנוואַרעמען אין דער אַטמאָספער פון יידישקייט. אַ הנאה האָבן פון אַ ביסעלע יידישקייט, הייסט עסן יידישע כשרע מאכלים. און אויב ס׳וועט נישט הערשן קיין כשרות אומעטום, וועט עס זיין אַ מכשול לפני עיוור. אויך דער פאַקט גופא, אַז אין אַ יידישער סביבה געפינען זיך רעסטאָראַנען מיט נישט כשרע מאכלים פאַרלעצט די געפילן פון די רע־ליגיעזע און דאָס, פאַרשטייט זיך, הייסט צוואַנג, וואָס כדי עס צו פאַרמיידן דאַרף מען ליקווידירן די גורמים דערצו, אויב מעגלעך, פון אייגענעם ווילן, און אויב ס׳איז נישט מעגלעך — מיטן כוח פון דער רעגירונג און געזעץ. די רעליגיעזע קענען נישט אָנווייזן אויף קיין איין־איינציק געזעץ, אָדער פאַראָרדענונג, אָדער אַ מלוכהשן מינהג, אין וועלכן עס איז פאַראַן אַן אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג, אַ דירעקטער אָדער אַן אומדירעקטער.

אַפילו די טענה וועגן דיסקרימינאַציע פון רעליגיעזע אַרבעטער אין געוויסע אַרבעטס־פּלעצער, צוליב נישט וועלן אַרבעטן אום שבת, האָט זיך נישט אויף וואָס צו פאַרופן, ווייל זייער ווייניק, און אפשר זענען בכלל נישט פאַראַן אַזעלכע פאַלן ביי די באַדינונגען פון דער מדינה, אויסער אפשר אין פּאָליציי, וווּ די רעליגיעזע זענען במילא נישט אַזוי אייליק צו דינען, כאָטש עס איז פאַראַן דאָרט אַ גרייטקייט זיי אָנצונעמען. אדרבא, עס זענען אין די מדינה באַדינונגען, איינשליסנדיק די מוניציפּאַליטעטן, פאַראַן פאַלן ווען אַן אַר־בעטער דערקלערט, אַז ער איז רעליגיעז, געניסט ער פון געוויסע פאַרלייכ־טערונגען פון וועלכע עס געניסן נישט די נישט־רעליגיעזע.

אין דער מאָס וואָס ס׳איז יאָ פאַראַן אַ דיסקרימינאַציע איז עס אין דער פּריוואַטערווירטשאַפט און אין דער פרייער געזעלשאַפט.

ווי געזאָגט, איז די טענה פון די רעליגיעזע וועגן אַנטי־רעליגיעזן צוואַנג געווענדט אַנטקעגן אַלץ, וואָס איז נישט רעליגיעז אין דער געזעלשאַפט און

אין דער מדינה. ווייל דאָס וואָס איז נישט פֿאַראַן קיין רעליגיעזער רעזשים, קיין רעליגיעזע פּראָצעדור אָדער קיין רעליגיעזע אַטמאָספֿער אין לאַנד — הייסט לויט זיי, אַנטי־רעליגיעזער צוואַנג.

רעליגיעזער צוואַנג?

און ווי־אַזוי זעען אויס די טענות מצד די וועלטלעכע קרייזן וועגן רעליגיעזן צוואַנג?

די סטראַטעגישע און טאַקטישע פּאָליטיק פֿון די רעליגיעזע, איז דער הויפּט־פֿאַקטאָר, וואָס אַלאַרמירט די עפֿנטלעכקייט, וועלכע איז נישט קיין רעליגיעזע, אויף דער סכנה פֿון רעליגיעזן צוואַנג. די דאָזיקע סטראַטעגיק און טאַקטיק פֿון די רעליגיעזע שפּאַרט זיך אָן נישט אויף אויפֿקלערונג און נישט אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכן דעמאָקראַטישן געראַנגל, נאָר אויף צום „כאַפּן" די צענטראַלע־און מוניציפּאַלע־מאַכט ביים „גאַרגל", ס'הייסט, אויף דער קאָאַליציע־דינגעניש; זי פֿאַרזוכט פּאָרויסצוגיין טריט ביי טריט און היפּען פֿון פּאָזיציע צו פּאָזיציע. אין דער זעלבער מאָס ווערט אַלץ שטאַרקער דאָס געשריי און דער פּראָטעסט פֿון דער נישט־רעליגיעזער עפֿנטלעכקייט, און אין דער מאָס, וואָס ס'שטייגט דאָס קול פֿון געשריי און פּראָטעסט, אין דער זעלבער מאָס הייבן אָן אויסצוזען זאַכן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן על־פּי געזעץ, פֿאַר דער עפֿנטלעכער פֿאַראָרדענונג — און קען זיין, אַז מען וואָלט עס געמאַכט אויך אָן דעם דרוק פֿון די רעליגיעזע — ווי רעליגיעזער־צוואַנג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָכגעבנדיק די רעליגיעזע, און דער רעליגיעזער־צוואַנג ווערט שוין אַזוי־אַרום אַ פֿאַקט.

די שטעלונג און די פּראָצעדור אין דער צייט פֿאַרן אויפֿקום פֿון דער מדינה

ערב אויפֿקום פֿון דער מדינה איז „אגודת ישראל" פֿאַרבעטן געוואָרן זיך אָנצושליסן אָן דער „אָנפֿירערשאַפֿט פֿון פֿאָלק", כדי צו פֿאַרזיכערן יידישע איינהייט, וואָס איז געווען לעבנסוויכטיק פֿאַר אויפֿשטעלן די מדינה. אגודת ישראל האָט געפֿאָדערט בפּירושע פֿאַרזיכערונגען וועגן רעליגיעזער געזעצ־געבונג אין מדינת־ישראל אויפֿן געביט פֿון אישות, שבת, חינוך און כשרות.

די פּאַרוואַלטונג פון הסתדרות האָט זיי געשיקט, א׳ תמוז תש״ז 19.6.60, אַ בריוו אונטערגעשריבן דורך ד. בן־גוריון, הרב י.ל. מימון און יצחק גרינ־בוים, אין וועלכן זי האָט באַטאָנט, אַז „די סוכנות־פּאַרוואַלטונג, אָדער יעדע אַנדערע קערפּערשאַפט אין לאַנד, איז נישט באַרעכטיקט אין פאָרויס צו באַ־שטימען דאָס געזעץ פון דער יידישער מדינה, ווען זי וועט געגרינדעט ווערן. אויפשטעלן די מדינה נויטיקט זיך אין אונ״אָס באַוויליקונג און דאָס איז נישט מעגלעך, אויב ס׳וועט נישט פאַרזיכערט ווערן פרייהייט פון געוויסן אין דער מדינה פאַר אַלע בירגער, און אויב ס׳וועט נישט גלאָר זיין, אַז מען איז זיך נישט מתכוון אויפצושטעלן אַ טעאָקראַטישע מדינה...״

צוזאַמען מיט דעם איז אין יענעם בריוו באַטאָנט געוואָרן, אַז די יידישע אַגענץ פאַרטרעט אויך אַ סך רעליגיעזע יידן אָרגאַניזירטע אין פאַרטייען און אויך אומפּאַרטייאישע, און זי פאַרמאָגט אַ דעקלארירטע שטעלונג בנוגע די רעליגיעזע ענינים, וואָס זענען אויבן אויסגערעכנט געוואָרן, און זי גיט צו וויסן די דאָזיקע שטעלונג אירע פאָלגנדיק:

א. שבת. עס איז קלאָר, אַז דער געזעצלעכער רו־טאָג אין דער יידישער מדינה וועט זיין שבת, פאַרשטייט זיך גיבנדיק די קריסטן און אַנדערע רע־ליגיעס די רעכט צו רוען אין זייער יומטוב־טאָג פון דער וואָך.

ב. כשרות. מען דאַרף אָנווענדן אַלע געהעריקע מיטלען כדי צו פאַרזיכערן, אַז אין יעדער מלוכהשער קיך, וואָס איז פאַר יידן, זאָל זיין כשר עסן.

ג. אישות. אַלע חברים פון דער פאַרוואַלטונג שאַצן אָפּ די ערנסטקייט פונעם פראָבלעם און זיינע גרויסע שוועריקייטן, און מצד אַלע קערפּער־שאַפטן, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער אַגענץ פאַרטרעט, וועט געטאָן ווערן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו באַפרידיקן אין דעם ענין דעם טיפן באַדאַרף פון די פרומע, פאַרמיידן צו שפּאַלטן דאָס יידנטום אין צוויי.

ד. חינוך. עס איז געזיכערט אַ פולשטענדיקע אַבטאָנאָמיע פון יעדן שטראָם אין חינוך (אַגב: אַזאַ רעזשים עקזיסטירט אין דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע און אין כנסת ישראל אויך איצט) און ס׳וועט נישט זיין קיין פאַרלעצונג מצד דער מאַכט אין רעליגיעזער אָנערקענונג און אין רעליגיעזן געוויסן פון קיין שום טייל אין ישראל. די מדינה, פאַרשטייט זיך, וועט באַשטימען דעם מינימום פון צוואַנג־לימודים: די העברעאישע שפּראַך, היסטאָריע, וויסנ־

שאַפט א.ד.ג. און וועט אָפּהיטן, אַז דער אָ מינימום זאָל אויסגעפירט ווערן, אָבער זי וועט געבן פולע פרייהייט יעדן שטראָם צו פירן דעם חינוך לויט זיין באַוווּסטזיין און וועט זיך דערווייטערן פון יעדער פאַרלעצונג פונעם רע־ליגיעזן געוויסן.

ווי געזאָגט, דאָס איז געווען די שטעלונג און די פּראָצעדור אין דער תקופה פון פאַר דער מדינה, ווען דאָס יידישע לעבן האָט זיך געפירט אויף דער באַזע פון הסכמה און נישט פון צוואַנג מיט דער הילף פון געזעץ. ווען די מדינה איז אויפגעקומען איז אָנגענומען געוואָרן די זעלבע שטעלונג און ס'זענען איינגעזעצט געוואָרן די זעלבע פּראָצעדורן אין דער מלוכהשער געזעצגע־בערישער־ראַם, און אַזוי איז צוגעקומען צו זיי דער פאַרפליכטנדיקער סטעמפּל, וואָס אין פלוג איז די מאָס פון זיין צוואַנג, ווי די מאָס פון צוואַנג פון יעדן אַנדערן געזעץ. אָבער אין ענינים וואָס האָבן אַ רעליגיעזן כאַראַק־טער ווערט יעדער געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, אַ „טאַבו", וואָס ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל וואַגן עפּעס־וואָס מינדערן פון אים, מען קען בלויז צוגעבן צו אים. אויף דער דאָזיקער וואָך שטייען, פאַרשטייט זיך, די רע־ליגיעזע, וואָס זייט דעם אויפקום פון דער מדינה ביז איצט בילדן זיי אַ לעבנסוויכטיקן טייל פון יעדער מלוכהשער אָדער מוניציפּאַלער קאָאַליציע. אויסער דעם, וואָס פאַרפליכטעט די דאָזיקע שטעלונג און די דאָזיקע פּראָ־צעדורן (און ס'איז פאַראַן ווער עס נעגירט אויך זיי און אָן רעכט) — קען מען נישט אָנווייזן אויף קיין שום געזעץ אָדער פּראָצעדור, אָדער פאַראָרדע־נונג, וואָס טראָגט מיט זיך רעליגיעזן צוואַנג. אַ סך פון די וואָס טענהען קעגן דעם רעליגיעזן צוואַנג מיינען דעם מאַנגל פון פולן וועלטלעכן לעבן. און ס'איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַפילו דער עצם עקזיסטענץ פון רעליגיעז־לעבן אין דער זייט פון וועלטלעכן, זעט זיי אויס ווי אַ צוואַנג אָדער ווי אַ שטערונג.

גוטע געזעצן און שווערע פעלערן

שבת

דער ערשטער געזעץ, וואָס די מדינה האָט געמאַכט, איז „דאָס געבאָט פון די מאַכט־און געזעץ־אָרדענונגען", ווו עס איז איינגעשלאָסן אַ קאַפּיטל וועגן די „רו־טעג". דאָרט איז באַשטימט געוואָרן, אַז „שבת און יידישע יומטובים

זענען די סטאַבילע רו־טעג אין מדינת־ישראל און די „נישט־יידן האָבן דאָס רעכט צו האַלטן זייערע רו־טעג און יומטובים".

שפּעטער (תשי"א) איז געשאַפן געוואָרן „דאָס געזעץ פון אַרבעטס־שעהן און רו", ווו עס זענען באַשטימט געוואָרן אַ סך פּרטים לגבי דער וואָך־רו, וואָס מען טאָרנישט באַשעפטיקן קיין אַרבעטער. לגבי אַ ייד, איז דער וואָך־רוטאָג שבת, וואָס דויערט 36 שעה, און אַמווייניקסטנס 25 שעה.

אין קאָנסעקווענץ פון דאָזיקן געזעץ זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַר־אָרדענונגען דורך דער אַרבעט־מיניסטעריום גאָלדע מאיר(סאָן), וואָס האָבן אַרויפגעלייגט די גילטיקייט פון געזעץ אויף יעדן אָרט, וואָס דינט פאַר אַן עסק אָדער פאַך אָדער עפנטלעכע באַדינונג; אויף די עפנטלעכע קאָמוני־קאַציע־באַדינונגען; אויף קינאָס און אויף פּאָסט און אַנדערע.

דער דאָזיקער געזעץ האָט אין זיך איינגעשלאָסן די סאָציאַלע טענדענצן פון אַ געאָרדנטער מדינה מיט דער דערהויבענער טראַדיציע פון שמירת־שבת, וואָס דער עיקר און יסוד איז „למען ינוח". נאָר אַ כופר להכעיס קען גע־פינען אַ פּגם אין דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס פאַרזיכערט שבת־רו פאַר אַלע ראַיאָנען, אַזאַ, וואָס אויך פאָרטשריטלעכע מדינות האָבן עס געשאַפן. אונדזער געזעץ נעמט טאַקע אַרום מער ווי אין יענע לענדער, ווייל עס שליסט אויך אײן די עפנטלעכע קאָמוניקאַציע און קינאָס. אָבער דעם דאָזיקן צוגאָב קען מען ווייליק אָננעמען, ספּעציעל ווען אויך די אַרבעטער פון דער קאָמוניקאַציע און קינאָס נויטיקן זיך אין רו, און ס'איז אויך לאָגיש, אַז דער רו־טאָג זאָל זיין אַן איינהייטלעכער, און ס'זאָל נישט יעדער איינער רוען אין „זיין איי־גענעם שבת".

די וואָס טענהען קעגן רעליגיעזן־צוואַנג פרעגן: די עפנטלעכע קאָמוניקאַציע איז אָפּגעשטעלט אום שבת, אָבער ס'איז פאַראַן טעקסי־און פּריוואַטע־קאָמוניקאַציע, וואָס זענען טייערע און ס'קומט דאָ פאַר אַ סאָציאַלע עוולה: די פאַרמעגלעכע פאָרן שבת וויפל זיי ווילן, און די אָרימערע שיכטן — זענען בעל־כרחו געבונדן שבת. אין דעם פונקט טרעפן זיך צונויף די קעגנזאַצן, און ווי זיי וואָלטן מאַכן יד אחת, ווייל אויך די רעליגיעזע שרייען קעגן דער טעקסי־קאָמוניקאַציע און קריצן מיט די ציין אין דער שטיל קעגן דער פּריוואַטער קאָמוניקאַציע. די רעגירונג און אירע שותפים האָבן זיך געשאַפן אַ „וואונדער פאָרמולע", וואָס קען זיין אַ באַרואיקונגס־מיטל: סטאַטוס קוואָ.

נישט רירן קיין שום זאַך פון דער לאַגע, ווי זי איז אָפּפאָטאָגראַפירט — נישט אַהער און נישט אַהין, איינשליסנדיק די עפנטלעכע קאָמוניקאַציע פון אָטאָ־בוסן אין חיפה, וואָס איז געבליבן נאָך פון די מאַנדאַט־צייטן, ווען ס׳איז דעמאָלט דערלויבט געוואָרן דורך די יידישע אַנשטאַלטן פון פאַרזיכערהייטס טעמים, און אַז ס׳איז שוין דערלויבט, איז עס דערלויבט.

פון דעמאָלט אָן ראַנגלען זיך די רעליגיעזע פּאַר געבן אַ בפירושן שבת־געזעץ (און נישט עס זאָל זיין אַריינגעשלאָסן אין געזעץ פון די רו־טעג) און מער אַרומנעמענדיקן. עס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן אין איינע פון די לעצטע קאָאַליציע־הסכמים מיטן תנאי, עס זאָל נישט אָנרירן דעם „פּאַרהיי־ליקטן״ סטאַטוס־קוואָ. דער דאָזיקער תנאי האָט גורם געווען צו אַ קעגנער־שאַפט, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן די רעליגיעזע גופא, קעגן דעם דאָזיקן געזעץ, ווייל דורך דעם וועט געגעבן ווערן אַ געזעצלעכער סטעמפּל מיט זייער הסכמה, נישט נאָר דער טעקסי־קאָמוניקאַציע אָדער דער פּריוואַטער, נאָר אויך דער עפנטלעכער־קאָמוניקאַציע אין חיפה.

אין יענעם „געזעץ פון אַרבעטס־און רו־שעהן״ איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ פּאַראַגראַף וועגן געבן אַרבעטס־באַוויליקונגען שבת (פּאַראַגראַף 12), וואָס לויט אים וועט נישט געגעבן ווערן קיין באַוויליקונג, ווי געזאָגט, נאָר לויטן באַשלוס פון אַ מיניסטאָרן־קאָמיסיע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פּרעמ־יער מיניסטער, מיניסטער פאַר רעליגיע און מיניסטער פאַר אַרבעט. אַזוי־אַרום איז אַריין דער מיניסטער פאַר רעליגיע, ווי אַ רעליגיעזער פאַקטאָר אין ענין אַריין, און ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, אַז דער מיניסטער פאַר רעליגיע דאַרף זיין אַ רעליגיעזער, און פאַרשטייט זיך אַ רעליגיעזער ייד, ווייל אויב וועט ער נישט זיין קיין רעליג־יעזער ייד וועט נישט האָבן קיין טעם און לאָגיק זיין קעגנוואַרט אין יענער מיניסטאָרן־קאָמיסיע. אויך די רעליגיעזע זענען נישט צופרידן מיט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף פון געזעץ, ווייל דער רוב פון דער קאָמיסיע איז, אין די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן, צוזאַמענגעשטעלט פון וועלטלעכע פּערזאָנען און זייערע באַטראַכטונגען, בעת געבן די אַרבעט־באַוויליקונג צו אַרבעטן שבת, וועלן מער דיקטירט זיין דורך דיווירטשאַפט־באַדערפענישן ווי איידער דורך די דינים פון אסור און מותר על־פּי הלכה.

חתונות און גטן

אין תשי״ג האָט די כנסת געשאַפן דעם „רבניש־יורידישן געריכט־געזעץ״ (חתונות און גטן). לויט דעם דאָזיקן געזעץ: „ווערן חתונות און גטן פון יידן געמאַכט ווערן אין ישראל על־פי התורה״. און „ענינים פון חתונות און גטן פון יידן אין ישראל, בירגער פון דער מדינה, אָדער אירע איינוווינער, וועלן אַרונטערפאַלן בלויז אונטערן רבניש יורידישן געריכט געזעץ״. דער הויפּט־אַרגומענט פאַר שאַפן אַזאַ געזעץ, ווי עס זאָגט זיך אינעם אויבנדערמאָנטן בריוו פון דער אַגענץ: „פאַרמיידן צו שפּאַלטן דאָס יידנטום אין צווייען״. כדי דאָס זאָל פאַרשטאַנען ווערן, איז וויכטיק מיר זאָלן וויסן, אַז לויט דער רעליגיעזער אָנשויאונג איז „ישראל שחטא ישראל הוא״. אַפילו ער וועט באַגיין אַלע זינד פון דער תורה, האָט ער נאָך אַ צוריקוועג דורך „תשובה״, און כל זמן ער לעבט האָט ער נאָך אַ שאַנס, אַז ער וועט תשובה טאָן און דעמאָלט וועלן אים זיינע זינד פאַרגעבן ווערן. אָבער אַ קינד, אַ יינגל צו אַ מיידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך פאַרבאָטענער הייראַט, איז כאָטש עס האָט נישט געזינדיקט, נאָר זיינע עלטערן, קען עס נישט פאַררעכט ווערן אַלס ייד. עס איז אַ ממזר און דאָס קלעבט אין אים און אין דער ווייטערדיקער גענעראַציע. דעריבער וועט קיין רעליגיעזער ייד זיך מיט אים נישט משדך זיין. און אויב וועט אַ טייל פון די יידן זיך משדך זיין נישט לויט דער תורה, וועלן זיי אַלע זיין לגבי די רעליגיעזע יידן בחזקת ממזר, אָדער ספק ממזר, און זיי וועלן זיך נישט קענען דערלויבן משדך צו זיין צווישן זיך.

מען קען טענהען, אַז סיי־ווי סעפּערירן זיך די רעליגיעזע פון די וועלטלעכע, סיי דורך קאָנצענטרירן זיך אין באַזונדערע שיכונים און שכונות, כדי זיי זאָלן קענען אָנגיין מיט זייער שלמותדיק רעליגיעז־לעבן, און סיי דורך אויס־מיידן אין געהיים משדך צו זיין זיך מיט וועלטלעכע משפחות. אָבער ס׳איז נישט צו פאַרגלייכן סעפּאַראַציע־צוליב־פּאָרזיכטיקייט צו אַ לאַגע פון זען אַ גראָדע מחיצה פון אַ האַרבן און פולשטענדיקן איסור, וואָס עס איז בחזקת „ייהרג ואל יעבור״. פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען זען דאָס געזעץ ווי אַ תקנה פאַרן ציבור און פאַרן פאָלק. במילא דאַרף יעדע קולטורעלע מדינה פאַרזיכערן דורך געזעץ די חתונות־און גטן־פאַראָרדענונגען פון אירע ביר־גער. נאָר וואָס אונדזער געזעץ האָט אין זיך פאַרבאָרגן אַ פּאָזיטיווע, גע־ווינטשענע און געזונטע טענדענץ — אָפּצוהיטן און צו פלעגן די איינהייט פון פאָלק, וואָס פאַרמאָגט פיל סימנים פון עדהס, גרופּן און פאַרטיי־אונטערשידן.

עס טראָגט אין זיך אויך אַ מוסטער און אַ צייכן פאַר די תפוצה־יידן, וואָס די סכנה פון אויסמישונג, צוליב דעם שנעלן איבעראַשנדיקן פאַרשפרייטן זיך פון געמישטע חתונות, איז די סכנה פון אונטערגאַנג פאַרן יידישן פאָלק.

אויך אין דעם דאָזיקן געזעץ איז געמאַכט געוואָרן אַ פעלער, נעמלעך דאָס איבערגעבן די ענינים בלויז דעם רבנישן בית־דין. ווייל עס איז פאַראַן אַ פראָצעס, וואָס איז גוט געפלעגט דורך די פּאָליטישע רעליגיעזע קרייזן, פון אויסקריסטאַליזירן אַ רעליגיעזע מאַכט־היראַרכיע, וואָס מיט דער צייט וועט עס ווערן אַ מין „מדינה אין דער מדינה", אין געשטאַלט פון הויפּט־ראַבינאַט און רבינאַטן פון רעליגיעזע ראַטן און מוניציפּאַליטעטן, וואָס אַלע אינטע־גרירן און ווירקן אונטער איין השפעה, ווען די רעליגיעזע בתי־דין, — אַט דאָס יורידישע־וועזן, וואָס די מדינה האָט געגרינדעט לעבן איר אַלגע־מיינעם יורידישן־וועזן, — זענען אַן אומאָפּטיילעקער חלק, און אפשר נישט באַזונדערס וויכטיק, פון יענער מדינה אין דער מדינה. איבערגעבן די אור־טייל־רעכט אין די הענט פון אַ היראַרכיע מיט לאַנגע אָרעמס פון מאַכט און השפעה, איז ווי אַרויסנעמען דעם גאַנצן ענין פון די הענט פון דער דעמאָ־קראַטישער מדינה און פון יעדער השפעה אירער. דאָס געזעץ האָבן זיי זיך אויסגעטייטשט ווי אַן איבערענטפערונג פון דעם רעכט, וואָס איז סיי ווי סיי „אונדזערס אינגאַנצן" און סיי ווי סיי „האַלטן מיר עס אין דער האַנט" און קיין שום „פרעמדער" וועט זיך צו דעם נישט צורירן.

די דאָזיקע איין־און איינציקייט האָט נישט עקזיסטירט פאַרן אויפקום פון דער מדינה. דעמאָלט זענען געווען פאַרשידענע רעליגיעזע געריכטן, פון „כנסת ישראל" און פון „קהלות האשכנזים", און פון די ספרדים באַזונדער און פון די תימנער באַזונדער א.א.וו. איז געקומען די מדינה און דורך דעם דאָזיקן געזעץ האָט זי אויף אַלעמען אַרויפגעצוואונגען אַן איין־און איינציקע היראַרכיע מיט מלוכהשן סטעמפּל, און מיט דער הילף פון מלוכהשן בודזשעט. און אויב ס'זענען פאַראַן איינצלנע, וואָס וועלן באַדויערן דאָס בטל מאַכן די דאָזיקע „אַנאַרכישע" געריכטן, ספּעציעל אין אונדזער ישראל געזעלשאַפט, וועט אין לויף פון דער צייט די זאַך ווערן אַ שטערגייסט, און אין דער צוקונפט קען עס זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גאַר שווערע שטרויכלונג.

די אַטמאָספער, וואָס הערשט היינט אין דער דאָזיקער היראַרכיע, איז אַן אַטמאָספער פון ווער עס איז מחמיר מער, מקפיד מער, מדקדק מער, הרי זה משובח. און טראָצדעם וואָס ס'איז פאַראַן אַ ברייטע און צעצווייגטע הלכה־

ליטעראַטור, וואָס נעמט־אַרום שאלות און תשובות פון פוסקים אין פאַר־שידענע לענדער און אין פאַרשידענע פאָרמען, ווו עס זענען געבראַכט געוואָרן דיעות לקולא ולחומרה, און על־פי־רוב לקולא, צוליב געענדערטע לאַגעס און געענדערטערווירקלעכקייט, באַמיען זיך די רבנישע פוסקים פון היינט איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן אויף נאָכצוגיין די מחמירים, וואָס קומען זיי פאָר צו זיין נענטער צו די מקורות, ווי די מקילים, וואָס פאַרלייכטערן, ווייל די צייט האָט פאַרלאַנגט און צוליב אַ צייטווייליקער נויטווענדיקייט.

דעריבער ווערן אַ טייל צווייטראַנגיקע פראַגן, ווי דאָס חתונה האָבן פון אַ כהן מיט אַ גרושה; אָדער די פראָצעדור פון חליצה, וואָס אַ היינטצייטיקער מענטש עקלט פון דעם; אָדער דאָס לאַנגע אַרויסקוקן נאָך אַ יבם אָדער יבמה ביז רייף ווערן, וואָס נאָר דעמאָלט קומט די צייט פון חליצה; אָדער דאָס נישט דערלויבן חתונה האָבן אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז גייסטיק קראַנק, בעת ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו דערלויבן חתונה־האָבן אַ מאַן פון אַ גייסטיק קראַנקער פרוי, א.ד.ג. — פאַרוואַנדלט אין ברענפונקטן און אין אַ סיבה פון שמוציקע רייבונגען צווישן וועלטלעכע פאַקטאָרן און רבנישע קרייזן. די ערשטע טענהען: רעליגיעזער־צוואַנג, באַרויבונג פון פריוואַטער פרייהייט; און די צווייטע טענהען: עס איז נישט אונדזער פליכט צו געבן היתרים. אונדזער פליכט איז צו האַנדלען לויט דער הלכה, און אַזוי טוען מיר.

פון דאַן שטאַמט די כסדרדיקע פאָדערונג איינצופירן ציווילע חתונות. אָבער ציווילע חתונות קענען צעשטערן די טענדענציעזע באַזע, די גאָר חשובע פונעם חתונות־און גטן־געזעץ; און נישט ווייל דער ענין איז אַ לעבנסנויט־באַדערפעניש פאַר אַ סך, אָדער אַ תקנה פאַרן ציבור, נאָר צוליב אַ פּאָר פאַלן, וואָס מען דאַרף זיי זען ווי „גרענעץ פאַלן״, וואָס יעדעס געזעץ קען זיי איבערלאָזן אָן אַ צעפרידנשטעלנדיקער לייזונג.

דערקעגן קען די איין־און איינציקע רבנישע אורטייל־רעכט שווער פאַרלעצן די באַזע אויף וועלכע זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן: נעמלעך פלעגן און אָפּהיטן די אחדות־און איניקונג־פראָצעסן פון דער יידישקייט. עס וועט זיין אַ ביטערע איראָניע, אַז מיט דער הילף פון געזעץ, וואָס זיין טענדענץ איז צו „פאַרמיידן די שפּאַלטונג פון פאָלק״, — וועט אויסגעריסן ווערן פונעם פאָלק פאַרשידענע טיילן און פאַרשידענע עדהס. דער ענין „בני־ישראל״,

וואָס די רבנות האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ סך סתירות, וואָס שטאַמען פון דער שטעלונג פון די עקסטרעמע און מחמירים, וואָס זעען אין דער גאַנצער עדה „בני־ישראל" ספק ממזרים, — איז אַ האַרבע וואָרנונג. די טענה, וואָס מ'האָט געטענהט קעגן זיי, אַז „עס זענען פאַראַן הלכה־פאַרדאַכטן, אַז עס זענען ביי זיי נישט צוגעגאַנגען ווי געהעריק די דיני חתונות און גטן, און דעריבער, ווער עס וויל פון זיי חתונה האָבן מיט נישט פון בני־ישראל, דאַרף געפּאָרשט ווערן וועגן זיין „מוטער און פאָטער, די עלטערן און עלטערנס עלטערן, ווי ווייט ס'איז מעגלעך", טאָמער איז ער נישט כשר פאַר חתונה האָבן. די דאָזיקע „הלכה־פאַרדאַכטן" קענען גילטיק זיין, אין די באַדינגונגען פון דער היינטיקער יידישער ווירקלעכקייט פאַר צו גרויסע טיילן פונעם יידישן פאָלק, אויך ביי אַ צוויי דריטל פון די אַמעריקאַנער יידן, וואָס געהערן נישט צו דעם דאָרטיקן יידישן אָרטאָדאָקסנטום, און כמעט פאַר אַלע רוסישע יידן; און נאָך פאַר אַנדערע פאַרשטויסענע שבטים און באַצווונגענע עדהס.

קען זיין אַז ס'וועט נישט זיין קיין אַנדער אויסוועג נאָר מבטל צו מאַכן די עקסקלוזיווקייט פון דעם דאָזיקן רעכט און צעוואָרפן עס צווישן פאַרשידענע רבנים און בתי־דין, פון פאַרשידענע עדהס און קהילות, וואָס וועלן אויף זיך נעמען צו פּסקענען לויט דער אָנגענומענער הלכה. ווי געזאָגט, ווער עס וועט וועלן מקל זיין וועט דאָרט טרעפן דאָס וואָס ער וויל.

כשרות

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פעסטגעשטעלטן אינעם בריוו פון דער אַגענץ איז פאַרזיכערט געוואָרן עסן־כשרות אין אַלע מיליטערישע און מלוכהשע קיכן. די לאָגיק פון דעם איז, אַז אַ מענטש, וואָס איז נישט מקפּיד אויף כשרות, וועט אויך עסן גערן כשר־עסן, און ס'איז דאָ נישט פאַראַן קיין צוואַנג אויף אים. אָבער אַ מענטש, וואָס איז יאָ מקפּיד אויף כשר־עסן, וועט בכלל נישט קענען זיך אָנעקזעצן ביי אַ נישט־כשרן טיש. ער וועט געצווונגען זיין צו סעפּערירן זיך פון זיינע חברים און על־פּי־רוב ווערט ער אויך באַעוולט. די באַגרינדונג פון אַן „איינהייטלעכן טיש" איז ספּעציעל וויכטיק אין מי־ליטער, ווו עס דאַרף זיין אַ קעמפערישע־איינהייט.

דערקעגן כשרות אין די רעסטאָראַנען און האָטעלן און אין דער שפּייז־אינדוסטריע א.ד.ג. — איז איבערגעבליבן אין די הענט פון די רעליגיעזע

ראַטן און די „אָרטיקע ראַבינאַטן״. דאָ זענען זיי דערגאַנגען צו דערגריי־כונגען, וואָס מען קען נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, סיי מיט דעם וואָס די שטאָטישע שעכטן־הייזער זענען אונטער זייער אויפזיכט. אַ זאַך וואָס פאַרזיכערט כשרות אויף פליייש, וואָס ווערט פאַרקויפט, און אויך ווייל דער „קונים־מאַרק״ איז אַ געמישטער. פאַראַן אַזעלכע, וואָס עסן פליייש, און אַזעלכע, וואָס עסן נישט, דעריבער איז דער „פאַרקויפער־מאַרק״ פאַר־אינטערעסירט צו צוצייגענען זיך אַזאַ לאַגע ער זאָל קענען צופרידן־שטעלן אַלעמען. דעריבער כל זמן דער ענין איז נוגע די פליייש־געניסער — זענען די פאַרקויפער יוצא פאַר אַלעמען. די פראָבלעמען הייבן זיך אָן ווען די פאַרקויפער ווערן אויפגעפאָדערט צו צופאַסן די אַטמאָספער פון זייער געשעפט, און אָפט אויך זייער פערזענלעכע אויפפירונג, צו אַן אַטמאָספער פון אַ כשר־אָרט. אַ געוויסער האָטעל אין באר־שבע באַקומט נישט קיין הכשר, כאָטש די קיך איז אַ כשרע למהדרין, ווייל פרייטיקצונאַכט שפילט דאָרט אין באַר מוזיק.

דער מצב האָט נישט באַפרידיקט דעם ד״ר וואַרהאַפטיג. דער מיניסטער פאַר רעליגיע, און ער האָט איניציאירט אַ פאָרשלאַג פאַר „כשרות געזעץ״, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג און איז אַדורך אין כנסת דעם ערשטן רוף און איצט ליגט דער פאָרשלאַג אויפן טיש פון דער געזעץ־קאָמיסיע פאַר געזעץ און מישפּט. די באַגרינדונג פאַרן פאָרשלאַג איז געווען אויסצומיידן אויסנאַרעריי אין די ענינים פון כשרות, דהיינו, אַז עס זאָל נישט אָפּגענאַרט ווערן דער, וואָס קומט קויפן אַ כשר אַרטיקל, דורך דעם וואָס מען פאַרקויפט אים נישט קיין כשרס און מען זאָגט אים, אַז ס׳איז יאָ כשר. אַזעלכע ענלעכע זאַכן זענען פאַרעכנט פאַראַ שטראָף עבירה און אין דעם פאַל איז עס אויך אַ מיאוסע עבירה, און אויף וויפל עס פּאַסירן אַזעלכע זאַכן דאַרף מען דעם באַטרעפנדיקן באַשטראָפן מיט דער האַרבסטער שטראָף. אָבער די אויסגערעכנטע פאָרמולירונגען פון דעם געזעץ־פאָרשלאַג, מער ווי זיי קומען פאַרמיידן אָפּנאַרעריי האָבן זיי די כוונה צו פאַרזיכערן אַ מאַכט־היראַרכיע אויף אַלע כשרות ענינים, דירעקט און אומדירעקט, און באַזאָרגן די כשרות־מאַכט מיט שטראָף־מיטלען פון געלט און אַרעסט. פיל האָבן לכתחילה נישט געדענקט וועגן די אַלע פאַרפלאָנטערנישן, וואָס שטאַמען פון דעם געזעץ־פאָרשלאַג, און ווען מען האָט זיך געכאַפּט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורעם אַרום דעם.

חינוך

מלוכהשער חינוך־געזעץ (תשי״ג) האָט מבטל געמאַכט די שטראָמען, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין חינוך (עלעמענטאַרן): דעם אַלגעמיינעם שטראָם, דעם אַרבעטער־שטראָם, דעם מזרחי־שטראָם, דעם רעליגיעזן־שטראָם און נאָך — און איינגעפירט צוויי חינוך־וועזנס: איינעם אַ מלו־כהשן־חינוך און אַ צווייטן, אַ רעליגיעזן מלוכהשן־חינוך.

די מענטשן פון אַגודת־ישראל, איינשליסנדיק פועלי אגודת־ישראל, האָבן נישט מסכים געווען איינגעשלאָסן צו ווערן אינעם רעליגיעזן חינוך־וועזן און זיי פירן אָן פאַר זיך אַן אייגענעם חינוך, וואָס שטייט מחוץ דער געזעץ־ראָם, אָבער אָנערקענט און אויסגעהאַלטן דורך אַ בודזשעט, וואָס ווערט געגעבן דורך דער מדינה און דערגייט ביז 85 פּראָצענט פון דעם, וואָס זיי וואָלטן באַקומען, ווען זיי וואָלטן געווען אינערהאַלב דער ראָם פון געזעץ.

דאָס אָפּשאַפן די שטראָמען איז אַ טאַט, וואָס איז ווערט אָנערקענונג, סיי ווייל זי האָט אַרויסגענומען די גורמים פון אַן אומזיסטיקע מחלוקת אויף די געביטן פון דערציען די קינדער, און סיי, ווייל זי האָט אויסגעטייטשט די צוועקן פונעם חינוך, אין אַזאַ פאָרם, וואָס קען באַרואיקן די יעניקע, וואָס האַלטן זיך ביים אַרבעטער־שטראָם. אויך די עקזיסטענץ פון אַ חינוך־וועזן, איז אַ גערעכטער ענין, ווייל אַ רעליגיעזער־חינוך נויטיקט זיך אויך אין אַ רעליגיעזן לעבנסשטייגער פון שול און זיינע שילער, ווייל אויב נישט, ווערט זיין גאַנצע רעליגיעזקייט צו נישט.

אָבער, היות ווי אַגודת־ישראל האָט זיך אָפּגעטיילט און סעפּאַרירט, און היות די מנהיגים פון דער מדינה האָבן געוואָלט, פון אַ גוטער כוונה און אויפריכטיק, פאַרזיכערן, אַז דער רעליגיעזער־חינוך זאָל זיין טאַקע אַ ממשותדיקער, און צוליב דעם האָבן זיי געוואָלט אים איבערגעבן אין די הענט אַממיינסטנס אָפּיציעלע רעליגיעזע־קרייזן, — איז דער גאַנצער רע־ליגיעזער מלוכהשער־חינוך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון מפד״ל ווי אַ רייפע פרוכט. ער איז געוואָרן כאילו איר אייגנטום און זי בויט זיך פון אים און אויף אים אויסגעשפּראָכן פּאַרטייאיש. זעען מיר ווי אַ גוטע זאַך און אַ גוטע כוונה — האָבן אַ שווערן רעזולטאַט, וואָס בלויז דעם אָנהויב זעען מיר ערשט.

אַזוי ווייט איז די מדינה דערגאַנגען. עס איז נישט אַנצונעמען, אַז זי וועט שטיין אויף איין אָרט. די לאָגיק זאָגט, אַז עס וועלן נאָך צוקומען געזעצן און פאַראָרדענונגען פאַר ענינים פון רעליגיעזן כאַראַקטער. די רעליגיעזע פּאַרטייען זעען זיך ווי באַרופענע צו שטיין אויף דער וואַך פון דער רעליגיעזער געזעצגעבונג. פון ריינעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט זעט עס אויס זייער מאָדנע, — און ס'איז פאַראַן רעליגיעזע יידן, שלומי־אמוני ישראל, וואָס דריקן אויס אָפן זייער שטוינונג: צי דאַרף דען די רעליגיע אַ באַשטעטיקונג פון אַ וועלטלעכער געזעצגעבונג? צי דאַרף דער שולחן־ערוך דעם סטעמפּל פון כנסת? יעדער, וואָס היט מצוות, טוט עס נישט פרעגנדיק די כנסת, און וועט עס טאָן ווען זוס וחלילה זי וואָלט עס אים פאַרבאָטן. הייסט עס, אַז דאָס איז אַ געזעצגעבונג אויף רעליגיעזע ענינים, וואָס קומט פאַרזיכערן די תקנה פון די וועלטלעכע יידן. די רעליגיעזע פּאַרטייען זעען אין דעם זייער מיסיע, וואָס הייבט זיך אָן מיט געזעצגעבונג און יסוד ענינים: כשרות און שבת און פאַרזיכערן אַ רעליגיעזן־חינוך און צום סוף אַ תורה מדינה. עס איז אַ גרויסער ספק, צי עס עקזיסטירט אַ ממשותדיקע מעגלעכקייט פון אַ תורה־מדינה און קען זיין, אַז ס'זענען פאַראַן אויך צווישן די רעליגיעזע אַזעלכע, וואָס גלייבן נישט אין דעם און ווילן עס נישט, ווייל עס קען ברענגען מיט זיך אַ שטראָם פון רעליגיעזע פּראָבלעמען, וואָס ס'וועט נישט זיין דער כוח זיי צו לייזן אָדער זיי בייצושטיין. למשל, וואָס וועט אַ תורה־מדינה טאָן כדי אָנצוגיין מיט לעבנסוויכטיקע באַדינונגען שבת: עלעקטריציטעט, וואַסער, פּאָליציי, שפּיטעלער, אינרעלעכע און אויסערלעכע פאַרבינדונגען (ראַדיאָ, טעלעפאָן, טעלעגראַף א.א.וו.), ים־קאָמוניקאַציע און נאָך? צי וועט איינפאַלן צו באַנייען דעם „אַנשטאַלט" פון שבת־גוי? און דאָס זענען דאָך זאַכן פון אַן אויסגעשפּראָכענעם זיכערהייטס־כאַראַקטער? און טאָמער וועט עמעץ זאָגן צו שאַפן אַ מין יידישן שבת־גוי, ס'הייסט, איבערגעבן די דאָזיקע באַדינונגען אין די הענט פון יידן, וואָס זענען נישט קיין שומרי־שבת? — איז דאָך עס אַ האַרבע עבירה, וואָס ווער עס טוט עס הייסט אַ חוטא און מחטיא! דעריבער איז ליבער צו גיין טריט־נאָך־טריט און היפּען פון איין דערגרייכונג צו דער צווייטער און מען לאָזט עס איבער דער צייט און דער אַנטוויקלונג, עס זאָל זיין בבחינת „יהיב חכמתא לחכימין".

עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס כמעט אַלע ציטערן־אויף הערנדיק די רייד וועגן אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה. עס זענען טאַקע פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז דאָס דאָזיקע אָפּטיילן וועט דערמעגלעכן אַ בליענדיק רעליגיעז־לעבן פון אידיאַליסטישן שטאַנדפּונקט, און אָפּפערווויליקייט. אָבער די

ניכטערע ווערן נישט נתפעל פון דעם דאָזיקן שאַנס און ווילן ליבער „אַ פויגל אין האַנד", און ווער שמועסט, אַז דער פויגל איז גענוג פעט, ווייל ער באַקומט זיין „שפייז", סיי מאַטעריעל און סיי אין זין פון מלוכהשע־רעכט, פון דער מדינה און די מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן, צי זיי גיבן עס גוטוויליק, צי צוליב קאָאַליציע־אָפּמאַכן, איז נישט וויכטיק. מען מוז זאָגן, אַז דער קאָאַליציע־מקח איז לעגיטים. און אויב די רעליגיעזע נוצן עס אויס בעיקר פּאַר רע־ליגיעזע צוועקן, זאָגט עס עדות, אַז זיי ציִען־פאָר די אידייע פון זייערע רעליגיעזע מיסיעס — ברענגט עס זיי בלויז כבוד.

מען קאָן אָננעמען, אַז כל זמן ס'וועט ביי אונדז הערשן אַ רעזשים, וואָס איז געבויט אויף קאָאַליציע־סדרים, וועט אָנגיין דער פּראָצעס פון באַנען אין איין ריכטונג, צו דערגרייכן רעליגיעזע דערגרייכונגען — פון דער־גרייכונג צו דערגרייכונג; און נאָך קען מען אָננעמען, אַז קיין פּאַרקערטער גאַנג וועט נישט האָבן קיין ממשותדיקן שאַנס.

אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה

יעדעס מאָל ווען איינעם פון די עקסטרעם־רעליגיעזע אָדער עקסטרעם־וועלטלעכע מאַטערט עפּעס, טרעט ער אַרויס און דערקלערט: מען דאַרף אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה. אויבן האָב איך אויפגעקלערט, אַז רע־ליגיעזע, וואָס זענען ניכטער, קריצן מיט די ציין ווען זיי הערן אַזאַ פאָדערונג פון רעליגיעזע פּערזאָנען. זיי איז קלאָר, אַז די רעליגיעזע באַדינונגען און דער רעליגיעזער מישפּט וועלן נישט קענען בכבודיק עקזיסטירן מיט דער הילף פון אַקציעס און דורך גוטוויליקעביישטייערונגען, וואָס דער ציבור וועט באַצאָלן פאַר די דאָזיקע באַדינונגען. די עקסקלוזיווע רעליגיעזע באַ־דינונגען און דער רעליגיעזער מישפּט וועלן זיך צעפאַלן אויף שטיקלעך, נישט נאָר ווייל עס קען זיך אַנטוויקלען אַ ווייטגייענדיקע קאָנקורענץ צווישן רבנישע פּערזאָנען און צווישן פאַרשידענע רעליגיעזע גרופּן, וואָס מען קען אויף זיי נישט גוזר זיין אין נאָמען פון „קידוש השם" אָדער שרעקן זיי מיט „חילול השם", נאָר עס קענען זיך בילדן רעליגיעזע־באַדינונגען און אַ רע־ליגיעזער־מישפּט נישט לויטן אָרטאָדאָקסישן נוסח. אַפילו דער רעליגיעזער־חינוך וועט זיך נישט ראַטעווען דורכן אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה, נאָר סיידן די מדינה וועט זיך אַליין אַרויסנעמען פון די חינוך־ענינים, אָדער דער גאַנצער רעליגיעזער־חינוך אין דער מדינה וועט זיין „זעלבשטענדיק"

און דעמאָלט וועט אים פעלן די מלוכהשע פיל נוצלעכע אונטערשטי־צונג; באַקומט זיך, אַז די פאָדערונג אָדער דער פאָרשלאַג, אָפּצוטיילן די רעליגיע פון דער מדינה, מצד רעליגיעזע פּערזאָנען, וואָס זענען בקיא און פּאָליטיש ראַפינירט, ווי דער אינערמיניסטער ה׳ משה שפירא, — איז נישט מער ווי אַ דערשרעקונגס־טריק און נישט קיין שטעלונג, וואָס מען איז גרייט ביישטיין. אויך די פאָדערונג, וואָס מען האַלט אין איין איבערחזרן, וועגן דעם אָפּטיילן, מצד דעם אַמעריקאַנער רב סאָלאָווייטשיק, שטאַמט אָן ספק פונעם נישט־קענען די ישראל־ווירקלעכקייט און פון פאַרגלייכן זי צו דער אַמעריקאַנער־ווירקלעכקייט, וואָס איז כלל נישט ענלעך צו אונדזערער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען אויך עקסטרעמע רעליגיעזע פאָדערן אָפּצוטיילן די רעליגיע פון דער מדינה, באַנעמען זיי נישט גרונטלעך דעם ענין. אויך זיי לערנען־אָפּ אַ גזירה שווה פון אַנדערע פעלקער און לענדער, וואָס קיין פאַרגלייך איז נישט פאַראַן צווישן זייער ווירקלעכקייט און אונדזערער. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, וואָס ס׳איז דער באַדייט און וואָסערע פּראַקטישע רעזולטאַטן וועלן זיין אויב מען וועט קומען אָפּטיילן די רעליגיע פון מדינת־ישראל. אויב זיי גרייטן זיך אַרויסצונעמען די רעליגיעזע ענינים פון דער געזעצגעבונג, וואָס האָט אַ צוואַנג־באַדייט, זענען זיי גערעכט. אָבער ווי־אַזוי קען מען אָפּטיילן דת־ישראל פון מדינת־ישראל, ווען מען קען אים נישט אָפּטיילן פון עם־ישראל; עם־ישראל און דת־ישראל קען מען דאָך בכלל נישט פונאַנדערטיילן; און ווייל מדינת־ישראל געהער צו עם־ישראל קען מען נישט פונאַנדערטיילן צווישן די באַהאָפטענע.

די וואָס פאָדערן אָפּצוטיילן די רעליגיע פון דער מדינה, פון צווישן די וועלטלעכע, צילן צו דעם זעלבן, וואָס די רעליגיעזע קרייזן, נאָר אין אַ פאַרקערטער פאָרם, דהיינו, אַז די רשות הרבים, די בפרהסיה, זאָל זיין וועלטלעך און די רעליגיע זאָל פאַרדרענגט ווערן אין רשות היחיד אַריין, און ווער עס וועט זי וועלן מקיים זיין ביי זיך אין שטוב, איז אים דערלויבט. איז אָבער אַ גרויסער ספק צי דאָס יידישע פאָלק וועט מסכים זיין צו דעם. מיר זענען אַ דעמאָקראַטישע מדינה, און ס׳איז דאָ פּלאַץ אָנצונעמען, אַז אַ גרויסער טייל פון פאָלק, אפשר די העלפט און אפשר די מערהייט, וועט נישט משלים זיין מיטן פונאַנדערטיילן. און אויב ביז איצט האָבן צענדליקער טויזנטער רעליגיעזע יידן געשטימט פאַר די אַלגעמיינע פּאַרטייען, און קען זיין, אַז זיי האָבן עס געטאָן ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין פונאַנדערטיילונג און ווייל זיי דערוואַרטן און גלויבן, אַז די דאָזיקע פּאַרטייען וועלן נישט

פאַרזעען די רעליגיעזע באַדערפעניש, צי עס זענען פאַראַן רעליגיעזע וואָס קעמפן פאַר דעם צי עס זענען נישט פאַראַן, וועלן זיי דען נישט זיין מחויב צו שטאַרקן די רעליגיעזע פאַרטייען אַנטקעגן דער פונאַנדערטיילונג און צוליב איר ? דאָס פאַרשטאַרקן די רעליגיעזע פאַרטייען קען איבערגעבן אין זייערע הענט דעם פאַרלאַמענטאַרישן דאָמינירנדיקן שליסל ביים צוזאַמענ־שטעלן אַ רעגירונג אָדער פאַרוואַלטונגען פון מוניציפּאַליטעטן. דער מקח זייערער וועט טאָפּלטער שטאַרק ווערן און דעמאָלט וועט די פאַנאַנדער־טיילונג ווערן צונישט, ווייל זי וועט געבן די רעליגיעזע — ווי אַ פּאָליטישער פאַקטאָר און נישט ווי אַ פאַרברויך־פאַקטאָר, — מער ווי זיי וואָלטן באַקומען, ווען נישט די פונאַנדערטיילונג. בפרט ווען דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט קען אויפנעמען מיט צער די פונאַנדערטיילונג, ווייל זי וועט איינברעכן די בריק פון קאָנפראָנטאַציע צווישן די יידן אין דער תפוצה און צווישן מדינת־ישראל, וואָס מיר אַלע זענען פאַרפליכטעט זי צו שטאַרקן.

מען קען אָננעמען, אַז אויך אַ סך יידן אין מדינת־ישראל, וואָס זענען נישט רעליגיעז אין אָנגענומענעם זין, נאָר שלומי אמונה פון יידישער נאַציאָנאַ־ליטעט, וועלן זיין קעגן דער פונאַנדערטיילונג, זי וועט ביי זיי אויסזען ווי אַ פּגם און אַ פאַרלעצונג אין מהות פון דער יידישער איינִיקייט, וואָס מדינת־ישראל דינט איר אַלס אַ באַזע און אַלס אַן אָנהאַלט.

אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה איז אַ פּאַראַל, וואָס אַפילו ווען ער איז באַפליגלט, האָט ער נישט קיין פיס און האָט נישט קיין ממשותדיקן אָנהאַלט אין אונדזער ווירקלעכקייט.

איז מער נישט איבערגעבליבן ווי דער אויסוואַל צווישן פולשטענדיקן אָפּ־שאַפן די עקסקלוזיווע רעליגיעזע־באַדינונגען און רעליגיעזן מישפּט און צווישן דעם וועג פון פשרה. מיטן וועג פון פשרה זענען געגאַנגען גוט־וויליק די ציוניסטישע באַוועגונג און דער יידישער ישוב פאַרן אויפקום פון דער מדינה. דאָס איז אויך דער וועג מיט וועלכן מדינת־ישראל איז גע־גאַנגען עד היום, אויסער איניקע אָפּנויגונגען אַהער און אַהין. דער וועג פון פשרה באַדאַרף אַן אַטמאָספער פון פשרה. דעריבער יעדער מענטש, וואָס זיינע געזעג זענען הארט און עקסטרעם, איז נישט באַרופן צו זיצן אויף אַ דאָמינירנדיקן פּאָסטן אין רעליגיעזן געביט. אַ רעליגיע־מיניסטער אָדער אַ רב ראשי אָדער אַ רעליגיעזער מנהיג, מיט עקסטרעמע אָנשויאונגען, — קען ער האַלטן, אַז ער דינט באמונות זיין רעליגיעזן געוויסן, אָבער למעשה

פאַרשאַרפט ער די קעגנזאַצן און פאַרטיפט דעם תהום און דערברענגט צו אַן אומאויסוועג־לאַגע, ווי עס האָט פּאַסירט נישט איינמאָל אין די לעצטע יאָרן. און דאָס זעלבע איז לגבי דער עקסטרעמקייט פון די וואָס נעגירן רעליגיע. די דעמאָנסטראַציע פון די מיטגלידער פון דער ליגע פאַר נישט דערלאָזן רעליגיע־צוואַנג אין איינע פון די שבתים אין די רעליגיעזע קוואַרטאַלן אין ירושלים, מיט שטעקענעס אין די הענט, האָט בלויז פאַרשטאַרקט די סימ־פּאַטיע פון דער עפנטלעכקייט פאַר די רעליגיעזע.

פון דער פּראַקטיק העכער זיבעצן יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה האָבן מיר געלערנט, אַז מען דאַרף אויסמיידן צו מאַכן געזעצן, וואָס טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם רעליגיעזן כאַראַקטער, כדי נישט צו געבן פּלאַץ פאַר טענות וועגן רעליגיעזן־צוואַנג און ס'איז כדאי איבערצולאָזן די רעליגיעזע ענינים אין די ראַמען פון ווילן און הסכמה און זיי אַרויסציען פון די ראַמען פון פּאַרדרוס און פון צוואַנג־געפיל. מען דאַרף געבן די רעליגיעזע־באַדינונגען און רעליגיעזן־מישפט און חינוך, מער געלט־מעגלעכקייטן און מער סימ־פּאַטיע און כבוד און זיי באַליבן ביים פאָלק, כדי עס זאָל זען אין זיי אַן אומאָפּטייליקן חלק פון זיין אייגענעם זיין, פון זיין קולטור און טראַדיציע.

יצחק מאור

די וועגן פון אמונה אין דער ישראל געזעלשאַפט

ביז וואַהין אונדזער וויסן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט דער־גרייכט, איז פאַראַן אַ יסוד צו זאָגן, אַז די רעליגיעזע אידייע פון אמונה אין איין גאָט אַלס דער באַשעפער פון דער וועלט און דער האַר פון דער וועלט, איז געבוירן געוואָרן צום ערשטן מאָל ביי די ישראל שבטים אין די אורצייטן, אַן ערך צוריק מיט דריי טויזנט פינף הונדערט יאָר. צו אַ העכערן שטאַפּל איז די דאָזיקע אידייע דערגאַנגען אין דער יידישער געשיכטע מיטן חיזיון פון מתן־תורה, ווי עס ווערט געשילדערט אין דער תורה גופא. דע־מאָלט איז דאָס פאָלק ישראל דערהויבן געוואָרן צו אַ הויכער מדרגה פון אַ היסטאָרישן פאָלק. אַ פאָלק, וואָס האָט אַ דערהויבענע שליחות אין זיין לעבן — צו טראָגן די גרויסע אידייע פון גלויבן אין יידישן גאָט, אַז ער איז דער גאָט פון דער וועלט, דער גאָט פון אַלע באַשעפענישן, דער האַר פון אַלע געשעענישן. צי מיר וועלן אויסטייטשן מתן־תורה, ווי אַ התגלות, ווי אַן איינמאָליקן אַקט, אָדער ווי אַ מער לענגערער פּראָצעס, לויט חז״ל — „התורה מגילות מגילות ניתנה״, — אַזוי צי אַזוי, קען מען נישט פונאַנדער־טיילן, לויטן היסטאָריש־נאַציאָנאַלן אַספּעקט, צווישן עם־ישראל און דת־ישראל, ווי עס שטייט געשריבן: „הסכת ושמע ישראל, היום הזה נהיית לעם לה׳ אלהיך״ (דברים כ״ז, ט). די גייסטיקע אָרגאַנישע אינטעגראַציע פון נאַציאָנאַלן יסוד מיטן רעליגיעזן יסוד אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל, האָט שפּעטער באַקומען איר אויסגעשפּראָכענעם אויסדרוק אין „זוהר״: קודשא ברוך הוא, אורייתא וישראל חד הוא. דערקעגן, ביי יענע אומות העולם, וואָס האָבן אין לויף פון דער צייט און די דורות, אָנגענומען, אין דער אָדער אין יענער פאָרם, דעם מאָנאָטעאיזם, וואָס שטאַמט פון יידישן פאָלק, איז די רעליגיע נישט פאַרבונדן מיט דער נאַציאָנאַליטעט, און זי איז נישט איינגע־פלאָכטן אין זייער אָריגינעלער קולטור, ווייל זי איז ביי זיי נישט געבוירן געוואָרן און נישט אויסגעוואַקסן פון די טיפענישן פון זייער געשיכטע. דעריבער איז נאַטירלעך ביי יענע פעלקער די לאַגע, אַז זין פון איין פאָלק קענען געהערן צו פאַרשידענע רעליגיעס, נישט צעשטערנדיק מיט דעם דאָס נאַציאָנאַלע אחדות, ווי: דאָס אַראַבישע פאָלק, ביי וועלכן ס׳געפינען זיך מוסלמענער, קריסטן פון אַלע שטרעמונגען, אָדער די יוגאָסלאַוון, ווו עס זענען

פאַראַן מוסלמענער אָ חוץ די קריסטלעכע מערהייט א.ד.ג. אַזאַ לאַגע איז נישט מעגלעך ביים יידישן פאָלק, ווייל אַ פאַקט איז, ווען אַ ייד שמדט זיך אָדער ווערט אַ מוסלמענער, איז ער מיט דעם נישט נאָר אַרויס פון דער יידישער רעליגיעזער־ראַם, נאָר אויך פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט: ער פאַרלאָזט דאָס יידישע פאָלק און שליסט זיך אָן אין אַן אַנדער פאָלק. און אַזוי פאַרקערט: אַ גוי אויב ער איז זיך מגייר ווערט ער אויך גערידישט, ס׳הייסט, ער שליסט זיך אָן נישט בלויז אין דער יידישער רעליגיע. דאָס איז אַ פאַקט, אַ היסטאָריש־נאַציאָנאַלער. דעריבער קען מען נישט צוגיין צום פּראָבלעם פון נאַציע און רעליגיע אין לעבן פון יידישן פאָלק מיט אַ פאָרמעל־לאָגישן צוגאַנג פאַרגלייכנדיק עס צו אַנדערע פעלקער. יעדן פאַל, אַזוי איז עס געווען ביז איצט אין אַלע דורות, און אויך אין אונדזער תקופה איז די לאַגע נישט אַנדערש. ווי דער ענין וועט זיך אַנטוויקלען אין דער צוקונפט — איז שווער נביאות צו זאָגן. אין סך־הכל לאָזט זיך זאָגן: עס קען אויך זיין אַ נישט־רעליגיעזער ייד, אַן אַנטי־רעליגיעזער ייד, אַן אַטעאיסטישער און אַן אַפּיקורסישער ייד („ישראל אף על פי שפשע ישראל הוא") אָבער אין נאַציאָנאַלן זין, קען נישט געמאָלט זיין אַ קריסטלעכער ייד, אַ מוסלמענישער ייד א.ד.ג.

רעליגיעזע און וועלטלעכע

אין די לעצטע דורות איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן די השפעה פון רע־ליגיעזן גלויבן ווי אַ גייסטיקער פאַקטאָר צווישן די פעלקער, און דאָסגלייכן ביים יידישן פאָלק אין די תפוצות און אין מדינת־ישראל. מען קען זיך נישט פון דעם פאַקט נישט ווויסנדיק מאַכן, און נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַ־האַנדלען די אורזאַכן, וואָס האָבן דערפירט צו דעם. פונדעסטוועגן דאַרף מען זאָגן לגבי די יידן אין די תפוצות, אַז דער רעליגיעזער יסוד דינט אויך היינט אַ קענצייכן פאַרן יידס נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. אַזאַ איז די לאַגע נישט נאָר אין די לענדער פונעם מערב־בלאָק, נאָר אויך אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. און מיר וועלן זיך באַגענוגענען פאַר אונדזער ענין בלויז מיטן אונטערשטרייכן דעם פאַקט.

אָבער אַנדערש איז די לאַגע אין מדינת־ישראל. דאָ איז גענוג דער פאַקט פון אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, און מען נויטיקט זיך נישט אין אַ רעליגיעזן קענצייכן פעסטצושטעלן די נאַציאָנאַליטעט. און דאָס איז אייגנט־

לעך די הויפּט־סיבה פאַר דער גרויסער שפּאַנונג, וואָס הערשט אין אונדזער לאַנד צווישן די אָרטאָדאָקסישע רעליגיעזע־שטרעמונגען פון איין זייט און צווישן דעם דאָמינירנדיקן רוב פונעם יידישן ישוב פון דער צווייטער זייט. און נישט דורך אַ צופאַל האָבן מיר געזאָגט „דער דאָמינירנדיקער רוב פון יידישן ישוב", און מיר האָבן זיך נישט באַנוצט מיטן אויסדרוק „דער וועלט־לעכער טייל" פון דער יידישער באַפעלקערונג; ווייל מיר האַלטן נישט פון דער אָנגענומענער מיינונג ביים צעטיילן די ישראל־געזעלשאַפט אויף רעליג־יעזע און פרייע, די מיינונג איז צו איינפאַך, זי שפּיגלט נישט אָפּ די גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע עקזיסטירנדיקע ווירקלעכקייט. אמת, אין אונדזער לאַנד זענען נישט פאַראַן ברייטע באַוועגונגען פון נישט־אָרטאָדאָקסישע רעליגיעזע יידן, ווי מיר קענען אין אַמעריקע און אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער (קאָנסערוואַטיווע, רעפאָרמירטע א.ד.ג.). אָבער דאָס זאָגט נישט, אַז די יידישע באַפעלקערונג די נישט־אָרטאָדאָקסישע אין אונדזער לאַנד איז אינגאַנצן אַ פרייע.

אין דער לעצטער צייט איז אפילו אויפגעקומען אין אונדזער מדינה דאָ און דאָרט קרייזן און עדהס פון „פּאָרטשריטלעכער יידישקייט", אָבער מען קען זיי נאָך נישט אָנרופן באַוועגונגען, און לייגנדיק אַכט אויף די ספּעציעלע באַדינגונגען אין אונדזער לאַנד, דאַרף מען צווייפלען אין דעם, אויב אין דער נאָענטער צוקונפט וועט אויפקומען אַ ברייטע באַוועגונג פון נישט־אָרטאָדאָק־סישע רעליגיעזע יידן אין ישראל. די שוואַכע אויסזיכטן ס'זאָל אויסוואַקסן אַזאַ באַוועגונג אין דער נאָענטער צוקונפט ליגן נישט דווקא אין די בכיוונ־דיקע און געקינצלטע שטרויכלונגען, וואָס דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום אין אונדזער לאַנד לייגט אויפן וועג פונעם „פּאָרגעשריטענעם יידנטום". ס'איז נישט נאָר אַן עוולה און אַ פאַרלעצונג פונעם פרייהייט־פּרינציפּ פון געוויסן און גלויבן, נאָר אַ האַרבער פעלער מצד דער אָרטאָדאָקסיע פון איר אינטע־רעסן־שטאַנדפּונקט. קיין שום רעליגיעזע באַוועגונג האָט זיך קיינמאָל נישט צוריקגעצויגן צוליב דרוק און רדיפות. אדרבא, מיר האָבן פון די געשיכטעס פון גלויבנס און רעליגיעזע באַוועגונגען געלערנט, אַז וואָס מער אַ רעליגיע ווערט גערודפט, אַלץ מער שטאַרקט זי זיך אינערלעך מיט דער געטריישאַפט פון אירע אָנהענגער. דעריבער, ווי געזאָגט, נישט דער דרוק מצד די אָרטאָ־דאָקסן האַלט־אויף די אַנטוויקלונג פונעם „פּאָרגעשריטענעם יידנטום".

אגב, ערשט נישט לאַנג איז אויפגעקומען, מיט דער איניציאַטיוו פון אַ געזעמל מענטשן פונעם אַקאַדעמישן קאָרפּוס ביי דער העברעאישער אוניווערסיטעט

אין ירושלים, אַ גרופּע רעליגיעזע, היטן־אָפּ מצוות און טראַדיציע, וואָס שטרעבן אָפּצוטיילן די רעליגיע פון יעדע פּאָליטישע און פּאַרטייאישע טע־טיקייט. זיי האַלטן, אַז די פּאָליטיק און די פּאַרטייאישקייט ברענגען אָפּ שאָדן דעם רעליגיעזן ענין און פּאַרמיאוסן אים דער באַפעלקערונג, און ספּעציעל דעם נייעם דור. די מענטשן פון דער דאָזיקער גרופּע שטרעבן צו געבן די ווערטן פון דער היסטאָרישער יידישקייט ברייטערע שיכטן פון פּאָלק, נישט פאַרבינדנדיק די דאָזיקע טעטיקייט מיט וועלכער ס׳איז פּאָלי־טישער־ראַם. לויט זייער רעליגיעזע אויפפאַסונג האַלטן זיך די דאָזיקע מענטשן ביי דער רעליגיעזיטעט פון דער טראַדיציאָנעלער אָרטאָדאָקסיע. פונדעסטוועגן איז אין דער אָרגאַניזאַציע פאַראַן אַ חידוש און קען זיין, אַז זי האָט אויך אַ צוקונפט אין מדינת־ישראל.

נישט־אָרטאָדאָקסישע מאמינים

איז טאַקע אַ טעות צו זאָגן, אַז בלויז די אָרטאָדאָקסישע רעליגיעזע זענען די גלויביקע, און אַלע איבעריקע זענען נישט־גלויביק. אמונה, בדרך כלל, לאָזט זיך נישט מעסטן און וועגן, זי געהער צום סאָרט „אימפּאָנדיראַביליע״, זי פאַרמאָגט אויך נישט קיין אויסגעשפּראָכענע אויסערלעכע סימנים, ווייל אמונה איז נישט מער ווי אַן אינערלעכער באַוווסטזיין, וואָס בויטיקט זיך נישט אין קיין באַווייזן, און זי לאָזט זיך אויך נישט באַווייזן, ווייל דערפאַר איז זי דאָך אמונה. מען קען אויך די אמונה נישט האַלטן פאַר אַ ריטואַל און טראַדיציאָנעלע מנהגים. עס איז פאַראַן אַ רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג, און ס׳איז פאַראַן רעליגיע, טראַדיציע, מנהגים און מצוות מעשיות. דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן לויט זייער אייגנשאַפט, כאָטש זיי זענען אין מיינסטנס פאַלן פאַרבונדן צווישן זיך. אָבער עס ליגט נישט קיין וועזנטלעכע נויטבאַדערפטיקייט אין דעם, און דעריבער דעקן זיי זיך נישט שטענדיק. אין קעגנזאַץ צו דער קאָנווענציאָנעלער דאָגמאַטישער־מיינונג, וואָס צעטיילט, געוועגלעך, די געזעלשאַפט, לויטן שטאַנדפּונקט פון אמונה, בלויז אויף צוויי סאָרטן — רעליגיעזע און פרייע, איז למעשה פאַראַן אין ישראל אַ גרויסער ציבור פון מאמינים, וואָס לאָזט זיך נישט אַריינעמען אין דער ראַם פון איינע פון די צוויי סאָרטן. דער דאָזיקער ציבור איז אומגעהויער מער פון אָרטאָ־דאָקסישע רעליגיעזע, און אויך נישט נאָר גרעסער פון דער צאָל יידן, וואָס גייען דאַוונען בציבור אין דער וואָכן, נאָר אַפילו פון דער צאָל באַזוכער אין די שולן שבת און יום־טוב. און נאָך: עס איז אויך פאַראַן אַ יסוד צו

זאָגן, אַז נישט אַלע, וואָס קומען אין די שולן שבת און יום־טוב, זענען רע־ליגיעז אין אָנגענומענעם אָרטאָדאָקסישן זין פון דעם באַגריף. דאָס זענען על־פּי־רוב מענטשן מיט אַן אינערלעכע באַציאונג צו דער יידישער טראַ־דיציע.

קען מען דעריבער זאָגן, אַז צווישן דעם וועג פון די רעליגיעזע און דעם וועג פון די פרייע איז נאָך פאַראַן אַ דריטער, פון מאמינים. אַ וועג, וואָס צעצווייגט זיך אויף פיל־און פאַרשידענע־אָפּצווייגונגען אין איינקלאַנג מיט דער פאָרעם פון דער אמונה און אירע פאַרשידענע אופנים. אהרן דוד גאָרדאָן האָט אין זיין צייט דיסקוטירט מיט יוסף חיים ברענערס מיינונגען וועגן יידישקייט און יידישער רעליגיע און האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „עס איז ליב מיר די יידישע רעליגיע, זי איז מיר ליב ביז טיף אין מיין נשמה ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש איך בין היינט נישט קיין שומר דת און בין נישט רעליגיעז אין געוויינלעכן זין". די דאָזיקע רייד גאָרדאָנס האָבן אַ באַדייט, ווייל עס הערט זיך פון דעם „לאו" דער „הן", ס'הייסט: אייגנטלעך איז ער נישט רעליגיעז אינעם אָנגענומענעם געוויינלעכן זין, אָבער ער איז אַ גלויִ־ביקער מענטש, נישט אינעם רעליגיעזן אָנגענומענעם זין. דאָס הייסט, ער האָט אַ רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג, וואָס איז נישט דאָגמאַטיש און אָרטאָ־דאָקסיש.

דער דאָזיקער צוגאַנג פון א.ד. גאָרדאָן צו דער יידישער רעליגיע איז היינט דער צוגאַנג פון אַ סך אין אונדזער לאַנד, און ספּעציעל צווישן דעם אַרבע־טער־קלאַס, וואָס גלויבט אין גייסטיקע איבערמענטשלעכע ווערטן, ווערטן אַבסאָלוטע און אייביקע, וואָס געהערן צו די גרונט־ווערטן פון דער יידישער אמונה, אָבער צוזאַמען מיט דעם קענען זיי נישט זען די גאַנצע פּינקטלעכע רעגלאַמענטאַציע, וואָס די הלכה באַשטימט, לגבי דעם באַציאונגס־וועזן פון בין אדם למקום ווי אַ נויטווענדיקייט, וואָס איז בחינת הלכה למשה מסיני ממש ווי דער חיזיון פון מתן־תורה (עשרת הדברות), וואָס זיי האַלטן עס אַלס אַן איינמאָליקע אַנטפּלעקונג. מאמינים פון דעם סאָרט זעען די הלכה צוזאַ־מענגעזעצט פון פאַרשידענע און אַ סך היסטאָרישע שיכטן, און נישט אַלץ, וואָס האָט זיך געפּאַסט אין די פריערדיקע תקופות פּאַסט זיך אויך אין אונדזער צייט, און די זאַכן זענען באַקאַנט. דעם גרעסטן כבוד פאַר די יעניקע פון פאָלק, וואָס פירן אויס די הלכה פולשטענדיק און ווילן זי מקיים זיין מיט זייער לייב און לעבן אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס (איך זאָג מאַקסי־מאַלסטער, ווייל אין אַבסאָלוטער מאָס האָט נאָך קיינער זי נישט מקיים געווען

און וועט זי נישט קענען מקיים זיין). פאַר מיינעטוועגן זע איך קיין שום באַדאַרף צו קעמפן מיט זיי אָדער זיך מתווכח זיין, ווייל, ווי געזאָגט, לאָזט זיך נישט די אמונה איבערצייגן אָדער אָפּלייקענען. אדרבא, זאָלן זיי זיין געבענטשט און מצליח זיין, אָבער עס איז פסול דער וועג פון צוואַנג לגבי אַנדערע, וואָס דענקען נישט ווי זיי, אָדער וואָס גלויבן און דריקן אויס זייער גלויבן אין יידישן גאָט און אין די יידישע הייליקטימער אויף אַן אַנדערן אופן, אין אַן אַנדערער פאָרעם און מיט אַנדערע דרכים. דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום מאַכט אַ האַרבן פעלער מיט דעם, וואָס זי פּראָקלאַמירט, אַז די אַלע וואָס זעען פאַר זיך נישט קיין מעגלעכקייט מקיים צו זיין ווי עס איז אָנגענומען די מצוות מעשיות, זענען פרייע און אַנטי־רעליגיעז. עס וואָלט כדאי געווען, צוליב אַן אויספאָרשונג אויף דעם געביט, צו מאַכן אַמאָל אַ פּאַסנדיקע אַנקעטע און מאַכן אַן אָרגאַניזירטן פלעביסציט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ישראל. די אַפּריאָרישע מיינונג אונדזערע איז, אַז בלויז אַ קליינע צאָל יידישע איינוווינער אין לאַנד וועלן זיך דערקלערן אַלס נישט־גלויביקע אָדער אַלס אויסגעשפּראָכענע אַטעאיסטן, ווייל דער רוב קלאַמערט זיך אין דער אמונה אין איר ברייטן זין — לאָמיר זאָגן: אינעם גאָרדאָנישן — זין פונעם באַגריף.

שלומי אמוני ווערטן

איבער די אמונה־דרכים פון די אָרטאָדאָקסישע שטרעמונגען אין דער ישראל־געזעלשאַפט דאַרף מען אַ סך נישט ריידן, ווייל דאָס זענען אויסגעטראָטענע אָנגענומענע דרכים ביים יידנטום, וואָס מיר קענען זיי פון אונדזער ווייטער און אויך נענטערער היסטאָריע. דעריבער איז כדאי מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן אויף נייע דערשיינונגען אין תחום פון דער אמונה, ווי זיי זענען קאָנטיק אין דער לעצטער צייט ביי דער ישראל געזעלשאַפט. עס לאָזט זיך זאָגן, אָן אַ שום חשש פון נישט אָנערקענען פאַקטן, אַז דער רוב מאמינים איינוווינער פון אונדזער לאַנד געהערן נישט צו די רעליגיעזע פאַרבאַנדן און אָרגאַניזאַציעס, און אַז די צאָל מאמינים אין ברייטן זין פון דעם וואָרט איז כלל נישט קיין נישטיקער. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַפילו די דאָזיקע מענטשן צונויפגעקליבן אין ענגע קרייזן, אויסער די קרייזן, וואָס רופן זיך „דאָס פאַרגעשריטענע יידנטום״. די דאָזיקע קרייזן קומען זיך פון מאָל צו מאָל צונויף (פאַראַן אויך סיסטעמאַטיש און אין באַשטימטע צייטן) אויף געשפּרעכן און באַהאַנדלונגען וועגן טעמעס, ווי צום ביישפּיל: דער מהות פון יידישן פאָלק;

דער מהות פון מענטש און וועלט; פּראָבלעמען פון דער יידישער טראַדיציע און איר פּלאַץ אין אונדזער לעבן; גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן אין אונדזער צייט און נאָך. פאַראַן רעליגיעזע קרייזן, וואָס צונויפקומענדיק זיך זענען זיי אויך מקיים תפילה בציבור אויף זייער אופן, און נישט דווקא אין „רעפאָרמישן" נוסח, נאָר מער נענטער צו דעם טראַדיציאָנעלן נוסח. דעם דאָזיקן סאָרט מאמינים קען מען אפשר אָנרופן „שלומי אמוני ווערטן". צו־זאַמען מיט דעם זענען זיי אויך פאַרשידן צווישן זיך אין זין פון קיום מצוות מעשיות, אָפּט אפילו אין זייער טעאָלאָגישן־און טעאָסאָפישן־צוגאַנג א.א.וו. (למשל, עס איז ביי זיי אונטער אַ חלוקי דעות די פראַגע פון דער בחירה פונעם יידישן פאָלק ווי אַן עם סגולה און נאָך). אָבער איין בשותפותדיקע זאַך פאַרמאָגן זיי און איז זיי מקרב איינעם צום צווייטן — די שטרעבונג פון גייסטיקער און מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכער באַנייאונג פון דער ישראל־געזעלשאַפט. זייער בשותפותדיקן ציל לאָזט זיך אַפשר אויסדריקן אין די ווייטערדיקע ווערטער פון א.ד. גאָרדאָן: „עס איז קודם כל פאַראַן אַ באַדאַרף זיך אומצוקערן צום מענטש, צום בחינת ,צלם אלוהים', דער מענטש, וואָס קען דעם אַלוועלט, לעבט דעם אַלוועלט און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַלוועלט; עס איז פאַראַן אַ באַדאַרף זיך אומצוקערן צום מענטש, וואָס אין יעדן איינעם פון אונדז אַליין און צום מענטש, וואָס איז אין אַנדערע, וואָס איז אין אַלע אַנדערע, אָן אַן אויסנאַם". די דאָזיקע מאַמינים איז דערווידער דער פּיליסטערישער רעש און סנאָביסטישער טומל, וואָס פּילט אָן אונדזער וועלט. זיי זעען עס ווי אַן „עבודה זרה" אין אַ נייעם נוסח, בחינת יעדע תקופה און איר „עבודה זרה". און די דאָזיקע אַטמאָספער פון אָפּנויגן פונעם וועזנטלעך־היסטאָרישן דרך ישראל גיט אירע צייכנס נישט בלויז אין די „פריי" קרייזן, נאָר אויך אין נישט אַזוי באַשרענקטע רעליגיעזע קרייזן, וואָס האַלטן פון ריטואַל און מצוות מעשיות.

דער מהות פון מענטש

די מאמינים פון די אַלע מינים און סאָרטן, וואָס געהערן נישט צו די אָרטאָ־דאָקסישע שטרעמונגען, וועלן מיר קענען אָנרופן צוליב „טעכנישער" באַ־קוועמלעכקייט פון אונדזער באַהאַנדלונג, מיטן אַלגעמיינעם נאָמען „וועג־זוכער" פאַר גייסטיקער באַנייאונג. לויט דער רעליגיאָזער וועלט־אָנשויאונג, וואָס זיי האָבן אָדער זענען נוטה צו איר, קען מען נישט זען די מענטשלעכע וועלט ווי עפּעס אַ זעלבשטענדיקס, ווי אַ קאָסמישער חי, וואָס באַשטייט

אַלייך, נאָר מען דאַרף זי זען ווי אַ חיזיון, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן און וואָרצלט טיף אין די ספירות עליונות פונעם וועלט־אַל. פונדאַנען שטאַמט אויך די מסכנה, אַז דער פּראָבלעם פון באַציאונגען צווישן איין מענטש און אַנדערן און צווישן פרט און כלל באַשרענקט זיך נישט בלויז אין ראַם פון דער מענטשלעכער וועלט. דער דאָזיקער פּראָבלעם שטאַמט פון מער אַן אַרומנעמענדיקן מקור, וואָס זיין מהות וועלן מיר נישט קענען דערקענען, באַגרייפן אָדער אויספאַסן, בלויז, אַמהעכסטנס, פילן.

און דאָ וועקט זיך נאָך אַמאָל אויף די גאָר אַלטע פראַגע וועגן מהות פון מענטש: צי איז ער אַ ביאָלאָגישער אַפּאַראַט און מער נישט, אָדער ער פאַר־מאָגט נאָך עפּעס, און דאָס דאָזיקע „נאָך עפּעס", אָט דאָס איז, אייגנטלעך, דער עיקר מענטשלעכע טבע פון מענטש. עס זענען אויך פאַראַן אין מענטש שטענדיקע אַנטפּלעקונגען, און די הויפּט־אויפגאַבע פון דער מענטשלעכער נאַטור איז צו קעמפן מיט די דאָזיקע צעשטערערישע אַנטפּלעקונגען כלפּי פנים און כלפּי חוץ. דער קאַמף כלפּי פנים איז דער געראַנגל פון מענטש מיט זיינע יצרים, און דער קאַמף כלפּי חוץ איז די מלחמה מיט שלעכטס, און זאָל עס קומען פון וועלכער זייט ס'איז און מיט וואָסערער פאָרם ס'איז. די מאמינים פונעם סאָרט „וועג־זוכער" האַלטן נישט פון דער פאָרמולירונג, וואָס האָט געגעבן דער פאַרצייטיקער חכם מיט דער פעסעמיסטישער פי־לאָסאָפיע פון תנ"ך: „ומותר האדם מן הבהמה אַין, כי הכל הבל". זיי גלויבן, אַז די טבע פון מענטש איז נישט גלייך מיט אַלעמען צו דער טבע פון די איבעריקע בעלי־החיים. אויב מיר וועלן אָננעמען דעם דאָזיקן טרויעריקן פּסוק פון קוהלת אַזוי־ווי ער גייט און שטייט, האָט דער מענטש, זיין לעבן און זיין גאַנג, קיין באַזונדערן באַדייט. און ס'האָט קיין שום זין נישט צו זוכן וועגן צו פאַרבעסערן דעם מענטש און פאַרבעסערן די מענטשלעכע געזעלשאַפט. און דער פּסוק, נישט נאָר וואָס ער איז אַ טרויעריקער, איז ער אויך אין ווידערשפּרוך צו די רעאַלע אַנטפּלעקונגען פון מענטש, וואָס האָט שטרעבונגען צו שלמות, צו אַבסאָלוטע און אייביקע ווערטן.

דאָס יידנטום שטרייכט בעיקר אונטער דעם עטישן, דעם מאָראַלישן יסוד וואָס אין מענטש, און נאָך מער דעם מאָראַל פון פליכט, וואָס שטאַמט פון אַבסאָלוטן מקור, ס'הייסט, דער מקור און יסוד פונעם מענטשלעכן און פונעם איבער־מענטשלעכן, אין דער ספירה, וואָס איז העכער פון אים, ווי עס איז געשריבן: „קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלוהיכם". דאָ אין פרשת קדושים (ויקרא י"ט), קומט די דערקלערונג וועגן דעם אַבסאָלוטן מקור, פון וועלכן

עס שטאַמען אויך די מאָראַלישע פאָדערונגען שבין אדם לחברו. דעם דאָזיקן קאָנטאַקט מיטן אַבסאָלוטן מקור און מאָראַלישן באַוווסטזיין פון מענטש דאַרף מען זען ווי אַ נויטווענדיקן אָפּהאַלט פאַר דער סכנה פון רעלאַטיוויזם און דעם מאָראַל, וואָס צעשטערט די לעבנס־וויכטיקע יסודות פון דער עקזיס־טענץ פון דער עמנטשלעכער געזעלשאַפט. כדי צו שילדערן מער אין איינצל־הייטן דעם אופן פון גלויבן ביי די מענטשן פון די „וועג־זוכער"־קרייזן, איז כדאי דאָ צו ברענגען ווי אַ מוסטער איניקע פון זייערע רעליגיעזע הנחות, וואָס זענען בשותפותדיק מיט אַ סך פון זיי אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס, אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם.

דער „אני מאמין" פון די „וועג־זוכער"

א. ס׳איז נישט אָנצונעמען די מיינונג, וואָס זאָגט, אַז די וועלט איז אַנשטאַ־נען אויף אַ מעכאַנישן אופן פון אַ תוהו־ובוהו לאַגע, אָן עס זאָל האָבן גע־שוועבט גאָטס גייסט איבערן תהום;

ב. מען קען נישט אָנעמען, אַז די וועלט איז אַ צופאַל און אַז זי איז הפקר, און אַז אין גרונט איז נישט פאַראַן אַ שעפערישע פירנדיקע אידייע;

ג. מען קען נישט אָנעמען די מיינונג, אַז דער מענטש איז שלעכט פון דער טבע אויס, און אַז ער קאָן זיך נישט פאַרבעסערן;

ד. מען קען נישט אָנעמען דעם פעסעמיסטישן געדאַנק, אַז מותר האדם מן הבהמה אַין;

ה. מען קען נישט אָנעמען די מיינונג וואָס זאָגט, אַז אין דער מענטשלעכער היסטאָריע הערשט בלויז צופאַל, אָן שום השפעה פון דער איבער־מענטש־לעכער ספירה, וואָס דער מענטשלעכער שכל קען עס נישט באַגרייפן;

ו. מען קען נישט אָנעמען, אַז דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט בלויז צוליב אַ צופאַל און אַז דאָס פאָלק האָט נישט קיין ספעציעלע מיסיע אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט. ווייל ישראל איז עס געווען, וואָס האָט אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק פון אדם בצלם אלוהים, דאַרף ער ווייטער גיין און, ווי א. ד. גאָרדאָן האָט אַמאָל געזאָגט, זאָגן איצט — פאָלק בצלם אלוהים;

ז. פונדאַנען איז געדרונגען, אַז ס'איז פאַראַן אַ ספּעציעלער העכערער אי־בער־מענטשלעכער באַדייט אין שיבת־ציון אין אונדזער צייט און אין אויפ־קום פון מדינת־ישראל;

ח. מדינת ישראל וועט נישט קענען האָבן קיין קיום, אויב זי וועט נישט בעסער זיין, אָרנטלעכער זיין, מאָראַלישער זיין, מענטשלעכער זיין, גערעכטער זיין אויפן געביט פון באַציאונגען צווישן מענטש צו מענטש און צווישן פאָלק צו פאָלק, ווי עס איז אָנגענומען, געוועזלעך, ביי די אומות העולם ביז איצט;

ט. מען קען נישט אָנעמען, אַז די מעטשלעכע וועלט, מיט איר גאַנצער ציוויליזאַציע, אַטאָמאַציע, טעכנאָלאָגיע, פליען אין רוים און צו די פּלאַנעטן א.ד.ג. וועט באַשטיין, אויב זי וועט נישט גיין אויפן וועג פון פעלקער־פאַרברידערונג, איינהייט פון מענטשלעכן מין, אָן קיין אונטערשיד פון ראַסע, נאַציע און רעליגיע, און אויפן וועג פון אייביקן שלום;

י. עס איז כלל נישט קיין נויטווענדיקייט, אַז דער שקר, די שנאה און די טומאה זאָלן אייביק רעגירן אויף דער וועלט...

צו דעם־אַ צעטל קען מען צוגעבן נאָך און נאָך, אָבער כדי צו באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם אני מאמין", וואָס שטאַמט אַרויס פון אַ רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג, וועגן וועלכער מיר שמועסן דאָ, איז גענוג דאָס וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט. די דאָזיקער פּרינציפּן שאַפן אַ גענוג ברייט פעלד פאַר דער טעטיקייט פון מענטש און פאַר זיין פערזענלעכער אַחריות פאַר די מעשים זיינע אָדער אָפּהענטיקייט זיינער, בחינת הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים". פון אַזאַ אמונה־דרך שטאַמען במילא אויך אַ ריי מסקנות, וואָס פאַר־פליכטן דעם פּרט אָדער דעם כלל צו אַ געוויסן לעבנסשטייגער אין דער זיך שאַפנדיקער ישראל־געזעלשאַפט.

צי איז ישראל ככל הגויים?

אַ שטענדיק אָנגייענדיקער וויכוח פירט זיך ביים פאָלק ישראל לענגאויס אונדזער גאַנצער היסטאָריע פון גאָר פאַרצייטנס אָן ביזן היינטיקן טאָג: אַ וויכוח וואָס לאָזט זיך אַזוי פאָרמולירן: צי איז ישראל ככל הגויים, אָדער האָט זי איר באַזונדערן וועג, ווען אַפילו דער וועג איז אַ שווערער און אַ מער

פאַרפליכטנדיקער. אַ קלאָרן און אַן אויסגעשפּראָכענעם אויסדרוק פאַר דער דאָזיקער היסטאָרישער פּלוגתא איז געגעבן געוואָרן דורך דעם מיינונג־אויסטויש פון שמואל הרמתי און די זקני ישראל, ווען זיי האָבן זיך פאַר־זאַמלט און געקומען צום אַלטיטשקן נביא מיט דער פאָדערונג ער זאָל זיי קריינען אַ מלך. די טענה פון די זקני ישראל איז געווען: „וועלן אויך מיר זיין ככל הגויים", אָבער דער נביא האָט נישט אָנגענומען די דאָזיקע טענה, ווי דער פּסוק זאָגט: „וירע הדבר בעיני שמואל (שמואל א׳, ח). אָבער דער וויכוח האָט נישט אויפגעהערט און גייט־אָן עד היום, און איצט זענען מיר עדות צו זיין מאָדערנעם גילגול אין מדינת־ישראל.

אָן אַ וועלכן ס׳איז צוזאַמענהאַנג מיט מקיים זיין מצוות מעשיות, שטעלט פאַר זיך דער נישט אָרטאָדאָקסישער מאמין אַ ריי וויכטיקע פראַגעז, ווי: צי האָט אונדזער צוריקקער אין לאַנד און אונדזער לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד אַ ספּעציעלן באַדייט, אָדער איז עס בלויז אַ צופאַל? צי איז אונדזער וועג אין דעם לאַנד און אונדזער לעבנסשטייגער אַ געווענלעכע, קאָנווענציאָנעלע, באַנאַלע מלוכהשקייט, אָדער עס איז אונדז מחייב צו דער שטרעבונג פון זיין אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש?" צוליב וואָס האָבן מיר זיך אומגעקערט (ריכטיקער: האָט מען אונדז אומגעקערט) אין דעם דאָזיקן לאַנד אַריין — צי טאַקע כדי מיר זאָלן לעבן, עסן, טרינקען און הנאה האָבן פון פאַרווייַלונגען? צי איז שיבת ציון אין אונדזער צייט אַזוי פּשוט און געוועגלעך, אַז ס׳האָט קיין שום באַדייט לגבי אונדזער לעבנסשטייגער, לגבי אונדזער פּערזענלעכער אויפפירונג, נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער אויפפירונג?

עס דאַרף דער מענטש, יעדער מענטש פון ישראל, זיך שטעלן די דאָזיקע פראַגן, כדי אויסצוווילן זיך אַ וועג אין לעבן, וואָס פּאַסט דעם מהות פון ישראל ווי אַ קאָלעקטיווע היסטאָרישע פּערזענלעכקייט, נישט מזלזל זייענדיק מיט קיין איינעם פון די פעלקער אויף דער וועלט, אָן אַ שמץ פון נאַציאָנאַלער גרויסהאַלטונג פון אונדזער זייט, דאַרפן מיר אָנערקענען דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז דער גורל פון אונדזער פאָלק האָט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און ווער עס וועט נישט וועלן זען דעם פאַקט, וועט לייקענען אין אַ קלאָרן היסטאָרישן אמת. עס זענען פאַראַן נישט וויניק היסטאָרישע פאַקטן — און ספּעציעל אין דער געשיכטע פון יידן — וואָס לאָזן זיך נישט ראַציאָנעל דערקלערן, און פונדעסטוועגן זענען זיי פאַקטן, און דער היסטאָריקער מוז זיי נעמען אין באַטראַכט ווען ער קומט שילדערן די וועלט געשיכטע.

דער נביא פון תקוע האָט אויף אַ ווונדערלעכן אופן אויסגעדריקט „על רגל אחת" די יידישע היסטאָריאָזאָפיע, זאָגנדיק אין גאָטס נאָמען: „רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה. על כן אפקוד עליכם את כל עוונותיכם" (עמוס ג, ב) ס׳מיינט, אַז עם־ישראל לײדט שטענדיק מער און באַצאָלט אַ גרעסערן פּרייז פון אַלע אַנדערע פעלקער פאַר יעדע זינד, אָפּנויג אָדער טעות פון זײן זייט. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס מען קען טאַקע נישט געפונען קיין ראַציאָנאַליסטישע אויפקלערונג, אָבער ער איז פאַראַן, און מיר ווילן אים נישט קענען אָפּלייקענען. צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט — איז אונדזער כוח נאָר אין דער ריינקייט פון אונדזער מחנה, אין דער זויבערקייט פון אונדזערע הענט, און אויב דאָס פעלט, ברעכט זיך צוזאַמען אונדזער כוח.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז ארץ־ישראל איז שפּירעוודיק צו יעדער טומאה־דערשיינונג מער ווי יעדעס אַנדער לאַנד און קען עס לאַנג נישט פאַרטראָגן, ווי עס שטייט געשריבן: ותיטמא הארץ, ואפקוד עוונה עליה, ותקיא הארץ את יושביה" (ויקרא י״ח, כה). ווען מיר וועלן באַזונדערס מקפיד זיין אויף די ריטואַלע מצוות, און נישט מקפיד זיין אויף טוהר הלב, אויף טוהר המידות און אויפן געבאָט „הצנע לכת", וועלן מיר נישט קענען ביי־שטיין. „קדושים תהיו" — זאָגט דער רמב״ן: „היו פרושים ממותרות" (זייט אָפּגעשיידט פון לוקסוס). דאָס אָנענדלעך געיעג נאָך אַ העכערן לעבנ־סטאַנדאַרט איבער אונדזערע כוחות, דאָס לויפן אָן אַ העמונג און אָן אַ גרע־נעץ; דאָס לויפן נאָך לוקסוס און פּראַכט; דאָס אָפּשאַצן דעם מענטש נישט לויט זיינע אייגנשאַפטן און מעשים נאָר לויט זיינע איינקונפטן, און נאָך מער, לויט זיינע אויסגאַבן, — דאָס אַלץ איז סותר אויף אַ שרייענדיקן אופן די אָריגינעלע יידישע פאָדערונג „קדושים תהיו".

דעריבער, ווער עס גלויבט אינעם באַזונדערן יידישן וועג פאַלט אויף אים אַ גרויסע שרעק פאַרן גורל פון פאָלק און לאַנד. זאָל זיך יעדער יידישער מענטשן פרעגן סאַראַ טעם און סאַראַ באַדייט האָט מיין אומקערן זיך אין לאַנד אַריין, אָדער מיין זיצן דאָ? בין איך אַ גרעסערער צדיק פון הלל צייט־ליך, פון יאַנוש קאָרטשאַק, פון יצחק קאַצענעלסאָן און פון די איבעריקע מיליאָנען שוועסטער און ברידער, און פונעם מיליאָן ריינע אומשולדיקע יידישע קינדערלעך, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אינעם יידישן חורבן אין אייראָפּע? צי דען געפין איך זיך אין לאַנד, כדי בלויז צו זאָרגן וועגן זיך, פאַר מיין באַקוועמלעכקייט, פאַר מיין רייכטום און תענוגים, נישט דענ־קענדיק וועגן דעם העכערן תכלית, צוליב וועלכן איך האָב זוכה געווען צו

זיין צווישן די גרינדער פון מדינת־ישראל? יעדער יידישער מענטש איז מחויב צו באַרעכטיקן זיין קיום דורך אַ לעבן פון מענטשלעכן גייסטיקן און מאָראַלישן באַדייט, און אַוודאי איז דער חוב מוטל אויפן פאָלק, וואָס זיצט אין ציון. ווייל ניט סתם און נישט דורך אַ צופאַל האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד נאָך לאַנגע דורות וואַנדערונגען, רדיפות, דערנידערונגען, יסורים, פיין און אומגעהויערע קרבנות. און אויב אונדזער דור וועט נישט פאַרשטיין צו וואָס דער גורל פון אונדזער פאָלק פאַרפליכטעט, אויב ער וועט נישט אַרויסווייזן די פעאיקייט אָנצוגיין מיט זיין מיסיע, וואָס שטאַמט פון דעם היסטאָרישן גורל פון פאָלק, — וועלן מיר נישט קענען ביישטיין. „כל ישראל ערבים זה בזה" — אויך דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס מען דאַרף וויסן. און אויב מיר וועלן נישט וועלן זען דעם דאָזיקן פאַקט, וואָס פאַרפליכטעט אונדז צו נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט, און אויב מירן האַנדלען לויט „איש לאוהליך ישראל" — וועלן מיר נישט קענען ביישטיין.

אַ נייע אמונה אין אַן אַלטער תורה

אין דערלעצטער צייט זענען אויפגעקומען רעליגיעזע קרייזן אין ישראל, טאָקע באַשרענקטע קרייזן. אָבער זייערע מענטשן גלויבן, אַז זיי דריקן אויס די פאָדערונג, וואָס פליסט אַרויס פון דער טיפעניש פון דער יידישער היסטאָריע וועגן דער מיסיע, וואָס איז דער חוב פון אונדזער פאָלק פון תמיד אָן, און דאַרף זי אויספירן, אויב עס וויל לעבן... די דאָזיקע קרייזן פראָקלאַמירן אַ נייע אמונה אין אַן אַלטער תורה, ס'הייסט, דאָס יידישע פאָלק איז מחויב צו זיין דער טעטיקסטער פאַרווירקלעכער פון די עשרת הדברות, וואָס ער האָט אויסגעקריצט אויף זיין אמונה־פאָן נאָך אין די אור־צייטן. כל זמן דאָס יידישע פאָלק פאַרוואַנדלט נישט זיין תורה (עשרת הדברות) אין פעסטע לעבנסשטייגער־יסודות וועלן עס נישט מאַכן די פעלקער פון דער וועלט, וואָס האָבן די דאָזיקע תורה באַקומען פונעם יידישן פאָלק. דעריבער איז דאָס יידישע פאָלק פאַראַנטוואָרטלעך איצט, נישט ווייניקער ווי בזמן מתן תורה, פאַר תיקון עולם במלכות שדי, וואָס איז דאָס מלכות פון גערעכטיקייט, אהבת הבריות, פעלקער־פאַרברידערונג און אייביקער שלום. די אָנהענגער פון די דאָזיקע קרייזן גלויבן, אַז ס'איז געקומען די צייט פאַר אַ באַנייטן חלוציזם, דאָס וועט זיין אַ חלוציזם פאַר גייסטיקער, מענטשלעכער און מאָראַלישער באַנייאונג פון דער ישראל־געזעלשאַפט. די דאָזיקע באַנייאונג

וועט נישט קומען פון אויבן, דורך געזעץ־און אַדמיניסטראַטיוון־צוואַנג, דורך דער רעגירונג אָדער דורך פאַרשידענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס; זי וועט אַרויסוואַקסן פון קאָנקרעטיזירן דעם לעבנשטייגער אין איינקלאַנג מיט די יסודות פון דער יידישער אמונה, דורך איינצלנע און דורך גרופּן, וואָס קענען מיט דעם ווערן אַ וועג־ווייזער פאַר אַ סך, און נישט מיט פּרעדיקן, נאָר מיט זייער אייגענער אויפפירונג. דאָס איז אַ לאַנגער וועג, וואָס איז קורץ, ווייל קיין אַנדערער איז נישט פאַראַן. די מענטשן פון די דאָזיקע רעליגיעזע קרייזן זוכן נישט מבטל צו זיין די ווערט פון פּאָליטישע פּאַרטייען, אויף וויפל זיי זענען געטריי די באַדערפענישן פון כלל, יעדע פּאַרטיי לויט איר וועג און מיינונגען. אָבער זיי גלויבן נישט, אַז די פּאָליטישע פּאַרטייען, אַריינגערעכנט אויך די רעליגיעזע, ווי זיי דערשיינען היינט־צו־טאָג, זענען מסוגל צו ברענגען געזעלשאַפטלעכע אויסבעסערונגען, אין וועלכע עס נויטיקט זיך די ישראל־געזעלשאַפט, ווי לופט צו אָטעמען. עס זענען פאַראַן צווישן די מענטשן פון די דאָזיקע קרייזן אויך אַזעלכע, וואָס געהערן צו פּאַרטייען, אָבער למעשה זענען זיי אַוועק פון פּאָליטיש פּאַרטייאישער־טעטיקייט, ווייל זיי זעען איצט זייער הויפּט־אויפגאַבע אין פאַרווירקלעכן די יסודות פון זייער אמונה, אָנשליסנדיק זיך מיט נאָך אַזעלכע, וואָס גלויבן ווי זיי און זוכן ווי זיי אַ וועג צו קאָנקרעטיזירן די יידישע מיסיע דורך זעלבסטפאַרווירקלעכונג.

די באַשרענקטע קרייזן זענען איבערצייגט, אַז זיי דריקן אויס מיט זייערע גלויבנס און מיינונגען און מיט זייער וועג, שטרעבונגען און גאַרונגען פון אַ סך אַ סך ברייטערע קרייזן, וואָס דערווייל האָבן זיי נאָכנישט געפונען דעם וועג צו זיי. צוזאַמען מיט דעם האָבן די גלויביקע „וועג־זוכער" זיך צוגעאייגנט, ווי אַ פּאַראָל, דעם מאמר חז"ל: „לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין להבטל ממנה" (נישט דו ביזט מחויב די מלאכה צו פאַרענדיקן, און נישט דו ביסט פּטור פון איר).

ישראל כהן

דאָס קולטורעלע לעבן און שאַפן אין ישראל

א.

ווער עס פאַרזוכט מאַטערן די מדינה און די געזעלשאַפט אויסצוקלאָרן די פּראַגע, ווי זעט אויס דאָס קולטורעלע לעבן אין ישראל, וועט באַלד הערן די טענות, אין דער שטיל צי אויפן קול: ניטע! פאַרלאַנג נישט צו פיל! ס׳פאָלק קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ; פיינט רינגלען אונדז אַרום פון אַלע זייטן; מיר זענען דאָך פאַרנומען מיט איינזאַמלען די רעשטלעך פון פאָלק צו פאַרגרעסערן אונדזער צאָל; אונדז איז נויטיק צו שאַפן מיטלען אויף צו לעבן אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע; אויף אונדז איז מוטל צו פאַרשטאַרקערן דעם צבא־הגנה, היטן די גרעניצן, די איינוווינער און דאָס פאַרמעג; אויף אונדז איז אויך מוטל צו פאַרוואָרצלען די נייע עליה אין דער אַרבעט און אין דער געזעלשאַפט, דערציען די קינדער אין עלעמענטאַרע־און פאַך־שולן; געבן אַ טעכנישע, אַ מיטעלע־און הויכע־אויסבילדונג דעם יינגן דור, אין איינקלאַנג מיט די באַדערפענישן פון דער ווירטשאַפט און פון דער שוץ אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים, און שטאַרקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן מעמד פון דער מדינה אין דער וועלט. כל זמן דאָס זענען די באַשטענדיקע און דרינגענדיקע אויפגאַבן, איז נישט מער ווי רעכט, אַז די זאָרג פון קולטור פאַר דער עליטע וועט זיין די צווייטע, און אפשר די דריטע אין ריי. ווי געזאָגט, נישט אַלע לאָזן הערן זייערע רייד אין דער עפנטלעכקייט. אַ סך צוליב בושה; ס׳איז נישט באַקוועם צו ריידן עפנטלעך קעגן שאַפן קולטור אין ישראל. אַ סך צוליב געוווינהייט; ס׳איז שוין אַזוי אָנגענומען צו דערמאָנען אונדזער נייע קולטור מיט הויכע מליצות אין אַ יומטוב־און פייערונג־טאָג, און ס׳איז אַוודאי נישט פון די גוטע מידות צו פאַרלעצן די אָנגענומענע זיטן. אָבער אַ סך זאָגן וואָס זיי טראַכטן, און נישט בלויז, וואָס די גייסטיקע קולטור זעט זיי אויס ווי אַ פולשטענדיקער לוקסוס, נאָר זיי האָבן אַפילו טענות צו דעם איבערגעטריבענעם הומאַניסטישן־חינוך אין די שולן אונדזערע, און זיי וואָלטן געוואָלט אים אויסטוישן אויף נאַטור־וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טעכנאָלאָגישער תקופה. היסטאָריע, שפּראַך, ליטעראַטור, מאָלעריי און סקולפּטור, מוזיק און טעאַטער, זענען פאַר זיי אַ מין קאָמפּאָט נאָך דער סעודה. צווישן זיי זענען פאַראַן

גייסט־מענטשן און פּראָפעסאָרן, וואָס האַלטן אייגנטלעך פון דערציען אויף די שויס פון הומאַניסטישער־און געזעלשאַפטלעכער־וויסנשאַפט, און לייקענען אינעם באַדאַרף צו פלעגן צווישן דער יוגנט גייסטיקע ווערטן, אַלס אַ וועלט־אָנשויאונג, וואָס ווערן אָנגערופן דורך זיי צום גנאי „אידעאָלאָגיע״, און זיי פּרעדיקן פּראַגמאַטיזם, אַ „פרייען צוגאַנג״ פון יעדן קלאָמערן זיך אין ווערטן, צו פאַרגעטערן פאַקטן און ציפערן, צו דער לערע פון עפעקטיוויקייט, וואָס קומט אָנשטאָט באַציאונג צו העכערע באַלערנדיקע ווערטן, וואָס האָבן אָנגעוווירן זייער קראַפט אין אונדזער דור און נישט מער, זיי האַלטן אויף דעם פאָרשריט. דעריבער שלאָגן זיי פאָר צו באַזייטיקן די אידעאָלאָגיע.

אַוודאי ליגט אַן אמת אין די רייד פון יענע, וואָס רעכענען־אויס אונדזערע דרינגענדיקע אויפגאַבעס אַלס פאָלק, וואָס האַלט זיך ערשט אין שאַפן און האַלט זיך ערשט אין בויען. ווי ס׳איז אמת, אַז אונדזערע כוחות זענען באַ־שרענקט און דער באַדאַרף שטייגט אַריבער די מעגלעכקייטן, און מיר יאָכצן אונטער דעם־אַ דרוק. אָבער אָנערקענען די דאָזיקע זאַכן באַפרייט אונדז נישט צו זען די צווייטע זייט פון מטבע. אַדרבא, עס פאַרפליכטעט אונדז מודה צו זיין, אַז מיר זענען איינזייטיק און אפשר מאַכן מיר זיך אויך נישט וויסנדיק פונעם גאַנצן פלאָנט פּראָבלעמען און אַנדערע אויפגאַבעס. און ווען אַפילו דאָס נישט־וויסנדיק מאַכן זיך שטאַמט פון אומגעדולט און פון שווע־רער מי, און ווען אַפילו אומשולד, מינערט עס נישט פון דער שאַרפקייט און פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די שווערע רעזולטאַטן, ווייל אומשולד אין דער קולטור־און גייסט־ספערע ווערט שולד. ווער שמועסט נאָך, ווען עס קומט אין אַ גרויסער מאָס צוליב באַקוועמלעכקייט, וואָס פאַרשטעלט זיך אונטער פאַרשידענע אויסרייד. דעריבער איז אַ פליכט לכל הפחות אָנצוואַרפן דעם פּראָבלעם אָן וועלכע ס׳איז אַמביציע אויסצושעפּן אים.

ב.

אין דער אַסקאָלע פון דענקער, בעיקר דייטשישע דענקער, איז באַטאָנט גע־וואָרן די באַצייכענונג, וואָס מאַכט אַן אונטערשייד צווישן קולטור און ציוויליזאַציע. די אַנגלאָסאַקסן און פראַנצויזן האָבן בכלל נישט געהאַלטן פונעם אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי באַגריפן און האָבן אים נישט געפלעגט. און אַוודאי האָבן זיי אַ יסוד פאַר דעם. זיי מאַכן אַן אונטערשייד צווישן מאַ־טעריעלער קולטור, אָדער טעכנישער, און צווישן אַ קולטור, וואָס איז נישט קיין מאַטעריעלע אָדער קיין גייסטיקע. אויך מיר זענען געוווינט געוועןן

אַזוי צו האַלטן. און אויב איך וויל זיך איצט האַלטן אין דעם דאָזיקן אונ־טערשיד צווישן קולטור און ציוויליזאַציע, איז עס נישט צוליב נעמען בכוונה שטעלונג צו דער מחלוקת, נאָר ווייל דאָס דאָזיקע אונטערשיידן, כאָטש עס זעט־אויס אַביסל געקינצלט, איז עס, לויט מיין מיינונג, וויכטיק פֿאַרן אויפֿ־קלערן די סוגיא, וואָס הייסט „דאָס קולטורעלע לעבן און שאַפֿן אין ישראל", און זאָל אונדז נישט פֿאַרפֿירן דאָס אויבנאויפֿיקע אויסזען פֿון דער ווירקלעכ־קייט, אָדער פֿון אירע אויסטייטשער, וואָס אין איר זעען אויס די גרענעצן צווישן די דאָזיקע צוויי געביטן מטושטש. אין תוך גענומען, וועט אַ שפּי־רעוודיק אויג אַנטפּלעקן אין זיי באַזונדערע ספֿערן אין פּראַקטישן לעבן און איינע בויט זיך פֿון דער צווייטערס באַשרענקטקייט.

לויט דער אויבנדערמאָנטער באַצייכענונג, שליסט אין זיך איין די ציווילי־זאַציע דאָס דעראָבערן די נאַטור, אַנטפּלעקן לענדער, פֿונאַנדערשפּרייטן זיך, אַנטוויקלונג פֿון טעכניק און פֿון פּראָדוקציע־וועזן, עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע־מאַכט וויסנשאַפֿט, פֿאַרמערונג פֿון הנאה־פֿאַרמעג, צושטעלן דעם מענטש באַקוועמלעכקייט, ס'הייסט די מאַכט פֿון אויסערלעכע כוחות, פּלעגן דעם לעבנס־אַפּאַראַט און די ראַציאָנאַליזאַציע אויף אַלע עקזיסטענץ־געביטן פֿון יחיד און פֿון כּלל. בעת דער ענין פֿון קולטור איז שפּראַך און ליטע־ראַטור, דיכטונג און מוזיק, שפּיל און טאַנץ, מאַלעריי און סקולפּטור, מידות און מנהגים, לעבנשטייגערס און מאָראַל, רעליגיע און פֿילאָסאָפֿיע. ס'הייסט, די־אָ אַלע ווערטן, וואָס ציען זייער יניקה פֿון אינערלעכע זעליש־גייסטיקע מקורות, בעת דאָס האָב און גוטס פֿון ציוויליזאַציע לאָזט זיך איבערפֿירן פֿון אָרט צו אָרט און איבערענטפֿערן פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק דורך לערנען און איבונג, וואַקסן די קולטור־ווערטן אַרויס פֿון פֿאָלקס באָדן, זענען צוגעבונדן מיטן נאָפּל צום אָרט און אויף זיי ליגט אויסגעשפּרייט אַ געוויסער האָריזאָנט פֿון פּאַטערלאַנד. זיי ציען זייער יניקה פֿונעם נאַציאָנאַלן עבר פֿון דער היס־טאָרישער ירושה, און ווען אַפֿילו זייערע השפּעות קומען פֿון פֿרעמדע קול־טורן, וואָס געפֿינען זיך אין אַלע דורות, זאַפּן זיי זיך איין קודם־כּל אין בלוט פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור און נעמען־אָן איר כאַראַקטער. ווייל די קולטור ווערט געפֿורעמט לויטן אינערלעכן אידעאַל, לויט אַ רעליגיעזער, מאָראַלישער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער וועלט־אַנשויאונג, און אַלע אירע פֿאַר־שידענע דערשיינונגען, דעקט איין גייסט און איין סטיל. גייסטיקע־קולטור הייסט, זעלבסט־רעאַליזירונג פֿון די שאַפֿונגס־כּוחות פֿון מענטש. בעת טעכנישע־קולטור איז די פּרוכט פֿון מעכאַנישער אַנטוויקלונג און זי פֿאַר־מאָגט נישט קיין באַציאונג צו אָרט און פֿאָלק. דעריבער איז מעגלעך אַרויפֿ־

צופלאַנצן זי אין אַ גרויסער מאָס אויף אַ שבט אָדער אַ פאָלק פון אַ נישט־אַנטוויקלטער קולטור. ווי אַ ראיה דערצו זענען איצט די נייע מדינות אין אַפריקע און אַזיע, וואָס אייגענען זיך צו די מערב טעכניק אָן ספּעציעלע צוגרייטונגען אויפצונעמען די ווערטן פון דער מערב דעמאָקראַטיע, וואָס זיי זענען די עיקר־דערשיינונגען פון דער קולטור.

אַוודאי זענען די גרויסע דערפינדער און אַנטפּלעקער גייסט־מענטשן און וויזיאָנערן, וואָס לעבן אַ טיף און אינטענסיוו לעבן, זייערע דערפינדונגען קומען צו זיי נישט איינמאָל ווי אַ העכערע באַלויכטונג, ווי אַן אַנטפּלעקונג. אָבער יענע זענען יחידים און זייער ווינציק. די מאַסן געניסן פון זייער אַרבעטס־פּרוכט אויף אַ קאָנווענציאָנעלן אופן, לויטן נוצן־אויסוואַל. און אויך אין דעם באַשטייט דער טיפער אונטערשיד צווישן דיכטער און קינסטלער, וואָס זייער „קאָנסומענט", וואָס געניסט פון זייער אַרבעטס־פּרוכט, איז זוכה צו אַ סוף־שאַפונג. ווייל דער, וואָס לייענט דיכטונג לעבט די דיכטונג ווי ער אַליין וואָלט זי געשאַפן, און ווער עס זעט אַ פאָרשטעלונג גיסט זיך צוזאַמען מיטן געשעענעם אויף דער בינע, ווי ער וואָלט אַליין געשאַפן די העלדן, דאָס וואָס די טעכניק באַווייזט נישט צו טאָן. זי איז אַזאָטעריש, אירע שאַפער בילדן אַ קליין הייפעלע, און אָפטמאָל אַפילו אַ באַהאַלטנס. די מאַסן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער טעכניק זענען נישט קיין סוף־שעפער, נאָר בלויז פּאַסיווע געניסער, וואָס ווערט זיי זייער שנעל נימאס דער חידוש און פאָדערן באַלד אַ צווייטן חידוש, מער סענסאַציאָנעל, מער רייצנדיק. זייער זעלטן גיט אַ טעכנישע דערגרייכונג אויך עפּעס־וואָס דער נשמה פון געוועגלעכן מענטש, די מאַסן. און ווייל אַ סך באַטייליקן זיך ביי דער טעכנאָקראַטישער געזעלשאַפט אין דער טעכנישער פּראָדוקציע, פילן זיי דאָך אויס אויפגאַבן פון קליינע שרייפעלעך, פון מיזערנע באַדינונגען, וואָס בלויז אין זכות פון זיין אַ טייל פון אַ גרויסן מנין האָבן זיי עפּעס־וואָס אַ חשיבות.

מיר האַלטן נישט פון דער פונאַנדערטיילונג צווישן מאַטעריע און גייסט, צווישן ציוויליזאַציע און קולטור, אין יעדער מאַטעריע איז פאַראַן גייסט און אין יעדן גייסט איז פאַראַן מאַטעריע, און איינער אָן דעם צווייטן האָט נישט קיין קיום. די מחלוקת פון בית־שמאי און בית־הלל, וואָס די ערשטע האָבן געזאָגט דער הימל איז צו ערשט באַשאַפן געוואָרן און די צווייטע — די ערד איז צו ערשט באַשאַפן געוואָרן, נעמען מיר נישט אָן. מיר זענען נוטה צו פסקענען ווי די חכמים האָבן געזאָגט, אַז ביידע זענען באַשאַפן געוואָרן צוזאַמען. אויך אין אונדזער לעבן איז נישט פונאַנדערצוטיילן צווישן הימל און

ערד. זיי זענען צוויי עלעמענטן פון אייןווירקלעכקייט, צוויי זייטן פון דער עקזיסטענץ מטבע.

אָבער מיט דעם מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז די שטרעבונג צוזאַמענצוגיסן מאַ־טעריעלע און גייסטיקע־קולטור, ס׳הייסט פאַר אַ לעבנס־לאַגע, אין וועלכער דער וויסנשאַפטלעכער־און טעכנישער־פאָרשריט זאָל גיין פוס ביי פוס מיט דעם גייסטיקן־און עטישן־פאָרשריט — ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ווייטער וויזיע. דווקא די לעצטע תקופה זאָגט עדות אויפן גרויסן תהום צווישן די ביידע. דאָס פליען פון די קאָסמאָנאַוטן אין די לופט־שיפלעך, וואָס רופט־אַרויס התפעלות צום מענטשנס דערפינדונגס־כוח און וואָס זאָגט־אָן ווונדער פאַר קומענדיקע טעג פון צווישן־פּלאַנעטן קאָמוניקאַציע — איז נישט באַ־גלייט געוואָרן פון אַ גייסטיקער אָדער עטישער וויזיע פון דעם גלייכן. דער וואָס שטייגט צום הימל קומט צוריק צו דער ערד באַקרוינט מיט אַ ריזיקן טעכנישן־און מענטשלעכן־ניצחון, אָבער אין דער עטישער ירידה איז גע־בליבן ווי ס׳איז, די רשעות און די שינאה איז נישט קלענער געוואָרן כהוא־זה. עס האָט זיך אפשר געענדערט די באַציאונג בין אדם למקום (צום רוים), אָבער נישט בין אדם לחברו אָדער בין פאָלק לפאָלק. אויב ליאָנאָב, דער רוסישער רוים־פליער, וואָס איז געווען דער ערשטער שוועבנדיקער אין רוים, האָט זיך נאָך באַצויגן מיט יראת־הכבוד צו זיין וווּנדערלעכער אויפ־גאַבע און האָט נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן דעם צודעק פון זיין פּאָטאָ־אַפּאַראַט, „ווייל ער האָט צו זיך געזאָגט, אַז מען טאָר נישט פאַרשמוצן דעם קאָסמאָס״, איז אָבער, צו אונדזער באַדויערן, פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר דער סברה, אַז ווען דער וועלט־געלאַף פון אַ סך רוים־פליער וועט גרעסער ווערן און זיי וועלן אַרויסגיין פון די שיפלעך און וועלן שוועבן, ווי ליאָנאָב האָט געשוועבט, און ס׳וועלן זיך מערן די רוים־סטאַנציעס, וועט אויך דער קאָסמאָס פאַרשמוצט ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳וועט זיין אַ שטות אַרויס־צוציען פון דעם די מסקנה, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון פליען אין רוים. עס איז שוין נישטאָ קיין צוריקצוג פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג ווייל דעם מענטשלעכן גייסט קען מען נישט בינדן. אָבער די שרעק אַנטקעגן דעם דאָזיקן איינזייטיקן ניצחון פונעם מענטשלעכן גייסט, וואָס טראָגט מיט זיך נישט קיין ברכה פאַרן מענטש אויף דער ערד, און דאָס איז דאָך דער עיקר, קען מען נישט פאַרמיידן.

ג.

עס דוכט מיר, אַז כ׳וועל קיין טעות נישט האָבן אויב כ׳וועל באַטאָנען, אַז די בייגונג אונטערצושטרייכן דעם „ציוויליזאַציע״־עלעמענט אויפן חשבון פון דער „קולטור״, איז בולט ביי אונדזער דערוואַכונג־באַוועגונג נאָך פון אירע ערשטע טעג אָן. און די סיבות זענען פאַרשטענדלעך און קלאָר. אירע אָנפירער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז דאָס יידישע פאָלק איז איבערגעזעטיקט מיט גייסטיקייט, מיט מוחישקייט און הימלישקייט. דער דאָזיקער איבערפלוס איז שלעכט פאַר אים. זיין לייטער איז אַ פארקערטער: ער שטייט אין הימל און דער שפּיץ זיינער שפּאַרט זיך אָן אָן דער ערד. דאָס פאָלק שאַפט נישט קיין ממשותדיק פאַרמעג. נישט עס ציט אַרויס זיין ברויט פון דער ערד און נישט זיין קלייד פון דער פאַבריק; עס נעמט נישט קיין אָנטייל אין דער טעכנישער אַנטוויקלונג און נישט אין איינשאַפן פּראָדוקציע־מכשירים; עס ציט נישט די יניקה פון דער ערד נאָר פון דער לופט. עס פאַרמיטלט בלויז און פּראָדוצירט נישט. עס פאַרנעמט זיך מיט גייסטיקע ענינים, מיט תלמודישער סכאָלאַסטיק אָדער מיט חכמת־ישראל. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז זיין לעבנס־קאָנסטרוקציע קרענקלעך און אַ ליאַדע ווינט לייגט עס איין. ס׳זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך שאַרפער באַצייכנט און געזאָגט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ פּאַראַזיטיש פאָלק, וואָס עסט און אַרבעט נישט, וואָס איז זיך מפרנס פון אַ צווייטנס פּראַצע.

יעדן פאַל, די מסקנה איז געווען, אַז דער שוואַכפּונקט אין לעבן פון אונדזער פאָלק ליגט נישט אין קולטור, נאָר אין ציוויליזאַציע, נישט אין גייסטיקן און שעפערישן געביט נאָר אין געביט פון מאַטעריע און פּראָדוקציע. און ס׳האָבן זיך טאַקע מיט גרויס התלהבות אַ נעם געטאָן אַ פּאָר דורות אויף צו פאַריכטן דעם דאָזיקן פּגם. אויסטרוקענען זומפּן, דעראָבערן אַרבעט, התישבות, פלאַסטערן שאָסייען, שוץ, מיליטערישע דערציאונג, ימישע־און לופט־אויסבילדונג, גרינדן אַ ציווילע־און מיליטערישע־אינדוסטריע און פלעגן מלוכהשע סווערעניטעט — דאָס זענען בלויז אַ פּאָר פון גאַנצן קאָמפּלעט נאַציאָנאַלע ציוויליזאַציאָנעלע־רעאַליזירונגען, כדי צו „נאָרמאַליזירן״ דאָס לעבן פון פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד.

די דאָזיקע אָנשויאונג האָט באַזירט אויף אַ גרויסער ווירקלעכקייט, וואָס האָט זי באַרעכטיקט. ווייל ס׳איז נישט מעגלעך צו מאַכן אַ גרינטלעכע רעוואָלוציע סיידן זי שטרעבט צו ענדערן פון א׳ בית ת׳. דער פאַנאַטיזם אין דעם פאַל

איז אַ באַרעכטיקטער, און די פּשרה מאַכט נאָר קאַליע. קענסט נישט אויס־וואַרצלען אַ יינגן דור פון זיין היים און לאַנד, אים אַריבערברענגען קיין ארץ־ישראל און איבעראַנדערשן זיין גאַנצן לעבנשטייגער, זיין געדאַנקנגאַנג און זיין באַשעפטיקונג אויב דו אַנטפּלעקסט נישט פאַר אים דעם גאַנצן שמוץ און דאָס נישט עטישע אין זיין פריערדיקער לאַגע אָדער אין דער פריער־דיקער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער געפינט זיך.

אויף אַזאַ אופן איז געקומען צו לייגן דעם טראָפּ אויף דער מאַטעריעלער קולטור פאַר אונדזער צוקונפט ביז היינט־צו־טאָג. אוודאי זענען אייניקע גייסטיקע ווערטן אויך פאַרעכנט געוואָרן ווי יסודות פון אונדזער אויפלעבונג. דאָס אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך, דעם העברעאישן חינוך, און ביי אַ היפּשן טייל פון דעם אַרבעטער־ציבור — אויך די נייע לעבנס־פאָרם, די קבוצה. אָבער דווקא דאָס באַווייזט, אַז וואָס פאַר אונדז איז געוועזן אַן „אני מאמין" פאַר וועלכן מען איז זיך מקרב, איז דורך אונדז מקוים געוואָרן, און אַלץ וואָס איז געוועזן אַ מין „מען קען אַזוי און אַזוי" — איז געוועזן שוואַך, זייער שוואַך.

דער דאָזיקער ווילן, צו זיין ככל הגויים און ציען אונדזער חיונה פון אייגענער געזונטער און זעלבשטענדיקער עקאָנאָמיע שאַפנדיק אַן אָרטיקע ציוויליזאַ־ציע, וואָס פעלט אונדז איין אין דער וועלטלעכער — האָט געבראַכט אַ גרויסע ברכה, כאָטש ס'האָט עס באַגלייט, ווי שוין אויבן באַמערקט, אַ ביי־דערשיינונג, וואָס האָט פאַרלוירן די אמתע באַציאונג צו דער גייסטיקער שאַפונג, צו דער קולטור. אָבער צו דעם דאָזיקן ווילן, וואָס איז געוועזן פאַר־שטענדלעך אין זיין צייט, איז אין דער לעצטער תקופה צוגעקומען אַ נייער פאַקטאָר, וואָס צעדרייט אונדזער וועלט. דער פּראַגמאַטיזם, וואָס קרייזט אין דער וועלט און פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון יינגן דור, דער אַנטוישטער פון דער עטישער ירושה, וואָס זיינע עלטערן האָבן אים איבערגעגעבן: דער דאָזיקער פּראַגמאַטיזם, וואָס מוז מיט זיך טראָגן קאַריעריזם און אַפילו כפירה אין יעדער „אידעאָלאָגיע", ס'הייסט, זיך פעסט קלאַמערן אינעם פּרינציפּ פון עפעקטיוויקייט און ציניש צוגאַנג צו קאָנטראָלירן פּראָבלעמען און ענינים לויט ווערטן, אידייעשע־און לעבנס־ווערטן. די טרעגער פון דער אַנשויאונג האַלטן די „ציוויליזאַציע" פאַר אַן אויבער־ווערט, וואָס טוט מבטל זיין אַנדערע ווערטן. עס זענען פאַרשווינדן די אַלע ציוניסטישע און נאַציאַ־נאַלע גרונדן מיט וועלכע מען האָט באַרעכטיקט מזלזל זיין גייסטיקע קולטור, און אַנשטאָט דעם קומט די נוצן־באַגרינדונג, וואָס באַזיגט יעדן שיקול־

דעת און אַנדערן צוגאַנג. דוכט זיך, אַז דער דאָזיקער צוגאַנג דערלאָזט נישט דער אידעאָלאָגיע צו זיין אַפילו אַ העכערער שטאָק פאַר דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט, ווי עס האַלט דער מאַרקסיזם, נאָר מאַכט זי פאַר אַן אויסגעדאַכטער מעשה־מרכבה און אפשר אויך פאַר אַ פאַרבלעדזעניש.

די ליקווידאַציע פון אידעאָלאָגיע איז אומפאַרמיידלעך אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט מיט אַן עטישן באַנעם אָדער עסטעטישער אָפּשאַצונג. די וואָס נעגירן די אידעאָלאָגיע פאַנטאַזירן, כאָטש זיי ריידן אין נאָמען פון דער ריינער וויסנשאַפט און אין נאָמען פון איר עקסעלענץ דיווירקלעכקייט. באַפרייען זיך פולשטענדיק פון אידעאָלאָגיע איז אַ נאַאיווע פיקציע, און יענע, וואָס ווילן זיך אַליין מאַכן אַן אילוזיע, אַז סוועט זיי געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון איר, פאַלן אַריין אין דער נעץ פון מיסטיפיקאַציע, וואָס איר כאַראַקטער אַליין איז אַן אידעאָלאָגישער. ווייל כדי צו ליקווידירן אַן אידעאָלאָגיע, דאַרף מען זי פריער אָפּשאַצן, און אויך דאָס אַליין איז אַן אידעאָלאָגישער אַקט. דער יחיד און די געזעלשאַפט קענען נישט עקזיסטירן אין דער וועלט פון אַבסטראַקטע פאַקטן; זיי האָבן אַ באַדערפעניש צו אַ וועלט פון אמתן און ווערטן, וואָס גיבן אַ טעם די פאַקטן. צוגרייטן דעם יינגן דור בלויז צו עקזיסטענץ־קאַמף, כדי דורך דעם דערגרייכן אַ גרויסע פאַרציע ווּוילזיין פון אַ געזעלשאַפט פון ווּוילזיין, קען ברענגען צו אַן אַנטוישונג און צו אַ גרויסער מידיקייט. דערציאונג צו טרוקענער מחשבה, צו קאָנקרעטער, וואָס פאַרמאָגט נישט די הייכטקייט פון דער אָפּשאַצנדיקער נשמה, די געוווינהייט צו זען ממשות באַר אין מאַטעריעלן פאַרמעג און זען אינעם ניצחון פון דער קאָנקורענץ פאַר אַ העכערן לעבנס־ניוואָס אַן אויבער־אידעאַל — קענען זיך פאַרענדיקן אויף צוויי אופנים: ציען זיך צו אָקולטיזם און ספּיריטיזם, אָדער אַרונטערשלעפּן דאָס לעבן און דערפירן צו זעלבסטמאָרד.

דעריבער קען מען זאָגן, אַז אין נעגירן אידעאָלאָגיע ליגט אַ פיינטלעכע אויפפאַסונג — קולטור, וואָס איז פאַראַן אין איר אַ סכנה פאַרן עצם גייסטיקן קיום פון פרט און פון כלל. און די אַלע לערער און פּראָפעסאָרן, וואָס זענען מכוון פון זייערע קאַטעדרעס די מחשבה פון די תלמידים אין דער דאָזיקער טענדענץ, נעמען אויף זיך אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זיי האָבן זי אפשר נישט טיף באַנעמען. זייער כוונה איז אודאי אַ גוטע און זיי טוען עס לויט זייער וויסנשאַפטלעכן געוויסן, אָבער דער דערציאונג־און עטישער־רעזולטאַט דאַרף זיי שוין איצט באַזאָרגן. אויך די הומאַניסטישע־און געזעלשאַפטלעכע־וויסנשאַפט זענען נישט אַן אַ קאָמפּאַס און אָן אַ לאַמטערן. זיי

זענען נישט קיין פינסטערע וויסנשאַפט, זיי פּאַרמאָגן פענסטער, וואָס קוקן אַרויס צו די גאַסן פון עטישער ווירקלעכקייט. אויך זיי איז נישט מעגלעך זאָלן נישט זיין אין אַ גרויסער מאָס אונטערטעניק אַן אָנשויאונג וועגן תכלית פון לעבן און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ס'הייסט, אונטערטעניק די ווערטן.

און ס'איז אַ גרויסע שאָד, אַז די דאָזיקע אויפפאַסונג, וואָס איז פיינטלעך דער קולטור, איז נישט דאָס אייגנטום בלויז פון געשעפט־מענטשן, פון פּראַק־טישע מענטשן, וואָס מען קען פּטרן מיט אַ זאָג: מ'וועט זיי מוחל זיין, זיי קענען נישט און זענען נישט מער ווי זייערע געשעפטן! צום גרויס באַדויערן, פלעגט מען זי אויך אינעווייניק, און מען געפינט צווישן זיי קולטור מענטשן און כביכול קינסטלער. דאָס קען בלויז פעלשן אונדזער קולטור און פאַר־וואַנדלען דעם גייסט אויף אומגייסט און די קונסט אויף אומקונסט. די פאַר־ווײַלונג־בינעס, וואָס גייען־אויף ווי קראָפּעווע און שוועמלעך ביי אונדז, און קינסטלער, וואָס פאַרציכטן אויף זייער נאָמען און מיסיע און שליסן זיך אָן אין די דאָזיקע בינעס, און דער עולם, וואָס לויפט זען די דאָזיקע שוואָמען־פאַרווײַלונגען און „פלאַנצן" פון געלעכטער — אַלע האָבן זיך צוזאַמען גענו־מען אַרונטערצוזעצן די בינע־קונסט, וואָס האָט ביי אונדז אָנגעהויבן דעראָ־בערן אַ בכבודיקן פּלאַץ. און נאָך מער, אויך די בינעס מיט וועלכע מיר שטאָלצירן, נעמען פון צייט צו צייט אַרונטער פון זייערע קעפּ דעם כתר מלכות און שטעלן פּיעסעס פון פאַרברעך און אויסגעלאַסנקייט, וואָס קען זיין, אַז זיי שפּיגלען אָפּ אַ געוויסע ווירקלעכקייט אין די מקומות פון די פרעמדע מחברים, אָבער האָבן קיין פאַרבינדונג נישט מיט אונדזער ווירקלעכקייט. זיי קענען בלויז דינען אַ „מוסטער" פאַר שאַפן אַזאַ לעבנשטייגער, וואָס צום גליק איז ער נאָך נישט פאַראַן ביי אונדז. אין אַזאַ אַטמאָספער, פּאַסן זיך צו יידישע דראַמאַטורגן און שרייבן שוין אויך נישטיקע פּיעסעס. אין אַזעלכע באַדינגונגען וועט נישט וואַקסן קיין יידישע אָריגינעלע פּיעסע, וואָס איז איינע פון די יסודות פון אמתער מענטש־און פאָלק־קולטור. אַזעלכע פּיעסעס וועלן נישט דינען קיין אָפּשפּיגלונג פאַר אונדזער קאָלירפולער ווירקלעכקייט און וועלן נישט פאַרקערפּערן קיין שום קינסטלערישע און מענטשלעכע אי־דייען. זיי וועלן אויך נישט זוכה זיין, ווי ס'האָט אונדז שוין די פּראַקטיק גע־לערנט, צו דער אייביקייט, זיי זענען פאַרבייגייענדיקע, און וועלן נישט אויפגעהיטן ווערן צווישן דער ערנסטער דראַמאַטורגיע. זיי וועלן אויסווירקן זיך נעגאַטיוו אויפן יינגן דור און אויף אונדזער לעבן בכלל, אָבער קיין אַנדערע שפּורן וועלן זיי נישט איבערלאָזן נאָך זיך. איז נישט מער ווי רעכט,

אַז די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר דער בינע־קונסט, סיי דירעקט און סיי אומ־דירעקט, וואָס ווילן איר טובה און זאָרגן פֿאַר איר צוקונפֿט און פֿאַר איר חלק אין אונדזער גייסטיקן געשטאַלט, זאָלן זיך איינקוקן אין דער שאַרפֿקייט פֿון דאָזיקן פּראָבלעם און אין דער האַרבקייט פֿון די רעזולטאַטן. ווייל אויב נישט, איז אונדז באַשערט קליינקונסט־בינע, אַ קאַרליקעוואַטע, אַ לעוואַנטינע. אין איר שאָטן וועט זיך נישט אַנטוויקלען קיין יינגער דראַמאַטורג, און ווער ס׳וועט ערנסט צוטרעטן שרייבן, וועט ווערן געהאַלטן פֿאַר אַ שלימזל און זיין שאַפֿונג וועט פֿאַרשטעקט ווערן אין שופֿלאָד פֿון אונדזער טיש אויף אַ היפּש ביסל שמיטות. דאָס יידישע פֿאָלק איז ווערט אַ געלייטערטן גוטן טעאַטער, אַ טעאַטער מיט וויזיע. אויב מען קען נישט באַשטעלן דאָס אויסדערווײלטע אויף אַ געקינסטלטן אופֿן, קען מען אויך נישט ברענגען צו אונדז דאָס געמיינסטע פֿון די גויים און זאָגן: דאָס איז דיין קונסט, ישראל!

ד.

איינע פֿון די שווערע דערשיינונגען איז די איבערזעצערישע אין אונדזער קולטורעלן לעבן אין ברייטן זין פֿון וואָרט: דאָס נאָכמאַכן דעם מערבֿ לעבנס־שטייגער, דעם אַמעריקאַנער אָדער דעם ענגלישן: דאָס ברענגען גוטע און שלעכטע פֿילמען פֿון אַלע עקן וועלט, און דאָס פֿאַרגעטערן זייערע מוסטער־טיפּן; משפּחה־אונטערהאַלט און פֿייערונגען אויפֿן גויישן שטייגער (קאָקטייל פּאַרטיעס, סילוועסטער א.ד.ג.); זיטן־נוסח, סימבאָלן גיריקייט און פֿרעמדער יחוס; די פֿאַרשידענע פֿאַסאָן־אויסשטעלונגען; דאָס פֿאַרפֿלייצן דעם מאַרק מיט פֿרעמדע ביכער; די איבערזעצונגען פֿון ביליקע שונד ביכער; דאָס אויפֿפֿירן נישטיקע פּיעסעס אויף אונדזערע בינעס; דער געמיש פֿון שפּראַכן אויף אונדזערע גאַסן; אַ פּרעסע אויף זיבעציק לשונות, וואָס האַלט־אָן די מחיצות צווישן די עדהס און פֿאַרשידענע עולים; די נייגונג פֿון אַ טייל פֿון אונדזערע יינגע דיכטער צו געבן אונדז טענדענצן און מעטאַפֿאָרן אין אַן איבערגעזעצטער שפּראַך, דערקלערנדיק זילזול אונדזער דיכטערישער טראַדיציע. די דאָזיקע דערשיינונג פֿאַרטעמפּט די נשמה און האַקט־אָפּ די פֿליגל פֿונעם מקור, וואָס דאַרף געפֿלעגט ווערן מיט פֿאָטערלעכער ליבע און גרויס גנאָד. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז לייכט אַריבערצופֿירן גרויסע שטיקער ליטעראַטור און קונסט פֿון אַנדערע און עס אונטערטראָגן אונדזער פֿאַרגעניגן, און ס׳איז שווער צו זיצן און שאַפֿן עפּעס־וואָס אייגנס, פֿון דעם־התמצית אונדזערן. אָבער, וואָס מען דערגרייכט לייכט פֿאַרשווינדט לייכט און לאָזט

נישט איבער קיין גרויסן רושם. אויף אַזאַ אופן קענען מיר אַריינברענגען אַלע אונדזער שפּייז־און לעבנס־מיטלען פון איבעראַל און פּטור ווערן פון אַן אייגענעם מאַרק און אויף פונעם „בשותפותדיקן מאַרק". פונדעסטוועגן טוען מיר עס נישט. ווייל אויף דעם געביט איז פאַראַן טיפער באַוווסטזיין, אַז נאָר דאָס פאָלק איז סוווערען, וואָס שאַפט אייגענע ווירטשאַפט, פאַרמאָגט געווער און איז נישט אָפּהענגיק פון אַנדערע, נאָר אין דער מאָס, וואָס מען קען נישט אַליין פּראָדוצירן. דעריבער האָבן מיר געזאָגט, מיט אייגענע הענט ווען מיר אונדזער ברויט אַרויסבאַקומען און אונדזער קליידונג מאַכן. זאָל אונדזער שפּייז ביטער זיין ווי איילבירט און שווער כקריעת ים־סוף, אַליין וועלן מיר זיך דאָס אַלץ פאַרגרייטן. פונדאַנען שטאַמט דער גרויסער צויבער אין זיין צייט צו „אייגענע אַרבעט" און צו „תוצרת הארץ". ווייל מיר האָבן אין דעם געפילט דעם טעם פון חכמת־ידים. מיר האָבן געוואָלט זיין שותפים צו מעשה־בראשית. גיב אַ טראַכט, סאַראַ פנים וואָלט געהאַט אונ־דזער עקאָנאָמיע און פּאָליטיק ווען מיר וואָלטן זיך נוהג געווען לויט יענעם כלל פון ברענגען פון דרויסן און נישט פּראָדוצירן ביי זיך. און לאַנדווירט־שאַפט־אַרטיקלען און אינדוסטריע־אַרטיקלען זענען דאָך איבעראַל ענלעך איינע צו די צווייטע און זיי טראָגן נישט דעם סוווערענעם סטעמפּל פון פאָלק; נישט ווי די גייסטיקע פּרוכט פון אַ פאָלק, זיין ליטעראַטור און קונסט, וואָס יעדעס פאָלק שאַפט עס אין זיין אָנבליק און אין זיין געשטאַלט. און אַפילו אין אונדזערע צייטן, פון דזשעט־קאָמוניקאַציע, וואָס פאַרקירצט שטרעקעס מיט קפיצת־הדרך, איז נישט בטל געוואָרן דער נאַציאָנאַלער סטעמפּל, וואָס איז איינגעזיגלט אין יעדער גייסטיקער קולטור, סיי מכוח דעם לשון און סיי מכוח דעם כאַראַקטער פון דער שאַפונג.

עס איז אַ באַליידיקונג פאַרן שכל הישר און פאַרן לעבנס־ניסיון אויב ס'איז נאָך פאַראַן אַ באַדאַרף איבערצוחזרן אַזעלכע אָנגענומענע אַקסיאָמען.ליידער איז דאָך פאַראַן דער באַדאַרף! ווייל יעדעס מאָל באַנייען זיך ביי אונדז די דערקלערונגען פון די „וועלט־בירגער", וואָס פּרעדיקן אונדז, די פּראָ־ווינצלער, מאָראַל פאַר אונדזער נאָכלויפן נאָך דער אָריגינעלער פּיעסע און דעם אָריגינעלן מעטאַפאָר און דער אָריגינעלער מוזיק. און זייער פאַראַל איז: „מיר דאַרפן געניסן פון אַלץ, וואָס איז גוט און ברענגען עס אַהער פון וווּ־נאָר ס'איז פאַראַן". אַוודאי דאַרפן מיר לערנען פון אַנדערע און זיך נישט אָפּשליסן פאַר גוטע און דערפרישנדיקע השפעות, איינלאַדן צו אונדז פון צייט צו צייט קינסטלער־טרופּן און דיריגענטן, כדי מיר זאָלן הערן און זען, וואָס האָט זיך באַנייט אין די פאַרשידענע שאַפונגס־וואַרשטאַטן. וועלכעס

פאָלק איז קלוג? דאָס וואָס לערנט פון יעדן פאָלק. אָבער, צו דעם פאָדערט זיך די חכמה פון פּראָפּאָרץ און דעם חוש פאַר מאָס. עס טאָרן נישט די השפּעות פון דרויסן אונטערדריקן די זעלבשטענדיקע קערנער פונעם שאַפונגס־כּוח. זיי דאַרפן זיי צוהעלפן וואַקסן. די טענה פון הנאה און באַקוועמלעכקייט איז אפשר גליטיק פאַרן יחיד, וואָס זוכט בלויז „ברויט און פאַרוויילונגען״, אָבער נישט פאַרן כּלל, וואָס וויטיקט פאַר דער צוקונפט פון דער יידישער יצירה, וואָס דאַרף זיין אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע וויזיע און מיסיע.

און איך זע אויך אין דער דאָזיקער דערשיינונג פון נאָכמאַכונג ביי אונדז, דאָס שטאַרקן זיך פון דער ציוויליזאַציע איבער דער קולטור, ווייל אויב דאָס ווערט דער עיקר און דער לעבנס־אידעאַל, קערט זיך במילא איבער די ווערטן־לייטער, און די באַקוועמלעכקייט און די עפעקטיווקייט אינעם בעלבתּישן שטייגער־לעבן ווערן באַשטימט ווי אַ מאָס פאַר דער שטרעבונג פון מענטש, פאַר זיין פרעסטיזש און פאַר זיין מעמד אין לעבן. ציוויליזאַציע, ווי געזאָגט, קען מען איבערפירן ווי זי שטייט און גייט, און מען דאַרף זיך נישט באַמיען צו שאַפן זי, עס גענוגט דאָס לייכטע צואייגענען זי און צופּאַסן, וואָס די ישראל ווירקלעכקט אַקצעפּטירט, און אַלץ איז פיקס און פערטיק. און אַפילו די־אָ מאַגערע פּאָרציע פון גייסטיקער קולטור איז נישט מער ווי אַ גלאַנציקע לאַק־שיכטע אויף דער מאַטעריעלער קולטור, וואָס איז פאַראַן אָדער וואָס ווערט געגאַרט. דעריבער וווּנדער זיך נישט אויב זי שפּרינגט זייער לייכט אָפּ און פאַלט אַראָפּ.

ה.

אַלע זענען מודה, אַז ווי אַ פאָר־באַדינג פאַר יעדער קולטור איז אָפּצושאַפן אַנאַלפאַבעטיזם און געבן דעם אָנפאַנג פון וויסן יעדן קינד פון פאָלק, ווי עס ווערט געמאַכט דורך די עלעמענטאַרע שולן. פאַרשפּרייטן בילדונג און וויסן צווישן די פאָלקס־מאַסן, לכל הפּחות אין אַ מיטלמעסיקער מאָס, מאַכט פעאיק דאָס פאָלק צו זיין אַ טרעגער פון קולטור. מען קען נישט אַריינגיין אין פּרדס פון חכמה אָן אַ צוגרייטונג. און גוט טוט די רעגירונג, וואָס זעט אין די לימודים פון די פאָלקס־שולן אַ גרויסע וויזיע. פאַר ישראל איז געווען אַ גרויסער טאָג, יענער אין וועלכן די כנסת האָט באַשלאָסן אומזיסטיקן צוואַנג־חינוך. אין אַ מדינה, וואָס זאַמלט־איין יידן פון אַלע עקן וועלט, און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען געזיצן ביי זיך אין די לענדער אין אַ קול־

טורעלער פינסטערניש און זיי זענען באַרויבט געוואָרן פון דער מעגליכקייט זיך צו פאַרשאַפן בילדונג און מען האָט זיי אויך אַרויסגעלאָזט מיט ליידיקע הענט אָן אַ שום פאַרמעג — הייסט יענער באַשלוס, שאַפן די ערשטע פאָלקס־שיכטע פאַר טרעגער פון יידישער קולטור, ס׳הייסט, בויען דאָס פאָלק ווי אַן איינהייט. די אַלע וואָס ענדיקן קינדער־גערטנער און פאָלקס־און מיטלשולן זיי זענען דער לעגיאָן, וואָס שיצט די שפּראַך און קולטור. אויף זיי וועט זיך דאָס פאָלק אָנלענען און אין זייער זכות וועט די מדינה באַשטיין. פאַר מקיים זיין מיט דביקות די דאָזיקע עלעמענטאַרע מצווה זאָלן געבענטשט זיין די אַלע וואָס טוען עס.

אָבער דער עלעמענטאַרער־חינוך איז בלויז דאָס פאָדערהויז פאַרן סאַלאָן. צוגרייטן מאַסן פאַרן פאָדערהויז איז אַ גרויסע זאַך, אָבער נישט גענוג. פאַרברייטערן די האָריזאָנטן און אויסבעסערן דעם געשמאַק איז אַ רעזולטאַט פון אַן אַלגעמיינער פאַרשטאַרקטער בילדונג. צוגרייטן דעם באָדן פאַר פאָלקס־קולטור, פאַר אַ מאַסן־קולטור, ווערט געמאַכט ווען מען זעצט־פאָר דעם חינוך צו העכערע שטאַפּלען. און אויך די דאָזיקע מאַסן־קולטור איז נישט דער סוף פסוק. ביי יעדן פאָלק איז פאַראַן אַ הייפל, וואָס רופט זיך עליטע. דאָס איז אַ לעבנס־וויכטיקער באַדינג און באַדאַרף פאַר יעדער קולטור. אָט דאָס הייפל גיט אַריין מאַרך אינעם לעבן פון פאָלק און באַ־פרוכפּערט זיין שאַפונג. פון אים קומען אַרויס יחידי־סגולה אויף אַלע געביטן פון קולטור און וויסן, וואָס שטויסן־פאָר דאָס מענטשלעכע וויסן, און פאַר־שאַפן אַ נאָמען דעם פאָלק. כדי עס זאָל פאַרשטאַנען ווערן, וואָלט איך גע־זאָגט, אַז מיר דאַרפן נישט נאָר שאַפן מאַסן פאַרברויכער, וואָס געניסן פון ליטעראַטור־און קונסט־ווערטן, נאָר אויך פלעגן אַ שיכטע פּראָדוצענטן, וואָס ברענגען אַרויס נייע קולטור־פאַרמעגנס, אָדער אַנטוויקלען זעלבשטענדיק דאָס פאַראַנענע טראַדיציאָנעל פאַרמעג און גיבן אויך צו זייערס. אַזאַ שיכטע קען מען נישט אַרויסברענגען לויט באַפעל, דורך באַשטעלונג; ווייל עס רעדט זיך וועגן מענטשן, וואָס די נאַטור האָט זיי באַשאָנקען מיט שאַפונגס־קראַפט און האָט זיי געגעבן מעלות און טאַלאַנטן, וואָס אַנדערע פאַרמאָגן עס נישט. מען קען אַזעלכע מענטשן נישט דערפינדן, אָבער ווען זיי זענען פאַראַן — און זיי זענען פאַראַן — דאַרף יעדעס פאָלק און יעדע געזעלשאַפט וויליק זיי זען, זיי איינהילן מיט כבוד, און צוהעלפן זיי מיט מאַטעריעלע מיטלען און מיט געהעריקע אַרבעטס־באַדינגונגען. די באַציאונג פון יעדן פאָלק צו דעם דאָזיקן שעפערישן הייפל, וואָס איז זיין שפּיץ און קרוין, דינט אַלס אַ מאַסשטאַב פאַר דער הויך פון קולטור און פאַר זיין פאַרשטענדעניש.

מען קען נישט זאָגן, אַז אַזאַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַרמאָגט אונדזער געזעלשאַפֿט. אמת, עס איז געקומען אַן ענדערונג צום גוטן אין איר באַציאונג צו די גייסט־מענטשן, און זיי ליידן נישט פֿון הונגער־שאַנד. אָבער נישט דאָס מיינען מיר. אויב דער שאַפֿונגס־טאַלאַנט איז די מתּנה פֿון נאַטור און מען קען אים נישט באַקומען פֿאַר קיין שום פּרייז, איז דאָס פֿלעגן און די זאָרג פֿאַרן בעל־הטאַלאַנט און דאָס וואַכן איבער פֿאַרשפּרייטן די שאַפֿונגס־פּרוכט, דער ענין פֿונעם גאַנצן פֿאָלק און פֿון מלוכהשער אָרגאַניזירונג. ביז היינט ווערט אַ קליינער פּראָצענט פֿונעם מלוכהשן בודזשעט צוגעטיילט דער קול־טור און שאַפֿונג, דער ליטעראַטור און מוזיק, דעם טעאַטער און דער מאָ־לעריי, דער סקולפּטור און דעם טאַנץ. פֿלעגן די דאָזיקע גייסטיקע יצירה, וואָס איז דאָס אייגנטום פֿון בלויז געציילטע, פֿאָדערט ריזיקע מיטלען און נישט צוטיילן אַ געוויסן פּראָצענט. וואָס דער כּוח פֿון אָנשטרענג פֿאַר דערמוטיקן די שאַפֿונג איז, האָבן מיר געזען אין די קלאַסישע איבערזעצונגען פֿון שלמה דיקמאַן ז״ל. פֿאַרשטייט זיך ווען עס וואָלט זיך נישט געפֿינען, אַזאַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער ווי דיקמאַן, וואָלטן קיין שום מאַטעריעלע מיטלען נישט געהאָלפֿן, אָבער אָן אַ ספּעציעלן פֿאָנד, וואָס איז געווידמעט דעם דאָ־זיקן צוועק, וואָלט דיקמאַן נישט געקענט אויסהאַלטן צו קענען אונדז געבן אַזאַ עשירות אין אַזוי וויניק אַרבעטס־יאָרן און זיי וואָלטן נישט געזען די שיין. און דאָס איז בלויז אַ ביישפּיל. צו אונדזער באַדויערן, האָבן דעם דאָ־זיקן באַוווסטזיין נישט פֿאַרמאָגט די מנהיגים פֿון דער מדינה און דער גע־זעלשאַפֿט, זיי האָלטן די דאָזיקע פֿאָדערונג פֿאַר אַ דעקוטשליווע און די פֿאָדערער פֿאַר פֿאַנטאַזיאָרן.

ז.

איין מיטל פֿאַרמאָגן די מנהיגים פֿון דער מדינה, דאָס איז: די טענה פֿון פֿריער און שפּעטער. מיט איר הילף שטופּן זיי אָפּ יעדן פֿאַרשלאַג און יעדע עצה אויסצופֿורמען דעם יצירה־כּוח, וואָס שטעקט אין פֿאָלק. פֿריער פֿון אַלץ, זאָגן זיי, דאַרף מען ברענגען יידן קיין ישראל, געבן זיי די ערשטע באַדערפֿע־נישן, אויפֿשטעלן שולן, באַוואָפֿנען דאָס מיליטער מיט די בעסטע כּלים, איינשאַ־פֿן אַ האַנדלס־פּלאַט און עראָפּלאַנען א.ד.ג. און שפּעטער וועט מעגלעך זיין זיך פֿריי צו מאַכן פֿאַר די העכערע גייסטיקע באַדערפֿענישן. און ווייל די מעגלעכ־קייט איז קלענער פֿונעם באַדאַרף און די מיטלען זענען קנאַפּע, און די לעבנס־וויכטיקע געביטן ווערן נישט באַפֿרידיקט, אַ פּשיטה שוין, אַז מען דאַרף זיי נישט באַשרענקען דורך פֿאַרטאָן די מיטלען אין ענינים פֿון גייסטיקער יצירה.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע באַגרינדונגען, כאָטש זיי זענען ריכטיק, פרעגן מיר זיי פאָרט אָפּ. ערשטנס, קיינמאָל וועלן די מיטלען נישט גענוג זיין. די עליה וועט נאָך אָנגיין אַ סך יאָרן ביז ס׳וועט קומען אַהער דער לעצטער ייד. אויך די איבעריקע באַדערפעענישן וועלן זיך מערן און וועלן פאָדערן זייערס. שטענדיק וועט מען קענען זאָגן, אַז ס׳זענען פאַראַן זאַכן, וואָס זייער חשיבות איז פריער, וואָס שטופן־אָפּ די אַנדערע. אַ פּאָלק, וואָס גיט זיך באַלד נישט אָפּ די ענינים פון גייסטיקער יצירה, וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעבן. די טענה פון פריער און שפּעטער איז נישט מער ווי אַ פּייגנבלאַט צו פאַר־דעקן די נישט־פאַרשטענדעניש און דעם נאַקעטן אמת. ווען מען רעכנט זיך נישט מיט די באַדערפעענישן פון גייסט און מיט די אימפּולסן פון שאַפונג, באַנוצט מען זיך צוליב בושה מיט דער דאָזיקער טענה.

דער אמת איז, אַז מען דאַרף אַלץ מאַכן אין איין גאַנג און גלייכצייטיק. צוזאַמען מיטן אַנטוויקלען די עקאָנאָמישע שאַפונג און די מאַטעריעלע קול־טור, דאַרף מען אויך אַנטוויקלען די ליטעראַרישע־און קונסט־יצירה. טאַקע דערפאַר ווייל די יצירה־כוחות זענען איינמאָליקע און זייער עצם זיין איז אַ נס און אַ וווּנדער, מען טאָר נישט אין אַ געוויסער תקופה זיי אָפּשטופּן אָדער אָפּשוואַכן מיט דער טענה פריער און שפּעטער. ווייל עס קען זיין ס׳זאָל נישט זיין אין קומענדיקן צענדליק־יאָר דאָס, וואָס איז פאַראַן אין דעם דור אָדער אין דעם צענדליק. די שעפערישע פאַנטאַזיע און דער שעפערישער־כוח ר׳עכנענען זיך נישט מיט די חשבונות־מאַכער און זיי קומען נישט ווען מען וויל, נאָר זיי זענען פאַראַן אָדער נישט, און ס׳איז אַ נויטבאַדערפעניש צו דערמוטיקן זיי און אויסשעפּן זייערע מעגלעכקייטן כל זמן זיי עקזיסטירן. דאָס וואָס איין דור פאַרשפּעטיקט, וועט דער צווייטער נישט אָניאָגן. אַזאַ פּראַקטיק, על כל פּנים, האָבן מיר געהאַט, און מיר דאַרפן לערנען פון דעם. מיר טאָרן זיך נישט באַגיין מיטן אוצר טאַלאַנטן און יצירה־כוחות, וואָס יחידים זענען מיט זיי באַגאַבט אויף די פאַרשידענע געביטן, ווי מיט רויב. עס איז אַ פליכט זיי אויפצוגראָבן ווי אוצרות און מיט זיי זיך צו באַגיין ווי מיט אוצרות.

און כדי זיך אַזוי צו פירן, דאַרף מען נישט אַרויסציען דעם פּסוק הגדול, וואָס שטייט אין דער תורה: נהיה אור לגויים! עס איז אונדז דערלויבט געוואָרן צו חלומען אַזאַ גרויסן חלום, אָבער מיר טאָרן נישט מאַכן אים ביליק און שאָקלען מיט אים שטענדיק, ווייל טאָמער וועט ער פאַרשוועכט ווערן פון צופיל באַנוצן אים. אָבער ס׳וועט גענוג זיין אויב מיר וועלן זיין

אור פאַר זיך אַליין. קודם כל דאַרפן מיר זיך אַליין פאַרווירקלעכן, ברענגען צום ליכט אונדזערע אייגענע באַהאַלטענע טאַלאַנטן און שפע, און פאַרטיפן די ווערטן פון אונדזער אייגן לעבן. אַ ליכט פאַר איינעם איז אַ ליכט פאַר הונדערט. אויב וועט אונדזער ליכט שיינען פאַר אונדז, וועט ער במילא שיינען אויך פאַר אַנדערע. און אַ ראיה איז די הילף, וואָס מיר געבן די צוריקגעשטאַנענע לענדער פון אַזיע און אַפריקע. איידער מיר זענען געקומען אין לאַנד אַריין האָבן מיר זיך נישט געשטעלט די מיסיע אָדער דעם באַדינג צו דערלאַנגען הילף אַנדערע, נאָר מיר זענען געגאַנגען דעראָבערן די אַרבעט און אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט און די אינדוסטריע פאַר זיך. און דער „אור לגויים״ איז אַ רעזולטאַט פון אַ געשאַפענער ווירקלעכקייט לויט די דערגרייכונגען און הצלחות, וואָס מיר האָבן אומדירעקט געמאַכט אויף אַלע געביטן פון שאַפן און בויען. דערווייל זאָל דער כבוד פון ישראל געווענדעט זיין צו זיך אַליין.

ז.

די כוונה איז נישט צו דערלאַנגען סתם אַ גרויסן אַנקלאָגס־אַקט אָדער אי־בערצוטרייבן דאָס שוואַרצע קאָליר. אָבער עס נויטיקט זיך צו זען די זאַכן ווי זיי זענען, און ספּעציעל לויט די טענדענצן זייערע. אין די זיבעצן יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה גייט און קריסטאַליזירט זיך אויס אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נוטה צו זען זיך אַ גלייכע מיט יעדער געזעלשאַפט פון יעדער מדינה. אָבער בעת מדינת־ישראל הערט נישט אויף צו באַטאָנען, אַז זי איז אַנדערש פון יעדער מדינה אויף דער וועלט, אַז זי איז נישט קיין תכלית פאַר זיך, און זי איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, און זי דאַרף אויפנעמען עליה און פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג, שיצן די גרענעצן, היטן דאָס לעבן און פאַרמעג, באַקומען מיטלען פון דרויסן און באַזאָרגן דאָס פאָלק מיט באַדינונגען און מיט לעבנסמיטלען, ס׳הייסט, זי איז מודה, אַז זי איז נאָכנישט קיין נאָרמאַלע מדינה — פּירט זיך די געזעלשאַפט ווי זי וואָלט געווען נאָרמאַל. יעדע אַלגעמיינע אויפגאַבע, וואָס מען ברויך דערפילן און אין איר דערפילונג הענגט־אָפּ אויך דער קיום פון דער געזעלשאַפט, איז אַרויפגע־לייגט אויף די פּלייצעס פון דער מדינה. און אַ סך זענען איינגעוווינט צו זאָגן: מאַכט נישט אויס, די מדינה וועט שוין מאַכן! דאָס איז די טענדענץ, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, און אַזאַ טענדענץ טראָגט אין זיך אַ גרויסע סכנה.

אַנטקעגן דעם געפינען זיך אמתדיקע קערנער פון קולטור, ליטעראַטור און קונסט און אַ חשוב געזעמל פון שרייבער און קינסטלער און שעפער אויף יעדן געביט פון יצירה. זיי וועלן נישט משלים זיין מיט דער לאַגע פון איבערזעצערישקייט, פון פרעמדקייט, זויפערישע ציוויליזאַציע, פון גייסטיקן גלייכגילט און קליינקעפלדיקע בעלבאַטישקייט. זיי פילן, אַז אונדזער מדינה און אונדזער געזעלשאַפט זענען באַשאַפן געוואָרן פאַר גרויסע זאַכן און אויך די פעאיקייט זייערע איז אַ גרויסע. זיי זענען זיכער, אַז אַ סך מעגלעכקייטן זענען באַהאַלטן אין פאָלק, וואָס זיצט דאָ און וואָס זאַמלט זיך דאָ אויף, און ס'איז פאַראַן דער באַדאַרף אויפצוּוועקן זיי און צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר יצירה. און נאָך מער, דער שאַפונגס־פאַרמעג, וואָס איז פאַראַן און וואָס שאַפט זיך איז מרמז אויף די דאָזיקע באַהאַלטענע־כוחות און אויף זייער צוקונפט. אונדזער נייע ליטעראַטור איז דערגאַנגען צו קאָנטיקע דערגרייכונגען אין אינהאַלט און פאָרעם. אויך די איבעריקע סאָרטן קונסט, ווי טעאַטער, מאָלעריי און מוזיק האָבן זיך דערוואָרבן אַ בכבודיקן פלאַץ אין אונדזער לעבן און אין דער אָנערקענונג פון דער גאַנצער וועלט. און נישט אומזיסט איז איבער אונדז פאַרביי פופציק יאָר אויפלעבונג און בנין הארץ. פון דעם געבערג פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט האָבן זיי געהאַקט גייסטיק לעבן און קולטור־שאַפונג. אונדזער אָנווייזן די נעגאַטיווע טענדענצן, וואָס לויערן און דראָען אויף זיי צוליב דער נטיה צו איבעריקער „ציוויליזאַציע", פאַרקלענערט נישט די געשטאַלט פון די קונסטן און נישט זייערע דעראָבערונגען און אָנשטרענג. אָבער מיר טאָרן זיך נישט באַגענוגענען מיט דעם וויניקן, וואָס איז פאַראַן, נאָר מיר מוזן זען דעם אַ סך, וואָס איז געווינטשן. עס איז נישטאָ קיין פלאַץ, חלילה, פאַר קלאָגן אויף דעם מצב פון דער אָריגינעלער יצירה, אָבער ס'איז אויך נישטאָ קיין פלאַץ פאַרן „וווּיל איז מיר". די שכינה רוט נאָר אין עצבות פון מאַנגל און נישט אין דער שמאַלציקער שמחה אויפן קליינעם יש. אָבער בעיקר איז די פליכט אָנצווייזן אויף דעם ביטערן פאַקט, אַז אַפילו דער־אָ חשובער קולטורעלער יש, און זאָל די מאָס זיינע זיין אַ וואָסערע זאָל נישט זיין, איז פאַרוקט אין אַ ווינקל צוליב די פאַרקרומטע באַגריפן פון דער געזעלשאַפט, און ספּעציעל צוליב דעם קאַליע ווערן פון די גרופּירונג סדרים און פון דעם לעבנשטייגער. און אויב עס איז נישט פאַראַן קיין געזעלשאַפט, וואָס וואַרעמט זיך אין ליכט פון אַן אָריגינעלע יצירה און זי קערט נישט אום קיין וואַרעמקייט, קיין ליבע און דאַנקבאַרקייט זייערע שאַפער, קען זי דאָך איינשרומפּן און פאַרוויאַנעט ווערן. על־כל־פנים, דאָס פעלן די גענינסונג־פרייד פון אַן אָרגאַנישן ציבור, איז נישט קיין „סגולה" פאַר דערמוטיקן דעם וווּקס פון דער יצירה.

אויף דעם דאַרפן מיר שרייען: אויף דער קורצזיכטיקייט און קליינקעפּל־דיקייט, וואָס באַווייזט זיך ביי אונדז ווי דער הויכפּונקט פון חכמה און פאַר־שטאַנד. מען קען נישט פאַרלאַנגען פון יעדן פּאָליטישן מנהיג, און אַוודאי נישט פון אַ געוועגלעכן עסקן, פאַרשטאַנד אין די וועגן פון גייסט און יצירה. אָבער עס איז אַ חוב צו מאָנען ביי זיי און ביי דער גאַנצער געזעלשאַפט צוצולייגן אַן אויער צום רוף פון יענע טיילן פון פאָלק, וואָס דער גורל האָט זיי באַשטימט פאַר גייסטיקער שאַפונג. און מיט מער אייגנאַרט איז עס אַ לעבנס־נויטווענדיקייט נישט צו לאָזן רוען דאָס בעסטע פון אַלטן און יינגן דור, זיי זאָלן זיך נישט ציען צו לייכטן לעבן, וואָס קען זיך זייער שנעל אויס־לאָזן מיט אַ זייער שווער לעבן, מיט פאַרמיאוסן און פאַרדרייען דאָס לעבן. דאָס איז דער כלל: אַ לייכט לעבן ווערט נימאס; בעת אַן ערנסט לעבן מיט אידעאַל שפּאַנען־אַן דעם מענטש צו אָנשטרענג און געבן אים אינהאַלט.

די „ציוויליזאַציע" אין ישראל איז נויטווענדיק און לעבנס־וויכטיק, און מען דאַרף זי נישט אָפּשטופּן, אָדער פאַרמינערן; אָבער זי איז בלויז אַ טייל פון לעבן און נישט דער תמצית. זי נויטיקט זיך שטענדיק אין דער השגחה העליונה, אין אָנווייזונגען, אין באַשטראַלונג, וואָס שטאַמט פון דער קולטור־און גייסט־ספערע. אַפילו אין איר בעסטן אַרויסקום ליגט די סכנה פון גולם, וואָס רעוואָלטירט קעגן זיין באַשאַפער. דעריבער דאַרף מען שטענדיק זען, אַז זי זאָל היטן דעם „שם המפורש".

דרינגען מיר פון דעם, אַז ווער עס האַלט פון פריער און שפּעטער, און שטופּט־אָפּ די וואַכזאַמקייט צו גייסטיקער יצירה אויף אַן אַנדערער צייט, לאחר זמן, לכשירחיב, ווען ס'וועט קומען די צייט פאַר דעם, און די מיטלען וועלן נישט פעלן, און ס'וועט זיין ישוב־הדעת — לעבט בלויז אין אַן אילוזיע, זינדיקט ער און מאַכט זינדיקן. ס'איז נישט פאַראַן קיין פריער און שפּעטער ביים שאַפן אַ לעבן פון אַ פאָלק און אַ פאָטערלאַנד. מיר לייגן איצט פונדאַ־מענטן פאַרן פיזישן לעבן פונעם פאָלק און פאַר זיין גייסטיק לעבן. איינס קלאַמערט זיך אין צווייטן, יעדער פגם, יעדער בלויז, יעדע פאַרנאַכלעסיקונג און יעדער אָפּלאָז וועט זיין אַ בכיה לדורות.

דאָס קולטורעלע לעבן און שאַפן אונדזערס פאַרמאָגט אַ סך ליכטער און גרויסע דערגרייכונגען. און די וווּנדערלעכסטע צווישן זיי איז דאָס העברע־אישע לעבעדיקע לשון, וואָס פאַרפיינערט זיך און ווערט קאַלירפול, וואָס ענטפערט אויף די באַדערפעענישן פון דער צייט און פון דער אייביקייט, און

די נעץ פון העברעאישן חינוך, וואָס גיט אַרויס אַ סך אַ סך תלמידים, וווּנ־דערלעכע שטוב־פּלאַנצונגען, וואָס זענען די טרעגער פון דער מדינה און פון דער צוקונפט פון פאָלק. אָבער עס איז פול מיט שטרויכלונגען, אָפענע און באַהאַלטענע, וואָס קענען אים אונטערגראָבן און אים צעשפּאַלטן פון אינע־ווייניק. עס איז מוטל אויף אונדז אַריינצוקוקן אין שפּיגל פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, אָבער נישט כדי זיך צו פאַרליבן אין אונדזער אייגענער אָפּ־שפּיגלונג, נאָר צו זען די פאַרקרומענישן און פאַרקריפּלענישן און די קנייי־טשן כדי זיי אויסצוגלייכן. די סכנה איז באַזונדערס גרויס, ווייל די דאָזיקע פאַרקרומענישן און קנייטשן זעען ביי אַ סך אויס ווי אַ לויכטנדיק פּנים. לאָמיר זיך היטן פון אַזאַ פאַלשן גלאַנץ.

בצלאל שחר

דער דרייפּאַכיקער פּאָדעם

(עקאָנאָמיע, געזעלשאַפט און קולטור)

ס'איז זייער שווער פעסטצושטעלן די לייטער פון חשיבות פאַר די פּראָב־לעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון ישראל אַנטקעגן אירע געגאַרטע מאָסן. עס איז קלאָר, אַז איין זאַך איז אויסער דער רעכענונג, דאָס איז דער זיכערהייט־פּראָבלעם, ווייל אָן פאַרזיכערן דעם קיום פון דער מדינה איז נישטאָ קיין אינטערעס און קיין זין צו דיסקוטירן וועגן דעם פּלאַץ פון די איבעריקע פּראָבלעמען אויף דער דאָזיקער לייטער. אָבער שוין דאָ שטעלט זיך אַוועק פאַר יעדן שפּירעוודיק אויג דער פאַקט, אַז די דאָזיקע זיכערהייט איז נישט קיין באַזונדערער פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר זיך, נאָר ער איז ענג פאַרבונדן מיט דער לייזונג פון די איבעריקע פּראָבלעמען. ס'הייסט, אויך דאַן ווען די זיכערהייט שטייט אויפן שפּיץ לייטער, שפּאַרט זי זיך אָן אויף די שטאַפּלען, וואָס פירן צו איר. און וואָס איז דער סדר פון די דאָזיקע שטאַפּלען? און צי איז מעגלעך אַזאַ סדר? מיר קומען דאָ טענהען, אַז די משמעות פון דער גייסטיק־קולטורעלער גרופּירונג פון די תושבים אין ישראל פאַלט אויך גאָרנישט אַרונטער פון דער משמעות פון זייער געזעלשאַפטלעכער־און עקאָנאָמישער־גרופּירונג. און נישט בלויז דאָס, נאָר אַ געלונגענע קאָנסטעלאַציע אויף דעם געביט איז אַ באַדינג און נישט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ געלונגענע קאָנסטעלאַציע אויף די איבעריקע געביטן. קיינער דענקט נישט מזלזל צו זיין כהוא־זה מיט דער חשיבות פון דער עקאָנאָמישער געלונגענער גרופּירונג היינט־צו־טאָג, דער מינימום פון עקאָ־נאָמישער שפע איז אַן אומבאַדינגטער ביים המשך פון קיום המדינה.

אַ געזעלשאַפטלעכע גרופּירונג, וואָס לייגט זיך אויפן שכל, הייסט פעסט־שטעלן לאַגעס, ווו ס'איז נישט פאַראַן צו פיל רייכע און צו פיל אָרעמע. ס'מיינט לכל הפחות טיילוויַיז פאַרקלענערן די דיפערענציאַציעס צווישן די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, און וואָס ס'איז נישט ווייניקער וויכטיק, אַן אומדערמידלעכע אַרבעט אויף איינצולייגן די מחיצות וואָס וואַקסן־אויף, ווי אַ רעזולטאַט פון די אונטערשידן אין רייכקייט, מאַכט און רעגירן — אַזאַ גרופּירונג ווערט אויך אַ נישט פאַרציכטנדיקער באַדינג פאַר אַן אָנגעמבאַרע

אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין ישראל. די אויפגאַבע פון דער אַרבע־טער באַוועגונג איז נישט ווייניקער חשוב, ווי די טענדענץ פאָרצוציען דעם אויפבוי פון געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט, ווי איינע פון די עלעמענטן פון דעם סאָציאַליסטישן רעזשים. געפילן פון פאַרביטערונג און פאַרפרעמדונג פאַרשווינדן נישט מיטן ענדערן דעם פאָרמעלן באַזיץ; זיי קענען אָפּגעשוואַכט ווערן, אָבער ס׳איז אַ ספק צו וועלן זיי אינגאַנצן פאַרשווינדן, ווי אַ רעזולטאַט פון באַזייטיקן גרעסערע אונטערשידן אין סטאַטוס פון רייכקייט, מאַכט און רעגירן — און אפשר נאָך מער ווי אַ רעזולטאַט פונעם שאַנס, אַז די קינדער וועט בעסער זיין ווי די עלטערן.

און אַט דאַרף קלאָר זיין, אַז די דאָזיקע צוויי גרופּירונגען: די עקאָנאָמישע און די געזעלשאַפטלעכע — הענגען־אָפּ אין אַ דריטע גרופּירונג, אַ גייסטיק־קולטורעלע. ס׳איז כמעט זיכער, אַז די פאַרבינדונג הייבט אָן ווערן אַ צענ־טראַלער באַדינג אין דער גאַנצער וועלט מיט וויפיל עס שטייגט דער ווערט פון דער וויסנשאַפט, פון דער בילדונג און טעכנאָלאָגיע אין די אַנטוויקלטע לענדער און אין די וואָס האַלטן זיך ביים אַנטוויקלען. און ס׳איז אַוודאי פאַראַן דאָ אַ ברייט פעלד פאַר פאַרגלייך־פאָרשונגען אויף וויפל ס׳גייט־אָן אַ באַ־ציאונג צווישן די דאָזיקע דריי גרופּירונגען אין פאַרשידענע לענדער. אָבער ס׳דוכט זיך, און אויסער יעדן ספק, אַז ישראל איז אַן אויסנאַם־פאַל פון דעם דאָזיקן דרייפּאַכיקן פאָדעם. און פון דריי מקורות שפּייזט זיך דער דאָזיקער אויסנאַם: פון אונדזער היסטאָריע דורך די דורות, פון דער קעגנוואַרט פון מדינת־ישראל און די ישראלדיקע געזעלשאַפט און פון זייער אַנטוויקלונגס־אויסזיכט אין דער צוקונפט. אונדזער טראַדיציע ווייזט אויף אַ שטענדיקע נטיה, וואָס מיר האָבן געהאַט אָנצושפּאַרן אונדזער פּרנסה אויף אינטעלעק־טועלע מקורות. ס׳איז טאַקע באַקאַנט אויף וויפל די חכמים, אייגענע און פרעמדע, האָבן איבערטריבן, ווען מען האָט געטענהט, אַז יידן האָבן זיך נישט באַשעפטיקט מיט ערד־און פאַך־אַרבעט. אָבער עס איז דערלויבט פעסטצושטעלן, אַז כמעט מיט יעדן פאַך האָבן זיך יידן באַשעפטיקט, אַריינ־געבראַכט אינטעלעקטועלע מאָטיוון, און אַפילו די קונסט אַרבעטן אין וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט, האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן חותם. און מיטן אומקערן זיך קיין ישראל, איז בלויז געוועזן אַ קליינע פּויזע אין דעם אינטע־לעקטואַליזירן אונדזערע פאַכן. און נישט אומזיסט פאַרנעמט איצט ישראלס לאַנדווירטשאַפט איינע פון די ערשטע פּלעצער אין דער וועלט ביים באַנוצן זיך מיט דער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע. און אַוודאי וועט ישראל דערגרייכן צו אַ הויכער טעכנאָלאָגישער שטופע אין דער אינדוסטריע. אָבער מען טאָר

נישט פאַרזען אויך די סכנות, וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן, ווען עס האַלט אין איין שטויסן עלטערן און קינדער צו זוכן פּרנסות און פאַכן, וואָס פאַר־מאָגן נישט דעם הויפּט־ווערט פון אומקערן זיך צו ערד און אַרבעט, ווי עס איז פאָרמולירט געוואָרן אין דער ציוניסטישער אידייאָלאָגיע. דער אויסוועג באַשטייט נישט אין פאַרלאָזן די דאָזיקע אידייאָלאָגיע, נאָר זי צופּאַסן צו די באַדערפענישן, וואָס ענדערן זיך אין מדינת־ישראל אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט.

ב.

און אָט דוכט זיך, אַז די לייזונג ליגט אין געביט פון דעם סינטעז צווישן באַשטענדיקער אַרבעט און באַשטענדיקן לערנען, און פאַרוואַנדלען די אַר־בעט אין אַן אינטעליגענטער און באַלערנדיקער אַרבעט, און אין פאַרוואַנדלען דאָס באַשטענדיקע לערנען אין אַן אינטעגראַלן טייל פונעם אַרבעטנדיקן מענטשנס טאָג און אינטערעס, ס'הייסט, גרינדן אַן אַרבעטנדיקע און לערנ־דיקע געזעלשאַפט אין ישראל. אפשר מעג מען דאָ צוגעבן, אַז ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען צו ענדערן דעם נאָמען פון הסתדרות העובדים בישראל אויף „הסתדרות העובדים הלומדים בישראל", וואָלטן מיר אפשר אויסגעדרוקט מיט דעם נאָמען אַ וויזנטלעכע ענדערונג, וואָס וואָלט באַדאַרפט געשען ביים פעסטשטעלן די באַציאונגען צווישן דער אַרבעט און דעם באַשטענדיקן לער־נען אין ישראל. און זאָל מען אַכט לייגן: עס רעדט זיך דאָ נישט נאָר וועגן העכער ברענגען די פאָרמעלע לערנס־שטופע, וואָס צו איר דאַרפן דערגייען אַלע איינוווינער אין ישראל (ביי דעם ענין דאַרף מען לייגן גרויס געוויכט אויף די פּלענער פון העכערן דעם יאַרגאַנג פון אומזיסטיקער צוואַנג־דער־ציאונג פאַר די קינדער אין ישראל פון 14 ביז 16); עס רעדט זיך דאָ אויך וועגן דעם באַשטענדיקן צוזאַמענפלעכט פון לערנען אין פלאַן פון דעם דערוואַקסענעם מענטש אין ישראל. דאָס איז דער Continuing Education, וואָס איז געוואָרן איצט אַ פּאַראָל אין די פאַרשריטלעכע לענדער. ישראל נויטיקט זיך צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּאַראָל, ווי אַ לעבנסנויטווענדי־קייט. אויף צו באַווייזן די דרינגלעכקייט פון דעם קען מען ברענגען אַ מענגע ראיות, אַז אין דעם נויטיקן זיך איצט די דערציער פאַר דערוואַקסענע אין די דאָזיקע לענדער. און ס'האָט דאָ קיין צוועק זיי איבערצוחזרן, נאָר בלויז צוגעבן, אַז די באַגרינדונגען, וואָס זענען מחייב אַריינצוברענגען דאָס באַ־שטענדיקע לערנען, ווי אַ טייל פונעם מענטשנס טאָג־פּלאַן אין ישראל, באַקומען דאָ אַ כאַראַקטער פון ספּעציעלער דרינגלעכקייט, וואָס שטאַמט סיי

פון דער פאָלקס טראַדיציע, סיי פון זיין אינטערעס אין דער קעגנוואַרט און סיי פון זיין אויסזיכט אין דער צוקונפט.

ג.

אָן אַן איבעריקע אַמביציע קען מען פעסטשטעלן, אַז אייניקע חשובע שריט אויף דעם וועג זענען שוין געמאַכט געוואָרן אין ישראל. דריי צענטראַלע פאַקטאָרן ווירקן אויף דעם געביט: די ישראל רעגירונג, די מוניציפּאַליטעטן און די הסתדרות פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל, און זיי באַהילפיקן זיך מיט די הויכע אינסטיטוטן און בראש די העברעאישע אוניווערזיטעט אין ירושלים, וואָס איז שוין זייט יאָרן דער צענטער פון בילדונג פאַרן פאָלק. צו די דאָזיקע פאַקטאָרן קען מען צורעכענען אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן, קלובן, לאָזשעס, פּריוואַטע קרייזן פאַר אויסבילדונג, וואָס זייער צאָל דערגייט ביז הונדערטער. ס׳איז פאַראַן אַ פאַרבאַנד פון דערציאונג פאַר דערוואַקסענע, וואָס איר אויפגאַבע איז דערמוטיקן פאָרשונגען און צוזאַמענקלייבן די וואָס טוען אויף דעם געביט, אָבער ער איז נאָך נישט גענוג אַנזעעוודיק. פאַר דער ישראל רעגירונג איז געבראַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג אויפצושטעלן אַ ראַט פון חינוך פאַר דערוואַקסענע Adult Education Board, לויטן אַנשטאַלט, וואָס איז פאַראַן אין שוועדן. אָבער די רעגירונג האָט זיך נאָכנישט די צייט גענומען צו באַהאַנדלען דעם ענין, און ווער עס ווייסט די מענגע פּראָבלעמען, וואָס דריקט אויפן מיניסטער פאַר דערציאונג און בילדונג אין ישראל, וועט נישט קומען מיט איבעריקע טענות וועגן דעם. עס איז נאָך נישט אָנ־געשריבן געוואָרן דאָס בוך, וואָס זאָל אונטערציען דעם סך־הכל פון די פילפאַכע טעטיקייטן אויפן געביט, וואָס ווערט באַצייכנט דערציאונג פאַר דערוואַקסענע אין ישראל, און אַ שאָד. אין תשכ״ה איז דערשינען אַ בוך, וואָס פּרוווט עס מאַכן לגבי דער דאָזיקער לאַגע אין הסתדרות.*

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די קולטורעלע טעטיקייט אויף די הסתדרות געביטן איז אַ גרויסע און אַ צעצווייגטע. אין צענטער פון דער דאָזיקער טעטיקייט שטייט די צענטראַלע פאַר קולטור און דערציאונג פון דער הסתד־רות, אָבער לעבן איר, אין קאָנטאַקט מיט איר און באַזונדער, ווירקן אין די הסתדרות־געביטן נאָך גורמים, וואָס יעדער איינער פון זיי הייבט אָן צו זען

---

* בצלאל שחר, תרבות וחינוך בהסתדרות. פאַרלאַג „תרבות וחינוך״, תל־אביב, תשכ״ה, 356 ז׳, עברית.

אַלץ מער און מער די קולטור־אַרבעט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון זיינע אויפגאַבן. איז טאַקע אין ישראל, ווי אין פיל אַנדערע לענדער, פאַראַן דער אינטעגראַציע־פּראָבלעם פון קולטור־טעטיקייט צווישן דערוואַקסענע, מיט אַלע פאַרשידענע פּירושים, וואָס ס׳איז מעגלעך צו געבן דעם דאָזיקן באַגריף, וואָס פאָדערט אַ סך עלאַסטישקייט אין דער מאָס ווען די רייד גייען וועגן גייסטיקער טעטיקייט, וואָס איז געווענדעט לגבי פרייע בירגער פון אַ דעמאָ־קראַטישער מדינה.

ד.

אָבער אַלץ וואָס ווערט געטאָן, איז נישט מער ווי אַ טראָפּן אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס פאָדערט זיך. די דאָזיקע טעטיקייט דערגרייכט נאָך אַלץ נישט צו די אַלע שיכטן אין ישראל. און דער פּאַראַדאָקס — וואָס חזרט זיך אגב איבער אין אַלע לענדער, ליגט אין דעם, אַז די צוגאָב־בילדונג שטראָמט לייכטער דווקא צו יענע, וואָס האָבן שוין דערגרייכט אַ גאַנץ חשובער מדרגה אויף דעם געביט. די גאַנץ, אָדער כמעט גאַנץ, אומגעבילדעטע דערגייען זייער שווער צו די קורסן, צו די באַגעגענישן אין די קלובן און צו די אַנדערע קולטור־אַרבעטן.

דער אַמיינסטן דריקנדיקער כוח זענען די אַנאַלפאַביתן, וואָס זייער צאָל אין דער ישראלדיקער יידישער באַפעלקערונג דערגייט צו 12—13 פּראָצענט, און ער איז אַ סך גרעסער צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די ישראל רעגירונג מיט דער הסתדרות — צוזאַמען און באַזונדער, פירן אַ געניוג איב־טענסיווע אַרבעט אויסצוואָרצלען דאָס אומוויסן. די ישראל רעגירונג אַנ־גאַזשירט זעלנערקעס, וואָס פירן דאָ אויס אָריגינעל און חינעוודיק אַ נאַציאָ־נאַלע אויפגאַבע פון ערשטער מדרגה. די הסתדרות צוזאַמען מיט דער רע־גירונג נוציקן זיך אין באַצאָלטע לערער — און אויך אין אַ היבש ביסל פרייוויליקע, און עס איז אָנגענעם צו באַצייכענען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מאַנגל אין פרייוויליקע פאַר אונטעריכט.*

---

* עס איז כדאי דאָ אָנצווייזן אויף צוויי ביכער, וואָס זענען דערשינען אין פאַרלאַג המרכז לתרבות ולחינוך פון הסתדרות אויף דעם געביט: „דברי מתנדבים" און „עם המתנדבים". אין ביידע ביכער זענען געקומען צום אויסדרוק פרייוויליקע פאַר אונ־טעריכט און די וואָס לרענען, וואָס דירן אָפּטמאָל דאָס האַרץ מיט דער אויטענטישקייט פון זייער געפיל. אין לעצטן בוך ווערן געבראַכט אויך די ווערטער פון נשיא מדינת־ישראל, זלמן שזר, און זיין פרוי, רחל שזר, וואָס האָבן געלאָזט הערן אויף אַ באַ־געגעניש אין בית הנשיא מיט די פרייוויליקע פאַר אונטעריכט.

דאָס באַוועגן די קאַנדידאַטן צום לערנען איז אָפּטמאָל שווערער. און אויך דאָס איז ווערט צו באַצייכענען, אַז די פּרויען קומען גיכער ווי די מענער. אָבער ס׳איז יעדן אין ישראל פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס אויסוואָרצלען דעם אומוויסן, אַפֿילו עס זאָל אין גיכן פֿאַרווירקלעכט ווערן, איז נישט מער ווי אַן ערשטער שטאַפּעל. דער אַנאַלפֿאַבית, וואָס האָט זיך דערוואָרבן דעם אַנ־הייב פֿון קענען לייענען און שרייבן קען זייער שנעל צוריקקומען צום פֿונקציאָ־נעלן אַנאַלפֿאַבעטיזם, אויב ער וועט נישט באַלד אַריינגעגלידערט ווערן אין אַ גרופּירונג פֿון קולטורעלער טעטיקייט, וואָס איז אים מחייב אָנצוקומען צו דעם וויסן, וואָס ער אָט נאָר־וואָס דערוואָרבן.

דאָ דערשיינט מיט איר גאַנצע שאַרפֿקייט דער פּראָבלעם פֿון צוגעפּאַסטער פּרעסע אויך פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון אָט דעם לייענער. און ס׳איז דאָ ווערט צו דערמאָנען פֿון איין זייט די אָנשטרענגונגען פֿון דער רעגירונג אַרויסצו־געבן די צייטשריפֿט „המתחיל״, און אַ סעריע ביכעלעך „בשער״, און פֿון דער צווייטער זייט די גרויסע אונטערנעמונג פֿון דער הסתדרות צייטונג „דבר״, וואָס האָט געגרינדעט די געפּינטלטע צייטונג „אומר״, און איז ממשיך אַרויס־צוגעבן זי מיט אומגעווענלעכע אָנשטרענגונגען. עס לאָזט זיך פֿעסטשטעלן אָן אַ שמץ פֿון באַרימערײַ, אַז „אומר״ האָט געדינט און דינט, ווי איינער פֿון די צענטראַלע טויערן צו דער ישראלדיקער קולטור, און דורות פֿון נייע עולים, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פֿאַרנעמען צענטראַלע פּלעצער אין דער ישראל־וויסנשאַפֿט, האָבן זיך אויף איר דערצויגן.

ווי געזאָגט, איז די בילדונגס־טעטיקייט אַ גרויסע מיטן שטייגן פֿון איר ביוואָ. אפֿשר איז דאָ פּשוט פֿאַראַן אַ פּאַרקערטע פּיראַמידע לגבי די באַדער־פֿענישן פֿון דער ישראל באַפֿעלקערונג, אָבער אין תוך גענומען, איז די דאָזיקע טענדענץ באַרעכטיקט פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון ווייטן ציל פֿאַר דער דאָזיקער באַפֿעלקערונג. ווייל מען דאַרף דאָך דענקען, אַז אַלץ אַ גרעסערער און גרעסערער טייל פֿון דער דאָזיקער באַפֿעלקערונג וועט דערגיין אויף אַ נאָרמאַלן וועג, ס׳הייסט, אין זיין יוגנט, צו אַ בילדונג, וואָס ווערט היינט באַצייכנט מיטן נאָמען מיטל־בילדונג, סיי ווען זי איז אַ רעאַל מיטל־בילדונג, און סיי ווען זי איז אַ פֿאַך מיטל־בילדונג, אָדער אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מיטל־בילדונג. דער יסוד פּראָבלעם וועט זיין, ווי־אַזוי צו עפֿענען פֿאַר ברייטע שיכטן העכערע בילדונג־וועגן, ווען אַפֿילו נישט אַלע וועלן קענען אָדער וועלן אַרויף אויפֿן וועג פֿון אַקאַדעמישער בילדונג; און מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן דאָ די שווערע דערשיינונג פֿון „אָפּפֿאַל״, ווייל וואָס עס לאָזט זיך

מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן איז, אַז אַ גרויסער טייל פון ישראלדיקער יוגנט שטראַמט אין די ראַמען פון מיטל־בילדונג מיט אירע אַלע פאָרמען, פאַלן דאָך צו פיל פון זיי אָפּ אין מיטן וועג און זיי ווערן איינע פון די ברענ־פונקטן פון דעם פּראָבלעם, וואָס הייסט דערוואַקסענע יוגנט, וואָס ווערט יעדעס מאָל שאַרפער אויך אין ישראל. און מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז נישט קיין האָמאָגענישער פּראָצעס, ווייל עס פלעכט זיך אין אים אַריין די „שטאַפּלונג" פון עדה ביי דעם אָפּפאַל, וואָס פירט צום סוף צו אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין פּאַראַלעליזם ביים אַריינגאַנג אין די העכערע אינסטיטוטן.

אַט שטעלט זיך פאַר דער בילדונגס־פּאָליטיק אין ישראל דער טאָפּלטער פּראָבלעם: וואָס קאָן מען טאָן אויף דעם געביט פאַר דער דערוואַקסענער יוגנט — און דאָ איז ווערט צו דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט די ריזיקע אויפגאַבע, וואָס דערפילט אויך אויף דעם געביט צה"ל — און וואָס קאָן מען טאָן פאַר דעם דערוואַקסענעם יונגן דור כדי פאַר אים צו עפענען בילדונגס־וועגן, ווען ער איז שוין איינגעשפּאַנט אין עול פון אַרבעט און פרנסה? אין סך־הכל: ישראל דאַרף איצט האָבן אַ בילדונגס־פּאָליטיק פאַר דערוואַקסענע, וואָס זאָל אַרויסגיין פון איר סאָציאָלאָגישן צוים פון מאַרגינעזישקייט (marginality) און זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטאַבילן עלעמענט ביי דער סטראַטעגיק פון פאַרוואַנדלען אַ געזעלשאַפט אין אַן אַרבעטנדיקער און לערנענדיקער געזעלשאַפט, און די אַרבעטער הסתדרות — אין אַ הסתדרות פון אַרבעטנדיקע און לערנענדיקע.

ה.

ווער עס האָט דעם־אָ מאמר געליינט ביז דאַנען האָט שוין אפשר דאָס געפיל, אַז דער מחבר איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער סכנה פון אַן איבעריקע 'פאַרבילדונג' פון דעם „קולטור־פּראָבלעם" אין ישראל. אייל איך זיך מודיע צו זיין, אַז איך זע אינעם צוזאַמענפלעכט פון בילדונג און אַרבעט בלויז איין אַספּעקט פון דעם דערמאָנטן פּראָבלעם. לײדער איז ער נאָך האַרבער, כדי צו דענקען, אַז פאַרשידענע צוגאַבן פון בילדונג וועלן אים לייזן אינגאַנצן.

נישט וויניק אַ חשובער אַספּעקט, וואָס איז פאַרבונדן און נישט פאַרבונדן אין דעם בילדונגס־פּראָבלעם, איז דער ענין פון פלעגן די גייסטיקע באַציאונג צו די יסודותדיקע ווערטן פון ישראל. מיר האָבן געזאָגט: פאַרבונדן און

נישט פֿאַרבונדן, ווייל ס׳איז דאָך קלאָר, אַז קענען די דאָזיקע ווערטן, איז אַ וויכטיקער באַדינג צו פֿאַראינערלעכן זיי, צו פֿאַרוואַנדלען אין אַן אינטעגראַלן טייל אינעם גייסטיקן וועזן פֿון די ישראל תושבים. און פֿון דעם אַספּעקט לאָזן זיך הערן אַ סך וויכטיקע מסקנות לגבי דעם אינהאַלט פֿון דער בילדונג, וואָס איז ווערט צו פֿלעגן אין ישראל, סיי אין די נאָרמאַלע לעבנס־ראַמען און סיי אין די ספּעציעלע צוגאַבן, וואָס מיר וואָלטן וועלן זיי פֿאַרוואַנדלען אין נאָרמאַלע.

אָבער פֿון דעם אַלעמען הייסט נישט, אַז דאָס וויסן בלויז איז גענוג. דערציִאונג איז נישט, ווי באַקאַנט, בלויז דערוועקבן בילדונג. האַרץ־בילדונג קען מען נישט זען ווי שכל־בילדונג. וואָס איז צו טאָן אויף צו פֿאַרטיפֿן די באַציִאונג צו די ווערטן פֿון ישראל, אויך נאָך דעם, וואָס מיר וועלן שוין פֿעסטשטעלן די הנחה, איצט בלויז די היפּאָטעטישע, אַז די דאָזיקע ווערטן זענען שוין קריסטאַליזירט און פֿאַרסך־הכלט געוואָרן — דאָס איז איינער פֿון די יסוד־פּראָבלעמען פֿון מדינת־ישראל און פֿון דער ישראל געזעלשאַפֿט, אָבער קיינער וועט אַוודאי נישט קומען מיט טענות, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז דאָס פֿאַרלאַנגט אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

אליהו אגסי

פאַר אַן איינהייטלעכער ישראל געזעלשאַפט

א. געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

שיבת ציון אין אונדזער צייט — וואָס איז פאַר זיך אַן אויסנאַם אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — שטעלט אַוועק פנים־אל־פנים הונדערטער טויזנטער יידן פון פאַרשידענע לענדער, און צווינגט זיי צו לעבן צוזאַמען און אַרבעטן האַנט־ביי־האַנט, כדי אויפצובויען און פאַרזיכערן זייער היסטאָריש פאָטערלאַנד. און זיי טוען עס טאַקע, ווער פון אייגענעם ווילן און לכתחילה פון אייגענעם אויסוואַל, און ווער פון מוזן נעמען וואָס לאָזט זיך נעמען; און אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון די און פון יענע האַלטן מיר אויף אַ בליענדיקע מדינה, אַ שטאַרק מיליטער, הונדערטער אַגראַר־ישובים, צענדליקער אַנטוויקלונגס־שטעטלעך, הונדערטער אינדוסטריע־פאַבריקן און טויזנטער מלאכה־אונטערנעמונגען, און די האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט אויף אויפצונעמען עולים־ברידער, באַלעבן וויסטענישן, און מאַכן דערגרייכונגען אויף דערגרייכונגען.

די דאָזיקע באַגעגעניש פון יידן פון פאַרשידענע אָפּשטאַם־לענדער איז נישט בלויז אַ היינטצייטיקע. דער ישוב, וואָס רופט זיך אַלטער ישוב, איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך עליה־פאַזן פון צפון־אַפריקע, מצרים און תימן, סיריע און לבנון, טערקיי און באַלקאַן, קורדיסטאַן, פערסיע און בוכאַראַ, אַזוי־ווי ער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון עליה־פאַזן פון מזרח־און צענטראַל־אייראָפּעאישע לענדער. די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געוועבט צווישן די דאָזיקע פאַרשידענע עליות אָנהייבנדיק פונעם האַלב ניינצעטן יאָרהונדערט, זענען נאָכנישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, אָבער ס'איז העכסטוואַרשיינדלעך, אַז די געזעלשאַטלעכע שפּאַנונגען צווישן זיי זענען געווען אָפן, ווייל טראָץ זייער בשותפותדיקער ציל — יישוב ארץ־ישראל, האָט עס זיי דאָך נישט מחייב געווען צו בשותפותדיקע טאַטן, נאָר יעדער קיבוץ האָט געלעבט אין זיין ראַם, האָט געגרינדעט זיין קוואַרטאַל, געבויט זיין שול און אָנגעהאַלטן זיינע טראַדיציעס און זיין שטייגער לעבן. צוזאַמען מיט דעם איז

אָנגעגאַנגען אַ פּאַמעלעכער פּראָצעס פֿון קעגנזײַטיקן װערטן־אױסטױש, װי זיך צוצואײַגענען די פֿאַרשידענע שפּראַכן פֿון די פֿאַרשידענע גרופּן, מאכלים, מנהגים, און אױך קעגנזײַטיקע חתונות.

אױך די מענטשן פֿון דער צװײטער עליה, װעלכע האָבן געגרינדעט די אַלטע מושבות — לױט איך װײס — האָבן נישט מיט פֿיל געענדערט די צװישן־גרופּן באַציאונגען, װאָס זענען אָנגעגאַנגען פֿאַר זײ, בעת די צװײטע עליה איז געקומען מיט אַ סך װײטגײענדיקערע ציוניסטישע־און קלאַסן־שטרע־בונגען. צוליב דעם האָבן זיך אָנגעהױבן באַװײַזן די סימנים פֿונעם פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן־קאַמף מיט די מענטשן פֿון דער ערשטער עליה און מיט די בורזשואַזנע־און קלײנבורזשואַזנע־קלאַסן אין ײדישן אשכנזישן און אָר־יענטאַלישן ישוב צוגלײַך. פֿון דאַנען שטאַמט דער מאַנגל אין אַ בשותפֿותדיקער שפּראַך מיט די רײַכע ספּאַרדישע־און אָריענטאַלישע־משפּחות. פֿון דאַנען שטאַמט דאָס אַ לאָז טאָן זיך פֿון די צװײטע־עליה עסקנים צו די האָראַ־פּאַשנע, אָרעמע, אָריענטאַלישע־שיכטן, כּדי זײ צו געװינען פֿאַר דער העב־רעאישער שפּראַך, פֿאַרן ציוניזם און פֿאַר דער קלאַסן־באַװוסטזיניקײט.

אין דער תּקופֿה פֿונעם בריטישן מאַנדאַט איז די אַפּוטרופּסות איבער די דאָזיקע אָריענטאַלע שיכטן פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין משך פֿון דער צײַט אינעם פֿאַרמעג פֿון הסתדרות הכּללית של העובֿדים. די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע, און נאָך איר די ײדישע אַגענץ, זענען געבליבן כּמעט „מחוץ לתּחום" פֿאַר דעם אָריענטאַלישן ײדנטום אין ארץ־ישׂראל און אױסער אים. די אָריענ־טאַלישע רײַכע און אינטעליגענטע שיכטן האָבן פֿאַר זיך געפֿונען אַ מאַטער־יעלן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבנס־רױם אין די ראַמען פֿון דער פּריװאַטער װירטשאַפֿט אָדער אין דער װירטשאַפֿט פֿון דער מאַנדאַט־רעגירונג און פּרעמדע פֿירמעס. בלױז געצײלטע פֿון צװישן זײ האָבן זיך גענומען ראַנגלען אױף לעבנס־רױם אין די ראַמען פֿונעם װעד לאומי און די קהילה קאָ־מיסיעס.

אַזױ־אַרום האָבן די קולטורעלע רײַבונגען צװישן די אײראָפּעאישע און אַזיאַ־אַפֿריקאַנישע ײדן שװאַך געװאָרן אין דער מאַנדאַטאָרישער תּקופֿה און נישט פֿאַרשאַרפֿט זיך, װען נאָך פֿונעם איכות־און כּמות־אַספּעקט האָט דאָס אײראָפּעאישע ײדנטום געמאַכט ריזיקן פֿאָרשריט, און האָט מיט אירע גײַס־טיקע און פּראַקטישע כּוחות פֿאַרטונקלט אין אַ גרױסער מאָס דאָס מזרח־ײדנטום. אָבער די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן זיך פֿולשטענדיק געענדערט

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל: די מאַנדאַטאָרישע רעגירונג, ווי אַ פאַקטאָר וואָס אַפּסאָרבירט שפּאַנונג, איז פאַרשווינדן און מער נישטאָ. די וועלט פון די אַזיאַ־אַפריקאַנישע יידן איז געשטיגן ווי אַ הויפּט־קוואַל פאַר יידישע קאָלאָניסטן, דער קוואַנטיטעט־בילאַנס האָט געצויגן אויף זייער זייט און דער געזעלשאַפטלעכער אידיאַליזם צווישן די אשכנזישע קאָלאָניסטן, האָט זיך גאַנץ פיין אָפּגערוקט און געמאַכט פּלאַץ פאַר קאַמף אויף כבוד־פּאָזיציעס, אויף רעכט און מאַכט.

ב. מקורות פאַר געזעלשאַפטלעכע רייבונגען

עס איז באַקאַנט אַז געזעלשאַפטלעכע רייבונגען זענען אייגן בלוט און פלייש פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און אַוודאי און אַוודאי פון אַ זיך שאַפנדיקער געזעלשאַפט, ווי אונדזערע. אָבער כדי די דאָזיקע רייבונגען זאָלן חלילה נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מקור פון שאַרפע סכנות, דאַרפן מיר טאָג־טעגליך זיך איינחזרן, אַז דער ציוניזם האָט קיינמאָל נישט געדענקט, אַז ער איז אַ פּראָגראַם בלויז פאַר איין טייל פון פאָלק; אַז די גלותן פון דער מוסלמענישער וועלט האָבן אויך בייגעשטייערט לויט זייערע מעגלעכקייטן צום בוי פון דער נאַציאָנאַלער היים און אפשר, לויט דער פּראָפּאָרץ צו זייער גרייס, נישט ווייניקער פון יעדן אַנדערן גלות; אַז דער ציוניסטישער קאַמף קעגן דער אַראַבישער אָנפירערשאַפט, האָט געשעדיקט דעם מעמד בלויז פון די דאָזיקע גלותן, און נישט קיין אַנדערן גלות; אַז דער צורר מאַכט קיין אונטערשיד צווישן אַשכנזער און נישט אַשכנזער און איין גורל איז אונדז אַלעמען באַשערט; און אַז איין ציל איז פאַראַן, צו זיין אַ פאַראייניקטע געזעלשאַפט און איין פאָלק פון פאַרשידענע טיילן פון פאָלק. דעריבער דאַרפן מיר אויפדעקן די סיבות פון דער געזעלשאַפטלעכער־שפּאַנונג צווישן אונדז, כדי מיר זאָלן זיי קענען באַהערשן איידער זיי וועלן אונדז באַהערשן.

די געזעלשאַפטלעכע שפּאַנונגען צווישן אָריענטאַלער און אַשכנזער אין ישראל ווערן געשפּייזט פון פאַרשידענע מקורות. די וויכטיקסטע צווישן זיי, לויט מיין ווייניקייט, זענען: א) די קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע דיפערענץ, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך דער געאָגראַפישער פונאַנדערשיידונג און די אונטערשידן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין די גלות לענדער. ב) די פאַרשידענע דערוואַרטונגען, וואָס די עליות טראָגן אין זיך, און שטרעבן צו דערגיין צו זיי ווען זיי קומען אין לאַנד אַריין. ג) די פאַראור־

טײלן, און די אָפּגעשלאָסענע אינטערעסן, אין װעלכע די דאָזיקע עליות שטויסן זיך אָן. ד) די פאַלשע צוגאַנגען מצד דער געזעלשאַפט, װאָס נעמט־אויף די עליות. ה) די פינאַנס־מיטלען און באַשרענקטע מענטשן־כּוחות, אַנטקעגן די אָנגעהויערע באַדערפענישן פון גוטער קליטה און געלונגענער אײנגלידערונג.

לאָמיר קאָנטראָלירן יעדן אײנעם פון די דאָזיקע מקורות און זען װי־אַזוי איז מעגלעך צו באַשרענקען זײַן השפעה און אָפּשװאַכן זײַן װירקונג.

אײנעם ענין פון דיפערענץ האָט זיך ביי אונדז אײנגעװאָרצלט דאָס װאָרט פּער (תהום). און אונדזערע װאָרט־זאָגער און אונדזער פּרעסע האָבן זיך צו־געװײנט צו רעדן װעגן היסטאָרישן תהום פון הונדערטער, און אַפילו טויזנט יאָר, קולטורעלער־תהום, אַ תהום אין דער אינטעליגענץ, עקאָנאָמישער־תהום, געזעלשאַפטלעכער תהום, און זײ האָבן געזען דעם דאָזיקן תהום איבע־ראַל און אין יעדער זאַך. לויט מײַן װײניקײט, שטימט נישט דאָס שרעק־לעכע בילד פון תהומען מיט דער װירקלעכקײט.

ג. דער כאַראַקטער פון היסטאָרישן תהום

עס איז נישט פאַראַן קײן גרעסערער טעות, װי צו מעסטן די פעאיקייט פון דעם מענטשנס דערגרייכונגען מיט די היסטאָרישע צייט־מאָסן פון די דער־גרייכונגען װאָס די מענטשהייט אין אַלגעמיין האָט דערגרייכט. אַזויפיל און אַזויפיל הונדערטער יאָר זענען אַריבער איבער אייראָפּע ביז זי איז אַרויס פון דער מיטלאַלטערלעכער חשכות צו די ליכטער פונעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, אָבער אַ מענטש, װאָס איז געבוירן געװאָרן אין אַ מיטלאַלטעלעכער פינסטערניש, װאָס הערשט נאָך אַצינד אין די אַטלאַס־בערג איז מסוגל, אויב ס׳װעלן שטיין צו זיין רשות די אַלע געהעריקע מעגלעכקייטן דערצו, צו דערבליקן אויף אַ קורצער לעבנס־מעטע ס׳ליכט פונעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט.

יעדן פאַל איז נישט די צייט פון פאַרמערבטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום װי די צייט פון פאַרמערבטן ענגלאַנד און פראַנקרייך. פון דער היסטאָריע לערנען מיר, אַז נאָר אין דער צװייטער העלפט פון נײַנצענטן יאָרהונדערט, האָבן אָנגעהויבן די פאָלקשולן פאַר אַלגעמיינער בילדונג צו װערן אַן אָנגע־

נומענע און אַ פֿאַרשפּרייטע דערשיינונג צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. דאָס איז אויך די תקופה אין וועלכער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן וועבן דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג. דאָס איז אויך די זעלבע תקופה פון עלילת דמשק, פון אָנפאַנג קאָנטאַקט צווישן די מערב־אייראָפּעאישע יידן און די יידן פון מיטל־מזרח און צפון־אַפריקע, וואָס אַ דאַנק איר האָבן זיך אָנגעפאַנגען די שולן פון „חברת כל ישראל חברים" (אַליאַנס) צו פאַרשפּרייטן אין די איסלאַם־לענדער. די אַנטוויקלונג דאָ איז אייגנטלעך אַ פּאַראַלעלע און נישט קיין צוריקגעשטאַנענע מיט הונדערטער יאָרן.

עס איז אַ טעות צו רעכענען דאָס דערוואַכן פון מאָדערנעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום פון מענדלסאָנס צייטן, אָדער אַפילו פון די צייטן פון חסידות. דער טעות שטאַמט, לויט מיין ווייניקייט, פון וועלן פאַרגרעסערן היסטאָרישע מרחקים. און ווען אַפילו מירן צוגעבן, אַז ס׳איז נישט קיין טעות, איז דאָך אָן אומזין צו דענקען, אַז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך ביים מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום געצויגן 250—200 יאָר דאַרף זיך ציען נאָך 200 ביי די יידן פון די איסלאַם־לענדער. היינט ווען די דאָזיקע יידן ציילן דעם אָנפאַנג פון זייער דערוואַכונג פונעם צווייטן העלפט נײַנצענטן יאָרהונדערט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען.

גלות עשו און גלות ישמעאל

פון די היסטאָריע־ביכער לערנען מיר, אַז בלויז צוויי עלעמענטאַרע דיפערענץ־שטריכן זענען געווען צווישן דעם גלות און דער קריסטלעך־אייראָפּעאישער וועלט און דעם גלות פון דער מוסלמענישער וועלט:

א. די קריסטלעך־אייראָפּעאישע וועלט האָט באַדראָט דעם עצם יידישן קיום — דעם גייסטיקן קיום, דעם עקאָנאָמישן, און אָפט ממש אויך דעם פיזישן קיום. די באַדראָאונג האָט זיך אויסגעדריקט אין רדיפות, גרושים, גזרות און פּאָגראָמען. זי האָט זיך געצויגן פון דער צענטראַלער מזרח־אייראָפּע ביז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און האָט זיך באַנײַט אין היטלער־דייטשלאַנד, וואָס האָט עס פאַרווירקלעכט מיט אַ קאָנסעקווענטקייט, וואָס שטייגט איבער מיט דער אכזריותדיקייט דאָס אַכזריות פון אַלע קריסטלעכע צוררים פון פאַר איר. אַנדערע קריסטלעכע פעלקער האָבן אים צוגעהאָלפן. פאַראַלעל צו דעם זענען געבליבן עד היום דער באַלשעוויזם און די

סאָביעטישע אָרדענונג — כאָטש זיי אַליין האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קריסטנ־טום — טריי דער באַדראָאונג פאַר די רעכט פונעם ייד אויף זיין גייסטיקן קיום.

די מוסלמענישע וועלט איז בדרך כלל געווען ריין פון דער דאָזיקער זינד, וואָס האָט געהויערט אויף דער קריסטלעכער וועלט. דאָס ליידן פונעם ייד אין גלות ישמעאל איז געווען בדרך כלל דאָס ליידן פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג: מלחמות, מגפות, איבערשווענונגען, מאַכט פון טיראַנען, און אַפילו דער פאַנאַטיזם פון געוויסע רעליגיעזע סעקטעס איז געווען געווענדעט נישט בלויז קעגן יידן נאָר אויך קעגן מוסלמענער, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננע־מען זייער וועג.

ב. די קריסטלעכע מערב־וועלט האָט פּראָוואָצירט די יידישע מוסלמע־נישע־וועלט מיט איר שפּרענגען די רעליגיעזע דאָגמאַטישע־ראַמען און האָט מצליח געווען צו דערגיין צו וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אמתן, וואָס האָבן געעפנט ברייטע טויערן פאַר די פרייהייט־און גלייכהייט־אידייען פון איין זייט, און טעכנאָלאָגישע־אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען פון דער צווייטער. דורכדעם האָט די קריסטלעכע וועלט אָנגעגרייט די יידן אירע די כלים פאַר מחשבה, אידייען און טעכניק, וואָס מיט זייער הילף האָבן זיי אונטערגענומען דעם קאַמף פאַר זייער רעכט צו עקזיסטירן. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיי מצליח געווען אין מערב־אייראָפּע, און דערנאָך אין צענטראַל־אייראָפּע (ביז היטלער), אָבער נישט אין מזרח־אייראָפּע. דערי־בער איז דאָ אַ קליינער טייל פון זיי דערגאַנגען צו די עמאַנציפּאַציע און נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג־אידייען, און אַ סך פון די יידן זענען געשטויסן געוואָרן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

דער ציוניזם און די אַנדערע גלותן

ס׳איז קיין שום ספק נישט, די מעכטיקע ציוניסטישע אונטערנעמונג זאָגט עדות אויף אַ זעלטענעם טאַלאַנט אויסצוניצן אַ היסטאָרישן שעת־כושר, וואָס איז נאָך זעלטענער פאַר פאַרווירקלעכן אַ דורותדיקע וויזיע. אָבער דער דאָ־זיקער פאַקט לערנט אונדז, אַז אין מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום זענען באַ־האַלטן געווען מענטשלעכע כוחות, וואָס ביי די פּאַסנדיקע געלעגנהייטן, וואָס זענען אונטערגעקומען, האָבן זיי אָנגעהויבן ווירקן, אָבער בשום אופן לערנט

עס אונדז נישט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין יידישער קיבוץ, וואָס זאָל נישט האָבן אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווען דער שעת־כושר איז אים אונ־טערגעקומען.

און נאָך, די ציוניסטישע היסטאָריע ווייסט צו דערציילן, אַז אַפילו אין דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום האָט מען געמוזט אַריינלייגן גרויסע מענטש־לעכע כוחות, כדי צו פלעגן ביי אים די באַציאונג צום ציוניזם, צו קאָלאָני־זאַציע, און צום לעבן אין קיבוץ און אין מושב. אָן די דאָזיקע אָנשטרענגונגען איז אַ ספק צי ס׳וואָלט זיך געשאַפן דער יידישער ישוב, וואָס האָט אונדז געבראַכט די מדינה. אָבער אַזעלכע כוחות האָט מען נישט אַריינגעלייגט אין די יידישע קיבוצים פון די איסלאַם־לענדער, נאָר אין זייער קליינע מאָסן, און טראָץ דעם האָבן זיי געגעבן ענלעכע רעזולטאַטן.

פון דאַנען איז צו דרינגען, אַז די היסטאָריע האָט נישט געשאַפן צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן און די יידן פון די איסלאַם־לענדער קיין תהום, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשאַפן אין אַ קורצער צייט, און דוכט זיך, אַז ס׳איז בלויז לעכערלעך צו טענהען פאַר די מאַסן עליות, וואָס בויען די מדינה זייט דרייצן־פערצן יאָר, אַז אַ תהום פון הונדערטער יאָרן צעטיילט צווישן זיי און צווישן די „ערשטע ישראל". און נאָך: יעדעס פאַרלאָפענע יאָר, באַפרייט די היסטאָריע פונעם אחריות־עול און לייגט אים אַרויף אויף די אַקסלען פון ישראל, און אַן אָריענטאַלישער ייד (אָדער נישט קיין אָריענטאַלישער), וואָס זיצט נאָך אין אַ מעברה זייט פערצן יאָר און זיין פערצן־יאָריקער זון, וואָס ענדיקט איצט די אַכטע קלאָס מיט דערגרייכונגען פון אַ שילער פון דער דריטער אָדער פערטער קלאָס, זענען מער דער קרבן פון ישראל, כאָטש זיי זענען מיטצייטלער פון זייער פערזענלעכן היסטאָרישן קרבן, ווי דער קרבן צוליב זייערע משפחה און שטייגער פון וואַנען זיי זענען געקומען.

די צייט אָדער דער שכל

איצט ווילן מיר זיך ווענדן צו די יעניקע, וואָס מאַכן זיך פאַרגעסן פון דער פאַרגאַנגענער היסטאָריע און ווענדן זיך צו דער איצטיקער היסטאָריע און וואָרטן, אַז „די צייט זאָל טאָן אירס", זי זאָל לייזן דעם פּראָבלעם פון „מיזוג"; און דערווייל זאָגן זיי צו די פון די איסלאַם־לענדער: „וואַרט, לערנט, מאַכט פאַרשריט, אַנטוויקלט זיך, און דערנאָך וועט איר דערגרייכן די פולע גלייכ־

הייט, וואָס איר פאָדערט. אויך די קאַטאָליקן אין אַמעריקע האָבן געוואַרט צוויי הונדערט יאָר ביז זיי האָבן זוכה געווען צו זייערן אַ פּרעזידענט...״

דוכט מיר, אַז איך וועל קיין טעות נישט האָבן, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז בדרך כלל טוט נישט די צייט נאָר דאָס וואָס די מענטשן טוען עס אין איר. דאָס איז געזאָגט געוואָרן ספּעציעל אין אַ פּלאַנירטער געזעלשאַפט, ווי אונ־דזערע. דעריבער קענען ריכטיקע דיאַגנאָזן און ריכטיקע מסקנות פאַרוואַנד־לען אַפילו די יעניקע אויף וועלכע מען זאָגט „וואָס קען מען מיט זיי מאַכן, זיי זענען דאָך אַ דור המדבר״ — פאַר מענטשן, וואָס לעבן אַ בכבודיק און צופרידן לעבן, איידער צו זיין דערנידעריקט און פאַרביטערט, איידער צו פאַרשפּרייטן די פאַרביטערונג אין זייער סביבה, איידער איינצופּלאַנצן עס אין זייערע קינדער, און עס אַזוי־אַרום איבערגעבן צום צווייטן דור. און ווידער פאַלשע דיאַגנאָזן און פעלערהאַפטע געאײַלטע מעשים קענען זיין שעדלעך אַפילו פאַרן ייִנגן דור פון וועלכן מען דערוואַרט אַנטוויקלונג און אינטעגראַציע. בקיצור — אונדזערע טאָטן אָדער אומטאָטן קאָנען מקרב זיין לבבות, לייזן פּראָבלעמען, אָפּשוואַכן געשפּאַנטקייטן, אָדער — פאַרשאַרפן און פאַרשווערן אויף צו שעדיקן די קומענדיקע דורות. אין אונדזער דור וועט פאַרקומען די אַנטשיידונג, צי אין דער ריכטונג פונעם איינגלידערן זיך אין דער צוקונפט, צי אין דער ריכטונג פון אַ לאַנגן פּירוד לבבות; ווייל אין אונדזער דור ווערן פעסטגעשטעלט זאַכן, וואָס וועלן פורעמען דאָס לעבן פון די קומענדיקע דורות, על־כל־פּנים וועט זיי שווער זיין מבטל צו זיין זייער השפעה אָדער זי צו פאַרבייטן אויף אַ צווייטער.

ד. דער קולטורעלער און בילדונגס אונטערשיד

„פּרימיטיווע״, „אומקולטורעלע״ און „עלטערן, וואָס געבן נישט זייערע קינדער קיין קולטור״ — דאָס זענען רייד, וואָס אַ סך זענען געוווינט צו זאָגן, און נישט גראָד פונעם המון, אויף די עולים פון די איסלאַם־לענדער. אויך די דאָזיקע געוווינהייטן זאָגן עדות פון וועלן זיך העכער שטעלן, אָדער נישט קענען באַנעמען דעם באַטייט פון קולטור. די געלערנטע פון דער געזעלשאַפט און די וויסנשאַפטלער, וואָס שטודירן דעם מענטש אין היינ־טיקע צייטן, באַצייכענען קולטור אַלס אַ קנויל באַציאונגען צווישן דעם מענטש און זיך אַליין, צווישן אים און דעם חבר זיינעם, און צווישן אים און דערווירקלעכקייט, וואָס שליסט אויך אים איין.

יידישקייט איז אַ קולטור, וואָס אירע ווערטן וואָרצלען אויך אין דער נשמה פונעם גראָבן יונג. נאָך מער, דאָס איז דאָס בשותפותדיק פאַרמעג פון אַלע יידן, וואָס קומען און זאַמלען זיך איין אין מדינת־ישראל, און איז די זעלישע הויפּט־באַוועגונגס־קראַפט פאַר זייער קומען אַהער. די רייד וועגן קולטור־תהום איז אַ זינד פון וועלן פאַרזען אונדזער אַלגעמיינע בשותפותדיקע קול־טור, און מען דאַרף עס אויסוואָרצלען ביי אונדז.

אויך די רייד וועגן דעם אונטערשיד פון בילדונג און טעכנישן וויסן, איז לויט מיין מיינונג, זייער איבערגעטריבן. אַ סך פון אונדז געדענקען נאָך די צייטן ווען דער ציל פון ציוניזם איז געווען צו פאַרוואַנדלען דעם „יידישן לופט־מענטש” אין אַ שעפערישן אַרבעטער. דוכט מיר, אַז כ׳וועל זיך נישט טועה זיין אויב איך וועל זאָגן, אַז די עליות פון די איסלאַם־לענדער האָבן מיט זיך געבראַכט נישט ווייניקער בילדונג און טעכנישן וויסן ווי די מענטשן פון דער ערשטער און צווייטער און דריטער עליה, צוזאַמענגענומען, בעת די גאַנצע בילדונג און וויסן, וואָס איז פאַראַן אין לאַנד האָט נישט קיין שייכות צו היסטאָרישע תקופות און איז דערוואָרבן געוואָרן אין איצטיקן יאָר־הונדערט אין חוץ־לארץ אָדער דאָ אין לאַנד, און לאָזט זיך אויך איצט דערווערבן דורך יעדן מענטש, וואָס וויל עס, לויט די פּערזענלעכע נאַטירלעכע פעאיקייטן זיינע, און נישט לויטן קאָלעקטיוו צו וועלכן ער געהערט, מיטן באַדינג, עס זאָל אים שטיין צו פאַרפיגונג די געהעריקע מעגלעכקייטן דערצו.

צוזאַמען מיט דעם איז עס קיין סוד נישט, אַז די עליות פון די איסלאַם־לענדער האָבן מיט זיך געבראַכט אַ גרויסן פּראָצענט פון אַנאַלפאַביתן און דאָס איז טרויעריק, אָבער מען טאָר נישט זען דעם אַנאַלפאַבעטיזם ווי אומ־אינטעליגענץ, פאַרשטאַנדלאָזיקייט און ווי אומפעאיקייט.

ברעכן אָדער נישט ברעכן?

אין דעם דאָזיקן ענין פון קולטור איז באַדויערנדיק צו זאָגן, אַז ס׳איז ביי אונדז פאַראַן אַ מאָס פון באַוווסטזיניקער אָדער נישט באַוווסטזיניקער אומ־אויפריכטיקייט. דער גאָטזעליקער ח׳ נחום בן־ארי שרייבט וועגן דעם: „די טענדענץ פון מיזוג גלויות אין ישראל איז אַן אַנדערע פון דער וואָס איז אָנגענומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרט איז געווען איינגעפירט,

אַז די נייע עמיגראַציע איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם גרויסן אַמעריקאַנישן שמעלץ־טיגל — און וואָס ס'איז פון אים אַרויס איז געוואָרן אַ מין אַלגעמיינער אַמעריקאַנער טיפ... אינעם שמעלץ־טיגל איז בטל געוואָרן די פריערדיקע פּערזענלעכקייט פונעם עמיגראַנט, עס זענען פאַרשלינגען געוואָרן די פריערדיקע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן... אין קעגנזאַץ צו דעם שטעלט ער פעסט: „די ישראלדיקע טענדענץ פון אויפנעמען עולים און מיזוג גלויות איז קלאָר געגנוג: היטן די ווערטן פון קולטור, וואָס ווערן אַריינגעבראַכט אַהער דורך די פאַרשידענע יידישע עדהס זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין...”

ענלעכע רייד זענען געזאָגט געוואָרן דורך אַנדערע חברים, אָבער ווען מיר וועלן קאָנטראָלירן די מעשים פון קולטור מיט זייער גאַנצן פאַרבן־בויגן וועלן מיר זען, אַז זיי זענען געווענדעט צום פאַרקערטן.

דער ח' מיכאל אסף אין זיין רעפעראַט אויף דער טעמע „די קולטור און דער מיזוג אין קרייז פון מיזוג עליות”, האָט טאַקע פעסטגעשטעלט, אַז באַזונדערס טאָר מען נישט פלעגן דעם פאָלקלאָר, די היסטאָריע, די פּערזענלעכקייטן, פון די אָריענטאַלישע עדהס, אויסער די ספרדישע משוררים, דעם רמב"ם, און נאָך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען שוין אַריינגעפּאַסט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער גאַלעריע. צוזאַמען מיט דעם האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז מען דאַרף פאַראייגענען די לערע פון ציוניזם און די נייע העבּרעאישע ליטעראַטור, אַ חוץ די מאָדערניסטישע. ער האָט נאָך צוגעגעבן אַ כלל: „נישט קוקן אויף צוריק”.

איך ווייס, אַז די דאָזיקע חברים און אַ סך אַנדערע, און דער ח' אסף צווישן זיי, האָבן נישט קיין שלעכטע כוונות לגבי די, וואָס שטאַמען פון די איסלאַם־לענדער, אָבער פונדעסטוועגן, וואָס זאָל טאָן אַ ייד מיטן פאַקט, אַז ער אָדער זיין פאָטער קומט פון מאַראָקאָ, אָדער פון פערסיע, אָדער פון ראָמעניע? זיך שעמען מיט דעם, פאַרדרינגען עס ווי אַן אומאַנגענעם געדעכעניש? און נאָך, אויב דער דאָזיקער ייד, וואָס איז געקומען פון מזרח־אייראָפּע האַלט, אַז צווישן זיין פאָטער און דעם פאָטער פון דעם דאָזיקן מאַראָקאַנער איז פאַראַן אַ דיסטאַנס פון הונדערטער יאָרן, ווי וועט איינער דעם צווייטן מקרב

---

* „ערכים בתנועת העבודה הישראלית”, תל־אביב, תש"ט, ע' 51.

זיין, אויב ער וועט אים נישט דערציילן וועגן מאַראָקאָ און וועגן זיין פּאָטער דעם פאָלקס ייד, וואָס איז ענלעך צו זיין פּאָטער, אָדער זיין זיידן?

דאָס אינטעגראַלע היסטאָרישע־געפיל איז אַ געפיל, וואָס איז איינגעפלאַנצט אין יעדן מענטש, און יעדער גלות האָט פאַרמאָגט זיין אייגענע היסטאָריע פון זייט דעם רמב"ם. דעריבער האָט קיין שום לאָגיק נישט דאָס פעסטשטעלן, „נישט קוקן אויף צוריק", ספּעציעל ווען עס שטאַמט פון אַ רחמנות־געפיל אויף יענע גלותן, וואָס קענען זיך בלויז שעמען, כביכול, מיט דעם, וואָס זיי האָבן הינטער זיך. דער אמת איז, אַז קיין שום גלות דאַרף זיך מיט זיין פאַרגאַנגענהייט נישט שעמען, און זיך נישט ספּעציעל באַרימען. אַלע גלויות און אַלץ וואָס ס'האָט דאָרט פּאַסירט איז אַ פּועל יוצא פון זייער סביבה און פון די מעגלעכקייטן, וואָס איז זיי אונטערגעקומען אין זייער סביבה; און מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין איין גלותדיקער קיבוץ, וואָס האָט נישט באַוויזן, אַז ס'זענען פאַראַן ביי אים פּאָטענציעלע פעאיקייטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין אַ שעת־כושר. דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אויף דעם פאַרגליווערטן איסלאַם, דעם פאַרדרימלטן מזרח, דעם קראַנקן טערק, דאָס אָריענטאַלע יידנטום און איר פאַרדרימלטקייט — שפּיגלט נישט ריכטיק אָפּ די ווירקלעכקייט. דער ניינצנטער יאָרהונדערט איז געווען אַ יאָרהונדערט פון איבערוואַנדלונגען און ענדערונגען אינעם לעבן פון דער מוסלמענישער וועלט, און די גייסטיקע שאַפונג אין דער ראַם פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף איין מינוט במשך דער דאָזיקער תקופה. געניי ווי יידן האָבן נישט אויפגעהערט מצליח זיין אין די הייף פון מלכים און רעגירער, אין אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל און אין פינאַנסן, אין באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, אין פּרעציעזע און אין פּשוטע פאַכן, אין קליין־און גרויס־האַנדל. די מאָדערניזירונג האָט אַריינגעדרינגען אין דעם דאָזיקן קרייז נישט אָנשטויסנדיק זיך אין דער מאָס פון שטאַרקן קאָמפּראָמיסלאָזן ווידערשטאַנד פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן רבנות און חסידות. און ווען עס איז צו זיי דערגאַנגען דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, זענען זיי נישט געווען אַפּאַטיש אָדער ווייט פון אים. צווישן איניקע אָריענטאַלע גלויותן, ווי לוב און איראַק, זענען געווען שפּורן פון ציוניסטישער באַוועגונג נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און ס'זענען געווען אָנשטרענגונגען צו שאַפן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער אייראָפּעאישער באַוועגונג. אָבער די ציוניסטישע באַוועגונג האָט שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט דאָס אַזיאַטישע־און אַפריקאַנישע־יידנטום און האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט אַן ערנסטע אַרומ־

נעמענדיקע אַרבעט צווישן די דאָזיקע יידן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער ווען זי האָט זיך שוין יאָ אָפּגעגעבן, האָבן די מאַסן פון די דאָזיקע יידן באַוויזן התלהבות, מסירות און פאַרווירקלעכונג, נישט ווייניקער פּראָ־פּאָרציאָנעל פון אַנדערע גלויותן.

ה. עקאָנאָמישער תהום

אָרעמקייט אין ישראל

אין דער ישראדליקער זאַטער געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ נישט־באַמערקבאַרע אָרימקייט, שטעלט פעסט אברהם דורון אין זיין אַרטיקל „אָרימקייט אין ישראל" („אמות", פעברואַר—מערץ 1964). ער דערמאָנט די דערקלערונג פון דער ליגע פאַר סאָציאַלער אַרבעט וועגן „משפחות אין נויט אין ישראל" (אייר תשכ"ג 1963) — אַ דערקלערונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיין צייט אין דער פּרעסע, ווי אַ געשריי אין נאָמען פון יענע, וואָס קענען נישט שרייען — און פאַררופנדיק זיך אויף סטאַטיסטישע רעגירונגס־מקורות און אַנדערע, קומט דער בעל המאמר צו דער אָפּשאַצונג, אַז אין ישראל זענען פאַראַן ביי אַ 100 טויזנט נפשות, וואָס לעבן אין ראַם פון משפחות, וואָס נויטיקן זיך אין אונטערשטיצונג, ביי אַ 63 טויזנט זקנים און זקנות און וואָס זענען אָפּהענגיק אין זיי, לעבן בלויז אויף עלטער קצבה, ביי אַ 60 טויזנט לעבן פון געלעגנהייטס־אַרבעט פאַר אַלטע און באַשרענקטע, בסך־הכל 223 טויזנט נפשות. אָבער אויסער זיי, שטעלט דער בעל המאמר פעסט, זענען פאַראַן אין אונדזער געזעלשאַפט ביי אַ 300 טויזנט נפשות פון משפחות מיט אַ סך קינדער, קריפּלען, און מענטשן, וואָס האַלטן זיך אויף ביי די ראַנדן פון דער געזעלשאַפט, וואָס אויך זיי לעבן אין נויט־באַדינגונגען. הייסט עס, אַז העכער אַ האַלבן מיליאָן נפשות אין ישראל געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט פונעם עקאָנאָמישן־תהום.

וויפל פון זיי זענען אשכנזער און וויפל פון די אָריענטאַלישע עליות — איז שווער צו וויסן. וויפל צווישן זיי זענען פאַראַן ייִנגלעך און מיידלעך, פיזיש און קערפּערלעך געזונטע, וואָס די ישראל געזעלשאַפט דאַרף פאַרמיידן זאָלן נישט דעגענערירט ווערן, און באַדינגונגען פון אָרעמקייט און נויט אין וועלכע זיי געפינען זיך — אויך וועגן דעם האָבן מיר נישט קיין ציפערן. די צרה איז, אַז די־אָ אַלע נפשות זענען ווי אַרעסטירטע, וואָס קענען זיך נישט אַליין באַפרייען.

וואָס קענען אַלטע און קריפּלען, אָדער אַ פּשוטער אַרבעטער, וואָס איז באַ־שעפטיקט אין פאַבריק אָדער אין דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז מפרנס אַ פיל נפשותדיקע משפחה — וואָס קענען זיי טאָן כדי אַראָפּצונעמען פון זיך און פון זייערע קינדער די שאַנד פון אָרימקייט? כמעט גאָרנישט. די אחריות פאַר זייער גורל פאַלט אינגאַנצן אויף דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און אין איר אויף דער אַרבעטער באַוועגונג. דאָס איז נישט קיין פּראָבלעם פון עדהס. און מיט רעכט וואָרנט דער בעל המאמר אַנטקעגן דער רואיקייט, וואָס דער ציבור ווייזט אַרויס לגבי דער האַרבקייט פון דער דאָזיקער דערשיינונג אין אונדזער לעבן, און באַשולדיקט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג, אַז זי ווערט פאַרוואַנדלט אין „די פאַרשטייער פון די פּאַרהעלטניסמעסיק זאַטע, און שטאַרקע, און נישט פון די דיסקרימינירטע און שוואַכע".

די אַרבעטער באַוועגונג

גרויס און פיל און צעצווייגט איז דער חלק פון הסתדרות אין דער פונדאַ־מענטאַלער קליטה פון עולים, אין פּראָדוקטיוויזירן די מאַסן, שיצן זיי פון דער העסלעכער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע־סכנה, און אין דער ערש־טער דערציאונג פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן און געזעלשאַפטלעכער אָנפי־רונג א.א.וו. אָבער מען קען נישט אָפּלייקענען, אַז די הסתדרות ווערט צעריסן צווישן די באַדערפעניש פון אירע שוואַכע חברים — וואָס זענען פיל — און צווישן די איבערגעטריבענע פאָדערונגען פון אירע שטאַרקע חברים, ווען אַפילו זיי זענען ווייניק. דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט בלויז לגבי דעם געביט פון לוין, נאָר אויך לגבי דעם געביט פון נאָמינירטער און געוועלטער פאָרשטייערשאַפט צו די מיטעלע און הויכע ראַנגעס פון די הסתדרות אַנ־שטאַלטן.

יעדן פאַל, דאָס וואָס עס איז פאַראַן אָרימעלייט און אַנאַלפאַבעטן צווישן די עליות פון די איסלאַם־לענדער אין אַ טאָפּלטער און אַ פירפאַכיקער מאָס ווי ביי די אייראָפּעאישע עליות, דאַרף נישט פאַרשטעלן דעם פאַקט, אַז ס'זענען פאַראַן אַ סך, וואָס זענען נישט אַזעלכע און עס באַרעכטיקט נישט די איינ־וואָרצלונג פון דער מיינונג וועגן תהומות צווישן די דאָזיקע צוויי יידישע קיבוצים.

לויט מיין באַשיידענע מיינונג דעקן זיך די „אשכנזישע פּיראַמידע" און די

„אָריענטאַלישע פּיראַמידע" אײנע די צװײטע אין גרעסטן רוב פון אירע טײלן. נאָר װאָס אין דער שפּיץ פון פּיראַמידע איז פאַראַן אַ דאָמינירנדיקער אשכנזישער רוב, װאָס זײן טײל דאַרף מען צושרײבן צו דער נטיה פון אשכנזישער מאָנאָפּאָליזאַציע (אַ נטיה, װאָס מען טאָר אין איר נישט פאַרזען דעם שװערן שאָדן פאַרן געזונט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קערפּער און פאַר דער צוקונפט פון אונדזער צוזאַמענשמעלצונג), און אין יסוד װידער פון דער דאָזיקער פּיראַמידע געפינט זיך דער אָריענטאַלישער רוב פון אָרימעלײט און אַנאַלפאַבעטן. אָבער מ׳דאַרף זיך אָפּגעװײנען פון דער נטיה צו באַשול־דיקן די היסטאָריע, נאָר בלויז די מזרח עדהס, בלויז די אָרימעלײט און די אַנאַלפאַבעטן אַלײן אין זײער שלעכטער לאַגע. מ׳דאַרף זיך אָפּגעװײנען פון צו זען אַלע עולים פון די איסלאַם־לענדער װי די אונטערשטע שיכט פון דער דאָזיקער פּיראַמידע. מ׳דאַרף מאַכן אומאױפהערלעכע מלוכהשע, סוכנותישע, הסתדרותישע און פּרײװױליקע — פון אַלע טײלן פון פאָלק — אָנשטרענגונגען, כדי צו ראַטעװען אַ האַלבן מיליאָן נפשות, דער רוב ײנגלעך און מײדלעך, פון די נעגל פון נױט.

צום סוף פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל װעגן די תהומות איז כדי צו ברענגען אַן אױסצוג פון די רײד פון אײנעם פון די גרעסטע ײדישע היסטאָריקער, װאָס לעבן אין אונדזער דור — פּראָפעסאָר בן־ציון דינור * — „...עס איז פאַראַן אײן בשותפותדיקער שטריך פאַרן גורל פון די גלויותן און פאַר זײער היס־טאָרישן גאַנג, פאַר זײער װוקס פאַר זײער צוקונפט און אויך פאַר זײער חורבן. דאָס איז אײגנטלעך אײן היסטאָרישער גאַנג. אײן בשותפותדיקער שטריך פאַר אַלע גלויותן, פאַר זײער קאַמף, פאַר זײער אַסימילאַטאָרישן גאַנג, פאַר איבערצײגונג און פאַר אױפקלערונג, פאַר איבערבעט און פאַר פאַרבינדונג, פאַר „חשד" און פאַר אױפרײצונג, פאַר װידערשטאַנד און פאַר געראַנגל. די געשיכטע פון דורות געראַנגל און די שפּאַנונג איז אַ מאָנאָלי־טישע אין אַלע די דורות און אין אַלע די לענדער, מאָנאָליטיש און אינ־טעגראַל פאַר דער געשיכטע פון דער צעשפּרײטקײט".

---

* פּראָפעסאָר בן־ציון דינור — „דעת העם", בעיות העם היהודי בזמן הזה, אוצר המורה, תל־אביב, ע׳ 35.

ו. די פֿאַרשידענע דערוואַרטונגען

דאָס אָנטרעפֿן זיך אָן דער ישׂראלדיקער רעאַלקייט קען דערפֿרייען דעם ייִדישן עולה, אָדער אים אַנטוישן, נישט נאָר אין זכות פֿון איר זײַן ווי זי איז, נאָר אויך אין אײַנקלאַנג מיט דעם, ווי זי איז געשילדערט געוואָרן אים אײדער ער איז עולה געווען, אָדער ווי ער האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט און ווי ער האָט דערוואַרטעט צו טרעפֿן זי. די פּרעסע האָט דערציילט אין חבר דוד בן־גוריונס נאָמען, אַז זײַן גרעסטע אַנטוישונג איז געווען ווען ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל דעם ירדן ווי קליין ער איז. איינע פֿון די גרעסטע אַנטוישונגען פֿון אַ ישׂראל שרײַבער פֿון די היגע געבוירענע איז געשילדערט געוואָרן פֿאַרן שרײַבער פֿון די שורות אַזוי: מיר האָבן געקעמפֿט פֿאַרן אויפֿקום פֿון דער מדינה כּדי מיר זאָלן אויפֿנעמען אונדזערע קרובים, די ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע, און אָט ווי די ווירקלעכקייט זעט־אויס, היטלער האָט דאָס מערסטע פֿאַרניכטעט, דער סאָוויעטישער רעזשים האַלט־אײַן די איבערגע־בליבענע, און איר שטראָמט צו אונדז ווי אַן עקוויוואַלענט פֿון צווייטער מדרגה...

פֿון דער צווייטער זײַט, נעמענדיק שילדערן די דערוואַרטונגען פֿונעם עולה פֿון די איסלאַם־לענדער, שטעלט־פּעסט איינער פֿון אונדזערע סאָציאָלאָגן, אַז דער גלות ייִד האָט געוווּסט, אַז ער איז אַנדערש מיט דער רעליגיע פֿון זײַן סביבה, און ווײַל די אַנדערשקייט איז אים טײַער געווען, איז ער גרייט געווען פֿאַר דעם פּרײַז משלים צו זײַן מיט זײַן צווייט־ראַנגיקייט און מותּר זײַן אויף גלײַכבאַרעכטיקונג אין אַ סך געביטן. ווען אַזאַ ייִד האָט עולה געווען פֿון אַ מוסלמענישׂ לאַנד קיין ישׂראל, איז די רעליגיעזע דיפֿערענציאַציע בטל געוואָרן, און אַנשטאָט דעם איז אויפֿגעקומען די דערוואַרטונג פֿון פֿולער גלײַכבאַרעכטיקונג.

אַ צווייטער ישׂראל סאָציאָלאָג, וואָס האָט געמאַכט אַ פֿאָרשונגס־אַרבעט צווישן מאַראָקאַנער, זאָגט, אַז דער צפֿון־אַפֿריקאַנישער ייִד איז אַרײַן צווישן צוויי גרעזעלשאַפֿטן, וואָס יעדע איינע האָט אים געשטויסן אין דער צווייטער אַרײַן. די פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿט האָט אים געזאָגט: „דו ביסט אַ מאַראָ־קאַנער" און די מאַראָקאַנער געזעלשאַפֿט האָט אים געזאָגט: „דו ביסט אַ פֿראַנצויז". איז דער נעבעכדיקער ייִד עולה געווען קיין ישׂראל, כּדי זיך צו געפֿינען אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס זאָל אים זאָגן דו ביסט איינער פֿון אונדז;

און אָט זאָגט ווידער צו אים די ישראלדיקע געזעלשאַפט: „דו ביסט אַ מאַראָקאַנער".

איינער וואָס איז געשטאַנען בראש די רשימות פון די עדהס אין קרית־גת האָט מיר דאָס זעלבע געזאָגט אין קורצן: „איך בין געקומען קיין ישראל, מיינע קינדער זאָלן נישט הערן מער ווי מען שרייט זיי נאָך „ייד". איצט שרייט מען זיי דאָ נאָך „מאַראָקאַנער!"

קלאָר, אַז מער פון אַלעמען האָט דער ייד פון די איסלאַם־לענדער דערוואָרט אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות, פונעם געפיל אַז ער איז מינדערוועדטיק, אַנדערש, געהערט נישט צום כלל, אַז ער איז נישט גלייך מיט אַלעמען — און דאָס געפיל ווערט אים נישט געגעבן.

די מאָס פאַר גלייכבאַרעכטיקונג

עס איז אינטערעסאַנט, פאַרשטייט זיך, צו וויסן אויף וועלכן געביט פון די לעבנס־געביטן פילט זיך די נישט־גלייכבאַרעכטיקייט אַמיינסטנס?

די טרעפלעכסטע תשובה אויף דער פראַגע איז געגעבן געוואָרן, ווי עס איז מיר אַמאָל דערציילט געוואָרן: „אַן עולה פון דמשק, אין מיטלעלטער, צו וועמען מיר האָבן געזאָגט: דו ביסט געווען אַ קליינער פעדלער פון שטאָפן, אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פון דמשק מיט אַ שווער פעקל שטאָף, וואָס האָט דיר אָפּגעריסן דעם רוקן אַ גאַנצן טאָג; און דאָ האָט דיר דיין מזל צוגע־שפילט, אַז ביסט געקומען אין אַ גוטער שעה ווען עס זענען נאָך געווען געשעפטן אין יפו, האָסט באַקומען אַ דירה, און ביסט געוואָרן אַ געשעפט אייגנטימער און פאַרוואָס זאָגסטו „מיר זענען אָפּגעקומען"?

„זעט — האָט דער מענטש געענטפערט — אין דמשק בין איך געווען אַ בידנער פעדלער, אָבער די גרויסע סוחרים זענען געווען דמשקער יידן ווי איך, און אַזוי אויך די ראשי־קהל און די גרויסע רבנים... און דאָס האָט מיר צוגעגעבן שטאָלץ; דאָ אין ישראל, ווו זענען מיר? אַלע אין דער נידער, מיר פאַרמאָגן נישט דאָרט אויבן, אין דער שפיץ, דמשקער יידן, וואָס זאָלן אונדז צוגעבן שטאָלץ".

הייסט עס, צו זען די מענטשן פון דיין קיבוץ אויף די הויכע שטאַפּלען פון דער געזעלשאַפטלעכער לייטער — דאָס איז דער מעסטער פאַר גלייכבאַרעכ־טיקונג, לויט דער מיינונג פונעם דמשקער פּעדלער, וואָס אַ סך סאָציאָלאָגן זענען גרייט עס צו באַשטעטיקן און חתמענען אויף דעם.

אָבער, צי קען מען זיין אַנדערש און גלייך מיט אַלע אין איין און דער זעלבער צייט? דאָ איז, על כל פּנים, געווען און איז נאָך די שטענדיקע פּאָ־דערונג פונעם ייד צו די גויים — פון זייט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געוואָרפן די לאָזונג „פרייהייט, גלייכהייט, און ברידערלעכקייט". און זאָל מען זיך נישט טועה זיין, אַז צווישן אונדז איז נישט פאַראַן קיין פּעאיקע, מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו אַנטוויקלען אונדזערע טאַלאַנטן ווי־פיל מיר האָבן געקענט; און פונדעסטוועגן האָבן די גויים געטענהט, אַז דער ייד איז נישט פעאיק צו זיין אַ סאָלדאַט, אַ שטאַטסמאַן, אָדער אַ בויאַרבעטער.

עס איז נישט געמאָלט זיך צו אשכנזירן

נאָך אַ צוזאַמענשטויס אויפן געביט פון די דערוואַרטונגען איז געווען די דערוואַרטונג פון די אשכנזער, אַז די עולים פון די איסלאַם־לענדער וועלן אין אַ קורצער צייט קענען לערנען, צוצופּאַסן זיך, אַרונטערוואַרפן פון זיך די פאָרמען פון זייער אָריענטאַלישער קולטור און ווערן אשכנזער. בעת זיי, די פון די איסלאַם־לענדער, האָבן כלל נישט געקלערט, אַז זיי וועלן דאַרפן ווערן אַנדערע יידן, נאָר געהאָפט צו זיין בעסערע יידן, דער רוב אין רע־ליגיעזן זין, און אַז ס'וועט זיי פיל בעסער זיין.

דוכט מיר, אַז ווען דאָס אַשכנזירן זיך וואָלט מעגלעך געווען, וואָלטן פיל נישט געצווייפלט צו גיין אויף דעם דאָזיקן וועג. אָבער זיין אַן אַשכנזער הייסט געבוירן ווערן ביי עלטערן אשכנזער, זיך דערציען אין אַן אַשכנזיש הויז, און זיך פילן אַ צוגעהעריקער צום אשכנזער קיבוץ. און זיין ווי אַן אַשכנזער, איז שטענדיק ווייניקער פון אַן אשכנזער. דער ישראלדיקער טיפּ, וואָס איז נישט קיין אַשכנזער און נישט קיין אָריענטאַלער, געפינט זיך אין פּראָצעס פון ווערן. ווען ער וועט זיך אויסקריסטאַליזירן, וועט ער אַוודאי נישט זיין קיין גאַנצער אשכנזער, אָדער אַ גאַנצער אָריענטאַלער, נאָר אַ געמיש פוןביידע. דערווייל, און ביז ער וועט זיך אויסקריסטאַליזירן, דאַרפן מיר זיך צוגעוווינען צום פּרינציפּ פון גלייכהייט, טראָץ דער אַנדערשקייט,

און נישט צושרייבן קערפּערלעכע און גייסטיקע מעלות איין טיפּ, און די חסרונות צושרייבן יענע, וואָס געהערן צום צווייטן טיפּ.

ז. פאָראורטיילן און געפּאַנצערטע אינטערעסן

דער מענטש האָט שוין אַ טבע אַזאַ, זיך שאַפן מיינונגען וועגן זיך און וועגן צווייטן, און אויף די מיינונגען באַזירן געוויסע שטאַנדפּונקטן און כללים פון אויפפירונג. די דאָזיקע מיינונגען זענען וויכטיק. אָבער זיי קענען אים און זיין סביבה דינען נאָר אין דער מאָס פון זייער עכטקייט און קענען שטיין אונטער דער שטענדיקער קריטיק; אַנישט קענען זיי ברענגען שאָדן אים און זיין סביבה.

דער מחבר פונעם בוך „די אשכנזישע רעוואָלוציע" האָט זיך געשאַפן אַ מיינונג, אַז ער געהערט צו אַן אַשכנזיש אויסגעוועלט פאָלק און געזאָלבט צו קיניגן פון אייביק ביז אייביק. מכוח דער דאָזיקער מיינונג גייט ער אַרויס נעגירן דעם גאַנצן ציוניזם און די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור. און פון איר גייט ער אַרויס בויען אַ מדינה, אָבער צוויי אַשכנזישע מדינות מיט ברייטע גרענעצן, ערגעץ־ווו אויף דער גאָרער וועלט. און מיטן כוח פון דער מיינונג רופט ער די אשכנזער זיך צו פאַראייניקן אין איין פּאַרטיי, אויס־לאָזנדיק די אָריענטאַליש־ספרדישע, און זיך גרייטן אַוועקצולאָזן די וועלט מיט פייער און רויך, אַבי נישט לאָזן די אָריענטאַלע־ספרדישע רעגירן אין מדינת־ישראל, כאָטש די גאַנצע מדינה איז נישט ווערט אין זיינע אויגן קיין פּרוטה.

דאָס איז אַ מוסטער פון אַ קראַנקן, לעכערלעכן און אויסגעלאַכטן פאָראורטייל. „אָבער וואָס איז צו מאַכן?" — האָט מיר געזאָגט אַן אַלטער לערער — „דאָס איז שוין אַזאַ טבע ביים מענטש, יעדע גרופּע געפינט זיך אויס אַ שוואַכערע, כדי אויף איר צו באַגרינדן איר אויבערגעפיל".

עס איז טאַקע ריכטיק, און נישט ווייניק סימנים זענען פאַראַן פאַר דעם, דע־ריבער איז ליבער זיך מודה זיין אויף דעם און קעמפן קעגן דעם, איידער נישט וועלן אָנערקענען עס און עס פלעגן. ווייל אונדזער חוב און פאַר אונדזער טובה וועגן — פאַר דער טובה פונעם כלל און פאַרן חוב פונעם כלל — איז זיך צו פאַראייניגן אין אַן איינהייטלעכער ישראל געזעלשאַפט

אויפֿן יסוד פֿון בשותּפֿותדיקער גלײַכהייט. און כּל זמן מיר וועלן דאָס גע־דענקען, וועלן מיר קענען בײַקומען שטרויכלונגען אויפֿן וועג פֿון פֿאַראײַ־ניקונג.

דער גורל פֿון אַ שטאַרקער קולטור

אָבער, נישט נאָר אונדזער געזעלשאַפֿטלעכע אייניקונג, וואָס איז געווינטשן פֿאַר אונדזער גליק און פֿאַר געזיכערט זײַן פֿאַר די, וואָס לויערן אויף אונדז — וועט געשעדיקט ווערן אויב מיר וועלן לאָזן דעם אויבערגעפּיל האָבן אַ לעגיטימע אחיזה אין אונדזער לעבן, נאָר אויך די מענטשלעכע באַציאונג און דאָס קולטורעלע לעבן בײַ אונדז, ס׳הייסט בײַ יעדע גרופּע און גרופּע, און צווישן יעדער גרופּע און גרופּע.

מענטשלעכע באַציאונגען און מאָראַלישע באַציאונגען לאָזן זיך נישט צעטיילן, און דער זילזול אין וועלכן ס׳איז מענטש, ווערט צום סוף פֿאַרוואַנדלט אין זילזול אין יעדן מענטש. און עס האָט שוין געזאָגט איינער אַ היסטאָריקער, אַז עס טרעפֿט אַמאָל אַ באַגעגעניש צווישן אַ שטאַרקערער קולטור און אַ שוואַכערער, שטייען אין סכּנה דווקא די טרעגער פֿון דער שטאַרקערער קולטור, ווײַל זי וועט זיי פֿאַרוואַנדלען אין הויכהאַלטער און אין תּלושים, אין מענטשן, וואָס ציִען־פֿאָר אַ שווי־קולטור איבער אַ קולטור פֿון אינהאַלט.

אָט דאָס קען, חס ושלום, מקוים ווערן בײַ אונדז מער ווי בײַ אַן אַנדערער קולטור, ווײַל די קולטור, וואָס רופֿט זיך ישׂראלדיקע, איז נאָך ווײַט פֿון צו זײַן אַן אויסקריסטאַליזירטע.

אין דעם פּונקט האָבן מיר געשטעלט די גויים אונטערן פּרוּוו אין משך פֿון אונדזער גאַנצן גלות, און עס דוכט מיר, אַז די תּקנה פֿון אונדזער געזעל־שאַפֿט דאַרף אָנהייבן פֿונעם פֿאַריכטן די באַציאונגען צו די אָריענטאַל־ספֿרדישע.

פֿאַרוואָס זענען „נישטאָ קיין טאַלאַנטירטע?“

ערגער פֿון אַלץ איז דער צונויפֿגעפֿלעכט פֿון פֿאָראורטייל און אויבערגעפּיל מיט איבעריקע רעכט און געפּאַנצערטע אינטערעסן. עס איז אינטערעסאַנט צו באַטאָנען, אַז דווקא אין פּריוואַטן סעקטאָר, ווו עס הערשט אין אַלץ דער

פּערזענלעכער אינטערעס, איז געלונגען די יידן פון די איסלאַם־לענדער צו פאַרנעמען אַן אָנזעעוודיק אָרט אין האַנדל, אין בוי־אונטערנעמונגען, אין באַנק־וועזן, אין פינאַנסן, און אין פרייע פּראָפעסיעס. אויב אויף די דאָזיקע געביטן זענען פאַראַן טענות פון דיסקרימינאַציע, זענען זיי געווענדעט דווקא צו געזעלשאַפטלעכע־און רעגירונגס־קערפּערשאַפטן, וואָס אין זייערע הענט שטייט־איין צו געבן אָדער אָפּזאָגן אַ דערלויבעניש, באַשטעטיקן אָדער נישט באַשטעטיקן אַ הלוואה א.ד.ג.

אָבער דאָס געביט, ווו די געפּאַנצערטע אינטערעסן פּאַראַליזירן די אָנ־זעעוודיקסטע אויפגאַבע, איז דווקא דאָס געביט, וואָס איז געשיצט דורך די פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, וואָס זייער פליכט איז צו פּאַר־שנעלערן דעם מיזוג — דאָס געביט פון געוויילטער פאָרשטייערשאַפט און פון דער נאָמינירטער הויכער־און מיטלער־באַאַמטערשאַפט.

אין זיין פאָרטראַג פאַר אַ תל־אביבער קרייז, האָט דער געוועזענער ראַט־געבער פאַר מיזוג־גלויות, ד״ר א. נ. שוראַצי, ציטירט אַ סך אינטערעסאַנטע ציפערן. פון זיי ווילן מיר ברענגען אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג דעם סטאַ־טיסטישן פאַקט, אַז אין חודש מערץ 1961 זענען געווען אין דער מדינה 1342 העכערע רעגירונגס־באַאַמטע אין די ראַנגען פון 1—5. צווישן זיי, לויט אַן אָפּשאַצונג, בלויז 73, וואָס שטאַמען פון אַזיע און אַפריקע ; ס׳הייסט 5.4%. דוכט מיר, אַז איך וועל קיין טעות נישט מאַכן אויב כ׳וועל זאָגן, אַז ווען אַפילו די אָפּשאַצונג איז לכתחילה געווען אַ נידעריקע מיט אַ פּאָר פּראָצענט, און ווען אַפילו פון דעמאָלט אָן זענען די פּראָצענטער אַביסל געשטיגן, איז דער תהום אויף דעם געביט אַ גרויסער, און ער איז נאָך פאַראַן — אין דער מדינה, אין דער סוכנות, אין די פּאַרטייען, אין הסתדרות און אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.

דער תירוץ פאַר דער לאַגע איז, פאַרשטייט זיך, די טענה, אַז ס׳איז נישטאָ ביי זיי קיין טאַלאַנטירטע. די דאָזיקע טענה האָבן מיר באַהאַנדלט אויף אַנדערע פּלעצער, דעריבער ווילן מיר זיך באַגענוגענען דאָ מיטן ברענגען דעם אינהאַלט פון אלוף־משנה נחום שדמיס רייד, וואָס ער שטייט אין שפּיץ פון דעם אַנשטאַלט פאַר קאָנטראָל אין צענטער פּועלי־ארץ־ישראל פּאַרטייען. ווען ער איז געפרעגט געוואָרן דורך אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט אים אינטער־וויואירט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלטע, וואָס טראָגן אויף זיך אַ סך אויפגאַבן, האָט ער געענטפערט, אַז די אַלטע לייט דענקען, אַז ס׳פעלן פּעאיקע מענטשן

ווענמען ס׳איז מעגלעך איבערצוגעבן אַ טייל פון זייערע אויפגאַבן; און ער האָט פאַרצווייפלט צוגעגעבן: איך האָב מורא, אַז עס וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט געפינען די פעאיקע, אויב מען וועט נישט אויפהערן טענהן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פעאיקע.

אויב אין דער העלפט פון צווייטן צענדליג פון מדינת־ישראל איז נאָך נישטאָ געווען נאָמינירטע פון די אָריענטאַל־ספרדישע אין די איבערמיטלע־און העכערע ראַנגעס פון די מדינה־אַנשטאַלטן, פון די פּאַרטייען, פון דער סוכנות און פון דער הסתדרות א.א.וו. — וואָס זיי זענען ווי פּראַקטישע שולן פאַר העכערע אויפגאַבן — וועלן מיר אין דריטן צענדליג נאָך אַלץ „זוכה״ זיין צו הערן די טענה פון נישט טאַלאַנטירטע, כאָטש די בעסטע געלערנטע שטעלן־פעסט, אַז די נאַטור גיט פּאָטענציעלע פעאיקייטן, אין אַ מער־וויניקער גלייכער מאָס, די פאַרשידענע גרופּן פון די מענטשן.

יענע, וואָס טענהן די טענה, אַז די פאָדערונג פון גלייכהייט ביי דער פאַר־שטייערשאַפט שטאַמט פון אַ פערזענלעכער קנאה, אָדער פון אויפפאַסן די גלייכהייט מאַטעמאַטיש, אויבערפלעכלעך, געקינצלט, האָב איך מורא צו זאָגן, אַז זיי ווילן נישט זען דעם עקזיסטענץ־יסוד פון דעמאָקראַטיע און געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. וויילביידע קענען נישט עק־זיסטירן נישט געפאַלשט און געפעלערט צו ווערן, כל זמן ס׳וועט דער דמשקער פעדלער, און נאָך העכער אַ מיליאָן אַזעלכע, פאַרבלייבן באַרויבט פון צו קענען — ווי ער האָט עס געזאָגט — זיך באַרימען, אַז אויך עמעץ פון זיי געפינט זיך אויפן אויבן־אָן. ווייל דער דאָזיקער עמעץ, און די כוונה איז נישט עמעץ אויף אַ „רפואה״ אָדער פאַר רעקלאַמע, איז דער איינציקער, וואָס קען זיי געבן דאָס געפיל, אַז זיי זענען געשיצט פאַר דערנידערונג און דיסקרימינאַציע — אמת אָדער אויסגעדאַכט — און אַז זיי זענען אַ טייל פון דער מחנה, אין דער מחנה און נישט אויסער איר, און אַז ס׳איז פאַראַן, למשל, אַ געהעריקע זאָרג פאַר יענעם האַלבן מיליאָן נפשות, וואָס די מער־הייט פון זיי זענען קינדער, וואָס לעבן אַן אָרים און דעגענערירט לעבן.

ח. די טעותדיקע צוגענג

צוליב טעותדיקע מיינונגען דערגייט דער יחיד און דער ציבור צו טעותדיקע שטעלונגען און טעותדיקע צוגענג און פעלערדיקע אופנים פון טואונג. די

דורכפאַלן, וואָס שטאַמען פון דעם, זענען זעלבפאַרשטענדלעכע, אָבער נישט אויף יעדן געביט פון אונדזערע לעבנס־געביטן קומען פאָר פאַרהערונגען און ס'ווערן געגעבן אויסצייכענונגען. דעריבער איז אַזוי בולט געווען דער דורכפאַל אויפן דערציאונגס־געביט. דאָס הייסט נישט, אַז דער דורכפאַל־פאַרנעם איז קלענער אויף אַנדערע געביטן, ווי למשל: אין פאָליטישן אויפ־נעם ביי די פאַרטייען און אין פאָליטישע דערציאונג, אין געזעלשאַפטלעכן אויפנעם און אין דערציאונג פונעם ציבור פאַר קעגנזייטיקער דערקענטעניש, קעגנזייטיקער אָפּשאַצונג און קעגנזייטיקער דערנענטערונג; אין אויסבילדונג פון דערוואַקסענע; אין אַרויסהייבן פירערשאַפט, און אָפּראַטעווען פעאיקייטן און קולטורעלע־ווערטן, אין פאַרמיידן לענגערע און איבעריקע ליידן, א.א.וו. דער צוגאַנג צו די עליה־כוואַליעס פון די איסלאַם־לענדער (און נישט נאָר צו זיי, נאָר צו אַ סך אַנדערע מענטשן און ענינים) מיטן אופן פון „פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך קען אַלץ", און מיט כל מיני אַנדערע פאַרטלען — איז געווען און איז אַ טעותדיקער צוגאַנג, וואָס האָט געשאַפן און שאַפט נאָך אַ סך שוועריקייטן ביים אויפנעם און ביים געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענ־שמעלצן.

דער צווייטער פאַלשער צוגאַנג איז דער געדאַנק, אַז די אויפגענומענע עליות קענען נישט דערגיין צו אַ תכליתדיקייט און נוצליכקייט סיי אין מחשבה סיי אין מעשים, וואָס פאַרלאַנגען זיך פאַרן אויפבוי פון דער מדינה, פאַר דער מאָדערנע ישראל געזעלשאַפט און פאַר צו שיצן זיי, נאָר דאַן ווען זיי וועלן פון זיך אַרונטערוואַרפן זייער קולטור־באַגאַזש און וועלן זיך אַשכנזירן — און אויף דעם האָבן מיר זיך שוין פריער אָפּגעשטעלט.

דער מענטש און די אינסטרומענטן — די רעליגיע

נאָך אַ פאַלשער צוגאַנג איז דער צוגאַנג, וואָס זאָגט, אַז יענע אינסטרומענטן און מיטלען און סיסטעמען פון שאַפן די געזעלשאַפט און די דערציאונג פאַר אירע קינדער, וואָס זענען אַנטוויקלט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט, וואָס נעמט־אויף, זענען שיין און גוט פאַר די עליות, וואָס ווערן אויפגענומען, כאָטש במשך פון דער צייט זענען געמאַכט געוואָרן ענדערונגען צוצופאַסן די אינסטרומענטן, אָבער בדרך כלל איז דער מענטש געצוווּנגען זיך צוצו־פאַסן צום אינסטרומענט און צו דער ראַם, און נישט פאַרקערט. צום ביי־שפּיל, זייער אָפּט, און פון פאַרשידענע זייטן, איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן די

שיטה פון קהילהשע אַרבעט ווי דער אַמיינסטנס פּאַסיקער וועג פֿאַר פֿורעמען דאָס געזעלשאַפטלעך, בירגערלעך־און קולטורעל־לעבן פֿון די איינוווינער אין די נייַע ישובים. אָבער קיין איינציקער ערנסטער פּרווו איז נישט געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג, ווייל די עקזיסטירנדיקע קערפּערשאַפֿטן האָבן אַרויפגעלייגט אויפן ציבור זייער שוין עקזיסטירנדיקע ראַמען, און האָבן פֿאַרשטעלט דעם וועג פֿאַר יעדן פּרווו.

אַ צווייטער בולטערביישפּיל אויפן געביט פֿון אַרויפצווינגען קולטורעלע פֿאָרמען און לעבנס־ראַמען קען מען זען אין דער באַציאונג צו דער רעליגיע און אירע ווערטן, ווען דער פּאָליטישער געראַנגל פֿון די וועלטלעכע פּאַרטייען אין ישראל קעגן די רעליגיעזע פּאַרטייען האָט נישט איינמאָל אָנגענומען אַ פֿאָרם פֿון אַ קאַמף קעגן דער רעליגיע, און דווקא צווישן די עולים פֿון די איסלאַם־לענדער, וואָס זייער גאַנצע קולטורעל־עטישע וועלט איז פֿאַראַנקערט אין דער רעליגיעזער אָנשויאונג.

דער מכשול פֿון די שטראָמען אין דער דערציאונג

אין געראַנגל קעגן דער רעליגיע ליגט אונטערגעלייגט די ערשטע מינע אונטער דער זעלישער פֿאַרבינדונג פֿון די מאַסן עולים, וואָס קומען פֿון די איסלאַם־לענדער צו דער ישראלדיקער געזעלשאַפֿט וואָס נעמט זיי אויף. דאָ ליגט אויך די ערשטע מינע אונטער דער הצלחה פֿון דער פונדאַמענטאַלער דערציאונג. אַ מאַסע עלטערן מיט אַ רעליגיעזער אָנשויאונג, און נישט דווקא פֿאַנאַטיקער, זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַר דער ברירה צווישן רעליגיעזער שול און נישט רעליגיעזער, און אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז „איבערצייגט" געוואָרן, אַז די נישט־רעליגיעזע שול איז אַ בעסערע שול. די דאָזיקע „איבערצייגונג" האָט געשאַפֿן דאָס דיקסטע שיידווענטל צווישן זייער אַ סך עלטערן און דער שול, ווו עס לערנען זייערע קינדער, און צווישן דעם גורל פֿון זייערע קינדער אין דער שול.

מיין כוונה איז נישט צו זאָגן, אַז די רעליגיעזע מחנה פּירט זיך אין דער פּרשה ווי אַ צדיק גמור. פֿון געשפּרעכן מיט קינדער פֿון די רעליגיעזע שולן קען מען אַרויספֿילן דעם פֿאַרפֿרעמדונגס־באַוווסטזיין, וואָס גרענעצט מיט שנאה, וואָס זיי פֿלעגן ביי די דאָזיקע קינדער אַנטקעגן יענע פֿון דער צווייטער שול, און אַנטקעגן דער צווייטער מחנה פֿונעם פֿאָלק אין ישראל, און

דאָס, אויסער די פּסולע מיטלען מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך, כּדי וואָס מער אריבערציען אויף זייער זייט, כאָטש זיי האָבן ווייניקער פּעאיקע דיפּלאָ־מירטע לערער אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע וועלכע זיי נעמען אויף זיך.

די גורמים פונעם דורכפאַל אין דער דערציאונג

איך וואָלט לאַנג זיך נישט פאַרהאַלטן ביי דער טעמע דערציאונג, ווען פיל וואָלטן נישט געדענקט, אַז די שול וועט לייזן דעם פּראָבלעם פון צעמענטירן די ישׂראל געזעלשאַפט, און ווען נישט די שווידערלעכע קליינע דערגרייכונג פון די אָריענטאַלישע קינדער אין דער דערציאונג — אַ זאַך, וואָס האָט געשטויסן אַ סך צו דענקען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ביאָלאָגישע צוריקגעשטאַנענקייט. וואָס זענען די סיבות פונעם דאָזיקן דורכפאַל? אין יאָר 1960 האָט דער וויצע־מיניסטער פאַר דערציאונג, דער גאָטזעליקער עמי אסף, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער דערציאונג („החברה" — נאָוועמבער 1960) אין וועלכן ער האָט אויסגערעכנט דריי פאַרשטענדלעכע סיבות פאַר דער דאָזיקער צוריקגעשטאַנענקייט: א) דאָס אַרומוואַנדערן פון די לערער, ב) דער אָרימער גייסטיקער באַגאַזש וועלכן ס'ברענגט מיט זיך דאָס קינד פון דער היים, ג) דער מאַנגל פון ביכער און איינריכטונגען. אָבער אומדירעקט האָט ער אָנגעוויזן אויף נאָך סיבות. ד) דאָס נישט צוגרייטן זיך און דער מאַנגל אין פּראַקטיק מצד די לערער, ה) דער מאַנגל פון חלוצישער איבערגעגעבנקייט מצד די לערער, ו) דער מאַנגל פון געהעריקע מעטאָדישע ביכער.

אָבער אויך מיט דעם זענען נאָך נישט אויסגעשעפּט געוואָרן אַלע סיבות און מען דאַרף, לויט מיין מיינונג, צוגעבן: ז) די פרעמדקייט צווישן דער שול און די לערער און צווישן דער היים פון דעם קינד און פון זיינע עלטערן, ח) די ענגע היים, וווּ עס פעלן די באַדינגונגען פאַר באַקוועמען לערנען, ט) נישט גענוגנדיקע נערונג און קליידונג.

פון די דאָזיקע ניין סיבות איז איינע בלויז אָפּהענגיק אין קינד און זיינע עלטערן: דער אָרימער גייסטיקער באַגאַזש פון קינד און פון די עלטערן. עס איז מיר אונטערגעקומען צו לייענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַ פאַר־שלאַג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פערטליאָרגאַנג פאַר דערציאונג פון סאָלד־אַנשטאַלט, „מגמות" (טענדענצן), אַ פאָרשונג, וואָס איז געמאַכט

געוואָרן אין אַ געמישטן קלאַס פון אַ ירושלימדיקער שול, כדי צו פּרוּוון דעם גייסטיקן באַגאַזש פון די שילער. האָט מען אויסגעפונען, אַז ס׳זענען געווען שילער, וואָס האָבן געוווסט דעם פּרייז פון אייזקרעם, אָבער נישט געוווסט דעם פּרייז פון אַ לייבל ברויט; און אַנדערע שילער האָבן געוווסט דעם פּרייז פון אַ לייבל ברויט און נישט געוווסט דעם פּרייז פון אייזקרעם. די לעצטע האָבן געוווסט ווי־אַזוי באַרויִקן אַ וויינענדיק קינד, נאָר האָבן נישט געוווסט ווי מ׳שפּילט זיך אין אַ געוויסער שפּיל, און די ערשטע דאָס פאַרקערטע.

פון דעם לערנען מיר אָנצונעמען, אַז ס׳זענען פאַראַן הייזער ווו מען גיט זייערע קינדער אַן אַנדערן גייסטיקן באַגאַזש, איז מער נאָענט צום אמת, ווו אָנצונעמען, אַז ס׳זענען פאַראַן הייזער ווו מען גיט זייערע קינדער אינ־גאַנצן נישט קיין גייסטיקן באַגאַזש. אָבער נישט ווייניק אינטערעסאַנט איז דער פאָרשלאַג פון אַ געוויסן פּעדאַגאָג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יענעם פּערטליאָרגאַנג, און וואָס ווייזט־אָן אויף אַ מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַזאַ לערנפּלאַן, וואָס זאָל נישט באַזירן אויף דער שול ווי אַ פאַקטאָר פון דערוועררבן וויסן, נאָר וואָס דאָ, ווי אויף אַנדערע געביטן, איז נגזר געוואָרן אויפן ציבור זיך צוצופּאַסן צו די אינסטרומענטן, וואָס זענען פאַראַן, צו די לערער און זייערע פּראָבלעמען, צו די ביכער וואָס זענען פאַראַן, צו די איינגעפירטע סיסטעמען א.א.וו.

ט. מאַנגל אין פינאַנס־מיטלען און אין מענטשן־מאַטעריאַל

האָבן מיר געזען, אַז פון די ניין פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען דעם דורכפאַל פון דער פונדאַמענטאַלער דערציאונג איז געווען בלויז איין פאַק־טאָר, וואָס מען קען אים צושרייבן צום קינד און זיינע עלטערן. און פונ־דעסטוועגן, אין דער געזעלשאַפט און אין דער פּרעסע, און אַפילו אין די קרייזן, וואָס דאַרפן וויסן דעם אמת, לייגט מען אַרויף די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַרן דורכפאַל אויף די פּלייצעס פון די שילער און עלטערן און פון באַקאַנטן היסטאָרישן תהום. דער פאַקט, אַז דאָס אויפנעמענדיקע ישראל טראָגט אויך די לאַסט פון אחריות פאַר די מיזערנע דערגרייכונגען פון די מענ־טשן, וואָס קומען פון די איסלאַם־לענדער, איז נישט זוכה אָנערקענט צו ווערן.

אַפילו דער אַקט פון קלאָרער דיסקרימינאַציע זעט אויס דעם דירעקטאָר פאַר קאָלאָניזאַציע פון דער אַגענץ, ווי אַן אַקט פון נאַטירלעכער דיסקרי־

מינאַציע, דעריבער האָט ער נישט אויסגעמיטן צו ריידן וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט. ווען דער פאָרשטייער פון רעדאַקציע „אומר״ (18.4.63) האָט אים געפרעגט: „וואָס איז דיין מיינונג וועגן דער טענה פון דיסקרימינאַציע ביי אויפנעמען די עליות״, האָט ער געענטפערט איינפאַך: „עס איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע דיסקרימינאַציע — קומט אַ משפחה פון דריי נפשות געבן מיר איר אַ דירה פון 42 קוואַדראַט מעטער; קומט אַ משפחה פון צען נפשות און ווען מיר וועלן איר אַפילו געבן אַ גרעסערע דירה, וועט עס פאַר איר נישט זיין גענוג, און אַזאַ משפחה קען על־פי רוב נישט צאָלן שכר דירה פאַר אַ גרעסערער וווינונג. באַקומט זי אויך אַ דירה פון 42 קוואַדראַט מע־טער. ביז דאַנען דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, און ער האָט כלל נישט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָ איז פאַראַן דיסקרימינאַציע געמאַכט דורך אַ מענטש, דיס־קרימינאַציע, וואָס שטאַמט פון אַ באַשלוס, וואָס אַן אַנשטאַלט האָט געמאַכט, נאָר דער פאָרשטייער פון יענעם אַנשטאַלט, אַנשטאָט אָנצורופן דאָס קינד ביים נאָמען און זאָגן, אַז פון מאַנגל אין מיטלען דיסקרימינירן מיר גרויסע משפחות, וואַרפט ער אַרויף די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דער נאַטור.

אַן איינפאַכער חשבון וועט אונדז באַווייזן, ווי ווייט אַזאַ באַשלוס זאָגט נישט עדות אויף אַ ריכטיקן בליק פאַר אַ ווייטער מעטע: זעקס קינדער פון אַזאַ משפחה גייען אין אַ פאָלקס־שול, די מדינה גיט אויס אויף זיי הוצאות פאַר אַכט יאָר לימוד, און זיי גייען אַרויס מיט דערגרייכונגען פון פיר יאָר, בעת אַ דירה פון פיר צימערן אַן דירה־געלט וואָלט באַרייכערט די דערגרייכונגען פון די קינדער מיט נאָך צוויי יאָר און די מדינה וואָלט נאָר פאַרדינט.

די טענה פון מאַנגל אין מיטלען דינט ווי אַ תירוץ פאַר אַ סך אַרויסדרייע־נישן, ווי: נישט פאַרגרעסערן די אונטערשטיצונג, די אַסיקוראַציע פאַר גרויסע משפחות, איינפירן דעם שכר (וואָס טרעפט בעיקר די נידעריקע שיכטן), נישט פאַרפריערן דעם יאָרגאַנג פון גן־ילדים מיט אַ יאָר, נישט איינפירן אַ לאַנגן לערן־טאָג, נישט מאַכן אויסבעסערונגען אין סדר פון די שולן און אין זייערע איינריכטונגען, נישט איינפירן אומזיסטיק לערנען אין גימנאַזיע, נישט פאַרבעסערן די וווין־מעגלעכקייטן פאַר משפחות פון אַ סך קינדער, נישט ליקווידירן די אָרימע קוואַרטאַלן און די רעשטלעך מעברות, און נאָך און נאָך, וואָס צוליב דעם קענען נישט די צוריקגעשטאַנענע שיכטן נאָכגיין דעם טעמפּאָ, ווי עס פאָדערט זיך פון זיי.

די טענה פון מאַנגל אין פינאַנס־מיטלען זעט אויס צו זיין אַ ביסל אָפּגעפרעגט

אין די אויגן פון פשוטן מענטש, וואָס זעט אַרום זיין סביבה די שפע און דעם לוקסוס וואָס פאַרפלייצן דאָס לאַנד. איך געדענק אַ פּאַרטראַג, וואָס כ׳האָב געהערט פונעם פּרעזידענט פון באַנק ישראל, וואָס האָט געוואָרנט פאַר דער פאַרשווענדערישקייט פון מיליאָנען, ווי רעזולטאַטן פון פעלערן, וואָס ווערן געמאַכט ביי עקספּראָמטע עקאָנאָמישע באַשלוסן און צוליב מאַנגל אין ראַציאָנעלע ווירטשאַפט־פּלאַנירונג. נישט משתּף זיין אַ פאַרשטייערשאַפט פון די יידן, וואָס שטאַמען פון די איסלאַם־לענדער, אין די דאָזיקע און אין אַנדערע באַשלוסן טוט עס זיי נאָך מער פאַרקריפּלען, אַזוי ווי עס מאַכט די דעמאָקראַטיע אונדזערע אַ הינקענדיקע אויף איין פוס.

לייענענדיק די דאָזיקע ווערטער, וועלן אַ סך אַוודאי טענהן, אַז איך זע נישט דאָס גאַנצע גוטס, צו וועלכן ס׳האָבן זוכה געווען די עולים בכלל, און די עולים פון די איסלאַם־לענדער בפרט, און דער פאָרשריט וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנפאַנג פון די דאָזיקע עליות אין אַ סך געביטן פון לעבן. יענעם וויל איך זאָגן, אַז איך זע און ווייס דאָס אַלץ. אָבער לאָמיר נעמען למשל דעם טראַדיציאָנעלן מלמד: אויך ביי אונדז האָט מען קינדער געלערנט לייענען און שרייבן, און פאַרשטיין עברית, און עס איז פון זיי דערנאָך אַרויס למדנים און גאונים. און פונדעסטוועגן האָבן מיר אים אויסגעביטן אויף אַ מאָדערנער שול, און מיר גייען וויטער אָן מיט די פּעדאַגאָגישע פאָרשונגען, אויסבעסערונגען, לערן־סיסטעם א.א.וו. דאָס אַלץ איז געצילט, פאַרשטייט זיך, צו באַקומען מער רעזולטאַטן און בעסערע מיט ווייניקער מיטלען, ווייניקער צייט, און ווייניקער אָפּפאַל.

דאָס איז אויך דער ציל פון מיינע ווערטער, איך גלייב, אַז ס׳איז מעגלעך און כדאי צו דערגיין צו אַ שותּפות פון גלייכהייט אויף אַלע געביטן פון אונדזער לעבן אין אונדזער מדינה, איידער די יידן פון די איסלאַם־לענדער וועלן געצוווּנגען זיין עפּנען אַ קאַמף פאַר שותּפות פון גלייכהייט. ווייל אַ שווערער קאַמף אויף דעם געביט קען באַגראָבן דעם שאַנס פון זיין אַן איינהייטלעך פאָלק אין דער צוקונפט. דאָס איז אַ וואָרעניש, וואָס דאַרף ווירקן איןביידע ריכטונגען.

דעריבער האָב איך אויסגערעכנט דאָס, וואָס לויט מיין באַשיידענער מיינונג שטערט דער ישראל־געזעלשאַפט זיך צו פאַראיינהייטלעכן, און פון דעם נעגאַטיוון אין מיינע רייד הערט זיך דאָס פּאָזיטיווע, וואָס דאַרף אונדז אַלעמען פירן, דיקטירן אונדזערע מעשים און גובר זיין די אָפּהענטיקייט.

מ. קיטרון

פּאָליטישע פּאַרטייען אין ישראל

באַוועגונג און פּאַרטיי

פון די אָנהייבן פונעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל, מיט קרוב 90 יאָר צוריק, ביז דאָ נישט לאַנג איז ארץ־ישראל געווען די צענטראַלע דערשיינונג אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, אָבער בשום אופן נישט דער צענ־טראַלער פּאַקט אין יידישן לעבן. לויט זיינע טענדענצן, לויט זיין גאַנצן וועזן, איז דער ישוב געווען דער דרייסטער פּאַרמעסט צו אַ רעוואָלוציאָנערער לייזונג פון דעם יידישן פּראָבלעם. ער האָט אָבער נישט געקענט וואַקסן, אַנטוויקלען און פורעמען זיך אַנדערש ווי אַ פונקציע פון יידישן לעבן אין דער גרעסער וועלט. דער ישוב האָט אַנטהאַלטן די פּאָטענצן פון דער צוקונפט. די אומנאָרמאַלע אָבער לעבעדיקע רעאַלקייט איז געווען אין די גלות לענדער.

מיט 25 יאָר צוריק האָט דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל איבערגעשטיגן דעם ערשטן האַלבן מיליאָן. אַרום 18 יאָר עקזיסטירט מדינת־ישראל. פּאַר אַט דער קורצער צייט האָבן זיך אויסגעפורעמט עקאָנאָמישע, געזעלשאַפט־לעכע און פּאָליטישע רעאַלקייטן, וועמעס אַנטוויקלונג און אויסווירקונג זענען אַלץ מער און מער אָפּהענגיק פון זייער אינערלעכער לאָגיק און וואָס אַמאָל וויניקער פון דער דרויסנדיקער וועלט, איינגעשלאָסן דער יידישער, אויף וויפל אַ נאָרמאַל לאַנד אין אונדזער תקופה איז אימשטאַנד זיין אומאָפּ־הענגיק פון דער אַרומיקער וועלט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז נאָך אָבער זייער ווייט פון קריסטאַליזאַציע. מדינת־ישראל באַטראַכט אַלס עצם זין און ציל פון איר עקזיסטענץ די פּאַרפולקאָמונג פון דעם קיבוץ־גלויות־פּראָצעס. אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן ווירקן זיך אויס גאַנץ שטאַרק די שטימונגען און ריכטענונגען פון יידישע מאַסן אין גלות. אונדזערע פּאַרטייען זענען נאָך היבש פאַרבונדן מיט דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען זיי זענען געווען אָפּטיילונגען אָדער צענטערן פון אַל־יידישע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך גערופן, נישט שטענדיק מיט רעכט, פּאַרטייען.

אין די דאָזיקע אומשטענדן פון אַמאָליקן יידישן לעבן (איינגעשלאָסן ארץ־ישראל), איז די אויפגאַבע באַשטאַנען אין איינפלאַנצן אָדער דערוועקן אין אַ וואָס גרעסערער צאָל מענטשן דעם גלויבן אין די אידעאַלן פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערלייזונג, פאַרוואַנדלען שטימונגען אין איבערצייגונג און די איבערצייגונג אין אַן אַקטיוון פאַקטאָר פון פאַרווירקלעכונג. נאַטירלעך אַז דער טראָפּ איז דאַן געלעגט געוואָרן אויף דער גענויער אידעאָלאָגישער דעפיניציע. דערפון די פילצאָליקייט פון ריכטונגען און שטרעמונגען, און די ליידנשאַפטלעכע אָבער אין תוך גענומען אַבסטראַקטע קאַמפן צווישן זיי. וואָס מער דער ישוב איז קעוואַקסן און געשטאַרקט זיך, וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די מעגלעכקייטן און פאָרמען פון אַ שטאַטלעכן לעבן, אַלץ מער האָבן די באַוועגונגען זיך פאַרוואַנדלט אין פּאָליטישע פּאַר־טייען. די פּאַרטיי אָרגאַניזירט, פאַרוואַנדלט איבערצייגונג אין אַקטיוון טאַט, פירט דעם קאַמף פאַר דעראָבערן די מאַכט אין דער אָדער יענער געזעל־שאַפטלעכער סטרוקטור, מייסטנס אָבער אין דער וויכטיקסטער דעצידירנ־דיקער סטרוקטור, ד.ה. אין דעם שטאַט. אין אַט דער סטאַדיע ווערט דער טראָפּ געלייגט אויף דער דיסציפּלין און דער אייניקייט פון טאַט, מער ווי אויף דער איינהייטלעכער „שטרענג־אויסגעהאַלטענער" אידעאָלאָגישער דע־פיניציע.

די גרענעץ צווישן באַוועגונג און פּאַרטיי איז קיינמאָל נישט איבעריק שאַרף. ערשטנס, ווייל אַ באַוועגונג, וואָס פירט נישט קיין פּראַקטישן פּאָליטישן קאַמף, ווערט אַטראָפירט און הערט אויף צו ווירקן אויף די מאַסן. אַ פּאַרטיי ווידער וואָס היט נישט אָפּ די אָריענטאַציע אויף אירע פּרינציפּן און אידעאַלן דע־גענערירט און פאַרלירט איר עקזיסטענץ באַרעכטיקונג. פון דער אַנדערער זייט, ווירקן אין אונדזער ווירקלעכקייט ביידע קאָמפּלעקסן וואָס זענען דער פאָרבאַדינג פאַר די צוויי אויסדרוקן פון אַ שטרעמונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן: די גרויסע יידישע רעוואָלוציע פאָדערט עס זאָלן געפּלעגט ווערן די אַטריבוטן פון אַ באַוועגונג; אַנדערש קען מען נישט דערוועקן אין יידישן יחיד און כלל די גרייטקייט און פעאיקייט בייצושטיין דעם קאָלאָסאַלן אָנשטרענג פון ווידערגעבורט. די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה פאָ־דערט דאָס „נאָרמאַלע" אויסווירקן זיך פון פּאָליטישע פּאַרטייען; אָן זיי וועט די מדינה נישט קענען דינען אַלס מעכטיקער אינסטרומענט פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג פון דער וויזיע.

גלות און ישראל

איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע (הגם נישט שטענדיק אָנזעעוודיקע) שטריכן פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין ישראל איז אַלזאָ די מאָס פון זייער גלותדיקייט אָדער ישראל׳דיקייט. אַנדערש געזאָגט: אין וואָס פאַרא מאָס האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג פון דער אַמאָליקער יידישער ווירק־לעכקייט צו דער היינטיקער ישראלדיקער רעאַלקייט; אויף וויפל האָבן זיי געפונען די היסטאָריש־ריכטיקע פּראָפּאָרץ צווישן „באַוועגונג״ און „פּאַרטיי״; ווי אַזוי האָבן זיי געלייזט דעם אייביק־אַקטועלן פּראָבלעם פון גלייכגעוויכט צווישן וויזיע און פּראַקטישן קאַמף, צווישן אידעאָלאָגיע און סטראַטעגיע. אַנאַליזירנדיק פון דעם שטאַנדפּונקט די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען אין ישראל, קומען מיר צו גאָר אינטערעסאַנטע אויספירן.

א) די אַממייסטן גלותדיקע, אַממייסטן קאָנסערוואַטיווע, פּאַרטייען זענען אגודת ישראל און, ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען, מפ״ם.

אגודת ישראל איז געבליבן שטיין פּרינציפּיעל אין גלות. נישט נאָר דער שולחן ערוך, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן מיט 400 יאָר צוריק, איז גילטיק און פאַרפליכטנדיק, נאָר אויך די פּסקי־דין און שאלות ותשובות פון רבנים מיט דורות און דורות צוריק, באַטראַכט און דורכגעלעבט אין די באַדינ־גונגען און אומשטענדן פון דעם צאַר׳ס און קיר״הס מלכויות. די מיטאַרבעט און באַציאונג מיט מדינת־ישראל איז לאָיאַל (יידישע הערצער פון גוטע יידן!), אָבער מדינת־ישראל איז נאָך אייגנטלעך נישט קיין יידישע מדינה. עס איז קוים אַן אתחלתא, אַ רמז אויף דער מעגלעכקייט פון גאולה. דער צענטער פון אגודת ישראל אַלס אָרגאַניזאַציע איז אויסער דער מדינה. די גייסטיקע וועלט איז פאַרוואָרצלט אין געווער הויף, אין די קלויזן פון זיבנ־בירגען, אין דער אָרטאָדאָקסיע פון פראַנקפורט־אַם־מיין.

השומר הצעיר אַלס באַוועגונג ראַנגלט זיך צו געפינען דעם סינטעז צווישן פּלאַטאָנישער און איינזייטיקער ליבע צו ראַטנפאַרבאַנד און ליידנשאַפטלעכן ישראל־פּאַטריאָטיזם, גלויבן אין מאַרקסיזם און לעניניזם און פּראַכטפולע חלוצישע טאַטן, פּראָגראַמאַטישן אינטערנאַציאָנאַליזם און טיפן פּיעטעט צום קרן קימת לישראל א.ד.גל. מפ״ם אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי איז געבליבן שטיין ערגעץ ווו צווישן די פּאָסטולאַטן פון אַ יוגנט־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין צענטראַל־און מזרח־אייראָפּע מיט אַנדערטהאַלבן

דורות צוריק, און פּראַקטישער פּאָליטיק אין היינטיקן ישראל; צווישן „קאָנקרעטע שטעלונגען, וואָס אַנטשפּרעכן די היפּאָטעטישע צוקונפט פון אַן אויסגעבענקטן מאָרגן, און פּאַקטישער האַנדלונג אין די אומשטענדן פון היינט. זעלטן וועלכע פּאַרטיי האָט בייגעוועזן אין אַזאַ קורצער צייט דעם אַבסאָלוטן דורכפאַל פון אַזויפיל שטעלונגען, פּראָגנאָזן און פּראָגראַמען; זעלטן וועלכע פּאַרטיי האָט אַרויסגעוויזן אַזוי ווינציק מוט און פעאיקייט צו רעווידירן זיך אַליין און ענדערן פאָרמולעס און פּראָגראַמען. דער חלוצישער טאַט פון קיבוץ ארצי פאַרוואַנדלט מפּ״ם אין אַן ערנסטן פּאָזיטיוון פאַקטאָר אין ישראל. דער פּרינציפּיעלער קאָנסערוואַטיזם פון מפּ״ם שטעלט אַוועק די דאָזיקע פּאַרטיי אָפּן ראַנד פון קאָנסטרוקטיווער רעוואָלוציע, וואָס ווערט דורכגעפירט אין מדינת־ישראל.

ב) די אַטריבוטן און מעטאָדן פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי פּאַר־עקסעלאַנס האָט אָנגענומען אין מדינת־ישראל גראַד הפּועל־המזרחי. אינערהאַלב איר ווירקונגס־קרייז, אין די רעליגיעזע לערן־אַנשטאַלטן און אין דער בני־עקיבא יוגנט, ווירקט זי זיך אויס אַלס באַוועגונג, אָבער אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, אין דער מדינה, צייכנט זי זיך אויס מיט גוט באַרעכנטן אומאונטערבראָכענעם קאַמף פאַר פּאָליטישער מאַכט, דורך וועלכער זי שטרעבט צו דערגרייכן איר ציל: פאַרוואַנדלען מדינת־ישראל אין אַ טעאָקראַטישן שטאַט, אין וועלכן די הלכה שטייט איבער די געזעצן, און דער ראַבינאַט איבער־און אויסער די אָרגאַנען פון מלוכה׳שן לעבן.

דער נוסח פון הפּועל המזרחי איז געווען אומבאַקאַנט אין גלות, ווו די רבנות איז געווען די גייסטיקע פירערשאַפט פון פאָלק, אין דער צייט ווען מאַכט־אַטריבוטן האָבן „געפּאַסט״ קאַטוילישער אָדער פּראַוואָסלאַווער קירכע...

ג) דער עכטער פליגל (אחוד האזרחי, אַלגעמיינע ציונים, ליבעראַלע פּאַרטיי) האָט אַ לאַנגע צייט געוואַנדערט צווישן די באַגריפן פון יידישן קליינבירגערטום אין מזרח־אייראָפּע און די טענדענצן פון דער „נאָרמאַלער״ בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאַלטן אין פורעמען זיך אין ארץ־ישראל. די פּרעטענזיע אַריבערצוטראָגן אין דעם נייעם ישוב דעם שטייגער און עקאָנאָמיק פון נאַלעווקי (און פון אַלע נאַלעווקי׳ס אין אַלע גרויסע גלות־צענטערן) האָט געבראַכט צום באַנקראָט פון עפולה, דעם דורכפאַל פון בירגערלעכן טייל אין דער התישבות האלף, קאָמפּליקאַציעס אין דער אַנטוויקלונג פון תל־אביב א.א.וו. שפּעטער האָט דער ווידערשפּרוך זיך אויסגעדריקט אין דער

אומפּעאיקייט צו סטימולירן אַ געזונטע אַנטוויקלונג פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו אין דער ישראל־ווירטשאַפט, און נישט אומזיסט האָבן אשכול און סאַפּיר, אין פּאַרטרעטערשאַפט פון מפא״י, פיל מער בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דעם סעקטאָר ווי אַלע פאַרטרעטער פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין דער רעגירונג, כנסת, ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. אידעאָלאָגיש האָט די „וואַנדערונג״ זיך אויסגעדריקט אין דעם ווידערשפּרוך צווישן געטריישאַפט צום אידעאַל פון נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט אין דער באַוווסטזיניקער אָדער אומבאַוווסטזיניקער קעגנערשאַפט צו דער גייסטיקער און עקאָנאָמישער איבערשיכטונג אָן וועלכער דער ווידערגעבורט קען נישט צושטאַנדקומען.

במשך די לעצטע יאָרן קריסטאַליזירט זיך וואָס אַמאָל מער דער קלאַסן כאַראַקטער פון אונדזער רעכטן פליגל און עס ווערן אָפּגעשוואַכט די דיי־סאָנאַנסן פון דעם ביז־איצטיקן ווידערשפּרוך. דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט אָבער קאָמפּליצירט דורך דער שטייגענדיקער העגעמאָניע פון „חרות״ אין דעם רעכטן לאַגער. אָנגעהויבן אַלס אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע (רעוויזיאָניסטן), איז די דאָזיקע פּאַרטיי שפּעטער באַ־הערשט געוואָרן דורך דער טעראָר־באַוועגונג אין ארץ־ישראל (אצ״ל). איצט ברענגט אַריין „חרות״ אין דער נייער פאָרמאַציע (גח״ל) די אומרואיקע עלעמענטן פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע צווישנשיכטן און די סאָציאַלע דעמאַ־גאָגיע אין איר טערמינאָלאָגיע און פּראַקטיק. די צוזאַמענאַרבעט צווישן די אַזוי פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן איז פּראָבלעמאַטיש, אָבער ווי אַזוי דער דאָזיקער לאַגער וועט זיך אויסקריסטאַליזירן איז שווער פאָראויסצוזאָגן.

ד) די לייזונג פון דער דאָפּלטער אַנטינאָמיע: „באַוועגונג—פּאַרטיי״ און „גלות—ישראל״ איז באַזונדערס קאָמפּליצירט אין דער צענטראַלער פּאַרטיי פון דער ישראל־אַרבעטערשאַפט און פון דער מדינה: מפלגת פועלי ארץ ישראל (מפא״י).

אַלס טרעגערין פון דער יידישער רעוואָלוציע דורך דעם סינטעז פון נאַ־ציאָנאַלע און סאָציאַלע פרייהייטס שטרעמונגען, שטעלט מפא״י מיט זיך פאָר, פאַר אייגענע און פרעמדע, דעם דעצידירנדיקן פאַקטאָר פון דער גרונט־לייגונג פון דער מדינה, פון דעם קאַמף פאַר איר אויפקום און פון איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פאַר די פאַרגאַנגענע 18 יאָר. געבויט אויף דעם מענטשן מאַטעריאַל און די ווערטן פון דער צווייטער און דריטער עליה, באַטראַכט מפא״י אַלס ווירקזאַמסטן און אָפּטמאַל אייניציקן אינסטרומענט פון דער פאַרווירקלעכונג דעם יידישן מענטש, און שטיצט זיך אויף דעם גלויבן,

אַז ער איז פעאיק (און אין תוך גענומען, גרייט) צו טראַנספּאָרמירן זיך און דערמעגלעכן די זעלבּסטדערלייזונג. זי איז דעריבער אָרגאַניש געבונדן מיטן באַגריף פון אַ דערציִערישער פּאַרווירקלעכונגס־באַוועגונג. אין דער זעלבער צייט, איז מפא״י אַלס פּאָליטישער פּאַקטאָר אידענטיפיצירט מיטן באַגריף פון אַ פּאַרטיי, וואָס פאַרנעמט צענטראַלע מאַכט פּאָזיציעס און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סטרוקטוראַלער געשטאַלטונג פון דער געזעלשאַפט: 45 יאָר אין די ראַמען פון דער הסתדרות, 32 יאָר אין דער יידישער אַגענץ, קנאַפּע 18 יאָר אין מדינת־ישראל.

מיט דער צייט האָט מפא״י זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן פּאַרטיי און אַנטהאַלט אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, מיטן אויסנאַם פון דעם דינעם שיכט פון „אמתער״ בורזשואַזיע. געפינענדיק דעם גלייכגעוויכט צווישן די אַנשויאונגען און אינטערעסן פון די פאַרשידענע באַשטאַנד־טיילן פון דער דאָזיקער מאַסע, און אָריענטירן זיי אַלע צוזאַמען צום אַלגעמיינעם גרויסן ציל, איז די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע אויפגאַבע מיט וועלכער מפא״י ראַנגלט זיך די גאַנצע צייט. דער געראַנגל ווערט וואָס אַמאָל שווערער און שאַרפער, אין אַכט נעמענדיק אַז די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון אַ ראַדיקאַלער טראַנספאָרמאַציע אין יידישן לעבן (אַלזאָ פון חלוצישן באַוווסטזיין אין דער באַפעלקערונג) באַשטייט נישט ווינציקער (און אפשר מער) ווי אַמאָל, אין דער צייט ווען עס פורעמען זיך אויס די סטרוקטור און דער שטייגער פון מלוכה׳שן לעבן, אין וועלכן עס דעצידירן די מאַכט־פאַרהעלטענישן, די געזעצגעבונג און דער רעגירונגס־אַפּאַראַט. דער געראַנגל צווישן אינהאַלטן און פאָרמען, צילן און אינטערעסן, שפּילט זיך אָפּ אין דער פּאַרטיי גופא, אין דער הסתדרות און אין דער מדינה. דער אויסוועג פון דעם געראַנגל, און אַלס קאָנסעקווענץ דער גורל פון מפא״י און די געשטאַלט פון דער גאַנצער ישראל־געזעלשאַפט, איז אָפּהענגיק פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פּאַקטאָרן און פּראָצעסן, וואָס איז אַזוי קאָמפּליצירט ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אונדזער תקופה. דער פּאַקט וואָס מפא״י האָט ביז איצט אויסגעהאַלטן מיט גרויס דערפּאָלג דעם שווערן עקזאַמען, גיט גרויסע האָפענונגען אויף ווייטער. דער וויכטיקסטער אָנשפּאַר אירער איז די איבערצייגונג, אַז די ווירקלעכקייט און די נויטן פון יידישן פאָלק פירן, היסטאָריש־באַטראַכט, צו אַזאַ סינטעז פון ציוניזם און סאָציאַליזם, פון חלוצישער באַוועגונג און פּאָליטישער פּאַרטיי, ווי עס איז מפא״י.

ה) פון זייט דער גרינדונג פון הפועל הצעיר און פועלי ציון אין די יאָרן פון

דער צווייטער עליה, ביז דער שפּליטערונג פון רפ״י, אין 1965, האָט מפּא״י דורכגעמאַכט אַ גאַנצע סעריע פאַראייניקונגען און שפּאַלטונגען. אין תוך גענומען זענען זיי געווען אויסדרוקן פון דער דירעקטער און אומדירעקטער שפּיל צווישן גלות־ירושה און ישׂראל־געשטאַלטונג, דרויסנדיקע ווירקונגען און אָריגינעלער שאַפונג, רעוואָלוציאָנערע אַוואַנגאַרדן און מאַסן־באַוועגונגען.

אין דער היינזיכט, איז אחדות העבודה בלויז אַ שפּליטער פון מפּא״י, טראָץ־דעם וואָס זי עקזיסטירט 23 יאָר אַלס באַזונדערע פּאַרטיי און פירט אַ זעלבסטשטענדיק לעבן: די גרונט־פּראָבלעמען און כאַראַקטעריסטיק זענען אידענטיש, טראָץ דער גאַנצער זעלבסטשטענדיקייט.

אין אַ קלענערער מאָס ווי אין מפּא״י, האָבן אויך אַלע אַנדערע פּאַרטייען דורכגעמאַכט פאַראייניקונגען און שפּאַלטונגען, און די גרונט מאָטיוון זענען אומעטום געווען ענלעכע.

עס זענען פאַראַן קלענערע פּאַרטייען, וואָס זענען אויפגעקומען און עקזיסטירן אַלס אידייאישע צווישן־טענער און סאָציאַלע צווישן־שיכטן לגבי די גרע־סערע אָרגאַנישע ריכטונגען. אַזוי צ.ב. פּועלי אגודת ישׂראל צווישן דער אָרטאָדאָקסיע און דער אַרבעטערשאַפט, די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי (איצט: אומאָפּהענגיקע ליבעראַלן) לגבי די אַלגעמיינע ציוניסטן. ביי די „פּראָגרע־סיווע״ האָט געווירקט גלייכצייטיק דער עלעמענט פון אָפּשטאַם און פון היסטאָרישער תקופה: די דאָזיקע פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן דורך דער צענטראַל אייראָפּעאישער־עליה, וואָס האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט זיך אידענטיפיצירן מיט דעם דעמאָלט־דאָמינירנדיקן מזרח־אייראָפּעאישן עלעמענט. עס איז נאָך נישט קלאָר, צי וועט די פּאַרטיי געפינען איר באַזע און עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ און קליינבירגערטום אין דעם נייעם ישוב. בדרך כלל, שפּילט דער „עטנישער״ פאַקטאָר אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער געשטאַלטונג און אַנטוויקלונג פון אונדזער פּאָליטישן לעבן. אָבער דאָס איז אַ טעמע וואָס מוז באַהאַנדלט ווערן באַזונדער.

די דערציאונג צו דעמאָקראַטיע

אין די זעלבסטפאַרוואַלטונג־אָרגאַנען פון דעם ישוב, און שפּעטער אין מדינת־ישׂראל, האָט שטענדיק געהערשט דער דעמאָקראַטישער רעזשים, פּינקט־

לעכער געזאָגט דער מערב־אייראָפּעאישער סיסטעם פון פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע. אין תוך גענומען איז נישטאָ קיין שום ערנסטע גרופּע אין ישראל ווי אין דער יידישער צעשפּרייטקייט, וואָס זאָל נישט אָנערקענען דריי פּאָסטולאַטן: א) אַז די דעמאָקראַטיע אַלס פּרינציפּ און אַלס סיסטעם איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן באַגריף פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און נאָך מער פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט. ב) אַז טראָץ אַלע אירע פעלערן איז דער דעמאָקראַטישער רעגירונגס־סיסטעם דער בעסטער וואָס די מענטשהייט האָט ביז איצט געשאַפן. ג) אַז די פּאַרטייען דאַרפן און קענען זיך ענדערן און פּערפעקציאָנירן, אָבער עס איז פאַר אונדז נישט אָננעמבאַר דער איין־פּאַרטיי סיסטעם וואָס הערשט אין די קאָמוניסטישע לענדער און אין אַ ריי נייע אַפריקאַנער מדינות.

אַזוי־ווי אָבער די גאַנצע סיטואַציע פון מדינת־ישראל, איר דעמאָגראַפישער צוזאַמענשטעל און דער ריטם פון איר אַנטוויקלונג איז פאַרשידן ווי אין די „נאָרמאַלע" איינגעפונדעוועטע מדינות, באַקומט אַ באַזונדערן באַדייט אויך די פונקציע פון אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען. זייער אויפגאַבע איז נישט נאָר פירן די ישראל'דיקע דעמאָקראַטיע אָדער קעמפן פאַר דער פירערשאַפט, נייערט אויך שאַפן די באַדינגונגען וואָס דערמעגלעכן די עצם עקזיסטענץ פון דעמאָקראַטיע.

די געזעצלעכע נאָרמען פון מלוכהשן לעבן, די רעכטן און פרייהייטן פון דעם בירגער. די גרייטקייט פון דער רעגירונג צו רעספּעקטירן די דאָזיקע פרייהייטן און לאָיאַל אָנווענדן די געזעצן, זענען בלי ספק די עלעמענטאַרע פאַרבאַדינגונגען פון אַ דעמאָקראַטישן רעזשים. די געשיכטע לערנט אונדז אָבער, אַז דאָס אַלץ איז נישט גענוג: עס איז קודם כל נויטיק, אַז דאָס פאָלק זאָל קענען און וועלן פּראַקטיצירן דעמאָקראַטיע, אָנווענדן זי און פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקער ווירקלעכקייט. אין ישראל איז דער כלל גילטיקער און בולטער ווי אין אַ סך אַנדערע לענדער.

דער יידישער כלל האָט במשך פיל־פיל דורות זיך באַזירט אויף וואָלונטאַריזם. יעדער ייד האָט „געמוזט" דאַווענען, אָבער קיינער האָט אים נישט געקענט צווינגען צו דאַווענען דווקא אין דעם אָדער יענעם בית־המדרש, קלויז אָדער מנין. אַ ייד האָט געוויינטלעך באַלאַנגט צו וועלכער עס איז חברה, אָבער ער האָט אַליין באַשטימט צו וועלכער, און געוויינלעך האָט ער פריי דיסקוטירט און מער וויניקער פריי געשטימט אין די דאָזיקע חברות. אין

אונדזער באַרעכטיקטער קריטיק פֿון גבאות און פֿון די „פֿיינע לייט״, פֿאַרגעסן מיר אַז אין פֿאַרגלייך מיט דער אַרומיקער סביבה האָט אין די קהילות געהערשט אַ גרויסע מאָס פֿון דעמאָקראַטישער פֿרייהייט. אַפֿילו אַ רב האָט מען געוויילט. שוין נאָכדעם ווי סולימאַן דער צווייטער אין טערקיי און מאַריאַ טערעזאַ אין עסטרייך־הונגאַרן האָבן איינגעפֿירט אַ „רבנות ראשית״, האָט קיינער נישט געוואַגט „באַשטימען״ פֿון דרויסן אַ רב פֿאַר וועלכער עס איז קהילה. אַזוי האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו פֿרייער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. אָבער אויך דערצו, אַז דער וואָלונטאַרער פּרינציפּ איז דער איינציק־גילטי־קער, אָן וועלכער עס איז אַלגעמיינער פֿאַרפּליכטנדיקער ראָם (לגבי דעם אינערלעכן יידישן לעבן, פֿאַרשטייט זיך). אונדז זענען אָרגאַניש פֿרעמד די אַנטי־דעמאָקראַטישע אידייען. מיר זענען אויך היסטאָריש אומפּעאיק געוואָרן צו אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, וועלכע עס ווייזן אַרויס די פֿעלקער מיט אַ לאַנגער פּראַקטיק פֿון שטאַטלעכער דעמאָ־קראַטיע.

צו דעם אַלעמען דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז די טרעגער פֿון שטאַטלעכער אויטאָריטעט און מאַכט זענען במשך אַזויפֿיל דורות געווען די פֿאַרטרעטער פֿון פֿרעמדע, מייסטנס פֿיינטלעכע פֿאַקטאָרן; אַז אין דעם קיבוץ־גלויות פֿון ישראל טרעפֿן זיך צוזאַמען יידן פֿון פֿאַרשידענע, ווייטע, ציוויליזאַציעס, באַ־גריפֿן און אויפֿפֿאַסונגען, און אַז די פֿאַרשידנקייט ווירקט זיך אויס גאַנץ שאַרף אין דעם פּראָצעס פֿון עקאָנאָמישער און געזעלשאַפֿטלעכער אינטע־גראַציע; און נישט צולעצט, ווען די גרויסע מאַסן פֿון נייע עולים פֿון 1948 ביז איצט שטאַמען פֿון איסלאַמישע לענדער, ווו די דעמאָקראַטיע איז קיינ־מאָל נישט פּראַקטיצירט געוואָרן, אָדער פֿון פּוילן, רומעניע און אונגאַרן, ווו עס איז שוין 40 יאָר נישט געווען קיין דעמאָקראַטישער רעזשים, צוליב דער הערשאַפֿט פֿון פֿאַשיסטן, נאַציס און קאָמוניסטן. נעמט מען דאָס אַלץ אין אַכט, ווערט קלאָר פֿאַר וואָס די צענטראַלע פּאָליטישע אויפֿגאַבע פֿון מדינת־ישראל איז, ווי איבערדערציען די יידישע מאַסן צו אַ פֿרייען דעמאָ־קראַטישן לעבן: אָפּהיטן און פּראַקטיצירן די דעמאָקראַטישע פֿרייהייטן און אַנווענדן די קאָלעקטיווע אחריות פֿאַר דעם כלל; פּערפֿעקציאָנירן (ווען נוי־טיק, פּראָפֿעסיאָנאַליזירן) די אָרגאַנען פֿון מוניציפּאַלער־און נאַציאָנאַלער־אַדמיניסטראַציע און אָפּהיטן די סוווערעניטעט פֿון דעם פֿאָלק, וועמעס פֿריי־ער ווילן איז דער איינציק־גילטיקער מקור פֿון מאַכט און רעכט.

די מדינה דאַרף צושטעלן פֿאַר דעם אַלעמען די געזעצלעכע ראָם, די אַדמי־

ניסטראַטיווע אָרגאַנען און וויפל מעגלעך די ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע מיטלען. עס איז אָבער די אויפגאַבע פון די פּאַרטייען צו אַנטוויקלען דעם באַוווסטזיין, איינפלאַנצן די ריכטיקע אָריענטאַציע און גענוגענדיקע באַ־האַוונטקייט, דינען אַלס מוסטער און גלייכצייטיק אַלס שולע פון „גוטער בירגערשאַפט" אינערהאַלב די אייגענע רייען.

פון דער סכעמע וואָס שאַפט זיך לויט דעם דאָזיקן קריטעריום, דאַרפן נאָ־טירלעך אויסגעשלאָסן ווערן די קאָמוניסטן, וואָס זענען נישט קיין ישראל־דיקע און נישט קיין דעמאָקראַטישע באַוועגונג, אַלנפאַלס ביז איצט. עס זענען וואַרשיינלעך נאָך פאַראַן אין „חרות" אולטראַ־רעוויזיאָניסטישע עלעמענטן וועמעס אידעאָלאָגיע איז וועזנטלעך אַנטי־דעמאָקראַטיש. שווער צו דעפינירן אין טערמינען פון מאָדערנע פּאָליטישע באַוועגונגען די אגודת ישראל, אין וועלכער די וויכטיקסטע פּאָליטישע פראַגן ווערן דעצידירט דורך אַזאַ ניט־פּאָליטישער קערפּערשאַפט ווי די מועצת גדולי התורה. אַלע איבעריקע פּאַרטייען (איינגעשלאָסן „חרות", פאַר די לעצטע יאָרן) מיינען עס אויפ־ריכטיק ווען זיי פּרעדיקן און פּאַרטיידיקן דעמאָקראַטישקייט. זייער ראָל מוז אָבער אָפּגעשאַצט ווערן נישט לויט דער דעקלאַרירטער שטעלונג צום דע־מאָקראַטישן רעזשים, נאָר לויט דער מאָס אין וועלכער זיי פלאַנצן־איין די אחריות פאַר דעם כלל אין די פאַרשידענע שיכטן וואָס זיי פאַרטרעטן אָדער וואָס זיי שליסן איין: לויט זייער באַציאונג צו גרויסע אַנטוויקלונגס־פּראָ־יעקטן, וואָס ווערן רעאַליזירט אין לאַנד צום נוצן פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג אָדער מיטן אויסזיכט אויף דער צוקונפט און אויף די מאַסן, וואָס וועלן נאָך קומען; און צולעצט, לויט זייער פעאיקייט צו רעספּעקטירן דעם ווילן פון פאָלק און אַרויסרופן רעספּעקט ביי די מאַסן צום פאָלקס־ווילן ווי ער מאַניפעסטירט זיך אין פרייע דעמאָקראַטישע וואַלן.

געוויס זענען, למשל, מפּ"ם און די פּראָגרעסיווע (אומאָפּהענגיקע ליבעראַלן) אויפריכטיקע דעמאָקראַטן. אָבער ווען דאָס פאָלק טיילט זיי צו, אין 6 אַלגע־מיינע וואַלן און אין צענדליקער טיילווייזע וואַלן, אַ זייער באַגרענעצטן פּראָ־צענט שטימען און מאַנדאַטן, האָבן זיי נישט דעם מאָראַלישן מוט אויפצו־טרעטן אַלס מינדערהייטן, וואָס פּאַרטיידיקן מוטיק זייערע אידייען, נאָר באַ־מיען זיך אויפצוקלערן אַז אין תוך גענומען איז עס אַ מיספאַרשטענדעניש, אַז עס קומט זיי פיל־פיל מער איינפלוס און פּלאַץ ווי די ווילערשאַפט האָט זיי אָנפאַרטרויט.

די אָנהענגער פון „חרות" אין די פּראָלעטאַרישע קוואַרטאַלן פון תל־אביב און ירושלים און אין די ישובים פון נייע עולים זענען לײדנשאַפטלעך פאַראינ־טערעסירט אין די פרייהייטן און רעכטן פון דעם דעמאָקראַטישן רעזשים. דאָס יידישע קלײנבירגערטום, וואָס גרופּירט זיך אַרום די אַלגעמײנע ציונים, איז בלי ספק געטריי די אידייען פון דער מערב־אייראָפּעאישער דעמאָקראַ־טיע. אָבער אונדזער רעכטער פליגל האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ סיסטע־מאַטישע קעגנערשאַפט סיי צו דרייסטע סאָציאַלע מאָסמיטלען לטובת די מאַסן סיי צו די גרויסע אַנטוויקלונגס־פּראָיעקטן, נישט אַזוי וויל זיי זענען „איבעריק" אָדער גאָר שעדלעך פאַרן איבערבוי פון לאַנד און פאָלק, נאָר ווייל עס האָט אָנגערירט אָדער קען אָנרירן די באַלדיקע, הײנטיקע אינטע־רעסן פון באַשטימטע גרופּן.

עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין די פאַרלאַמענטאַרישע כוחות־פאַרהעלטענישן כלפּי די רעגירונגס קאָאַליציעס אָדער אין קאָנקרעטער טאָג־טעגלעכער פּאָ־ליטיק. עס האַנדלט זיך אין דעם דערציערישן פּאַרמאַטיוון איינפלוס פון אָט די שטעלונגען, אין דער מאָס אין וועלכער די מאַסן נייע בירגער פון אַ נייער מדינה לערנען זיך צו רעספּעקטירן איינער דעם אַנדערן און במילא זיך אַליין, צו טראַכטן אין טערמינען פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג און קאָלעק־טיווער אחריות.

ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן פאַלט אויך אין דער הינזיכט אַ גרויסע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט אויף מפא"י: זי האָט אָממײסטן געלייסטעט פאַר „דערציען צו גוטער בירגערשאַפט", אין די אייגענע רייען, אין דער הסתדרות, אין דער מדינה. אַלס גרעסטע און דאָמינירנדיקע פאַרטיי האָט זי געקענט און געדאַרפט לייסטן פיל מער. דער פאַקט, אַז מפא"י האָט פאַרווענדעט קאָלאָ־סאַלע כוחות צו בויען, שאַפן און פירן, איז אַ גאַר וואָגיקע דערקלערונג פאַרוואָס זי האָט נישט געטאָן אַלץ וואָס נויטיק (און אין אַ היבשער מאָס — מעגלעך) פאַר דער דעמאָקראַטישער איבערדערציאונג פון פאָלק. עס בלייבט אָבער אָפן די פראַגע צי די ריכטיקע דערקלערונג איז אויך אַ גענוגנדיקע פאַרענטפערונג.

אַלנפאַלס, איז דערלויבט צו קאָנסטאַטירן אַ פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג אויך אויף דעם געביט. די עצם עקזיסטענץ פון ישראל אַלס דעמאָקראַטישע מדינה שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעאַלקייט, אין וועלכער עס וואָרצלען זיך אין די מאַסן און צו וועלכער עס פּאַסן זיך צו פאַרטייען.

כוחות פאַרהעלטענישן אין דעם פאַרלאַמענט

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונגען פון אונדזער פּאָליטישן לעבן איז די סטאַבילקייט פון די כוחות־פאַרהעלטענישן אין דער כנסת.

דאָס פאַרדינט אַ באַזונדערע אויסשעפּנדיקע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג: פאַר־וואָס האָבן די דאָזיקע פאַרהעלטענישן אַזוי ווינציק געענדערט זיך, טראָץ די גוואַלטיקע דעמאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע ענדערונגען אין דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד? פאַרוואָס זענען דורכגעפאַלן אַלע פּרווון פון דורכפירן קאַנדידאַטורן אויף דער באַזע פון דער פאַרטיילונג אויף שבטים און עדהס, הגם זי איז אַזוי שאַרף אין טאָג־טעגלעכן לעבן? ווי דער־קלערט זיך דער מערקווירדיקער פאַקט, וואָס די דריי גרויסע פּאָליטישע לאַ־גערן (אַרבעטער פאַרטייען, בירגערלעכע און רעליגיעזע) באַקומען במשך 18 יאָר כמעט די זעלבע מאַנדאַטן, הגם עס האַנדלט זיך דווקא וועגן „טראַדיצ־יאָנעלע" פאַרטייען, וואָס זענען אויפגעקומען און זיך געפורעמט אין אַ גאַנץ פאַרשידענער באַפעלקערונג און אין אַנדערע אומשטענדן?

מען רעדט ביי אונדז וועגן דעם זייער פיל, אָבער קיין גרינטלעכע אויספאָר־שונג איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן.

מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט אַ פאַרגלייך־טאַבעלע, וואָס איז אַן־און פאַר־זיך באַלערנדיק.

מאַנדאַטן־פּאַרטיילונג אין דער כנסת

	ערשטע צאָל	ערשטע %	צווייטע צאָל	צווייטע %	דריטע צאָל	דריטע %	פערטע צאָל	פערטע %	פינפטע צאָל	פינפטע %	זעקסטע צאָל	זעקסטע %
אַרבעטער פּאַרטייען												
מפא״י	46		45		40		47		42		45 {	
אחדות־העבודה	19 {		15 {		10		7		8			
מפ״ם					9		9		9		8	
רפ״י	—		—		—		—		—		10	
	65	54.2	60	50.0	59	49.1	63	52.5	59	49.1	63	52.5
בירגערלעכע פּאַרטייען												
חרות	14		8		15		17		17		25 {	
ציונים כלליים	7		20		13		8		17 {			
פּראָגרעסיווע	5		4		5		6				5	
	26	21.5	32	26.6	33	27.5	31	25.8	34	28.3	31	25.8
רעליג. פּאַרטייען												
אגודת־ישראל	3		3		6 {		6 {		4		4	
פּועלי אג.־ישראל	3		2						2		2	
מזרחי	4		2		11 {		12 {		12 {		11 {	
הפּועל המזרחי	6		8									
	16	13.3	15	12.5	17	14.2	18	15.0	18	15.0	17	14.2
קאָמוניסטן	4	3.3	5	4.2	6	5.0	3	2.5	5	4.2	{4<1/3	3.3
נייע קאָמ.	—		—		—		—		—			
אַראַבער	2	1.7	5	4.2	5	4.2	5	4.2	4	3.3	4	3.3
לח״י	1		—		—		—		—		—	
ויצ״ו	1		—		—		—		—		—	
תימנים	1		—		—		—		—		—	
ספרדים	4		—		—		—		—		—	
העולם הזה	—		—		—		—		—		1	

רבקה קאַצענעלסאָן

די ישראל בירגערין אין אונדזער צייט

אַ צעשפּאָלטענע אָנגעהעריקייט

אינדיראַ גאַנדי, פּרעמיער מיניסטערן פון אינדיע — דער סוב־קאָנטינענט, וואָס לויט דעם טעמפּאָ פון זיין געבורט־פּרעקווענץ וועט דערגיין אין יאָר 2000 צו אַ באַפעלקערונג פון אַ ביליאָן נפשות, האָט דערקלערט ערשט נישט לאַנג: אַ לאַנד אין וועלכן די פרויען זענען הינטערשטעליק פּאַרלירט דעם שאַנס פון פּאָרשריט; און וואָס מער דער מעמד פון דער פרוי שטייגט אין דער געזעלשאַפט, שטייגט־מיט דער לעבנס־ניוואָ און די קולטור פון יענעם לאַנד.

דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער „אני מאמין" איז נישט ניי; אין אייראָפּע און אין די פּאַראייניקטע שטאַטן איז ער שוין אַרויסגעשווומען נאָך צוריק מיט 100 יאָר, היינט האָבן אים זיך אַדאָפּטירט מיט התלהבות, לכל הפחות פונעם טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, די זיך אַנטוויקלנדיקע לענדער אין אַפריקע, אַזיע און לאַטיין אַמעריקע. אָבער עס שטעלט זיך אַלץ מערער אַרויס: די פרויען־פּאָרשריט איז אָפּהענגיק אינעם ווילן פון די פרויען אַליין צו אינטעגרירן מיט דינאַמישן טעמפּאָ אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ביי זיך אין פאָטערלאַנד. און אַ באַוווסטזיניקע און עקשנותדיקע מיטאַרבעט, וואָס טוט באַזייטיקן די ווענט, וואָס טיילן פונאַנדער צווישן ביידע געשלעכטן אויפן געביט פון מענטשלעכער טעטיקייט, וואָס שפּאַרט־אַרויס פון די ד' אמות פון משפּחה און היים — איז אַ ספק אויב גוטער ווילן און לאָגישע פּראָקלאַמאַציעס שטויסן־פאָר דעם ענין אויף אַן אַרומנעמענדיקן קאָנקרעטן אופן.

עד כדי כך, אַז אין צוויי עק וועלט, אין קיניגרייך פון דער רוישנדיקער פאַבריקאַציע און הויכן לעבנס־ניוואָ, וואָס איז אָן אַ שום פּרעזידענט — אין אַמעריקע, האָט זיך געהערט אין אָנהויב די זעכציקער יאָרן אַ מאָדנע טענה: די צפון־אַמעריקאַנער פרויען נעמען נישט קיין אָנטייל אין דעם וואָס עס קומט פאָר אין זייער לאַנד. זיי נוצן נישט אויס זייער בילדונג

לטובת דעם פֿאָטערלאַנד. זיי שליסן זיך אָפּ אין דער פּוסטקייט פֿון זייער שטוב־אַרבעט, און אויף אַ געקינצלטן אויפֿן טרייבן זיי איבער די „מיסיע" פֿון אַ בעל־ביתטע און מוטער פֿון דער משפּחה. דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק פֿאַרלירט דורך דעם, און אויך זיי אַליין, די פֿרויען, פֿאַרדערבן זייערע מעגלעכקייטן און פֿעאיקייטן (בעטי פֿרידן „דאָס פֿרויען רעטעניש", 1962).

דעריבער זעט־אויס די הונגעריקע און צוריקגעשטאַנענע אינדיע און די איבער דער מאָס זאַטע צפֿון־אַמעריקע, וואָס רייסט מיט זיך מיט די וועלט מיט איר עקאָנאָמישן פֿאָרשריט, ווי זיי וואָלטן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון פֿרוי און איר אָנטייל אין דער געזעלשאַפֿט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. זייער אָנטייל אין פֿורעמען דעם כאַראַקטער פֿון דער געזעלשאַפֿט איז נישט לויט דעם געוויכט פֿון דער העלפֿט באַפֿעלקערונג אין זייער פֿאָטערלאַנד, און זייער חסרון אין באַשטימען דעם גורל פֿון זייער לאַנד — לאָזט זיך פֿילן און טוט באַזאָרגן.

דאָס גלייכן אין ישראל. לויטן מעמד פֿון דער פֿרוי אין דער וועלט — ווערט ישראל פֿאַרעכנט אַלס אַ פֿאָרטשריטלעכע מדינה. אָבער אויך פֿאַר אַן אויג, וואָס דרינגט נישט טיף אַריין, איז בולט דער ספּעציפֿישער פֿאַקט פֿון צעשפּליטערונג, פֿון דיסטאַנץ אין דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, און אין איר די פֿרויען באַפֿעלקערונג. ביי די שיכטן וועלכע מען קאָן קאָנפֿראָנטירן מיט דער ענלעכער געזעלשאַפֿטלעכער, עקאָנאָמישער־און קולטורעלער־שיכטונג, אין אַ דינאַמיש אינדוסטריע־לאַנד, ווי אַמעריקע, זענען נאָך אַלץ פֿאַראַן שיכטן, וואָס וועקן זיך ערשט פֿון דורותדיקן שלאָף און שטייען אין פֿאַמעלעכע פּראָצעסן פֿון אינטעגראַציע, וואָס ווערן אין ישראל אָנגערופֿן „קליטה און מיזוג פֿון שבטים און עדהס". די בוליטע צעשפּליטערונג איז חל סיי אויף מענער און סיי אויף פֿרויען; דאָס פּאַראַדאָקסאַלע אין דער ישראל־ווירקלעכקייט, פֿון זייט די מדינה איז אויפֿגעקומען, איז אפֿשר דער פֿאַקט, אַז די כוואַליעס פֿון דער מאַסן־עליה פֿון די צוריקגעשטאַנענע איס־לאַם־לענדער האָבן מיט זיך געבראַכט הונדערטער טויזנטער פֿרויען און מוטערס, וואָס די פֿעאיקייטן זייערע זיך צוצופּאַסן און באַנעמען די נייע ווירקלעכקייט זענען נאָך קלענער געווען פֿון די מענערס; טראָצדעם דוכט זיך, אַז אויף דער שוועל פֿון צווייטן צענדליק פֿון דער מדינה — האָבן די פֿרויען פֿון „צווייטן ישראל", דאָס ישראל וואָס האָט זיך געשאַפֿן נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה, פֿון די עולים שיכטן, וואָס זענען געקומען פֿון די אַראַבישע לענדער, דערגרייכט בולטע און צוזאָגנדיקע דערגרייכונגען מער

ווי די מענער. דאָס איז נישט קיין צופאַל. דער אונטערטרייבנדיקער כוח צום איבערגאַנג און צו דער מער עלאַסטישער אינטעגראַציע דינען אפשר די פרויען־אייגנשאַפטן פון נאָכמאַכן, צופּאַסונגס־פעאיקייט, און דורשט נאָך וויסן פון די פרויען אַליין. צוזאַמען מיט דעם דאַרף מען צוגעבן אַ היסטאָרישע חשיבות דער ווערטפולער הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן די פרויען־נייע־עולות דורך די אַלטגעזעסענע פרויען אין ישראל — אין דער ראַם פון פרויען־אָרגאַניזאַציעס און דורך זיי, הויפּטזעכלעך דורך דער מועצת הפועלות און אירע פאַרצווייגטע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דער דאָזיקער גרויסער אויפגאַבע מיט אַ פרויען ערלעכער און עפעקטיווער איבערגעבנקייט. אין דער אָדער אין יענער מאָס האָבן אויך געווירקט איינצלנע פרויען פון אַלטן יישוב צו פאַרשנעלערן די אינטעגראַציע־פּראָצעסן צווישן ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג: יינגע לערערקעס מאָביליזירטע דורך צה״ל, עלטערע פרויען וואָס זענען אַרויס צו לערנען די שפּראַך אין די פאַרשטעטט און אין די דערפער פון די נייע עולים, און יעדע אַנדערע אָפענע און באַהאַלטענע טאַטן. די פרויען פון די נייע עולים, הויפּטזעכלעך די יונגע, האָבן על־פּי־רוב אַרויסגעוויזן פעאיקייט פון שנעלער אויפפאַסונג.

טראָצדעם קען מען נאָך נישט רעדן וועגן דער ישראל פרוי ווי וועגן אַ נאַציאָנאַל איינהייטלעך געשטאַלט. דער געזעלשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער תּהום, חוץ די נאַציאָנאַלע און עדהס קען־סימנים און אַ געוויסע צעשפּליטערונג לויט זייערע שטאַם־לענדער אין דער פאַרגאַנגענהייט — אַלע זענען נאָך פאַראַן ביז היינט אין ישראל. אויף אַביסל אַן איינפאַכן אופן וועלן מיר קענען באַמערקן פיר שיכטן פרויען אין ישראל, און יעדע שיכטע פאַרמאָגט אַ מין אייגענעם „פּרצוף״. צווישן די פיר זענען פאַרשטייט זיך פאַראַן קעגנזייטיקע באַציאונגען און טרעף־פּונקטן; די פאַרלויפנדיקע צייט און די אינטעגראַציע־פּראָצעסן, וואָס הערן נישט אויף, וועלן, קען זיין, היינט מילדערן אייניקע צעשייד־שטריכן. אָבער דערווייל וועלן מיר רעדן וועגן דער ישראל פרוי אין דער העלפט פון די זעכציקער יאָרן, לויט די פיר בולטע „פּרצופים״ זייערע: דער דור פון מוטערס אין ישוב; דער דור פון טעכטער, וואָס אויך ער געהערט צום „ערשטן ישראל״; פרויען פון נייע עולים, הויפּטזעכלעך פון די איסלאַם־לענדער, וואָס בילדן דעם דאָמינירנדיקער דור פון דער כלל עליה פון זייט די מדינה איז אויפגעקומען; די פרויען פון דער אַראַבישער־און דרוזישער־מינדערהייט, אין גרויסן טייל זענען זיי נאָך אַלץ אַ דאָרפיש־אַגראַר באַפעלקערונג.

מיר וועלן זיך פאַרשטייט זיך קאָנצענטרירן אויף די אַלגעמיינע און בולטע ספּעציפֿישע סימנים. יעדע געזעלשאַפט פאַרמאָגט איר אייגענע „פאַר־שטעט״: טיילן, וואָס גיסן זיך נישט צונויף מיטן הויפּט־מוסטער, געשטאַלטן, וואָס זענען יוצא־דופנדיק, גורלות, וואָס גייען אַרויס פון די אָנגענומענע ראַמען, נאָר וואָס דער אויסנאָם שטרייכט־אונטער דעם כלל, און אין ראַם פון דעם־אָ אַרטיקל וועלן מיר קענען אַרומנעמען נישט מער ווי דעם עיקר אין זיינע אַמיינסטנס בולטע אייגנשאַפטן, פאַראַנונגען און ווונטשן.

דער מוטער־דור פון אַלטן ישוב

אין משך פון 100 יאָר ציוניסטישע אויפלעבונגס־אַנטוויקלונג, פון זייט די ערשטע ביל״ו צייטן, דורך דער צווייטער־און דריטער־עליה, די אויסקריס־טאַליזירונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, ביז צו די ערשטע וואַלן צו דער כנסת מיטן אויפקום פון דער מדינה, האָבן די פּרויען־חלוצות פאַרמאָגט אַ שליסל־ראָל אין אויפבוי פון לאַנד. די דאָזיקע אָנערקענטע־און בכבודיקע־ראָל, וואָס האָט צוגעהאָלפן די יידישע פרויען אין אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע בייקומען זעליש און פיזיש דעם שטאַרקן עקאָנאָמישן מאַנגל, שווערע לעבנס־באַדינגונגען, קרענקען און גזרות, וואָס האָבן זיי משתף געווען אין די אַלע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט־אַרבעט — האָט אַ ביסל אָנגעוואָרן איר גלאַנץ זינט דעם אויפקום פון דער מדינה. נישט ווייל די ראָל איז איבעריק געוואָרן אינעם ישראלדיקן מעשים־געוועב; נאָר — זי איז צייטווייליק אָפּגערוקט געוואָרן פון די אַריינדרינ־גונגס־פּראָצעסן פון דער יידישער פרוי אין אַלע קעמערלעך פון דער אויפבליענדיקער געזעלשאַפט אין לאַנד. דווקא אין די ערשטע יאָרן, ווען די אַנשטאַלטן פון דער מדינה און די ישראלדיקע עקאָנאָמישע ווערזנס, זענען אַנטשטאַנען, האָט די יידישע פרוי פון אַלטן ישוב זיך קאָנצענטרירט אויף כמעט אַן איינציקע היסטאָרישע אויפגאַבע, אין וועלכער זי האָט געזען, און מיט רעכט, דעם הויפּט־פּרוּוו פונעם יינגן ישראל מיט די נאַציאָנאַלע אַרויס־רופונגען, וואָס איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן: ווי מעגלעך אינטענ־סיוו טעטיק צו זיין ביים אויפנעמען מאַסן עולים, וואָס זענען געקומען אָן מיטלען פון די איסלאַם־לענדער. די דאָזיקע מאַסן זענען אויך אין זייערע אָפּשטאַם־לענדער געווען פאַרלאָזן און דיסקרימינירט. אויף דער פאָן פון יינגן ישראל מיטן אַלטן ישוב בראש — מיטן קולטור פאַרמעג, מיטן לעבנס־שטייגער און מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג צו וועלכע דאָס לאַנד איז

דערגאַנגען אין לויף פון די אויפבוי יאָרן — איז נאָך מער בולט געוואָרן די פאַרלאָזנקייט און די צוריקגעשטאַנענקייט. דער ספּעקטאַקל פון דער היסטאָרישער באַגעגעניש איז געווען געווען דראַמאַטיש. עס האָט נישט געפעלט רעאַגירונגען פון פאַרצווייפלונג און אנטוישונג פון ביידע זייטן — די אויפנעמער און די אויפגענומענע. דער פּראָבלעם פון אינטעגראַציע וועט נאָך ווייטער מאַטערן די ייִנגע מדינה לכל הפּחות אַ דור אָדער צוויי. קען זײַן, אַז ישראל וועט פאַרבלייבן אַ מדינה מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג צוזאַמענגעשטעלט פון עדות און שבטים, וואָס אונטערשיידן זיך איינער פון צווייטן מיט ירושה־און אַפּשטאַם־שטריכן. פונדעסטוועגן לאָזט זיך שוין היינט פעסטשטעלן מיט זיכערקייט, אַז ווען עס וואָלטן אויף זיך די „מוטערס״ פונעם אַלטן ישוב, געוועזענע חלוצות, אין שטאָט און אין דאָרף, נישט גענומען די „קליטה״ ווי זייער הויפּט־געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, טיילווייז — מיט אַ מוסטערהאַפטע פּרייוויליקייט — וואָלטן די אינטעגראַציע־פּראָצעסן געגאַנגען פּאַמעלעך און וואָלטן אונדז טאָפּלט באַזאָרגט.

אין די אָנשטערענגונגען פון אויפנעמען נייע עולים פון די מזרח לענדער, זענען אַריינגעלייגט געוואָרן די בעסטע כוחות, אַן אומאָפּשעצלעכע פּרויען־ענערגיע, איבערגעבנקייט ביים קאָנצענטרירן זיך אויף דער אויפגאַבע פון יחיד, וואָס האָט געפּאָדערט ענערגיע, קאַפּיטאַל, גלויבן, פלייסיקייט און רחמים. דאָס אַלץ האָט געפּאַסט די פּרויען־אייגנשאַפטן און זייער טואונג, און דאָס אַלץ האָט באַגלייט דער גלאַנץ פון געפיל פאַר דער גרויסער אַרבעט אין דער ריכטיקער שעה.

אָבער, אויף דער שוועל פון דריטן צענדליק פון מדינת־ישראל, זעען די „מוטערס״ פאַרויס אַ געוויסע מידיקייט — דער רוב פון זיי האָבן זיך אין צווישן געעלטערט, פון דער מאַסן עליה האָט זיך אויסגעלאָזט געציילטע עולים, וואָס קומען פון די אייראָפּעאישע און לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, מיט וועלכע עס פאַרנעמען זיך די אָנערקענטע אַנשטאַלטן פון דער ייִדישער אַגענץ און פון דער ישראל רעגירונג. אין די הענט פון די עלטערע פּרויען פונעם אַלטן ישוב ליגט נאָך אַלץ דער רוב פּאָסטנס און פּאָזיציעס אויפן אָנערקענטן געזעלשאַפטלעכן פלאַך. אָבער אויף דעם געביט איז קאָנטיק אין לעצטן צענדליק אַ בולטער ריקצוג. דערווייל זענען צוגעקומען אַנשטאַלטן, עס האָבן זיך פאַרגרעסערט די געזעלשאַפטלעכע באַדינונגען, עס זענען געוואַקסן די געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן. זיי האָבן נישט אויפגענומען קיין סך פרויען. די אַלטגעזעסענע זענען דאָ און דאָרט פאַרבליבן אויף זייערע

פּאַסטנס אַלס פאָרשטייערקעס פונעם פּרויען־ציבור אין לאַנד; די יונגע זענען נאָכנישט געקומען צום באַוווסטזיין, צום דראַנג און צום אויסוואַל זיך צו פאַרנעמען מיט די צרכי ציבור אין איינקלאַנג מיט זייער צאָל, וואָס באַ־שטייט פון אַ האַלבער באַפעלקערונג, אין איינקלאַנג מיט זייער פעאיקייט און בילדונג.

האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז די מוטערס האָבן פאַרנאַכלעסיקט די געלעגנ־הייטן צוליבן אָפּגעבן זיך צו שאַפן קליטה־און סאָציאַל־דערציערישע אינסטרומענטן פאַר די צוריקגעשטאַנענע שיכטן עולים; די טעכטער דער־קעגן פאַרמאָגן נישט קיין בולטע נאַציאָנאַלע־און געזעלשאַפטלעכע־פאַר־לאַנגען צו באַטייליקן זיך מיט מער ענערגיע און אַרויסצווייזן אַ באַוווסט־זיניקע געזעלשאַפטלעכע באַציאונג — צו דעם וואָס גייט און שאַפט זיך אין דער מדינה אויפן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביט.

אויף דעם דאָזיקן צווישן־וועג שטייט היינט די פרויען־באַפעלקערונג פונעם „ערשטן ישראל”. פון איין זייט איז אין דער דאָזיקער באַפעלקערונג פאַראַן דאָס מוסטערהאַפטע געשטאַלט פון דער אַלטגעזעסענער חלוצה, וואָס איז עד היום, אין משך פון כמעט פופציק יאָר — די פרויען־עליטע אויך אין דער פאָרשטייערשאַפט פון דער אָנערקענטער ישראל־עפנטלעכקייט פאַר און נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה; פון דער צווייטער זייט — איז אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן דער דור פון טעכטער און עס איז קלאָר געוואָרן דער באַוווסטזיין, אַז ער דאַרף אויך זיין דער „יורש־דור” און דער פאַרברייטערער פון די געזעלשאַפטלעכע דעראָבערונגען דורכן „מוטעס”־דור. דער דאָזיקער באַוווסטזיין האָט זיך לעצטנס בולט באַוויזן אויף דער ניינטער פּועלות־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1966. מער ווי עס האָבן די מוטער־דעלעגאַטן געזאָרגט פאַרן המשך פון זייערע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס, איז געוווּנדערט געוואָרן זייער אָפענער און ערלעכער ווונטש צו זען אין די טעכטער זייערע נאָכפאָלגערינס, אַריינדרינגענדיק אין דער פאַר־צווייגטער ישראל־טוּאונג מיט באַנייטער ענערגיע און מיט באַוווסטזיין אינעם ביישטייער, וואָס זיי וועלן קענען געבן ביים אויספורעמען די מדינה אין דריטן צענדליק פון איר עקזיסטענץ.

ווי אַן איבערצייגנדיקן הינטערגרונט פאַר דעם צוועק, האָט מען אַלס ביישפּיל אָוועקגעשטעלט דעם „צוריקגאַנג”, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די וואַלן אין יאָר 1965:

טראָץ דעם ריזן וווּקס פון דער פרויען־באַפעלקערונג איז פאַרבליבן די צאָל חברטעס אין כנסת ווי זי איז געווען ווען די מדינה איז אויפגעקומען: 10 צווישן 120. ווייניק פרויען זענען געוועלט געוואָרן צו די מוניציפּאַלי־טעטן, טראָץ דער אָנגעזאַמלטער אָרגאַניזאַציאָנעלער דערציערישער און סאָ־ציאַלער פּראַקטיק, וואָס זיי האָבן זיך צוגעאייגנט אינעם קליטה־וועזן צווישן די עולים. קיין איין פרוי איז נישט געוועלט געוואָרן צום וועד המרכזי פון הסתדרות העובדים, טראָץ די טראַדיציע פון יאָרן. עס איז באַשרענקט דער פרויען־כוח אין פּראָפ־פאַראיין, אויף די פּאָזיציעס פון די עקאָנאָמישע און פינאַנסיעלע, געזעלשאַפטלעכע און הסתדרותישע דירעקציעס, וואָס זענען היינט אַ פאַרשידנאַרטיק פאַרצווייגט וועזן. די פרוי אין ישראל זעט זיך אויך נישט אָן אין פּריוואַטן סעקטאָר. אמת טאַקע, אַז צענדליקער טויזנטער פרויען אַרבעטן מחוץ דער היים — אָבער די דאָמינירנדיקע מערהייט בלייבט אויף די נידעריקע שטאַפּלען פון די אַרבעטס־פּלעצער און פילן־אויס קליינע אויפגאַבן. די ישראל פרויען געפונט מען נישט אויף די דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס, זיי זעען זיך נישט אָן אין דינאַמישן הויז פון דער ישראל וויסנשאַפט. אייניקע זענען טאַקע ריכטערינס, אָבער דער רוב לערערקעס אין נידעריקע קלאַסן פון די עלעמענטאַר־שולן. גרויס איז די צאָל פון קראַנקן־שוועסטער — און קליין איז די צאָל פון דאָקטאָרקעס. גרויס איז די צאָל פון זשורנאַליסט־קעס נאָר אויסער געציילטע אויסנאַמען געפינען זיי זיך אויפן ראַנד און קאָנצענטרירן זיך אויף די רובריקן פאַר פרויען. דער הויפּט־כוח פון פרויען פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה האָט זיך אַנטפּלעקט אין אויסנוצן די אינערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון די „פרויען אָרגאַניזאַציעס" און די טעטיקייט אין זייער תחום. דורך דעם איז איינגעשרומפּן געוואָרן דער פּאָטענציאַל פון דער פרויען השפעה אין די לעצטע יאָרן.

דער דור פון טעכטער אויף דער אַרענע

ווי אַ סך דערשיינונגען, וואָס באַצייכענען דאָס היינטיקע ישראל, פאַרמאָגט אויך דער פרויען „צוריקגאַנג" אין אָנהויב דריטן צענדליק פון דער מדינה — אַ צעשפּאָלטענעם פּרצוף, און מען קען אים נישט זען אין זיין אָנזעעוודיקער פשטות.

דער פּאָרטרעט פון די טעכטער אין דער יינגער מדינה איז אַן אַנדערער ווי דער פון די מוטערס, וואָס זייער פּערזענלעכקייט און וועלט האָבן זיך אויס־

געפורעמט אין דער תקופה פון יידישן ישוב איידער די מדינה איז אויפ־געקומען.

דער דאָזיקער נייער דור איז צוזאַמענגעשטעלט פון יינגע מוטערס און דער־וואַקסענע מיידלעך. פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט איז ער נאָכנישט אָנ־זעעוודיק אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, אָבער עס איז קאָנטיק זיין וויטאַליטעט, זיין געזונטקייט און זיין פעאיקייט.

ביי אַ העלפט פון דעם נייעם דור געהער צו דער אַלטגעזעסענער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג מיט אַ הויכן לעבנסטאַנדאַרט. אַ גרויסער פּראָצענט פון די דאָזיקע פרויען האָט באַקומען אַ געהעריקע בילדונג: מיטל־שול, נישט קיין קליינער טייל פון זיי איז אויך דערגאַנגען צו הויכער ביל־דונג און אַפילו צו אַקאַדעמישע פּראָפעסיעס. מען קען נאָך טאַקע אונטער־שיידן צווישן שטאָטישן און דאָרפישן לעבנשטייגער אויך אינעם אַלטן יש ־ראל. יינגע פרויען און דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס געהערן צו דער קיבו־צישער באַפעלקערונג — לעבן אַן אַנדער לעבן ווי די מיידלעך אין די שטעט און אין די שטאָטישע פאַרשטעט. די השפעה פון דער קיבוצישער־און מושב־אָנגעהעריקייט איז קלענער ווי ס׳איז געווען אין פריערדיקן דור, און בלויז געציילטע יונגע פרויען צייכנען זיך אויס היינט אַלס טרעגער פון פרויען־אידייאָלאָגיע, וואָס דינט ווי אַ מוסטער און אַ צוציאונגס־קראַפט, אַריינ־רעכנענדיק אויך יענע פון די שטעט. דערקעגן איז פאָרגעקומען אַן אויסער־לעכע דערנענטערונג צווישן די דאָרפישע און שטאָטישע פרויען, און עס זענען פאַרשווינדן די וועזנטלעכע קען־סימנים, וואָס טיילן פונאַנדער די „טיפּאָלאָגיע" פון די קיבוצישע־און מושב־טעכטער און פון די תל־אביבער און חיפהער טעכטער. בעיקר פאַראייניקט די אונטערשידן, וואָס זענען געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט — דער הויכער לעבנסטאַנדאַרט, וואָס גייט היינט אָן. דער לעבנסטאַנדאַרט ברענגט מיט זיך ווילן, באַגריפן, געוווינהייטן און דערשיינונגען, וואָס פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן כלל פרויען אין ישראל אין אַן איינהייטלעכקייט און נישט בלויז די טעכטער פון אַלטן ישוב; אויך די טעכטער, וואָס זענען געבוירן אָדער רייף געוואָרן אין ישראל ביי עלטערן־עולים, זוכן און געפינען זייער וועג אין דער אָדער יענער מאָס איינצוגלידערן זיך אין דער־אָ עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכע „אַלגעמיינקייט". די פונאַנדערטיילונגס־שטריכן, וואָס זענען געווען זייער קאָנטיק צווישן די פרויען־טעכטער פון אַלטן ישוב און צווישן די מוטערס, וואָס זענען עולה געווען פון די איסלאַם־לענדער, און נישט איינמאָל האָט עס אויסגעזען ווי־

אַן „אָפּענער אָפּגרונט״, ביי וועלכן ס׳איז אוממעגלעך צו דערנענטערן ביידע ברעגעס, זענען פֿאַרשוווּנדן אין אַ איבעראַשנדיקער מאָס פֿון שנעלקייט שוין ביים דור פֿון די טעכטער. די סאָציאַלע שיכטונג איז נאָך אַלץ נישט אַן איינהייטלעכע, אין ישראל געפֿינען זיך דיסקרימינירטע שיכטן און דערקעגן שיכטן, וואָס פֿירן אַ לוקסוס לעבן; אָבער די פֿאָלקס שיכטע, און זי איז אויך די גרעסטע — „פֿאַרוּנדעט״ מיט אַן איבעראַשנדיקער שנעלקייט די שפּיצן פֿון די פֿונאַנדערטיילנדיקע עקן, און קיריסטאַליזירט זיך אויס אין אַ רעפּרעזענטאַטיוו געשטאַלט פֿון „דער הייַנטצייטיקער ייִנגער ישראל טאָכטער״.

נישט ווייניק האָט צו דעם פֿאַרשנעלערטן פּראָצעס צוגעהאָלפֿן יענע איבערגעגעבנקייט צו דער דערציִערישער־און סאָציאַלער־קליטה, וואָס, די „מוטערס״ האָבן אַרויסגעוויזן פֿון זייט דעם אויפֿקום פֿון ישראל ביזן הייַנטיקן טאָג; דער דור פֿון מיידלעך, וואָס איז אויסגעוואַקסן און איז רייף געוואָרן אין די גרענעצן פֿון דער מדינה, האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפּישן ייִדישן דורשט נאָך וויסן און אינטעגראַציִע פֿעאיקייט, אָן אונטערשיד פֿון עדהס־אָנגעהעריקייט, צום „מערב״ אָדער צום „מיזרח״. דער אַלגעמיינער לעבנסטאַנדאַרט איז געשטיגן אין דער מדינה און האָט צוגעהאָלפֿן דער רעגירונג צו אונטערשטיצן אַ וואַקסנדיקע עפּנטלעכע מיינונג צו ווידמען פֿאַנטאַזיִע און קאַפּיטאַל אויפֿצושטעלן אַ טעאָרעטישן־און פּראַקטישן דערציִאונגס־וועזן אויך אין די דערווייטערטע אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען. נישט איינמאָל האָבן די טעכטער אַרויסגעוויזן פּרוּווען פֿעאיקייט פֿון פֿאָרטשריט, אַפֿילו אַ גרעסערע ווי ביי מענער אין זייער עלטער. די דאָזיקע פֿעאיקייט פֿון זיך איינוואָרצלען אין דער נייַער סביבה איז געהאַמעוועט געוואָרן אין אַ סך פֿאַלן צוליב עפּעס געבוירטן און דערמידלעכער לאַסט פֿון אַרבעט אין דער פֿיל נפֿשותדיקער משפּחה. אָבער דער פּראָצעס אַליין איז דינאַמיש און אַ נישט־אויפֿהערנדיקער.

אויסערלעך רייסט זיך אָפּ דער דור טעכטער פֿון אַלטן ישוב פֿון די דעקלאַרירטע אידעאַלן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין די צייַטן פֿון חלוצות־דור (אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופֿן זענען די דאָזיקע אידעאַלן נענטער צום האַרצן פֿון די ייִנגע פּרוּוען אין די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען און אין די עולים־דערפֿער פֿון ישראל). פֿונדעסטוועגן אַנטפּלעקן זיך אויך ביי די טעכטער פֿון די אַלטע שטעט און דערפֿער שטריכן פֿון המשכקייט. דערווייל אפשר מער באַהאַלטן ווי אָפֿן.

די טעכטער זעען אַנדערש אויס ווי די מוטערס, בעיקר — אין זייער אויסערלעכן דערשיינען. עס איז פֿאַרשווּנדן ביי זיי די אָנגעהעריקייט צום טראַדיציאָ־

נעלן אויסזען פון דער יידישער פרוי אין מיזרח־אייראָפּעאישן גלות, פון וואַנען ס׳איז עולה געווען אין לאַנד אַריין דער דאָמינירנדיקער רוב פון מיידלעך־חלוצות אין די יאָרן פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה. די סיבות פון דער בולטער ענדערונג דאַרפן מען זען אין קלימאַט, אין דער שפּייז, אין לאַנד־שאַפט און לעבנשטייגער, מיט אַ צוגאָב פון אָרטיקן סאָרט און ניואַנס, וואָס מען קען אפשר זען ווי אַ טייל פון מיטל־ימישן ראַיאָן. דער המשך פון פאַר־וואָרצלען זיך און צונויפגיסן זיך פון עדהס וועט מן־הסתם נאָך מער צוגעבן צום אויספורמירן דעם אויסערלעכן מיטל־ימישן אויסזען פון דער ישראל פרוי אין דער נאָענטער צוקונפט. על כל פנים, די יינגע ישראל פרוי איז פיזיש און גייסטיק געזונט, חינעוודיק און שלאַנק, פעאיק און פלייסיק. איר כאַראַקטער איז אַ זעלבשטענדיקער — צו דעם העלפן צו די חדשים דינסט אין צה״ל, אַ שטיקל תקופה, מיטן אָנפאַנג באַפרייען זיך פון דעם שנעלן וווקס פון לעבנסטאַנדאַרט און דאָס צייטווייליקע אָפּנויגן פון דער אַרבעט און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין איר לעבנשטייגער, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש און אָנגענומען געווען ביים דור מוטערס אין אַלטן ישוב. און אויך צוליב ווייניק מעגלעכקייטן אין די ערשטע יאָרן פון מדינת־ישראל זיך איינצוגלידערן מיט עפעקטיווקייט אין די פאַרשידענע עקאָנאָמישע פאַכן — איז געפאַלן די צאָל אַרבעטנדיקע פרויען אין ישראל אין פאַרגלייך מיט די אינדוסטריע־לענדער אין אייראָפּע. נאָך אַ גורם, וואָס האָט געבראַכט צו דעם, איז פאַראַן אין דער טעטיקהאַפטער מוטערשאַפט במשך אַ 15 יאָר, ביי די ישראל פרויען, וואָס האָבן עולה געווען פון מיזרח, און די פאַרמערונג פון צאָל קינדער אין דער משפּחה. אין די לעצטע יאָרן איז קאָנטיק אַ טענדענץ איינצוגלידערן זיך אין דער לוין־אַרבעט אין גרויסע צאָלן. אַ דערמוטנדיקע געזעצגעבונג פון דער רעגירונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין די זעכ־ציקער יאָרן אונטערן דרוק פון די חברטעס אין כנסת, און די געזעלשאַפט־לעכע עפנטלעכע פרויען־מיינונג (אַ גלייכער לוין פאַר גלייכע אַרבעט, פאַר־שריטלעכע פאַרזיכערונגס־געזעצן פאַר מוטער און קינד, געצאָלטע געבורט, וואַקאַציע א.ד.ג.) און אויך די דינאַמישע אַנטוויקלונג פון דער ישראל־ווירטשאַפט און איר כסדרדיק פאָדערן אויסגעשולטע פאַכלייט — טרייבן הדרגהדיק אונטער די צאָל פרויען, וואָס גלידערן זיך איין אין דער לוין־אַרבעט אויסערהאַלב זייערע היימען.

די ציפערן אויף דעם געביט זענען באַלערנדיק:

דער פּראָצענט פון אַרבעטנדיקע פרויען אין 1955 איז געווען 25.2% פון

דער אַלגעמיינער צאָל פרויען אין ישראל; אין 1964 איז געווען 28.5% פון דער אַלגעמיינער צאָל פרויען אין ישראל; דער פּאָרגעזעענער פּראָצענט אין 1969 איז 30.4% פון דער אַלגעמיינער צאָל פרויען אין ישראל.

היינט־צו־טאָג אַרבעטן 52.9 פּראָצענט פון אַלגעמיינעם פּראָצענט, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די באַדינונגען; 1.0% ביי בוי־אַרבעט; 0.4% ביי דער עלעקטריציטעט, 10.7% ביי לאַנדווירטשאַפט; 18.9% ביי אינדוסטריע.

ביי די באַדינונגען לאָזט זיך באַמערקן אַ פאָלגנדיקע איינטיילונג:

פרייע פּראָפעסיעס — 21%; דירעקציע און אַמטן 17.6%; האַנדל און איינגעשטעלטע 8.7%.

אָבער דער באַזאָרגנדיקער פאַקט איז, אַז אויך אין 1965 איז דערגאַנגען די צאָל פאַכלאָזע אַרבעטערינס אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצענט פון אַרבעט זוכערינס אין ישראל צו 70%. דאָס איז דער שווערפּונקט צו וועלכן ס'איז געווענדעט היינט די מערע אויפמערקזאַמקייט פון די פרויען־אָרגאַניזאַציעס און אין זייער שפּיץ די מועצת הפועלות. די נעץ פון הכשרה־צענטערס, וואָס זי האָט אויפגעשטעלט בשותפות מיטן אַרבעטס־מיניסטעריום און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן צו געבן פאַך־אויסבילדונג יינגע פרויען און מיידלעך, איז היינט דער אַלגעמיינער ישראלדיקער ברענפּונקט, און וואָס מער זי וועט מצליח זיין צו געבן פאַכבילדונג צענדליק טויזנטער מיידלעך — וועט עס ברענגען אַ וועזנטלעכע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור פון דער יונגער פרוי אין ישראל.

*

דער פאַקט פון היינטערשטעליק זיין אין פאַך־קענטעניש אין דער בילדונג פון פרויען און מיידלעך אין די ברייטע פאָלקס־שיכטן און דאָס ווייניק איינגלידערן זיך אינעם עקאָנאָמישן־וועזן פון דער ישראל־ווירטשאַפט, פאַרמיידט נישט, אַז יינגע פרויען זאָלן זיך אויסצייכענען שוין היינט אין פאַרשידענע פאַך־פּאָזיציעס. פונדעסטוועגן — איז נאָך דער גרויסער טייל אין שאָטן. די ישראל עפנטלעכקייט הערט נישט קיין סך וועגן זיי, און נישט פון זיי, און זיי אַליין ווייזן אַרויס אַ קליינע נטיה פאַר טעטיקייט און השפעה אויף דער פאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער פאַקט איז נאָך מער בולט אויף דער פאַן פון פילן דעם חוב און פונעם געזעשאַפטלעכן טעטיקייטס־

ווילן, וואָס באַצייכנט דעם מוטער־דור במשך פופציק יאָר ביז צום היינ־טיקן טאָג.

אַזוי־אַרום געפינט זיך די ייִנגע ישראל פרוי אין דער העלפט פון די זעכ־ציקער יאָרן — אויף אַ געוויסן שיידוועג. דער מוטער־דור פאַרענדיקט זיין טעטיקייטס־קרייז מיט אַ ציוניסטיש־חלוצישער ביאָגראַפיע הינטער זיך, וואָס איז פול מיט מעשים און מאָביליזירונג צו גרויסע היסטאָרישע אויפ־גאַבן; דער טעכטער־דור ווידער האָט נאָך אַלץ נישט געפונען זיין וועג צו זעלבסטאויסדרוק. קען זיין, אַז דווקא דער היינטיקער אונטערטרייבנדיקער קול פון די מוטערס — צו זען אין די טעכטער „די געהעריקע המשכקייט״, און אויך אַ מין געפיל פון דורכפאַל אַנטקעגן דעם קליינעם כוח פון השפעה, וואָס די פרוי פאַרמאָגט אין דער ישראל־טעטיקייט, וואָס קומט פורמירן דעם עקאַנאָמישן־און קולטורעלן־לעבנשטייגער — ווען דינען צו פאַרשנעלערן דאָס דערשיינען פון דער יונגער פרוי אויף דער לעבנס־אַרענע מיט מער כוח און מיט גרייטקייט צו ענדערן נישט געוווּנטשענע דערשיינונגען.

פאַרשידענע סימנים זאָגן קלאָר עדות אויף דעם דאָזיקן פראָצעס. דאָס סאָ־ציאַלע וויסן, וואָס איז היינט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנערקענטער אַקאַ־דעמישער וויסנשאַפט; דער ווילן פון די פיל לערערקעס צו באַקומען אַן אַרומנעמענדיקע בילדונג אויף פאַר אונטעריכט אין דער עלעמענטאַרער שול; די פאַרשטאַרקטע אַנטוויקלונג פון „קהילהשע צענטערן״ אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס ברענגט צום באַטייליקן זיך אין דער טעטיקייט מענער און פרויען; דאָס שטראָמען פון יונגע פרויען אין די פאַקולטעטן פון יורי, דירעקציע און געזעלשאַפט־וויסנשאַפטן; דאָס פאַרשנעלערן צו באַקומען אַ פראַקטישן פאַך, וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוציאונגס־כוח פאַר טויזנטער און טויזנטער יונגע פרויען תוך כדי גרייט זיין צו בויען אַ משפחה נעסט; און איבער אַלץ — דאָס געזעץ פון צוואַנג־דערציאונג פאַר ייִנגלעך און מיידלעך צוזאַמען מיטן גרינדן איבער־עלעמענטאַרע קלאַסן אין די לעצטע צוויי יאָר אין אַלע שטעט און דערפער פון לאַנד — עפענען נייע האָריזאָנטן פאַר דער ייִנגער ישראל פרוי.

קען זיין, אַז איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט וועט נישט זיין ענלעך צום פריערדיקן דור פרויען. ווייניקער טעטיקייט דורך דער פאַרמיטלונג פון פאָ־ליטישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון פרויען אַליין. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ס׳וועט קומען אַן ענדערונג אויך אין די צילן פון

דער טעטיקייט. די אויפגאַבן פון מאַסן־קליטה וועלן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פּאַר אויפגאַבן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט פורמירן דעם אַלגעמיינעם לעבנ־שטייגער פון ישראל, און געבן פּאָזיטיווע בירגערלעכע ווערטן דער אַל־געמיינער באַפעלקערונג. אויף פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פון יינגע פרויען וואַרטן אין ישראל ראַמען, וואָס זענען עד היום נאָכנישט אויסגענוצט געוואָרן. קודם־כל זענען דאָס די צעצווייגטע אָנפירערשאַפט אין שטאָט און דאָרף, וויסנשאַפטלעכע־און עקאָנאָמישע־אַנשטאַלטן, אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגס־באַדינונגען און סאָציאַלע אונטערשטיצונג, וואָס טראָגן אַ נייעם און עפעק־טיוון כאַראַקטער פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פּלאַנירונג און פאָדערן צוזאַמען מיט דעם — פלייסיקייט און איבערגעגעבנקייט, פרויען־פאַרשטאַנד נישט ווייניקער ווי אין די צייטן פון דעם אויפקום פון דער מדינה און נאָך פריער, ווען זיי האָבן געטראָגן בעיקר אַ פרייען וואָלונטאַרישן־כאַראַקטער און באַגרענעצט אין די ראַמען פון פרויען־אָרגאַניזאַציעס און אין דער שפּיץ אַ דינע און כמעט נישט קיין בייטנדיקע שיכטע פון פרויען־עסקניות, וואָס זענען פּעאיק אָנצופירן עפנטלעכע טעטיקייטן און זענען טעטיק שוין צענ־דליקער יאָרן.

די יונגע ישראל פרוי איז רייף צו נעמען אויף זיך די אחריות אין דער שאַפונג אין ישראל. דער „צוריקגאַנג", ווי עס איז היינט קאַנטיק, בעיקר אין די אויגן פונעם מוטער־דור, אין געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון ישראל, פילט זיך מער ווען עס בייטן זיך די שיכטן צווישן די מוטערס און די טעכ־טער. אַ היסטאָרישע פיל־טעטיקע עפּאָכע פאַרענדיקט זיך אין אָנהויב דריטן צענדליק פון דער מדינה. אַ נייע היסטאָרישע עפּאָכע האָט זיך נאָכנישט אויסקריסטאַליזירט אין דער העלפט פון די זעכציקער יאָרן און אונדזער יאָרהונדערט. דערווייל פאַרענדיקן די מוטערס זייערע אויפגאַבעס, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען אין די דראַנג יאָרן פון יידישער ערשטער שאַפונג אויפן באָדן פון ארץ־ישראל; די דאָזיקע תקופה האַלט ביים סוף. די טעכטער וועלן טרעפן אַ פאַרטיקן בנין, וואָס מען דאַרף אים פאַריכטן, פאַרבעסערן, צופּאַסן זיינע מעגלעכקייטן, זיינע פאָדערונגען און שאַנסן צו דער נייער צייט. די צייט וועט אויך מיט זיך ברענגען דאָס געשטאַלט פון דער „נייער ישראל־דיקער גבורה". כאָטש ס'איז שווער היינט קלאָר צו באַצייכענען אירע אייגנ־שאַפטן און כוח פון השפעה, איז אָבער קיין ספק נישט, אַז אין אַ לאַנד מיט אַ דינאַמישן לעבנס־טעמפּאָ און דרינגענדיקע געזעלשאַפטלעכע באַדער־פענישן, ווי ישראל, און אויך נעמנדיק אין אַכט די טראַדיציע פון יידישער פרויען־טעטיקייט אין ארץ־ישראל אין די פריערדיקע דורות, און דעם

שטאַרקן ווילן פון די מוטערס צו זען אין די טעכטער דעם המשך — וועט אויך די טאָכטער נישט קענען אַזוי בלייבן פּאַרזונקען אין די דלד־אמות פון איר לעבן מיט אילוזיע פון באַקוועמלעכקייט און מיט אַ זיכערער זעלישער פּוסטקייט.

איר אַריינגיין, מיט איר אייגענעם כוח, און אין איינקלאַנג מיט די צייט באַדערפעניש — אין פאַרשידנאַרטיקער טעטיקייט, וואָס אַנטהאַלט אין זיך בילדונג, פלייס און אַרבעט, איינשאַפן זיך אַ פאַך, און אַקטיווער טוּאונג אין נייע געזעלשאַפטלעכע ראַמען פון ישראל, וואָס שאַפט זיך מיטן דרוק פון שטאַטישער און דאָרפישער אַנטוויקלונג, און דאָס שטייגן פון לעבנסטאַנ־דאַרט און די בילדונג פון די מאַסן — וועלן אפשר ענדערן פונעם יסוד די באַדינגונגען פון דער פאַמעלעכער פּרויען־אַריינדרינגונג, תּוך כּדי מענער־קעגנערשאַפט, אין די פאַרשידנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. די הויפּט־מיסיע פון דער יינגער פרוי אין דריטן צענדליק פון דער מדינה: צו ווערן אַ ווירקונגס־כוח אין לאַנד, ביישטייערן וויסן און טאַלאַנט, וואַכזאַמ־קייט און קולטור, אין אַזאַ מאָס, זיי זאָלן ווערן גרונט־פאַקטאָרן ביים אויס־פורעמען דאָס געשטאַלט פון גאַנצן פאָלק.

דוכט זיך אַז די יסודותדיקע אינוועסטיציע, וואָס די טראַדיציע פון יידישן ישוב, די מדינה זייט זי איז אויפגעקומען, און דער דור פון מוטערס־חלוצות האָבן אינוועסטירט, דינט ווי אַ געגנוג פעסטע באַזע אויסצוקריסטאַליזירן דאָס חינעוודיקע פלייסיקע געשטאַלט פון דער יינגער ישראל פרוי, וואָס פאַר־מאָגט אויך אָנפירער־כוחות און אַ פּאָטענציאַל פון פּאָזיטיווער השפּעה אויף דער מדינה אין קומענדיקן צענדליק.

אויף דעם געביט זענען שטאָט און דאָרף גלייך, דער אַלטער ישוב און די נייע באַפעלקערונג. די שאַרפע צעשיידונגס־שטריכן פון נעכטן זענען טייל־ווייז שוין היינט. דער ישראלדיקע פאַרע־קעסל האָט דערווייל נישט אויפגע־הערט צו זיין דער שנעלער שמעלץ־טיגל אויך לגבי דעם מאָרגן. נישט אַלץ וועלן די מענער און פרויען מאַכן אַליין. פיל איז אָפּהענגיק אין די לייטונגס־און פירונגס־ליניעס פון דער רעגירונג לגבי דער פונאַנדערשפּרייטונג פון דער באַפעלקערונג, דער ראַציאָנעלער פאַרטיילונג פון די אינדוסטריע־צענטערן, דער אויסבעסערונג פון לעבנס־ניוואָ אין די פאַרווייטערטע דער־פער, און לגבי די לערן־צענטערן און פאַך־שולן, וואָס זענען באַשטימט פאַר יינגלעך און מיידלעך אין אַלע ראַיאָנען פון לאַנד.

דע־פאַקטאָ איז דאָס אַלץ אויך די דעקלערירטע טענדענצן פון דער רעגירונג אַליין. אַ סך איז געטאָן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן לעבנסוויכטיקן געביט; אַ סך איז נאָך פאַראַן צו טאָן. די יינגע ישראל־יידן וועלן נישט אַנטוישן אין דער מאָס, וואָס ס׳וועט זיי געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו לערנען און אויפהייבן דעם ניוואָ פון זייער אַרבעט און צוזאַמען מיט דעם — זייער לעבנס־ניוואָ. דאָס נויידל וועט נישט זיין צוריקשטעליק אין דער זיך שאַפנ־דיקער ישראל־געזעלשאַפט. ווי אין די צייטן פונעם דור חלוצות וועלן די פרויען גלייך זיין מיטן מאַן אין ישראל, צו די רעכט און פליכן, און זייער כוח וועט זיך אַנטפּלעקן ביים פורעמען דאָס נייע לעבן אין לאַנד.

די אַרבעטער באַוועגונג

אהרן יאַדלין

דער ישראלדיקער סאָציאַליזם

עס איז נישט לייכט צו באַצייכענען אַן אידייע וואָס נעמט אַרום אַ וועלט. עס איז קאָמפּליצירט דער פּרוּוו צו פאָרמולירן און אַרויסצוברענגען דעם עסענס פון וויכטיקע און אַרומנעמענדיקע סיסטעמען אין דער לערע פון עטיק אָדער פון פּאָליטישן געדאַנק. דאָס איז אויך געזאָגט לגבי דער סאָציאַליסטישער אידייע.

די מענטשלעכע קולטור פאַרסך־הכלט אינהאַלטן מיט דער הילף פון נעמען, באַצייכענונגען און פאַראָלן; און די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס באַמיט זיך דערגיין צו אַ מאָסן אויסקריסטאַליזירונג מיט סביבה, קען נישט עקזיסטירן אָן זיי. אָבער עס ליגט אויך אַ חוב אויף דער באַוועגונג צו פאַרהאַלטן זיך פון מאָל צו מאָל, נאָך אַ שטיק וועג, וואָס זי מאַכט דורך, אָדער פאַר נייע שיידוועגן, און זיך פרעגן: צי האָט זיך נישט די אידייאָלאָגישע פאָרמולע פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנווענציאָנעלער זאַך, אָן אמתער קאָנפראָנטירונג און אָן טיפער פאַרשטענדעניש? אָדער צי האָט זי זיך נישט, פון דער צווייטער זייט, פאַרוואַנדלט אין אַ געזעץ, וואָס מען פסקנט מער נישט לויט אים, דהיינו, אין אַ מליצהדיקער פּראָקלאַמאַציע אויף אַ וואַל־אויפרוף, אָדער אין אַ פּראָטאָקאָלאַרער פאַראָל פון אַ פייערלעכער פּראָצעסיע, אָן אַ ממשותדיקן און שטאַרקן אָנשטרענג זי צו רעאַליזירן?

דער ישראלדיקער סאָציאַליזם איז אַ באַוועגונג פון גרויסע דערגרייכונגען. אין זיין האַנט ליגט כמעט די גאַנצע מאַכט אין מדינת־ישראל. צו זיין הילף שטייט אַ ריזיקע אַרבעטער־פאַראיין, מיט אַ סך חברים. נאַטור־אוצרות און אינדוסטריע, באָדן, וואַסער, שאַכטן, עלעקטריציטעט, קאָמוניקאַציע־מיטלען — דאָס אַלץ געפינט זיך און רשות פונעם כלל. דער ישראלדיקער סאָציאַליזם שטיצט זיך אויף אַן אַגראַר־ווירטשאַפט, אינדוסטריע, קאָמוניקאַציע, פינאַנסן און באַדינונגען — וואָס איז אין באַזיץ פון דער הסתדרות, סיי ווי אַן אַלגעמיין הסתדרות־ווירטשאַפט, סיי ווי אַן אייגענע־און קאָאָפּעראַטיוו־ווירטשאַפט. זאָל באַזונדער באַצייכנט ווערן די מושבים־באַוועגונג, וואָס האָט אויסקריסטאַליזירט זעלבשטענדיקע לאַנדווירטשאַפטלער, וואָס האָבן זייערע דערפער באַזירט אויף קעגנזייטיקער־הילף און האָבן איינגעפלאָכטן זייער

ווירטשאַפט־אונטערנעמונג אין די הסתדרות געביטן פונעם אַלגעמיינעם אַר־בעטער־קלאַס; און עס זאָלן באַטאָנט ווערן די דערגרייכונגען פון סאָציאַ־ליסטישער פּאַרווירקלעכונג, וואָס קומען צום אויסדרוק אין די קיבוצישע ישובים, וואָס זענען צעשפּרייט איבערן לאַנד פון דן ביז אילת.

און אויך די דערגרייכונגען צווישן יינגן דור — צענדליקער טויזנטער קינ־דער און יוגנטלעכע געהערן צו אַ חלוצישער און סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג.

זענען דעריבער די ישראל סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם אין זיין רייף ווערן. די אויסקריסטאַליזירונג פון ווערטן און דאָס באַשטימען דעם וועג אויף ווייטער ווערט געמאַכט — און ס׳איז צופרידנ־שטעלנדיק — אויפן פּאַן פון פאַרמעג־פאַרמערונג און פון שטעלן זיך אויף דער פּאָזיציע פון אָנפירערשאַפט און מאַכט. אָבער אויך דאָ זענען פאַראַן סכנות.

און די גרעסטע סכנה איז די סכנה פון פאַרלירן דעם קאָמפּאַס און פון אָפּגע־שוואַכטן געוויסן. פאַראַן, ווען דווקא אין שפּיץ פון מאַכט־הצלחות און פון אָרגאַניזאַציאָנעלן אויפשווונג דראָט דער באַוועגונג די סכנה פון געזעל־שאַפטלעכן און מאָראַלישן דורכפאַל. פּאַסירט, אַז אַנשטאָט צו פאַרמעסטן זיך אויף צו פאַרווירקלעכן ווערטן, פאַרפאַנצערט מען זיך צו שיצן פאַרמעגנס, וואָס אָפטמאָל האָבן זיי זיך אויך אויסגעלייזט פון זייער ווערטן־אינהאַלט. טרעפט, אַז ווי אַן עקוויוואַלענט פאַר געראַנגל אויף אַ געזעלשאַפטלעכן־פּלאַן, קעמפט מען פאַר מאַכט, בוכשטעבלעך, פאַר יעדן פּרייז.

דעריבער לאָמיר זיך צוהערן צו דער וואָרנונג, וואָס איז די דערקענטעניש פון סאָציאַליסטישע־באַוועגונגען אויף דער גאָרער וועלט: פּאָליטישע־און אָרגאַניזאַציאָנעלע־דעראָבערונגען וועלן דער באַוועגונג נישט העלפן אין אַ קריטישער לאַגע, אויב זי וועט נישט זוכן און געפינען וועגן צו הייבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון אירע חברים און אויב זי וועט זיך נישט באַמיען צו פלעגן זייער באַציאונג צו גרונט־ווערטן, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, ביים אָנעמען באַוועגונג־באַשלוסן, ווען אַפילו זיי שעדיקן דעם פּערזענלעכן־און גרופּן־אינטערעס, און ביי דעם פאַרווירקלעכן אויך דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן. און דער עיקר — די באַוועגונג דאַרף זיך צוהערן צו די פּראָבלעמען און באַדער־פעניששן פון יינגן דור. וועלכע זענען די פאַקטאָרן, וואָס פורעמען דאָס גע־

שטאַלט פון יינגן דור אין דער ישראל געזעלשאַפט? וואָס זענען די כוחות, וואָס באַוועגן דעם־אָ דור ביים אַריינטרעטן אין לעבן פון דער דערוואַקסענער געזעלשאַפט?

כולנו חכמים, כולנו נבונים און אַלע זענען מיר זייער פּראַקטישע פּאָליטי־קער. מיר קענען אויסגעצייכנט די תורה פון אַדמיניסטראַציע, עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע. מיר זענען איבערן קאָפּ באַוווסטזיניק אויף די שוועריקייטן, אויף די פּראָבלעמען און שטרויכלונגען, וועלכע עס לערנען אונדז די פאַר־שידענע מומחים. מיר קענען די ענדערונגען ביי די באַדינגונגען און ביי די פאַקטאָרן, וואָס זענען פאָרגעקומען מיטן אויפקום פון דער מדינה. מיר וויסן אויך פון די דרוק־גרופּן. און בלויז איין זאַך פאַרגעסן מיר אָפט: אַז ס'איז געווינטשן מיר זאָלן זיך קלאָמערן אין ווערטן, אין די צילן און אין די אידייאישע יסודות אונדזערע. ווייל דאָס וואָס פאַקטאָרן און אומשטענדן ענ־דערן זיך, ענדערט נישט דעם כוח פון גרונט־צילן. מען דאַרף זיך רעכענען מיט באַשרענקונגען, אָבער זיך נישט אונטערגעבן זיי.

סאָציאַליזם הייסט אָנשטרענג צו בויען אַ פאָלק און איינשטעלן געזעל־שאַפטלעכע באַציאונגען אויפן יסוד פון אַ קלאָרע קאָנסטילאַציע פון ווערטן, וואָס לויט זיי דאַרף מען אויספּרווון די ישראל־געזעלשאַפט און אין זייער ליכט פורעמען די פּאָליטיק פון דער באַוועגונג.

דער ערשטער ווערט איז — אַ לעבן פון ווערטן. ס'הייסט, אַ געראַנגל מיט נויט, מיט אָרימקייט, מיט עמארצות, נישט זען ליידן און באַשרענקען זיך, ווי אַן אידעאַל, און זיך אָפּזאָגן פון ווילשטאַנד. פאַרקערט: אַ גאַנץ און פול לעבן, רייך אין אינהאַלט און ברייט־האָריזאָנטיק, אַ מעגלעכקייט דער מענטש זאָל זיך קענען אויסדריקן און זיך פאַרווירקלעכן; אַ נאַציאָנאַלער קלימאַט, וואָס דערמוטיקט אַנטוויקלען וויסנשאַפט, מאַכט טעטיק פאַרש־אינסטיטוטן און נוצט־אויס זייערע דערגרייכונגען פאַר דער ווירטשאַפט און דער געזעל־שאַפט; ניצט־אויס אַטאָמישע און אָטאָמאַטישע טעכנאָלאָגיע און שרעקט זיך נישט פאַר קיין אינדוסטריע־און וויסנשאַפטלעכע־רעוואָלוציע.

אָבער נישט „דינען" דער טעכניק און נישט „היפּנאָטיזירט" ווערן אין אָנבליק פונעם וויסנשאַפטלעכן־געאייל און נישט פאַרשיכורן זיך אין תאווה צו וויל־שטאַנד און פאַרוויילונג. טעכנישער פאָרשריט, עקאָנאָמישער־אויפבלי, וויסנ־שאַפטלעכע־רעוואָלוציע — דאָס אַלץ איז געווינטשן און געבענטשט ווי

באַדינגונגען, וואָס העלפן־צו דערהויבן דעם מענטש, צו פֿאַרבעסערן די באַציאונגען צווישן אים און זיין חבר, צו גייסטיקער דערהויבונג פון די מאַסן. בקיצור צו אַ לעבן פון ווערטן. דער סאָציאַליזם פֿאַרפליכטעט דעם אויפשוווּנג פון ווילזיין פֿאַר יעדן. אפשר איז בלויז ער מסוגל צו מאָביליזירן דאָס נאַציאָנאַלע וויסן און די פעאיקייט אויף צו שאַפן אַ געזעלשאַפט מיט אַ הויכן סטאַנדאַרט פון לעבן. אָבער ער דאַרף קעמפן מיט די נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן שווינדלדיקן געלאָף צום שטייגנדיקן לעבנס־ניוואָ, ווי: דאָס זינקען אין קליינלעכקייט, קולטורעלע פּאַסיווקייט און פֿאַראַרימען דאָס גייסטיקע לעבן; יאָגן זיך נאָך נישטיקע פֿאַרוויילונגען; פֿאַרשווענדערישקייט צוליב דעמאָנסטרירן געזעלשאַפטלעכע הויכהאַלטונג; פוילקייט און ווידערווילן צו אַרבעט; פּוסטקייט, שיכרות און זעלבסטמאָרד.

דער סאָציאַליזם נעגירט דאָס דינען פון מענטש צו זיינע אייגענע טאַטן — צו קעגנשטאַנדן, צו מאַטעריעלן פֿאַרמעג און צו מאַשין — ווייל עס איז אַ מאָדערנער גילגול פונעם דינען צום געץ, דעם מענטשס אייגענהענטיקע שאַפונג, אין די אורצייטן.

נישט שאַנד פון אָרימקייט, און נישט שטאָלץ פון רייכטום

דער צווייטער ווערט איז — גלייכהייט און קעגנזייטיקע גאַראַנטיע. דער סאָציאַליזם באַצייכנט זיך נישט מיט שאַפן אַ מדינה פון סאָציאַלער שוץ, וואָס זאָרגט וועגן די מינימאַלע באַדערפעניש פון מענטש און זיין משפחה. מיר האָבן נאָך טאָקע פֿאַר זיך שווערע אויפגאַבן אויפן געביט פון סאָציאַלער־שוץ אין ברייטן זין פון וואָרט: זעקס און צוואַנציק טויזנט משפחות, און צווישן זיי ביי אַ צוואַנציק טויזנט נפשות, לעבן אויף קליינע אונטערשטיצונגען, נישט געפינענדיק נאָך קיין קאָנסטרוקטיווע לייזונג צום דערוואַקסענעם דור און אָן אַ פֿאַרזיכערונג פֿאַר אַ געהעריקע אַנטוויקלונג פֿאַרן יינגן דור. 13% פון דער באַפעלקערונג, איבער 14 יאָר אַלט, וואָס באַטרעפט הונדערט זעכציק טויזנט, לויט דער ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין יאָר 1961, האָבן קיינמאָל נישט באַזוכט קיין שול און מען קען דענקען, אַז אַזאַ ענלעכע צאָל איז פֿאַראַן אַנאַלפאַביתן. און פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַ גרויסע מאָס דעקן זיךביידע טיפּן באַפעלקערונג, וואָס כ׳האָב דערמאָנט. 20% פון תל־אביב—יפוער איינוווינער וווינען אין אָרים־קוואַרטאַלן, ווו עס הערשט

דעגענעראַציע פון משפחה־לעבן, וואָס איז אַ שטאָפּל צו יוגנט־פאַר־ברעכער.

אָבער דער סאָציאַליזם גייט ווייטער נאָך פון אַ מדינה פאַר סאָציאַלער שוץ מיט דעם טענדענץ צו פאַרמערערן די גלייכהייט און קעגנזייטיקע־גאַראַנטיע. דאָס הייסט: ווי מעגלעך צו פאַרקלענערן דעם אונטערשיד צווישן די איינ־קונפטן פון פרנסה־געבער אין די פאַרשידענע פאַך־פאָרמאַציעס; פערמאַנענט שטרעבן אויף מבטל צו מאַכן דעם תהום צווישן דעם מינימום־און מאַק־סימום־ניוואָ, וואָס איז קאָנטיק אין דער געזעלשאַפט; אחריות פון דער גאַנ־צער עפנטלעכקייט פאַרן יינגן דור, פאַר זיינע וווקס־באַדינגונגען, פאַר זיין דערציאונגס־ניוואָ און פאַר זיין בילדונגס־פאַרנעם.

סאָציאַליזם איז נישט קיין אידעאַל פון „אַן אויטאָמאָביל פאַר יעדן אַרבע־טער", כאָטש ס׳איז אוודאי געווינטשן. אָבער ווען די פּראָבלעמען, וואָס מאַ־טערן אונדז זענען ווויין־ענגשאַפט און עמארצות, איז עס אַ מין שפּעטעריי ווען מען רעדט וועגן אויטאָמאָבילן. און אויב זיך שוין סאַנוצן מיט שפּראַך פון אידעאַלן — איז דאָך דער אידעאַל אָפּצושאַפן די קלאַסן, אָפּצושאַפן אַ געשפּאָלטענע געזעלשאַפט מיט געבן דערציאונג און רעכט פאַר בירגער. סאָציאַליזם איז אַ געזעלשאַפט אין וועלכער ס׳איז נישט פאַראַן קיין שאַנד פון אָרימקייט און קיין שטאָלץ פון רייכטום.

ס׳איז נישט מער ווי נאַטירלעך, ווען דער פּרט פרייט זיך מיט יעדער לוין־העכערונג און פאַרגרעסערונג פון הכנסה. אָבער דער כלל איז מחוייב בודק צו זיין צי איז עס אַ פיקציע אָדער אַ ריאַלער ענין, צי יעדע העכערונג און צוגאָב, איז אַ רעזולטאַט פון איבער־ווערט, וואָס שאַפט זיך פון אונדזער אַרבעט און פון דער אַרבעט פונעם כלל, אָדער ס׳איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַרייכערן זיך פון איינצלנע אויפן חשבון פונעם אַלגעמיינעם אָנשטרענג. דער איינצלנער אַרבעטער ווערט געכאַפּט אין דער נעץ פון ספּעקולאַציע, פונעם פאַרלאָק פון פאַרשווענדעריי און אַנטלויפט אויך פון אַרבעטער־קלאַס צוליבן יאָגן זיך נאָך באַקוועמלעכקייט. אָבער דער כלל מוז אָנווענדן אַ ווירטשאַפט־טעטיקייט, אַ געפּלאַנטע און תכליתדיקע, און אַרויפצווינגען פּרינציפּן אויף דער מלוכהשער־און פאַך־פּאָליטיק, אויף דער ווירטשאַפט־שאַפונג אויפן קולטורעלן לעבנסשטייגער.

דער מענטש — דער וויכטיקסטער קאַפּיטאַל

סאָציאַליזם מיינט אָנשטרענג פֿאַר בויען אַ פֿאָלק און פֿורעמען אַ געזעלשאַפֿט אויפֿן יסוד פֿון קלאָרע ווערטן, וואָס על־פּי זיי דאַרף מען שטעלן אונטערן פּרוּוו די ישראל געזעלשאַפֿט און אין זייער ליכט פֿורעמען די פּאָליטיק פֿון דער באַוועגונג.

אויך ווען ס׳איז נישט מעגלעך צו רעדן צום אידעאַליסטישן יצר פֿון חבר — איז די פֿראַגע: צי האָבן מיר לכל הפּחות איינגעשפּאַנט דעם יצר פֿון אייגנטום און ווילזיין פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון כלל און צו זיין דינסט? ווער וועט איבערציילן דעם געלט־פֿאַרברויך וואָס איז אומזיסט אויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאַנד, וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן לבטלה אין צווייפֿלהאַפֿטע זאַכן און אומזיסט פֿאַרשווענדעט געוואָרן פֿאַר אויסנוץ־און פּאַראַזיט־צוועקן?!

מיר האַלטן־אָן אַ תּהום ביי די לוין־אויסצאָלונגען אין אויסגאַנג־פּונקט פֿון די פֿאַרשידענע פֿאַכן. דאָס שטימט נישט מיט דעם פּרינציפּיעלן אויסגלייך־צוגאַנג, אָבער מיר קאָנטראָלירן אויך נישט, פֿונעם בלויז עקאָנאָמישן זע־פּונקט, אויב דער תּהום, וואָס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן איז באַרעכטיקט לויט די פּראָפּאָרצן פֿון אָנבאָט און פֿאַרלאַנג. אַזוי איז, למשל, די לוין־קאַטעגאָריע פֿון אַן אָנפֿאַנג־באַאַמטער העכער פֿונעם פּשוטן לוין־אַרבעטערס קאַטעגאָריע אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און אין דער אינדוסטריע — כאָטש ביי אונדז זענען די באַדינונגען דערגאַנגען צו אַ וועלט־הויך לויט זייער פֿאַרנעם, אין פֿאַרגלייך מיטן אויסגעביקייטס־ניוואָ פֿון דער ווירטשאַפֿט.

מיר האַלטן־אָן אונטערשידן ביים לוין אויף די געביטן פֿון יעדן פֿאַך כּדי דערמוטיקן פֿאַרפֿולקאָמונג און פֿאַרגרעסערן פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט ביי דער אַרבעט און צוזאַמען מיט דעם איז פֿאַראַן אַ נטיה צווישן די פּראָפֿ־פֿאַראיינען צוצושמידן דעם לוין צום ניוואָ פֿון בילדונג. אָדער צו דער אויפֿגאַבע, וואָס דער באַאַמטער פּילט־אויס, אָבער כּלל נישט צום אויפֿן פֿון אויספֿירן און צו די דרכים פֿון פֿאַרווירקלעכן די אויפֿגאַבע. און ס׳איז אויך פֿאַראַן די נטיה איינצופֿירן אַ סיסטעם פֿון אויטאָמאַטישער העכערונג פֿון קאַטעגאָריע צו קאַטעגאָריע.

פֿאַראַן, ווען אַ געזעלשאַפֿט מאַכט אָנשטרענגונגען צוציען אַ סך קאַפּיטאַל פֿון

דרויסן, כדי אַרויסצוקומען פֿונעם קרייז פֿון צוריקגעשטאַנענקייט, און זי זאָגט אים צו דערמעסיקונגען און פּראָפֿיטן מיט אַ ברייטער האַנט, און אין איין צייט פֿאַרגעסט זי דעם קאַפּיטאַל, וואָס געפֿינט זיך בשפֿע ביי איר; איר אייגענע באַפֿעלקערונג. ווייל דער מענטש איז דאָך דער וויכטיקסטער קאַפּיטאַל פֿון דערווירטשאַפֿט, און די אינוועסטיציע אין מענטש גיט אָפּט־מאָל פֿילפֿאַכיג געבענטשטערע רעזולטאַטן ווי אַן אַנדערע אינוועסטיציע אין פֿאַרמעגנס, אין הייזער און אין מאַשינען. אַ געהעריקע דערנערונג פֿאַר־זיכערט נאָרמאַלע פֿיזישע אַנטוויקלונג פֿון דער באַפֿעלקערונג. געזונטהייט פֿאַרזיכערונג און פּרעווענטיווע מעדיצין, שפּאָרן־איין דער ווירטשאַפֿט אַ סך אַרבעטס־טעג. איינגעאָרדנטע וווין־באַדינגונגען איז אַ דאָמינירנדיקער עקאָ־נאָמישער פֿאַקטאָר. אויך דערציאונג איז אינוועסטיציע אין מענטש. צי וועט אונדז נישט מעגלעך זיין צו פֿאַרשטיין, אַז זאָרג פֿאַר דערציאונג און פֿאַר פֿאַך־בילדונג איז דער באַדינג און די גאַראַנטיע פֿאַר טעכנישער אַנטוויקלונג, פֿאַר ראַציאָנעלער עפֿעקטיווקייט און פֿאַר שטייגנדיקער אַרבעטס־פּראָדוק־טיווקייט? סאָציאַליזם — מיינט רעוואָלוציע פֿון דערציאונג, וואָס וועט דער־מעגלעכן די טאַלאַנטן, ווו זיי זאָלן נישט זיין, צו געניסן פֿון גלייכער און פֿאַסיקער דערציאונג און בילדונג.

קעגן פֿאַרהייליקן אונטערשיד ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכן פּרינציפּ

פֿאַראַן, ווען די פּראָצעסן פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס מיר אַלע אַקצעפּטירן, זענען אַ צושטייער צום פֿאַרגרעסערן דעם געזעלשאַפֿט אונטער־שיד, כאָטש זיי זענען ביכולת אויפֿצוהייבן דעם דורכשניטלעכן לעבנס־ניוואָ. דער געלאַף פֿון דער וועלט־אַנטוויקלונג — מיט איר טעכנאָלאָגיש־ווירט־שאַפֿטלעכער רעוואָלוציע, די שאַנסן פֿון דער אַטאָמאַטיזאַציע און אַטאָמישער קראַפֿט — פֿאַרגרעסערן דעם אונטערשיד צווישן דעם אינדוסטרירטן און אַנטוויקלטן ערד־קיילעך, און צווישן דעם שוואַכן און הינטערשטעליקן לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכן־דרום. דאָס איז אויך געזאָגט לגבי דעם געלאַף פֿון דער ישראלדיקער אַנטוויקלונג. דער קאַפּיטאַל־אימפּאָרט, די אינדוסטריזאַציע, די פֿאָרש־אינסטיטוטן און די קויף־פֿעאיקייט פֿון די וויסנשאַפֿטלער און דער אינטעליגענץ, פֿאַרגרעסערן דעם אונטערשיד צווישן די עדהס און געזעל־שאַפֿטלעכע שיכטן. פֿון דאַנען שטאַמט די חשיבות פֿונעם געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישן וועג, וואָס איז נישט קיין קאַפּיטאַליסטישער און נישט קיין קאָמוניסטישער, וואָס בינדט צוזאַמען וויסנשאַפֿטלעכע רעוואָלוציע מיט

געזעלשאַפטלעכן הומאַניזם פון אויסגלייכן דעם ווערט פון מענטש, און וואָס פאַראייניט די אַרבעט מיט דער וויסנשאַפט.

ווייזט אויס, אַז די פּראָצעסן וועלכע האָבן גורם געווען צו פאַרגרעסערן דעם אונטערשיד אין דער ישראל־געזעלשאַפט — די מאַסן עליה, די פאַרשנע־לערטע אַנטוויקלונג — זענען שוין נישט די ערשטע אין ריי, און דעריבער דאַרף מען מער נישט אָפּשטופּן דעם אָנשטרענג צו פאַרקלענערן דעם אונ־טערשיד. אויך היינט־צו־טאָג איז קלענער ביי אונדז דער אונטערשיד ווי עס איז אָנגענומען אין די רוב לענדער פון די עולים, אָבער נישט מיט אַ סך קלענער ווי ער איז אין די מערב און צפון־אייראָפּעאישע לענדער, יעדן פאַל איז ער גרעסער ווי עס איז געווינטשן אין אַן אויסגעבעסערטער געזעלשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז אַ טייל פון דער געווינטשענער ענדערונג דאַרף אויס־געפירט ווערן מיט דער הילף פון סאָציאַלע באַדינונגען, און צו אַלער ערשט מיט דער הילף פון פאַרברייטערן די פאַרזיכערונג פאַר משפחות מיט אַ סך קינדער און דורך דער־ציאונג און לעבנס־סטיפּענדיעס פאַר בויטבאַדערפטיקע.

סיי דער סיסטעם פון אונטערשיד צווישן די פאַכן און סיי דער סיסטעם פון אונטערשיד ביי יעדן פאַך באַזונדער, איז אַ צוריקטראַט פון סאָציאַליס־טישן מאָסשטאַב. אין אַזאַ פאַל זענען נישט נאָר די אַקאַדעמיקער שולדיק. אין די בוי־פאַכן, אין עלעקטריציטעט און אינסטאַלאַציע קען מען אפשר טרעפן גרויסע פאַרדינער, וואָס דערגייען אין אַן איבערפליסיקער מאָס אַריבער דעם דורכשניט־ניוואָ. די סכנה און די הויפּט־שולד פונעם אַקאַ־דעמישן גערוצל באַשטייט אין באַפעסטיקן אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע אי־דעאָלאָגיע פון אונטערשיד.

קען זיין אַז די גאָלדענע עפּאָכע פון גלייכהייט, וואָס האָט אַמאָל געהערשט אין דער געזעלשאַפט פון ישוב, איז נישט מער ווי אַ לעגענדע; אָבער עס איז זיכער, אַז דעמאָלט איז דער אונטערשיד נישט געווען פאַרהייליקט, ווי אַ געזעלשאַפטלעכער און מאָראַלישער פּרינציפּ, נישט ביי דער אַדמיניס־טראַטיווער עליטע און נישט ביי דער אינטעלעקטועלער. אויך דער אַזוי גערופענער געצווונגענער אונטערשיד, האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַן אומ־צופרידנקייט פון געוויסן. דער עקאָנאָמישער אונטערשיד איז נישט געווען קיין בויטוועגדיקער באַגלייטער פון די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון פאָליטישער אָנפירערשאַפט אָדער אין הסתדרותישן סעקטאָר. עס איז נישט געווען קיין באַדינג צו פאַרפולקאָמען זיך און דערוואַרבן וויסן.

געזעלשאַפטלעכע אָפּשאַצונג אָנשטאָט עקאָנאָמישע פּאַרגיטיקונג

איך גלויב נישט, אַז דער מענטש דערווערבט וויסן און שטעלט זיך אַוועק אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן בלויז צוליב עקאָנאָמישע סיבות. דער מענטש באַקומט זיין באַפרידיקונג פון דער עצם שאַפונג, וואָס ער שאַפט אויספירנדיק זיין אויפגאַבע, ווי דער קינסטלער, וואָס שאַפט זיין קונסט־ווערק. די קאָנפראַנטאַציע פון מענטש מיט זיין אייגענער אַרבעט, דאָס עצם שטרעבן נאָך פאַרפולקאָמונג און נאָך מער וויסן, איז אַ ריזיקער אינער־לעכער כוח, וואָס זיין תנאי איז נישט פאַרגיטיקונג. אויך די באַציאונג צו ווערטן און צו געטרייען פּאַטריאָטיזם איז די פעאיקייט פון יעדן מענטש. און אויב מיר ווילן צו דעם אַלעמען צוגעבן די מעגלעכקייט פון דער אָרגאַ־ניזירטער געזעלשאַפט צו געבן אַ געזעלשאַפטלעכע און סימבאָלישע אָנער־קענונג, וואָס דריקט זיך דווקא נישט אויס אין פאַרדינסט — אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע, אַ דערמוטיקונגס־וואָרט, פריינטלעכקייט, געזעלשאַפטלעכער פּרעסטיזש אָדער אַפילו אויסצייכענונגען — וועט זיך דאָך אַרויסשטעלן, אַז ס׳איז נישט קיין נויטווענדיקייט צו פאַרלאָזן זיך — פּאָר אונטערטריי־בונגס־צוועקן — בלויז אויף דער עקאָנאָמישער פאַרגיטיקונג, וואָס שאַפט אומגלייכהייט סיי צווישן עלטערן דור און סיי אין דער אַנטוויקלונגס־מעג־לעכקייטן פונעם ייִנגן דור.

אויב אָבער מען גיט זיך אונטער אין אַ געוויסער מאָס דעם עקאָנאָמישן אונ־טערטרייב און אויב איז מען געצוווּנגען צו באַצאָלן פאַר וויסן, בילדונג און ספּעציאַליטעט, דאַרף מען פיל־פאַכיקער מער נאָך אָפּהיטן די חשיבות פון דעם גלייכהייטס־ווערט, אַ נישט וועט זיך אַנטוויקלען אָן אַן אָפּהאַלט דער פּראָצעס פון פאַרגרעסערן די געזעלשאַפטלעכע פּאָלוסירונג. פון דאַנען שטאַמט די חשיבות פון קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע פון אונטערשיד, ווען אַפילו מען איז משלים אָפּטמאָל מיט דער ווירקלעכקייט פון אונטערשיד, כאָטש אין פּלוג זעט עס אויס ווי אַ קעגנזאַץ.

דער סאָציאַליזם נעגירט נישט בלויז פּריווילעגיעס פון אַדל־שטאַם, אָדער אייגנטום; ער נעגירט אויך געזעלשאַפטלעכע שיכטונג, וואָס איז געבויט אויף קאַטעגאָריזאַציע פון נאַטירלעכע באַגאַבונגען. ער זאַמלט־איין די וויסנ־שאַפטלער אונטער זיין פאָן, ער שעצט דעם צופּאַס צווישן דער וויסנשאַפט און דער אַדמיניסטראַציע; ער שאַצט־אָפּ די חשיבות פון פאַכקענטעניש, ער צווייפלט נישט אין דער ווערט פון בילדונג. אָבער די באַגאַבונג, די גאָב

פון נאַטור — ווערט דעמאָלט רעאַליזירט, אַ דאַנק דער ירושה פון דורות און די עפנטלעכע בילדונגס־און דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וואָס זייער עצם עקזיסטענץ איז די פּרוכט פון גרויסער געזעלשאַפטלעכער אינוועסטיציע, און אַנטקעגן דעם איז דער שכר־לימוד אַ נישטיקער. דער דיפּלאָם איז טאַקע דאָס פאַרענדיקן אַ לערנצייט־אָפּשניט, אָבער בלויז אַן אָנפאַנג פון אַ בייַשטייער, פון אַ באַדינג דער געזעלשאַפט, און דע־פאַקטאָ בלויז אַן אָנהייב פון אומקערן דאָס, וואָס די געזעלשאַפט האָט אינוועסטירט אין אַקאַדעמיקער.

דעריבער איז די אַקאַדעמישע אינטעליגענץ פאַרפליכטעט צו זיין צניעותדיק. און אויב קומט זיי, אָן שום ספק, רעכט און מעגלעכקייט מער צו ווירקן אויף דער ווירטשאַפט און דער געזעלשאַפט — איז אָבער אַ ספק צי זיי און זייערע קינדער זענען באַרעכטיקט צו איבעריקע רעכט. און אַנשטאָט די אינסטיטוט־גראַדואירטע און די באַזיצער פון די טיטלען זאָלן דאַנקבאַר זיין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אוצרות פון וויסן און קולטור פון דורות און זיך באַשעפטיקן מיט אינטערעסאַנטע פאַכן — שטייען מיר צום באַדויערן אַנטקעגן דער מאָדנער און פּאַראַדאָקסאַלער דערשיינונג, וואָס נישט נאָר די געזעלשאַפט איז נישט זוכה צו דאַנק־לויין, נאָר זי איז גאָר שולדיק די אַקאַדעמיקער באַלוינונג.

נאָך מער, דער אַרויספאָדער פאַר גלייכהייט ווערט נאָך פילפאַכיק שטאַרקער ביי אונדזער פאָלק, וואָס דער יצר צו לערנען איז זייער שטאַרק, און יעדע יידישע מאַמע חלומט, אַז איר זון זאָל זיין אַן אַדוואָקאַט אָדער אַן אינזשעניער; ביי אַ פאָלק, וואָס אין משך פון אַ סך דורות איז עס געווען אויסגעוואָרצלט פון ערד, ביי אַ געזעלשאַפט, וואָס אירע זין פאַרמאָגן אַ מינימום נייגונג צו די ערשטראַנגיקע פאַכן אין דער עקאָנאָמיע, בעת די פאַכן שטייען אונטער אַ מאַקסימום געברויך. דעריבער איז נישט מער ווי רעכט צו געבן אַ געוויסן פאָרצוג דעם שעפערישן סעקטאָר לגבי די אַנדערע סעקטאָרן.

רעכט אויף אַרבעט און אַ חוב צו אַרבעטן

דער דריטער ווערט פון סאָציאַליזם איז — די גלייכהייט פון אַרבעטס־ווערט.

די אַרבעט איז די מעלה פונעם מענטש. די שעפערישע אַרבעט איז נישט בלויז אַ מיטל פאַר געברויך און הנאה. זי איז אויך אַ ציל פאַר זיך און זי ברויך זיין אַ ווערטפולע און אַ באַפרידנדיקע. דעריבער איז דער אַרבעטנ־דיקער מענטש נישט קיין סחורה, ווי אַ מאַשין און רוי־שטאָף, כאָטש ס׳איז פאַראַן אַ פרייז פאַר זיין אַרבעט. ער איז אַ מענטשלעך באַשעפעניש מיט רעכט און מיט זעלבסטווערט, און אויך זיין לוין דאַרף נישט באַשטימט ווערן בלויז לויט דעם שפיל פון פרייע כוחות אין מאַרק. און דאָס איז דער עסענץ פון דער פאָרשריטלעכער פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע פונעם פראָפ.־פאַריין.

דער סאָציאַליזם האָט געפאָדערט צו אַלער־ערשט די רעכט פאַר אַרבעט און האָט אויפגעהויבן די פאָדערונג ווי אַ מוסטער פאַר פולער באַשעפטיקונג. אָבער ער האַלט אויך פון אַרבעטס־פליכט. אַ פיזיש און גייסטיק געזונטער מענטש טאָר נישט לעבן בלויז אויף יענעמס אַרבעט נישט בייצושטייערן זייןביישטייער צום גאַנצן מאַטעריעלן און גייסטיקן שאַפונגס־באַנעם.

דער דאָזיקער גאַנצער באַנעם, די מענטשלעכע ציוויליזאַציע, איז אַ בשות־פותדיקע שאַפונג פון אַ סך אַרבעטער מיט זייערע פאַרשידענע פאַכן — יעדער מענטש לויט זיין פעאיקייט און זיינע נייגונגען. סאָציאַליזם הייסט ווערט־גלייכהייט פון יעדער אַרבעט. די ספּעציעלע שטרעבונג פון סאָציאַליזם איז צו פאַראייניקן די פיזישע אַרבעט מיט דער גייסטיקער, אויספורעמען אַן אַרבעטס־מענטש, וואָס פאַרמאָגט בילדונג און אַ גייסטיק־לעבן, און אַרויס־ברענגען אַ גייסטיקן־און וויסנשאַפטס־מענטש, וואָס די פיזישע אַרבעט איז אים נישט פרעמד.

ווירטשאַפט אין דער אחריות און אייגנטום פון אירע אַרבעטער

דער פערטער און דער לעצטער ווערט אויף וועלכן איך וועל זיך אָפּשטעלן, איז — באַציאונג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט — די באַציאונג פון איין מענטש צום צווייטן און די אחריות פאַרן בשותפותדיקן ווערק.

אויב מ׳דאַרף שטרעבן צו אַרבעט, וואָס איז שאַפונג, איז דאָך דעם מענטשנס הויפּט־באַפרידיקונג פון דער שאַפונג אָפּהענגיק פון זיין אחריות צו דער שאַפונג. דעריבער פאָדערט דער סאָציאַליזם מאַקסימום זעלבסט־אחריות ביי דער אַרבעט און ער קעמפט מיטן געפיל פון באַקוועמלעכקייט, וואָס די אויס־

געוואָרצלטקייט גיט, ווי די יידישע תורה האָט אַ מאָל געקעמפּט מיטן באַ־קוועמקייט־געפיל פון קנעכט, וואָס האָט ליב באַקומען זיין האַר.

אַן אידעאַלע סאָציאַליסטישע־ווירטשאַפט איז די, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַרבעטער, וואָס זיי אַליין זענען די אייגנטימער. דאָס איז די מעלה, וואָס פאַרמאָגט די קאָאָפּעראַציע און די קיבוץ־באַוועגונג. כל זמן דער אַר־בעטער וויל נישט קיין אחריות און זעלבסט־פאַרוואַלטונג, דאַרף מען אים דערציען צו דעם, וועןָ אַפילו נישט אַרויפצווינגען עס. דער סאָציאַליזם פאָ־דערט בטל צו מאַכן די מחיצה, וואָס שטעלט אַוועק דאָס פּריוואַט־אייגנטום צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, צווישן אַרבעטער און אייגנטימער, דורך גע־זעלשאַפטלעכן אייגנטום און נאַציאָנאַליזירונג, אָבער מען טאָר זיך נישט באַגענוגענען מיט געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. אינעם שותפות־און אחריות־געפיל בלייבט די געזעלשאַפט אַ געשפּאָלטענע. דער מאַנגל ביים אַרבעטער פונעם געפיל, אַז ער איז אַ שותף צו דער שאַפונג פון דער ווירטשאַפט און אַז אויך ער פאַרמאָגט אַ חלק און אַ דעה אין די דרכים פון איר טעטיקייט — מוז זיך אויך אויסווירקן אויף זיין שטעלונג ווי אַ פּרייער, וויטאַלער און טעטיקער בירגער אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט איז די אינדוסטריע־רעוואָלוציע גע־ווען אומפאַרמיידלעך. סיי די קאָאָפּעראַציע סיי די קיבוץ־באַוועגונג מוז זיך איינשפּאַנען אין איר רייטוואָגן. עס איז נישט אַזוי לייכט צוזאַמענצופּאָרן דאָס ריזן ווערק מיט דער מענגע אַרבעטער און די צעצווייגטע אַרבעט־פאַר־טיילונג פון איין זייט, און די שטרענגע קאָנצענטראַציע און די מומחהשאַפט פון איינצלנע, פון דער צווייטער זייט — מיט דער קאָאָפּעראַציע שותפות פון קעגנזייטיקער הילף און מיטן פּראָדוצענטן־פאַרבאַנד. דעריבער זענען מיר, צום באַדויערן, עדות צו דער פאַרגליווערונג און באַשרענקונג וואָס הערשט אין דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע.

אויך היינט קען מען זיך נישט מתיאש זיין פונעם פּראָדוצענטן־קאָאָפּעראַטיוו. אין געוויסע פאַכן, וווּ דער עיקר איז די פיין־אַרבעט, פאַרמאָגן פּראָפּאָרציאָ־נעל קליינע אַרבעט־פאַרמאַציעס טעכנישע און פּסיכאָלאָגישע פאָרטיילן. און ס׳איז אַ סאָציאַליסטישער געבאָט צו דערמוטיקן דאָס קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַ־ניזירן זיך פון טעכנישע אַרבעטער און האַנטווערקער דורך צושטעלן געזעל־שאַפטלעכן קאַפּיטאַל און בנינים. און ווער ווייס, אפשר דווקא די נייע ענערגיע־מקורות (זון און אַטאָמישע־ענערגיע) און (אָדער) די פּראָדוציר

סיסטעמען פון אָטאָמאַציע, וועלן דערמעגלעכן אויפצוהאַלטן ריזן־אונטער־נעמונגען מיט אַ קליינער צאָל אַרבעטער אין יעדער אונטערנעמונג, אַזוי אַז ס׳וועט מעגלעך זיין צו אָרגאַניזירן זיי אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן? אָבער דערווייל קען מען זיך נישט באַגעגענען מיט דער פּאָליטישער אויפזיכט איבער די מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. סוף־כל־סוף איז אָפּהענגיק די געזעלשאַפטלעכע אייגנטימער אין דער קאָאָפּעראַציע־מאָס פון די אַרבעטער מיט דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט, און אין פאַרוואַנדלען דעם אַרבעטער אין אַ שטיקל טרעגער פון דער ווירטשאַפט־אחריות. דער סאָציאַליזם איז מחייב צו אַ פאַרשידנאַרטיקן ווירטשאַפט־בוי, וואָס איז צו־געפּאַסט צו די פּראָדוקציע־באַדערפענישן און צום ווילן פון די אַרבעטער, מיטן באַדינג, אַז די נאַטור־אוצרות און די פּראָדוקציע־מיטלען זאָלן זיין דאָס אייגנטום פון די אַרבעטער אַליין און (אָדער) דאָס אייגנטום פון כלל.

און נאָך — מען קען נישט פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פונעם סאָציאַליזם דורך אַן איינמאָליקן אַקט. דאָס איז אַ פּערמאַנענטער אָנאויפהערנדיקער אינטעגראַלער לעבנס־פּראָצעס, כאָטש ער פאַרמאָגט קלאָרע געזעלשאַפטלעכע צילן. נישט אַלע צילן לאָזן זיך באַלד פאַרווירקלעכן, און ס׳טרעפט, אַז דאָס פאַרווירקלעכן אין ציל ליגט שטרויכלונגען אויפן וועג פונעם צייטן ציל. דע־ריבער קען מען זיך נישט אויסדרייען פון באַשטימען אַ סדר פון קאַטעגאָריעס אויף יעדן שיידוועג און אין יעדן היסטאָרישן לאַבירינט. מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פאַרווירקלעכונג־פּראָצעס וואָס איז קאָמפּליצירט און פאַרדרייט ווי די נאַטור פון מענטש — און ווי ער, איז אויך ער פול קעגנזאַצן און סתירות.

דעמאָקראַטישער, הומאַנישער סאָציאַליזם, נויטיקט זיך אין אַ געזעלשאַפט־לעכן און זעלישן קלימאַט פון פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן. אָבער פאַרשטענדעניש פאַר שוואַכקייטן הייסט נישט פאַרהייליקן זיי, נאָר פילפאַכיק אינטענסיוו זיך אָנגורטן אויף אַרויסצוהייבן דאָס שיינע און דער־הויבענע וואָס איז פאַראַן אין נאַטור פון מענטש.

סכנות וואָס לויערן אויף דער שוועל פון גלויבן

אונדזער סאָציאַליסטישע אמונה ציט איר יניקה אויך פון געזעלשאַפטלעכע גאַרונגען, וואָס ציען זיך נאָך פון אור־אַלטע צייטן ביים יידישן פאָלק — משיחישע־גאַרונגען, וואָס שטרעבן צו אחרית־הימים אויף דער וועלט און

דאָס דענקען נאָך פולער און אַרומנעמענדיקער פאַרווירקלעכונג פון מענטש־לעכע ווערטן. אָבער אויף דער שוועל פון יעדן משיחיזם לויערט די סכנה פון פאַטאַליסטישער פּאַסיוויטעט, ס׳הייסט, די גרייטקייט זיך אונטערגעבן און משלים זיין מיט די פּערקריפּלעניש און פערדרייעניש פון דער עקזיסטירנ־דיקער געזעלשאַפט, אַרויסקוקנדיק, גאַרנישט־טוענדיק, אויף דער באַשער־טער גאולה, וואָס וועט קומען מיט גאָטס הילף, אָדער אויף אַ נאַטור אופן אָדער דורך היסטאָרישער נויטווענדיקייט. מיר דאַרפן זיך היטן פון אַ צוגאַנג, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין קלאָרע מאָסשטאַבן, צו אַ קריטיק, וואָס שאַפט זיך אויף דעם וואָס פּאַסירט אין היינטיקע צייטן און וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אויבערפלעכלעכן אָפּטימיזם פון „שב ואַל תעשה״.

ס׳איז אויך פאַראַן אַ צווייטע סכנה: די סכנה פון פאַלשן משיחיזם. און מען קען זאָגן, אַז אויך אין אוניווערסאַלן סאָציאַליזם איז אויפגעשטאַנען אַ „נוצ־רישער״ משיחיזם — אַזאַ, וואָס גלייבט, אַז דער משיח איז שוין געקומען, און די דערלייזונג פון מענטש איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף דער וועלט. איך מיין דעם קאָמוניסטישן שטראָם, וואָס זעט אין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן ווערק פון ראַטן־פאַרבאַנד אַ קלאַסישן בײַשפּיל פון סאָציאַ־ליסטישער פאַרווירקלעכונג. דער קאָמוניסטישער שטראָם רעדט צום האַרץ פון פעלקער, וואָס שטעלן זייערע ערשטע טריט אַנטקעגן דער מערב־ציוויליזאַציע, און אַזוי־ווי דאָס קריסטנטום האָט דעראָבערט אין זיין צייט די גערמאַנישע און באַרבאַרישע שבטים, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין דער רוימישער אימפּעריע, אַזוי קען אויך דער קאָמוניזם דעראָבערן די צוריק־געשטאַנענע פעלקער.

אָבער ירושלים, וואָס האָט נישט מקבל געווען אויף זיך די מאַכט פון פּויפּסט־לעכער רוים, קען אויך נישט אָנעמען די מאַכט און דעם וועג פון קאָמו־ניסטישער מאָסקווע. ירושלים איז אַן אַלטערנאַטיוו פאַר מאָסקווע, ווי זי איז געווען אַן אַלטערנאַטיוו פאַר רוים, און מען דאַרף נישט זוכן קיין בריקן צווישן דער ישראל קאָמונע און צווישן דעם סאָוועטישן קאָמוניזם.

ביילינסאָן האָט שוין גוט געוויסט אין יאָר 1925 אַז: ...„פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל שטייט די ברירה: מיט לענינען און קעגן אַ יידיש ארץ־ישראל, אָדער פאַר אַ יידיש ארץ־ישראל און קעגן לענינען. ווייל שפּילן זיך מיט לעניניזם טאָר מען נישט — דאָס איז אַן אָנברחמנותדיק פאַרצוקנדיק פייער, וואָס פאַרלענדט אַלץ און שאַפט גאָרנישט״.

איך וויל האָפן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אין איר דאָמינירנדיקן רוב, האָט שוין באַוויזן צו פאַרשטיין ווי געפערלעך ס'איז דער שפּיל אין לעניניזם. איינע פון די גרויסע נסים אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד שטעקט אין פאַקט, אַז די באַציאונג פונעם השומר הצעיר צום לעניניזם האָט נישט געשעדיקט די פּראַקטפּולע קיבוצישע התישבות־באַוועגונג, אפשר בלויז צוליב איר התישבות כאַראַקטער. אויב ס'איז היינט פאַראַן די איינציקע העמונג פאַר דער פאַראייניקונג פון די ישראל אַרבעטער, שטעקט עס בלויז אינעם וויטערן קיום פון די רעשטלעך „נוצרישע אמונה" אין ישראלדיקן סאָציאַליזם.

די מיסיע פון אַ וויזיאָנערישער באַוועגונג

פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן פון מותר צו זיין אויף יעטוועדן משיחיזם און אויף צו קלאָמערן זיך אָן אַן אידייע און פּרעדיקן צו אַ פּראַגמאַטישן צוגאַנג — אַ מין לאָמיר שווימען אויף די כוואַליעס אָן אַ קאָמפּאַס. אַזאַ צוגאַנג איז נישט אָנצונעמען. אונדזער באַוועגונג האָט געוווּסט אָפּצושאַצן די חשיבות פונעם פּראַגמאַטיזם. זי האָט געקענט עקספּערימענטירן און מאַכן טעותים און לערנען פון די עקספּערימענטן. זי האָט פאַרגעצויגן די פּראָבלעמען פון קורצער מעטע. זי האָט זיך שטענדיק אַוועקגעשטעלט ראַלע צילן צו פאַר־ווירקלעכן זיי פון היינט אויף מאָרגן. אָבער צוזאַמען מיט דעם נויטיקט זיך אָן אָנווייזנדיקע אידייע, אָן עמוד ענן, וואָס צייכנט־אָן אַ ריכטונג און ווייזט דעם וועג אַרויס פון מדבר צום באַשערטן לאַנד.

פון דעם אַספּעקט איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אַ וויזיאָנערישע באַ־וועגונג, און אויב עמעץ וויל, אויך אַ משיחישע. זי איז גרונטעפּעסטיקט געוואָרן אויף גלויבן, וואָס מאַרקס האָט זי געהאַלטן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט, אין דער מיסיע פון פּראָלעטאַריאַט אַלס דער טרעגער פון געזעל־שאַפטלעכער דערלייזונג. און דער דאָזיקער גלויבן, וואָס מאַרקס האָט געהאַט אין דער היסטאָרישער מיסיע פון פּראָלעטאַריאַט אַלס דער טרעגער פון געזעלשאַפטלעכער דערלייזונג, האָט ד. בן־גוריון געהאַט אין דער היסטאָ־רישער מיסיע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם — פונעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד, ווי ער האָט עס געזאָגט אויף דער דערעפענונג פון דער גרונט־קאָנפערענץ פון אונדזער פּאַרטיי: „דווקא דער אַרבעטער־קלאַס — אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די היסטאָרישע מיסיע מקיים צו זיין אין דעם

דאָזיקן לאַנד די גאולה פונעם יידישן פאָלק. אין דעם דאָזיקן לאַנד איז עפּעס־וואָס געשען, און נישט דורך אַ צופאַל, אַז איין קלאַס, וואָס לויט זיין נאַטור, לויט זיין תוך, לויט זיין מהות איז מסוגל, איז מחוייב אינגאַנצן זיך קאָנפראָנטירן מיטן ציוניסטישן ווערק. דער דאָזיקער קלאַס איז דער אַרבע־טער קלאַס. בלויז איין וועג, בלויז איין אידייע קאָן האָבן דער אַרבעטער ציבור אין לאַנד. איך רוף אים: סאָציאַליסטישער ציוניזם. ער וועט נישט געמינערט ווערן אין מיינע אויגן אויב עמעץ וועט אים אַנדערש אָנרופן״.

מיר לעבן טאַקע היינט אין אַ תקופה, וואָס דאָס קאָנפראָנטירן זיך פון יידישן אַרבעטער מיט די ענינים פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט און מדינה איז נישט אָטאָמאַטיש פאַרזיכערט, און מען דאַרף שווער האַרעווען זי צו פלעגן. אָבער, אַזוי אָדער אַנדערש, די סאָציאַליסטישע ציוניסטישע מיסיע איז נישט פאַרענדיקט. וואָס עס האָט זיך פאַרווירקלעכט אין אונדזער צייט איז דאָס ריזיקע, דאָס וווּנדערלעכע, דאָס דערהויבענע פונעם אויפקום פון אַ סוווע־רענער מדינה און פון ראַטעווען יידן פון די נויט גלותן. אָבער מיר שטייען ערשט בלויז ביים אָנפאַנג פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, וואָס הייסט: אחריות פון דער מדינה פאַר דעם גורל פון פאָלק, אַ פערמאַנענטער פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות און זיי צוזאַמענשמעלצן, באַזעצן און אַנטוויקלען דאָס גאַנצע לאַנד, פאַרפעסטיקן די סוווערענע פּאָליטיק און עקאָנאָמיע און שאַפן אַ העברעאישע קולטור, וואָס ציט איר יניקה פון די ירושה־מקורות. דער קענצייכן פאַר פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם איז נישט דער אויפקום פון דער מדינה, נאָר לכל הפּחות, דאָס איינזאַמלען דעם רוב פון יידישן פאָלק אין ישראל; און אויף דעם דאַרפן מיר נאָך שווער האַרעווען.

אויך דער סאָציאַליזם האָט נאָך נישט אַרויפגעלייגט דעם פולן סטעמפּל זיינעם אויף דער ישראל געזעלשאַפט.

דעריבער איז נישט פאַראַן קיין שום באַרעכטיקונג משלים צו זיין מיטן אונטערגאַנג פון דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן פּאַטאָס. מען דאַרף פונ־דאָסניי אַרויסהייבן די סאָציאַליסטישע אויפגאַבע פון די סימפּאָזיאָנען צו דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. מען דאַרף דעם ציוניזם אַרויסנעמען פון די געננזנפּיסלעך. כל זמן דער ציוניזם איז נישט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן, און ער וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן נישט דורכן קאַפּיטאַליזם און נישט דורכן קאָמוניזם, דאַרפן מיר זיין געטריי דעם ישראל־דיקן סאָציאַליזם.

אַ ריי קענצייכנס

דער ישׂראלדיקער סאָציאַליזם האָט זיך געראַטעוועט פון די צוויי סכנות, וואָס לויערן אויף יעדער וויזיאָנערישער באַוועגונג; פון דער פּאַטאַליסטישער פּאַסיוויטעט פון איין זייט, און פון פאַלשן משיחיזם, פון דער צווייטער זייט. ווי אַ סיסטעם פון רעוואָלוציאָנערן קאָנסטרוקטיוויזם איז ער אויך וויזיאָנעריש און אויך פּראַקטיש־פּראַגמאַטיש, און ער צייכנט זיך אויס מיט אַ ריי פון קענצייכנס, וואָס גילטן אויך אין דער תקופה פון דער מדינה.

צו ערשט — די פולע איינקייט פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעבונגען. נישט אָפּגעריסן זיין פון לעבן פון פאָלק, נאָר האָבן אַחריות פאַר זיין גורל. און אין דער זעלבער מאָס — נישט קיין ליים פון נאַציאָנאַלער איינקייט, וואָס קאָמפּלאַזשירט ממשותדיקע קלאַסן־קעגנזאַצן. פון דאַנען דער פּאַראָל וואָס איז מחייב צו מעשים: „מיטן פּנים צו די אָנקומענדיקע שיפן". הסתדרות פון עליה, פאַר עליה און קליטה, און אויך פיבער און געשפּאַנטקייט און אָנשטרענג פאַר אַ באַלדיקער סאָציאַליסטישער שאַפונג. דעריבער פאַרמאָגט די הסתדרות העובדים הכללית — אָט די דאָזיקע פּראַכט שאַפונג פונעם ישׂראלדיקן סאָציאַליזם — צוויי זייטן, און איינע קען נישט עקזיסטירן אָן דער צווייטער: אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פאַר פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל; אַן אַרבעטער געזעלשאַפט פאַר בוי און ווירטשאַפט.

רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם אין ישׂראל בינדט צונויף סאָציאַליזם פון אונטן מיט סאָציאַליזם פון אויבן — צוזאַמענגיסן פערזענלעכן, וואָלונטאַרישן און קאָלעקטיוויסטישן סאָציאַליזם און עטישן, פּאָליטישן און מלוכהשן סאָציאַליזם. די קאָאָפּעראַטיווע שותּפות־ווירטשאַפט און די ווירטשאַפט פון דער מדינה זענען די קלאַסישע ריכטונגען פונעם סאָציאַליזם. אין ישׂראל האָבן זיי דערהויבן, אָדער פאַרזוכט זיי צו דערהייבן, צו אַ נייעם און פאַרשריטלעכן רעאַליזירונג־ניוואָ.

דעם סאָציאַליזם פון אויבן האָבן מיר רעאַליזירט דורך דער אַרבעטער העגעמאָניע אין דער מאַכט, דורך דער פּלאַנירונג פון דער רעגירונג, דורך דער מדינה און הסתדרות־ווירטשאַפט, דורך אַ פאַרפליכטנדיקער סאָציאַלע פאַרזיכערונג, און מיר האָבן אויך געמאַכט אַ פּרווו פון מיטבאַטייליקן אַרבעטער אין דער אָנפירערשאַפט פון דער ווירטשאַפט. און אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם פון אונטן זענען מיר דערגאַנגען צום הויפּטפּונקט פון שותּפות־

און גלייכהייט־רעאַליזירונג, שאַפנדיק די קיבוץ־באַוועגונג, וואָס רעאַליזירט אין אירע ראַמען די מאַקסימאַלע פאָדערונגען פונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און שאַפט אויך אַ באַזע פאַר געזעלשאַפטלעכע און מלוכהשע מיסיעס ווייט אַריבער די ראַמען פון קיבוצישן ישוב.

גייסטיקע ווירקונג מעסט מען נישט בלויז מיט קוואַנטיטעט. גרויסע און מעכטיקע אימפעריעס האָבן נישט געווירקט אויפן גורל פון דער מענטשהייט, ווי דאָס קלאַסישע גריכנלאַנד און דאָס פּראָפעטישע ישראל. איך בין זיכער, אַז די קבוצה אין ישראל אַלס טרעגער פון מאַקסימאַליסטישע ווערטן דינט, ווי אַ מקור פון באַשטראַלונג אויף דער גאַנצער ישראל געזעלשאַפט, אַ דאַמבע קעגן פאַרברייטערן דעם תהום, אַ רוף פאַר מער גלייכבאַרעכטיקונג, מער קאָאָפּערירן און ווייניקער „איש לאהליך ישראל״; מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ווייניקער „עס און טרינק, ווייל צו וואָס זאָרגן אויף מאָרגן״.

די קלאַסישע רעאַליזירונגס־פאָרמען — סיי די קאָאָפּעראַציע און סיי די נאַציאָנאַליזירונג — האָבן זיך נאָך נישט אַליין אויסגעשעפּט אין דער ישראל געזעלשאַפט און ס׳איז פאַראַן פּלאַץ צו פאַרברייטערן זיי און פאַרטיפערן. דער ישראל סאָציאַליזם איז אייגנאַרטיק אויך אין אַנטוויקלען נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט, וואָס איז נישט מלוכהש און נישט קאָאָפּעראַטיוויש, ווי למשל: אַ ווירטשאַפט פון קאָאָפּעראַטיון־פאַרבאַנד, אַ ווירטשאַפט אין רשות פון אַלגעמיינער הסתדרות און אַ ווירטשאַפט אין רשות פון התישבות־ראַיאָנען. מיר וועלן נאָך באַוויזן אויסצופורעמען נייע און צוזאַמענגעשטעלטע פאָרמען, און ס׳איז נאָך פרי פעסטצושטעלן סאָראַ טיפּ וועט זיין דער צענטער און דער רוב פון דער ווירטשאַפט. אָבער יעדן פאַל דאַרף זיין קלאָר, אַז יעדע ראַיאָן־אָרגאַניזאַציע אין דער התישבות, טאָר נישט צעשטערן און צעטרייסלען אירע אָטאָנאָמישע קאָלעקטיוויסטישע יסודות, און יעדע געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט, וואָס נויטיקט זיך אין ביוראָקראַטיע און אין טעכנאָקראַטן, דאַרף זיין וואַך צו די סכנות וואָס זיי טראָגן מיט זיך.

אינערלעכע שפּאַנונגען און כישוף קרייזן

דער ישראלדיקער סאָציאַליזם פאַרמאָגט אויך פאָדערונגען צום פּרט און פאָדערונגען צום כלל. די פאָדערונג צום פּרט איז די פאָדערונג צו חלוציזם. די פאָדערונג צום כלל — איז די פאָדערונג צו פאַרבינדונג און אייניקייט,

צו געבן פאָרצוג לטובת דעם כלל און פאָרציען דעם עיקר איבערן טפל, ווי דער יסוד פאַר איינהייט.

ס'האָט קיין שום טעם נישט צו שאַפן פּוסטע קעגנזאַצן צווישן המשך חינוך פאַר פּערזענלעכן חלוציזם און צווישן דער פאָדערונג פאַר אַ חלוצישן רע־זשים. קיין געזעלשאַפט, און ווער שמועסט אַ געזעלשאַפט מיט פיל באַדער־פענישן און מיסיעס, ווי די ישראל געזעלשאַפט, קען נישט פאַרציכטן אויף פּערזענלעכן וואָלונטאַריזם און אויף קלאַסישן ביישפיל. אָבער עס איז פאַר־שטענדלעך, אַז מען דאַרף נישט באַפרייען פונעם חובות־עול דעם גאַנצן כלל, און ס'איז באַרעכטיקט אָנצווענדן די מדינה־אינסטרומענטן און אירע אַפּאַ־ראַטן אַרויפצולייגן מצוות און העמונגען.

פונדעסטוועגן האָט דער ישראלדיקע סאָציאַליזם נישט געקענט אַנטרונען פון אינערלעכע שפּאַנונגען און פון כישוף קרייזן, וואָס אַרויס פון זיי איז נישט לייכט. אַזוי, למשל, נעגירט ער פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, דעם פּריי־וואַט־קאַפּיטאַל און דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום אַלס ווערטן, בעת פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, פון בנין הארץ און קאָנצענטרירן דאָס יידישע פאָלק, פאָזיטיווירט ער אָנשטרענג און באַדינגונגען כדי צו צוציען פּריוואַט־קאַפּיטאַל. דער רעוואָלוציאָנערער־קאָנסטרוקטיווער וועג פונעם ישראלדיקן סאָציאַליזם פאַר לאַנגער היסטאָרישע תקופה: הייסט בויען סאָציאַליזם, אָבער נישט דווקא ליקווידירן קאַפּיטאַליזם.

פון דאַנען שטאַמט די שפּאַנונג צווישן קלאַסן זעלבשטענדיקייט און נאַציאָ־נאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צווישן נויטבאַדערפטיקייט פון קלאַסן־קאַמף און געבאָט פון צווישן־קלאַסן מיטאַרבעט. פונדאַנען די שפּאַנונג צווישןווירקלעכקייט פון „קאָ־עקזיסטענץ" צווישן די צוויי סעקטאָרן און דעם וועג „פון קלאַס צו פאָלק", וואָס דאָס הייסט, נישט בלויז אַרבעטער העגעמאָניע נאָר ליקווידירונג פון קלאַסן.

מיטן אויפקום פון דער זעלבשטענדיקייט האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל איבערגעענטפערט דער מדינה סיי די פונקציעס, וואָס קומט איר ווי אַ געזעצלעכע עקסקלוזיווע כוח־ראָם און סיי די פונקציעס, וואָס מען קען זיי נישט אויספירן אָן דעם כוח פון דער מדינה און וואָס נאָר זי קען אויסטראָגן זייער הויפּט־לאַסט. אַזוי האָט די מדינה באַקומען אויף אָן עקס־קלוזיוון אופן דעם געביט פון זיכערהייט, באַשעפטיקונג און צוואַנג־פאַר־

זיכערונג, און וואָס זי האָט אויף זיך גענומען די הויפּט־לאַסט פון די חינוך־ און שיכון־ענינים.

אָבער כל זמן עס עקזיסטירט, און ס׳וועט עקזיסטירן דער פּריוואַטער סעקטאָר, כל זמן דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל איז זוכה צו אַ ספּעציעלער פּי־זיקאַלער און געזעצלעכער דערמוטיקונג, כל זמן ס׳וועט איינפאַלן איבער־צוענטפערן מלוכהשע ווירטשאַפטן אין פּריוואַטע הענט, כדי צו מאָבי־ליזירן איבעריקן קאַפּיטאַל פאַר גרונטלעכער אַנטוויקלונג — איז פאַראַן פּלאַץ און אַ נויטבאַדערפטיקייט פאַר אַ הסתדרותישן ווירטשאַפט־סעק־טאָר. כל זמן עס זענען פאַראַן עקאָנאָמישע קאַפּיטאַליסטישע כוח־קוואַלן — דאַרף מען זיך קעגנשטעלן דער איינזייטיקער אַנטוואָפּנונג. נאָך מער, ס׳איז פאַראַן פּלאַץ אויך פאַר איבערגעבן טיילן פון מלוכהשער ווירטשאַפט אין די הענט פון אַרבעטער קאָאָפּעראַטיון. אַזוי־אַרום וועלן מיר אפשר גע־פינען אויך לייזונגען פאַר פּראָבלעמען פון קאַליע געוואָרענער אַרבעטס־מאָראַל אין מלוכהשער ווירטשאַפט. ס׳איז אויסער יעדן ספק, אַז די קאָאָפּע־ראַטיוון פון דער פּאַסאַזשירן־קאָמוניקאַציע, למשל, זענען עפעקטיווער פון דער מלוכהשער פּאַסאַזשירן־קאָמוניקאַציע.

✶

אונדזער חלוציש קאָאָפּעראַטיוו ווערק פון קאָלאָניזאַציע איז דער ערשט־ראַנגיקער פאַקטאָר צו הייבן די חשיבות פון ישראל צווישן די פעלקער, דאָס איז דער מקור פון שטאָלץ פאַר יעדן ייִד, ווו ער זאָל נישט זיין, אַ ביישפּיל פאַר פאָרשריטלעכע באַוועגונגען און מאָדערנע אינדוסטריע־געזעלשאַפטן, אַ וועג און אינספּיראַציע פאַר נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע באַפרייאונגס באַוועגונגען אין די אַנטוויקלונגס־מדינות.

אָבער דאָ דאָזיקע ווערק וועט נישט זיין קיין אור לגוים אויב עס וועט נישט פאָרזעצן צו זיין אור לישראל. דער ישראל פּראָזשעקטאָר, וואָס וואַרפט ווייט זיין ליכט, איז צו אַלער ערשט אַ סאָציאַלער פּראָזשעקטאָר, אָבער זיינע אַקו־מולאַטאָרן קענען זיך אויסליידיקן און דאָס ליכט קען אַנווערן זיין פולן שיין. עס איז געקומען די צייט פונסניי אָנצולאָדן די אַקומולאַטאָרן.

דער וועג צו דעם ליגט נישט אין מיליטערישן־כוח אָדער אין עקאָנאָמישן־פונדאַמענטאַלי — כאָטש אויך דאָס איז וויכטיק און אָן דעם איז נישט מעג־

לעך — נאָר אין פלעגן אויסערגעווענלעכע געזעלשאַפט־און ווירטשאַפט־פאָרמען פונעם מענטשלעכן און געזעלשאַפטלעכן אַספעקט.

זאָל אונדזער פאַרטיי זיין געטריי — אין וויזיע און אין טאַט — צו אַ קאָנ־סעקווענטן וועג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך איינזאַמלען אין זיין פאָטערלאַנד און כדי עס זאָל אין אים זיך אויסבילדן אַ גערעכטע געזעלשאַפט פון גלייכהייט און פרייהייט.

משה א. גלבוע

חברת העובדים און אירע פראָבלעמען

פיר פאָרמען פאַרמאָגט די הסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל — פראָפ.־פאַרבאַנד, אַרבעטער־ווירטשאַפט, ס׳הויז פון קולטור און דערציאונג און אַ געזעלשאַפט פאַר קעגזייטיקער־הילף. אין 1910 האָט זיך אין דגניה אָנגעהויבן אויפבויען די אייגענע ווירטשאַפט פון די אַרבעטער אין ישראל. אין אָנהייב פון די צוואָנציקער יאָרן האָט די הסתדרות אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ יורידישע ראַם פאַר די ווירטשאַפטן, וואָס זענען דורך איר געגרינדעט געוואָרן. דאָס איז די אַלגעמיינע שותפותדיקע חברת העובדים פון די אַר־בעטער. יעדער חבר פון הסתדרות איז אויך אַ חבר פון חברת העובדים. איין חבר־לעגיטימאַציע דינט פאַרביידע ראַמען. אין דעם זעלבן טאָג קומען פאַר די וואַלן (מיט באַזונדערע קאָנווערטן) צו דער קאָנפערענץ, וואָס דינט פאַר ביידע, און זיי ווילן זייערע אייגענע ראַטן און עקזעקוטיוון. אָבער חברת העובדים פאַרמאָגט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַריאַט פאַר דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט. אין אַלע לויפנדיקע־פּראַקטישע ענינים זענען די דירעקציעס פון יעדן ווערק און אַנשטאַלט זעלבסטשטענדיק. די דירעקציעס פון די אַנשטאַלטן ווערן געוויילט דורכן סעקרעטאַריאַט.

בסך־הכל אַרבעטן היינט־צו־טאָג (אָנפאַנג 1966) אין דער הסתדרותישער ווירטשאַפט העכער צוויי הונדערט טויזנט מאַן, און פּראָדוצירן ביי אַ פערטל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, באַשטייענדיק ביי אַ פערטל פונעם ציווילן מענטשן מאַטעריאַל. ביי אַ צוויי דריטל פון דער לאַנדווירטשאַפט געפינט זיך אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט, און אַ העלפט פון דער בוי־אַרבעט, דער רוב פון קאָמוניקאַציע, און ביי אַ פיפטל פון דער אינדוסטריע, פאַרמיטלונג און באַנק־וועזן. בדרך כלל זענען די אונטערנעמונגען פון הסתדרות מאָדערן, טעכניש פאַרפולקאָמט, פאַרמאָגן אַ הויכע אויסגעביקייט פער אַרבעטער, היטן אָפּ די סטאַבילקייט פון פרייזן לטובת דעם קאָנסומענט, און בילדן אַ באַזע פאַר אונטער־צווייגן. אַ סך פון זיי זענען צעוואָרפן איבער די אַנט־וויקלונגס־ראַיאָנען און בלויז אין זייער זכות עקזיסטירן ישובים אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד, אַריינגערעכנט שטחים, וואָס זענען געווען פולשטענדיק פוסט אין דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

התיישבות העובדת

די קרוין פון דער הסתדרות און פון דער גאַנצער ישראל־געזעלשאַפט איז די וווּנדערלעכע שותפות־שאַפונג אין געשטאַלט פון קיבוצים און מושבים. יעדער פון זיי איז אַ גאַנצער ישוב, וואָס בילדעט אַ שותפות־פאַרבאַנד, אַ פּראָדוציר־און קאָנסום־פאַרבאַנד צוזאַמען. די צוויי הונדערט און צוואַנציק קיבוצים זענען ישובים, וואָס יעדער איינער פון זיי האַלט־אָן אַ שותפות־אייגנטום איבער אַלע צווייגן פון דערווירטשאַפט און בנינים. דאָס גע־מיינזאַמע לעבן פון קיבוץ נעמט אַרום די עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע־און דערציערישע־טעטיקייט פון ישוב. יעדער איינער אַרבעט רעכנדיק זיך מיט דער מאָס פון זיין מעגלעכקייט און באַקומט לויט זיינע באַדערפענישן — ס'הייסט, נישט קיין געלט־לוין לויטן ווערט פון זיין פּראָ־דוקציע, נאָר באַדינונגען און אַרטיקלען רעכענענדיק זיך מיט די באַדערפע־נישן פון יעדן איינעם אין די ראַמען פון די קיבוץ מעגלעכקייטן. עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס גיבן יעדן חבר אַ גלייכן קאָנטיגענט קליידער, מעבל און ענלעכע אַרטיקלען, און די קינדער האַלט מען צוזאַמען. פאַראַן קיבוצים, וואָס באַשטימען אַ גלייכן בודזשעט פאַר יעדן חבר, ער זאָל קענען קריגן די געהעריקע אַרטיקלען, און די קינדער זענען ביי די עלטערן. די באַזע פון קיבוץ איז לאַנדווירטשאַפט. אָבער עס זענען פאַראַן אַ סך קיבוצים, וואָס האָבן אַנטוויקלט אינדוסטריע און אַנדערע צווייגן, צו צושטעלן די באַ־דערפענישן פון לאַנד און פאַר עקספּאָרט.

די קיבוצים באַגענוגענען זיך נישט מיט דער קאָאָפּעראַציע ביי זיך אין ישוב. זיי פירן אָן אַ קאָאָפּעראַציע אַ צווישן־קיבוצישע אין פאָרם פון לאַנד־פאַר־באַנדן. לעצטנס האָבן זיי אַ סך דערגרייכט אויפשטעלנדיק דעם „פאַרבאַנד פון קיבוץ־באַוועגונג", וואָס נעמט אַרום אַלע קיבוצים אין ישראל, אַריינ־רעכנדיק די רעליגיעזע. זיי ווירקן צוזאַמען אויף די געביטן פון פאַרפול־קאָמען זיך, קעגנזייטיקע הילף, און איצט ספּעציעל אויפן געביט פון „פאַר־באַנד פון קיבוצישער־אינדוסטריע".

אין ישראל געפינען זיך ביי אַ דריי הונדערט און דרייסיק אַרבעטער־מושבים. אין מושב איז די ווירטשאַפט בדרך כלל יעדן פּויערס אייגן פאַרמעג. דערוי־בער, און אין דער פאַרגאַנגענהייט אויך פון אידייאישע סיבות, באַזירן די מושבים צומיינסטנס אויף לאַנדווירטשאַפט. אָבער יעדער מושב איז אויך פאַרבונדן ווי אַ שותפות־פאַרבאַנד, וואָס איז עוסק אין בשותפותדיקן פאַר־

קויף, אין בשותּפֿותדיקן איינקויף, אין בשותּפֿותדיקע באַדינונגען, אין באַנוצן פֿאַרשידענע כּלים און אין אויפֿשטעלן בשותּפֿותדיקע ראַיאָן־אונטערנעמונגען. די מושבֿים האָבן אויפֿגענומען צענדליקער טויזנטער נייע עולים, פֿון זינט דעם אויפֿקום פֿון דער מדינה. איצט פּרוּוון זיי צוזאַמען אויך אויפֿצושטעלן אינדוסטריע־אונטערנעמונגען.

די דאָזיקע אַלע ישובֿים, מושבֿים און קיבוצים, זענען אָרגאַניזירט אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער הסתּדרות, אין דער געזעלשאַפֿט „ניר שיתּופֿי בע״מ״, און אין לאַנד־קאָאָפּעראַטיוון פֿאַר הורטאָוונעם פֿאַרקויף, „תּנובֿה״ פֿאַר פֿאַרקויף און „המשבּיר המרכּזי״ פֿאַר בשותּפֿותדיקן איינקויף. ביידע האַלטן־אויף אונטערנעמונגען, ווי צום ביישפּיל: מילכעררייען, פֿאַבריקן פֿאַר אייל, פֿאַר מאַרגאַרין און פֿאַר פֿאַרשידענע קאָנסערוון.

די קאָאָפּעראַציע

אין חבֿרת העובֿדים זענען אָרגאַניזירט העכער צוויי הונדערט קאָאָפּעראַטיוון אין שטאָט און אין מושבֿה, אין די קאָמוניקאַציע־צווייגן, אין דער אינדוס־טריע און באַדינונגען. די קאָאָפּעראַטיוון פֿאַר קאָמוניקאַציע האַלטן־אָן איינע פֿון די ביליקסטע פּרייזקוראַנטן אין דער גאַנצער וועלט. „אגד״, דער לאַנד אָטאָבוסן־קאָאָפּעראַטיוו, האַלט אויף זייער אַן עפֿעקטיווע ווירטשאַפֿט. גרויסע קאָאָפּעראַטיוון אין דער אינדוסטריע געפֿינען זיך אין די צווייגן פֿון גלאָז, בוי־מאַטעריאַל און בעקעריי. אַ גרויסער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז ווערט צו דערמאָנען איז, „הארגז״, וועלכער פּראָדוצירט אָטאָבוסן, מעבל, און פּאַק־קעסטלעך. „הארגז״, צוזאַמען מיט פּריוואַט־קאַפּיטאַל, האַלט דעם באַטריב פֿון „אַמקור״־געזעלשאַפֿט, וואָס אין איר באַזיץ פֿאַרמאָגט זי פֿאַבריקן פֿון עלעקטרישע אייזקאַסטנס, פֿון ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און פֿאַרשידענע עלעקטרישע מכשירים. דער ים־קאָאָפּעראַטיוו „אופֿיר״ פֿאַרמאָגט דריי שיפֿן.

די קאָאָפּעראַציע אין ישׂראל, סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף, שטייט הײַנט פֿאַר אַ זייער האַרבער פּראָבלעם־שוועריקייט. אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפֿט זענען נישט פֿאַראַן קיין סך אונטערטרייב גורמים אויף צו פֿאַרברייטערן די קאָאָפּעראַציע. די מאַסן־פּראָדוקציע, דער איבערגעטריבענער מאַטעריאַליזם און דער באַדאַרף פֿאַר באַוויַיזן זיך — דאָס אַלץ באַשווערט די עקזיסטענץ פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו. דעריבער וואַקסט נישט די שותּפֿות־באַוועגונג אין

ישראל מיטן וווקס־טעמפּאָ פון גאַנצן ישוב. דער דאָזיקער פֿאַקט אַליין שטערט אויף די געביטן פון געזעלשאַפט, קולטור און ווירטשאַפט. אָבער ער ברענגט־אויף אומדירעקט אַן אַנדער פּראָבלעם: געדונגענע אַרבעט, וואָס איז אין קעגנזאַץ צום פּרינציפּ פון „אייגענע אַרבעט".

די קאָאָפּעראַציע און די הסתדרות זוכן פֿאַרשידענע וועגן צו לייזן דעם פּראָבלעם פון געדונגענער אַרבעט: אויפשטעלן בשותפותדיקע אונטערנעמונגען פון הסתדרות און פון דער שותפות־באַוועגונג; אויפשטעלן אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס זאָל זיין אַ שותף מיטן קיבוץ און מיט די אַרבעטער מחוץ דעם קיבוץ; באַשטימען צוויי סאָרטן אַקציעס, איינע — אַ טייערע אַקציע פֿאַר אַלטגעזעסענע, וואָס האָבן אַ סך אינוועסטירט ביים אויפשטעלן דעם קאָאָפּעראַטיוו און איינע — אַ פּאָלקס אַקציע, אַ ביליקע, פֿאַר די נייע חברים; אויפצושטעלן ראַיאָן־אונטערנעמונגען א.ד.ג.

על כל פּנים, די הסתדרות און די שותפות־באַוועגונג באַמיען זיך צו באַשרענקען און מבטל זיין די מעגלעכקייט פון קלאַסן־קאַמף צווישן זיך אַליין און שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט באַזירט אויף שותפות און אייניקונגס־באַציאונגען צווישן חבר צו חבר.

די אינדוסטריע אין דער הסתדרות

אין דער התישבות און אין דער קאָאָפּעראַציע, געפינט זיך בלויז אַ קלענער טייל, ווען אַפילו אַ דינאַמישער, פון דער הסתדרות־פֿאַבריקאַציע. די גרויסע אונטערנעמונגען זענען אָרגאַניזירט אין באַזונדערע פֿאָרמאַציעס, וואָס חברת העובדים הערשט איבער זייערע אַקציעס. בסך־הכל אַרבעטן ביי אַ פֿינף און דרייסיק טויזנט מאַן אין דער דאָזיקער פֿאַבריקאַציע און אין אירע אַלע צווייגן, ביי 15% פונעם כלל באַשעפטיקטע אין דער ישראל אינדוסטריע, און פון דער פּראָדוקציע פֿאַרנעמט די אַרבעטער־פֿאַבריקאַציע ביי 20% פון דער גאַנצער אינדוסטריע. די אויסגעביקייט פֿער אַרבעטער אין דער דאָזיקער פֿאַבריקאַציע איז אַ גרעסערע ווי ביי דער גאַנצער ווירטשאַפט.

די אינדוסטריע־פֿאָרמאַציעס זענען „כור", וואָס באַשעפטיקט ביי אַ 8,000 אַרבעטער, הויפּטזעכלעך ביי דער מעטאַלורגיע־אינדוסטריע, עלעקטריק און האָלץ. „החברה לבנין" — אין דער פֿאַבריקאַציע פון בוי־מאַטעריאַל; „המש־

ביר המרכזי לתעשיה״ — ״תנובה״ און ״יכין—חק״ל״, — הויפּטזעכלעך שפּייז־פּראָדוקטן; און די געזעלשאַפט ״תיעוש״, וואָס האָט אויפגעשטעלט ביי צוואָנציק אונטערנעמונגען אין די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען, אין די נייע־עולים־שטעטלעך אין ישראל.

בוי און באַדינונגען

די בוי־געזעלשאַפט פון סולל־בונה באַשעפטיקט זיך מיטן אַלטן שטאָטישן צווייג פון דער הסתדרות־ווירטשאַפט. זי איז געווען דער חלוץ פון בוי־אַרבעט אין ישראל, זי האָט צוגעגרייט עולים צו אַרבעט, און זי האָט צוגעהאָלפן אויפצושטעלן אינדוסטריע־בנינים און פּאָרטן. זי האָט אויפגעשטעלט שיכונים פאַר די מאַסן אַרבעטער אין ישראל מיט דער מיטהילף פון דער הסתדרות־געזעלשאַפט ״שיכון״ און אַ ריי קאָאָפּעראַטיווע שיכון־פאַרבאַנדן.

צו דער דיספּאָזיציע פון הסתדרות שטייט אויך די ״בנק הפועלים״, וואָס איז די דריטע אין גרייס אין מדינת־ישראל, און זי פאַרמאָגט אַ סך פיליאַלן, ווי למשל, די ״אַמפּל״־געזעלשאַפט, וואָס האָט אַריבערגעבראַכט נישט ווייניק קאַפּיטאַל פון אַנדערע לענדער, פאַר אינוועסטיציע אין ישראל. ״הסנה״ פון הסתדרות, איז די גרעסטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין ישראל. עס עקזיסטירן פּענסיע־קאַסעס, וואָס היטן די פּענסיע־געלטער פון די אַרבעטער און אינוועסטירן זיי אין דער רעגירונג, ביי חברת העובדים און אין אַנדערע פּלעצער. די הסתדרות איז אויך אַ שותף צו ״צים״, צו דער וואַסער־געזעלשאַפט ״מקורות״ און צו ״אל־על״. די הסתדרות האָט איניציאירט זייער גרינדונג און זיי פונדאַמענטירט.

די באַוועגונג פון שותפות־קאָנסומציע פאַרנעמט ביי אַ פיפטל פונעם גאַנצן איינצל שפּייז־פאַרקויף אין ישראל. זי היט די אָנשטענדיקייט פון מסחר, האַלט־אויף די גאַלאָפּירנדיקע טייערונג און זאָרגט צו צושטעלן גוטע סחורה דעם אַרבעטער־ציבור אין שטאָט און אין דאָרף. חברת העובדים מאַטערט זיך היינט צו זוכן נייע און מאָדערנע וועגן פאַרן פאַרקויף און פאַר די באַציאונגען צווישן די קאָנסומענטן און די קאָנסום־געשעפטן.

אַרבעטער אָנטייל אין דער דירעקציע

דער שווערסטער פּראָבלעם מיט וועלכן חברת העובדים מאַטערט זיך איז, ווי־אַזוי צו פלעגן אַ באַזונדערע באַציאונג צווישן דעם אַרבעטער פון הסתדרות־פאַבריקאַציע און צווישן דער אונטערנעמונג ווו ער אַרבעט. די הסתדרות שטרעבט משתף צו זיין די אַרבעטער אין די דירעקציעס פון די אונטערנעמונגען און אין די ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. אין אונדזער צייט איז נויטווענדיק משתף צו זיין דעם אַרבעטער אין דער אינפאָרמאַציע, וואָס עס טוט זיך אין דער אונטערנעמונג. ער דאַרף זיך אַריבערהייבן איבער דער פאַרפרעמדונג, וואָס גייט־אָן צווישן אים און דער אונטערנעמונג, צווישן אים און דער דירעקציע. ער דאַרף פילן, אַז מען עקספּלאָאַטירט אים נישט. למעשה איז דער לוין אין דער הסתדרות־ווירטשאַפט העכער מיט אַריבער 10% פונעם לוין אין דער אַלגעמיינער ישראל־ווירטשאַפט. אָבער אָפט איז דער אַרבעטער פול ווי אַ מילגראָם מיט טענות. כדי צו באַהערשן די דאָזיקע אָפּפרעמדונג, האָט די הסתדרות באַשלאָסן צו באַטייליקן די אַרבעטער אין די דירעקציעס און שפּעטער — אויך אין די פּראָפיטן.

סך־הכל

די אַרבעטער ווירטשאַפט־איניציאַטיוו, מיט אירע אַלע צווייגן און פאָרמען, האָט געלייגט די באַזע פאַרן אויפקום פון דער מדינה, פאַר צושטעלן שפּייז אין דער צייט פון בלאָקאַדע, פאַר אַ ברייטערן פאָלק־שיכון, פאַר אויפבויען די מדינה, פאַר אויפהאַלטן די קאָמוניקאַציע פון אָרט צו אָרט, פאַר וואָפן־אינדוסטריע און יסוד־אַרטיקלען, פאַר פאַרביליקערן דעם פאַרקויף און דעם צושטעל. זי האָט דערגרייכט דעם הויכפונקט אין דער התישבות, אין דער געזעלשאַפטלעכער וווּנדערלעכע יצירה, וואָס פאַרווירקלעכט די וויזיע פון די נביאים. אַצינד דאַרף חברת העובדים פאַרברייטערן און פאַרטיפערן די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע־און געזעלשאַפטלעכע־יצירה. מיר האָפן, אַז די נייע ישראל־רעגירונג און די נייע הסתדרות־אַנשטאַלטן וועלן פאַרשטאַרקערן דעם שוווּנג פון ווירטשאַפטלעכער־און געזעלשאַפטלעכער־אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט.

אריה אופיר

דער קיבוץ אין דער ישראל געזעלשאַפט

(דער הינטערגרונד פאַר זיין וווקס, אַנטוויקלונגס־שטאַפּלען און די ענדערונגען)

פון דער איסיימישער עין־גדי צום אָנהויב פון דגניה

די קיבוצישע באַוועגונג דערנענטערט זיך צו איר זעכציקסטן יאָר. היי־יאָר פאַרצייכענען די „יונגע" קיבוצים פון דער צווייטער עליה: כפר־גלעדי און אילת־השחר, איך גליל־העליון, זייער גרינדונגס־יובל. צוריק מיט זעקס יאָר האָט די באַוועגונג געפייערט דעם יובל פון דער מוטער פון די קבוצות: דגניה און שפּעטער פון איר שוועסטער, קבוצת כנרת אין עמק הירדן.

דער געזעלשאַפטלעכער צענטראַלער געדאַנק, וואָס ליגט אין יסוד פון דער קיבוצישער באַוועגונג: שותפותדיקייט, גלייכהייט און פרייהייט, האָט גע־דייעט אין די הערצער פון דענקער, טרוימער, געזעלשאַפטלעכע אויסבע־סערער און רעוואָלוציאָנערער נאָך אין דער פריסטער צייט פון דער מענטשהייט. אין דער יידישער ראַם, האָבן די היסטאָריקער געפונען נאָך אין דער צייט פון בית שני די „איסיים", וואָס האָבן זיך באַזירט אויף שותפותקייט און גלייכ־הייט, וואָס זייער צענטער איז געווען אין דער געגנט פון עין־גדי (דער פּונקט אויפן ברעג ים המלח, וואָס איז באַזעצט געוואָרן צוריק מיט 10 יאָר דורך דער ישראלדיקע חלוצישער יוגנט, וואָס געהער צום איחוד הקבוצות והקי־בוצים און ווערט אָנגעפירט דורך אים). עס איז באַקאַנט, אַז אין משך פון דער צייט האָבן די אידייען פון פאַרמעגן־שותפות ביי די איסיים משפיע געווען אויך אויף נוצרישע סעקטן אין דער זיך צעפאַלנדיקער רוימישער אימפּעריע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די ענדערונגען אין די אָנגענומענע פאַרמען אין לעבן פון געזעלשאַפט און מאָראַל, וועלן פאַרשנעלערן דעם געבורט פונעם צדק־און גליק־קיניגרייך אויף דער ערד. און פון די דאָזיקע סעקטן צו די קאָמונעס אין מיטלאַלטער ביז זייער אויפבלי אין 19־טן יאָר־הונדערט — און זייער פונאַנדערפאַל אינעם אָנהייב פון אונדזער יאָר־הונדערט, וואָס זייערע רעשטלעך עקזיסטירן נאָך עד היום אין אַמעריקע.

פון דעם איז נישט צו לערנען, אַז דער געבורט פון דער קבוצה איז געקומען

בלויז פון געזעלשאַפטלעכן שטויסקראַפט, בלויז פונעם ווילן צו ענדערן עק־זיסטירנדיקע אָרדענונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. דוכט זיך, אַז די הויפּט־סיבה פאַר שאַפן זיך פון דער קבוצה איז געווען דער ווילן צו רעוואָלטירן קעגן נאַציאָנאַלן־און געזעלשאַפטלעכן־זיין פון די ערשטע מתיש־בים אין לאַנד, וואָס האָבן זי אויפגעשטעלט אויף שוואַכע און מסוכנדיקע יסודות פאַר דער ציוניסטיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

די גורמים צו שאַפן די קבוצה

אַזוי־ווי די הסתדרות איז אויפגעקומען נישט בלויז ווי אַ פּראָפ.־פאַראיין: שיצן די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די אַרבייטער, נאָר הויפּטזעכלעך כדי אויסצופירן נאַציאָנאַלע מיסיעס; אַזוי איז אויך אויפגעקומען די קבוצה, נישט בלויז פון דער אידעאָלאָגיע פאַר שותפות־גלייכהייט, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב עלעמנטאַרע מענטשלעכע־און נאַציאָנאַלע־באַדערפענישן, פונעם באַ־ווּסטזיין, אַז עס ליגט אויף איר אַ חלוצישע שליחות.

ש. יבנאלי, דער מענטש אויף וועמען עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן צו דער־עפענען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון הסתדרות, האָט געזאָגט צווישן אַנ־דערן: „די אויפגאַבע פונעם יידישן אַרבעטער איז: ראַטעווען דאָס פאָלק. 4000 יידישע אַרבעטער בילדן אַ כוח, וואָס איז נישטאָ זיינס גלייכן פאַר דער אויפלעבונג פונעם פאָלק. נישט בלויז אַ בשותפותדיקע קופּת־חולים איז היינט אונדזער אויפגאַבע צו שאַפן — נאָר זיין דער כוח־המעורר אין ציוניזם, דער כוח, וואָס פאָדערט פון פאָלק אויפצובויען דאָס לאַנד.

די קבוצה איז געגרינדעט געוואָרן צען יאָר פאַר דער הסתדרות. און יוסף בוסל, פון די אידייען־לייגער פאַר דער קבוצה און גרינדער פון דגניה, אין זיין רעפעראַט וועגן דעם וועזן פון דער קבוצה, האָט געזאָגט צווישן אַנדערן: „ווען מיר זענען געקומען קיין כנרת און מיר האָבן אין איר פאַרגאָסן אונדזער שווייס און בלוט, האָבן מיר נאָך אַלץ אין דעם נישט געפונען קיין באַפרי־דיקונג. מיר האָבן געשאַפן די קבוצה — פאַר אַ סך צילן: אַ. פאַר אַרבעט־דעראָבערונג, אָן אייגנטימער און אָן אויפזעער, אַ דעראָבערונג, וואָס טראָגט מיט זיך סיי גאולה פון לאַנד און סיי אַרבעט; ב. געבן אַ ביישפּיל אין דער אַרבעט — אַלע אַרבעטן אַרום האָבן זיך געפירט פרימיטיוו, און דער קולטור־מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדלינג; די קבוצה איז

געקומען געבן אַ קולטורווירטע מאָדערנע אַרבעט; ג. צו געבן מעגלעכקייטן זיך צוגעוווינען צו דער אַרבעט, וואָס איז זייער אַ שווערע; ד. דעראָבערן נייע פּלעצער, אַ זאַך, וואָס איז אָנגעקומען שווער אין דער צייט פון טערקישן רעזשים; ה. דאָס וויכטיקסטע פון דער קבוצה איז צו שאַפן אַ מעגלעכקייט, אַז מיר אַליין זאָלן זיין די רעגולאַטאָרן פון אונדזער לעבן און שאַפן, אַ לעבן פון גלייכהייט אין עקאָנאָמישן זין און אַ לעבן פון גלייכהייט צווישן די חברים און חברטעס.

אַ סך האָבן געזען אין דעם דאָזיקן פּלאַן פון די פינף פּאַראַגראַפן אַ פּרעסטיזש פון פאַנטאַזיאָרן, וואָס פאַרבינדן דעם בנין הארץ, וואָס דאַרף אויסגעפירט ווערן אין „נאָרמאַלע" באַדינגונגען, מיט דער אָנשויאונג פון „אַטאָפּיסטישע" יוגנטלעכע. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָן דער דאָזיקער „אַטאָפּיע" — ווען אַפילו טיילווייז, וואָלט זיך נישט געלאָזט רירן פון דער פאַרגליווערונג דאָס אומקערן זיך פון פאָלק צו זיין פאָטערלאַנד.

די חלוצים פון דער צווייטער עליה, האָבן פונאַנדערגעוויקלט די פאָן פון רעוואָלט קעגן נייעם ישוב, וואָס האָט שוין אָפּגעווייכט פון וועג, זיי זענען געפירט געוואָרן דורכן געדאַנק פון פאָלק־אויפקום אין זיין פאָטערלאַנד ווי אַ נאָרמאַל פאָלק, איינגעוואָרצלט אין זיין קולטור און אין די גרונט־צווייגן פון זיין עקאָנאָמיע — און אין לאַנדווירטשאַפט אין ערשטער ריי. אמת, אין יענע צייטן האָט שוין עקזיסטירט אַן אָנהויב פון לאַנד־ווירטשאַפט אין יידישן באַזיץ, אָבער כמעט אָן יידישער אַרבעט. פון דאַנען שטאַמט די פאָדערונג פון אַרבעט־דעראָבערונג אין דער יידישער ווירטשאַפט, ווי איינע פון דער קבוצהס אויפגאַבן.

אַרבעט אָן בעלי־בתים און אָן אויפזעער

אָבער אויך אין יענע פּלעצער, ווו ס'איז געווען איינגעפירט יידישע אַרבעט, הויפּטזעכלעך אויף די נאַציאָנאַלע פאַרמעס, האָט דער פאַקט, אַז דער חלוץ איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון משגיח אָדער אָנפירער פון דער פאַרם, באַשווערט. די השגחה־און פירונג־שיטות זענען אָממיינסטנס אויסגעפירט געוואָרן אין אַ פאָרם, וואָס האָט באַשווערט דעם באַוווסטזיניקן אַרבעטער און האָט אים אַפילו דערנידעריקט. פון דאַנען שטאַמט די צווייטע

פאָדערונג: אַרבעט אָן אייגנטימער און אָן אויפזעער. און דאָס איז דער הינטערגרונט אויף וועלכן ס׳האָט געוואַקסן דער זעלבשטענדיקער משק הפועלים, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער עקאָנאָמישער־און געזעלשאַפטלעכער־סטרוקטור פון לאַנד. דעם צייכן פאַר דער ערשטער שאַ־פונגס־טאַט האָט געגעבן די קבוצה און פון איר צעצווייגט זיך — אין לויף פון דער צייט — דער קאָאָפּעראַטיווער מושב און דאָס אַדמיניסטראַטיווע ווערק, די גאַנצע חברת העובדים.

דער אידעאַל פון די ערשטע עליה מענטשן, און אויך יענע, וואָס זענען געקומען נאָך זיי, איז געווען די פולע נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג אין לאַנד און אויך דער דראַנג מתקן צו זיין געוויסע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונגען. זיי האָבן געשטרעבט אויפצולעבן די העברעאישע שפּראַך און קולטור און זיך אומקערן צו פיזישער אַרבעט; זיי האָבן געשטרעבט צו אַנדערע באַציאונגען צווישן מענטשן, ווייל עס איז זיי נישט פרעמד געווען דער גייסט פון די נביאי ישראל, וואָס האָבן אַרויסגעהויבן די ווערטן פון גערעכטיקייט, יושר און ברידערלעכקייט. אָבער די מענטשן פון דער צווייטער עליה, ווען זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין, האָבן אָנשטאָט דאָס געטראָפן אַ דעגענע־רירטן ישראלדיקן שטייגער פון סאָציאַלן־און נאַציאָנאַלן־אַספּעקט, ווי די ווירקלעכקייט זאָל „אַרויפצווינגען" אויף די איינוווינער, די אייגנטימער פון די אַגראַר־ווירטשאַפטן, צו גיין דעם וועג, וואָס עס גייען אַ סך אין די קאָלאָ־ניאַלע לענדער: באַאַרבעטן די ווירטשאַפט דורך די אָרטיק־געבוירענע, אַליין זיך נישט משתף זיין אין דער אַרבעט. און אין אונדזער ווירקלעכ־קייט — נישט וועלנדיק משתף זיין אין דער אַרבעט די חלוצישע יוגנט, וואָס לעכצט נאָך נאַציאָנאַלער־געזעלשאַפטלעכער דערלייזונג.

דער אויפקום פון דער קיבוצישער באַוועגונג

אין דער דאָזיקער ווירקלעכקייט איז אויפגעקומען די ערשטע קבוצה (דורך זעקס חברים און איין חברטע), און שפּעטער האָט זי געשאַפן די גרויסע, אין רעלאַטיוון זין, קיבוצישע באַוועגונג. אויף דער שוועל פונעם ערשטן וועלט־קריג זענען אין לאַנד געווען פיר קבוצות און האָבן געציילט 180 נפשות, וואָס האָבן באַטראָפן 0.2% פון דער דעמאָלטיקער יידישער באַפעל־קערונג. די גרויסע חלוצישע עליה ביים סוף פון וועלט־קריג (די דריטע און פערטע עליה) איז געווען אַ וויכטיקער ווענדפונקט אין לעבן פון דער קבוצה,

און האָט זי געמאַכט פאַר אַ קיבוצישע־באַוועגונג, וואָס פאַרוואָרצלט זיך אין לעבן פון דער התישבות, און הויפּטזעכלעך ביים דעראָבערן אַרבעט אין דער מושבה און אין דער רעגירונגס־ווירטשאַפט, וואָס איז געווען כמעט פאַר־שלאָסן פאַרן יידישן אַרבעטער. לויט אַ ציילונג פונעם יאָר 1927 זענען דע־מאָלט געווען 28 קבוצות און קיבוצים מיט אַ באַפעלקערונג פון 2,600 נפשות, וואָס האָבן באַטראָפן 1.7% פון דער אַלגעמיינער יידישער באַפעל־קערונג אין לאַנד און 9.3% פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

יאָרן שפּעטער, אין דער צייט פון די בלוט געשעענישן אין לאַנד, האָט די קיבוצישע־באַוועגונג געציילט 47 קערפּערשאַפטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 11,840 נפשות, וואָס האָבן באַטראָפן 3.3% פון דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג און — 13% פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג. איר טייל ביים שיצן דעם ישוב פון די אַראַבישע אומרוען אין יענער תקופה גייט־אַרויס די ראַמען פון דער שכנות צו די אַראַבישע ישובים. ביי אַ צוועלף יאָר שפּעטער, ווען די מדינה איז אויפגעקומען, האָט די קיבוצישע־באַוועגונג געציילט 149 קערפּערשאַפטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 54,200 נפשות, וואָס איז אַ הויכפּונקט אין פּראָצענט צווישן דער באַפעלקערונג: ביי אַ העלפט יידישע דאָרפישע באַפעלקערונג, און 7.9% פון דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג. אָבער די גרויסע עליה, וואָס האָט געשטראָמט אין לאַנד אַריין, וואָס אין איר דאָמינירנדיקן רוב, נישט נאָר וואָס זי האָט נישט געוווּסט וואָס אַזוינס איז חלוציזם, נאָר זי האָט אַפילו נישט געוווּסט דעם באַדייט פון ציוניזם, האָט כמעט אַריבערגעהיפּט דעם קיבוץ. אמת, די באַוועגונג האָט נישט אויפגעהערט צו וואַקסן, אין ישובים און אין נפשות, אָבער איר וווּקס, נישט לויט דעם פאַרנעם פון דער מאַסן עליה, האָט פאַרקלענערט איר טייל אין דער דאָרפישער־און אַלגעמיינער־באַפעלקערונג און איז, אַרונטער ביז 4.8% אין יאָר 1955. יענעם יאָר האָט די באַוועגונג געציילט 226 ישוב־פונקטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 74,600 נפשות. דער רוב נייע קיבוצים זענען געקומען אין יענע יאָרן הויפּטזעכלעך פון דער חלוצישער יוגנט אין לאַנד און טיילווייז פון חוץ־לארץ. אין די לעצטע יאָרן איז דער וווּקס זייער אַ פּאַמעלעכער (עס זענען אויך געווען יאָרן פון שטיין אויף איין פּלאַץ) און היינט־צו־טאָג ציילט די באַוועגונג ביי אַ 90,000 נפשות, וואָס זענען קאָנ־צענטרירט אין 230 ישובים אין אַלע עקן לאַנד.

דער קיבוץ פונעם ווירטשאַפט־אַספּעקט

ביים ערשטן בליק בילדן די קיבוצים גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמעס, מיט אַ געמישטער ווירטשאַפט, וואָס די קלענסטע צווישן זיי ציילט ביי אַ פופציק משפחות, און די גרויסע, דערנענטערן זיך צו פינף הונדערט משפחות. אָבער די דאָזיקע „פאַרמעס" זענען פאַרבונדן, ווי געזאָגט, אויף יסודות פון שותפות און גלייכהייט, לויטן כלל: יעדער לויט זיין מעגלעכקייט, יעדן לויט די מעגלעכקייט פון דער „פאַרם" אויף צו צושטעלן זיינע באַדערפענישן. ס'הייסט, עס איז אין זיי נישט איינגעפירט אַ קאַטעגאָריזירטער אַרבעטס־לוין, נאָר די הכנסה אין איר הויפּט־טייל איז געווידמעט דעם גלייכן עקזיסטענץ פון אירע חברים, און דער איבעריקער טייל, דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט. קלאָר, אַז די דאָזיקע „יוצא־דופנדיקע" דערשיינונג, לויט די באַגריפן פון אַ נאָרמאַלער פאַרם, מינערט גאָרנישט פון דער איבער־מעלה, וואָס פאַרמאָגט די גרויסע ווירטשאַפט. פון די מעלות איז כדאי צו באַציי־כענען: אַ געהעריקע פאַרטיילונג פון די ערד־שטחים פאַר אַ פּאַסנדיקער פאַרזיי־תקופה און מעגלעכקייט פאַר גרופן חברים ספּעציאַליזירן זיך אויף אַ געוויסן צווייג, אַנשטאָט דאָס ווידמען זיך פון יחיד צו די פאַרשידענע צווייגן; אַ פּאַסנדיקער הכשרה־פּלאַץ פאַר יוגנט־גרופּן א.ד.ג.

עס איז ווערט באַזונדער צו באַצייכענען, אַז די באַדינגונגען אין קיבוץ דער־מעגלעכן צו אַנטוויקלען ביי זיך אויך האַנטווערקער און אינדוסטריע־צווייגן. און אין אייניקע קיבוצים פאַרנעמט היינט די אינדוסטריע דעם צענטראַלן פּלאַץ אין דער באַשעפטיקונג און אין דער הכנסה. די וואָג פון דער אינ־דוסטריע איז אין די לעצטע יאָרן געשטיגן איבערהויפּט אין די אַלטע קיבו־צים. אויב אין די יינגע קיבוצים באַטרעפן נאָך די לאַנדווירטשאַפט־צווייגן ביי אַ 90% און אין די מער עלטערע קיבוצים 75%, דערגייט די הכנסה אין די אַלטע קיבוצים בלויז צו 58%.

די אינדוסטריע איז מער אַנטוויקלט אין די אַלטע און אין די מיטעלע קיבו־צים, וואָס צווי און זעכציק פון זיי ציילן היינט העכער פינף הונדערט נפשות, און צווישן די אַלטע קיבוצים געפינען זיך דריי, וואָס זענען דערגאַנגען צו 1300—1500 נפשות.

דער צווייטער דור

אַ געוויסער פּראָצענט אין וווקס פון די קיבוצים, הויפּטזעכלעך פון די אַלטע, קומט מיטן אָנשליסן זיך פון די קינדער אַלס חברים אין זייער קיבוצישער היים. מען דאַרף מודה זיין, אַז אויפן פאַרנעם פון דעם אָנשליסן זיך אין זייער היים אַלס חברים האָט נישט קיין קליינע ווירקונג דער געזעלשאַפטלעכער מצב אויפן אָרט און די אידייאיש־דערציערישע אַרבעט, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין דער יוגנט וועלכע וואַקסט דאָרט אויף. דער נסיון פון דער באַציאונג קומט נאָכן פאַרענדיקן די מיליטער־דינסט. נישט אין יעדן פאַל ווירקט די באַרירונג מיט דער אויסרעלעכער וועלט צום גוטן, הויפּטזעכלעך ווען עס דערוועקט זיך דער פּראָבלעם פון זיך משדך זיין אויסערן קיבוץ. אָבער דער אָפּפאַל פון די טעכטער און זין בילדעט נישט קיין ערנסטע מאַסן, עס זאָל שטעלן אין סכנה דאָס ווערק פון זייערע עלטערן. אין כמה וכמה אַלטע ווירטשאַפטן באַטרעפט דער צווייטער דור ביי אַ העלפט פון די חברים; נאָך מער, אין זייערע הענט ליגט די מערסטנס ווירטשאַפט־צווייגן און זיי נעמען אַ קאָנטיקן אָנטייל אין אָנפירן מיט די דאָזיקע צווייגן.

דער קיבוצישער אידייאישער־חינוך דערוועקט צווישן צווייטן דור שטאַרקע אחריות־געפילן נישט נאָר צו זייער היים, נאָר אויך צום גאַנץ קיבוצישן וועזן. נישט נאָר וואָס זיי מאַכן־מיט גוטוויליק נאָך אַ דינסט־יאָר, נאָכן אויסדינען אין מיליטער, צו געבן הילף יינגע קיבוצים, וואָס האָבן זיך געשאַפן דורך דער ישראל יוגנט, נאָר זיי ווילן אויפשטעלן קערנער־פונקטן, וואָס זאָלן זיך אָנשליסן צו יענע קיבוצים אַלס חברים, כדי זיי גוט צו באַזירן דורך אַ נייעם כוח, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין קיבוצישן שטייגער.

צוריק מיט אַ האַלב יאָר האָט די יוגנט־פּאָרמאַציע פון איחוד הקבוצות והקיבוצים באַשלאָסן צו שאַפן אַ קערן פון זין, וואָס וועט זיך אָנשליסן אין קיבוץ שדה בוקר צו פאַרשטאַרקערן אים געזעלשאַפטלעך און אין צאָל. דער באַשלוס איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אין דער צענטראַלע פון איחוד, זי איז אויפגענומען געוואָרן מיט סימפּאַטיע, און איצט איז מען מטפל אויסצופירן עס. די כוונה איז, אַז קינדער זאָלן גיין פרייוויליק צו די אַלטע ווירטשאַפטן, הויפּטזעכלעך צו די גרויסע. אָבער ווען עס רעדט זיך וועגן פרייוויליק גיין וועט פאַרשטייט זיך נישט חל זיין קיין שום איסור אויף קיין איינעם פון די זין פון דער אַלטער ווירטשאַפט, ווען ער וועט וועלן גיין קיין שדה בוקר.

איינע פון די פּראָבלעמען, וואָס פאַרשאַפט דער צווייטער דור אין קיבוץ, איז דאָס פאַרזעצן דאָס לערנען נאָכן אומקערן זיך פון מיליטער אָדער נאָך אַ געוויסער צייט פון פאַרוואָרצלט זיין אינעם געזעלשאַפטלעכן־און אַרבעטס־לעבן. מען דאַרף באַטאָנען, אַז אין דעם דאָזיקן ענין זענען קאָנטיק סימנים פון פאַרשטאַרקטן שוץ פאַר פּערזענלעכן באַדאַרף פון יענע קינדער פון קיבוץ. אָבער עס ווערן געמאַכט אָנשטרענגונגען פון די ווירטשאַפטן צו לענקען זיי צום לערנען און צו באַקומען וויסן, וואָס די ווירטשאַפט און די געזעלשאַפט נויטיקן זיך אין דעם (די פראַגע פון אויסבילדונג באַרירן מיר אויך אין קומענדיקן קאַפּיטל).

צווישנקיבוצישע צוזאַמענאַרבעט

טראָץ די אָרגאַניזאַציאָנעלע פונאַנדערטיילונג אין דער קיבוצישער־באַוועגונג, איז פאַראַן אַ גרויסע צוזאַמענאַרבעט אויף פאַרשידענע און וויכטיקע דערציערישע געביטן — קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע, דאָסמאָל וועלן מיר באַצייכענען צוויי געביטן:

א. די סעמינאַרן פאַר לערער און דערציער פאַר שולן און פאַר די קינדער־היימען האָבן זיך דאָ נישט לאַנג פאַראייניקט און ווירקן אונטער איין בשות־פותדיקן דאַך. מען דאַרף באַטאָנען, אַז דער ניוואָ פון די לימודים, וואָס זענען איינגעפירט אין יענע סעמינאַרן, דינט אַ צוציאונגס־קראַפט פאַר שילער, וואָס זענען נישט קיין קיבוצניקעס, און זענען איצט דאָרט דער רוב. אַזוי פירן זיי אָן בשותפותדיקע קורסן פאַר ווירטשאַפט־קאָנצענטרירער און אַ באַזונדערן קורס מיט אַן אוניווערסיטעט־ניוואָ אין דער פאַקולטעט פאַר לאַנדווירטשאַפט אין רחובות. אין דער לעצטער צייט האָט זיך אַרויסגערוקט די פראַגע פון אויפשטעלן אַ באַזונדערע קיבוצישע אוניווערסיטעט.

די דערגרייכונגען אין דער אַגראַר־און אינדוסטריע־וויסנשאַפט פאַרפליכטן דעם קיבוץ, וואָס זאָרגט פאַר אַ מאָדערנער ווירטשאַפט, אין דער ערשטער ריי, צו געבן וויסן זיינע חברים און הויפטזעכלעך די קינדער, וואָס זענען ממשיך דעם וועג פון זייערע עלטערן צו לעבן אין קיבוץ. אין דער צייט וואָס אין דער עצם פראַגע פון געבן איבער־עלעמענטאַרע בילדונג זענען די קיבו־צישע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט, איז אָבער די פראַגע פון אַ באַזונדערע קיבוצישע אוניווערסיטעט נאָך אין אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט. דערווייל זענען

אַ סך פון די קיבוצ׳ישע חברים צעשפּרייט איבער די אוניווערסיטעטן (און אַ טייל אין טעכניקום), וואָס לערנען סיי צו דינען ווי לערער אין די מיטל־שולן, און סיי צו אינטעגרירן אין די מאָדערנע אַרבעט־און פּראָדוציר־פּראָצעסן, וואָס פאַרפליכטן נישט קיין קליינעם שטאָב מענטשן מיט הויכער אויסבילדונג. היי־יאָר האָט מען אויך אָנגעהויבן באַהאַנדלען די פראַגע אויסצובילדן דאָקטוירים פון די קיבוצים גופא, ווייל די דאָקטוירים אין לאַנד ציען זיך בדרך כלל אין די גרויסע שטעט אַריין. און ס׳איז שוין פאַראַן אַן „ערשטע שוואַלב״ פונעם גרויסן קיבוץ אין „איחוד״ אין דער שול פאַר מעדיצין אין ירושלים.

ב. אַ צוזאַמענאַרבעט גייט אויך אָן אויפן געביט פון אינדוסטריע־אַנטוויקלונג און אין פּרווו אַריינצובערענגען זי אין צופּאַסונגס־ראַמען צווישן איין צווייג און דער אַנדערער און פאַרמיידן קאָנקורענץ אין צווייג גופא. ווי שוין געזאָגט. פאַרנעמט די לאַנדווירטשאַפט אויך היינט דעם צענטראַלן פּלאַץ אין קיבוץ, אָבער מ׳עכאַניזאַציע, העכערן די אויסגעביקייט און די ראַציאָנאַליזאַציע אין דער אַרבעט, באַפרייט אַרבעטס־כוחות, וואָס ווערן געלענקט צו דער אינדוסטריע. און היינט־צו־טאָג דערגרייכט זיך די איינקונפט פון די אינדוסטריע־צווייגן ביי דער קיבוצישער־באַוועגונג צו אַ 40% פון דער אַלגעמיינער איינקונפט. עס זענען פאַראַנען נאָך סיבות פאַר דער אינדוסטריע־אַנטוויקלונג אין קיבוץ: די פּראָפּיטישקייט, און דאָס באַשעפטיקן מיט אַרבעט די באַשרענקטע.

עס איז באַקאַנט, אַז דער קיבוץ, וואָס באַנוצט זיך מיט די בעסטע מאָדערנע אַגראָ־טעכנישע מיטלען, שפּאַנט בראש דער באַשעפטיקונג און פּראָדוקציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע־צווייגן אין לאַנד, און האָט אַפילו דערגרייכט אַ וועלט הויכפּונקט פון דער אויסגעבעקייט ביי דעם אָדער יענעם צווייג. אָבער נישט אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן פאַרזיכערן היינט אַ געהעריקע הכנסה, וואָס פּאַסט דעם איצטיקן לעבנס־ניוואָ אין אונדזער לאַנד. דער קיבוץ איז דאָך נישט אָפּגעריסן פון דער געזעלשאַפט, וואָס רינגלט אים אַרום, און פון איר לעבנס־ניוואָ, וואָס געפינט זיך אין אַ שטענדיקן שטייגערונג־פּראָצעס. אמת, דער אָנהייב־וועג פון קיבוץ איז געווען אַ פּשוטער און אַ באַשיידענער. און אויך היינט איז נישט פאַראַן קיין אויסברוך פון אַ באַרימערישן לעבנס־ניוואָ, אָבער דער ניוואָ פון די קיבוץ אויסגאַבן בכלל קען מען נישט מעסטן בלויז לויט דעם ניוואָ פון וואוינונג, קליידונג, שפּייזונג, פאַרוויילונג א.ד.ג. דעם ניוואָ פון זיינע אויסגאַבן דאַרף מען מעסטן אויך

לויט דער מאָס פון אחריות פון כלל פאַרן פרט, וואָס דער גורל האָט זיך איבער אים איזדעקעוועט. דער קראַנקער, דער אינוואַליד אָדער דער, וואָס עלטערט זיך, וואָס זענען אַרויס פון דער אַרבעטס־ראָם, אָדער די עלטערן פון די חברים, וואָס אַרבעטן נישט אָדער אַרבעטן בלויז אַ פּאָר שעה אין טאָג, נישט נאָר זיי זענען נישט באַשרענקט אין די הנאה־נאָרמעס, וואָס דער קיבוץ שטעלט־צו יעדן איינעם פון זיינע חברים, נאָר דער קיבוץ טראָגט אויך אויס אָפּטמאָל אַ געהעריקע צוגאָב־הוצאה ווען זייער געזונט־צושטאַנד פאַרלאַנגט. דער קיבוץ טראָגט־אויס הויכע חינוך־הוצאות, ווייל אַלע קינדער זענען באַרעכטיקט צו באַקומען מיטלשול־אויסבילדונג. אויך דער עול פון זיכערהייטס־הוצאות דריקט אויף די אַקסלען פון אַ סך קיבוצים, וואָס געפינען זיך לענגאויס די גרענעצן פון לאַנד.

עס איז פאַראַן אַ געפיל אין קיבוץ, אַז מיט דער הילף פון דער אינדוסטריע־אַנטוויקלונג וועט ער קענען לייזן עקאָנאָמישע־און באַשעפטיקונגס־פּראָבלעמען פאַר אַ טייל באַשרענקטע אין דער אַרבעט, ער וועט דינען אַלס אַ געהעריקער אויפנעם־פּלאַץ פאַר די קינדער, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט הויכע טעכנישע לימודים און פאַר דער יוגנט, וואָס קומט פון צווישן די פאַרשידענע טעכנישע פאַכלייט. און אַזוי־ווי דער קיבוץ דינט ווי אַ מוסטער פון עפעקטיוון לייטן זיין גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע ווירטשאַפט, אַזוי קען ער דינען ווי אַ מוסטער פאַר די פּריוואַטע אינדוסטריע־אייגנטימער, וואָס זענען צוריקשטעליק אויף דעם געביט.

די פראַגע פון פאַראייניקונג

אַ סך חברים, און אין זייער שפּיץ די מענטשן פון איחוד הקבוצות והקיבוצים, באַגענוגענען זיך נישט מיט דער עקזיסטירנדיקער צוזאַמענאַרבעט און פאָדערן די פולע איינהייט פון דער קיבוצישער מחנה. זיי גלויבן, אַז דאָס וועט פאַרשטאַרקערן די קיבוצישע־באַוועגונג פון אינעווייניק, און פאַרשטאַרקערן איר השפעה צווישן דער יוגנט — דער הויפּט־רעזערוואַר פאַר איר וווקס און פאַרברייטערונג. אין דער פאַראייניקונג פון דער קיבוצישער־מחנה, וואָס וועט העכערן דעם אויסגעוועלטן כוח אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז פאַראַן אַ שאַנס צו פאַרשטאַרקערן זיין קאָנסטרוקטיוון־כוח ביים אַנטוויקלען און פאַרשטויסן אונטערנעמונגען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם סאָציאַליסטישן חותם. אָבער פאַרטייאישע פאַקטאָרן האַלטן־איין די עקזיסטענץ פון

דער פֿאַראייניקונג. וועגן דעם דאָזיקן פֿאַקטאָר האָט אָפֿן גערעדט דער חבר יצחק בן־אהרן אויף דער זיצונג פֿון מרכז הקיבוץ המאוחד. די אָנפֿירער פֿון קיבוץ „השומר הצעיר" און די אָנפֿירער פֿון קיבוץ המאוחד האָבן מורא, אַז אויב וועט די קיבוצישע פֿאַראייניקונג ווערן אַ פֿאַקט, וועט דער באָדן זיך אַרויסגליטשן פֿון אונטער די פֿיס פֿון מפ"ם און אחדות־עבודה.

עס וואָלט גוט געווען ווען די קיבוצישע־מחנה וואָלט געווען פֿאַראייניקט ממשותדיק אויך אַנטקעגן די אָנפֿאַלן — וואָס ווערן כסדר געמאַכט אויף דער עצם רעכט פֿון קיבוצישער עקזיסטענץ — און נישט בלויז מצד די רעכטע קרייזן. אָבער די רעכטע זענען מקטרג אויפֿן קיבוץ ווייל זיי זעען אין אים די מאָראַלישע פֿעסטונג פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט מיט אירע פֿאַרשידענע פֿאָרמען. אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן די רעכטע געטענהט: די קבוצה איז צי אַ טייערער קאָלאָניזאַציע־„עקספּע־רימענט", דעריבער דאַרף מען זי נישט. און אָט האָט זיך אין לויף פֿון דער צייט אַרויסגעשטעלט, אַז די קיבוץ התישבות איז ביליגער פֿון יעדער אַנ־דערער פֿאָרם פֿון התישבות. אמת, איצט זענען צווישן זיי פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען שוין אַפֿילו מודה, אַז דער קיבוץ האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע היסטאָרישע ראָל ביים אויפֿקום פֿון דער מדינה: ער האָט צוריקגעבראַכט יידישע אינטעליגענץ צו ערד־אַרבעט; ער האָט געשאַפֿן אַ חלוצישן טיפּ, אַ געמיש פֿון פּויער און סאָלדאַט; דער טראַקטאָריסט, חבר פֿון קיבוץ, האָט אָנגעצייכנט די צוקונפֿטיקע גרענעצן פֿון ישראל, נאָך איידער ער האָט אָנ־געטאָן דעם צה"ל־אוניפֿאָרם אין מלחמת־השחרור; קיבוצישע ישובים האָבן געדינט מיליטערישע זיכערהייט־פּונקטן איידער מיר האָבן פֿאַרמאָגט אַ יידי־שע אַרמיי. אָבער זיי פֿאַרמאָגן אַ נייע טענה: דער דאָזיקער היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיך לויט זייער מיינונג פֿאַרענדיקט — מיטן אויפֿקום פֿון דער מדינה. דער באָדן פֿון לאַנד איז דאָס אייגנטום פֿון דער מדינה, זי, די מדינה, וועט באַזעצן פּויערן און זי וועט שיצן זייערע נחלות און אירע גרענעצן מיט איר אַרמיי.

די מיסיע גייט־אָן

אָבער די שפּראַך פֿון דער ווירקלעכקייט ענטפֿערט מיט אַנדערע פֿאַקטן:
א. מיטן פֿאַרענדיקן די תקופה פֿון דער מאַסן־עליה, וואָס אַ טייל פֿון איר איז געלנקט געוואָרן אויפֿצושטעלן הונדערטער ישובים פֿון עולים, האָט זיך

ווידער אָנגעהויבן די תקופה, אין וועלכער מען דאַרף זוכן מיט ליכט קאַנ־דידאַטן פאַר התישבות. די ווייניקע דאָרף־פונקטן, וואָס זענען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָרן אין ראַיאָנען און וועלכע די מדינה איז פאַראינטערע־סירט צו באַזעצן ווי אַמשנעלסטן, זענען אַממיינסטנס צוזאַמענגעשטעלט פון חלוצישן מענטשן־מאַטעריאַל און הויפּטזעכלעך פון חלוצישער יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף די שויס פון דער קבוצה און וואָס בויט נייע קבוצות.

ב. פאַרשידענע ישוב־פונקטן ביי די גרענעצן — הויפּטזעכלעך קיבוצישע פונקטן, דינען ווי אַ מאָסשטאַב די יעניקע, וואָס ווילן אונדז באַפאַלן, צו זען סאַראַ אויסהאַלטעוודיקייט מיר פאַרמאָגן. עס איז נישט פאַראַן גענוג יוגנט אין לאַנד כדי זיי אַוועקצושטעלן אַלס סאָלדאַטן לענגאויס די לאַנגע גרעניצן פון ישראל, זיי זאָלן פאַרטיידיקן דעם „הינטערלאַנד" פאַרן אַריינדרינגען פיינטלעכע כוחות. אָבער התישבות־פונקטן צעוואָרפן לענגאויס די גרענעצן, דינען אַן ערנסטע דאַמבע פאַרן פיינט ביז ער וועט זיך אָנטרעפן פנים־אל־פנים מיט צה"ל, וואָס וועט אים צוריקשטויסן מיט זיין גאַנצער קראַפט צו זיינע גרענעצן.

האָבן טאַקע די באַזונדערע באַדינגונגען אין וועלכע עס איז אויסגעפירט געוואָרן די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע, און די פאַרזוכן פון אַראַבער צונישט צו מאַכן מיט כוח פון געווער אונדזער אַרבעט, אויך אין דער תקופה פון דער מדינה, אַרויפגעלייגט אויפן קיבוץ באַזונדערע קאָלאָניזירונג־און זיכער־הייט־אויפגאַבן, און זיי פאַרטונקלען כאילו דעם אינערלעכן מהות פון דער קבוצה און די געזעלשאַפטלעכע מיסיעס אירע. אָבער דער קבוצה איז דאָך אָנגעצייכנט מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן אין גייסט פון הומאַניס־טישע סאָציאַלע פּרינציפּן, און זיי שווימען אַרויס וואָס מערער ביי אַ געזעל־שאַפט, וואָס זאַמלט־איין אירע גלותן.

לאָמיר אָנעמען, אַז רעכט האָבן די פּיליסטערן פון רעכטס און לינקס, וואָס „פאַרלאָזן" זיך אויף דער מדינה, אַז זי וועט שוין באַזעצן דאָס לאַנד אָן חלוצישער פּריוויליקייט, און וועט באַשיצן אירע גרענעצן בלויז מיט איר אַרמיי. אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף זיך פרעגן, און וואָס דאַן? ווער וועט פאַרזעצן צו פלעגן עקספּערימענטן אויפצוהאַדעווען אָרגאַנישע געזעל־שאַפטן, וואָס שטייען צונויפגענומען אַרום דער עפנטלעכער הערשאַפט אויף די געביטן פון פּראָדוקציע און קאָנסומציע; ווער וועט ווייזן אַ ביישפּיל

פון צושטעלן די באַדערפענישן פון אַרבעטער און זיין משפחה אין די ראַמען פון מאַקסימאַלער גלייכהייט; און ווער וועט איבערצייגן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין נויטווענדיקייט אין דער עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט־געזעצן, וואָס דיסקרימינירן דעם שוואַכן?

עס איז נישט קיין צופאַל, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַ געזעלשאַפט־לעכע־פּאָליטישע קערפּערשאַפט, וויסט די תשובה און זי ענטפערט: דער קיבוץ! — אין ערשטער ריי. אין דער פאַרשטאַרקערונג און אין דעם וווקס פון קיבוץ איז פאַראַן אַ גאַראַנטיע פאַר דער עקזיסטענץ פון געזעלשאַפט־לעכע מצוות, וועלכע דער מושב האָט אויף זיך גענומען; און אויך פאַר דער אַנטוויקלונג און אויסקריסטאַליזירונג פון דער הסתדרותישער דירעקציע־ווירטשאַפט, אַלס אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט, נישט בלויז להלכה, נאָר אויך אין דעם געפיל און באַוווסטזיין פון די וואָס אַרבעטן אין איר.

שמואל שורש

דער מושב עובדים אונטערן פּרווו פון טעכנאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען

דער הינטערגרונט

דריי־יאָר זענען געוואָרן 45 יאָר זייט עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָני־זאַציע אין מושב־העובדים, זייט עס זענען געגרינדעט געוואָרן די צוויי ערשטע מושבים — נהלל און כפר יחזקאל — אויפן באָדן פון עמק יז־רעאל.

ווען מיר כאַפּן אַ בליק אויף דער היסטאָריע פון די מושבים פון דעמאָלט ביז איצט, קען מען זי צעטיילן אויף צוויי הויפּט־תקופות. די תקופה פון פאַרן אויפקום פון דער מדינה, ווען עס זענען געגרינדעט געוואָרן ביי אַ 50 מושבים, און די תקופה פון נאָכן אויפקום פון דער מדינה, אין וועלכער ס׳זענען געגרינדעט געוואָרן 170 נייע מושבים. אין דער מושבים־באַוועגונג פון דער הסתדרות הכללית זענען היינט־צו־טאָג פאַראַן 220 מושבים, און צוזאַמען מיט די מושבים פון הפועל המזרחי, העובד הציוני און נאָך, זענען פאַראַן אין לאַנד העכער 330 מושבים. דאָס איז, אייגנטלעך, די גרעסטע פאָרם פון קאָלאָניזאַטאָריש־לעבן אין וועלכער ס׳לעבן 120,000 נפשות.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון די מושבי העובדים איז, וואָס עס געפינען זיך אין זיי אַלע עדהס און אַלע עולים לויט דער תקופה פון זייער עולה זיין. ווען מען באַזוכט די מושבים איבער אַלע טיילן פון לאַנד: אין די בערג פון ירושלים, אין גליל, אין עמק יזרעאל, אין פלאַך פון ברעג, אין לכיש און אין נגב, באַגעגנסטו זיך מיט די קאָלאָניזאַטאָרן פון דער צווייטער עליה, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מיט די מענטשן, וואָס זענען געקומען פון דייטשלאַנד אין דער נאַצישער־תקופה, מיט יידן פון תימן, וואָס זענען געקומען אויפן ווונדער טעפּיך, מיט יידן פון פוילן און מזרח איראָפּע, די געראַטעוועטע פון דעם אומקום, מיט די געבוירענע אין לאַנד, חברים פון יוגנט באַוועגונגען, און די וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם מיליטער־דינסט פון נח״ל (חלוצישע קעמפערישע יוגנט), און מיט די קינדער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין די מושבים, וואָס פאַר־

בייטן זייערע עלטערן ביי דער ווירטשאַפט־אַרבעט. די דאָזיקע מאָזייאיק פון עליות און עדהס בילדעט די מענטשן־פּאַנאָראַמע פון די מושבי העובדים.

און אויב אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט דער קאָלאָניסט באַדאַרפט וואַרטן יאָרן, ביז ס׳איז געקומען זיין ריי זיך צו באַזעצן אין זיין מושב, און די מענטשן האָבן זיך צוגעגרייט געזעלשאַפטלעך און לאַנדווירטשאַפטלעך, איז די מאַסן קאָלאָניזירונג נאָכן אויפקום פון דער מדינה געגרינדעט געוואָרן דורך די קאָלאָניזאַטאָרן עולים, וואָס זענען געקומען פון דער שיף אָדער פון דער מעברה, זענען אַרויף אויפן באָדן און אָנגעהויבן בויען אַ ווירטשאַפט און אַ מושב, און זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע צוגרייטונג האָבן זיי באַקומען תוך כדי קאָלאָניזירן זיך.

דאָס דאָזיקע קאָלאָניזירן די מאַסן פון ישראל, האָט געשאַפן דעם אַרויס־פאָדער, וואָס שטייט פאַר די מושבי העובדים. ווי־אַזוי צו דערציען און מאַכן ירשענען דעם גדאַנק פון מושב העובדים אַלע ערשט־געקומענע נייע קאָלאָניסטן, און ווי־אַזוי צו פאַרזיכערן אַז די מושבים זאָלן זיך פירן לויט די פּרינציפּן און לויטן סיסטעם פון מושב העובדים?

דער פּראָבלעם איז, ווי אַזוי צו מאַכן פאַר אַ געטרייען פאַרווירקלעכער פון מושב־געדאַנק, דעם זון פון מושב, וואָס איז געבוירן אין אַלטן מושב, דעם נייעם קאָלאָניסט, וואָס איז געקומען פון די מאַראָקאַנער אַטלאַס־בערג, דעם מענטש, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין מושב אין ראַם פון דער טעטיקייט „פון שטאָט אין דאָרף". די מעגלעכקייט אויסצופירן די זאַך איז באַווירקט פון פאַרשידענע פאַקטאָרן, אין וועלכע עס ווירקט און לעבט די מושב־קאָלאָניזאַציע. דער פאַקט, אַז די מושבים האָבן זיך באַזעצט אין אַלע טיילן פון לאַנד, אין פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע געביטן, צווישן זיי מער און ווייניקער פרוכטבאַרע, אין פאַרשידענע קלימאַט־באַדינגונגען, נאָענט און ווייט פון די שטאָטישע צענטערן — דאָס אַלעס ווירקט אויף די פאַרשידענע פאָרמען פון דער מושב־ווירטשאַפט, אויפן ניוואָ פון דער הכנסה און אויף די דרכים פון באַאַרבעטן די ווירטשאַפט. און אַזוי אַרום זענען פאַראַן אין די מושבים פּרדס־ווירטשאַפט, געמישטע־ווירטשאַפט, מילך־צוכט, ווירטשאַפטן פון פעלד־פּראָדוקטן און באַרג־ווירטשאַפט. יעדער טיפּ פון אַזאַ ווירטשאַפט, פאַרמאָגט זיין ספּעציפישע זאַך, וואָס כאַראַקטעריזירט אים, און געבערט די באַזונדערע פּראָבלעמען פאַר וועלכע דער מושב שטייט אין אַלץ, וואָס אָנבאַלאַנגט פּרנסה און מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלען זיין ווירטשאַפט.

אויך די מאָס פון פאַרפונדעווען דעם מושב און זיין עקאָנאָמישע לאַגע האָט אַ ווירקונג אויף זיין אויסקריסטאַליזירונג אַלס מושב העובדים. ווען די עקאָנאָמישע לאַגע איז שווער, מוזן די אַרבעטער פון מושב, אָנקומען צו דרויסן־אַרבעט, דאָס פאַרלאָזן מערט זיך, די חברים גייען אַריין אין חובות, דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ צעשפּרענגט די ראַם פון מושב. אָבער אויך אַ צו גוטע עקאָנאָמישע לאַגע, שעדיקט אָפט די ראַם פון מושב: עס מערט זיך די געדונגענע אַרבעט, פון דעם איבערפלוס פון הכנסה דערוואַרבט מען פאַרמעגנס מחוץ דעם מושב, די קינדער באַקומען אַ הויכע פאַך־דערציאונג, און קערן זיך מער נישט אום צו דער ווירטשאַפט פון זייערע עלטערן.

די דאָזיקע פיל־קאָליריקייט פון די ווירטשאַפטן אינעם מושב, אָדער פון מו־שבים פון פאַרשידענעם אַלטער, שאַפן פיל פּראָבלעמען, פון זיי ספּעציפישע צו יעדן ישוב אָדער צו אייניקע ענלעכע ישובים. דאָס לעבן אין די מושבים איז אַזוי־אַרום גענוג קאָמפּליצירט. אַ סך בשותפותדיקע שטריכן פאַרמאָגן די מושבים; אָבער לעבן זיי איז פאַראַן דאָס ספּעציפישע פאַר יעדן מושב.

דאָ ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ טייל הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס זענען געמיינזאַם פאַר אַלע מושבים.

אין דער טעכנאָלאָגישער תקופה

דער מושב העובדים דאַרף זיך פאַרמעסטן מיט דער טעכנאָלאָגישער רע־וואָלוציע, וואָס האָט נישט אַריבערגעהיפּעט איבער דער לאַנדווירטשאַפט. דער מושב דאַרף זיך צוציגנען די אַגראָטעכנישע ענדערונגען און זיי צופּאַסן צו זיין ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער־ראַם.

די טעכנאָלאָגישע רעוואָלוציע איז גורם דערצו, אַז אין אַ סך לענדער פאַר־שווינדט די משפּחה־ווירטשאַפט און ווערט פאַרשלונגען דורך דער פאַרם. אין אונדזער לאַנד זענען פאַראַן וויכטיקע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן, וואָס פאָ־דערן, אַז אַלע ראַיאָנען פון לאַנד זאָלן באַזעצט ווערן, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיין צעשפּרייט, און אַז די לאַנדווירטן זאָלן וווינען אין זייערע מושבים. די דאָזיקע אויפגאַבן פילן־אויס 330 עקזיסטירנדיקע מושבים. אויך דאָס פאַרווירקלעכן דעם געזעלשאַפטלעך־אידייאישן ציל פון מושב איז משפּיע פּאָזיטיוו אויף דער אַלגעמיינער ישראל־געזעלשאַפט.

פון דאַנען איז געדרינגען, אַז דער נאַציאָנאַלער־אינטערעס איז נישט צו דערמוטיקן דעם פּראָצעס פון פאַרברייטערן די גרויסע ווירטשאַפט, און ליקווידירן די משפּחה־ווירטשאַפט. מ׳דאַרף אָפּהיטן און דערמוטיקן די עק־זיסטענץ פון מושב. צוזאַמען מיט דעם, כדי עס זאָל נישט זיין קיין צוריק־געשטאַנענע מושב־ווירטשאַפט, דאַרף מען געפינען דרכים פון צוזאַמענ־פלעכטן די נייסטע טעכנאָלאָגיע מיט דער ווירטשאַפט־אַרבעט אין מושב. איז טאַקע דער מושב געבויט און צוגעפּאַסט פאַר דעם. די קאָאָפּעראַציע, וואָס איז פאַראַן אין די מושבים, דערמעגלעכט צו באַנוצן זיך מיט אַלע חידושים אין לאַנדווירטשאַפט. אַזוי, למשל, אַז ס׳דערשיינט אין מאַרק אַ גרויסע און פאַרפולקאָמטע באַשפּריצונג־מאַשין, וואָס דערמעגלעכט אויסצוראָטן פּאַראַ־זיטן אין אַן אויסגעצייכנטער מאָס און אויך ביליק, קען אַן איינצלנער חבר פון מושב נישט איינשאַפן זיך אַזאַ טייערן שפּריצער. אָבער דער מושב, ווי אַ כלל, קען גאַנץ לייכט עס קויפן פאַר זיך. ער דאַרף בלויז אָרגאַניזירן דאָס באַניצן די מאַשין אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן. אַזוי אויך די טראַקטאָרן, די גרויסע אַקער מאַשינען און אַנדערע כלים און אינסטרומענטן, וואָס זענען היינט נויטיק פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. און טאַקע אַ סך מושבים האָבן פאַרשטאַרקט די צוזאַמענאַרבעט צווישן די חברים און האָבן באַוויזן זיך איינצושאַפן די נייסט׳ע איינריכטונגען און אויפצושטעלן די פּאַסיקע בנינים ווי: שפּייכלער, מאָדערנע קיל־הייזער, אינקובאַטערס, מילכעריין א.א.וו.

נישט אַלע מושבים זענען מצליח אין דער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט און אין דער צוזאַמענאַרבעט צווישן די חברים. אָבער, מיר קענען פעסטשטעלן אָן אַ מינדעסטן ספק, אַז אין דער מאָס, וואָס די קאָאָפּעראַציע און די אָרגאַ־ניזאַציע זענען שטאַרקער, און פאַרפונדעוועט אין מושב, ווירקט עס זיך אויס אויף דער פאַרגרעסערונג פון די הכנסות פון יעדן חבר פון מושב, און אויך די פינאַנסיעלע לאַגע פון מושב ווערט בעסער, ווי אין יענע מושבים, וווּ עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו דערהאַלטן אַ קאָאָפּעראַציע און אַ סטאַבי־ליזירטע אָרגאַניזאַציע.

די אַנטוויקלונג פון די לאַנדווירטשאַפט היינט־צו־טאָג, גייט אין דער ריכטונג פון ספּעציאַליזירן זיך אין דער פּראָדוקציע. כדי זי מער רענטאַביל צו מאַכן, דאַרף מען איבערגיין צו אַ פּראָדוקציע פון גרעסערע איינהייטן. דאָס איז אַנדערש, ווי דער טיפּ פון געמישטער ווירטשאַפט, וואָס האָט עקזיסטירט פון זייט דרייסיק יאָר אָן, אַ ווירטשאַפט, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ פּאָר צווייגן, און יעדער צווייג איז געפּלעגט געוואָרן אין אַ מצומצמ־

דיקער ראָם. דערקעגן איז היינט־צו־טאָג די לאַנדווירטשאַפט־טענדענץ צו קאָנצענטרירן זיך אין איין (אָדער צוויי) הויפּט־צווייגן, ווו עס ווערן אַריינגעלייגט די עיקר פינאַנסן, דאָס וויסן און די אויפמערקזאַמקייט, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו דערהאַלטן זי אויף אַ געהעריקן ניוואָ, נוצנדיק אַלע אַגראָטעכנישע דערגרייכונגען, און ווי געהעריק אויסנוצן די אַרבעט פונעם מושב־חבר און זיין משפּחה.

דער באַוווּסטזיין צו קאָנצענטרירן זיך אויף ווייניק צווייגן שטאַמט אויך פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכע פּלאַנירונג, וואָס איז פאַראַן אין לאַנד, וואָס באַשטימט דעם טיפּ ווירטשאַפט פאַר יעדן לאַנדווירטשאַפטלעכן ראַיאָן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע און קלימאַטישע אייגנשאַפטן פון יענעם ראַיאָן. פאַר יעדן ישוב ווערן באַשטימט פּראָדוקציע־נאָרמעס פאַר די פאַרשידענע צווייגן: שטאַל, שטייג, גרינצייג, פּרוכטן און ציטרוסן. אין די מושבים איז פאַראַן נאָך אַ קאָנצענטראַט פון די ווירטשאַפט־צווייגן: איין חבר גיט זיך אָפּ בעיקר מיטן שטאַל־צווייג, אַ צווייטער מיטן שטייג, און אַ דריטער מיט די גרינצייגן; און די אַנשטאַלטן פונעם מושב באַמיען זיך צו צושטעלן אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַדערפענישן, וואָס יעדער חבר נויטיקט זיך, לויט די צווייגן וואָס געפינען זיך אין מושב.

אויך די טעטיקייטן פון די אַנשטאַלטן פון מושב קומען צו הילף דעם חבר פון מושב ביים אַנטוויקלען און פירן אַ מאָדערנע לאַנדווירטשאַפט: איינצואָרדנען אַ באַוואַסערונג־נעץ פאַר די שטחים, וואָס מען דאַרף באַוואַסערן, גרינדן אַנשטאַלטן פאַר פאַרקויף און איינלאַגערונג, דינגען לאַנדווירטשאַפט־מאַשינען און צושטעלן אַלע באַדערפענישן, וואָס נויטיקן זיך פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. אַזוי אויך ווערן צוגעשטעלט דעם חבר פון מושב הלוואות פאַר אינוועסטיציע און פאַר אומזאַץ, אַזוי, אַז די גאַנצע לאַסט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן באַקומען קרעדיט פאַרן מושב און זיינע חברים, טראָגט אויף זיך דער מושב: ער פירט דעם משא־ומתן מיט די בענק און מיט די אַנדערע אַנשטאַלטן צו באַקומען פאַרשידענע הלוואות. דער מושב צאָלט אויך אויס די הלוואות פאַרן חבר ווען זיי ווערן פעליק, בעת די באַזע פאַר די אַלע פינאַנס־ און עקאָנאָמישע־טעטיקייטן איז דער אָרגאַניזירטער פאַרקויף אין מושב, ס׳הייסט, דער חבר פון מושב איז מחויב צו פאַרקויפן זיין פּראָדוקציע דורך דעם מושב. מיט דעם, וואָס ער באַקומט פאַר דער פּראָדוקציע, קען מען אָפּצאָלן די הלוואות, באַצאָלן די שטייערן און פאַר די באַדערפענישן, וואָס ווערן אים צוגעשטעלט, פינאַנסירן בשותפותדיקע אינוועסטיציעס, און

דאָס רעשט צעטיילן צווישן די חברים, יעדן איינעם לויט וואָס עס קומט אים.

מען קען אין סך־הכל פון דעם קאַפּיטל זאָגן, אַז די מושבים האָבן בייגע־שטאַנען די טעכנאָלאָגישע ענדערונגען פון דער תקופה, נישט ווי איינצעלנע, נאָר ווי אַן אָרגאַניזירט׳ער־ציבור, וואָס איז אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן אָרגאַני־זירט. דאָס האָט דערמעגלעכט דעם מושב צו צוזאַמען זיך די טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען. און וואָס מער די קאָאָפּעראַציע אין יעדן מושב איז געווען שטאַרקער און מער אַרומנעמענדיקער, איז די לאַנדווירטשאַפט אין יענעם מושב געווען מאָדערנער און פאַרשריטלעכער און די הכנסה איז געווען אַ גרעסערע.

געזעץ ענינים

מדינת־ישראל בייט איצט איבער די אַלטע אָטאָמאַנישע און ענגלישע געזעצן, אויף ישראל געזעצן, וואָס זאָלן זיך פּאַסן צו דער אַנטוויקלונג, וואָס איז פאַר־געקומען אויף די פאַרשידענע געביטן פון דער מדינה, און זאָלן פּאַסיק זיין דער סוווערעניטעט פון ישראל, איר גייסט און איר שאַפונג.

דאָס איבערבייטן פון די דאָזיקע געזעצן רירט אויך אָן דעם מושב העובדים, ווייל די געזעץ־פאָרעם פון דער מושב־אָרגאַניזאַציע איז אַ שותפות־פאַרבאַנד, אַ קאָאָפּעראַציע. איצט ווערט אַרויף אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער זעקסטער כנסת אַ נייער געזעץ־פאָרשלאַג פאַר שותפות־פאַרבאַנדן, וואָס וועט פאַר־בייטן דעם אַלטן ענגלישן געזעץ. דער נייער געזעץ פאַר שותפות־פאַרבאַנדן, וואָס ווערט פאָרגעשלאָגן דורך דער ישראל רעגירונג, גיט אַן אויסדרוק דעם אָנערקענען פון מדינת־ישראל די אָריגינעלע קאָלאָניזאַטאָרישע־פאָרמען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן און עקזיסטירן אין ישראל: דער מושב, דער מושב שיתופי און די קבוצה; יעדער פאָרעם פון קאָלאָניזאַציע איז געוויד־מעט אַ באַזונדערער קאַפּיטל, וואָס באַצייכנט איר מהות.

אַרום דעם קאַפּיטל מושבים אין דעם געזעץ־פאָרשלאַג, האָט זיך געשאַפן אַ שווערע מחלוקת צווישן צוויי פאַרשידענע צוגענג און אַנשויאונגען. פון איין זייט דער רוב פון תנועת המושבים, וואָס אונטערשטיצט דאָס פאָרגע־שלאָגענע נייע געזעץ. דער דאָזיקער רוב איז פאַר אויסקריסטאַליזירן די

פּראָצעדורן, וואָס באַזירן אויף די געזעץ־דאָקומענטן, וואָס עקזיסטירן אין מושב: דער קעגוואַרטיקער סטאַטוס פון די שותפות־פאַרבאַנדן, קאָנטראַקט פון פּאַכטן ערד ביי דעם קרן קימת לישראל, אָדער ביים מינהל מקרקעי ישראל, דעקרעט פון ראַיאָן ראַטן — דער אָרטיקער קאָמיטעט פון מושב, באַשלוסן פון תנועת המושבים קאָנפערענצן, און דאָס באַזירן זיך אויף פאַראַנענע מנהגים אין די מושבים. דער הויפּט קענצייכן פונעם מושב, איז די פולע קאָנפראָנטאַציע צווישן דער מוניציפּאַלער־מאַכט און דעם שותפות־פאַרבאַנד. ס׳הייסט, אין מושב קען וווינען און האַלטן דאָרט אַ ווירטשאַפט, נאָר אַ חבר פון מושב; און אַ חבר פון מושב קען נישט פאַרקויפן זיין ווירט־שאַפט — דעם, וואָס גיט אַ גרעסערן פּרייז — נאָר דעם קאַנדידאַט, וואָס דער מושב איז גרייט מיט מערהייט שטימען אָנצונעמען אַלס חבר; און ס׳קען נישט קיין חבר פון מושב האַלטן דאָרט אַ ווירטשאַפט נישט צו וווינען אין מושב: און ער מוז אויך באַאַרבעטן זיין ווירטשאַפט און אויספילן די באַשלוסן פונעם מושב וועגן אַלץ, וואָס איז נוגע דער שותפותדיקער טעטיקייט: לאַנדווירטשאַפט־אַנטוויקלונג, אינוועסטיציעס, פאַרמיטלונג א.א.וו. דאָס אַלץ קומט צו פאַרזיכערן, אַז די חברים פון מושב זאָלן טראָגן דעם עול פון בויען דעם מושב און פון קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, זיי זאָלן אָנ־האַלטן צווישן זיך אַ צוזאַמענאַרבעט, אַ קעגנזייטיקע אחריות און הילף. לויט דעם דאָזיקן געזעץ־פאַרשלאָג וועט דער נייער געזעץ זיך באַציען צו יענעם מושב, וואָס דער רוב פון זיינע חברים וועלן אים וועלן אָנהאַלטן ווי אַ מושב.

פון דער צווייטער זייט, די קעגנער פונעם נייעם מושב־געזעץ זענען פאַרן אָפּטיילן די מוניציפּאַל־מאַכט פון דער קאָאָפּעראַטיוו־מאַכט. וואָלט אָנגע־נומען וווערן דער נייער פאַרשלאַג, וואָלט זיך געקענט שאַפן אַ לאַגע, אַז אַ צאָל חברים — אייגנטימער פון לאַנדווירטשאַפטלעכן משק — וואָלטן זיך געקענט אָפּזאָגן פון מושב און ווייטער דאָרט וווינען. ס׳הייסט, אַז זיי זאָלן די באַשלוסן פון מושב נישט פאַרפליכטן, און זיי ווידער וועלן קענען אַרונ־טערוואַרפן פון זיך יעטוועדע געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין פון מושב: נישט פאַרקויפן דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם מושב זייער פּראָדוקציע, נישט איינצאָלן אין די בשותפותדיקע אינוועסטיציעס פונעם מושב כדי צו אַנט־וויקלען די ווירטשאַפט, נישט באַטייליקן זיך אין קעגנזייטיקער גאַראַנטיע, וואָס דאַרף פאַרזיכערן אָפּצוצאָלן די הלוואות, וואָס דינען צו פינאַנסירן די באַדערפעניש, וואָס אַלע חברים פון מושב געניסן פון זיי, ווי אויך פּטור צו זיין פון מקיים זיין די פּרינציפּן פון מושב. אַ קליינער טייל פון די קעגנער פון מושבים־געזעץ זענען נאָך ווייטער געגאַנגען, און זיי האָבן זיך פאַרבונדן

מיט גח״ל, וואָס זיי זענען פּרינציפּיעל קעגן דעם מהות פון מושב, כדי פון זיי צו באַקומען פּאָליטישע אונטערשטיצונג אין זייער קאַמף מיטן מושבים־געזעץ.

אויך דאָס ירושה־געזעץ באַהאַנדלט ענלעכע פּראָבלעמען, וואָס אָנבאַלאַנגט אויפצוהיטן דאָס געזעלשאַפטלעכע פּרצוף פונעם מושב, און קומט פאַרמיידן דעם פונאַנדערפאַל פון דער ראַם זיינער צוליב דער ירושה און דורות־איבער־טויש אין די מושבים: אַז דיווירטשאַפט זאָל זיך נישט צעשפּליטערן צווישן די יורשים, און אַז אַ יורש זאָל נישט קענען האַלטן אַ ווירטשאַפט נישט וווינענדיק אויפן פּלאַץ, אַז אַ בן־יחיד, וואָס האָט אַ ווירטשאַפט פאַר זיך, און אויך זיינע עלטערן פאַרמאָגן אַ ווירטשאַפט פאַר זיך, זאָל נישט קענען ירשנען די ווירטשאַפט פון זיינע עלטערן און האַלטן צוויי ווירטשאַפטן, ווייל אין מושב עקזיסטירט אַ פּרינציפּ פון גלייכהייט אין אַן ערד איינהייט און אין וואַסער פאַר יעדער משפחה. אַזוי אויך איז פאַרזיכערט דער פאָרצוג־סדר ביי דער ירושה: דער ערשטער ירשנט דער בן־זוג פונעם נפטר, ס׳הייסט דער אַלמן אָדער די אלמנה, בלויז נאָכן טויט פון ביידע ירשנט דער זון. אָדער די טאָכטער און זייערע בני־זוג. דער זון, וואָס ירשנט, איז דער וועמען די עלטערן האָבן באַשטימט צו ירשנען, און האָט במשך יאָרן באַאַרבעט מיט די עלטערן די ווירטשאַפט. אַן אַנדערער פּאַראַגראַף באַשטימט די שיטה, ווי אויסצוצאָלן די אַנדערע יורשים — וואָס בלייבן נישט אין דער ווירט־שאַפט — זייער חלק פון דער ירושה.

אַ צווייטער געזעץ־פאַרשלאַג, וואָס מען האַלט איצט אין צוגרייטן, קומט פאַרווערן דעם חבר פון מושב צו פאַרפאַכטן זיין באָדן — דעם גאַנצן אָדער אַ טייל פון אים — צו אַ סוב־פאַכטער. אין די לעצטע יאָרן האָט פּאַסירט, אַז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער און איינצלנע חברים פון מושבים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף נאַציאָנאַלן באָדן, און האָבן זיך פאַרפליכטעט צו זיין לאַנדווירטשאַפטלער און באַאַרבעטן די ערד, האָבן נישט צוגעהאַלטן זייערע פאַרפליכטונגען, און האָבן פאַרפאַכטעט זייער באָדן צו סוב־פאַכטער. דער נייער געזעץ־פאַרשלאַג קומט פאַרמיידן אַזאַ מעגלעכקייט.

די דאָזיקע געזעצן קומען פאַרזיכערן דעם געזעלשאַפטלעכן פּרצוף פונעם מושב, געבן באַפולמעכטיקונג דעם מושב לויטן ווילן פונעם רוב חברים, אָנהאַלטן די דיסציפּלין פונעם ציבור און זי אַרויפוואַרפן אויף יענעם, וואָס וויל איבערשרייטן די ראַם פון מושב און פאַרלאָזן זיינע פּרינציפּן. אין אַלע

די דאָזיקע געזעצן איז באַשטימט געוואָרן, אַז ווייל די מדינה גיט דעם מושב געזעצלעכע באַפולמעכטיקונגען, פאַרזיכערט זיך די מדינה קאָנטראָל און אויפזיכט אויפן אַדמיניסטראַטיוון געביט דורכן מיניסטער, וואָס איז ממונה אויף דער אויספירונג פון געזעץ. לגבי דעם געזעץ פון די שותפות־פאַרבאַנדן דורך דעם נאָטאַר פון די שותפות־פאַרבאַנדן, און הויפּטזעכלעך דורך די געריכטן פון דער מדינה, און ווען עס דיסקרימינירט די אויספירונג פון געזעץ, האָט ער דאָס רעכט זיך צו ווענדן צום געריכט און פאַרלאַנגען זיין רעכט לויטן געזעץ.

צוזאַמענפלעכט פון טעטיקייטן

די מושבי העובדים און די תנועת העובדים, ווירקן אויף פאַרשידענע געביטן, און באַהעלפן זיך מיט פילקאָליריקע טעטיקייטס־דרכים. זיי באַמיען זיך צו מאָדערניזירן דעם מושב ביים באַארבעטן און פירן די ווירטשאַפט, זיי נוצן־אויס אַלע דערגרייכונגען פון דער טעכנאָלאָגיע, און שטייען אויף דער וואַך, אַז דער מושב זאָל נישט צוריקשטיין פון דעם פאָרשריט, וואָס מען דערגרייכט מיט אַנדערע קאָלאָניזאַציע־פאָרמען. די געזעצגעבונג קומט באַ־שטימען די רעכט און פליכטן פונעם פרט ווי פונעם כלל. היינט־צו־טאָג איז נישט פאַראַן יענע אינטימקייט און התלהבות פון די אָנפאַנג־יאָרן. דאָס וואָס עס עקזיסטירן הונדערטער מושבים און צענדליקער טויזנטער קאָלאָ־ניסטן, אַלטע און נייע, עלטערן און קינדער, בויטיקן זיך קלאָרע, באַצייכנטע געזעצן, וואָס באַשטימען דאָס וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט.

דער מושב באַהעלפט זיך אויך מיט אָרגאַניזאַציע און אַנשטאַלטן, וואָס באַ־דינען די חברים פון די מושבים. אין די לעצטע יאָרן איז פאָרגעקומען אַן אַנטוויקלונג אין די אָרטיקע אַנשטאַלטן: די צרכניות־געשעפטן זענען איבער־געגאַנגען צו זעלבסט־באַדינונג, די מילעך־עקספּעדיציע ווערט געמאַכט מיט טאַנקערס, עס ווירקן אָרטיקע אָדער ראַיאָן־שטעלן פון טראַקטאָרן, צו די צרכניות זענען צוגעקומען פּאַקונג־הייזער און קיל־הייזער, און איבער אַלע־מען זענען פאַראַן אין אַ סך מושבים פאָלקס הייזער, קלובן, ווו עס קומען פאָר פאַרזאַמלונגען, פאָרטראַגן, עס ווערן געוויזן פילמען, און עס קומען פאָר מסיבות און יוגנט־טעטיקייטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיט די טעטיקייטן פון קולטור און שטייגער־לעבן קומט צום אויסדרוק דער גייסט פונעם מושב.

מושבים און קיבוצים, וואָס וווינען אין שכנות, זענען אָרגאַניזירט אין ראַיאָן־ראַטן. די דאָזיקע ראַטן דערגענצן די מוניציפּאַל־מאַכט, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך יעדן קאָמיטעט פון מושב. דער טעטיקייט־געביט פון די ראַיאָן־ראַטן נעמט אַרום די געזונטהייטס ענינים, סאַניטאַציע, דערציאונג אין די פאָלקשולן, אין די מיטלשולן און אין די פאַכשולן, בילדונג פאַר דער־וואַקסענע, היטן די פעלדער און פלאַנטאַציעס, וואַסער־רעזערוואַרן און נאָך. אין די לעצטע יאָרן גייען אַן די ראַיאָן־ראַטן אויך מיט עקאָנאָמישע אונ־טערנעמונגען, ווי צום ביישפּיל: באַנוצן שווערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַ־שינען, וואָס זענען צו טייער עס זאָל זיך קענען איינשאַפן יעדער מושב באַזונדער, אַ צופּ־מאַשין פאַר בוימוואָל, פּאַק־הייזער פאַר ציטרוסן, און אויך פאַבריקאַציעס פאַר איבעראַרבעטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע, שעכט־הייזער און נאָך אַנדערע באַדערפענישן.

דאָס באַטייליקן זיך פון די מושבי העובדים אין די עקאָנאָמישע טעטיקייטן פון די ראַיאָן־ראַטן, סיי פון איין ראַט סיי פון עטלעכע ראַטן, ווערט געמאַכט מיטן תנאי, אַז דער מושב העובדים זאָל זיין אָרגאַניזירט פון אינעווייניק, און אַז דער מושב ווי אַ כלל, און גלייך ווי די קיבוצישע ווירטשאַפט, זאָל ער זיך באַטייליקן אין דער ראַיאָן־טעטיקייט, ער זאָל זיין אַ באַשטימענדיקער משפּיעדיקער פאַקטאָר אין דער ראַיאָן־טעטיקייט, וואָס וועט אַוודאי זיך האַלטן אין איין פאַרגרעסערן און וועט אַרומנעמען נאָך און נאָך געביטן.

פּאַראַלעל מיט דער טעטיקייט פון די ראַיאָן־ראַטן, זענען די מושבים אויך אָרגאַניזירט אין ראַיאָנישע איינקויף־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען באַזונדער פאַר מושבים און פאַר קיבוצים. וואָס מער דער משק פון לאַנדווירטשאַפט איז אַנטוויקלטער, האָט אַ חשיבות די ביליקע און איינגעאָרדנטע צושטעלונג פאַר די מענטשן, פאַר די בעלי־החיים, און פאַר פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וואָס די לאַנדווירטשאַפט־פּראָדוקציע נויטיקט זיך אין זיי. דער קאָנצענ־טרירטער איינקויף פון צענדליקע מושבים אינאיינעם, פאַרזיכערט עס צו באַקומען פונעם ערשטן קוואַל אין אַ געהעריקער קוואַליטעט און אין באַ־קוועמע קרעדיט־באַדינגונגען. אויך דער פאַקט, אַז די מושבים, וואָס געהערן צו דער איינקויף־אָרגאַניזאַציע, האַלטן צווישן זיך אַ קעגנזייטיקע גאַראַנטיע צו פאַרזיכערן די צאָלונגען פון די הלוואות, דערמעגלעכט צו באַקומען קרע־דיט אין וועלכן די מושבים נויטיקן זיך צו פינאַנסירן די פּראָדוקציע־הוצאות.

פֿון אַ באַזונדערער וויכטיקייט זענען די איינקויף־אָרגאַניזאַציעס פֿון דער נייער התישבות, ווייל אַלע עקאָנאָמישע טעטיקייטן פֿון די נייע מושבים קאָנצענטרירן זיך אַרום דער איינקויף־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכן עס געהער יעדער נייער מושב: די איינקויף־אָרגאַניזאַציע העלפֿט־צו צו פֿירן די אַר־טיקע צרכניה; זי פֿאַרמאָגט אַן אינסטיטוט ווי מען מאַכט די שפּייז־מישונגען פֿאַר די בהמות, העלפֿט־צו צו פֿאַרמיטלען די לאַנדווירטשאַפֿט פּראָדוקציע, איז מטפּל מיט דער אינסטאַלאַציע פֿאַר צושטעלן באַוואַסערונג, באַטייליקט זיך אין דער געזעלשאַפֿט, וואָס באַאַרבעט די יונגע פּלאַנטאַציעס, און באַ־שעפֿטיקט זיך מיט אַ סך פֿינאַנס־טעטיקייטן פֿונעם נייעם מושב. אַרום דער איינקויף־אָרגאַניזאַציע ווירקן די עסקנים פֿון דער נייער התישבות, וואָס טוען פֿאַר זייערע ישובים.

און צום סוף, מען מוז אונטערשטרייכן, אַז מיט דער גאַנצער חשיבות פֿון אַלע טעטיקייטן, וואָס איך האָב דאָ געשילדערט, און טראָץ וואָס דאָס לעבן און די אַרבעט היינט־צו־טאָג אין די מושבים איז קאָמפּליצירטער ווי געווען, איז די וויכטיקסטע טעטיקייט די אידייאישע־דערציערישע, וואָס וועט צום סוף באַשטימען די צוקונפֿט פֿון מושב העובדים. די דאָזיקע טעטיקייט, וואָס ווערט געמאַכט דורך יעדן מושב און דורך דער מושבים־באַוועגונג, וואָס איז מבליט די פֿאָרטיילן און דעם באַזונדערן ווערט פֿון מושב, וואָס דערפֿילט חלוצישע און נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן פֿון ערשטן ראַנג, וואָס דערמעגלעכט דעם לאַנדווירטשאַפֿטלער צו עקזיסטירן בכבודיק, צו פֿירן אַן אינטעליגענט פֿאַרשריטלעך אַרבעטס־לעבן, צו פֿילן אַ באַפֿרידיקונג און אַ באַוווּסטזיין פֿון זעלבסט־ווערדע, וואָס שטאַמט אַרויס פֿון דער צוגעהעריקייט צו אַ ישוב וואָס באַזירט אויף געזעלשאַפֿט־ווערטן. אַ סך איז געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט: נאָך מער דאַרף געטאָן ווערן אין דער צוקונפֿט צו שטאַלן דעם גייסט פֿונעם חבר פֿון מושב, כדי ער זאָל אָנהאַלטן זיין געטריישאַפֿט צו דער אידייע פֿון מושב.

ל. לוש

די קאָאָפּעראַציע — אירע דערגרייכונגען און פּראָבלעמען

אַלגעמיינער פאָרוואָרט

א לאַנגען וועג האָט דורכגעמאַכט די ישראלדיקע קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג פון זייט די ערשטע עקספּערימענטן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען אַ הייפל חברים, די אָנפירער פון דער דעמאָלטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אַ קאָאָפּעראַציע באַוווסטזיין, האָבן געוואַנדערט פון ישוב צו ישוב אין גליל און אין יהודה, כדי איבערצוצייגן די אַרבעטער, אַז דווקא אין אַ צייט פון קריזיס איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אָפּצושפּאָרן פון אייגענע פּרוטות כדי אויפצושטעלן אַ קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקטיוו־ווערק אָדער גרינדן קאָנסום־קאָאָפּעראַציעס. פון דעמאָלט ביז איצט זענען פאָרגעקומען וועזנטלעכע ענדערונגען אין דעם מצב און אין די אויסזיכטן פון דער קאָאָפּעראַציע־אַנטוויקלונג, ענדערונגען, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין די דערגרייכונגען אירע און אין אירע פּראָבלעמען.

פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה, האָט די קאָאָפּעראַציע אין אַלגעמיין זוכה געווען צו אַ בכבודיקן סטאַטוס אין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער מדינה, און צו אַן אָנזעעוודיקן פּלאַץ אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט, מיט אירע פאַרשידענע פאָרמען. די קאָאָפּעראַציע דינט אַלס אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינעם וועזן פון אונטערנאַציאָנאַלע אויסער־באַציאונגען פון דער מדינה און פון דער הסתדרות, און איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ישראל אין אַן „עקספּאָרט־אַרטיקל״, אַנדערש געזאָגט: אין אַ מקור פאַר אינטערעס און אינספּיראַציע לגבי פעלקער פון די אַנטוויקלונגס־לענדער אויף די קאָנטינענטן פון אַפריקע, אַזיע און לאַטיין־אַמעריקע, וואָס קומען צו אונדז זיך לערנען די קאָאָפּעראַציע־פאָרמען, איר אָרגאַניזאַציע, אירע אָרדענונגען און אַדמיניסטראַציע. אויך די אַלטע קאָאָפּעראַציע־לענדער פון מערב און צפון־אייראָפּע, אָנערקענען די אייגנאַרטיקייט פון דער אַרבעטנדיקע ישראל קאָאָפּעראַציע, איר טיפן אַריינדרונג אין די פיל און קאָלירפולע

עקאָנאָמישע־און ווירטשאַפט־צווייגן, אַרומנעמענדיק אַ סך קרייזן פון אַלע שיכטן און קלאַסן אין דער ישראל געזעלשאַפט.

אָבער מען קען נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אין דער לעצטער תקופה שפּירט זיך אַ געוויסע שוואַכקייט אין דער ישראלדיקער קאָאָפּעראַציע־שאַפונג. פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַצייכענען עס ווי אַ קריזיס און מען זעט אין דעם אַן אויסדרוק פאַרן קריזיס, וואָס מאַכט היינט דורך אין אַלגעמיין די קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג אויף דער וועלט, אַנטקעגן די אַנטוויקלונגען אין דער מאָדערנער אינדוסטריע־געזעלשאַפט און אין דעם וועזן פון פּערפעקטע באַדינונגען אין דער עפּאָכע פון אָטאָמאַציע, וואָס האַלט אין איין פאַרשפּרייטן זיך. די דאָזיקע אַנטוויקלונגען לייגן אַרויף באַשרענקונגען אויף די קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציע־ווערק און עפנטלעכע באַדינונגען, וואָס באַזירן אויף באשרענקטער אייגענער פינאַנסירונג, אויף אָפּטימאַלישער פּראָדוקציע־און ווירטשאַפט־דעמאָקראַטיע. אָבער ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס טייטשן־אויס דעם אויבן דערמאָנטן פאַקט ווי אַ געזעלשאַפטלעכע־עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס לעבן פון אונדזער מדינה אין די לעצטע יאָרן: עס זענען ביי איר אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אימפּולסן, וואָס האָבן דערמוטיקט חלוצישע־שפּאַנונג און גאַרונג צו קאָאָפּעראַציע־לעבן און עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע סוווערעניטעט אין קאָאָפּעראַציע־ראַמען, וואָס פאַרדערן פונעם פּרט מוותר צו זיין פאַר די באַדערפענישן פון כלל און וואָס פאַרפליכטן צו אַ באַזונדערן אָנשטרענג, מער אחריות און פּערזענלעכן איינשטעל. פונדעסטוועגן באַווייזט די ישראל־קאָאָפּעראַציע, טראָץ די געוויסע סטרוקטורעלע און קאָניונקטורעלע פעלערן, וואָס זי פאַרמאָגט, אַז זי שטעלט מיט זיך טאַקע פאָר אַ פּערמענטירנדיקן, טעטיקן־און דינאַמישן־כוח, וואָס איז זיין עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג זענען פאַראינטערעסירט נישט נאָר הונדערטער טויזנטער חברים אירע, פון אַלע שיכטן פון פאָלק, נאָר אויך די מדינה און די גאַנצע עפנטלעכקייט.

איידער מיר ווילן איבערגיין צו מאַכן אַן איבערבליק איבער די דערגרייכונגען און פּראָבלעמען פון צוויי קאָאָפּעראַציע־צווייגן אין ישראל — די פּראָדוציר און באַדינונג־און קאָנסום־קאָאָפּעראַציע — וואָס זענען די טעמע פון אונדזער אַרטיקל — ווילן מיר אונטן פאָרשטעלן די קאָאָפּעראַציע־צווייגן לויט זייערע הויפּט־סאָרטן (לויט דער לאַגע פון 1־טן יאַנואַר 1965):

א. לאַנדווירטשאַפט

קבוצות און קיבוצים	226
מושבים	318
באַוואַסערונג־פאַרבאַנדן	118
פאַרמיטלונג־פאַרבאַנדן . . .	25
פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן	307
ס״ה	994

ב. פּראָדוקציע און באַדינונגען

אינדוסטריע און האַנטווערקעריי . .	148
קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט . .	40
פאַרשידענע באַדינונגען . . .	72
ס״ה	260

קאָנסום־קאָנפעקציע	67
שיכון	381
קרעדיט	44
רענטעס און פענסיע	229
אָפּשפּאָרונגען און קעגנזייטיקע־הילף .	44
קעגנזייטיקע פאַרזיכערונג . . .	9
פאַרשידנס	25
ס״ה	2053

די צאָל חברים און זייערע משפחות, וואָס געהערן צו די דאָזיקע 2053 קאָאָפּעראַציע־פאַרבאַנדן, ווערט געשאַצט אויף 800,000 נפשות, וואָס באַטרעפן ביי 33% פון דער ישראל באַפעלקערונג. הייסט עס, לויטן אַספּעקט פון „קאָאָפּעראַטיווער אינטענסיווקייט" (די פּראָפּאָרץ צווישן דער צאָל פון קאָאָפּעראַציע־חברים און צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד) געפונט זיך מדינת־ישראל אויפן צווייטן פּלאַץ (אויפן ערשטן פּלאַץ פינלאַנד — 37%) צווישן די 54 מדינות אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס באַטרעפן ביי אַ 200 מיליאָן חברים מיט זייערע משפחה־מיטגלידער. פון דאַנען איז גע־

דרונגען, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער סיסטעם אין אונדזער לאַנד איז דער פּאָפּולערסטער. עס איז כמעט נישט פֿאַראַן קיין איין ישוב־פּונקט אין דער מדינה, ס׳זאָל דאָרטן נישט ווירקן אַמווייניקסטנס איין קאָאָפּעראַטיווער פֿאַר־באַנד פֿון די אויבן דערמאָנטע סאָרטן, און ס׳איז כמעט נישטאָ קיין איין שטוב אין ישראל, וואָס זאָל נישט זיין פֿאַרבונדן אין דער אָדער אין אַן אַנדערער פֿאָרם, מיט דער קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג. די דאָזיקע פּאָפּולאַ־ריטעט דריקט זיך אויס אין דריי הויפּט־פֿאָרמען: א. פֿולשטענדיקע אינ־טעגראַציע אין דער קאָאָפּעראַטיווער ראַם (קיבוץ, קאָאָפּעראַטיווער־מושב); ב. געהערן צו אַ קאָאָפּעראַטיווער ראַם כדי צו דערגרייכן עקאָנאָמישע גע־זעלשאַפֿטלעכע צילן (פּראָדוקציע באַדינונגען); ג. צושטעלן די באַדערפֿענישן פֿון די חברים (צושטעלונגען, פֿאַרמיטלונג, קרעדיט, שיכון א.ד.ג.).

ווייטער וועלן מיר באַהאַנדלען די לאַגע און דערגרייכונגען פֿון די צוויי קאָ־אָפּעראַציע־צווייגן, וואָס דער ערשטער דעקט די צווייטע פֿאָרעם, וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, און דער צווייטער ווידער איז באַשטימט צו צו־שטעלן פֿאַר די חברים שפּייז, קליידונג, שטוב־זאַכן א.ד.ג.

א. די פּראָדוציר־באַדינונג־קאָאָפּעראַציע

וווּקס און אויסברייטערונג אין די מדינה־יאָרן

טראָצדעם וואָס אין דער ברייטער וועלט גיט מען נאָכנישט קיין ספּעציעלע חשיבות דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע אין שטאָט און אין דאָרף (אַריינ־נעמענדיק די אַגראַר־פּראָדוקציע), האָט די קאָאָפּעראַציע ביי אונדז אין לאַנד באַוויזן איר זיכערע לעבנס־וויכטיקייט, און זי פֿאַרנעמט די צוויי הויפּט־פּלעצער אין דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג אין ישראל (אויף דער וועלט זענען די צוויי פּלעצער רעזערווירט פֿאַר קאָנסומציע און קרעדיט). אונדזער פּראָדוציר־און באַדינונג־קאָאָפּעראַציע, פֿון זייט דער גרינדונג ביז איצט, האַלט דעם צווייטן פּלאַץ (נאָך דער לאַנדווירטשאַפֿט) אין דער אַלגע־מיינער קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג אין ישראל, און דער דאָזיקער פּלאַץ איז איר פֿאַרזיכערט סיי אין ליכט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפֿט און סיי אין ליכט פֿון אירע טענדענצן און אירע אויסזיכטן פֿאַר דער צוקונפֿט.

דער רוב פּראָדוציר־און באַדינונג־קאָאָפּעראַטיוון (ביי אַ 80%) איז אָנגע־

שלאָסן אין דער קאָאָפּעראַציע־צענטראַלע פאַר פּראָדוצירונג, קאָמוניקאַציע און באַדינונגען, וואָס דאָס איז אַווירטשאַפט אָרגאַניזאַציע־אַנשטאַלט פון דער הסתדרות העובדים הכללית. די ווייטערדיקע טאַבעלע שפּיגלט אָפּ די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער פּראָדוציר־און באַדינונג־קאָאָפּעראַציע פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה (1948) ביזן לעצטן יאָר (1965):

צאָל	די פאַרמאַציעס	צאָל קאָאָפּעראַטיוון 1948	צאָל קאָאָפּעראַטיוון 1965	צאָל אַרבעטער 1948	צאָל אַרבעטער 1965	יערלעכע איינקונפט* 1948	יערלעכע איינקונפט* 1965
1.	פּראָדוקציע (אינדוסטריע און האַנטװערקערײַ)	75	121	2,092	3,667	3,459	85,880
2.	קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט	24	28	3,028	10,589	5,658	186,490
3.	פאַרשידענע באַדינונגען	16	62	444	1,651	632	34,390
	ס"ה	115	211	5,564	15,907	9,749	306,760

די 211 קאָאָפּעראַטיוון נעמען אַרום ביי אַ 50 פאַך־צווייגן — אין דער פּראָדוקציע, קאָמוניקאַציע־טראַנספּאָרט און עפנטלעכע באַדינונגען, זיי זענען צעשפּרייט איבער אַ 70 ישובים, פון קרית־שמונה אין צפון ביז אילת אין דרום, די צאָל וואָס איז זיך מפרנס פון זיי און דורך זיי ווערט אָפּגעשאַצט אויף 60,000 נפשות. פון די העכער 10,000 אַרבעטער, וואָס זענען צוגעקומען אין די יאָרן פון דער מדינה צו דער קאָאָפּעראַציע, זענען ביי אַ 60% פון זיי נייע עולים און ביי אַ 30% — אויסגעדינטע סאָלדאַטן, צווישן זיי פון דער ארצישראלדיקער בריגאַדע פון צווייטן וועלט־קריג און די מאָביליזירטע פון מלחמת השחרור (דער רוב פון זיי האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער קאָמוניקאַציע־טראַנספּאָרט צווייג).

די הויפּט־אויפגאַבע — אויפנעמען עליה

טראָץ דעם פּיינלעכן פאַקט, אַז ביי אַ העלפט פון דער צאָל קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער צענטראַלע פון דער קאָאָפּעראַציע נאָכן אויפקום פון דער מדינה, איז אויפגעלעזט געוואָרן — צוליב סוביעקטיווע און אָביעקטיווע סיבות — האָט דאָך דער עצם אָרגאַניזאַציע־

* איינקונפט בּרוטאָ אין טויזנטער ישראל פונטן.

אַרבעט, וואָס איז אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן, געהאַט אַ פּאָזיטיוון באַדייט און פּאָזיטיווע רעזולטאַטן לגבי דער קאָאָפּעראַציע גופא און לגבי די פּאַקטאָרן, וואָס האָבן מיט איר קאָאָפּערירט (די יידישע אַגענץ, די הסתדרות, די רעגירונג) אינעם קאָנסטרוקטיוון אויפנעם פון די נייע עולים.

אין די ערשטע יאָרן נאָכן אויפקום פון דער מדינה, האָט די צענטראַלע פון דער קאָאָפּעראַציע געדינט אַלס די סאַמע ערשטע אַדרעס פאַר טויזנטער עולים, וואָס האָבן פאַר זיך געזוכט אַ מער פּראָדוקטיוון און מער געזיכערטן עקאָנאָמישן אָנהאַלט ווי עס האָבן געקענט געבן די מעגלעכקייטן איינצו־אָרדנען זיך און איינצוגלידערן זיך יענע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן געווירקט אויף דעם דאָזיקן געביט אין די עולים־לאַגערן און אין די מעברות. מיט דער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט צווישן די נייע עולים, זענען אַרויסגעריסן געוואָרן אין אַ שנעלערן טעמפּאָ און מיט אַ מער עפעקטיווקייט טויזנטער משפּחות פון דער דעסטרוקטיווער ווירקלעכקייט, וואָס האָט געהערשט אין לאַגער־און מעברה־לעבן, צווישן זיי אויך צענדליקער משפּחות, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין שום אייגענע מיטלען, זענען געווען, אָן פאַכן און פיזיש שוואַכע, דערונטער קריפּלען, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע פאַרניכטונגס־לאַגערן. דער רוב פון די־אָ אַלע סאָרטן צווישן דער נייער עליה, זענען פאַרבליבן ביי די פּרנסה־מקורות און באַשעפטיקונגען, וואָס מען האָט פאַר זיי געשאַפן אין יענער צייט דורך דער קאָאָפּעראַציע. אויך יענע, וואָס האָבן פאַרלאָזט דערנאָך די קאָאָפּעראַטיווע ראַמען און האָבן גע־ענדערט די אייגנטום־פאָרעם פון זייערע אינטערנעמונגען.

אין דער דאָזיקער אָרגאַניזירונגס־טעטיקייט, האָט די פּראָדוציר־און באַ־דינונג־קאָאָפּעראַציע אַריינגעדרונגען אין אַלע שטעט און דערפער, וואָס זענען פאַרלאָזט געוואָרן דורך דער אַראַבישער באַפעלקערונג בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה. די קאָאָפּעראַציע איז נאָכגעגאַנגען אַהין דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט (בעיקר פון דער נייער עליה) און אין דער מערהייט פון די דאָזיקע ישובים האָט די קאָאָפּעראַציע געמאַכט די ערשטע בעקעריי, די ערשטע שלאָסעריי און טישלעריי א.ד.ג. אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט פון איר טעטיקייט, האָט די קאָאָפּעראַציע אויך אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס אַ סך עולים האָבן מיט זיך געבראַכט געהעריקע אַרבעטס־כלים פון די לענדער פון וועלכע זיי זענען געקומען — די קאָאָפּעראַציע האָט אויפגעקליבן און צוזאַמענגענומען די איינצלנע אייגנטימער פון די כלים און געגרינדעט פון זיי פּראָדוציר־גרופּן, צווישן זיי נישט ווייניק אַזעלכע,

וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט די כלים לכתחילה בלויז צו פאַרקויפן. אַזוי־אַרום זענען די כלים געבליבן אין די צענטערס פון דער נייער עליה און דאָרט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע וואַרשטאַטן און פאַבריקאַציע־אונטערנעמונגען, און דאָס האָט משפיע געווען, אויף אַ טייל פון די נייע עולים, איינצוגלידערן זיך אין די אַרבעט־און פּראָדוציר־קרייזן אין די מקומות ווו זיי האָבן זיך באַזעצט, נישט אַפילו פאַרזוכן פאַרלאָזן און אַוועקוואַנדערן אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

אָט דעם אָנשטרענג, וואָס די פּראָדוקציע־און באַדינונג־קאָאָפּעראַציע האָט געמאַכט אינערהאַלב דעם ריזן אָנשטרענג פון דער מדינה אויפצונעמען די נייע עליה, שטייט אויף היינט־צו־טאָג אין צענטער פון די עקאָנאָמישע־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען ביי דער קאָאָפּעראַציע. דער פּראָבלעם פון קליטה, אַזוי־ווי ער הערשט איבער אונדזער גאַנצערווירקלעכקייט אין לאַנד און איבער אַלע רעגירונג אַנשטאַלטן, איבער דער יידישער אַגענץ, איבער דער הסתדרות און איבער די איבעריקע אַנשטאַלטן, אַזוי פאַרנעמט ער דעם אויבן־אָן ביי די פּלענער און טעטיקייטן פון דער פּראָדוציר־און באַדינונג קאָאָפּעראַציע מיט אירע אַלע פאַרמאַציעס און צווייגן. די דאָזיקע באַוועגונג האָט צו לעצט אויסגעאַרבעט אַ גרויס־אַרומנעמענדיקן טעטיקייטס־פּלאַן אויף אויפצונעמען נייע עולים, אויסגעדינטע סאָלדאַטן און סטאַזש־אַרבעטער, סיי דורך אָנשליסן זיי ווי חברים אין די שוין עקזיסטירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון און סיי דורך גרינדן פאַר זיי נייע, הויפּטזעכלעך אין די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען פון דער מדינה.

פאַר דעם אויבנדערמאָנטן צוועק האָט דער קאָאָפּעראַציע־צענטער אויסגעברייטערט אין לעצטן יאָר זיין אויפקלער־און אָרגאַניזיר־טעטיקייט צווישן די דערמאָנטע דריי קרייזן, און אויך געגרינדעט ספּעציעלע פאָנדן, בשותפות מיט דער הסתדרות, מיט דער רעגירונג און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, צו פאַרגרעסערן דעם אויפנעם אין דער קאָאָפּעראַציע. אויסער די דריי פאָנדן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין די פופציקער יאָרן פאַר באַזיר־צוועקן, אַנטוויקלונג־און קליטה, זענען געגרינדעט געוואָרן פון זייט 1960 נאָך דריי פאָנדן בלויז פאַר קליטה־צוועקן: „מעש״ — אַ בשותפותדיקער פאָנד מיט דער יידישער אַגענץ, צו פינאַנסירן נייע קאָאָפּעראַטיוון אין צענטערס פון נייע עולים; נת״ע — אַ בשותפותדיקער פאָנד מיט דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע פאַר אינוואַלידן פון אַרבעט־פאַרפאַלן, כדי דערמוטיקן זיי צו אָרגאַניזירן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון; „לקידום״ — אַ בשותפותדיקער פאָנד מיט דעם אַראַ־

בישן אָפּטייל ביים ועד־הפּועל פון דער הסתדרות, פאַר הלוואות און גאַ־ראַנטיע פאַר די מינדערהייטן, וואָס אָרגאַניזירן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון. דער גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון די דאָזיקע דריי פאָנדן דערגרייכט צו 500 טויזנט ל״י און אַלע דריי אַנטוויקלען זיך בהדרגהדיק, פאַרברייטערנדיק און פאַרטי־פערנדיק זייערע טעטיקייטן.

אין לעצטן יאָר האָבן זיך די דאָזיקע פאָנדן באַטייליקט ביים אויפשטעלן אַ 25 נייע קאָאָפּעראַטיוון, צווישן זיי אײן קאָאָפּעראַטיוו פאַר פּענסיאָנערן (געוועזענע בוכהאַלטערס); איינער פאַר אַרבעט־אינוואַלידן; דריי — פאַר אַראַבער; דאָס רעשט — פאַר עולים, אויסגעדינטע סאָלדאַטן און סטאַזש־אַרבעטער; וואָס ציילן צוזאַמען ביי אַ 450 חברים און קאַנדידאַטן אויף חברשאַפט. אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען איז אינוועסטירט געוואָרן ביי אַ 1.5 מיליאָן ל״י, פון דעם: אייגענע פינאַנסירונג פון חברים — קרוב צו אַ מיליון ל״י (איינשליסנדיק פּערזענלעכע הלוואות פון די דאָזיקע פאָנדן), און דאָס רעשט — הלוואות פון פינאַנסן־מקורות דורך בענק.

פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ דער פינאַנסירונג פּראָבלעם פאַר באַזירן און אַנטוויקלען די עקזיסטירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון און פאַר אויפשטעלן נייע קאָאָפּעראַטיוון — איינע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען אין דער באַהאַנ־דלטער קאָאָפּעראַציע, מיט אירע אַלע פאַרמאַציעס און צווייגן.

דריי פאַרמאַציעס — 50 אַרבעטס־פאַכן

עס איז שוין אויבן באַטאָנט געוואָרן, אַז די פּראָדוציר־און באַדינונג־קאָאָפּע־ראַציע שליסט אין זיך איין דריי פאַרמאַציעס, וואָס נעמען אַרום ביי אַ 50 פאַרשידענע פאַך־צווייגן.

די פּראָדוציר־פאָרמאַציע נעמט אַרום: מעטאַל און עלעקטריק; האָלץ־פאַבריקאַציע; בוי־מאַטעריאַל; דרוק און פּאַפּיר; טעקסטיל און קליידונג; בעקעריי און קאָנדיטאָריי; לעבנס־מיטל; גלאָז און קעראַמיקע; בריליאַנטן־שלייפעריי; זייף, מעדיקאַמענטן און כעמיקאַלן; פאַרשידענע אויסאַרביי־טונגען. ביי דרוקעריי און פּאַפּיר (בוכבינדעריי און צינקאָגראַפיע) באַטרעפט די קאָאָפּעראַציע אַ 15% פון דער אַלגעמיינער פּרנדוציר־פעאיקייט פון דעם צווייג אין לאַנד; ביי בעקעריי — דערגרייכט דער טייל פון דער קאָאָפּעראַציע

צו 20% פון דער אַלגעמיינער פּראָדוציר־פּעאיקייט פון דעם דאָזיקן צווייג אין לאַנד; אין אַלע איבעריקע צווייגן געפינען זיך אונטערנעמונגען, וואָס פאַרנעמען הויפט־פּלעצער פאַר זייערע צווייגן אין דער נאַציאָנאַלער־ווירט־שאַפט און אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט פון דער הסתדרות.

דער קאָאָפּעראַטיוו „הארגז" (מעטאַל און האָלץ צווייגן) ווערט פאַרעכנט פאַר איינעם פון די ריזן פאַבריקן אין לאַנד, וואָס צעצווייגט זיך אויף גרויסע און חשובע אינדוסטריעלע־אונטערנעמונגען, וואָס זענען שותפים מיטן קאָאָפּע־ראַטיוו, מיט דער הסתדרות („חברת עובדים") און מיט פּריוואַטע אינוועס־טאָרן פון לאַנד און פון חוץ־לארץ, ווי צום ביישפּיל: קאָנסטרוּאירן אָטאָבוסן, עלעקטרישע פּריזשידערס, קיל־אַפּאַראַטן, שטאָל־מעבל, קאָמפּרעסאָרן פאַר פאַבריקן, עלעקטרישע מאָטאָרן, עלעקטרישע וואַש־מאַשינען, עלעקטריק־און גאַז־אויוונס, האָלץ־מעבל, „ברוס" קאַסטנס, פּאַק־קעסטלעך פון האָלץ פאַר ציטרוסן און גרינצייג, און נאָך און נאָך. ביי די אַלע אונטערנעמונגען זענען באַשעפטיקט אַ 2000 אַרבעטער (אין פינף פאַרשידענע פּלעצער) און דער יערלעכער אומזאַץ פון אַלע אונטערנעמונגען דערגייט צו 100 מיליאָן ל"י.

איינע פון די פּראָבלעמען, וואָס באַזאָרגן די פּראָדוציר־פּאָרמאַציע זענען די פּראָבלעמען פון די קליינע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס באַטרעפן אַ 60% פון דער אַלגעמיינער פאָרמאַציע, וואָס זייער אויסהאַלטעוודיקייט ווערט קלענער און קלענערער מיט דער אַלץ שנעלערער טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג, וואָס באַשרענקט זייערע קאָנקורענץ־מעגלעכקייט מיט די גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס זענען ווי געהעריק איינגעריכטעט. די לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם גע־פינט זיך אינעם באַוועגן געלט־מקורות אויף צוזאַמענשמעלצן די קליינע קאָאָפּעראַטיוון (פון דעם זעלבן צווייג) אין איין גרויסן קאָאָפּעראַטיוו מיט מאָ־דערנע מאַשינען, אָדער אין געבן פּאַסיקע געלט־שטיצע די קליינע קאָאָפּע־ראַטיוון, וואָס זייער עקזיסטענץ איז באַרעכטיקט פונעם עקאָנאָמישן שטאַנד־פּונקט ביי דער זייט פון די גרויסע אונטערנעמונגען פון דעם זעלבן צווייג. אָבער אַפילו פאַר די דאָזיקע צוועקן איז נישט לייכט צו מאָביליזירן באַנק־קרעדיט אין אַזעלכע באַדינגונגען, עס זאָלן זיי די קאָאָפּעראַטיוון קענען אויס־האַלטן. און נאָך מער קאָמפּליצירט איז די לאַגע לגבי שאַפן קרעדיט פאַר אומלויף־קאַפּיטאַל, צוליב פיסקאַלישע, פּאָליטישע און אָביעקטיווע באַ־שרענקונגען, וואָס דערמעגלעכן נישט מער ווי אַ באַשרענקטן מאַנעווורירן מיטן קרעדיט, אין דער ראַם פון ספּעציעלע פאָנדן פאַר דעם צוועק און פון וועקסל אַראָפּרעכענונג.

אַנטקעגן די דערגרייכונגען פון דער דירעקציע ביי דער דערמאָנטער פּאַר־מאַציע אינעם עפעקטיוון אויסנוצן פון די דערמאָנטע פאָנדן־געלטער פאַר צוועקן פון באַזירן דיווירטשאַפט און אינדוסטריע־אַנטוויקלונג, איז איר נאָך נישט געלונגען אויפצוזוכן באַקוועמע פינאַנס־מקורות, כדי אויפצושטעלן ערנסטע קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, און ס'איז איר אויך שווער צו אָרגאַניזירן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון פון צווישן געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע אינדוסטריע־ווערק, וואָס זייערע אייגנטימער ווענדן זיך צו דער פאַרמאַציע און שלאָגן עס פאָר. אויך דאָס אויסברייטן די חברשאַפט־ראַם אין די עקזיסטירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון, ס'הייסט, אָנעמען חברים פון צווישן זייערע לוין־אַרבעטער, אויך דאָס איז אָפּהענגיק אין באַקוועמע פי־נאַנסן־מקורות פאַר די אַקציע־געלטער, וואָס דער חבר דאַרף אַריינצאָלן ווען ער שליסט זיך אָן אין קאָאָפּעראַטיוו (אַ סכום פון 10—20 טויזנט ל״י און אַפילו מער).

אָט די אַלע פּראָבלעמען געפינען זיך אויך אין דער קאָמוניקאַציע־טראַנס־פּאָרט פאָרמאַציע, וואָס נעמט־אַרום 28 קאָאָפּעראַטיוון, פון זיי: דריי פאַר פּאַסאַזשירן קאָמוניקאַציע („אגד״ — צווישנשטאָטישע ליניעס, וואָס דעקן דאָס גאַנצע לאַנד; „דן״ — אין תל־אביב און אומגעבונג; „המקשר״ — אין ירושלים און אומגעבונג); איין קאָאָפּעראַטיוו — פאַר טאַקסעס (אין ירושלים); דרייצן — צו פירן לאַסט סחורות אין שטאָטישע ישובים; צען — אין לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען; און איין קאָאָפּעראַטיוו — פאַר ים־טראַנספּאָרט.

די קאָאָפּעראַטיוון פאַר פּאַסאַזשירן־קאָמוניקאַציע באַשעפטיקן ביי אַ 8,500 אַרבעטער (שאָפערן, בילעטאָרן, טעכניקער, גאַראַזש־אַרבעטער, באַאַמטע א.ד.ג.) און באַוועגן ביי אַ 3000 אָטאָבוסן פון די פּערפעקטסטע סאָרטן. די קאָאָפּעראַטיוון פאַר פירן לאַסט באַשעפטיקן ביי אַ 1,800 אַרבעטער און באַוועגן אַ 1000 שווערע לאַסט־מאַשינען (אויך טאַנקערס), וואָס באַטרעפן לויט טאָנאַזש אַ 50% פון דער אַלגעמיינער טראַנספּאָרט־ווירטשאַפט אין לאַנד, אין דער ראַם פונעם פרייען אַרבעט־מאַרק (נישט רעכענענדיק מלו־כהשע אונטערנעמונגען און גרויסע אונטערנעמערישע געזעלשאַפטן, וואָס פאַרמאָגן אַן אייגענע טראַנספּאָרט־ווירטשאַפט). דער קאָאָפּעראַטיוו פאַר ים־טראַנספּאָרט („אופיר״) באַשעפטיקט ביי אַ 250 אַרבעטער און באַוועגט 6 לאַסט־שיפן מיט אַן אַלגעמיינער לאָדונג פון אַ 20,000 טאָן (איינער פון זיי אַ טאַנקער פאַר פירן פעטוואַרג און כעמיקאַלן), וואָס קורסירן אויפן מיטל־

לענדישן ים און פירן ביי אַ 40% פון דעם לאַסט־אומזאַץ צווישן די ישראל פּאָרטן און די פּאָרטן פון איטאַליע און פראַנקרייך.

די קאָאָפּעראַטיווע־באַוועגונג אין לאַנד פאַרנעמט אַ שליסל־פּאָזיציע אויפן געביט פון דער עפנטלעכער יבשה־קאָמוניקאַציע (זי פירט ביי אַ 95% פון די אַלגעמיינע פּאַסאַזשירן), דעריבער איז זי אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אויף דעם דאָזיקן געביט. דער דאָזיקער פאַקט אַנטבלויזט די קאָמוניקאַציע־קאָאָפּעראַציע פאַר דער קריטיק פון דער ברייטער עפנטלעכקייט און ברענגט אַרויף פאַר איר ריזיקע געזעלשאַפטלעכע־און עקאָנאָמישע־פּראָבלעמען, וואָס זי פאַרמעסט זיך מיט זיי נישט מיט קיין קליינער הצלחה: אַריינברענגענדיק אַלץ מער און מער פּערפעקטע מאַשינען, בויענדיק גאַראַזשן לויט דער בעסטער פאַך־טעכניק, אויפשטעלנדיק אַ סך סטאַנציעס, פּערפעקציאָנירן די פּלאַנירונג־און באַניצונג־פּלענער, פאַרבעסערן די באַדינגונגען אויף די ליניעס, עפעקטיוויזירן די וועגן פון דער אַדמיניסטראַציע, דערציענדיק אירע אַרבעטער צו העפלעכקייט, אויפהייבנדיק זייער בילדונג־און פאַך־ניוואָ, און אָנהאַלטנדיק פּאָלקסטימלעכע פּרייזן (פּראָפּאָרציאָנעל — פון די נידעריקסטע אין דער וועלט). אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע צווייגן אין דער דערמאָנטער קאָאָפּעראַציע, איז דאָס קאָמוניקאַציע־וועזן אויך אין דעם מצליח, וואָס זי פאַרגרעסערט פּערמאַנענט און מיט התמדה אין זיך די חברהשאַפט־ראָם דורך אָנעמען חברים פון צווישן די לוין־אַרבעטער, וואָס זי באַשעפטיקט (400—500 חברים יערלעך), און אויך מיט דעם, וואָס זי אַנטוויקלט פאַר אירע חברים און זייערע משפחות קולטורעלע־און געזעלשאַפטלעכע־אונטערנעמונגען און דערציט זיי צו אַ קאָאָפּעראַטיוו־לעבן און צו קעגנזייטיקער הילף.

די־אָ זאַכן זענען שווערער צו דערגרייכן אין אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס באַשעפטיקן זיך אויך מיט באַדינען די ברייטע עפנטלעכקייט, אָבער אין אַ סך מער באַשרענקטע מאָסן און אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען ווי עס טוט עס דאָס קאָמוניקאַציע־וועזן, ווי צום ביישפּיל: די צושטעלונגען פון פלייש, מילך, אייז און נאַפט; באַדינונגען פון ריינלעכקייט אין די אָמטן; האַלטן הייזער; פּאָרט־באַדינונגען: רעסטאַוּרירן און פאַריכטן זייערע מאַשינען; רעסטאָראַנען; וועשערייען; פריזיר־שטובן; מאַלעריי; גערטנעריי; אינזשיניער־און אַרכיטעקטור־פּלאַנירונג; קינאָס; מיטלשולעס; פישפאַנג; פאַרוויילונגס־און דערהאָלונגס־אונטערנעמונגען; אויסגראָבונג און צושטעלונג פון זיפזיף; ערד אַרבעט; ברונעמער גראָבן און נאָך. אינעם רוב פון די

דאָזיקע צווייגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער פאָרמאַציע פון די פאַרשי־
דענע באַדינונגען, האָט די קאָאָפּעראַציע אַריינגעדרונגען און זיך אין זיי
פאַרפעסטיקט ערשט נאָכן אויפקום פון דער מדינה, בעת די געשיכטע
פון די קאָאָפּעראַטיוון פאַר קאָמוניקאַציע־וועזן פירט אונדז צו די פריערע
צוואָנציקער יאָרן.

בדרך כלל זענען אַנדערש טאַקע אויך די ווירטשאַפטלעכע־עקאָנאָמישע
פּראָבלעמען און די געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע פון די פאַרשידענע
קאָאָפּעראַטיוו־באַדינונגען פון יענע, וואָס זענען פאַראַן אין די קאָמוניקאַציע־
עקספּאָרט און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. ביי די פאַרשידענע באַדינונגען זע־
נען נישט אַזוי בולט די באַדערפענישן פון ווירטשאַפט־אַנטוויקלונג ווי אין
דער קאָמוניקאַציע אָדער אין דער פּראָדוקציע, און אויך דער לוין־אַרבעט
פּראָבלעם אירער איז נישט אַזוי בולט ווי אין די צוויי אַנדערע אָפּטיילונגען.
דער אַריינדרונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין די אַרבעט־צווייגן, ווי ריינהייט־
באַדינונגען און הייזער־אויפהאַלטונג, שיף־וועזן און פישפאַנג, פריזירייַ, מאַ־
לעריי, גערטנעריי א.ד.ג. ווייזט, אַז דער וועג איז אויך אָפן פאַר דער קאָאָ־
פּעראַציע אין אַנדערע אַרבעט־צווייגן, ווי למשל: שלאָסעריי און אינ־
סטאַלאַציע, נאַכט־וועכטעריי און אינדוסטריע־באַדינונגען א.ד.ג., וואָס די
אינוועסטיציע צו אָרגאַניזירן זיי אין קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַנגט נישט קיין
גרויסע סומען און דער באַדאַרף פאַר אומזאַץ־און באַזירונג־קאַפּיטאַל איז
דאָרט נישט אַזוי דרינגענדיק. די מעגלעכקייטן אויף דעם געביט זענען אָפּ־
הענגיק, קודם־כל, אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער אַרום דער קאָאָפּעראַציע
און אין די פּאָזיטיווע באַציאונגען צו איר מצד די אַנשטאַלטן, מלוכהשע און
געזעלשאַפטלעכע.

פאַר דער צוקונפט

די מעגלעכקייטן פון אַלע צווייגן פון דער פּראָדוציר־און באַדינונג־קאָאָפּע־
ראַציע און זייער צוקונפט זענען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער
מאָראַלישער דערמוטיקונג און פון דער פּראַקטישער הילף פון דער הסתדרות
הכללית און פון די מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, דערמוטיקונג
און הילף, וואָס די קאָאָפּעראַציע איז עס ווערט. ווייל די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע
איז נישט נאָר אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער־פאַקטאָר אין דער זעלבשטענדי־
קער אַרבעטער־ווירטשאַפט פון הסתדרות און פון דער נאַציאָנאַלער־ווירט־

שאַפט, נאָר אַן ערנסטער הייב־קראַן אויסצופירן געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן אין דער מדינה. ישראל האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אַ ציל זיי אויסצופירן: אויספורעמען דאָס געשטאַלט פון אַ שעפעריש פאָלק, וואָס אין זיין צענטער שטייט אַ קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־געזעלשאַפט, וואָס באַזירט אויף דעמאָ־קראַטישע־און גלייכהייט־יסודות, פּערזענלעכע אחריות און קעגנזייטיקער הילף. אין דער אַרבעטער קאָאָפּעראַציע דערציט זיך פּאַקטיש דער מענטש אין ליכט פון אַדמיניסטראַטיווע דעמאָקראַטיע־פּרינציפּן, צו גלייכהייט פון פליכטן און רעכט, צו זיין פאַרנטוואָרטלעך פאַר ווירטשאַפט און פאַרמעגנס, זאָרגן פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט און קוואַליטעט, זיין זעלבשטענדיק און אַ שותף צוגלייך, מיטהעלפן און באַקומען הילף, אויספירן באמונה און מיט באַוווסטזיין דעם פּאָזיטיוון געבאָט פון יעדער פּערפעקטער מדינה און פאָר־שריטלעכער געזעלשאַפט: יעדער יחיד צווישן כלל, פאַרן כלל און דורכן כלל.

די דאָזיקע ווערטן באַמיט זיך די פּראָדוציר־און בדינונג־קאָאָפּעראַציע צו געבן די חברים פון די שוין פאַראַנענע קאָאָפּעראַטיוון און זי קאָנצענטרירט זיך לעצטנס מיט אַ גרעסערן פאַרנעם אויפן ציל צו געבן זיי אויך דעם יונגן דור אין ישראל. זייט צוויי יאָר לייגט דער קאָאָפּעראַציע־צענטער ספּעציעל אַכט און לייגט־אַריין אַ סך באַמיאונגען און מיטלען צוצוגרייטן און דערציען קאַדערן פון יוגנט צווישן חברים פון הסתדרות פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער און סטודענטן (דער יינגער דור פון הסתדרות העובדים), זיי זאָלן זיך אָנ־שליסן אין דער צוקונפט אָן די קאָאָפּעראַטיוון. די קאָאָפּעראַציע ווערטן באַנען זיך אַ וועג צו די הערצער פון דער יוגנט. די דערציערישע טעטיקייט, וואָס איז אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן, גיט שוין איר פּרוכט.

אין די רוב אָפּטיילונגען פון דער הסתדרות פאַר אַרבעטנדיקער און לערנ־דיקער יוגנט, אין אַלע ראַיאָנען פון לאַנד, זענען געגרינדעט געוואָרן באַזונ־דערע קרייזן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט שטודירן די קאָאָפּעראַציע, זיי באַזוכן די פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון און שפּאָרן געלט זיך איינצושאַפן חברים־אַקציעס ווען ס'וועט קומען די צייט. די דאָזיקע קערנער, ווען עס קומט זייער צייט צו מאָביליזירן זיך צום מיליטער, ווערן זיי אַריינגענומען אין ספּעציעלע פאָרמאַציעס פון אינדוסטריעלן נח״ל און גייען דורך צוזאַמען זייער מיליטער־דינסט אין אַ ספּעציעלן איבונג־לאַגער פון נח״ל און די בשותפותדיקע פּראַקטישע אַרבעט אין די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען פון דער קיבוצישער באַוועגונג. אין דער צייט פון זייער מיליטער־דינסט און זייער פאַכלעכער

אויסבילדונג, לערנען זיי און דערקענען די ענינים פון דער קאָאָפּעראַציע און קריסטאַליזירן אויך אויס זייערע פּלענער פאַר אָנצושליסן זיך, ווען זיי וועלן פאַרענדיקן זייער דינסט־צייט, אָן די שוין פאַראַנענע קאָאָפּעראַטיוון, אָדער אָן ניי־געגרינדעטע. אין יאָר 1964 האָבן זיך מאָביליזירט 5 קאָאָפּעראַטיוו־קערנער צום אינדוסטריעלן נח״ל; אין יאָר 1965 — נאָך 5 קערנער און אין יאָר 1966 — וועט זייער צאָל דערגייין צו — 10. דער קאָאָפּעראַציע־צענטער, בשותפות מיט די רעגירונגס־אַמטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם (די אַמטן פאַר פאַרזיכערונג, אַרבעט, אַנטוויקלונג, אינדוסטריע), צוזאַמען מיט די הסתדרות־אַנשטאַלטן, מאַכן שוין אַלע פאַרבערייטונגען אויפצונעמען די נחלאים, באַלד נאָכן באַפרייען זיך פון מיליטער, ווי חברים אין די שוין פאַראַנענע קאָאָפּעראַטיוו־אונטערנעמונגען אין די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען, דורך פאַרברייטערן די אונטערנעמונגען, און אויפשטעלן זייערע אייגענע אונטערנעמונגען אין נגב און אין גליל, אין איינקלאַנג מיט די אַנטוויקלונג־און אינדוסטריר־פּלענער פון דער רעגירונג, ווו עס וועלן די נחלאים אויפגענומען ווערן אין די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון.

אַט אַזוי, טראָגן די עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, וואָס זי מאַכט דורך, טראָגן די געזעלשאַפטלעכע שוואַכקייטן און די פעלערן, וואָס אַנטפּלעקן זיך ביי איר, זעצט־פאָר די פּראָדוציר־באַדינונג קאָאָפּעראַציע צו זיין אַ מאַגנעט פאַר דער ישראל אַרבעטער־באַוועגונג. טראָגן די קאָמפּליקאַציעס און ראַנגלענישןביים דערהאַלטן קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־און אַרבעט־ראַמען אין אַ נישט קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט און אין אַ דינאַמישער אַליין זיך בייטנדיקער געזעלשאַפטלעכע־עקאָנאָמישע־ווירקלעכקייט, גייט־אָן אין דער פּראָדוציר־און באַדינונג־קאָאָפּעראַציע דער געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ פון קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוציר־אונטערנעמונגען און עפנטלעכע באַדינונגען. די קאָאָפּעראַציע נעמט־אויף עליה און פאַרגרעסערט באַשעפטיקונג, דערציט צו גוטער בירגערשאַפט און צו עפנטלעכער אחריות; זי באַפרייט דעם אַרבעטער פון דראָאונג אויף אַרבעטלאָזיקייט און פּלאַנצט־איין אין אים דאָס געפיל פון סטאַביליזאַציע און סאָציאַלע־זיכערקייט, פאַרשטאַרקט די הסתדרות און בויט די אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ישראל.

ב. קאָנסום־קאָאָפּעראַציע

אויך די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע מיט אירע צוויי צווייגן („המשביר־המרכזי״ און די קאָנסומענטן פאַרבאַנדן), טראָגט די שוועריקייטן און ראַנגלענישן, וואָס באַגלייטן זיי, פאַרנעמט זי אַ בולטן פּלאַץ אין דער עקאָנאָמיע פון לאַנד, און דינט אַ געטרייען אָנלען פאַר די אַרבעטער און זייערע אַנשטאַלטן.

דער קאָאָפּעראַטיווער הורט־מסחר

דער „משביר־מרכזי״ — קאָאָפּעראַטיווער לאַנד־אַנשטאַלט פאַר הורט צו־שטעלונג (קאָנסומענטן פאַרבאַנדן, דיווירטשאַפטן פון קאָאָפּעראַטיווער לאַנדווירטשאַפט און אַנדערע אַנשטאַלטן), האָט זיך אַ וועגד געטאָן פון זייט דעם אויפקום פון דער מדינה אין אַ סך טעטיקייט־ריכטונגען און האָט אַריינ־געדרונגען אין אַלע שטעט און מושבות דורך עקאָנאָמישער הילף אויפצו־שטעלן דאָרט קאָנסום־פאַרבאַנדן, און דורך דירעקטיוון און הילף צו פאַר־איינען זייערע אָנשטרענגונגען און אויסבעסערן זייערע באַדינונגען לטובת דעם ברייטן ציבור. פאַר דעם צוועק איז געגרינדעט געוואָרן דער „משביר לצרכן״ — אַ ספּעציעלער קאָאָפּעראַטיווער אַנשטאַלט אויף צו צושטעלן קליידונג און שיך, מעבל, כלים און פאַרשידענע הויז־אַרטיקלען, אויסער דעם געביט פון שפּייז, וואָס איז פאַרבליבן אין די הענט פון די קאָנסום־פאַר־באַנדן.

דער הויפּט־ציל פון גרינדן דעם „המשביר לצרכן״ איז געווען, צו ווירקן אויף אַ שטענדיקער פאַרביליגערונג פון די פאַרשידענע אַרטיקלען און צוהעלפן דורך דעם דער מדינה צו סטאַביליזירן די פרייזן און אָפּהיטן דעם ווערט פון געלט, און אויך צוהעלפן אין געראַנגל קעגן די פאַרטייערונג־טענדענצן און אָנגעשוואָלענע רווחים אין פּריוואַטן מסחר. דער דאָזיקער צוועק האָט אַ באַזונדערע חשיבות צווישן די עולים־פּונקטן און אַנטוויקלונגס־שטעטלעך, ווו די באַפעלקערונג איז נאָך נישט דערגאַנגען צו עקאָנאָמישער סטאַביליזאַציע. דאָרט איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט צו צושטעלן שפּייז־אַרטיקלען און אַנדערע אַרטיקלען אויף ביליגערע פרייזן און מיט באַקוועמע באַדינונגען, כדי צו פאַרלייכטערן די איינוווינער זיך איינצוואָרצלען אין די ווין־פּלעצער זייערע. דער צוועק האָט אויך אַ גרויסע באַדייטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער זייט ביים אָרגאַניזירן און פאַראייניקן די איינוווינער

אַרום די שותפות־קאָנסומציעס, וואָס דערציען זייערע חברים צו אייגענע אַדמיניסטראַציע, צו מער אחריות פאַר אייגענע ענינים, צו אָפּשפּאָר און מיטאַרבעט.

פאַר די טעטיקייט־צוועקן אין די נייע ישובים איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער „משביר לעולה", וואָס זיין אויפגאַבע איז אויפצושטעלן ראַיאָן־קאָנ־סומציעס, דערמוטיקן אויפצושטעלן אָרטיקע קאָנסומציעס און צו העלפן זיי לייטן און איינאָרדנען זייערע ענינים.

די דינאַמישע אַנטוויקלונג פונעם „המשביר המרכזי" אויף די דאָזיקע געביטן, האָט מיט זיך געבראַכט אַ באַנייטע איניציאַטיוו אויסצוברייטערן די אייגענע פּראָדוקציע פאַר זיינע אייגענע באַדערפענישן און אַריינדרינגען אין פאַר־שידענע אינדוסטריע־צווייגן, און אַזוי־אַרום זיך צו באַפרייען פון דער אָפּ־הענגיקייט פון פּריוואַטע פּראָדוצענטן און פאַרמיטלער אינעם פּריוואַטן מאַרק. נישט ווייניקער פון דעם איז דאָ וויכטיק דאָס שטרעבן פון דער שותפות־קאָנסומציע צושטייער צו געבן איר טייל צום אָנשטרענג פון אינ־דוסטריע־אַנטוויקלונג און צו די קאָנסטרוקטיווע אינוועסטיציעס אין דער ווירטשאַפט פון דער מדינה, און אַזוי אַרום לטובת די אַרבעטער. צו דעם צוועק איז געגרינדעט געוואָרן דער „משביר לתעשיה", וואָס האָט אויפגעשטעלט אַנטוויקלטע ערנסטע אונטערנעמונגען אין פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגן: שפּייז־פעט, זייף, צוקער, טעקסטיל, שוכוואַרג, מעל־מילן, בעקעריי, קאָנ־סערוון, געטראַנקען א.ד.ג.

דער „משביר מרכזי" האַלט־אויף און אַנטוויקלט האַנדלס־אָפּטיילונגען (און קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אויף די געביטן פון צושטעלונג און האַנדל, וואָס זענען קאָנצענטרירט אין זיין האַנט), צווישן דער קאָאָפּעראַטיווער לאַנדווירטשאַפטלעכער התישבות און דער נעץ פון די קאָנסום־פאַרבאַנדן: אַן אָפּטיילונג פאַר פוטער אין די שטאַל־און שטייג־צווייגן; אַן אָפּטיילונג פאַר לעבנס־מיטלען; אַן אָפּטיילונג פאַר בוי־מאַטעריאַלן; אַן אָפּטיילונג פאַר קערנער; אַן אָפּטיילונג פאַר טעקסטיל; אַן אָפּטיילונג פאַר טעכנישע אויסאַרבייטונגען; אַן אָפּטיילונג פאַר כעמישער באַמיסטונג; אַן אָפּטיילונג פאַר פּאַפּיר־און שרייב־צוגאַבן; אַן אָפּטיילונג פאַר צעלניק; אַן אָפּטיילונג פאַר ווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אַרבעט־כלים; אַן אָפּטיילונג פאַר קיך־און הויז־כלים; אַן אָפּטיילונג פאַר ברענשטאָף; אַן אָפּטיילונג פאַר קיל־אַפּאַראַטן אין דער לאַנדווירטשאַפט; אַן אָפּטיילונג פאַר ים־איינריכטונגען און פישפאַנג;

אַן אָפּטיילונג פֿאַר ספּאָרט־צוגאָבן, און נאָך. דער אַלגעמיינער פּדיון פֿון די דאָזיקע אָפּטיילונגען, איז דערגאַנגען אין יאָר 1964 צו אַ סומע פֿון 258.5 מיליאָן ל״י, אַנטקעגן 212.6 מיליאָן אין יאָר 1963 (אַ וווקס פֿון 21%).

קאָאָפּעראַטיווע קאָנסומענטן פֿאַרבאַנדן

די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אויפֿן געביט פֿון איינצל־מסחר, האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז נישט נאָר זי דינט אַ פֿאַקטאָר פֿון דרוק אויף צו פֿאַרבילי־גערן און אַרונטערלאָזן די פּרייזן און אַלגעמיינעם מאַרק אין אַ קריזיס צייט און אין טייערונגען, נאָר זי איז אויך אַ פּערמאַנענטער און ממשותדיקער פֿאַקטאָר אויף צו פֿאַרבעסערן די דרכים פֿון פֿאַרמיטלונג און פֿאַרבעסערן די באַדינונגען פֿאַר די מאַסן פֿאַרברויכער.

אין די לעצטע יאָרן גייט־אָן די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע מיט מער כוח אויס־צופֿירן דעם פּלאַן צו מאָדערניזירן דעם קאָאָפּעראַטיוון מסחר, אין איינקלאַנג מיט די ענדערונגען אינעם פֿאַרברויך־ניוואָ און פּאַראַלעל מיט דעם טעכנישן כסדרדיקן פֿאָרשריט אין מסחר און אין די דרכים פֿון פֿאַרמיטלונג, פֿאַר־לאָזנדיק הדרגהדיק די אַלטע פֿאָרמען און סיטעמען. דאָס דריקט זיך בעיקר אויס אין: א) פֿאַרשטאַרקערן די צונויפֿשמעלץ־פּראָצעסן פֿון די קליינע קאָנסום־פֿאַרבאַנדן, וואָס האָבן געווירקט מיט פֿאַרעלטערטע און עפֿעקטיוו־לאָזע סיסטעמען, מיט די גרויסע פֿאַרבאַנדן, וואָס פֿאַרמאָגן גרויסע אַרטיקע־און ראַיאָן־פֿיליאַלן. ב) אויפֿשטעלן גרויסע און פּערפֿעקטע פֿאַרקויף־צענ־טערס, לויט דעם אַליין־באַדין סיסטעם („סופּערמאַרקן און פֿיליאַלן פֿון „המשביר לצרכן״), ליקווידירנדיק הדרגהדיק קליינע און נישט־רענטאַבילע פֿיליאַלן. ג) אַן אייגענע אינטענסיווע פּרייזן־פּאָליטיק.

די הסתדרות־נעץ פֿון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, האָט געציילט אין סוף 1964 העכער 40 קאָנסום־פֿאַרבאַנדן מיט 280 פֿיליאַלן אין 85 ישובים.* די פֿיליאַלן האַלטן־אָן: 185 „סופּערמאַרקעטס״ און געשעפֿטן לויט דעם ״אַליין־באַדין״ סיסטעם (פֿון זיי 10, וואָס האָבן זיך געעפֿנט אין 1964), אויף אַן

---

* די דאָזיקע ציפֿערן שליסן נישט איין די צרכניות אין די מושבי־עובדים און מושבי־עולים (ביי אַ 30), וואָס זענען נישט אַנגעשלאָסן אין הסתדרות־פֿאַרבאַנד פֿון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע.

אַלגעמיינעם שטח פון 5,600 קוו״מ און מיט אַן אינוועסטיציע פון 3,6 מיליאָן ל״י; 15 פאַרבאַנדן פון „המשביר לצרכן״; 2 קאָאָפּעראַטיוו־בעקערייען; אַן איינקויף־אָרגאַניזאַציע פאַר די אַרטיקלען פון דעם לאַנדווירטשאַפט־צווייג פון די פאַרברויך־פאַרבאַנדן אין די מושבות; 77 צרכניות, וואָס גייען נאָך אָן מיט אַ געוועגלעכן באַדין־פאָרעם. די צאָל סטאַבילע קונדן, וואָס זענען פאַרבינדן מיט די אויבן דערמאָנטע אַנשטאַלטן פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, ווערט אָפּגעשעצט אויף 200 טויזנט משפחות (אין די שטעט און שטאָטישע קוואַרטאַלן, אין די מושבות און אין די קליטה־און אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען), וואָס בילדן צוזאַמען ביי אַ דריי־פערטל מיליאָן נפשות.

דער פדיון פון דער אויבן דערמאָנטער נעץ פאַרסך־הכלט זיך (אין יאָר 1964) אין אַ סכום פון 136,4 ל״י (אַ וווּקס פון 17% אַנטקעגן דעם פדיון אין 1963, וואָס שטאַמט בעיקר פון פאַרטיפערן דעם פדיון און צאָגאָב פון נייע קאָנסום־קרייזן). אויב צו נעמען אין חשבון, אַז דער טייערונג־אינדעקס פון לעבנסמיטל איז געשטיגן אין יאָר 1964 אויף 4—5 פּראָצענט, איז דאָך דער רעאַלער וווּקס פונעם פדיון אין דער נעץ פון די קאָנסום־פאַרבאַנדן געשטיגן ביז צו אַ 12—13 פּראָצענט. די גרויסע מאָס ביים פדיון (35 פּראָצענט איז געווען אין די קליטה־און אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען, ווו די פאַרבאַנדן בילדן דאָרט אַ רעגולירר־פאַקטאָר אין אַרטיקן מסחר) שטאַמט בעיקר פון לעבנסמיטל־צווייג, וואָס אין אים ווערט ספּעציעל באַטאָנט די פאַרברייטונג־טעטיקייט פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע.

די ווערט פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן האַנדל איז, ביי אַ 25 פּראָצענט, אַנטקעגן 2—3 פּראָצענט אין אָנפאַנג עקזיסטענץ פון דער מדינה. די ווערט פון לעבנסמיטל־צווייג ביים אַלגעמיינעם פדיון און די נעץ פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע דערגרייט צו 50 פּראָצענט און פון דעם גרינצייג־און פירות־צווייג צו 20 פּראָצענט. דער צווייג, וואָס איז פאַרהעלטנסמעסיק ניי, איז דער פלייש־צווייג (פריש פלייש, געפרוירן פלייש, לעבעדיקע עופות, פאַרפרוירענע א.א.וו.) — אָבער בלויז יענע פאַרבאַנדן, וואָס האַלטן־אָן אַן „אַליין־באַדינונג״ און „סופּערמאַרקעטס״ קענען זיך באַשעפטיקן מיט דעם אין גרויסע מאָסשטאַבן.

דאָס אויפשטעלן גרויסע מאָדערנע פאַרקויף־צענטערן, וואָס איז באַגלייט מיט ליקווידירן קליינע און עפעקטיוולאָזע פיליאַלן, און וואָס דערמעגלעכט אַן אינטענסיווע פרייזן־פּאָליטיק — גיט שוין אירע פּאָזיטיווע צייכנס. מיטן

פאַרברייטערן די ראַם און דעם געשעפטס טעטיקייט־פאַרנעם פון דער קאָנ־סום־פאַרבאַנדן נעץ, פאַרגרעסערן זיך אַלץ מער די דערגרייכונגען פון דער פאַרבּרויך־קאָאָפּעראַציע פונעם אַספּעקט צו געבן די פאַרבּרויכער וויכטיקע פאַרטיילן: אויפהייבן דעם באַדינונגס־ניוואָ אין די גרויסע פאַרקויף־צענ־טערס; סטאַביליזירן און קאָנטיק פאַרביליגערן די פּרייזן לטובת דעם פאַר־ברויכער, אין ראַם פון וועכנטלעכע־און סעזאָן־פאַרביליגערונגען; אויפהייבן די קוואַליטעט פון די אַרטיקלען און זייער נערונגס־ווערט.

ווי געזאָגט, האָט די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע באַשטימט פאַר זיך, ווי איינע פון די הויפּט־צילן אירע, צו דערהאַלטן אַן אייגענע אינטענסיווע פּרייזן־פּאָלי־טיק, און מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז דער דאָזיקער ציל איז אין אַ גרויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן. איינער פון די באַלערנדיקסטע באַווייזן אויף דעם איז דער פאַקט, אַז דער פּדיון געפינט זיך אין אַ פּערמינערטער שטייגערונג אין אַ מאָס, וואָס גייט אַרויס פון די אַנגענומענע קאָנטיגענטן אין דער באַ־וועגונג פון קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין אַנדערע לענדער. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין פאַרשידענע פאָרמען, זי איז די הויפּט־סיבה פאַר דעם, אַז טראַצדעם וואָס עס געפינען זיך אין די הענט פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, בלויז 25 פּראָצענט פונעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן האַנדל, איז זי אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר ביים באַשטימען די פּרייזן פון דעם רוב לעבנסוויכטיקע אַרטיקלען פון דעם שפּייז־צווייג אין לאַנד, וואָס ווערן פאַרקויפט אין פּריוואַטן האַנדל. מיט דעם פּילט זי אויס אַ מלוכהשע זייער וויכטיקע אויפגאַבע, צו שטיין ביי דער זייט פון דער רעגירונג אין אירע אַנשטרענגונגען צו צוימען און האַמעווען דער־שיינונגען פון נישט באַרעכטיקטער יקרות און פּרייזן־איבערטרייבונג.

די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע האָט שוין כמעט אינגאַנצן פאַרלאָזט דעם סיסטעם, וואָס איז זייער אָנגענומען געווען אין לאַנד — דער פאַרקויף אויף קרעדיט, און זי גייט־איבער כמעט אין אַ פולן פאַרנעם בלויז צום פאַרקויף אין מזו־מנים. דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ביישטייער צו צוימען אינפלאַציע־טענדענצן אין דער ווירטשאַפט פון דער מדינה, פאַרפאַמעלעכן דעם באַדאַרף און אַרויפצוברענגען דעם האַנדל צו אַ העכערער מדרגה און אָפּהיטן די אָנשטענדיקייט.

די פינאַנס־פּאָליטיק פון דער קאָנסום־באַוועגונג ווערט אין די לעצטע יאָרן געפירט אויף אַ צענטראַלן אופן דורך דעם צענטראַלן קאָאָפּעראַציע־

פאַרבאַנד, סיי ביי באַקומען פינאַנסן־מקורות און משא־ומתן מיט רעגירונג־ און הסתדרות־פאַקטאָרן, און סיי ביים אָנווענדן די אינוועסטיציען אין דער נעץ פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע. אַ דאַנק דעם דאָזיקן צענטראַליזם שטייען היינט־צו־טאָג אין רשות פון דער באַוועגונג סטאַבילע און דירעקטירטע פינאַנסירונגס־מיטלען, און דער פאָנד פאַר קאָנסום־קאָאָפּעראַציע שטייט ווייטער אין רשות פון דער באַוועגונג צו פינאַנסירן אירע טעטיקייטן.

דער דריי־יאָריקער אַנטוויקלונגס־פּלאַן (1964—1966) פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין סוכם פון 55 מיליאָן ל״י נעמט־אַרום דאָס אויפשטעלן נייע 20 פיליאַלן פון „אַליין־באַדינונג״ און „סופּערמאַרקעטס״ און נאָך 10 פיליאַלן פון „המשביר לצרכן״ (דער רוב אין די קליטה־און אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען). די הויפּט־מקורות פון פינאַנסן, וואָס שטייען צום רשות פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אויסצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן — חוץ די אייגענע מיטלען פון דער באַוועגונג — זענען: אַ פינאַנס־פּלאַן פון דער „חברת עובדים״ און פונעם האַנדל־און אינדוסטריע־מיניסטעריום;

די אויספירונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן, וועט נישט נאָר דינען דעם צוועק פון שאַפן איבעריקע מעגלעכקייטן צו קאָנצענטרירן פינאַנסן פון אייגענע מקורות, נאָר וועט ווערן אין אַ געוויסער מאָס אַן אויפן צו לייזן די געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען אין די קאָנסום־פאַרבאַנדן. צוליב די סטרוקטורעלע ענדערונגען, וואָס זענען פאַרגעקומען אין דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, מיט דעם צוזאַמענשמעלץ פון קליינע פאַרבאַנדן אין „איין גרויסן פאַרבאַנד״ און מיטן אַריבערגיין צום סיסטעם פון „אַליין באַדינונג״ און גרויסע קאָאָפּעראַ־טיווע „סופּערמאַרקעטס״, האָט זיך געשאַפן אַ געאָגראַפישער און זעליש־געזעלשאַפטלעכער מרחק צווישן דעם חבר און דעם פאַרבאַנד. דאָס רופט אַרויס גלייכגילט מצד די חברים צום מצב פון די ענינים אין זייער פאַר־באַנד, שוואַכט אָפּ דעם אינטערעס אין דער קאָנסום־באַוועגונג און ברענגט צו אַ מסוכנדיקן אָפּלאָז פון דער פאַרבינדונג צווישן די חברים און די מאַסן קונים און צווישן דעם געדאַנק און טאַט פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע. כדי צו געפינען אַ באַפרידיקנדיקע לייזונג פאַר די געזעלשאַפטלעכע פּראָב־לעמען אין דער באַוועגונג פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, איז צוזאַמענ־געשטעלט געוואָרן דורך דער דירעקציע פון דעם פאַרבאַנד פאַר קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אַ קאָמיסיע, וואָס איר אויפגאַבע איז צו קאָנטראָלירן די גע־זעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, וואָס שטאַמען פון די ענדערונגען, וואָס זענען פאַר־געקומען אין דער ווירטשאַפט־טעטיקייט פון די קאָנסום־פאַרבאַנדן און

ממליץ זיין אויף נייע טעטיקייטס־דרכים, וואָס זאָלן זיך צוזאַמענגיסן מיט דער אויבן דערמאָנטערווירטשאַפט־טעטיקייט. די קאָמיסיע איז אַן אָנאָפּ־הענגיקע, צוזאַמענגעשטעלט פון מענטשן, וואָס זענען נישט פאַרמישט אין די טאָג־טעגלעכע ענינים פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, און אין איר שפּיץ שטייט אַ חבר פון דער הסתדרותישער קאָנצענטריר־קאָמיסיע.

די קאָנסום־באַוועגונג אין לאַנד באַטייליקט זיך דורך דעם פאַרבאַנד פון פאַרברויך־קאָאָפּעראַציע אינעם „ראַט פון שוץ פאַרן פאַרברויכער", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער קאָנצענטריר־קאָמיסיע פון הסתדרות.

כדי צו פאַרברייטערן די געזעלשאַפט־באַזע פון דער קאָנסום־פאַרבאַנדן די־רעקציע און הייבן זייער ניוואָ פונעם אַספּעקט פון דער קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונג — זענען אויסגעפּירט געוואָרן ענדערונגען אין צוזאַמענשטעל פון די אָרטיקע פאַרבאַנדן דירעקציעס אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פון דער הסתדרות. די דאָזיקע ענדערונגען באַשטימען, אַז פאַרשטייער פון אָרטיקע מועצות־הפּועלים און אַרבעטער פאַרשטייער אין די פאַרבאַנדן — זאָלן צוגע־צויגן ווערן צו די געוויילטע דירעקציעס פון די אָרטיקע־פאַרבאַנדן, און אויך באַשטימען די דאָזיקע ענדערונגען, אַז די פאַרשטייער פונעם פאַרבאַנד פאַר דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין דער דירעקציע פון די אָרטיקע פאַרבאַנדן זאָלן מיטבאַטייליקט ווערן אין ספּעציעלע רעכט.

די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין ישראל, פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן אופן, אין פאַרגלייך צו ענלעכע באַוועגונגען אויף דער גאָרער וועלט — דער אויפן פון בשותפותדיקער טעטיקייט מיט דער הסתדרות העובדים, אַן אופן וואָס פאַר־פליכטעט געטריישאַפט לגבי די אַרבעטער און די פאָלקס־מאַסן, פאַר זייער טובה וועגן און פאַר דער טובה פון דער מדינה, אין וועלכער זיי בילדן דעם רוב.

די קאָאָפּעראַציע און די הסתדרות

ווען אַפילו ס'איז נישט פאַראַן קיין אָרגאַנישער קאָנטאַקט, פונעם ווירט־שאַפט־עקאָנאָמישן אַספּעקט, צווישן דער פּראָדוציר־באַדינונג קאָאָפּעראַציע און דער פאַרברויך־קאָאָפּעראַציע, געפינען זיך דאָך ביידע באַוועגונגען אונטער איין דאַך פון דער הסתדרות אויפן ווירטשאַפט־עקאָנאָמישן געביט

אירן — דער געביט פון אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט, וואָס בויט די אַרבעטער־געזעלשאַפט. ביידע באַוועגונגען זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער הסתדרות, זי באַגלייט זייערע טעטיקייטן און זייער אַנטוויקלונג, זי איז די וואָס דערציט און פירט זיי אַנטקעגן דער צוקונפט.

ס׳איז בלויז נאַטירלעך, אַז אין לעבן פון די דאָזיקע צוויי קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונגען, איז בולט די טיפע באַציאונג און קלאָרע קאָנפּראָנטאַציע מיט די אַרבעטער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין דער אַלגעמיינער הסתדרות־ראַם. „די אַרבעטער־געזעלשאַפט״ פון דער הסתדרות — די געזעלשאַפט, וואָס קאָנצענטרירט דעם אויפזיכט און דאָס אַרומגיין אַרום דער אַרבעטער־ווירטשאַפט מיט אירע אַלע פאָרמען — זי איז אַליין פאַרשריבן לויטן געזעץ אַלס אַ צענטראַל קאָאָפּעראַטיוו־פאַרבאַנד פון די אַרבעטער־חברים אין דער הס־תדרות און קאָנצענטרירט אַרום זיך ביי אַ 80% פון די חברים אין דער קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונג פון לאַנד. אין דער דאָזיקער פאָרם איז די קאָאָפּע־ראַציע געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר ווי אַ ווירטשאַפט־פליגל פון הסתדרות, צוזאַמען מיט די אַנדערע ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען פון הסתדרות („אַרבעטער־געזעלשאַפט״), ווי למשל: „סולל־בונה״, „כור״, באַנק הפועלים, „הסנה״, „תנובה״, „יכין־חק״ל״ א.א.וו. די קאָאָפּעראַציע אין ישראל, זייענדיק אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג, שפּאַרט זיך נישט אָן בלויז אויף דער שטאַרקער אונטערשטיצונג פון הסתדרות און אויפן גורל־שותפות מיט זיי לגבי אירע דערגרייכונגען, אירע פּראָבלעמען און איר צוקונפט, נאָר יעדער געביט אין דער קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונג איז אָנגעלענט אויף דער אונטערשטיצונג פון עפנטלעכע־קרייזן און געזעלשאַפטלעכע־פאַקטאָרן, וואָס זענען אין אים דעם פאַרווירקלעכונגס־וועג לגבי זיי.

די קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונג אין ישראל, פון איר אָנהייב־אָן ביז היינט, האָט אויסגעפירט צוויי גרויסע אויפגאַבן: א) שאַפן געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפט־לעכע אינסטרומענטן צו פאַרזיכערן די זעלבסט־עקזיסטענץ פונעם אַרבע־טער־כלל אין לאַנד; ב) אַ פּערמאַנענטע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע קליטה פון די נייע עולים — אין דער באַשעפטיקונג, אין דער פאַך־און געזעלשאַפטלעכער־אויסבילדונג. דאָס דערפילן די דאָזיקע צוויי אויפגאַבן האָט אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערן סטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן ישוב אין לאַנד, ווי אַ ישוב, וואָס איז געבויט אויף אַרבעט און אייגע־נער אָנפירערשאַפט און קעגנזייטיקער פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זיין רוקנביין איז אַן אָרגאַניזירטע און באַוווסטזיניקע אַרבעטער־געזעל־

שאַפט. אַזאַ אַרבעטער־געזעלשאַפט איז דער מענטשלעכער אויסטראָגער פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און זי איז די, וואָס פאַרזיכערט מער ווי יעדער אַנדערער פאַקטאָר אין דער ישראל־געזעלשאַפט די קליטה און די עליה, מאָביליזירנדיק אַלע אירע עקאָנאָמישע באַמיאונגען און די געזעלשאַפטלעכע גרייטקייט. דורך דעם האָט די אַרבעטער־געזעלשאַפט דעם עקאָנאָמישן־און געזעלשאַפטלעכן־יסוד פאַר דערווירטשאַפט פון דער מדינה און איר פעאיקייט בייצושטיין די שווערע ניסיונות, פאַר וועלכע זי איז געשטאַנען פון זייט די מדינה איז אויפגעקומען, און שטייט נאָך פאַר זיי עד היום. די קאָאָפּעראַציע ווי אַ געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער שאַפונגס־אופן, איז געווען די, וואָס האָט געפירט די אַרבעטער־געזעלשאַפט אין לאַנד, מער ווי יעדע אַנדערע שאַ־פונגס־פאָרם אויפן געביט פון אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט, צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שטרעבונג פון דער זעלב־שטענדיקער קאָאָפּעראַטיווער און פרייער אַרבעטער־געזעלשאַפט, וואָס גיט דעם מענטש די שליטה איבער זיין גורל און איבער די פּראָדוקציע־מיטלען, וואָס איז זיין באַזיץ, פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט.

פֿאָרויסגייער

משה העס

פראַגמענט פון „רוים און ירושלים"

אין אַנהייב פון די פאַרשיכורטע טעג אין דער תקופה פון די השכלה־שטרעבונגען איז אפשר נאָך מעגלעך געווען די אילוזיע, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט פאַרלאָזן די נאַציאָנאַלע טראַדיציע זיינע צוליבן אַלגעמיינעם הומאַניסטישן שטראָם, אין וועלכן דאָס יידנטום איז כביכול פאַראורטיילט זיך אויסצומישן, ביז צום פאַרלירן זיין אייגנאַרטיקייט. היינט קען אַפילו נישט דער פלאַכסטער קאָפּ פלעגן אַזאַ אילוזיע פון מתקן זיין די מענטשהייט. ווייל עס פעלט דער טיפער אַריינדרונג אינעם לעבן פון דער נאַטור און פון דער היסטאָריע, איז געקומען די נאַטור־באַוועגונג צווישן היינטצייטיקן יידנטום און האָט געזאָרגט צו עפענען די אויגן פון די ראַציאָנאַליסטן; ווייל אַפילו אין מערב, דאָרט וווּ די יידן זענען פאַרבונדן דורך טויזנטער פעדעם מיט דער אַלגעמיינער קולטור און זיי קומען אוממיטלבאַר מיט איר אין באַרירונג, האָט די השכלה נישט געקענט צו נישט מאַכן דעם קיום פון דער יידישער רעליגיע און טראַדיציע. דער גרעסטער טייל פון די מערב־יידן זענען פאַר־בליבן געטריי עד היום די געבאָטן פון דער רעליגיע און אירע געזעצן. נישט די עמאַנציפּאַציע און נישט דאָס פּרעדיקן צו שמד פון די נוצרישע גלחים, וואָס שטיצן זיך אויף פאַקטאָרן פון מאַטעריעלן געניוס פון איין זייט און רעליגיעזן גלייכגילט פון דער צווייטער זייט, האָבן געקענט דאָ באַוועגן דעם רוב פון יידישן פאָלק צו פאַרלאָזן די רעליגיע פון די אבות. און אדרבא, אין דער לעצטער צייט זעען מיר, אַז אַפילו צווישן די, וואָס האָבן קודם געזען אין פאַרלאָזן דאָס יידנטום אַ הומאַניסטישן אידעאַל, דערשיינען נטיות צו אַ טראַדיציאָנעל יידיש לעבן און די נטיות ווערן אַלץ מער פון טאָג צו טאָג.

און בנוגע די מאַסן פון יידישן פאָלק, די פשוטע יידן, האָט דאָך קיינמאָל נישט געהאַט, און ס'וועט קיינמאָל נישט האָבן, די צופּאַסונג־און צואייגענונגס־טענדענץ אויף זיי קיין השפעה. אין קיין שום אָרט ווערן נישט די מאַסן געשטופּט צו דעם פאַרשריט דורך אַבסטראַקט־באַגריפן, ווייל איר טרייב־כוח איז פאַרהוילן און אַ סך מער טיפער, ווי עס האָבן געדענקט אַפילו די סאָציאַ־ליסטישע רעוואָלוציאָנערן. און ביי יידן — מיט נאָך אַ גרעסער מאָס ווי ביי

יענע אומות־העולם, וואָס זענען אונטערדריקט אין זייער אייגן לאַנד און אויף זייער אייגענעם באָדן — איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט, אַז די נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט זאָל קומען פריער פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן־פּאָליטישן פאָרשריט. בשותפותדיקע פּאָטערלענדישע־ערד איז דאָך פאַר זיי דער ערש־טער באַדינג אין די נאָרמאַלע אַרבעטס־באַדינגונגען.

דער געזעלשאַפטלעכער מענטש, אַזוי אויך די באַשעפענישן און געוויקסן, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע געשלעכטן, נויטיקט זיך אין אַ ברייט און פריי פעלד פאַר וווקס און פאַר געבן פרוכט, און האָט ער נישט אַזאַ מין באָדן זינקט ער און דערגייט צו אַ מדרגה פון אַ פּאַראַזיט, וואָס זויגט און שפּייזט זיך נאָר אויפן חשבון פון אַנדערע. דער וועג פון דעם דאָזיקן פּאַראַזיטיזם, זיך מפרנס זיין פון אויסנוצן דעם צווייטן, האָט טאַקע אויסגעשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער מענטשהייט ביז איצט און איז כלל נישט די ספּעציפישע אייגנשאַפט בלויז פון יידן. כל זמן די וויסנשאַפט און די אינדוסטריע זענען געווען אין די וויקעלעך, איז קיינמאָל נישט גע־נוג געווען די ערד, וואָס איינע פון די פעלקער האָט זיך פאַרשאַפן, כדי מפרנס צו זיין אויף אַ לאַנגער צייט אירע איינוווינער; און די פעלקער זענען געווען געצוווּנגען צו קעמפן צווישן זיך און אונטערדריקן איינער דעם צווייטן ווי קנעכט, אָדער אַרויסצוברענגען פון זיך אַליין קלאַסן פון הערשער און קלאַסן פון קנעכט. אָבער דאָס געזעלשאַפטלעכע קינגרייך, וואָס האָט עקזיס־טירט אויפן אויסנוצן איינער דעם צווייטן, האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף פון זייט ס׳האָט גענומען הערשן די מאָדערנע וויסנשאַפט און אינדוסטריע אויף דער וועלט. די קולטור־פעלקער גרייטן זיך צוזאַמען אויסצונוצן די נאַטור, דורך אַרבעט, וואָס באַזירט אויף די דערגרייכונגען פון דער וויסנ־שאַפט, וואָס נויטיקט זיך נישט מער אין די פאַרמיטלונגס־פּאַראַזיטן און וועט זיי מער נישט דערלויבן אויפצוקומען. זיי גרייטן זיך צו דער דאָזיקער בייער תקופה דורך דעראָבערן מיט מלחמה־שווּנג פרייען נאַציאָנאַלן באָדן, דורך אָפּשאַפן יעדע ראַסן־הערשאַפט און קלאַסן־הערשאַפט, דורך פרייען אָרגאַ־ניזירן אַלע שעפערישע כוחות, וואָס וועלן אָפּשאַפן פון דער וועלט די שנאה צווישן דער ספּעקולאַציע פון קאַפּיטאַליסט און צווישן דער פּראָדוקטיווער אַרבעט פון דער פילאָזאָפישער סטודיע און פּראַקטישער אַרבעט.

איך וויים זייער גוט, אַז אויך ביים יידנטום פילט זיך אַ טיפער באַדאַרף פון געזונטע אַרבעטס־באַציאונגען, וואָס באַזירן אויף אויסנוצן די נאַטור דורכן מענטש; איך וויים פון די גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס זענען געמאַכט

געוואָרן צו דערציען דעם יידישן יינגן דור אויף צו זיין עפעקטיווע אַרבעטס־מענטשן. אָבער איך ווייס אויך, אַז די יידן אין גלות, על כל פנים דער גרעסטער טייל, וועלן זיך קיינמאָל נישט קענען אָפּגעבן צו אַזעלכע אַרבעטן, ווייל עס פעלט זיי דער ערשטער באַדינג צו דעם — פאָטערלאַנד־באָדן, און ווייל זיי קענען זיך נישט אויסמישן מיט די גויים, צווישן וועלכע זיי זענען פונאַנדערגעשפּרייט, נישט צו פאַראַטן זייער נאַציאָנאַלע רעליגיע, דעריבער זענען די דאָזיקע שיינע אָנשטרענגונגען, צו שאַפן געזונטערע אַרבעטס־באַדינגונגען צווישן די יידן, פאַראורטיילט צו בלייבן אומזיסטע אָנשטרענגונ־גען, ווייל אומדירעקט פירן זיי צום חורבן פון דער יידישער טראַדיציע, ממש ווי עס וועלן בלייבן די רעפאָרמע־אָנשטרענגונגען, וואָס פירן דירעקט צום חורבן פון דער טראַדיציע.

אין גלות קען זיך דאָס יידנטום נישט באַנייען, און דורך רעפאָרמעס און פילאַנטראָפּישע באַמיאונגען קען מען עס אַמהעכסטנס שטופּן צו שמד, און דאָס וועט נישט געלונגען קיין שום אויסבעסערער און קיין שום הערשער. די יידישע מאַסן וועלן קענען נעמען אַן אָנטייל אין דער גרויסער היסטאָ־רישער באַוועגונג פון דער מאָדערנער מענטשהייט נאָר דעמאָלט ווען זיי וועלן האָבן אַ יידיש פאָטערלאַנד.

ב. באָראָכאָוו

אַ פאָלק אָן באָדן

אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט נישט קיין באָדן, וואָס איז באַרויבט פון אייגענע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, פון אַן אייגענע עקאָנאָמישע באַזע, וואָס איז אַריינגעדרייט געוואָרן אין פרעמדע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס זענען שוין אויסגעפורעמט געוואָרן, שטעלט מיט זיך בהכרח פאָר אַ באַזונדערן אָפּגעזונדערטן קיבוץ, וואָס מען דערלאָזט אים נישט דערנענטערן זיך צו דער הויפּט־באַפעלקערונג. אים רינגלט אַרום פון אַלע זייטן די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ, און זייענדיק נישט פעאיק פאַר קאַמף, אומבאַהאָלפן, אָן אַן עקאָנאָמישער באַזע, וואָס עֶר זאָל זיך אויף איר קענען אָנלייגען, איז ער אויסגעשטעלט צו אַ פאַרשטאַרקטער דיסקרימינאַציע. דער פויל־גייסט פון דער קאָנקורענץ דרינגט־אַריין אומעטום, סיי צווישן די קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען גרייט איינצושלינגען איינער דעם צווייטן, און אַפילו צווישן די אַרבעטער, וואָס באַמיען זיך צו האַלטן אויף אַ געוויסן אופן, נישט אויסצוגיין פון הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט. דער וווּקס פון די רעזערוויסטן און די פאַרשטאַרקטע קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער טוען זייערס: שטופּן אָפּ די יידישע אַרבעט פון דער גרויס־אינדוסטריע און האַלטן זי איין אין די הינטערשטעלנדיקע פאָרמען פון דער קליין־פּראָדוקציע.

(ס׳וואָרט פון יידישע אַרבעטער)

די מקורות פון שנאת ישראל

מיר זענען פרעמדע, און מיר פאַרמאָגן נישט אין קיין שום פלאַץ קיין סאָציאַלן־כוח, וואָס זאָל אונדז מאַכן פאַר די הערשער איבער דער לאַגע; מיר זענען אָפּגעריסן פון באַרירונג מיט דער נאַטור, און מיר פאַרמאָגן נישט קיין אייגענע לאַנדווירטשאַפט — דאָס אַלץ מאַכט אונדז פאַר שוידערלעך אויסגעוואָרצלטע; אונדז׳ער היסטאָריע שאַפט זיך נישט און האָט זיך קיינמאָל נישט געשאַפן דורך אונדז אַליין, פון תמיד אָן איז אונדזער גורל אָפּהענגיק געווען אין די אויסער־באַציאונגען; און צי קען דער פּראָגרעס אין גלות אונדז אויסלייזן פון דער דאָזיקער לאַגע, וואָס איז אומזיכער און הענגט אין

דער לופֿט? כּל זמן שׂנאת־ישׂראל, דאָס האָסן אונדז, ווייל מיר זענען פֿרעמדע, וועט ווייטער אָנגיין, וועט אונדז דער פּראָגרעס נאָר מאַכן מער פּילבאַר, לייכטער אָנגעגריפֿן צו ווערן, און לויטן סוביעקטיוון צושטאַנד וועט אַלץ שלעכטער און שלעכטער ווערן די שווערע לאַגע, נישט צו דערטראָגן זי. אָבער שׂנאת־ישׂראל וועט נישט אויפֿהערן, נאָר דורך אַ מין געזעלשאַפֿטלעכע דאָמינירנדיקע איבערקערעניש, אָדער אויף אַן אופֿן פֿון סוקסעסיווער אַטראָפֿיע. אַ סך אָפּטימיסטן זענען פֿאַראַן, וואָס האַלטן, אַז דער מקור פֿון שׂנאת־ישׂראל ליגט אין די עקאָנאָמישע כּוחות פֿון היינט, און ווען עס וועט פֿאָרקומען אַ גרונטאָווע רעפֿאָרמע אין דעם עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפֿט־לעכן־רעזשים וועט אויך פֿאַרשווינדן שׂנאת־ישׂראל ווי דער פּראָדוקט פֿון דעם דאָזיקן רעזשים.

וואָלטן מיר זיך אָווּעקגעלאָזט אין אַ זייט און זיך געווענדעט צו די יסוד־פּרינציפּן פֿון דער פּולער ציוניסטישער טעאָריע, וואָלט מעגלעך געווען צו באַווייזן, ערשטנס, אַז שׂנאת־ישׂראל — איז נישט קיין דערשיינונג פֿון עקאָ־נאָמישן מין, נאָר פֿון סאָציאַלן־פּסיכאָלאָגישן מין, וואָס דער מקור אירער שטעקט אין געוויסע כּוחות, וואָס ווירקן ווי אַ בויטווענדיקייט אין יעדער געזעלשאַפֿט; צווייטנס, אַז מען נוצט נישט אויס די יידן, און אַז נישט דאָס אויסגעטראַכטע אויסנוצן זייערס דערוועקט די שׂנאה צו זיך, און אפֿילו די קאָנקורענץ קען נישט זיין קיין תּירוץ פֿאַר אַנטישמיטיזם, וואָס באַווייזט זיך זייער אָפֿט אין גאָר אכזריותדיקע פֿאָרמען צווישן יענע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן, וואָס לויט זייער לאַגע קענען זיי נישט קאָנקורירן מיט יידן, ווי למשל פּויערים, אַרבעטער און רעגירונגס־באַאַמטע; אויך די נאַציאָנאַלע קאָנקו־רענץ קאָן דאָ נישט דינען ווי אַ תּירוץ, ווייל יידן פֿאַרמאָגן נישט קיין באָדן פֿאַר אַזאַ קאָנקורענץ; דריטנס, אַז די דאָמינירנדיקע ענדערונגען אין געזעל־שאַפֿטלעכן רעזשים באַרירן דירעקט בלויז די יורידישע אַנשטאַלטן, און נישט די געפֿילן פֿון מענטש, וואָס שׂנאת־ישׂראל איז איינע פֿון זיי, און געפֿילן, וואָס מיט דער איבערקערעניש וועלן ווערן פֿון זיי אָווּעקגענומען די יורידישע פֿאָרמען אין וועלכע זיי זענען פֿריער געקומען צום אויסדרוק, וועלן זיי זיך שאַפֿן נייע פֿאָרמען פֿאַר זייער באַפֿרידיקונג; פֿערטנס, אַז די דאָזיקע סאָ־ציאַלע איבערקערעניש, אויף וועלכער עס האָפֿן די אָפּטימיסטן, וועט זיך נישט אַזוי איילן צו קומען, ווען אַפֿילו זי וועט קומען. און צום סוף, אַז שׂנאת־ישׂראל, ווי אַ געפֿיל, וואָס הענגט נישט אָפּ אין קיין שום זאַך, ווי אַ סתּם ווייזיע, ס׳הייסט, אַ ווייזיע, אַז מיר זאָלן זיך באַפֿרייען פֿון כּל מיני תּירוצים און באַגרינדונגען, וואָס איז באַקאַנט ווי שׂנאה סתּם פֿאַר זיך, שׂנאה צום

ז׳יד, ווייל ער איז אַ ז׳יד, וועט קענען פאַרשווינדן בלויז אין פּראָצעס פון אַ שטילע אָנגייענדיקע סאָציאַלע אַנטוויקלונג, און וועט אויסגיין פון מאַנגל יניקה, ווייל תירוצים פאַר דעם וועלן זיך געפינען אַלץ זעלטענער און זעלטענער אויף וויפל די געזעלשאַפט וועט מאַכן פאָרשריט.

היוצא מדברינו, אַז מיר וועלן דאַרפן צו וואַרטן אַ סך צייט אויף דער ישועה, אַזאַ לאַנגע צייט, אַז במשך דער צייט וועט מען קענען אויפשטעלן אַ פּאָר יידישע מדינות... „און ביז ס׳וועט קומען די נחמה וועט אַרויס די נשמה”. כאָטש נאָך אַ ביסל וועלן מיר אינגאַנצן זיין איבעריק און ס׳וועט אויסגיין דער זאַפּאַס מיט וועלכן מיר עקזיסטירן דערווייל. פון דער צווייטער זייט, איז עס קיין סוד נישט, אַז אין יענע לענדער ווו מען לאָזט אונדז נאָך אַריינעמיגרירן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד, זעען מיר זיך שוין צופיל אָן, און דאָ און דאָרט דערוועקן מיר צו זיך זייער אַ הייסע שנאת־ישראל, און אונדזערע אביונים האָבן שוין אָנגעפילט איבער די ברעגעס דעם געטאָ, ביז ער איז געצוווּנגען איבערצולאָזן אין די הענט פון גורל די אַלע וואָס קומען אָן, און מען מאַכט שוין באַשרענקונגען פאַר אונדז ביים אַריינקומען אין יענע לענדער, און בקרוב וועלן זיי זיך פאַר אונדז אינגאַנצן פאַרשליסן. די שטרעבונג צו עמיגראַציע איז ביי אונדז רייף געוואָרן אונטערן שווערן דרוק פון דער געדיכטער אַטמאָספער אין תחום־המושב, און בייעוועגן צו לענקען אַהין די עמיגראַציע־שטראָמען עפענען זיך נישט מער; און ווער וועט עס וועלן אַריינגעמען פרעמדע אָרעמע מענטשן, אָן אַ אַזיל, וואָס, אַחוץ דעם, זענען זיי נישט מסוגל צו פּראָדוקטיווער אַרבעט?

(פון „לשאלות ציון וטריטוריה”)

א. ד. גאָרדאָן

יסודות

א

דער געדאַנק פון זיין אינהאַלט־זייט איז: די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. וואָס עס פאַרלאַנגט זיך אויפצוקלערן איז, די פאָרם פון געדאַנק: אין וואָספאַרער פאָרם שטעלן מיר זיך פאָר די דאָזיקע אויפלעבונג.

קודם־כל דאַרף קלאָר זיין, אַז אונדזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג איז אַ שאַפונג־זאַך, זי באַשרענקט זיך נישט אין דער אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט און נישט אין דעם גייסט פון דער געזעלשאַפט. איר פאַרנעם איז אַ סך גרעסער און איר אויפפאַסונג איז אַ סך טיפער. זי הייבט זיך אָן פונעם סאַמע לעבנס־מקור, פון דער קאָסמישער נאַטור און פון די באַשעפענישן, און פאַרלאַנגט גייסט און אָרדענונג אויסגעשטראַלט פון יענעם סאַמען לעבן.

אינעם יסוד פונעם גרופן־לעבן פון מענטש — ווי אַלע אַנדערע בעלי־החי — ליגט, לויט דער נאַטור אַליין, די משפחה, און פון דאָרט, פון דער ענגער משפחה, האָט זיך אַנטוויקלט די גרויסע משפחה, דאָס פאָלק. ס׳הייסט: דער פרט, וואָס אויך ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון קעמערלעך און אברים, האָט זיך פאַראייינט מיט נאָך אַזעלכע פרטים ווי ער אין אַ פאָלק (אַ העכערער קערפער), וואָס שאַפט זיין גרופן־לעבן, ווי דער פרט שאַפט זיין פריוואַט־לעבן. ביז דאַנען די ערשטע אָרדענונג פונעם גרופן־לעבן. פון דאַנען און ווייטער, אַ נייע אָרדענונג.

דאָס פאָלק, די גרופן־פערזענלעכקייט, פאַראייניקט זיך מיט די איבעריקע פעלקער אין אַ נייעם צוזאַמענשטעל, אין מענטשהייט. דאָס קעמערל אָדער דער גליד פון דער מענטשהייט איז דאָס פאָלק, דאָס פאָלק און נישט דער פרט, דער יחיד, וואָס איז נישט מער לגבי דער מענטשהייט, ווי אַ מין פסי־כאָלאָגיש אַטאָם קעמערל לגבי דעם מענטשנס קערפער. אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט אין אַלץ, ספעציעל אין דער נאַטור פון באַשעפעניש. איינצלנע אַטאָמען פאַראייניקן זיך נישט צו אַ העכערער אייניקונג אָן מיטל, אָבער זיי נעמען זיך צוזאַמען און ווערן מאָלעקולן, קעמערלעך, אברים, קערפער. און די קערפער קלייבן זיך ווידער צונויף אין אַ גרופן־קערפער. דער דאָזיקער העכערער צוזאַמענשטעל גייט־אָן נישט נאָר אין מענטש, נאָר אין יעדן אָרט,

ווי ס'איז פאַראַן גרופּן־לעבן און גרופּן־שאַפונג, ווי למשל, ביי בינען, ביי מוראַשקעס א.ד.ג. די באַנייאונג פון גרופּן־לעבן, אַריינגערעכנט דאָס מענטש־לעכע, און באַזונדער די באַנייאונג פון אונדזער לעבן, וואָס איז אָפּגעריסן פון יעדער נאַטור און פון יעדן נאַטירלעכן לעבן, קען ווערן נאָר אויפן יסוד פון פאָלקס־באַנאַייאונג, אויפן יסוד פון משפחה באַנייאונג, וואָס איז אויסגע־שטראַלט פונעם קאָסמישן לעבנס־גייסט.

די אַרבעט צו באַנייען דאָס לעבן איז די אַרבעט מתקן צו זיין דעם מענטש פון יסוד אויס, אַרבעט פון זעלבסט־דערציאונג פאַר אַלע אַרבעטער און שעפער פון יעדן פאָלק, פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס דער עיקר אין דער דאָזיקער דערציאונג איז, דאָס אַנטוויקלען די אָנערקענטעניש פון דער פּערזענלעכקייט, דאָס אַנטוויקלען דאָס געפיל פון אַרבעט און שאַפן און דאָס געפיל פון העכע־רער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער פּערזענלעכקייט צו יעדנס לעבן און שאַפן.

ב

אַלע פּרוּוון צו באַנייען דאָס מענטשלעכע לעבן דורך נייע סאָציאַלע אָרדע־נונגען נישט אָנהייבנדיק אַלץ פונסניי, פון פונדאַמענט, זענען נישט מער ווי פּאַליאַטיוון, וואָס זענען אפשר מסוגל צו היילן אויף אַ צייט אויבערפלעכלעך און אָפּנאַרעריש די קרענק און מסיח דעת זיין פון דער עצם קרענק; די פאָרם וועט זיך טאַקע ענדערן, אָבער דער אינהאַלט וועט בלייבן ווי ער איז געווען, ווייל דער מענטש וועט בלייבן דאָס וואָס ער איז געווען. די קנעכטשאַפט, די באַרויבונג, דער שקר, און די נידערטרעכטיקייט, די גאַנצע מענטשלעכע צרה און באַליידיקונג וועלן נישט פאַרמינערט ווערן כהוא־זה, כל זמן עס וועט עקזיסטירן די פונדאַמענטאַלע סיבה פאַר זייער עקזיסטענץ...

דאָס פאָלק

דעם אופן פון זיין פולן אַנטפּלעקן זיך דערגרייכט דאָס נאַטירלעכע גרופּן־לעבן אין פאָלק, אין דער גרויסער משפחה. דאָס פאָלק, ווי אויבן געזאָגט, האָט געשאַפן די מענטשלעכע נאַטור און דאָס מענטשלעכע לעבן. און זע: דווקא דאָס פאָלק איז געבליבן אין זיין אַנטוויקלונג אויף דער זעלבער מדרגה אויף וועלכער דער אור־מענטש איז געשטאַנען. און נאָך מער, זיין נידעריקע מדרגה האָט נישט דערוועקט קיין מחשבה וועגן דעם חסרון פון דער זאַך. אין יחיד, אויף וויפל עס פעלט אים שלימות, לעבט כאָטש דאָס באַוווסטזיין

פון שטרעבן צו דער שלימות. אָבער דאָס פאָלק, דער הויפּט־כוח אין שאַפן די נאַטור און דאָס מענטשלעכע לעבן, איז בכלל נישט קיין ענין פאַר אַנטוויקלונג און פאַר שלימות. פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן: דאָס פאָלק איז איבער אַלץ, אַלץ וואָס דעם יחיד איז נישט דערלויבט, ווי מאָרד, רויב, גניבה, באַטראָג, כל מיני שקר, פעלשונג און מיאוסקייטן, נישט נאָר עס איז דערלויבט דעם פאָלק, נאָר עס ווערט אים פאַררעכנט פאַר העלדן־טאַט און פאַר לויב, דערקעגן זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זען אין אים, אין פאָלק — באַזונדער אין דער נייער צייט — אַן איבערבלייב פון אורצייטן, וואָס האַלט־איין די מענטשלעכע דערלייזונג, וואָס דער מענטש מיט אַ נשמה דאַרף נאָר עוקר זיין די וואָרצלען פון האַרצן און עס אינגאַנצן אָפּווישן פון דער וועלט.

מיר, וואָס אונדזער פאָלק, פון איין זייט, האָט געליטן מער פון אַלע פעלקער און איז אויסגעוואָרצלט פון זיין לאַנד און אָפּגעריסן פון יעדער נאַטור אַן זיינס גלייכן, און וואָס פון דער צווייטער זייט, איז זיין כוח פון עקזיסטענץ גענוג שטאַרק, אַז די אַלע פּורענויותן פון דער וועלט, אין משך פון קרוב צוויי טויזנט יאָר, האָבן אים נישט געקענט אַראָפּפירן פון וועג — מיר מיט אונדזער שטרעבן צו אַ שלימותדיקער אויפלעבונג, האָבן נישט קיין אַנדערן וועג ווי אַוועקצושטעלן אונדזער געווינטשן לעבן אויף זיין פולשטענדיקן נאַטירלעכן יסוד: אויף פולן צוריקקער צו נאַטור — אויף אַרבעט און שאַפונג און אויף דער נאַציאָנאַלער משפחה־אָרדענונג און גייסט. מיר, מער ווי אַנדערע, מוזן און זענען אַפילו באַפוילן אָפּצוהיטן די געהעריקייט פון פאָלק, אַוועקשטעלן דאָס פאָלק אויפן וועג פון אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט, אויפן וועג פון שטרעבן צו אמת און גערעכטיקייט, אין באַציאונג צו די איבעריקע פעלקער און צו יעדן מענטש. מיר דאַרפן אים אומקערן זיין ערשטן כוח.

אונדזער נאַציאָנאַלע־אויפלעבונג איז נישט בלויז נאַציאָנאַלע באַפרייאונג־און באַנייאונג — אונדזער נאַציאָנאַלע־אויפלעבונג איז אַ מין תחיית המתים ממש, אַ נייע שאַפונג, וואָס אירס גלייכן איז נישטאָ. און אין דער דאָזיקער שאַפונג, אין דער שאַפונג בכלל, און בפרט אין אַזאַ שאַפונג, גייט אַן דער כלל: האָסטו אַלץ געכאַפּט — כאַפּסטו עפּעס, האָסטו נישט אַלץ געכאַפּט — האָסטו גאָר־נישט געכאַפּט. דאָס פאָרעמען דעם מענטשנס־גייסט האָט זיך נאָכנישט געענדיקט. דער גייסט פון מענטש דאַרף שטייגן אין דער זעלבער מאָס, ווי עס שטייגט דער מענטשלעכער באַוווסטזיין. און דאָס וועט נישט דערגרייכט ווערן אָן דעם יסודותדיקן אויפלעבן פון פאָלק. דאָס פאָלק איז אַ מין ליקע, וואָס פון זיין ברייטער זייט, די אויפנעמערישע, נעמט ער אין זיך אַריין די אָנסופיקע

עקזיסטענץ און פון זיין שמאָלער זייט, דורך זיין קאָנצענטרירנדיקן רייער, גיט ער אַליי אַריין אין דער נשמה פון יחיד. דאָס פאָלק איז אייגנטלעך דער כוח, וואָס שאַפט דעם גייסט פון מענטש און דאָס פאַרמיטלונגס־רינגעלע צווישן דעם לעבן פון יחיד און דעם לעבן פון דער מענטשהייט און פון דער וועלט בכלל.

אין דער נאַטור זענען נישט פאַראַן קיין שפּרונגען. די קאָסמישע אָרדענונג פון פונאַנדערשפּרייטן דאָס לעבן פירט פונעם יחיד צו דער משפחה און צום פאָלק און פונעם פאָלק — צו דער ראַסע און צו דער מענטשהייט.

דאָס — איז דער יסוד פון אונדזער געדאַנק, דער געדאַנק פון אונדזער אויפ־לעבונג און דערלייזונג, און דאָס איז דער יסוד פון געדאַנק פאָלק—מענטש. ווען עס איז נישטאָ קיין פאָלק—מענטש איז נישטאָ קיין מענטש—מענטש, איז נישטאָ קיין יחיד—מענטש, און ווער ווי אונדז יידן דאַרף זיך אָפּשטעלן אויף דעם? מיטן פּרייז פון אונדזערע לײַדן, וואָס זייערס גלייכן איז אויף דער וועלט נישטאָ, האָבן מיר געקויפט די רעכט צו זיין די ערשטע פון דער דאָזיקער שאַפונג. פון די פּורעניותן און גיהנום־יסורים האָבן מיר געשאַפן אַן אור גנוז, און דאָס וועלן מיר ברענגען צו התגלות.

פאַרשטייט זיך, אַז דער געדאַנק איז דער געדאַנק פון דער צוקונפט, און ווער קען זאָגן ווי ווייט איז די דאָזיקע צוקונפט. אָבער אַלס אַ וועגווייזנדיקער שטערן, וואָס באַלויכט אונדזער וועג, דאַרף ער אונדז שטיין פאַר די אויגן פון דער ערשטער מינוט פון אונדזער אַרבעט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דערלייזונג.

וועט מען זאָגן: דער גאַנצער געדאַנק אַליין איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע. קאָן זיין. איך וועל נישט דיסקוטירן. ווער קען דעם גייסט פון מענטש, צי שטייגט ער אַרויף אויבן צי נידערט ער אַראָפּ אונטן? בלויז איינס זאָג איך: דער ספק איז ביי מיר, בעיקר, נישט אין עצם געדאַנק — דער ספק איז ביי מיר, צי דער גייסט פון מענטש שטייגט אַרויף אויבן. עס איז קלאָר, לכל הפחות ביי מיר, אַז קיין אַנדער וועג צו באַנייען דאָס לעבן און מתקן זיין דעם מענטש איז נישטאָ, נישטאָ.

אונדזער אויפלעבונג פאַרלאַנגט אַ גייסט פון אויבן, פון אַלע פיר זייטן, אַ ריזן געדאַנק, וואָס זאָל פאַרכאַפּן יעדן מענטש און אויספילן זיין גאַנץ וועזן, אַ כוח פון אַ רעליגיעזן געדאַנק דרייט איבער די וועלט פון מענטש און באַנייט דעם מענטשלעכן געדאַנק.

(פון „קיצור כתבי א.ד. גורדון")

נ. סירקין

די סאָציאַליסטישע יידישע מדינה

דער עקזיסטירנדיקער פּאָליטישער ציוניזם שטרעבט צו אַ יידישער מדינה אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום. ער זעט־פאַר אַ מעגלעכקייט, אַז יידן זאָלן קענען פאַרלאָזן זייערע גלות־ערטער און אַריינקומען אין זייער אייגענער מדינה דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, אָפּהיטנדיק דערביי זייער פריערדיקן לעבנס־סטאַנדאַרט. כדי צוצוציען די אַרבעטער צו דער יידישער מדינה דאַרף מען זיי פאַרזיכערן אַ פאַרקירצטן אַרבעטס־טאָג. די פּראַקטישע עקספּערימענטן פון קאָלאָניזאַציע, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן ביז איצט אין ארץ־ישראל און אַרגענטינע, זיינען דאָך אויך באַגרינדעט אויף פּריוואַט־אייגנטום.

אָבער ס׳איז משונהדיק צו הערן אַזאַ זאַך, אַז מענטשן זאָלן וועלן גרינדן אַן אויטאָנאָמישע מדינה אויפן פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכער אומגלייכקייט.

צו וואָס, למשל, איז עס געגליכן? ווי מען וואָלט וועלן מאַכן אַן אָפּמאַך וועגן געזעלשאַפטלעכער פאַרשקלאַפונג. אָבער אויב עס ווערט ווען נישט איז פאַר־קומען אַ געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך, איז דאָס נאָר דעמאָלט ווען ער ווערט זיך ניט פאָרשטעלן אויף אַ גאָלישן שטייגער. לאָמיר פּרווון תופס זיין דעם ראשית־כל, אויף היסטאָרישע כוחות, דאָס איז אַן אומבאַוווסטער פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. די באַוווסטזיניקע געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייט זוכט איבערצואַנדערשן דאָס וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויפן היסטאָ־רישן וועג און צו דערהויבן עס אין מאָראַלישן זין. אויפבויען ספּעציעל אַ רעפּובליק אויף יסודות פון פרייער קאָנקורענץ און געזעלשאַפטלעכער אומ־גלייכקייט — איז אַ זאַך פון געזעלשאַפטלעכן און פּסיכאָלאָגישן שטות.

אַ יידישע מדינה, וואָס איז געבויט אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום, ווי די מדינות, וועלכע זענען אויפגעקומען אין לויף פון דער געשיכטע, קען מען זיך ניט פאָרשטעלן אויף אַ לאָגישן שטייגער. לאָמיר פּרווון תופס זיין דעם גאַנצן באַגריף פון דער זאַך. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די יידן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אַריינבאַקומען אין זייער־

רשות אַ לאַנד ווו זיי הייבן אָן צו אָרגאַניזירן אַ קאָלאָניזאַציע אויפן יסוד פון פרייער קאָנקורענץ, — אַ הנחה, וואָס לייגט זיך ניט אויפן שכל, ווייל דאָס רוב יידנטום, וואָס באַשטייט פון פּראָלעטאַריאַט און מיטלשטאַנד וועט עס אויף קיין שום יידישן קאָנגרעס ניט דערלויבן — אָפּשאַצנדיק ריכטיק זיינע ענינים. מיט דער מיטהילף פון אַ פינאַנסיעלן־כּוח — דער אוצר ההתיישבות — האָט אַ גרופּע קאָלאָניזאַטאָרן אַריינבאַקומען אַ נחלה באָדן. דער באָדן ווערט פאַרטיילט צווישן די קאָלאָניזאַטאָרן. אָבער ווי באַלד צווישן דער גרופּע געפינען זיך אויך פאַרמעגלעכע מענטשן, האָבן זיי די מעגלעכקייט זיך איינ־צושאַפן גרעסערע שטיקער באָדן. זייער באָדן ווערט אויסגעאַרבעט פאַר אַ נידעריקן לוין דורך לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער לויט געזעצן פון פרייער קאָנקורענץ. די עקזיסטירנדיקע פאַרמעגנס־דיפערענצן און דער אומגלייכער קאָנקורענץ־געיעג ברענגען צו נאָך אַ גרעסערע פאַרשידנהייט אין אייגנטום. דאָס רוב קאָלאָניסטן ווערן אַלץ מער אָפּהענגיק פון דעם ביסל גבירים.

ווען ס׳עפענען זיך די טירן פאַר פרייער קאָנקורענץ, לייגט אַרויף די אַנט־וויקלונג פון דער פאַבריקאַציע איר סטעמפּל אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער קאַפּיטאַליסט בויט אויס פאַבריקן און ווערט דער בעל־הבית פון דער פּראָדוקציע. און ווי באַלד די קאָלאָניזאַציע קומט פאָר אין אַ לאַנד, וואָס איז ווייניק אַנטוויקלט, איז דער אַרבעטס־לוין זייער נידעריק. מיט אַזאַ לוין קען נישט דער אייראָפּעאישער ייד, וואָס איז געוווינט צו אַ בעסערן לעבנס־שטייגער, זיך באַגענוגענען. די אַרבעטער באַשטייען דאַן על־פּי־רוב פון די איינגעבוירענע, וועלכע אַרבעטן ביליקער. די קאָלאָניזירונג נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ געשעפט־אונטערנעמונג. די יידן הייבן אָן אויסצוּוואַנדערן פון לאַנד. די קבוצות, וועלכע דאַרפן קומען נאָך זיי, האָבן מורא אַריינצו־קומען, און די גאַנצע באַוועגונג האַלט ביים אונטערגיין שוין פון אָנהייב אָן.

אַזאַ מין קאָלאָניזאַציע, וואָס פירט זיך לויט אַ פרייער קאָנקורענץ און פּרי־וואַט־אייגנטום, קען נישט דערגיין אַפילו צו אַ קורצן קיום. דער אינערלעכער קאַמף צווישן די יחידים מיט אויטאָנאָמיע־רעכט וועט זיין אַזוי שטאַרק, אַז זיי וועלן זיך בשום־אופן נישט קענען פאַראייניקן אין איין קערפּערשאַפט.

פאַר דער קאָלאָניזאַציע איז פאַרויסצוזען, אַז אַ פינאַנסיעלער מוסד — דער אוצר ההתיישבות — זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער אונטערנעמונג און זאָל אויפפּאַסן, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל בלייבן גאַנץ. די קאָלאָניסטן ווערן דאַן אָפּ־הענגיק פון אַן אַדמיניסטראַציע, וואָס קען קיינמאָל נישט זיין קיין גוטע

און איז תמיד שלעכט, שלעכט צוליב איר עצם אַדמיניסטראַציע כאַראַקטער. צוליב דעם וואַקסן רייבונגען פון אינטערעסן, בייזוויליקע האַנדלונג, אומ־צופרידנקייט, פיינטשאַפטלעכע טעטיקייט און צום סוף געוואַלט־האַנדלונג. צוליבן כאַראַקטער פון די יידן וואָס זיינען נוטה צו פרייהייט און אינדיווידו־אַליזם, נעמען די אַלע קעגנזאַצן אָן אַ שאַרפע פאָרם און זיינען גורם צו אַ פולשטענדיקער פונאַנדערפאַלונג פון די קאָלאָניעס.

דאָס זיינען געווען בדרך־כלל די פאָרמען, וועלכע עס האָבן פראַקטיצירט די יידישע קאָלאָניזאַציעס אין אַרגענטינע און אין ארץ־ישראל. די קאָלאָניעס, וועל־כע עקזיסטירן איצטער אין ארץ־ישראל זיינען נאָר אַ ברוכטייל פון די פיל קאָ־לאָניזאַטאָרישע פרוּוון, וועלכע זיינען דורכגעפאַלן צוליב אינערלעכע רייבונגען.

אָבער גרינדן אַ יידישע מדינה אויף יסודות פון פרייער קאָנקורענץ און פריוואַט־אייגנטום, איז אוממעגלעך נישט נאָר אין געזעלשאַפטלעכן נאָר אויך אין טעכנישן זין. דאָס באַנוצן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און דאָס אויפ־בויען גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, זיינען אוממעגלעך אין די גרענעצן פון קליין־קאַפּיטאַל. וואָס גרעסער עס איז דיווירטשאַפט און אינ־דוסטריע, אַלץ גרינגער קומט אָן דאָס באַנוצן זיך מיט מאַשינעס. ווען עס פאַרמינערט זיך די פאַרפולקאָמונג פון דער פּראָדוקציע־טעכניק, ווערט אויך פאַרמינערט די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט. אין דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור איז אָנגענומען, אַז די פּראָדוקטיווקייט פון אַ מענטש אין אַ גרויסער פאַבריק־אונטערנעמונג איז פיר מאָל שטאַרקער, ווי די פּראָדוקטיווקייט פון אַ מענטש אין קוסטאַרנעם באַטריב און צוויי מאָל מער ווי אין אַ קליינער פאַבריק.

די אינערלעכע פּראָדוקציע, און דער אויסטויש פון פאַרמעגן אין דער אָרדע־נונג פון פרייער קאָנקורענץ, ווערן אויסגעפירט אָן פּלאַן און אָן פאַרשטאַנד. דער מאַרק דאַרף אָרדענען די פּראָדוקציע, אָבער מיט גרויסע קרבנות פאַר דער פּראָדוקציע גופא, נישט לייגנדיק קיין אַכט אפילו אויף דער אָנגע־שטרענגטער לאַגע, וואָס ברענגט נאָר שאָדן אָנשטאָט נוצן פאַר די פּראָדוצי־רער ביי אַזאַ אומפאַרנונפטיקע קאָנקורענץ. די סחורה ווערט־אָן איר ווערט, צוליב דער צופעליקייט פון דער נאָכפראַגע־קאָניונקטור, און זי — שטייגט אָן טעם און אָן רעכט און באַקומט מער ווערט. דער רעזולטאַט פון אַזאַ אָרדענונג איז אַן אומפאַרמיידלעכע קריזיס, ביז עס ווייזט זיך אַרויס — נאָך פיל זוכע־נישן און בלאָנדזשענישן — דער סאָציאַליסטישער עלעמענט פון גרויס־קאַפּי־טאַליזם און וויל דאַן ברענגען אַ גלייכגעוויכט צווישן נאָכפראַגע און אָנבאָט.

דער אינערן־האַנדל אין דער אָרדענונג פון פרייער קאָנקורענץ פאָדערט אַ פאַרלוסט פון מענטשן, ענערגיע און פאַרמעגן אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי עס וואָלט זיך געפאָדערט אין אַן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו. און דאָס קען אַוודאַי געזאָגט ווערן אויך וועגן דעם אויסערן־האַנדל.

גרינדן אַ נייעם קיבוץ אויפן יסוד פון פריוואַט־אייגנטום — איז אַן אומ־מעגלעכע זאַך סיי פון געזעלשאַפטלעכן סיי פון טעכנישן שטאַנדפונקט. מענטשן ווייסן גאַנץ גענוי די אינערלעכע סתירה פון די בורזשואַזיע מדינות און זיי וועלן נישט מסכים זיין צוצוהעלפן בויען אַן אומגערעכטע אומפאַר־נינפטיקע מדינה, וואָס איר טעטיקייט איז נישט קיין ריכטיקע און ברענגט ווייניק וואָס גוטס.

אויב די יידישע מדינה דאַרף ווערן פון אַ האָפענונג אַ פאַקט, פון אַ וויזיע אַווירקלעכקייט, טאָרן דאָרט זיך ניט געפינען די קעגנזאַצן פון מאָדערנעם לעבן. די יידישע מדינה דאַרף זען פאַר זיך דעם אידעאַל פון גערעכטיקייט, פאַרשטאַנד אין געזעלשאַפטלעכקייט, אויב זי וויל, אַז דער מאָדערנער מענטש זאָל זיין מיט איר, און אויב עס וועלן זיך פאַרווירקלעכן די געזעלשאַפטלעך־וויסנשאַפטלעכע פאָרויסזעצונגען פון דער יידישער מדינה, וועט אויך קומען די צייט פון די טעכנישע דערגרייכונגען פון דער נייער צייט, וואָס וועט דאָרט געפינען אַ וויכטיק אַרבעטס־פעלד. די יידישע מדינה מוז זיין אַ סאָ־ציאַליסטישע, אויב זי וועט בכלל זיך פאַרווירקלעכן. דער ציוניזם מוז זיך באַהעפטן מיט דעם סאָציאַליזם, אויב ער וויל ווערן דער אידעאַל פון כלל־ישראל: פון דעם יידישן אַרבעטס־לאַגער, פון דעם יידישן פראָלעטאַריאַט מיט אַלע זיינע פאָרמען, פון מיטלשטאַנד, אינטעליגענץ און פון יידישע אידעאָלאָגן.

אין סאָציאַליסטישן לבוש קען דער ציוניזם ווערן דאָס אַלגעמיינע אייגנטום פון דעם יידישן פאָלק. ווען ער וועט זיך מחבר זיין מיטן סאָציאַליזם וועט דער ציוניזם זיך פאַרשטאַרקן און נתעלה ווערן צו אַ שטאַרקן פאָלקס־באַגער. אַלע יידן וועלן זיין פאַראינטערעסירט אין זיין הצלחה; קיין איין ייד וועט זיך נישט האַלטן פונדערווייטנס. די משיחיסטישע האָפענונג, וואָס איז שטענדיק געווען דער הויפט־געדאַנק פון די יידן אין גלות, וועט זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ פאָליטיש ווערק. דאָס יידנטום, וואָס פירט אַן אָרימען בידנעם קיום, וועט באַקומען אַ נייעם דערהויבענעם לעבנס־אינהאַלט.

בערל קאַצענעלסאָן

וואָס איז דער אונטערשיד צווישן סאָציאַליסטישן ציוניזם און אַן אַנדערן ציוניזם?

...איך וועל פּרווון באַצייכענען אַביסל דעם אונטערשיד צווישן מיין ציוניזם און דעם ציוניזם פון אַנדערע, און צו דעם וועל איך זיך אַרויסהעלפן מיט באַצייכענונגען פונעם סאָציאַליסטישן בית־מדרש. ווען עס האָבן זיך אַרויס־געוויזן אין די לעצטע יאָרן אַ פּאָר ווידעראַנאַנדן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט איז געווען ווער וואָס האָט געזאָגט: עס זענען פאַראַן צוויי מיני סאָ־ציאַליזם, פאַראַן אַ סאָציאַליזם פון קאָנסומענטן און אַ סאָציאַליזם פון פּראָ־דוצענטן. דער קאָנסומענט איז פאַראינטערעסירט קודם־כל אין דער צעטיי־לונג, אין אַ נייער אָרדענונג פון צעטיילן די הנאה פונעם געזעלשאַפטלעכן פאַרמעג. אַזוי באַנעמט דעם סאָציאַליזם דער מענטש, וואָס שטייט נישט אַליין מיטביידע פיס אין דער ווירטשאַפט. אים ציט די גלייכע צעטיילונג. דער לאַנגער וועג, מיט וועלכן מען קען דערגיין דערצו, מאַטערט אים נישט. זיינע שוועריקייטן קען ער נישט. ער ווענדעט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע סטראַ־טעגיע צום קאָנסום־סאָציאַליזם. אָבער ס'איז פאַראַן אַ פּראָדוצענטן סאָציאַ־ליזם, וואָס זעט דעם יסוד פון דער געזעלשאַפט אין דער פּראָדוקטיווקייט, וואָס פאַרשטייט, אַז ס'איז נישט מעגלעך אָנצוהאַלטן אַ נייעם רעזשים, אויב די פּראָדוקטיווקייט וועט זיין אַ געשעדיקטע. דער דאָזיקער סאָציאַליזם איז זייער פאָרזיכטיק, מער מחמיר, ער לויפט נישט נאָך לייכטע לייזונגען. קודם־כל זעט ער פאַר זיך די פראַגן און די עקזיסטענץ־באַדערפעענישן פון דער פּראָדוצירנדיקער ווירטשאַפט. קען זיין, אַז אויך אין ציוניזם זענען פאַראַן אַזעלכע צוויי מיני אויפפאַסונגען. פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן שוין עסן די פּירות פונעם ציוניזם, און פאַראַן אַזעלכע וואָס זען די נויטווענדיקייט צו שאַפן קודם־כל די שפּייז פון פאָלק. איך מיין, אַז מיר קענען נאָכנישט מוותר זיין אויף אַ „פּראָדוצירנדיקן" ציוניזם, און די אַרבעטער־באַוועגונג רעפּרע־זענטירט אים.

אַ פּאָר ווערטער אויף אָפּצושאַצן דעם פּלאַץ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער לאַגע פון ציוניזם. מען קען נישט אורטיילן אַ באַוועגונג לויט דעם, וואָס זי אַליין זאָגט וועגן זיך, נאָר לויט אירע טאַטן. דאָס איז דער כלל אין

סאָציאָלאָגיע: אל תסתכל בקנקן. די גאַנצע סאָציאָלאָגיע פון מאַרקס צייטן איז נישט מער ווי אַ פּרווו אַרונטערצונעמען די שיינע קליידער, דעם שם־המפורש, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך כל מיני באַוועגונגען ווען זיי „גייען אַרויס", און געפינען וואָס די באַוועגונג איז באמת ביי זיך אין „געצעלט". און אויך די כוחות וואָס ווירקן אין ציוניזם דאַרף מען אָפּשאַצן נישט פון דעם וואָס זיי זאָגן, יעדער וועגן זיך, און איינער וועגן אַנדערן, נאָר פון זיך איינקוקן אין די ראָלן, וואָס יעדער איינער פון זיי שפּילט אין ציוניזם. און אויב מען וועט אַזוי אורטיילן די זאַכן, וועט מען געפינען, אַז מיר האָבן אויף זיך גענומען געוויסע אויפגאַבן און זיי אויסגעפירט, צי בשלימות, צי עפּעס ווייניקער, אָבער אויסגעפירט. איך בין כלל נישט מבטל די ווערט פון פאַר־בינדונג צווישן דער אידעאָלאָגיע און צווישן דעם טאַט פון דער באַוועגונג, אָבער וויל איך ווייס, אַז נישט יעדע באַוועגונג איז פון אינעווייניק אַזוי־ווי פון דרויסן, און יעדע סתירה צווישן דעם געפּרעדיקטן און געטוענעם אין אַן עפּנטלעכער באַוועגונג טראָגט מיט זיך סכנות, דעריבער אורטייל איך יעדע באַוועגונג נישט לויט איר „אני מאַמין", נאָר לויט איר „אני מקיים". וואָלטן אין דער צייט פון יציאת מצרים די יידן „מסכים" געווען אידעאָלאָגיש צו מתן תורה און צוזאַמען מיט דעם וואָלטן זיי נישט געקענט מקבל זיין אויף זיך דעם „בכל נפשך ובכל מאודך", ווער ווייס צי אין זכות פון דער דאָזיקער „אידעאָלאָגישער שטעלונג" וואָלטן די יידן אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, און צי וואָלט די תורה געהאַט אַ קיום.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז נישט קיין מעכאַנישער צוזאַמענשטעל פון צוויי ווערטער: ציוניזם און סאָציאַליזם. ער ווייזט אויך נישט אָן אויף קיין פּשרה צווישן צוויי קעגנגעזעצטע פּרינציפּן. ווער עס מיינט אַזוי האָט קיינמאָל נישט באַגריפן זיין זעלישן און אידייאישן מהות, זיין אינערלעכע שלימות. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער וועלט נאָכדעם ווי עס איז שוין געווען אַ יידישער סאָציאַליזם. ס'הייסט, נישט נאָר סאָציאַליסטן פון צווישן די יידן, וואָס זענען געווען שליחים און פּרעדיקער פאַר פעלקער, נאָר עס האָט עקזיסטירט דער „בונד"* — אַן אָרגאַניזאַציע פון

---

* די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין רוסלאַנד, געגרינדעט אין 1897. זי איז געווען טעטיק אין דער מלחמה קעגן דעם מלוכהשן רעזשים און אַ סך אויפגעטאָן

יידישע אַרבעטער אין פאָלק. נאָר וואָס דער „בונד" האָט געלערנט ביי זיינע לערער די סאָציאַליסטישע תורה און האָט זי געבראַכט צום יידישן אַרבעטער אַזוי ווי זי שטייט און גייט, נישט האָבנדיק דעם שכלדיקן מוט צו זוכן און אויסגעפינען ווי־אַזוי עס ווירקט די נייע וועלט־ווירקלעכקייט (וואָס רופט זיך צוליב קיצור: „די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע") אין דעם תחום פונעם יידישן פאָלק, נישט האָבנדיק דעם כוח צו זען דעם ספּעציפישן גורל פונעם יידישן אַרבעטער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן גורל פון זיין פאָלק.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז אויפגעקומען פון דער ציוניסטישער עקזיסטירנדיקער קריטיק און פון דעם עקזיסטירנדיקן יידישן סאָציאַליזם. די באַוועגונג איז אויפגעקומען אָנערקענענדיק דעם טיפן קעגנזאַץ צווישן דער יידישער ווירקלעכקייט און צווישן דער גייסטיקער וועלט פון די הערשנדיקע באַוועגונגען: דער „אַלגעמיינער" ציוניזם (ס'הייסט: דער בעל־ביתישער) און דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם אין זיין יידישער דערשיינונג (ס'הייסט: דער „בונד"). סירקין האָט געזען דעם בעל־ביתישן ציוניזם, וואָס נערט זיך פון נאַציאָנאַלע מליצות, באַגענוגנט זיך מיט קליינע נדבות און שטיצט למעשה אונטער די רעאַקציע, אַז ער איז נישט מסוגל צו אַ גרויסער פאָלקס־קאָלאָניזאַציע און וואָגט נישט צו קלערן וועגן דעם, און גראָבט אַ תהום צווישן ציוניסטישן־געדאַנק, דעם געדאַנק פון פאַרלאָזן דעם „בונד", וואָס חזרט איין דעם יידישן אַרבעטער מאַרקסיסטישע פסוקים, נישט זוכנדיק קיין באַזע, אַן אַרבעטס־באַזע, פאַר אייגענער קולטור און נאַציאָנאַלער־פרייהייט, נישט פאַרשטייענדיק, אַז ס'קען נישט זיין קיין אמתע גאולה פאַרן יידישן אַרבעטער ווען דאָס פאָלק וועט נישט אויסגעלייזט פון גלות.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט אָנגעהויבן ווי איינע פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון דור. זי האָט אויפגעהויבן איר קריטיק־בייטש נישט נאָר אויף דער בעל־ביתישער־און קאַפּיטאַליסטישער־וועלט. זי האָט רעוואָלטירט נישט נאָר קעגן צאַר און קעגן דער געהיימפּאָליציי און תקיפים פון קהל, זי האָט אויפגעהויבן איר האַנד אויך אויף די אָנגענומענע אמתן אין דער

צו אָרגאַניזירן דעם יידישן אַרבעטער און צו פאַרבעסערן זיין לאַגע. זי האָט נעגירט דעם ציוניזם און יעדע אַנדערע טעריטאָריאַלע לייזונג פאַר דער יידישער פראַגע. זי האָט זיך אָפּגעגעבן צו פלעגן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, באַקעמפנדיק דערביי די העברעאישע שפּראַך. אין 1921 האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין פוילן האָט זי אָנגעהאַלטן איר טעטיקייט ביז די חורבן־טעג.

סאָציאַליסטישער וועלט. זי האָט געוואַגט אַליין צו קלערן וועגן איר אחריות. און דאָס זענען פון די גאָר שווערע זאַכן. אין דער צייט ווען דער רוב סאָציאַ־ליסטישע משכילים ביים יידישן פאָלק האָבן זיך באַגענוגנט מיט דעם וואָס זיי האָבן געטראָפן פון גרייטן, האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט דער ערפאָרט תורה (דאָס אָרט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָנפערענץ אין 1891, וואָס האָט באַשטימט דעם פראָגראַם פון דער פאַרטיי) און גענוּ (דאָס אָרט ווו עס איז געדרוקט געוואָרן די אומליגאַלע ליטעראַטור פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן) און האָבן נישט געוואַגט נאָכצוטראַכטן וועגן דער תורה פון זייערע לערער, וואָס איז געוואָרן אַ געזעץ פאַר זיי — האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם געשטרעבט צו קאָנטראָלירן די תורות, וואָס זענען געווען אַממיינסטן פאַרהייליקט.

אַזוי־ווי אַ וויסנשאַפטס־מאַן, ווען ער טרעפט עפּעס אַ קליינעם פּרט, וואָס איז אין סתירה צו אַן אָנגענומענעם סיסטעם, ווערט ער געשטויסן דורך אים צו קאָנטראָלירן דעם גאַנצן סיסטעם, אַזוי איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם געשטויסן געוואָרן צו קאָנטראָלירן די גרויסע גענעראַליזאַציעס אין ליכט פון „קליינעם פּרט" — די יידישע פאַרוויטיקטעווירקלעכקייט, וואָס האָט נישט געפונען איר דערקלערונג און איר לייזונג אין די דאָזיקע גענעראַלי־זירנדיקע סיסטעמען. די קינדער פון ערשטן סאָציאַליסטישן־ציוניסטישן דור האָבן דערפילט די ווייטיק פון יידישן פאָלק. זיי האָבן באַוויזן, אַז די קאָנ־ווענציאָנעלע מימרות שעפּן נישט אויס די לאַגע, און די אַלגעמיינע רפואה ברענגט נישט קיין היילונג דער ספּעציפיש יידישער קרענק. זיי האָבן פון אָנהייב אָן באַנומען, אַז די הויפּט־פראַגע איז די עקזיסטענץ אין דער אַרבעט פאַר די יידישע מאַסן, און מיט אַ שאַרפן בליק האָבן זיי באַנומען, אַז די מפּלה פון רוסישן צאַר און דאָס באַקומען „גלייכבאַרעכטיקונג" און דאָס בטל מאַכן דעם תחום־המושב — דער אידעאַל פון די בעלי־בתים און פון די יידישע סאָציאַליסטן צוזאַמען — וועלן נישט ראַטעווען דאָס פאָלק פון וואַנדערלעבן און פון לופטלעבן. און אויב האָט דער יידישער אַרבעטער אין גלות קיין צוקונפט פאַר עקזיסטענץ — האָט דער גלותדיקער סאָציאַליסם בכלל קיין צוקונפט נישט. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט צאָרנדיק און שאַרפזיניק גערודפט די גייסטיקע אָרימקייט און די אויבערפלעכלעכקייט פונעם יידישן סאָציאַליזם, די פּחדנותדיקע מחשבה, די קנעכטישע דערשיינונג אין דער איבערקערעניש גופא, די זיכערקייט פונעם „עם־הארץ אויף דער יידישער גאַס", ווי סירקין האָט גערופן דעם „בונד", אָדער דעם גייסטיקן „אָל־רייטניק" אין געשטאַלט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע,

און קריטיקירנדיק שטענדיק פון אינעווייניק דאָס לעבן פון פאָלק און דעם גורל פון פאָלק, האָט ער פאַרטיפט און פאַרברייטערט זיין קריטיק אויך אויסער די תחומים פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

אין יענע טעג, אויף דער שוועל פונעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, האָט נאָך דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם געלעבט אַן אידיליש לעבן, אַ רואיק לעבן, און זיין מחשבה — אַ זיכערע און אַן אָפּטימיסטישע — ווערט באַשטימט דורך אַלטגעזעסענע „תלמידים" און פליסט אין פאַרטיקע קאָריטעס. דער יידישער אינטעליגענט האָט אויף זיך גענומען מיט ליבע אַלץ וואָס איז געקומען פון קאַרל קאַוטסקיס און גיאָרג פּליכאַנאָווס בית־מדרש, אַזוי־ווי דאָס שטעטל נעמט אויף זיך יעדע גזרה וואָס קומט פון דער מאָדע. ערגעץ־ווו אין פּאַריז זיצט זיך דער „מאָדע מייסטער", שניידט און נייט און אַלץ פירט זיך לויט אים. אויך אין גייסטיקן לעבן דאַרף מען אַ סך אָנקומען צום „פּאַריזער שניידער", און די אויפשטענדלער קעגן דער גייסטיקער מאָדע זענען „משונהדיקע" מענטשן, כמעט נישט פונעם ישוב — „אויך אונדזער ענין פאַרשטייט איר נישט — אַ סימן אַז נאָך אַ סך זאַכן זענען פאַרהוילט פון אייך", ווי ס'וואָלטן אַזוי געזאָגט די קינדער, די „סוררים", די נישט באַרופענע, — נחמן סירקין, חיים ז'יטלאָווסקי, ב. באָראָכאָוו און זיינע חברים — צו די הערשער פון סאָציאַליזם. פונעם אַסימילאַציע פונקט, פונעם גלותדיקן „עמאַנציפּאַציע" שטאַנדפּונקט, איז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מחשבה געשטויסן געוואָרן צו קריטיקירן ווערטן פון עקזיסטירנדיקן סאָציאַליזם. די הערשנדיקע מיינונגען לגבי דעם פאַרשטייך דעם נאַציאָנאַליזם און די נאַציאָנאַליסטישע־באַוועגונגען, די אַגראַר־פראַגע, דער קליין פויער, די קאָאָפּעראַציע, פעלקער־וואַנדערונגען און לענדער־באַזעצונג, דער ווייניקער פאַרשטאַנד פאַר דער ראָל פונעם חלוצישן אַוואַנגאַרד פון דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער און מאַנגל באַציאונג צום פּליכט פון פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג — דאָס אַלץ האָט באַשעפטיקט און געמאַטערט שוין דעמאָלט דעם סאָציאַליסטישן־ציוניסטישן געדאַנק און אים געשטויסן צו דעראָבערן פאַר זיך אייגענע שטעגן.

אַזאַ איז געווען די באַוועגונג אין אירע פרילינג־צייטן, ווען זי איז נאָך געווען ביים פולן כוח אַליין צו באַנען צווישן די שטרויכל־פעלזן פון דער גלותדיקער ווירקלעכקייט צום ברעג פון גאולה. דערנאָך איז זי צעשמעטערט געוואָרן פון די פעלזן. אַ סך, דער רוב פון אירע טרעגער און תלמידים, האָבן נישט אויסגעהאַלטן צו זיין געטריי „ביזן סוף" צו איר שטאַרקן העלדישן אָנהייב. זיי

האָבן נישט פאַרמאָגט דעם כוח ווייטער צו דענקען זעלבסטשטענדיק זייער רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, מקיים זיין אין לעבן די ווערטן־ענדערונג, וואָס אין איר נאָמען האָבן זיי זיך אַנטפלעקט און פאַר איר זענען זיי באַשטימט געוואָרן. זיי זענען מיד געוואָרן. זיי האָבן סוף־סוף אָנגעבויגן דעם קאָפּ פאַר די גזרות פונעם „פּאַריזער שניידער", דער געזעצגעבער אין דער וועלט פון די בלאָזנדיקע ווינטן. אמת, דער דאָזיקער געזעצגעבער — סיי ווען ער איז אַ פּערזענלעכער, סיי ווען ער איז אַן אַלגעמיינער — איז אויך איבער אים דער גורל אַדורך, אויך ער איז נישט איינמאָל אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון דער הויך פון ליב און פאַרערונג, אָבער זיין שטול איז נישט געבליבן ליידיק. ער איז אויסגעטוישט געוואָרן פאַר אַן אַנדערן. און אָט וואָס זאָגט דער „פּאַריזער שניידער": כל זמן ער הערשט איז ער אַן אומבאַגרענעצטער שליט, און קען נישט האָבן קיין טעות. ווער וועט זיך וואַגן אַנטקעגנשטעלן אים? בלויז געציילטע, עקשנותדיקע, האָבן מותר געווען אויף עפנטלעכער אָנער־קענונג, „זענען אַוועק פון וועג", פון דרך המלך. און זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן דעראָבערט די שטעגן אויף וועלכע מיר שפּאַנען איצט.

ס'איז אַ ספק צי אונדזער באַוועגונג אין לאַנד וואָלט געווען געשאַפן וואָס זי האָט געשאַפן, ווען עס וואָלט נישט פאַר איר געמאַכט געוואָרן די געוואַגטע זוכענישן פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין אירע ערשטע טעג. אַ גרויס גייסטיק פאַרמעג האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אונדזער באַוועגונג פון משה העס אָן ביז איצט. און וואָלט די דאָזיקע ירושה איבערגעענטפערט געוואָרן בעין אונדזער יונגן דור, וואָלטן מיר אפשר אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ סך אומזיסטיקע קרבנות.

(פון אַ רעפעראַט אין 1933 און פון אַ געשפּרעך מיט אינסטרוקטאָרן אין 1934)